STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10422

# ALE VERK

## Sholem Aleichem

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אַלע ווערק פון שלום-עליכם

## פון כתרילעווקע

שלום־עליכם פאָלקספאַנד אויסגאַבע—ניו יאָרק, 1927

Copyright 1917 by Olga Rabinowitz (Sholom-Aleichem), New York

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA

* * *

ביי׳ם צוזאַמענשטעלען די ערשטע פיער בענדער פון דער בייער אויסגאַבע פון שלום־עליכם׳ס ווערק האָבען די פערלעגער זיך ניט געהאַלטען ביי׳ם כראָנאָלאָגישען סדר, לויט דער צייט, ווען די ווערק זענען געשריבען געוואָרען, נאָר געהאַט מעהר אין זינען, ווי ווייט ס׳איז מעגליך געווען, די אינהאַלטליכע גאַנצקייט פון יעדען באַנד בעזונדער, דאָס הייסט, צוזאַמענגעשטעלט די ביכער אַזוי, אַז יעדעס בוך, לויט זיין אינהאַלט, זאָל זיין אַ גאַנצע זאַך פאַר זיך, מעהר אָדער ווייניגער פעראייניגט דורך דעם כאַראַקטער פון די ווערק, וואָס קומען אין דעם אַריין. געטהאָן איז דאָס געוואָרען צוליעב צוויי טעמים: ערשטענס, קאָן ביי אייניגע פון די וויכטיגסטע שאַפונגען שלום־עליכם׳ס נישט אָנגעווענדט ווערען דאָס כראָנאָלאָגישע סיסטעם, בכדי דערמיט ניט צעברעקלען זייער אינערליכע גאַנצקייט. צום ביישפיעל: די מעשיות פון „טביה דעם מילכיגען“ אָדער די בריעף פון „מנחם־מענדעל“ מוזען קומען אין בעזונדערע ביכער, האָטש געשריבען זענען זיי געווען אין פערשיעדענע צייטען, אין אַ משך פון עטליכע צעהנדליג יאָהרען. צווייטענס, ווערד אין די דאָזיגע ערשטע פיער בענדער געגעבען אַיין אויסוואַהל פון שלום־עליכם׳ס נייע ווערק, דאָס הייסט, פון די, וואָס זענען אין די פריהעריגע אויסגאַבען ניט אַריין; און אַזוי ווי אַ טייל פון די ווערק איז גענומען געוואָרען פון גאָר די לעצטע שאַפונגען, און אַ טייל — פון די פריהעריגע, אין פערשיעדענע צייטען געשריבענע, דעריבער איז דאָ אַ שטרענג־כראָנאָלאָגישער סדר געווען גאַנץ אונמעגליך אָנצוווענדען.

**אין די פיער בענדער געהען אריין, ווי געזאגט, נייע, אין ביכער** נאך ניט געדרוקטע זאכען. איין אויסנאהם איז נור געמאכט געווארען פאר דריי ווערק: ש י ר ־ ה ש י ר י ם (אין באנד „פון פסח ביז פסח“), וואס האט׳ש איניגע טיילען פון דעם זעכען צעווארפען אין די ביכער פון די פריהעריגע אויסגאבען, איז דאס אבער אלס ג א נ צ ע ר ר א מ א ן נאך ערגיץ נישט ערשיענען, און דער לעצטער טייל פון דעם — „שבת נאך שבועות“ — איז בכלל אין קיין בוך נאך נישט געדרוקט געווען; ו ו א ס א י ז ח נ ו כ ה? (אינ׳ם זעלבען באנד), וועלכעס איז אין די אלטע אויסגאבען, דורך א פערזעהען פון די פריהעריגע פערלעגער, געדרוקט געוועזן אלס א פערקירצטע א מ ע ר י ק א נ ע ר וואריאציע, קומט דא אין זיין ערשטער פולער פארם, ווי עס איז לכתחילה געשריבען געווארען פון שלום־עליכם פונ׳ם ר ו ס י ש ־ אידישען לעבען; ד י ר ו י ט ע א י ד ל ע ך (אין באנד „מעשיות און פאנטאזיעס“) איז אריינגענומען געווארען אין דער אויסגאבע צוליעב דעם נייעם צ ו ו י י ט ע ן טייל, וואס איז געפונען געווארען צווישען שלום־עליכם׳ס נאכגעבליבענע מאַנוסקריפטען.

איניגע זאכען פון די פיער בענדער זענען געדרוקט לויט דער בע־ארבייטונג און תקונים, וואס שלום־עליכם האט אין זיי געמאכט פאר זיין לעבען.

עס איז געלעגט געווארען אכט דערויף, אז אין דער דאזיגער נייער אויסגאבע זאל אפגעהיט ווערען שלום־עליכם׳ס בעשטענדיגע סיסטעמא־טישע א־טהאגראפיע — פערשטעהט זיך, ווי ווייט דאס איז מעגליך געווען דורכצופיהרען ביי דעם כאאטישען צושטאנד, אין וועלכען אונזער אידישע בוך־זעצעריי־און־דרוקעריי געפינט זיך.

# פון כתרילעווקע

# אינהאלט

| | |
|---|---|
| כתריליעווקער פראָגרעס | 9 |
| זומערדיגע ראָמאַנען | 85 |
| אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט | 145 |
| לשנה טובה | 169 |
| פון פסח ביז סוכות | 185 |
| שמואל שמעלקים און זיין יובילעאום | 201 |
| וועלוועל גאַמבעטאַ | 239 |

# כתרילעווקער פּראָגרעס

בעשרייבונגען, בילדער, פאַקטען און מעשה׳לעך.

געשריבען אין יאָהרען 1915 — 1914

# כתרילעווקער פראגרעס.

## א.

### די שטאדט.

גאט'ס וואונדער — וואס פון א שטאדט קאן ווערען! כתרילעווקע, מיין אלטע היים, האט זיך אזוי איבערגעביטען, אז ס'איז זי גאר נישט צו דערקענען! נאך א צייט פון א סך, א סך יאהרען האב איך מיך אראפגעחאפט אין דער דאזיגער שטאדט אויף א פאר וואכען און בין ארומגעגאנגען אין איהרע גאסען, גערעדט מיט איהרע מענשען, געזוכט אלטע בעקאנטע — ווער? וואס? וועמען? דער גרעסטער טייל איז אויסגעשטארבען, דער קלענסטער טייל — ארויסגעפאהרען קיין אמעריקא, און די נייע, די אויפגעקומענע, זענען גארניט די מענשען. איין איבערקעהרעניש! וואו זענען אהינגעקומען די בעריהמטע קליינע מענשעלעך מיט די קליינע השגות? וואו זענען יענע אידען מיט בערד, וואס האבען אלסדינג געוואוסט און פון אלסדינג געמאכט חוזק? וואו זענען יענע יונגע לייטלעך מיט שטעקעלעך, וואס פלעגען זיך ארומדרעהען אין מארק, זוכען עפיס א טהועכץ און נישט געפינען, און פאר גרוים עגמת-נפש האט מען גענומען אפ'לצ'עווען איינס פון דאס אנדערע און אלע אינאיינעם פון דער גאנצער וועלט? פראנטען האב איך איצט געזעהען ארומשפאציערען אין די גאסען, סאלידע מענשען מיט קאפעלישען און מיט פענסנע אויף די נעזער. און פון די אמאליגע פערשלומפערטע ווייבער מיט די ווייסע זאקען און מיט די רויטע זאקענבענדלעך און פון די אמאליגע מיידלעך מיט די פאטשיילקעס — איז קיין שריד ופליט נישט געבליבען. דאמען מיט היטעלעך זענען איצטער געגאנגען פארביי מיר. פריצעס מיט זאנטיקלעך. מאמזעלען מיט הענטשקעלעך אויף די הענט. נייע מענשען. א נייע וועלט. און די

שטאָדט אַליין — חאַ־חאַ! — האָט זיך אויסגעברוקירט די גאַסען, אָנגעצונדען עלעקטרישע לאָמפּען, אָוועקגעשטעלט גראַמאָפאָנען, סינעמאַטאָגראַפען, אילוזיאָנען — חי געלעבט!

דאָס איז די אויסענווענינסטע זייט, אַזוי צו זאָגען. אינווענינג האָט זיך כתרילעווקע נאָך א סך מעהר איבערגעביטען — ממש עס האָט זיך מיר גאָר נישט געוואָלט גלויבען, אַז איך בין אין דער היים, אין כתרילעווקע. איך בין אַרומגעגאַנגען און האָב געזוכט חאָטש איין חברה פון די אַלטע חברות. דאָ זענען געווען אַמאָל, געדענק איך, א גוזמא חברות. איך רעד שוין ניט פון אַזעלכע חברות, ווי די „חברה תהלים“, אָדער „חברה משניות“. איך רעד פון אַזעלכע חברות, ווי, למשל, חברה „גמילות־חסדים“, „לחם־אביונים“, „בקור־חולים“, „מלביש־ערומים“, „סומך־נופלים“, „רופא־חולים“, „מתיר־אסורים“... די דאָזיגע אַלע חברות זענען אַוועק, אַפּנים, אַהין, וואו עס זענען אַוועק יענע, וואָס האָבען געגרינדעט די חברות, און וואו עס איז אַוועק דער גרעסטער טייל פון די קליינע מענשעלעך, און וואו ס׳איז אַוועק דער אַלטער עלענדער רב יוזיפעל דער רב, א ליכטיגען גן־עדן זאָל ער האָבען — דער האָט ארויסגערופען ביי מיר א טרער אויף די אויגען... אויפ׳ן אָרט פון די אַלע אויסגערעכענטע חברות זענען אויסגעוואַכסען אין דעם מאָדערנעם כתרילעווקע גאַנץ נייע חברות, מאָדערנע חברות, אָדער געזעלשאַפטען, חברות פון „קונסט“ און פון „קולטור“ און פון „שפּראַך“. אויסרעכענען זיי אַלע איז אונמעגליך. מיר קאָנען נאָר פאַרבייגעהענדיג געבען איין איבערבליק אויף די, וועלכע געפינען זיך אין דעם מאָדערנעם כתרילעווקע פון יעדען מין צו צוויי. למשל, וואָס דער שפּראַך אַנבעלאַנגט, זענען פאַראַן דאָר־טען א חברה „אידישיסטען“ און אַ חברה „העברעאיסטען“. און דיביידע קאָנען זיך ניט אָנקוקען, ניט הערען דעם נאָמען איינס פונ׳ם אַנדערען. אָדער ס׳איז פאַראַן א חברה „הזמיר“, וואָס האָט זיך צעשפּאַלטען אויף צוויי: איינע הייסט די „פליוט“, די אַנדערע — דער „טראָמייט“, און ביידע „הזמיר׳ס“ זענען צווישען זיך אויף מעסערשטעך. היינט זענען פאַראַן צוויי „חדרים מתוקנים“, וואָס

זענען מסוכן, — זיי זענען גרייט איינס דאָס אנדערע דורס זיין מיט'ן קוק. צוויי אידישע טהעאַטערס. וואָס זיי זאָלען ניט מורא האָבען פאַר גאָט און פאַר'ן קייסער, וואָלטען זיי זיך איינס דאָס אנדערע מיט פערגעניגען אין א שטילער נאַכט אונטערגעצונדען.

און ווייטער געהען צוויי ביכער־פערלאַגען, וואָס וואָלטען איינ־געשלונגען איינס דאָס אנדערע מיט די קאַלאָשען. היינט זענען פאַרהאַן צוויי ליטעראַרישע געזעלשאַפטען, צוויי דראַמאַטישע גע־זעלשאַפטען, צוויי עמיגראַנטען־געזעלשאַפטען, און נאָך און נאָך א סך אנדערע מינים געזעלשאַפטען — פון יעדען מין צו צוויי. צוליעב דער ווילדער קאָנקורענציע — די אלטע מכה פון כתרילעווקע. אזא טבע שוין ביי די כתרילעווקער פערבליבען פון קדמונים — אונמעג־ליך אויסצואוואַרצלען: לאָז זיך איינער אָפשניידען די נאָז, קאָנט איהר זיכער זיין, אז אויף מאָרגען האָט איהר דאָרט צוויי אָפגעשני־טענע נעזער. וואָס איז דער שכל? א פראָסטער שכל: **אז יענעם לוינט זיך אָפשניידען די נאָז, לוינט זיך מיר אויך...**

---

## ב.

### גאַזעטען.

אזוי ווי אלסדינג איז אין דעם מאָדערנעם כתרילעווקע צו צוויי, זענען דעריבער אידישע צייטונגען דאָרטען אויך פאַרהאַן צוויי: **„די יאַרמעלקע" און „דער קאַפעליש".**

זעלבסטפערשטענדליך, אז „די יאַרמעלקע" איז א פרומע אַלט־מאָדישע גאַזעט פאַר אָרטאָדאָקסען, און „דער קאַפעליש" איז א מאָדערנע, ראַדיקאַלע צייטונג פאַר די פאָרטגעשריטענע עלעמענטען. שוין פון די מאָטטאָס אליין איז גרינג צו פערשטעהן די ריכטונג פון די דאָזיגע צוויי קאָנקורירענדע גאַזעטען: „די יאַרמעלקע" האָט

אוועקגעשטעלט מיט גרויסע אותיות אויבנאן: „צו גאט און צו לייט!“ און דער רעדאקטאר פונ׳ם „קאפעליש“ האט אוועקגעשטעלט אויך אויבנאן און אויך מיט גרויסע אותיות זיין אייגענעם נאמען און אונטערגעשריבן גאנץ בעשיידען: „איך בין דא — אלעס דא!“

ווען זענען די דאזיגע צוויי ארגאנען געגרינדעט געווארען און ווער פון זיי איז עלטער — דאס איז שווער צו זאגען, ווייל יעדער פון זיי שרייבט אויף זיך, אז ער איז דער ערשטער און דער איינציגער אידישער ארגאן אין כתרילעווקע, און איגנארירט שליסט אוים דעם אנדערען, דערמאנט, חלילה, קיינמאל דעם נאמען זיינעם נישט — אסור חזיר! סיידען אונטער א נויט, אז מע קאן שוין אנדערש ניט און מע מוז, צום ביישפיעל, אויסזידלען, אויסשעלטען, מבזה זיין איינס דאס אנדערע, דעמאלט רופט אן „די יארמעלקע“ דעם שכן איהרען „דאס אפגעבארעטע קאפעלישעל“, און „דער קאפעליש“ רופט אן זיין שכנה „די פערשימעלטע יאמפערקע“. נאר מעהרסטענטייל געהט עס צו ביי זיי פערשטעלט, און זיי מיידען אוים, ווי ווייט מעגליך, צו דערמאנען דעם נאמען פונ׳ם קאנקורענט. למשל, אז „דער קאפעליש“ וויל רעדען פון זיין שכנה און וויל איהר נאמען נישט דערמאנען, וועט ער אנשטאט דעם ווארט „יארמעלקע“ בעסער אויסרעכענען א גאנץ צעטעל מיט נעמען על־פי אלף־בית, אט אזוי: „אט דער אביון, דער בטלן, דער גראבער יונג, דער דלפון, דער הונט, דער וצדקתך, דער זולל־וסובא׳ניק, דער חצוף, דער טינטלער, דער יודלאק, דער כלב שבכלבים, דער לעדיגגעהער, דער מסור, דער נודניק, דער סוואליטש, דער עם־הארץ, דער פראוואקאטאר, דער פויליאק, דער צרעת, דער קבצן, דער רעטאך, דער שוטה, דער תרח, וואס מיר ווילען ניט דערמאנען זיין נאמען“...

דאָס האָט געהאַט אַ גוואַלדיגען ערפאָלג אין כתרילעווקע, און מע האָט דעם „קאַפּעליש״ צעהאַפּט. אַלע האָבען זיך ארומגעטראָגען מיט'ן אלף־בית און אויסגע'חזר'ט איהם אויף אויסווענינ. האָט דאָס דער „יאַרמעלקע״, נאַטירליך, פערדראָסען, און זי איז ארויס באַלד אויף מאָרגען מיט אַ תשובה, אויך על־פּי אלף־בית: „מיר האָבען געלייענט אַט דעם אלף־בית פון אַט דעם אויס־וואורף, דעם באַד־יונג, דעם גנב, דעם דבר־אחר, דעם הולטיי, דעם וואָווקעלאַקע, דעם זשוליק, דעם חזיר, דעם טריפניאַק, דעם יונגאַטש, דעם כל־בו'ניק, דעם ליגנער, דעם ממזר, דעם נאַחאַל, דעם סקאַנדאַ־ליסט, דעם עזות־פּנים, דעם פּאַרד, דעם צורר־היהודים, דעם קריכער, דעם רשע, דעם תרח'ס איניקעל, — נאָר מיר ענטפערען איהם נישט, דערפאַר וואָס מיר ווילען ניט מיאוס מאַכען אונזער פעדער״...

דער כתרילעווקער לעזער האָט דעם דאָזיגען מין ליטעראַטור ליעב דוקא בעסער ווי אַלסדינג. ביי איהם ווערד עס אָנגערופען מיט'ן נאָמען „קריטיקע״, און ער איז זיך מחיה, בעת די רעדאַקטוירען פוןביידע גאַזעטען „קריטיקירען״ זיך. דעם טאָג, וואָס ס'איז ניטאָ אין בלאַט קיין „קריטיקע״, געהען די גאַזעטען אין כתרילעווקע עפּיס ניט אַזוי פויגעלדיג. פּלייסען זיך דעריבער די רעדאַקטוירען אָפּטער איבערוואַשען איינס דעם אַנדערען דאָס קויטיגע גרעט, בכדי ס'זאָל זיין וואָס מעהר „קריטיקע״, און דער עולם זאָל האָבען פון וואָס צו לעקען די פינגער.

---

## ג.

## קאנקורענציע.

אז סע קומט אונטער א „נאווי־גאד“ און די גאזעטען הויבען אן צו קאכען זיך, צו טראמייטערען. ארויסלאזען איינם איבער דאס אנדערע ברייטע, שרייענדיגע פראספעקטען צום נייעם יאהר, ווי אויף דער גאנצער וועלט, צעלאזט זיך „די יארמעלקע“ מיט א ברייטען „המלך“, רעכענט אוים אלסדינג, וואס זי האט אויפגעטהאן אינ'ם פערגאנגענעם יאהר, וויל נים רעדען, חלילה, קיין לשון־הרע אויף איהר קאנקורענט, מחמת לשון־הרע איז אסור מן התורה, נאר גלאט אזוי, בדרך־אגב, דערמאנט זי, אז „דאס אפגעבארעטע קאפעלישעל“ איז נאך געלעגען אין די ווינדעלעך, און איהר רעדאקטאר איז נאך ארומגעגאנגען אהן שטיוועל, בעת זי, „די יארמעלקע“, איז שוין געווען, מיט גאט'ס הילף, א יארמעלקע... און „דער קאפעליש“ פון זיין זייט בעריהמט זיך אין זיין פראספעקט, אויך גאנץ בעשיידען, אז בעת „די פערשימעלטע יאמפערקע“ האט זיך נאך געוואלגערט אויף'ן מיסט פונ'ם שוהל־הויף, האט ער, „דער קאפעליש“, שוין צעשפרייט זיך מיט זיין גאנצער פראכט און גלאנץ איבער די האריזאנטען פון כתרילעווקע, און ווען נים ער, וואלט כתרילעווקע עד־היום נאך געשלאפען מיט'ן לעטארגישען שלאף פונ'ם פינסטערען פאנאטיזם...

און באמת, ווער פון די צוויי איז מעהר פערשפרייט — דאס איז נים אזוי גרינג צו וויסען. „די יארמעלקע“ לעגט־איין די וועלט און שווערט זיך ביי גאט, אז אזוי פיעל ווי זי ווערד געלייענט, ווערד איבערהויפט נאך קיין אידישע גאזעט אין דער וועלט נים געלייענט. ווער עס גלויבט נים, קאן זיך מטריח זיין אין דער רעדאקציע, וועט מען איהם עפים ווייזען...

דאס אייגענע שרייבט אבער אויף זיך „דער קאפעליש“ אויך, קריכט פון דער הויט און זאגט־צו איטליכען בעזונדער א פרעמיע

פון צעהן טויזענד רובעל, ווער ס'וועט איהם דערווייזען שווארץ אויף וויס, אז ס'איז פארהאן ערגיץ אויף דער גאנצער וועלט נאך אזא גאזעט, וואס ווערד אזוי געליעגט, ווי „דער קאפעליש". און ער לאזט אויס גאנץ בעשיידען, ווי זיין שטייגער איז: „מיר האבען פיינט בעריהמען זיך מיט אונזער גאזעט. מיר האלטען ניט פון בעריהמעריי. בעריהמעריי איז א שלעכטער סימן, א סימן דלות. נאר מיר לעגען פאר דעם לעזער זעלבסט — זאל דער לעזער אליין פערגלייכען א גאזעט מיט א גאזעט און א רעדאקטאר מיט א רעדאקטאר"...

פערשטעהט זיך, אז ווייל די קאנקורענציע איז אונגעהויער גרויס און קנאת סופרים תרבה חכמה, פלייסען זיך דעריבער ביידע גאזעטען צו איבעריאגען איינס דאס אנדערע, ארויסגעהן וואס פריהער פון דרוק, ארויסחאפען פון די גוי'אישע צייטונגען וואס מעהר נייעס און נאך אזעלכע זאכען. היטען זיי אבער איינס דאס אנדערע די טריט, קוקען נאך און ווייסען איינס ביי'ם אנדערען, וואס סע קאכט זיך, און לאז איין רעדאקציע עפּיס פערטראכטען, ווייסט מען דאס שוין אין דער אנדערער רעדאקציע מיט אלע פּישטשעווקעס. אלס אילוסטראציע וועלען מיר אייך דערצעהלען א פּאר מעשה'לעך, ווי מע האט דאס מיר איבערגעגעבען, בעת איך בין געוועזן אין כתרילעווקע.

ביי דער „יארמעלקע" איז געוועזן א מנהג פון קדמונים — אלע ערב שבת איז זי ארויס מיט א בעזונדער בלעטעל אונטער'ן נאמען „א גוט שבת". „דער קאפעליש", חאטש ער איז א ראדיקאל, און חאטש ער זאגט, אז ער איז ארויסגעגאנגען א סך פריהער פון דער „יארמעלקע", האט פונדעסטוועגען נעבאך געמוזט נאכטאנצען דער „יארמעלקע" און אויך אנהויבען ארויסצוגעהן אלע פרייטאג מיט א בעזונדער בלעטעל אונטער'ן זעלבען נאמען „א גוט שבת". קאנקורענציע — וואס זאל מען טהון?... עפּיס איינמאל איז איהם נמאס געווארען דאס נאכלויפעניש, איז ער ארויס פרייטאג מיט איין ערקלערונג, אז אזוי ווי פיעלע פון זיינע

לעזער געפינען נישט קיין אינטערעס אין דעם ערב־שבת'דיגען בלע־טעל, און אזוי ווי דער רעדאקטאר זעהט נאר צופריעדען שטעלען דעם לעזער, על־כן געהט ארויס „דער קאפעליש“ מהיום והלאה אהן „א גוט שבת“. און ווי נבהל ונשתומם איז ער געווארען, אז ער האט אויפגעעפענט „די יארמעלקע“ און האט איבערגעלייענט דארטען די זעלבע ערקלערונג כמעט ווארט אין ווארט: „אזוי ווי פיעלע פון אונזערע לעזער... על־כן געהט ארויס „די יארמעלקע“ מהיום והלאה אהן „א גוט שבת“...

איז זיך מיישב „דער קאפעליש“: אז יענער איז יא אזא מאלפע, וועלען מיר זעהן! און ער איז געפאלען אויף א שענער המצאה און געהט ארויס איינמאל אין א מיטען מיטוואך אויף א טשיקאַ־װעסט נאר מיט דריי זייטען, און די פיערטע — א גלאטע, ווי א לאקשענברעט. איז אבער „די יארמעלקע“ ניט פויל און געהט אויך ארויס דעם זעלבען מיטוואך נאר מיט דריי זייטען, די פיערטע — א גלאטע, ווי א לאקשענברעט. האט דאס שוין רעכט פערדראסען דעם „קאפעליש“, און ער האט גענומען קודם רייניגען די רעדאק־ציע פון די מענשען, וואס „טראגען ארויס דאס מיסט פון שטוב“. נאר עס האט ווינציג וואס געהאלפען. ער האט זיך איבערצייגט, אז ס'איז ניטא קיין פערבארגענע זאך פאר דער „יארמעלקע“.

---

## ד.

## א נ ק ע ט ע ס.

די כתרילעווקער רעדאקטוירען האבען פיינט בלאזען פון זיך קעגען די לעזער, אדער מאכען פון זיך א גאנצען צימעס. אדרבה, אין כתרילעווקע איז צווישען רעדאקטאר מיט'ן לעזער פארהאן א מין פאדעם אזעלכער, וואס בינדט זיי צוזאמען. אין כתרילעווקע האט דער רעדאקטאר ליעב זיך שואל בעצה זיין מיט'ן לעזער וועגען

זיין צייטונג, איז צופריעדען, אַז דער לעזער שרייבט איהם אַ בריוועל, און ער לאָזט אַרויס דעריבער פערשיעדענע אַנקעטעס. דאָס הייסט, ער פרעגט זיך אַן ביי די לעזער. זיי זאָלען זיך מטריח זיין אַרויסזאָגען זייער מיינונג וועגען דער אָדער יענער פראַגע. וועגען דעם מין אַנקעטעס געה איך איצט דערצעהלען אַ מעשה.

דערצעהלט האָט דאָס מיר טאַקי אַ כתרילעווקער ליטעראַט. וואָס האָט מיך צוליעב דעם אַרויסגעפיהרט וויִיט־וויִיט הינטער דער שטאָדט. און אַז מיר זענען געבליבען דאָרט אַליין, האָט ער זיך פריהער צעלאַכט, און אַז ער האָט זיך גוט אויסגעלאַכט, האָט ער אָנגעהויבען בזה הלשון:

— ווייסט איהר, ווען ס'איז די ערגסטע צייט ביי אונז אויף גאַזעטען? — זומער. סיידען אַז גאָט העלפט אַ חלירע — דעמאָלט איז עפּיס אַנדערש. דעם זומער, וואָס איך דערצעהל אייך, איז קיין חלירע ניט געווען — נאָר משוגע צו ווערען! וואָס טהוט מען? פאַלט דער „קאַפּעליש" אויף אַ שפּיצעל (איך בין דעמאָלט אַקוראַט געווען אָנגעשטעלט אין „קאַפּעליש") און טרעט אַרויסעט אין מיטען דרינען מיט אַ נייעס: „אַזוי ווי אַ געוויסער טייל לעזער פון'ם „קאַפּעליש" איז ניט צופריעדען מיט'ן קעפּעל פון אונזער גאַזעט; זיי זאָגען, אַז די למ"ד פון'ם „קאַפּעליש" איז צו לאַנג, זעהט אויס ווי אַ טשערנאַהוז, און אַ געוויסער טייל זאָגט, אדרבה, אַז אַ לאַנגע למ"ד איז אַ סך שענער ווי אַ קורצע, — על־כן גיט מען איבער די דאָזיגע פראַגע פאַר די לעזער: אויב די מאַיאָריטעט לעזער וועלען זאָגען, אַז זיי ווילען איין אַנדער קעפּעל, איז, ניט קוקענדיג אויף די הוצאות, גיט מען זיי איין אַנדער קעפּעל. ווער עס וויל זיך בעטייליגען אין דער דאָזיגער אַנקעטע, בעדאַרף זיך מעלדען מיט אַ בריעף אין דער רעדאַקציע פון'ם „קאַפּעליש".

אָפּגעטהאָן דאָס דאָזיגע שטיקעל אַרבייט, האָט זיך אונזער רעדאַקטאָר געפרייט. „די בהמות, האָט ער געזאָגט, וועלען שוין האָבען וואָס צו קייען". צום סוף לאָזט זיך אויס, מיר קומען אויף מאָרגען אין דער פריה אין דער

רעדאקציע, מיר טהוען א קוק — דער רעדאקטאר זידט, ווי א סאמאוואר. וואס איז? מיר מאכען איהם אומגליקליך! מיר טראגען ארויס פון דער רעדאקציע אלע סודות! און ער נעמט און בעווייזט אונז „די יארמעלקע“ מיט דער זעלביגער מודעה, וואס אין דעם „קאפעליש“: „באשר אזוי ווי ניט אלע לעזער פון דער „יארמעלקע“ זענען צופריעדען מיט׳ן קעפעל פון אונזער גאזעט; זיי געפינען, אז די למ״ד פון דער „יארמעלקע“ איז א ביסעל צו קורץ, זעהט אויס ווי א קאטשקע, בשעת זי שווימט; און אנדערע געפינען, אדרבה, אז א קורצע למ״ד איז א סך שענער פון א לאנגער למ״ד,— על־כן גיט מען איבער די דאזיגע פראגע פאר די לעזער: אויב דאס רוב לעזער וועט זאגען, אז זיי ווילען איין אנדער קעפעל, מעג עס אונז קאסטען מי יודע וויפיעל — געבען מיר זיי איין אנדער קעפעל. די לעזער פון דער „יארמעלקע“ זענען געבעטען, זיי זאלען זיך מטריח זיין און זיך מעלדען מיט דער אנקעטע דורך פאסט אין דער רעדאקציע אריין“.

דאס איז געווען א טוידט־קלאפ פאר׳ן „קאפעליש“! פונדעסטוועגען האט ער ניט אויפגעהערט טאג־איין טאג־אויס צו דרוקען די אנקעטע פונ׳ם קעפעל, און „די יארמעלקע“ — אויך דאס זעלבע: טאג־איין טאג־אויס מיט׳ן קעפעל! און אט אזוי האט זיך עס ביי אונז אין כתרילעווקע כמעט דעם גאנצען זומער געקעפעלט און געקעפעלט, ביז „דער קאפעליש“ איז אין א שענעם פריהמארגען ארויס מיט א בשורה: „מיר קאנען אנזאגען אונזערע לעזער, אז דאס קעפעל פון אונזער „קאפעליש“ בלייבט איבער דאס אייגענע, ווייל פון אונזערע 20,000 לעזער זענען נאר 187 ק ע ג ע ן אלטען קעפעל, און די איבעריגע 19,813 זענען פ א ר ׳ ן אלטען קעפעל“... זענט איהר פארטיג? אודאי איז דעם זעלבען טאג „די יארמעלקע“ ארויס מיט דער זעלבער ערקלערונג: „אזוי ווי פון אונזערע 20,000 לעזער זענען נאר 187 ק ע ג ע ן אונזער אלטען קעפעל, און די איבעריגע 19,813 זענען פ א ר ׳ ן קעפעל, על־כן בלייבען מיר ביי׳ם אלטען קעפעל“... פון וואנען „די יארמעלקע“ איז דאס געוואוירע געווארען? — דא איז דאך נישטא קיינער, נאר איהר און איך און

גאָט — איך זאָג אייך: דאָס איז אַ שוואַרצער כח! אַ כשוף־מאַכערת דער גוטער־יאָהר ווייסט איהם!... נאָר איהר ווילט דאָך וויסען דעם סוף? אַ וויסטער סוף! אונזער רעדאַקטאָר פונ׳ם „קאָפּעליש" האָט זיך פערשלאָסען ביי זיך אין קאַבינעט און האָט זיך אַזש צעוויינט. פון וואַנען איך ווייס עס? — מסתמא ווייס איך, אַז איך זאָג... דער־נאָך, אַז ער האָט זיך אויסגעוויינט, האָט ער צעטריבען אַלע מיט־ארבייטער — און מיך בתוכם — און האָט צוגענומען נייע. ער האָט שוין אָבער יענע אויך דורכגעטריבען און אויף זייער אָרט צוגענומען צוריק די אַלטע. נאָר צו מיר איז עס נאָך נישט אָנגעקו־מען. עס וועט מסתמא קומען. מע דאַרף האָפען... ער איז אַ משוגע׳נער, דער „קאָפּעליש" — ס׳איז אמת; מע פּערדיענט אָבער ביי איהם אַ פּאָר גראָשען... ביי דער „יאַרמעלקע" קאָן מען דאָס אויך ניט. די „יאַרמעלקע" איז נאָך פיעל ערגער!...

---

ה.

## סענסאַציעס און ראָמאַנען.

ווי אין דער גאַנצער וועלט, האַלט זיך די כתרילעווקער פּרעסע אויף די אויסערגעוועהנליכע נייעס פון טאָג, אויף סענסאַציעס. נישט מעהר, אויף דער גאַנצער וועלט איז דאָס מיט אַ מאָס, אין כתרי־לעווקע ווייסט מען נישט פון קיין מאָס — און אַלץ צוליעב דער קאָנקורענציע. למשל: ברענגט „דער קאָפּעליש" אַ נייעס, אַז אין פראַנקרייך האָט אַ פרוי געבוירען אַ קינד מיט צוויי קעפּ, — גע־פינט איהר אויף מאָרגען דאָס זעלבע נייעס אין דער „יאַרמעלקע", נאָר אַ ביסעלע צוגעפעפערט: אַז אין פראַנקרייך האָט אַ פרוי גע־בוירען אַ קינד מיט ד ר י י קעפּ, דאָס קינד לעבט און עסט מיט אַלע דריי מיילער... אָדער דעם „קאָפּעליש" איז געראָטען צו ברענ־

גען אַ נייעס, אַז אין מיטען יולי איז אין אדעס אויסגעפאַלען אַ מורא'דיגער שניי, ווי אין ווינטער, — האָט געחאַפּט אויף מאָרגען „די יאַרמעלקע" און האָט געגעבען דאָס זעלבע נייעס, נאָר אַ ביסעלע שטאַרקער, אַז אין אדעס איז אויסגעפאַלען אין מיטען יולי אַ שניי אויף דריי קלאַפטער, עטליכע און צוואַנציג מאַן האָט מען געפונען געפרווירענע.

שענער פון אַלץ איז די מעשה מיט'ן פיש. איינמאָל אין אַ פרייטאָג איז „די יאַרמעלקע" ארויס מיט אַזאַ מין נייעס: אַז אַ אידינע, אַ לעזערין פון דער „יאַרמעלקע", האָט געקויפט פיש אויף שבת, אַ העכט פון עטליכע פונט. געבראַכט דעם פיש אהיים, האָט זי דעם פיש אָפּגעשאָבען און אויפגעשניטען און געפונען אינ'ם פיש אַ פינגערל מיט צוויי אויהערינגלעך, זהב טהור. מע שאַצט דאָס זעהר אַ סך געלד. ווער עס וויל אָנקוקען דאָס פינגערל מיט די אויהערינגלעך, קאָן עס זעהען אין דער רעדאַקציע פון דער „יאַר-מעלקע".

האָט דאָס דעם „קאַפּעליש" פערקאַכט ביי'ם האַרצען, און ער איז אַ גאַנצען טאָג שבת ארומגעגאַנגען אָהן אַ קאָפּ. קוים דערלעבט זונטאָג, האָט ער געלאָזט וויסען זיינע לעזער, אַז אַ אידינע, אַ לעזערין פונ'ם „קאַפּעליש", האָט געקויפט אַ פיש אויף שבת, אַ שלייען פון אַ פונט צעהן, און האָט איהם קוים געבראַכט אהיים. אין דערהיים האָט זי דעם שלייען אָפּגעשאָבען און צעשניטען און ארויס-גענומען אַ גאַנצען אוצר: אַ האַלב טוץ עס-לעפעל, אַ טוץ קליינע לעפעלעך, דריי בעכערלעך געגילטע, צוויי פּאָדסטאַווקעס, אַ פּאָר זילבערנע לייכטער — אַלסדינג 84 פּרוב. ווער עס וויל עס זעהען, זאָל קומען אין דער רעדאַקציע פונ'ם „קאַפּעליש".

נאָר מעהר סענסאַציאָנעל פון אַלסדינג איז דאָרט דער ראָמאַן. אין דער צייט, וואָס איך בין געווען אין כתרילעווקע, האָבען ביידע צייטונגען, „דער קאַפּעליש" מיט דער „יאַרמעלקע", געדרוקט אַ העכסט-אינטערעסאַנטען און שפּאַנענדען ראָמאַן. ביי איינעם האָט ער געהייסען: **„דער פערבאָטענער קוש פון**

ד ע ר ג ע ׳ג נ ב ׳ע ט ע ר כ ל ה ״. ביים צווייטען האָט ער געהייסען: „ד ע ר ג ע ׳ג נ ב ׳ע ט ע ר ק ו ש פ ו ן ד ע ר פ ע ר ב אָ ט ע נ ע ר כ ל ה ״.

ווי מיין אויבענדערמאָנטער כתרילעוועקער ליטעראַט האָט מיר איבערגעגעבען, בסוד געוועהנליך, איז דער דאָזיגער ראָמאַן ארויסגענומען פון איין אלטען רוסישען בוך דורך צוויי ליטעראַטען, וואָס האָבען זיך גענומען צעשמירען די מעשיות ווי ווייט מעגליך ל ע נ ג ע ר, און בכדי צו האַלטען דאָס פּובליקום אין שפּאַנונג, טראַכטען זיי צו אַלע טאָג נייע סענסאַציעס, לעגען אַוועק אין מיטען העלען טאָג אַ פרישען, אַ געזונדען העלד און מאַכען איהם אָבער באַלד לעבעדיג, פוילען זיך ניט אראָפּברענגען פון יענער וועלט אַ פּאָר ווייבער, אבי עס פּאַסט זיי צום רומעל. און אז איהר ווילט, הויבען זיי גאָר אָן נאָך אַמאָל פון׳ם אָנהויב — און טהוט זיי עפּים! מע מוז אָבער דעם אמת זאָגען, אז אין כתרילעוועקע ווערד דער דאָזיגער ראָמאַן געלייענט מיט גרויס חשק. דער עולם לעקט פון איהם די פינגער, קוקט ארויס אויף איהם. קוים וואָס מע דערלעבט דעם פריהמאָרגען, טהוט מען זיך אַ וואָרף אויף דער „פערבאָטענער כלה״. מע וויל שוין וויסען, וואָס וועט זיין דער סוף.

אַ סוף וואָלט שוין, אייגענטליך, לאַנג בעדאַרפט זיין. ס׳איז שוין די פערפאַסערס אליין אויך נמאס ומאוס געוואָרען צו ציהען די עצמות. זיי האָבען שוין לאַנג אַוועקגעלעגט די העלדען פון׳ם ראָמאַן: ווּעמען מע האָט אויפגעהאַנגען, וועמען מע האָט אַוועקגעסמ׳ט און וועמען מע האָט געשאָסען. נאָר איבער דער ווּיסטער קאָנקורענציע פאָרערען די רעדאַקטוירען, מע זאָל ציהען ווייטער; קיינער פון זיי וויל ניט מאַכען קיין סוף, איידער דער אַנדערער וועט עס טהון. אין דער צייט, וואָס איך בין געווען אין כתרילעווקע, האָט דאָס געהאַלטען דערביי, אז אייניגע העלדען פון׳ם ראָמאַן זענען געווען שוין דעם ד ר י ט ע ן מאָל געשאָסען, און די פערבאָטענע כלה איז שוין געווען צוויי מאָל גע׳גנב׳עט, פערפיהרט און געפּייניגט; דערנאָך האָט מען זי געזוכט און געפונען און נאָך אַמאָל גע׳גנב׳עט

און מערדערליך געפיינינגט. עס האט גאר קיין שיעור ניט צו דער מערדעריי פון די דאזיגע מחברים — איך ווייס גאר ניט, וואס זיי טראכטען זיך!

---

ז.

## רעקלאמעס.

אודאי, ווען די כתרילעווקער גאזעטען זאלען דארפען ארויס־קוקען נאר אויפ'ן לעזער אליין, וואלטען זיי גרין בעשטאנען. דער גאנצער טומעל מיט'ן הו־הא איז נאר צוליעב דער פיערטער זייט פון דער גאזעט — צוליעב דער רעקלאמע, צוליעב די אנאנסען, וואס אויף זיי, כידוע, האלט זיך די פרעסע פון דער גאנצער וועלט.

מע קאן זאגען, אז אינ'ם ענין פון רעקלאמע און אנאנסען זענען די כתרילעווקער גאזעטען אוועק אויפ'ן זעלבען וועג, וואס איז אמעריקא, נאר א סך ווייטער. אין כתרילעווקע איז די רעקלאמע שטארק אריין אין דער מאדע. ניטא שוין היינט אין כתרילעווקע דער סוחר, דער קרעמער, אדער דער בעל־מלאכה, אדער די קיך־אי־דינע, אדער דאס דיענסטמיידעל, וואס זאל ניט געבען קיין אנאנס אין די גאזעטען. צי איהר ווילט, צי איהר ווילט ניט — אנאנסירען זיך מוזט איהר. מאכט איהר חתונה א קינד — דארפט איהר אנאנ־סירען. ווערד ביי אייך געבוירען א יונגעל — גיט איהר איין אנאנס. א מיידעל — אויך איין אנאנס. און פערקעהרט, זייט א חכם און פרובט ניט געבען קיין אנאנס, — איז דעמאלט א קלאג צו אייער קאפ! דאס הייסט, טהון טהוט מען אייך, חלילה, גארניט; מע שרייבט נאר דערנאך וועגען אייך אזעלכע זאכען אויף די גאזעטען, אז איהר בעט זיך ביי זיי: „קינדערלעך! נאט אייך איין אנאנס, צוויי אנאנסען, דריי אנאנסען, אבי ווערד אנשוויגען"...

אַט וועגן דעם ליפּען נאָך אַנאַנסען דערצעהלט מען זיך אַז אין כתרילעווקע אַ סך שענע מעשיות. מיר גיבען דאַ איבער מעהר ניט אַ פּאָר פון די דאָזיגע מעשה'לעך:

## 1) אַ מעשה מיט אַ קרעמער.

נחום דעם באַקאַליישטשיק איז נמאס געוואָרען צו געבען אַנאַנסען אין די גאַזעטען. איז ער אויפגעשטאַנען איינמאָל אין דער פריה, געעפענט אַ גאַזעט און געחאַפּט זיך ביים קאָפּ: אויף דער ערשטער זייט פון דער גאַזעט איז געשטאַנען שוואַרץ אויף ווייס מיט גרויסע אותיות:

„היינטיגע נאַכט זענען אַנגעפאַלען מייז אין אַ היגער גרויסער באַקאַליינער קלייט און געמאַכט אַ תל פון דער גאַנצער סחורה. אַנגעפרעסען זיך מיט באַקאַליי, האָבען די מייז גענומען פגר'ען מאַסענווייז..."

אודאי האָט זיך נחום באַקאַליישטשיק נעבאָך געשמיצט און געוואָרפען, געשוואָרען זיך, אַז ער וועט מאַכען די גאַזעטען אַ „דיעלאָ"; נאָר געענדיגט האָט זיך עס דערמיט, וואָס אויף דער פיערטער זייט פון ביידע כתרילעווקער גאַזעטען דרוקט זיך היינט אַלע טאָג מיט גרויסע אותיות איין אַנאָנס:

„גוטע פרישע סחורה כל המינים באַקאַליי קאָן מען קריגען נור ביי נחום באַקאַליישטשיק".

אַז מע בעצאָהלט רבי־געלד, ווערד מען, אַפּנים, קליגער.

## 2) אַ מעשה מיט אַ פּעסעל ווײַן.

אידעל ווײַנשענקער האָט זיך צעקריעגט מיט'ן „קאַפּעליש" און מיט דער „יאַרמעלקע" און האָט געזאָגט: איין עק! ער וויל ניט

מעהר רעקלאמירען זיך אין די גאזעטען — און טהוט איהם עפּים! ער האט אבער באלד חרטה געהאט, ווארום אויף מארגען איז גע־שטאנען א נייעס אין ביידע כתרילעווקער גאזעטען, אז ביי א היגען וויינשענקער האט זיך געטראפען איין אומגליק. א פעסעל וויין איז געשטאנען און ג ע ז ו י י ע ר ט, און מחמת זויערקייט האט דער וויין אנגהויבען א י ה ר ע ן און רייסען זיך ארויס. האט דאס פעסעל געפלאצט, און דער וויינשענקער איז שיער ניט אומגעקומען...

אז אידעל וויינשענקער האט דאס איבערגעלייענט, איז ער באלד אוועק אין ביידע רעדאקציעס און איינגעגעבען איין אנאנס:

„וועם עס וויל א פריש גלעזעל וויין, זאל ער זיך דערמאנגען, אז ס'איז דא א איד, וואס הייסט אידעל וויינשענקער“...
אז מע וויל ניט מיט גוטען, איז מיט בייזען!

### 3) א מעשה מיט א פענאמען.

ביי א פאר־פאלק נאך דער חתונה איז געבוירען געווארען א יונגעל. האבען די פאטער און מוטער געפראוועט א ברית, ווי גאט האט געבאטען. נאר וואס דען־זשע? זיי האבען פערגעסען פריהער מיט א טאג געבען איין אנאנס און דרוקען א מזל טוב אין די גא־זעטען. אויף מארגען נאכ'ן ברית איז אין די כתרילעווקער גאזעטען געווען צו לייענען א נאטיץ מיט'ן נאמען: „פ ע נ א מ ע ן“. אין דער נאטיץ ווערד זיך דערצעהלט א מעשה, אז אין כתרילעווקע איז פארגעקומען א חידוש'ליכע זאך, וואס טרעפט איין מאל אין טויזענד יאהר. דהיינו: א יונג ווייבעל, איין ערשטלינג, איז אויפ־געבונדען געווארען מיט א פענאמען: צו פינף חדשים נאך דער חתונה האט זי בשלום געבוירען א יונגעל. דאס יונגעל, דער „פע־נאמען“, לעבט און איז געזונד און שטארק אויף אלע אברים, און ערשט נעכטען איז געווען דער ברית“...

וואָס דאָס פאָר־פאָלק האָט איבערגעלעבט — בעדאַרף מען אליין פערשטעהן. דער יונגערמאַן, דער פאָטער פונ׳ם „פענאָמען“, איז נעבאך ארומגעלאָפען איבער כתרילעווקע, ווי א פער׳סמ׳טע מויז, אויסגערעכענט אלעמען אויף די פינגער, אז ס׳איז ביי איהם נאָך דער חתונה פונקט נייען חדשים מיט נייען טעג... נאָר געה שריי חי וקים! די שטאָדט האָט איהם אויסגעהערט און געקייכט פאר געלעכטער. דער יונגערמאן האָט געסטראשעט מיט א פראָצעס, נאָר אזוי ווי ס׳איז ניט געווען ארויסגעשטעלט קיין נאָמען — איז פארפאלען, נישטאָ ביי וואָס אָנצונעמען... די שטאָדט האָט זיך געהאלטען ביי די זייטען פונ׳ם „פענאָמען“. דאָס איז אויך פון די זאכען, וואָס א כתרילעווקער לעזער האָט ליעב צו לייענען. א כתרילעווקער לעזער האָט פיינט אומעטיגע מעשיות. ער האָט ליעב, ס׳זאָל זיין פריילין!

---

## ז.

## פאָליטיק.

מע דאַרף נישט מיינען, אז די כתרילעווקער פרעסע איז איני־נאנצען איינגעטונקען נאָר אין דעם, וואָס ווערד אָנגערופען אין אמעריקא ביזנעס, און אז די גאזעטען טרייבען נישט קיין שום פאָליטיק. וואָס וואָלט דאָס געווען פאר א פרעסע אָהן פאָליטיק? וואָס וואָלט דאָס געווען פאר גאזעטען, ווען זיי זאָלען זיך ניט אינ־טערעסירען מיט זאכען, וואָס זענען נוגע דעם כלל? נישט נאָר די רעדאקטורען און די מיטארבייטער פון די צייטונגען, נאָר אויך די לעזער ווערען אריינגעצויגען אין דעם פאָליטישען קאמפף, אז עס קומט די צייט. פארטייען האלטען מלחמה. פארטייען שלאָגען זיך. עס איז הימעל עפען זיך. א ברודער שטעהט־אויף אויף א ברודער. דאָס וואָרט „יושר“ עקזיסטירט ניט. עס שטאַרבט אָפּ דאָס געפיהל

פון רחמנות — ס׳איז עק וועלט! און דאָס ווערד איבערגע׳חזר׳ט אַקוראַט אַלע דריי יאָהר — מע קלויבט אַ ראַבינער.

פּאַרטיעס זענען פאַרהאַן אין כתרילעווקע אַזוי פיעל, וויפיעל קאַנדידאַטען. צוויי קאַנדידאַטען — צוויי פּאַרטיעס. איין קאַנדידאַט ווערד אונטערגעהאַלטען פון דער „יאַרמעלקע" און פון איהר פּאַר־טיע, וואָס מע רופט זיי דאָרט „יאַרמעלקיסטען", דער אַנדערער קאַנדידאַט ווערד געשטיצט פונ׳ם „קאַפּעליש" מיט זיין פּאַרטיע, וואָס מע רופט זיי די „קאַפּעלישיסטען".ביידע קאַנדידאַטען זענען שוין געזעסען אין כתרילעווקע אויף דער שטוהל, אָבער נאָר צו דריי יאָהר. מעהר פון דריי יאָהר איז נאָך קיינער פון זיי ניט אויס־געזעסען. און יעדער פון די קאַנדידאַטען האָט זיך, זעלבסטפער־שטענדליך, זיין פּלאַטפאָרמע. צום ביישפּיעל: דער קאַנדידאַט פון די „יאַרמעלקיסטען", אז מע קלויבט איהם אויס, קומט ער די ער־שטע צייט שבת אין שוהל אריין פריהער פון אַלעמען, און שטוב זיצט ער אין אַ יאַרמעלקע (אַ פערברענטער יאַרמעלקיסט!), און האָט אַ טבע דינגען זיך. וויפיעל מע זאָל איהם געבען — איז קאַרג. אַקעגען זשע אָבער דער קאַנדידאַט פון די „קאַפּעלישיסטען" געהט גאָר ניט אין שוהל אריין, סיידען אַמאָל אונטער אַ יום טוב, און אין שטוב זיצט ער דוקא אָהן אַ היטעל, און עסט, זאָגט מען, אַ קאַלבאַס אויך. זיין פּרינציפּ איז: „נאַפּליעוואַט". און וואָס ס׳איז שייך צו דינגען זיך, דינגט ער זיך ניט, ווי יענער קאַנדידאַט. חס ושלום! ס׳איז דאָ ביי איהם אַ טאַקסע, און אַז איהר האָט ניט צו בעצאָהלען נאָך דער טאַקסע, מעגט איהר זיך אויסציהען און מעגט אויסגעהן אפילו — נאַפּליעוואַט!

אין דער צייט, וואָס איך האָב געוויילט אין כתרילעווקע, איז געווען אַקוראַט, ווי עס הייסט אין אַמעריקא, „ערב עלעקשאַן" — ערב וואַהלען הייסט עס. אַ היים שטיקעל צייט. און וועה־וועה, וואָס ס׳האָט זיך געטהאָן אויף ביידע גאַזעטען! אַלסדינג, וואָס די צוויי האָבען געשריבען, איז אונמעגליך איבערצוגעבען. מיר קאָנען דאָ נאָר ברענגען אַ מאָדעל פון דעם, ווי אַזוי די צוויי רעדאַקטוירען

האָבען זיך עס א ביסעל דורכגעשמועסט צווישען זיך איינמאָל אין א פריהמאָרגען אויף זייער לשון:

„וויפיעל שוויס, וויפיעל ברוד, וויפיעל שמוץ עס האָט זיך אָנגעקליבען אונטער דער אידישער יאַרמעלקען וויפעל פיין, וויפיעל שפּאָט, וויפיעל גנאָט מיר האָבען געהאט איבער דער היסטאָרישער יאַרמעלקע! דער טאָג, וואָס מיר וועלען אינגאנצען בעפרייט ווערען פון דער דאָזיגער יאַרמעלקע, וועט זיין אונזער צווייטער בעפרייאונגס־יום־טוב. דער טאָג, וואָס מיר וועלען אינגאנצען פּטור ווערען פון דער דאָזיגער יאַרמעלקע, וועט זיין אונזער צווייטער יציאת מצרים. ניעדער מיט דער יאַרמעלקע! עס לעבע דער קאַפּעליש! ניעדער מיט די יאַרמעלקיסטען! עס לעבע די קאַפּעלישיסטען! הוררראַ!“

איצטיגס מאָל האָט די „יאַרמעלקע“ אָפּגעענטפערט דעם „קאַפּעליש“ אין גאָר קורצע ווערטער בזה הלשון:

„דאָס אָפּגעבאַרעטע קאַפּעלישעל האָט שוין ווידער בעקומען לשון. וואָס קריכען זיי, די קאַפּעלישיסטען, מיט זייער קאַנדידאַט? שוין זשע ווייסען זיי ניט, אַז כתרילעווקע איז אַ אידישע שטאָדט, אַ עיר ואם בישראל, וואָס וועט נישט אויסקלויבען קיין ראַבינער אַ קאַנדידאַט, וואָס פרעסט חזירים'לעך, געפּרעגעלט אין פּוטער, אין די נייען טעג, אַהן אַ היטעל, פאַר'ן דאַוונען, אומגעוואַשען?“...

מיט וואָס דער קאַמפּף האָט זיך דאָרט געענדיגט — ווייס איך ניט. איך בין אוועקגעפאָהרען.

---

## ח.

## אַ מעשה מיט זיעבען שדכנים.

אַ צייטונג דאַרף זיך צופּאַסען צו איהרע לעזער און צו זייערע בעדערפענישען. דאָס האָט דער ערשטער פערשטאַנען דער רעדאַקטאָר פון דער „יאַרמעלקע“, און ער האָט ניט־לאַנג איינגעפיהרט ביי

זיך אין געזעט א מין ביורא פון שדוכים אונטער'ן נאמען „קול חתן וקול כלה“, און האט גענעבען צו וויסען זיינע לע־זער דורך א מודעה, אזוי צו זאגען:

„באשר אזוי ווי די שטאדט כתרילעווקע ווערד גרעסער, און קינדער וואכסען אונטער, און די שדכנים קאנען זיך ניט צערייסען,— על־כן האבען מיר צוגעטראכט א מיטעל, אז כתרילעווקער בעלי־בתים, וואס זארגען פאר'ן שיקזאל פון זייערע קינדער, זאלען ניט דארפען אנקומען צו דער הילף פון שדכנים און זאלען אליין קא־נען פערזארגען זייערע חתנים מיט כלות און זייערע כלות מיט חתנים. דהיינו, ווי אזוי? גאר פשוט: יעדער בעל־הבית, וואס האט א קינד אויף חתונה צו מאכען, זאל זיך ניט שעמען און מעל־דען עס אין אונזער „יארמעלקע“, אז ער האט אזא און אזא בחור, אדער אזא און אזא בתולה, און נדן גיט ער אזוי פיעל און אזוי פיעל. און פערלאנגען פערלאנגט ער דאס און דאס. די אלע מעלדונגען דרוקען מיר אהן געצאהלטס, וייל מיר טהוען עס נור לשם מצוה און צוליעב טובת־הכלל“...

פערשטעהט זיך, אז פאר'ן „קאפעליש“ איז דאס געווען א באמבע. סטייטש, די „יארמעלקע“ זאל ביי איהם אזא זאך אויסחאפ־פען! תחילת האט ער גערעכענט ארויסגעהן מיט א פייערינגען אר־טיקעל קעגען דער „יארמעלקע“, שרייען גוואלד — ווי ווייט אונ־זער כתרילעווקער פרעסע איז געפאלען און צו וואס אונזער ליטע־ראטור האט זיך ערנידעריגט, אז די „פערשימעלטע יאמפערקע“ איז שוין געווארען א שדכנ'טע אויף דער עלטער — און נאך אזעל־כע שארפע ווערטער. צום סוף האט זיך דער רעדאקטאר איבער־געלעגט און איז ארוים אויף מארגען אין זיין „קאפעליש“ מיט אזא מין מעלדונג:

„די וועלט שטעהט ניט. דער פראגרעס טהוט זיינס. עס האבען זיך שוין געפעהלט יענע צייטען, ווען פאנאטישע פאטער און מו־טער האבען געצוואונגען זייערע קינדער, זיי זאלען חתונה האבען ניט מיט זייער גלייכען. עס האבען זיך שוין געפעהלט יענע צייט־

טען, ווען אַ שדכן אַ פינסטערלינג איז געקומען און האָט אָפּגע־
געבען מזל־טוב חתן־כלה. נײַן. די קינדער פון אונזער מאָדערנער
צייט זענען שוין קליגער געוואָרען. זיי קאָנען שוין אַליין זייער
שטעדטעל בעשטעהן. דאָס הייליגע געפיהל פון דער הייליגער
ליעבע ברעכט דורך מויערען און שלאָגט זיך דורך דורך אייזערנע
ווענט. הערצער בעגעגענען זיך. נשמות בעהעפטען זיך. מיר
עפענען אויף צוליעב דעם דאָזיגען צוועק די טויערען פון אונזער
צייטונג, און אונטער דעם טיטעל „פון בחור צום מיי־
דעל און פון מיידעל צום בחור" קאָן יעדער
איינציגער מעלדען, וואָס ער פערלאַנגט, מעג עס זיין אַ בחור אָדער
אַ מאַמזעל, איין אַלמן אָדער אַ וויטווע. — דער „קאַפּעליש" איז
שטענדיג גרייט פאַר זיי צו דיענען, ווייל דער דעוויז פון אונזער
צייטונג איז: „דאָס וואָהלזיין פון'ם פאָלק".
און דער דעוויז פון דער דאָזיגער נייער אָפּטהיילונג איז:
„פרייהייט און ליעבע"...

און עס האָבען זיך געגעבען אַ שאָט מעלדונגען וועגען שדוכים
איןביידע בתרילעווקער גאַזעטען: אין דער „יאַרמעלקע", אונ־
טער'ן קעפּעל „קול חתן וקול כלה", זענען אַרויסגעטראָטען די על־
טערען פון חתנים און כלות, און אין „קאַפּעליש", אונטער'ן קעפּעל
„פון בחור צום מיידעל און פון מיידעל צום בחור", זענען אַרויס־
געטראָטען די חתנים מיט די כלות אַליין, און ס'איז געוואָרען אין
בתרילעווקע ליהודים. אַ קלייניגקייט, אַז איהר קאָנט שרייבען וואָס
איהר ווילט און קיין געלד קאָסט עס ניט!

וואָלט געווען גוט, ווען אין בתרילעווקע זאָל זיין נור איין גאַ־
זעט און קיין שדכנים זאָלען שוין גאָר אויף דער וועלט ניט זיין.
ווי זשע איז אָבער דער דין, אַז עס פּיקט זיך אויס אַ שדוך דורך איין
גאַזעט, נאָר עס מישט זיך אריין אויך די צווייטע, און אַ שדכן
שטעלט אויך אריין אַ פוס — דעמאָלט ווערד אַ ויצעקו, אַז מע מוז
אַפּטרעטען פון בתרילעווקע! גאָר ניט לאַנג פאַר מיין אוועקפאָהר
האָט זיך דאָרט געטראָפען אַ מעשה, וואָס ס'איז כדאי זי צו בע־

שרייבען, ניט אזוי צוליעב דער מעשה אליין, ווי צוליעב דעם מוסר־השכל פון דער מעשה. אז די געשיכטע איז איין אמת'ע, חלילה ניט קיין אויסגעטראכטע, — גאראנטירט איך דעם דער, וואס האט זי מיר דערצעהלט. און דערצעהלט האט דאס מיר טאקי יענער יונגערמאן, וואס האט מיר איבערגעגעבען בסוד־סודות די געשיכטע מיט די „קעפלער".

„אז איהר וועט האלטען אמאל ביי'ם בעשרייבען די דאזיגע מעשה, זאלט איהר איהר א נאמען געבען: „א מעשה מיט זיעבען שדכנים". — אזוי האט זיך אנגערופען צו מיר דער יונגערמאן און האט זיך פערשטעלט דאס מויל מיט ביידע הענד און האט זיך פערגאנגען פאר געלעכטער. איבערשלאגען איהם האב איך ניט געוואלט. מסתמא, אז ער אליין לאכט, איז דאס שוין גוט לעבעריג. האב איך איהם געלאזט, אז ער זאל זיך אויסלאכען. און אז ער האט זיך גוט אויסגעלאכט, איז ער צוגעטראטען צום גוף המעשה, וואס מיר געבען דא איבער מיט זיין לשון:

— ווייסט איהר דאך שוין, ווי אזוי אונזערע בעלי־טובות, סאי די קאנסערוואטיווע „יארמעלקע", סאי דער מאדערנער „קאפעליש", טהוען נישט חלילה קיין זאך צוליעב זיך, נאר צוליעב טובת־הכלל און נאר צוליעב יענעם, און אז איהר לייענט וואס זיי שרייבען, קומט אויס, אז זייער דעוויז איז „שלי שלך ושלך שלך". נאר אז איך וועל אייך זאגען, למשל, אז אונזערע ביידע רעדאקטוירען זענען שדכנים, פשוטע שדכנים, וועט איהר ניט וועלען גלויבען, איא? וואס זשע וועט אבער זיין, אז איך וועל אייך בעווייזען שווארץ אויף ווייס?

ביי די ווערטער האט דער יונגערמאן ארויסגעצויגען פון בוזעם־קעשעני א פאק מיט גאזעטען, פריהער די „יארמעלקע", דערנאך דעם „קאפעליש", און האט גענומען לייענען:

„קול חתן וקול כלה".

„ווערטהער הערר רעדאקטאר! היות אזוי ווי איך בין א שטענדיגער לעזער פון אייער ווערטהער „יארמעלקע", געפין איך, אז

ס'איז זעהר גוט, וואָס איהר האָט איינגעפיהרט דעם „קול חתן וקול כלה“. און דעריבער בעט איך אייך, איהר זאָלט אָפּדרוקען, אַז איך בין אַ כתרילעווקער בעל־הבית פון פיינעם שטאַנד, פון שלשלת היוחסין, און פערמאָג איין טאָכטער אַ בת יחידה, וואָס איך דאַרף זי ניט לויבען, וואָרום סע שטעהט געשריבען: יהללך זר ולא פיך— לאָז דיך יענער לויבען. נאָר אין קורצען וועל איך אויסרעכענען דאָ איהרע מעלות. זי איז: 1) אַ בתולה, 2) אַ יפת־תואר, 3) אַ חכמה נפלאה, 4) אַ בריה אויף אַלסדינג, 5) געביל־דעט סכנות, 6) שפּיעלט פּיאַנאָ, 7) עשרת אלפים נדן, 8) אויסגעקליידעט בגדי מלכות, 9) קען פראַנצויז, 10) טאַנ־צען אויך. ווער עס האָט אַ זוהן, וואָס האָט גע'פּטר'ט דעם פּרי־זיוו מיט אַ ווייסען בילעט און האָט פּראָוועס, זאָל זיך ווענדען אין דער „יאַרמעלקע“ אויפ'ן נאָמען פון מ. ב. מ.“

דאָס איז נומער איינס. אין דער זעלביגער „יאַרמעלקע“ פונ'ם זעלביגען טאָג האָט איהר אייך אַזאַ מין מודעה:

„געעהרטער הערר רעדאַקטאָר! כפי אַזוי ווי איך בין אַ שטענ־דיגער לעזער פון אייער געעהרטער „יאַרמעלקע“, געפין איך אויך, אַז איהר האָט זעהר גוט געטהאָן, וואָס איהר האָט איינגעפיהרט ביי זיך אַזאַ טהייערע זאַך, ווי דער „קול חתן וקול כלה“. אַלס בע־ווייז, ווי גוט דאָס איז, קום איך אייך מעלדען, אַז איך אַליין בין אַ היגער, אַ כתרילעווקער. מיינע עלטערען און אור־אור־עלטערען זענען געווען כתרילעווקער. איך האָב דאַנקען גאָט אַ נאָמען, און בין אַליין אַ נגיד און אַ מיוחס, און טהו שדוכים מיט די גרעסטע מיוחסים, און האָב אַ זוהן אויף חתונה צו מאַכען, וואָס פערמאָגט אַ שען ביסעל מעלות. און מחמת סע שטעהט געשריבען: יהללך זר ולא פיך, טייטש איך דעם פּסוק אַזוי: יהללך זר — לאָז דיך לויבען אַ פרעמדער; ולא — אַז ס'איז ניטאָ קיין פרעמדער? איז פּיך — לויב זיך אַליין. אַט דאָ זענען די מעלות פון מיין זוהן: 1) אַ בחור, 2) אַ טאַטענס אַ קינד, 3) אַ בן־יחיד, 4) האָט אַ וויי־

סען בילעט, 5) א קענער, 6) אַ כתבא רבה, 7) שפּיעלט פּיערעל, 8) רעדט לשון-קודש, 9) פרום, 10) האָט נדן אויך. ווער עס האָט אַ בתולה אַ יפת-תואר, זאָל זיך אָפּרופען אין דעם „קול חתן וקול כלה" פון דער „יאַרמעלקע" אויפ'ן נאָמען פון נ. ב. נ."

— פיינע צוויי אַנאָנסלעך — איאַ? דאַרף זיך טרעפען אַזוי, אַז אַקוראַט אין יענעם טאָג דרוקען זיך, ווי איהר זעהט אַטאַ, אינ'ם „קאַפּעליש", אונטער'ן קעפּעל „פון בחור צום מיידעל און פון מיידעל צום בחור", אויך צוויי אַנאָנסען, שוין נישט פון די עלטערען, נאָר פון אַ בחור מיט אַ מיידעל. אָט וואָס דער בחור שרייבט וועגען זיך:

„ווערטהער הערר רעדאַקטאָר! אַלס אַ שטענדיגער לעזער פון אייער ווערטהען „קאַפּעליש" קום איך אייך צו מעלדען, אַז איך בין אַ שענער בחור פון 23 יאָהר, הויך געוואַכסען, און חאָטש איך האָב אַ ווייסען בילעט, פון דעסטוועגען בין איך געזונד און שטאַרק, הלואי ווייטער נישט ערגער. געקאַנטשעט האָב איך זעכס קלאַסען און האָב פּראָוועס פון אַ פּראָוויזאָר. איך זוך אַ מיידעל אַ קראַסאַוויצע מיט היבשע עטליכע טויזענד נדן און מיט אַ גוטען כאַראַקטער. אויב זי קאָן שפּיעלען פּיאַנאָ, איז דאָס ניט קיין חסרון, און טאָמער שטאַמט זי פון פיינע עלטערען — שאַדט אויך נישט. ווער עס וויל מיך, זאָל זיך ווענדען צום „קאַפּעליש" אויפ'ן נאָמען פון דעם „וואוילען יונג".

— אָט דאָס שרייבט דער בחור אין „קאַפּעליש". אַצינד וועלען מיר זעהען, וואָס שרייבט דאָס מיידעל פונ'ם „קאַפּעליש". זי שרייבט אַזוי:

„געעהרטער הערר רעדאַקטאָר! אַלס שטענדיגע לעזערין פון אייער געעהרטען „קאַפּעליש" לאָז איך אייך וויסען, אַז איך בין אַ מיידעל פון 21 יאָהר, מיטעלע וואוכס, שוואַרצע האָר, אַ ווייס פּנים, מיט חן-גריבעלעך אין די באַקען און מיט זעהר אַ גוטען כאַראַקטער. גאַנץ כתרילעווקע האַלט מיך פאַר אַ קראַסאַוויצע. אַז סע קומט אויף אַ שמחה, זענען אַלע קאַוואַליערען נאָך מיר די כפרה. נאָר איך האָב זיי אין דער ערד. איך וויל אַ בחור מיט אַ גוטען

כאַראַקטער, נישט יונגער פון 22, וואָס זאָל זיין אַ מענטש און קאָנען געבען אַ ווייב ברויט. טאָמער האָט ער נדן מאַכט נישט אויס. ער וועט יעדענפאַלס געפינען אין מיר אַ ליעבע פרוי. זיך ווענדען אין „קאַפּעליש“ צו דער „בעריהמטער קראַסאַוויצע“.

— על־פּי שכל־הישר וואָלט, דאַכט זיך, בעדאַרפט זיין אַזוי, אַז דער פאָטער פון דער יפת־תואר מ. ב. מ., וואָס זוכט אַ חתן מיט אַ ווייסען בילעט, האָט בעדאַרפט זיך אָפּרופען אין דער „יאַרמעלקע“ אויפ׳ן נאָמען פון נ. ב. נ., צוליעב׳ן בן־יחיד, וואָס האָט אַ ווייסען בילעט און איז אַ מיוחס און שפּיעלט פּיעדעל און רעדט לשון־קודש, און אַזוי ווייטער. דאָס וואָלט געווען באמת אַ כשר׳ער טאָפּ מיט אַ כשר׳ען לעפעל. וואָס טהוט גאָט? פערגלוסט זיך דעם פאָטער, וואָס לייענט די „יאַרמעלקע“, געבען אַ קוק אַריין אינ׳ם „קאַפּעליש“, אויף דער פיערטער זייט, זעהען, וואָס טהוט זיך עפּיס דאָרטען מכח דעם ענין פון חתן־כלה? איינגעלייענט זיך אין די מעלדונגען אויף דער פיערטער זייט, איז איהם אַריין אין נאָז אַריין: וואָס טויג איהם דער מיוחס דער בן־יחיד, וואָס איז אַ כתבא רבה און רעדט לשון־קודש און שפּיעלט אויפ׳ן פּיעדעל? ער בעדאַרף ניט קיין בעסערען חתן, ווי דער „וואוילער יונג“ פונ׳ם „קאַפּעליש“, וואָס האָט אַ ווייסען בילעט און דערצו נאָך פּראָוועס פון אַ פּראָוויזאָראַי, וואָס ער איז אַ לעזער פונ׳ם „קאַפּעליש“? מילא, וואו שטעהט דאָס, אַז אַלע אידען דאַרפען לייענען די „יאַרמעלעקע“? סע שטעהט געשריבען: „וחי אחיך עמך“... בקיצור, ער האָט געשיקט רופען אַ שדכן און האָט איהם איבערגעגעבען אַזוי און אַזוי די מעשה: „איהר דאַרפט מיר אויפזוכען דעם אַדרעס פונ׳ם „וואוילען יונג“ דורכ׳ן „קאַפּעליש“, און אויב מה׳ יצא הדבר, זאָלט איהר איהם ברענגען צופיהרען, וועט ער זיך בעקענען מיט מיין טאָכטער, וועט מען שרייבען תנאים, והכל שריר וקיים“...

אַצינד לאָזען מיר איבער דעם פאָטער פון דער יפת־תואר און געהען אַריבער צום פאָטער פונ׳ם בן־יחיד דעם מיוחס מיט׳ן ווייסען בילעט, וואָס שפּיעלט אויפ׳ן פּיעדעל, רעדט לשון־קודש און

אזוי ווייטער. איבערגעליינט אינ׳ם „קול חתן וקול כלה“ פון דער „יארמעלקע“, אז ס׳איז דא אזא יפת־תואר מיט אזוי פיעל מעלות, און האט נאך צעהנטויזענד גדן אויך, האט ער זיך געטראכט, אז דער שדוך איז טאקי א פיינער שדוך. נאר וואס דען? אט די צעהנטויזענד גדן שטעהט ווי א ביין אין האלז. א איד, וואס זאגט, אז ער גיט צעהן טויזענד, גיט ער מסתמא די גרעסטע העלפט, הלואי דריי — מע קען זיי, די כתרילעווקער נגידים! הינט זאלען מיט זיי האנדלען. אמעהר, אט האט ער בעסער געלייענט היינט אינ׳ם „קאפעליש“, מעלדעט זיך דארט א מיידעל פון 21 יאהר, א קראסאוויצע, וואס זוכט א חתן מיט א גוטען כאראקטער. „מע דארף ניט האבען קיין בעסערען כאראקטער פון מיין זוהן׳ס כא־ראקטער!“...

אט אזוי האט זיך געזאגט דער איד פון דער „יארמעלקע“, נ. ב. נ., און האט געשיקט רופען צו זיך א שדכן און האט איהם איבערגעגעבען בסוד־סודות, ער זאל למען השם אויסגעפינען אינ׳ם „קאפעליש“, ווער איז די קראסאוויצע מיט׳ן גוטען כאראקטער, און ער זאל איהר פארלעגען זיין זוהן דעם בן־יחיד מיט׳ן ווייסען בילעט, וואס שפיעלט פיעדעל, רעדט לשון־קודש און אזוי ווייטער. און אז גאט וועט העלפען, ס׳וועט געהן א גאנג, וועט אם ירצה שם זיין רעכט, אין א גוטער שעה, אין א מזל׳דיגער — אמן.

אצינד וועלען מיר אריבערגעהן צום בחור פון „קאפעליש“, וואס האט געקאנטשעט זעכס קלאסען און האט פראוועס פון א פראוויזאר. דאכט זיך, אז א מינדעסט קינד וועט אייך זאגען, אז דער דאזיגער בחור איז אנגעמאסטען פאר דער קראסאוויצע פונ׳ם „קאפעליש“, וואס אלע בחורים זענען נאך איהר די כפרה. צום סוף, וואס לאזט זיך אויס? אז דער בחור איז א בעלן געבען א קוק אריין אין דער „יארמעלקע“, און ווי נאר ער האט איבערגעלייענט אינ׳ם „קול חתן וקול כלה“ וועגען דעם אידען, דעם מיוחס, וואס פער־מאגט א בת־יחידה א יפת־תואר מיט צעהן מעלות, און זוכט א חתן מיט א ווייסען בילעט און מיט פראוועס, און גיט נאך צעהן טוי־

זענד אויך, האט עם איהם געגעבען א טראג אויף: סטייטש, ער האט דאך דעם אמת׳ען ווייסען בילעט מיט די אמת׳ע פראוועס! און נישט ווארטענדיג קיין איבעריגע מינוט, האט ער זיך שוין צענויפ־גערעדט מיט א בעקאנטען אידען, וואס זוכט א פערדי־ענסטעל, און יענער איז גלייך אוועק צום בעל־הבית מ. ב. מ. און לעגט איהם פאר א בחור מיט א ווייסען בילעט און מיט פראוועס. האט זיך דער בעל־הבית דערפריידט און זאגט צו איהם: „סטייטש, ער האט נאר־וואס אוועקגעשיקט צום בחור מיט׳ן ווייסען בילעט און מיט די פראוועס א שדכן!“ זאגט צו איהם דער איד: „מילא, וועלען זיין צוויי שדכנים, אבי ס׳זאל זיין מיט מזל“. זאגט איהם דער בעל־הבית: „פון אייער מויל אין גאט׳ס אויהערען“. ענטפערט איהם דער איד: „אמן“.

אצינד בלייבט אונז נאך איבער די קראסאוויצע פונ׳ם „קאפעליש“ — און מיר ווערען פארטיג מיט אלע שדוכים. די קראסאוויצע, אז זי האט איבערגעלייענט אינ׳ם קאפעליש“, אז ס׳איז דא א חתן מיט א ווייסען בילעט און מיט פראוועס, האט זי א טראכט געגעבען, אז דאס וואלט אפשר געווען פאר איהר א גלייכער שדוך, נאר ס׳איז פאראן א שטיקעל חסרון: ער זוכט א כלה מיט נדן, און נאך היבשע עטליכע טויזענד דערצו — היבשע עטליכע מכות איהם! אונזערע קאפעלישיסטען, ס׳זאל זיי צו קיין חרפה ניט זיין, זענען טאקי מאדערן און ליבעראל און אלסדינג. נאר אז עס קומט צו געלד, האפט זיי אוועק דער שווארץ־יאהר. פאר געלד וועלען זיי אייך פערקויפען דעם אייגענעם טאטען. אין געלד־זאכען זענען זיי שוין די יארמעלקיסטען א סך פיינער. אט לאזט ווייסען אין דער „יארמעלקע“, אינ׳ם „קול חתן וקול כלה“, א איד א נגיד, אז ער האט א זוהן מיט אלע מעלות און זוכט א יפת־תואר — א קראסאוויצע הייסט דאס, און פון נדן דערמאנט ער גאר אפילו ניט. מעג ניט זיין דער בחור דער פראוויזאר מיט די פראוועס א כפרה פאר דעם אידען? נישמעהר, איין קליינעם חסרון האט אט דעם נגיד׳ס זוהן: ער איז פרום און רעדט לשון־קודש. האפט זי

אבער, אז קיין גרויסע שטעהרונגען וועט דאס ניט זיין. פרומקייט איז א פריוואט-זאך, און וואס ער רעדט לשון-קודש — איז דאס א קרענק, וואס געהט איבער. לאזען זיי נאר חתונה האבען, וועט ער שוין אויפהערען רעדען לשון קודש; ער וועט שוין רעדען ביי איהר, ווי א מענטש!...

אזוי האט אפגע׳פסק׳ענט ביי זיך די קראסאוויצע און האט גע׳פועל׳ט ביי איהר אייגענעם פעטער, נעבאך א איד א יורד, ער זאל זיך מטריח זיין צו יענעם נגיד פון דער „יארמעלקע", וואס זוכט א קראסאוויצע אהן געלד, און זאל איהם בעווייזען איהר בילד, וועט ער איינגעמען א מיתה-משונה. כך הוה — ס׳איז טאקי אזוי געווען. וויבאלד נאר דער נגיד האט דערזעהן דאס בילד, האט ער אויסגעשריען: „אט דאס איז דאך די, וואס איך זוך פאר מיין זוהן! איך האב געשיקט ערשט היינט א שדכן צו דער דאזיגער יפת-תואר!" רופט זיך אן דער פעטער פון דער קראסאוויצע, דער יורד: „מעהר קיין דאגות זאלט איהר ניט האבען — ווילען מיר דעם רח"ש טיילען אויף דער האלב, וואס קאן דא זיין ?"... „הלואי, פון אייער מויל אין גאט׳ס אויהערען". „אמן ואמן".

מיינט איהר דאך, אז איהר זענט שוין פארטיג מיט אלע שדכנים? האט צייט א ביסעל. פערגעסט ניט, אז כתרילעווקע איז א שטאדט, און ארעמע לייט, ברוך השם, זענען דא גענוג. שטעהט זיך א אידעל אין גאס, ניטא וואס צו טהון, לייענט ער ביידע גאזע־טען, די „יארמעלקע" מיט׳ן „קאפעליש", פון דער ערשטער זייט ביז דער לעצטער זייט, לאזט נישט דורך קיין אות אפילו. דערזעהט ער אין ביידע גאזעטען די חתנים מיט די כלות און שפרינגט אונ־טער פאר התפעלות: „סטייטש, ס׳איז דאך מן השמים! אט דאס מיידעל, די קראסאוויצע פונ׳ם „קאפעליש", איז אנגעמאסטען פאר׳ן נגיד׳ס בן-יחיד פון דער „יארמעלקע", וואס זוכט א יפת-תואר אהן נדן, און די בתולה, די יפת-תואר פון דער „יארמעלקע", וואס איז געבילדעט סכנות, שפיעלט פיאנא און פערמאגט צעהנטויזענד נדן.

קאַנטשעט זעכס קלאַסען, וואָרום יענע זוכט דאָך אַ חתן מיט פּראָ־וועס, און דער האָט אַלע פּראָוועס"...

און דער חברה־מאַן האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות — למאי זאָל איין אַנדערער אויסחאַפּען? — און איז אין איין שעה אויסגעוועזן ביי אַלע פיער: ביי'ם נגיד און ביי'ם בעל־הבית פון דער „יאַרמעלקע" און ביי'ם בחור מיט'ן מיידעל פון דעם „קאַפּעליש". נאָר וואוהין ער איז געקומען, האָט מען איהם געענטפערט: „שוין אַ ביסעל שפּעטליך, פעטער, האָט איהר זיך אויסגעקראַצט — נאָר־וואָס געווען אַ שדכן און גערעדט דאָס אייגענע, וואָס איהר"... „וואָס געהער זיך עס אָן מיט מיר? געווען אַ שדכן, ניט געווען קיין שדכן— אבי דאָס, וואָס איך רעד, רעד איך גלייך. און אפשר איז דאָס ניט גלייך, דאַרפט איהר מיר זאָגען נאָר איין וואָרט, מאַך איך דאָס קאַלי, וואָרום אויף קאַלי מאַכען בין איך אַ בריה"... דערהערט אזעלכע דבורים, איז זיי פרחה נשמתם געוואָרען. זיי האָבען דערזעהען, אז זיי האָבען צו טהון מיט אַ שייגעץ, איין עזות־מחוצף־פּנים. האָבען זיי געבעטען דאָס אידעל, ער זאָל נישט קאַלי מאַכען, ובשכר זה, אז ס'וועט זיך עפּיס דערפון אויספּיקען און ס'וועט קומען צום רח"ש, וועט מען שוין זעהען מסתמא, ער זאָל אויף עפּיס פער־דיענען.

און גאָט האָט געהאָלפען,ביידע שדוכים האָבען זיך אויס־געפּיקט און ביידע קנס־מאָלס זענען געווען אין איין נאַכט, און עס האָבען זיך אַ לאָז געגעבען שדכנים פון דער וועלט. ערשטענס, די צוויי שדכנים פון חתנ'ס צד. דערנאָך די צוויי שדכנים פון כלה'ס צד. דערנאָך דאָס אידעל, וואָס האָט געוואָלט קאַלי מאַכען. איז אחת לאחת האָבען מיר אַ קיימאַ־לן פון פינף שדכנים. היינט וואו זענען די רעדאַקטוירען פון ביידע גאַזעטען? די „יאַרמעלקע" און דער „קאַפּעליש" זענען געקומען ביידע אויסגעפּוצט, ווי מחותנים, חאָטש קיינער האָט זיי ניט געבעטען. נאָר געקומען — מהכתיתי, זעהר אָנגעלעגט. האָט מען זיי גאַנץ פיין אויפגענומען, יעדען בעזונדער. געשטעלט בראַנפען, דערלאַנגט לעקאַך מיט איינגעמאַכטס. האָבען

זיי זיך בעדאנקט און גענעבען אנצוהערעניש, אז ניט צוליעב דעם זענען זיי געקומען. „צוליעב וואס זשע דען?" „צוליעב רח"ש". „וואס הייסט — צוליעב רח"ש?" „אט דאס הייסט. זיי מאנען נישט, נאר מע דארף אליין פערשטעהן... ווארום ווען ניט זיי מיט זייערע גאזעטען, פון וואנען וואלטען זיך גענומען די דאזיגע שדוכים? דאס הייסט, מאנען מאנען זיי נישט, נאר מע דארף אליין פערשטעהן"... אזוי האבען גע'טענה'ט אונזערע רעדאקטוירען, און ביי די מחותנים וואלט מען דאס אפשר גע'פועל'ט, ווארום וואס אהרט דאס זיי? קיין צוויי מאל רח"ש וועלען זיי נישט צאהלען. האבען זיך אבער די חברה שדכנים אויפ־געהויבען און האבען געמאכט א גוואלד עד לב השמים: „וואס פאר א שייכות האבען רעדאקטוירען צו שדכנות? און וואו איז דאס גע־הערט געווארען, אז ביי צוויי שדוכים זאלען זיין זיעבען שדכנים? צו דריי מיט א האלבען שדכן אויף א שדוך?"... מעהר פון אלע האט איינגעלעגט די וועלט יענער אידעל, וואס האט געסטראשעט, אז ער וועט קאלי מאכען. ער האט מבטיח געוועןביידע רעדאק־טוירען, אז ער וועט זיי „אריינווארפען יעדען איינציגען א בינטעל פינגער אין טשאלענט־ברעטעל אריין"... און ער וואלט זיין הבטחה מקיים געווען, ווארום ער איז שוין גרייט געווען צו פערקאטשען די ארבעל אפילו. האבען זיך אריינגעמישט די מחותנים פון ביידע צדדים און האבען זיי צענומען — און אט אזוי, ווי איהר זעהט, זענען אונזערע רעדאקטוירען. דאנקען גאט, ארויס טרוקען, אהן פעטש.

דא האט זיך דער יונגערמאן וויעדער פערשטעלט מיט ביידע הענט דאס פנים און האט געלאכט שטילערהייד, זיך אזש גע־טרייסעלט פאר געלעכטער. און אז ער האט זיך גוט אויסגעלאכט, האט ער מיך א פרעג געגעבען, ווען איך בין פריי? אזוי ווי איך האלט ביי אוועקפאהרען, וויל ער קומען מיך אינטערווירען. איך האב איהם געבעטען, ער זאל קומען מארגען.

## ט.

## אינטערוויוערס.

אויף מארגען, נאך דעם, ווי דער לאבענדיגער יונגערמאן האט מיר דערצעהלט די מעשה מיט די זיעבען שדכנים, איז ער געקומען צו מיר מיט אזא גרויסען פארטפעל, אז איך האב מיך אזש דער־שראקען.

— איך וויל אייך אינטערוויוערן. — האט ער אנגעהויבען און ארויסגעצויגען א לאנג ביכעלע פון א זייט־קעשעני און גענומען מיר דערצעהלען מעשיות, מיך נישט געלאזט א ווארט אויסריידען. — פרעגט מיך, וואו עס וועט זיין געדרוקט מיין אינטערוויו מיט אייך — ווייס איך אליין נים. עס קאן זיין אין „קאפעליש". און עס קאן זיין אין דער „יארמעלקע". אלץ איינע שאנסען. גיכער וואלט מיך בע־דארפט צונעמען דער „קאפעליש". פארט א פראגרעסיווע גאזעט. חאטש זיין גאנצער פראגרעס בעשטעהט אין דעם, וואס ער לאכט אפ פון אידישע דינים און מאכט חוזק פון אידישע מנהגים. צום ביי־שפיעל: איהם געפעלט ניט דער מנהג פון פאסטען. קומט ערב תשעה באב, אדער ערב יום־כפור, אדער ערב איין אנדער תענית — צע־לאזט זיך דער „קאפעליש" מיט איין ארטיקעל פון א דאקטאר. דער דאקטאר איז אזוי א דאקטאר, ווי איהר זענט א גוברנאטאר. דאס שרייבט ער אליין, טאקי דער רעדאקטאר בכבודו ובעצמו, און חתמ'ענען חתמ'עט ער זיך „דאקטאר מאלינום איינגעמאכצום". אין זיינע ארטיקלען צעשפרייט זיך דער דאקטאר מאלינום איינ־געמאכצום וועגען די שעדליכקייט פונ'ם פאסטען און אפפאסטען און פייניגען זיך, ברענגט ראיות פון ספרים און ביכער, וואס קיינער האט זיי ניט געזעהען, ברענגט נעמען פון גרויסע געלעהרטע, אויס־געטראכטע נעמען, למשל: דאקטאר פעפערום, פראפעסאר קנאבע־לום, פריעדריך פאן ציבעלום, טשארלז חריינום, פיליפ מוסטארדום, עדוארד לאטקום, לואידזשי פאלירטשעקום און נאך אזעלכע מינים

נעמען פון דער הגדה, און טאַמער איז ווינציג אַזעלכע אויטאָריטעטען, טהוט ער זיך א וואָרף אויף סטאַטיסטיק און טהוט א רעכען־אויס, וויפיעל מענשען עס שטאַרבען אויס א יאָהר פון פערצעהרונג דורך תעניתים. עס קומט אויס, אז פון תעניתים שטאַרבען אויס אין כתרילעווקע דריי מאָל אַזוי פיעל, וויפיעל עס ווערען געבוירען קינ־דער דורכ'ן יאָהר. און צום שלום פיהרט ער אונטער א חשבון, אויס־גערעכענט מאַטעמאַטיש, ווי צוויי מאָל צוויי, אז באַם אידען וועלען פאַסטען אַלע תעניתים, ווי ביז אהער, וועט אין כתרילעווקע אין עלף יאָהר מיט דריי חדשים נים בלייבען קיין איין איד אפילו.

— דאָס איז וועגען תעניתים. הייגט וואָס דער איד צעאַרבייט וועגען דעם געצענדיענערישען מנהג פון כפרות שלאָגען! און וועגען דעם ווילדען איינפיהר געהן צו תשליך! דער רעדאַקטאָר פונ'ם „קאַ־פעליש" דערצעהלט זיך א מעשה פון פאַרצייטען, א היסטאָרישע געשיכטע הייסט עס, וואָס האָט געטראָפען טאַקי דאָ, אין כתרילעוו־קע, ווי אַזוי אידען זענען געגאַנגען צו תשליך, איז געפאָהרען א קאַרעטע מיט פיער פערד נאַשפּיץ. אין קאַרעטע איז געזעסען דעם גראַפ'ס טעכטערעל מיט איהר אַדיוטאַנט. האָבען די פערד דערזעהען אַזוי פיעל אידען, האָבען זיי זיך ספּאָלאָשעט, צעטראָגען די קאַרעטע און אַרויסגעוואָרפען דעם גראַפ'ס טאָכטער מיט'ן אַדיוטאַנט. און אַזוי ווי דער גראַף איז געווען דער בעל־הבית פון כתרילעווקע, צו איהם האָט געהערט די שטאָדט, האָט ער בעשטראָפט די גאַנצע שטאָדט מיט שמיץ און אַרויפגעלעגט אויף אַלע אידען אַזא שווערע אָפּצאָהל, אז זיי האָבען הונדערט יאָהר כסדר נישט געקאָנט זיך אויסצאָהלען.

— פאַר וואָס דער „קאַפּעליש" איז אויף מיר ברוגז — שטויסט איהר זיך מכתמא, אז דער רוגז וואַכסט נאָך פון דער געשיכטע מיט די „קעפּלעך", וואָס כ'האָב אייך דערצעהלט. חאָטש גאָט איז מיין עדות, אז איך בין אין דעם אַזוי שולדיג, ווי איהר זענט שולדיג. נאָר גאָרנישט. ער רעכענט, אז דאָס האָב איך אַרויסגעגעבען דער „יאַרמעלקע" אַלע סודות פון דער רעדאַקציע. וויבאַלד אַזוי, וואָלט,

דאַכט זיך, די „יאַרמעלקע“ בעדאַרפט שלאַגען מיט מיר בלאַט, איאַ? לאַזט זיך אויס, אז מיין פום טאַר דאַרט ניט זיין! איבער וואַס? ווערט איהר הערען אַ שענס. דאַס איז אַבער אַ לעכעריגע מעשה.

דאַ האַט זיך מיין אינטערוויוער אויסגעדרעהט מיט׳ן פנים צו דער וואַנד, זיך פערשטעלט מיט בײדע הענט און שטילערהייד געלאַכט. דערנאָך, אז ער האַט זיך גוט אויסגעלאַכט, האַט ער גענומען דערצעהלען די מעשה:

— דאַס איז געוועזן שוין לאַנג, נאָך פאַר די „קעפּלעך“. איך בין דעמאַלט געווען כל־ולך ביים רעדאַקטאַר פונ׳ם „קאַפּעליש“. איך האַב זיך גערעכענט כמעט סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע. אַלע סודות זענען געווען ביי מיר אין די הענט. נישט געווען קיין פערבאַרגענע זאַך פאַר מיר. אין דער „יאַרמעלקע“ איז אויך געווען אַ סעקרעטאַר, טאַקי דעם רעדאַקטאַר׳ס איין אייגענער שוואַגער און מיינער אַ גוטער פריינד, איין אוהב נאמן. וואַס ביי *זיי* האַט זיך געטהאָן האַב *איך* געוואוסט, און וואַס ביי *אונז* האַט זיך געטהאָן האַט *ער* געוואוסט. דאַס הייסט, מיר האַבען זיך ארויסגעגעבען איינער דעם אנדערען אלע סודות פון דער רעדאַקציע, זיך געביטען שטילערהייד מיט טעלעגראַמעס, געוויזען איינער דעם אַנדערען געהיימע בריוולעך, און טאַמער עפּיס איין עקסטראַ — האַבען מיר געגעבען צו וויסען איינער דעם אנדערען דורכ׳ן טעלעפאָן.

— ויהי היום, טרעפט זיך אַ מעשה, איך זיץ איינמאַל אין דער רעדאַקציע איינער אַליין, שוין ווייט נאָך האַלבער נאַכט, צוגעשפּאַרט אויף דער קושעטקע, און חאַפּ אַ דרימעל. קלינגט מען מיר אין טעלעפאָן איין מאַל און צוויי מאַל און דריי מאַל. איך דרימעל אזוי געשמאַק, האַלט אין בעסטען שלאָף, און יענער דרעהט מיר אַ מח: טער־טער־טער־טער! „קלינג, טראַכט איך מיר, צעזעצטערהייד, איך וועל זיך ניט ריהרען פונ׳ם אָרט“. יענער וויל אַבער ניט אויפהערען: טער־טער־טער־טער־טער! בקיצור, עס העלפט ניט. איך שטעה אויף, נעם דאַס טרייבעל: „ווער איז דאָרטען?“ לאַזט זיך אויס, ס׳איז מיין פריינד פון דער „יאַרמעלקע“. „וואַס טהוטסט דו.

פרעגט ער מיך, דו שלאפסט?" „חס ושלום, זאג איך, וואס הייסט איך שלאף?" „וואס דען טהוסט דו?" „איך ארבייט". „וואס ארבייטסט דו? פארהאן עפּיס נייעס?" „נאך א מין נייעס!" „דהיינו?" „דהיינו, זאג איך, א פּאגראם". „א פּאגראם? וואו?" „וואס הייסט וואו, זאג איך, אנו טרעף, וואו דארף זיין א פּאגראם?" זאגט ער: „אודאי אין קעשעניוו?" זאג איך: „אזא יאהר אויף מיר. וואס פאר א חכם דו ביזטו!" זאגט ער: „טאקי עפּיס א רעכטער פּאגראם?" זאג איך: „מיט אלע פּישטשעווקעס". „עפּיס פארהאן גע'הרג'עטע?" זאג איך: „צוויי הונדערט". „געשענדעטע פרויען?" „פינף און דרייסיג". „קינדער צעריסענע?" „אהן א שיעור!"... מעהר האב איך פון איהם נישט געהערט, ווארום ער האט זיך געאיילט איבערצוגעבען די טעלעגראמע פון קעשעניוו צום דרוק. און וואס מארגען האט זיך געטהאן, אז די „יארמעלקע" איז ארוים מיט א דרייגארענדיג קעפּעל: „א נ י י ע ר פּ א ג ר א ם א י ז ק ע ש ע ־ נ י ו ו ! (פון אונזער ספּעציעלען קארעספּאנדענט)" — דארף איך אייך ניט דערצעהלען. אונזער רעדאקטאר פונ'ם „קאפּעליש" איז שיער ניט משוגע געווארען — ניט פון דעם פּאגראם, חלילה, נאר פון דעם, וואס אזא פעטע נייעס איז אין דער „יארמעלקע" פארהאן און אין „קאפּעליש" ניט! ער האט אונז אלעמען איבערגעטריבען אויף הרעטשקע, א גאנצען טאג געגעסען און געיאדעט — ביז עס האט זיך ארויסבעוויזען, אז די מעשה איז א ליגען, ניט געשטויגען, ניט געפלויגען. דעמאלט האט שוין דער רעדאקטאר פון דער „יארמעלקע" גענומען ארבייטען מעשים, דערגרונטעוועט זיך, פון וואנען האט זיך גענומען צו איהם אזא אומגעלומפּערטע טעלעגראמע, און עס האט געהאלטען, אז דער סעקרעטאר, האטש ער איז א שוואגער, זאל נעמען דעם וועג און זאל נאך זיין גוט אויסגעפּאטשט אויך. אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז ער האט זיך נעבאך געמוזט מודה זיין, פון וועמען דאס וואכסט. דעמאלט האט דער רעדאקטאר פון דער „יארמעלקע" בעפוילען, אז טאמער בעוויין איך זיך פארביי דער רעדאקציע, בין איך א טוידטער...

ביי די ווערטער האָט זיך דערהערט א קלאַפּ אין טיר. איך האָב געבעטען אריין, און עס האָט זיך בעוויזען א יונגער פאַרשוין מיט אַ רויט בעשפּריינקעלט פּנים, מיט אויך אַ גרויסען פּאָרטפעל. מיין לאַכעדיגער יונגערמאַן האָט דערזעהען דעם אַריינגעקומענעם פאַר־שוין, איז גלייך ווי ער וואָלט דערזעהען עמיצען פון יענער וועלט. זיינע אויגען זענען איהם געוואָרען גרויס, און אליין איז ער אויפגע־שטאַנען, א חאַפּ געגעבען זיין פּאָרטפעל, זיך אין דער גיך אָפּגעזע־געגט מיט מיר און איז נעלם געוואָרען. געבליבען מיט'ן נייעם פאַר־שוין אינצווייען, האָב איך איהם געבעטען זיצען. ער האָט זיך בע־דאַנקט, ארויסגענומען פון פּאָרטפעל א בויגען פּאַפּיער און פון דער זייט־קעשעני א פולפעדער און האָט זיך אוועקגעזעצט גרייט צו דער ארבייט.

— האָט קיין פּאראיבעל ניט, — האָט ער אָנגעהויבען — איך האָב געהערט, אַז איהר זענט דאָ, האָב איך אייך געוואָלט אינטער־ווירען. וואָס האָט געטהאַן ביי אייך אָט דער חלאַמידניק?

— וואָסער חלאַמידניק?

— אָט דער, מיט'ן פּאָרטפעל, וואָס האָט געחאַפּט דאָס היטעל און איז אַרויסגעלאָפען, ווי פון א שרפה? ער האָט אייך עפּים דער־צעהלט אַ סך מעשיות? זאָל עס נאָר פאַלען אין ים אריין, רבונו של עולם, און אזוי ווי איך האָב עס ניט געהערט. אזוי זאָל עס מיר ניט שאַדטען!

— וואָס איז? ער איז דען אַ...?

— איהר ווילט זאָגען אַ ליגנער? חאַ־חאַ־חאַ! אַ ליגנער צו אַ ליגנער איז ניט גלייך! כל היוצא מפּיו איז שקר וכזב! אויף איהם האָב איך אַמאָל געזאָגט און געשריבען אין א פעליעטאָן: פּאַרהאַן, זאָג איך, צווייערליי מינים ליגנערס. פּאַרהאַן, זאָג איך, א ליגנער, וואָס זאָגט אויף שוואַרץ ווייס און אויף זיס ביטער. דער, זאָג איך, איז אַ ליגנער, וואָס זאָגט, זאָג איך, אויף שוואַרץ, אַז ס'איז זויער און אויף זיס—אַלטגעבאַקען. חאַ־חאַ־חאַ, גוט אַריינגעזאָגט? ער האָט נאָך אַ מעלה: אַז ער זאָגט אַ חכמה, לאַכט ער זיך פריהער גוט אוי־

סעט און דערנאָך ערשט דערצעהלט ער אַ נאַרישקייט. אויף איהם האָב איך אמאָל געזאָגט און געשריבען אין אַ פעליעטאָן, אז ס'איז פאַר־האַן, זאָג איך, דרייערליי חכמים. איין חכם זאָגט אַ חכמה און לאַכט אַליין. דער אַנדער חכם זאָגט אַ חכמה, לאַכט יענער. דער דריטער חכם, זאָג איך. זאָגט אַ חכמה, און קיינער לאַכט ניט. חאַ־חאַ־חאַ, ווי געפעלט דאָס אייך? שאַט! איהר זענט נאָך ניט פאַרטיג — ער איז נאָך טויב אויך. טויב ווי די וואַנט. איך האָב אמאָל געזאָגט אויף איהם, אַז איך בין איהם מקנא: ער הערט ניט די וועלט. האַ־חאַ־חאַ! און דאָס האָט אַ השגה צו רופען זיך ליטעראַט. חאָטש ער נעהער זיך אַזוי אַן מיט ליטעראַטור, ווי איך געהער זיך אַן מיט דער איינגעלשער מלכה אַ גליעד־געשוועסטערקינד, חאַ־חאַ־חאַ! איהר וואונדערט זיך, וואָס איך בין פריילי‌ך? דאָס איז דער כאַראַקטער פון מיין טאַלאַנט. איך בין מיט אייך פון איין חדר. דאָס הייסט, איך בין אויך אַ הומאָריסט, און מיינע שרייבעכצען איז נאָר סאַטירע און סאַטירע און סאַטירע. איך האָב אַנומעלטען אַנגעשריבען אויף אַ יונג פאַר־פאָלק אַ סאַטירע, האָב איך עס געמוזט דערנאָך פער־ברענען. נעמען דעם מאַנוסקריפּט און פערברענען אויפ'ן פייער. פאַר וואָס? ווארום אַזאַ שטאָדט איז ביי אונז. ניטאָ קיין סוד אין כתרי־לעווקע. איך האָב מיין סאַטירע געלייענט פאַר אַ פּאָר מענשען בסוד־סודות, בעשוואוירען זיי, אַז קיין פויגעל זאָל ניט וויסען. זענען זיי זיך מיישב און צעטראָגען עס איבער דער גאַנצער שטאָדט. האָב איך געהאַט פונ'ם פּאַר־פאָלק אָפּגעשניטענע יאָהרען! דאָס ווייבעל האָט געזאָגט, אַז זי ווערט זיך נאָר אַ מעשה אָנטהון, און דער יונגער־מאַן האָט געשוואוירען ביי גאָט, אַז ער וועט מיר אריינשטעכען אַ מעסער אין האַרצען. וואָס זאָגט איהר אויף דעם באַנדיט? געה שרייב סאַטירעס אויף אַזעלכע לייט! וואָס דאַרפט איהר מעהר, איך וועל אייך דערצעהלען אַ שענערע מעשה...

עס האָט זיך דערהערט אַ פרישער קלאַפּ אין טיר. איך האָב געבעטען אריין, און ווי נאָר דער נייער פּאַרשוין האָט זיך בעוויזען אויף דער שוועל, האָט דער הומאָריסט זיך געגעבען אַ חאַפּ־אויף

פערנומען דעם פּאַרטפעל מיט'ן בוינגען פּאַפּיער, איז דער גיך זיך אָפּגעזעגענט מיט מיר, צוגעזאָגט אריינקומען שפּעטער. און איז ארויסגעשוואומען פון מיין חדר. אויף זיין אָרט איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן אַ דאַרער, אַ הויכער, אַ טרוקענער, מיט אַ קליין שיטער בערדעל און מיט גרויסע טראַגישע אויגען אונטער זילבערנע ברי־לען — אַ מין דאַן קיכאָט פון אונזערע צייטען. אריינגעקומען איז ער אויך מיט אַ גרויסען פּאַרטפעל און גענומען זיך ארומצוקוקען אויף אַלע זייטען. איך האָב איהם געבעטען זיצען. ער טהוט זיינס — ער קוקט און קוקט, ווי ער וואָלט עפּיס געזוכט.

— וואָס זוכט איהר?

— איך זוך ניט, איך קוק נאָר, וואָס האָט דאָ געטהאָן אָט דער חברה־מאַן?

— וואָסער חברה־מאַן?

— אָט דער, וואָס איז נאָר־וואָס געווען ביי אייך. איך קוק, צי האָט ער עפּיס ניט אַוועקגע'לקח'ענט ביי אייך?

— וואָס איז, ער איז דען אַ...?

—אַ גנב! אַ נאַטקע! ביי איהם איז רעכט אַלסדינג: אַ זייגערעל איז אַ זייגערעל, אַ לעפעל איז אַ לעפעל. ער האָט אויף זיין לעבען נאָך קיין צוויי שורות ניט ארויסגעגעבען, זיי זאָלען זיין זיינע. אַלע ווייסען דאָס. אַנומעלטען האָב איך אָנגעשריבען אַ פּאָעמאַ — איך בין אַ פּאָעט מיט גאָט'ס הילף און שרייב לידער, פּאָעזיע שרייב איך. מיין נאָמען איז אָט דאָ, אין דעם קאַרטעל, און געקומען בין איך אייך צו אינטערוויוירען, ווייל איך האָב געהערט, אַז איהר זענט דאָ, וועט איהר אונז דערצעהלען נייעס — נאָר האָט קיין פּאַראיבעל ניט, איך האָב אָנגעהויבען צו דערצעהלען אייך די מעשה פון מיין פּאָעמאַ, מוז איך אייך שוין דערצעהלען ביז'ן סוף. אַלזאָ, האָב איך אָנגעשריבען אַ פּאָעמאַ. איין אויסגעצייכענטע זאַך. אַז איהר וועט וועלען, וועל איך אייך זי איבערלאָזען, איהר זאָלט זי לייענען, אָדער איך וועל אייך זי אַליין איבערלייענען פון אָנהויב ביז'ן סוף, וועט איהר זעהען, וואָס דאָס איז פאַר אַ סחורה. איהר וועט אַליין זאָגען,

אז א פאעט איז שטארקער פון אייזען, אז ער האלט זיך איין אין אזא ארט, ווי כתרילעווקע, פארברענט זאל דאס ווערען! שטעלט אייך פאר, איך קום מיט מיין פאעמא אין דער רעדאקציע פון דער „יארמעלקע“ און בעט, מע זאל דאס איבערלייענען, חאטש איבערלייענען. זאגט מען מיר, אז זיי האלטען נישט פון קיין ליעדער. קום איך אין דער רעדאקציע פונ׳ם „קאפעליש“. שוין בלומרשט א ראדיקאלער ארגאן, א פרייע צייטונג. זאגען זיי: ס׳איז קיין פלאץ נישטא. זאג איך: אבער איבערלייענען מעגט איהר דאך! זאגען זיי: ס׳איז קיין צייט נישטא. און אט אזוי זענען זיי אלע: דער האט קיין פלאץ ניט, דער האט קיין צייט ניט. געהט שרייבט פאעמעס! וועט איהר פרעגען: ווער הייסט אייך שרייבען? — וואס זאל איך טהון, אז סע שרייבט זיך פארט? אלע טאג מוז איך שרייבען. אלע וואך ווערד ביי מיר פארטיג א פאעמא, און א מאל צוויי... נאר איך האב אייך אנגעהויבען צו דערצעהלען פון יענעם חברה־מאן. מוז איך אייך שוין דערצעהלען ביז׳ן סוף. האב איך מיין פאעמא געלייענט פאר א פאר פריינד, האבען זיי געלעקט די פינגער, געזאגט, אז זיי האבען שוין לאנג אזא אנטיק נישט געלייענט. איז גוט? איז זיך מיישב יענער חברה־מאן און שרייבט אויך אן א פאעמא מיט׳ן זעלבען נאמען און מיט׳ן זעלבען אינהאלט, אבער ווארט אין ווארט, און טראגט זיך ארום מיט איהר איבער דער שטאדט און לייענט זי פאר איטליכען בעזונדער און גיט זי ארויס פאר זיין אייגענער פאעמא. זאל איך שווייגען? האב איך געמאכט א גוואלד — איך וויל איהם רופען צו מענשען. וויל ער נישט געהן. האב איך אנגעבאטען גוטע פריינד, מע זאל איהם נויטען. בקיצור, מע האט איהם געבראכט, דעם חברה־מאן, צו מענשען, און מענשען, לויטער ליטעראטען און שריפטשטעלער, האבען אויסגעהערט אונזערעביידענס טענות און די עדות פון ביידע צדדים, דערנאך האט מען דורכגעקוקט ביידע פאעמעס, און ס׳האט זיך ארויסגעוויזען, אז ס׳איז טאקי ווארט אין ווארט, ווי ביי מיר. מיינט איהר דאך אודאי, אז מע האט איהם גע׳קנס׳עט מיט מי יודע וואס? קענט איהר ניט אונזערע

כתרילעווקער ליטעראַטען און שריפטשטעלער. זיי האָבען געפונען, אזוי וויביידע פּאָעמעס זענען נאָך זייער מיינונג געשריבען געוואָרען יאַקבי אויף דער זעלבער אַרט ווי ביי פּושקינען, דאָס הייסט, פּושקין האָט, זאָגען זיי, אויך בעאַרבייט די זעלביגע טעמאָ אסך פריהער, על־כן... וואָס האָפּט איהר זיך אוועקצוגעהן? און וואָס וועט זיין מיט אונזער אינטערוויו?...

---

# י.

## אַ מעשה מיט אַ יובילעאום.

„איהר זענט געבעטען צו קומען אויף דעם אָווענט, וואָס
„ווערד היינט אַראַנזשירט לכבוד דעם גרויסען שריפט-
„שטעלער און דראַמאַטורג קאַפּעל בן צבי
„נאַדעלמאַן המכונה ק׳ב׳צ׳ז׳, צו זיין
„פינף־און־צוואַנציג־יעהריגען יובילעאום. דער אָוועט
„וועט פאָרקומען אין דעם גרויסען כתרילעווקער רעס-
„טאָראַן פון אַלטער פאוגאַטש, געוועזענער יאַנקעל קוואַטשקע“.

אַט אַזאַ מין איינלאַדונג האָב איך בעקומען פון דער פּאָסט. גע׳חתמ׳עט אויף דער איינלאַדונג איז געווען ניט קיינער, נאָר: „די קאַמיטע“.

קוים דערלעבט דעם אויפדערנאַכט, האָב איך מיך איבערגעטהאָן, גענומען אַ פוהרעל און געהייסען זיך צו־פיהרען צום גרויסען כתרילעווקער רעסטאָראַן פון אַלטער פּאוגאַטש, געוועזענער יאַנקעל קוואַטשקע.

דער בנוהג שבעולם איז, אַז מע דערצעהלט אַ מעשה און מע קומט־צו צו אַ שטוב, הויבט מען אָן צו בעשרייבען פריהער די שטוב, ווי זי זעהט אויס פון דרויסען, דערנאָך פון אינווייניג. נאָר

ווייל דער בנוהג שבעולם איז אזוי, דעריבער טהו איך אקוראט פערקעהרט און געה אריבער גלייך צו דער מעשה.

וויזען ווייזט אויס, אז איך האב מיך א ביסעל צוגעאיילט. ווארום דער זאל איז געווען נאך כמעט פוסט. עס האבען זיך ארומגעדרעהט די „מענטשען“, אנגעטהאן אין אפגעבארעטע פראקען מיט פאפיערנע, ניט איבעריג ווייסע מאנישקעס, צעשטעלט דאס געפעס אויף דעם געגרייטען לאנגען טיש און שטארק געקלונגען מיט די גאפעל־מעסער. א שארפער אראמאט פון איינגעהאקטע הערינג מיט ציבעלעס האט זיך געלאזט הערען איבער דער גאנצער שטוב, און א קול פון א קליין עופה׳לע פון א זייטיגען חדר האט געגעבען צו וויסען, אז אט דא אין דעם הויז איז ניט לאנג געבוירען געווארען א נפש׳על אויף גאט׳ס וועלט. ווער איז געווען די גליקליכע געווינערין — צי די בעל־הבית׳טע אליין, צי איהר טאכטער, אדער איהר שנור, אדער אפשר גאר א ווילד־פרעמדע, איין אורח׳טע, — דאס ווייס איך ניט. א פאקט איז, אז דאס עופה׳לע האט געשריגען מיט די לעצטע כחות, שיער ניט צעריסען געווארען שרייענדיג. אין אזא פאל איז גוט באבולע פאפיער, איינגעטונקען אין ספירט, אנגעצונדען מיט א שוועבעלע און צולעגען דאס צום בייכעל; אדער א טיכעלע, איינגעטונקען אין בראנפען און בעשאטען פון אויבען מיט פעפער; אדער פון דער אפטייק פאר צוויי גראשען „פערעגארעק“ איז זעהר גוט; אדער אז ניט — איז גאר געבען דעם קינד זויגען. דאס איז דאס בעסטע פון אלע מיטלען.

אויסער די „מענטשען“ אין פראקען, וואס זענען געווען בעשעפטיגט מיט׳ן גרייטען צום טיש, איז געווען צו בעמערקען עטליכע יונגע לייט, וואס נאך זייערע לאנגע האר און נאך די ברילען אויף די אויגען בין איך געווען כמעט זיכער, אז דאס זענען שריפטשטעלער און ליטעראטען, וואס זענען געקומען גלייך מיט מיר צום יובילעאום. איין זאך נאר איז מיר געווען א ביסעל קשה: די יונגע לייט זענען געווען שוין צו־פרעמד איינער צום אנדערען און האבען

ניִשט נאָר ניִט ארויסגערעדט צווישען זיך קיין איינציג וואָרט — זיי האָבען אפילו ניִשט געקוקט איינס אויף דאָס אנדערע, ארומגעשפּאַציערט מיט די הענד אין די קעשענים פראַנק און פריי, אָדער געקוקט אין פענסטער אריין און געפייפט, גלייך ווי יעדער פון זיי וואָלט דאָ געווען דער איינציגער אין זאַל. ביז גאָט האָט געהאָלפען, עס האָבען אָנגעהויבען צו קומען פאַרשוינען נאָך און נאָך, און צווישען זיי מיין גוטער בעקאַנטער, מיין לאַבענדיגער אינטערוויוער, — האָט ער מיר שטיל אויפ'ן אויהער איינגערוימט א סוד, אַז דאָס זענען לויטער קאַללעגען. און ניִט נאָר קאַללעגען — איינִיגע פון זיי ארבייטען שוין פון ווייס איך ווען אָן אין גאַזעט.

— למאַי זשע רעדען זיי ניִט צווישען זיך, אַז זיי זענען קאַללעגען?

— טאַקי דעריבּאַך רעדען זיי ניִט צווישען זיך, ווייל זיי זענען קאַללעגען. זעהט איהר אָט־א־יענעם־אָ, מיט די שוואַרצע קודלעס? — דאָס איז אַ דיכטער, וואָס שרייבט ליעדער, און זעלטען־זעלטען שרייבט ער אויף פּראָזע. גאָר רעדען רעדט ער ניִשט מיט קיינעם, אפילו מיט זיין אייגען ווייב — סע שטעהט איהם ניט אָן. ער האַלט זיך גרעסער פון דער גאַנצער וועלט, און אפילו פון זיך אַליין... פּושקין איז א הונט. לערמאָנטאָוו — א יונגעל. מיט היינע'ן האָט מען איהם אַמאָל פערגלייכט, איז ער געוואָרען אָנגעצונדען: וואָס איז היינע? א לץ! אַ בדחן!... אויף איהם דערצעהלט מען אַ שענע מעשה: ער געהט ניִשט אין באָד אריין. ער איז געווען אַ מאָל אין באָד און דערזעהען זיך אַ נאַקעטען, איז ער געוואָרען מלא כעס וחמה: אזא גרויסער דיכטער — זאָל מען איהם זעהען אַ נאַקעטען!

דערביי האָט זיך מיין פריינד פערשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענד און האָט זיך צעלאַכט מיט זיין שטילען געלעכטער. און אַז ער האָט זיך גוט אויסגעלאַכט, האָט ער זיך גענומען מיך אונטערהאַלטען ווייטער.

— און אַט־אָ־יענעם זעהט איהר, וואָס מיט די בלויע ברילען און מיט'ן קורצען וויטיקעל? דאָס איז אַ דראַמאַטורג, וואָס באַקט דראַמעס, ווי מע באַקט בייגעל. וויפיעל וואָכען אין יאָהר, אַזוי פיעל דראַמעס. מיינט איהר, ער האָט עפּיס דערפון? צרות האָט ער. ער האָט אַ ווייבעל, ווערד זי אַלע יאָהר געלעגען. וויל ער ניט ליידען: „אַלע יאָהר אַ קינד!" זאָגט זי: „ווייסט דו וואָס? לאָמיר זיך בייטען: האָב דו קינדער און איך וועל שרייבען דראַמעס".

דאַ האָט זיך מיין פריינד ווידער פערשטעלט דאָס פּנים און ווידער שטיל געלאַכט. און אַז ער האָט זיך אויסגעלאַכט, האָט ער גענומען דערצעהלען ווייטער מיט זיין שטיל קול, וואָס מע קאָן נעבען איהם אנשלאָפען ווערען:

— און אַט־אָ־יענעם אידען זעהט איהר, וואָס מיט די קאַלי אויגען? דאָס איז אַ ראָמאַנען־שרייבער. ער שרייבט ראָמאַנען. גאַנצע טעג מיט גאַנצע נעכט זיצט ער און שרייבט ראָמאַנען. ניט אומזיסט זענען איהם קאַלי געוואָרען די אויגען. צוליעב וואָס ער שרייבט ראָמאַנען — ווייסט קיינער ניט. בסך־הכל האָט ער אויף זיין לעבען אָנגעשריבען עפּיס אַ מעשה, און די „יאַרמעלקע" האָט זי אָפּגעדרוקט. פון דעמאָלט אָן האַלט אָט דער איד אין איין שרייבען ראָמאַנען. קיינער דרוקט זיי ניט. קיינער לייענט זיי ניט. נאָר ס'איז ניט זיין עסק — ער שרייבט. דערצו האָט איהם גאָט געבענשט מיט אַ ווייב, האַלט זי אַ קלייטעל פון שרייבגעצייג, גיט ער איהר צו לייזען געלט, דאָס הייסט.......................

.. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. ..

דאַ איז מיין פריינד מיט אַ מאָל אנשוויגען געוואָרען און געבליבען סטאַטעטשנע, ווי אַ סאָלדאַט, אַז ער דערזעהט איין אָפיצער. עס זענען אריינגעקומען צוויי נייע פּאַרשוינען. איינער אַ הויכער אין אַ קאַפּעליש, דער אנדערער אַ נידעריגער פּעמפּיק מיט אַ פיין בייכעל. אריינגעקומען זענען די צוויי דורך איין טהיר, נאָר שטאַרק אָנגעדרודעלט איינס אויף דאָס אנדערע, געקוקט דער אהין, דער אהער. יענער, דער לאַנגער, וואָס מיט'ן קאַפּעליש, האָט אויס־

געטהאָן דעם קאַפּעליש, דערלאַנגט אַ וואונק צו דער פערזאַמלונג און געזוכט איין אָרט אויף אוועקצוזעצען זיך. און דער אַנדערער, דער פּעמפּיק מיט'ן בייכעל, האָט אויסגעטהאָן דאָס היטעל, אָנגעטהאָן אַ זיידען יאַרמעלקעלע און אויך גענומען זוכען איין אָרט אויף צו בעזעצען זיך. אין דער צייט האָט מיר מיין לאַכענדיגער פריינד איינגערוימט דערווייל אַ סוד אויפ'ן אויהער, אַז דאָס זענען זיי, די כתרילעווקער רעדאַקטוירען, פונ'ם „קאַפּעליש" און פון דער „יאַרמעלקע".

— איהר וואָלט זיך בעדאַרפט מיט זיי בעקענען, נאָר איצט איז אונמעגליך. — אַזוי זאָגט צו מיר מיין פריינד. פרעג איך איהם:

— פאַר וואָס?

— ווייל טאָמער בעקענט איהר זיך מיט איינעם פריהער, וועט דער אַנדערער אויף אייך זיין אש להבה!

— וואָס זשע טהוט מען?

— גאָרנישט. עלעהיי איהר זענט געשטאָרבען.

— אַ דאַנק.

— נישטאָ פאַר וואָס.

און דער עולם איז געגאַנגען און געגאַנגען, דער זאַל איז געוואָרען פול געפּאַקט, און דער יובילעי האָט זיך אָנגעהויבען.

דער יובילאַר אליין, אַ איד שוין אין די יאָהרען, מיט אַ בלאַס הונגעריג פּנים, נאָר אין אַ נייער שבת'דיגער קאַפּאָטע, איז זיך געזעסען די גאַנצע צייט זעהר בעשיידען אַז אַ זייט. מע האָט איהם נישט געהערט און נישט געזעהען. ערשט דעמאָלט, אַז ס'איז געקומען די צייט, האָט מען איהם אַרויפגעפיהרט און אוועקגעזעצט אויבענאָן, און ער האָט אויסגעזעהען, ווי איין אַלמן צו דער צווייטער חופּה.

די קאַפּאָטע, זאָג איך נאָך אַ מאָל און שטרייך עס אונטער, איז געווען אַ שבת'דיגע און אַ נייע. נאָר איין חסרון האָט זי געהאָט — זי איז געזעסען אויף איהם, ווי אַ ווילד־פרעמדע, און גלייך ווי מיינע געדאַנקען וואָלטען געווען אָנגעשריבען אויפ'ן שטערן.

האַט מיין פריינד מיר אריינגעשושקעט אין אויהער אריין:

— ס'איז ניט זיין קאַפּאַטע. ס'אַ געליהענע. מחמת ער איז, לא עליכם, א גרויסער אביון. און דער יובילייי, וואָס מיר מאַכען איהם, איז נאַר מצד רחמנות.

— וואָס הייסט מצד רחמנות?

— אַזוי. אַ מענטש פּלאָגט זיך כל ימיו. געלט פון זיינע שרייבעכצן האַט ער ווינציג־וואָס געהאַט. כבוד — נאָך ווינציגער. לאַז ער האַטש אויף דער עלטער האָבען א ביסעל נחת־רוח, א שטיקעל יובילייי.

— רבותי! איך בעט אלע זאָלען פערנעמען די ערטער! — אַזוי האַט אויסגערופען א געלער יונגערמאַנטשיק מיט גאָלדענע ברילען און מיט א געמבע, וואָס גאַר ניט נאָך די יאָהרען.

דאָס איז געווען דער פּרעזידענט פון דער קאָמיטע, און ער האַט גענומען אַנווייזען פלינק און געשיקט יעדען אויף זיין אָרט; און אז ס'איז געקומען צום חתן־היובל, האָט ער איהם גענומען אונטער אַ האַנד און האַט איהם בעזעצט גאַנץ אויבענאַן, און ביידע זייטען האָט ער בריה'ש, אין איין און דער זעלבער צייט, אוועקגעזעצטביידע רעדאַקטוירען. דעם „קאַפּעליש“ מיט דער אַנ־„יאַרמעלקע“. וועלכע האָבען זיך אויסגעדרעהט איינער צום אַנדערען, מחילה, מיט'ן הינטערשטען חלק און האָבען אויסגעזעהען, ווי צוויי אונטערפיהרער, וואָס זענען צווישען זיך פייער מיט וואַסער, אויף מעסערשטעך.

— רבותי! — האַט דער געלער פּרעזידענט אָנגעהויבען זיין ערשט וואָרט. — רבותי! מיר האָבען זיך צענויפגעזאַמעלט דאָ היינטיגע נאַכט צו פייערען דעם יובילייי פון דעם עלטערען און גרעסערען פון אונזערע שריפטשטעלער...

— דעם „גרעסערען“? — האָט זיך אויפגעחאַפּט דער דיכטער מיט די שווארצע קודלעס. — דעם „עלטערען“ פערשטעה איך נאָך. אָבער דעם „גרעסערען“? וואָס פאַר א „גרעסערען“?

— אַ ביסעלע אַ גוזמא. — האָט איהם אונטערגעהאַלטען דער דראַמאַטורג מיט די בלויע ברילען.

— נישט קיין גוזמא, נאָר אַ חוצפה. — האָט זיך אָפּגערופען דער ראָמאַנען־שרייבער מיט די קאַלי אויגען, און דער דיכטער מיט די שווארצע קודלעס האָט אונטערגעהאַפּט אויף אַ קול:

— אַ גרויסע חוצפּה! אַ חוצפּה און אַ אידיאָטסטווע!

— איהר זענט אַליין אַ אידיאָט! — האָט שוין דער פּרעזידענט נישט געקאָנט איבערטראָגען מעהר, און דער דיכטער מיט די שווארצע קודלעס האָט אַזש אָנגעהויבען צו ציטערען פאַר כעס. מיינע אויגען האָבען זיך אוועקגעשטעלט אויפ׳ן יובילאַר נעבאך אין דער געליהענער קאַפּאָטע. זיין בלאַס פּנים איז געוואָרען נאָך מעהר בלאַס: זיינע אויגען האָבען ווי גערעדט, געבעטען זיך: „אידען! האָט רחמנות! פערשטעהרט מיר ניט מיין שמחה!״... ס׳איז אָבער געווען צו־שפּעט. סטייטש, מע האָט גענומען דעם בעריהמט־סטען פון אַלע דיכטער, וואָס פּושקין איז אָקעגען איהם אַ הונט, לערמאָנטאָוו — אַ יונגעל און היינע — אַ לץ, אַ ברחן, און מע האָט געזאָגט אויף איהם, אַז ער איז אַ אידיאָט! אויב אַזוי, טאָ נאָט זשע אייך!...

— אַצינד איז די בעסטע צייט, אַז מיר זאָלען זיך אוועק־מאַכען...

אַזוי האָט מיר מיין גוטער פריינד איינגערוימט אַ סוד גלייך אין אויהער אריין, און מיר האָבען זיך אוועקגעמאַכט.

## עפּילאָג.

אויף מאָרגען אין דער פריה בין איך געוואוירע געוואָרען, טאַקי פון מיין גוטען פריינד, אַז מיר האָבען געטהאָן גאַנץ גלייך, וואָס מיר האָבען זיך בעצייטענס „אוועקגעמאַכט״.

---

יא.

# אַ מעשה מיט אַ לויה.

איינמאָל אין דערפריה עפען איך אויף ביידע כתרילעווקער צייטונגען, דערזעה איך אויבענאָן, אויף דער ערשטער זייט, מיט אַ געדיכטען שוואַרצען ראַם אַרומגענומען, אָפּגעדרוקט אַט וואָס:

> פאַריגע נאַכט האָט כתרילעווקע געהאַט איין אונגעהויער גרויסען שאָדען. עס איז געשטאָרבען צו 52 יאָהר דער בעריהמטער שריפטשטעלער אברהם יצחק וויינגארטען המכונה א'ב'י'ו'ן'. די לויה וועט זיין היינט 12 אַ זייגער. אַלע שריפטשטעלער און ליטעראַטען זענען געבעטען צו קומען אין דער נייער שוהל צום הספד, און דאָרטען וועט בעשלאָסען ווערען, ווי אַזוי ס'זאָל זיין די לויה, און אויך ווי אַזוי צו בעוואָהרענען די אָרעמע אלמנה און די אומגליקליכע יתומים.

דאַרף מען, אַפּנים, זיך אַנטהון און געהן אין דער נייער שוהל אַריין. די „נייע שוהל" רופט מען זי נישט דערפאַר, ווייל זי איז זעהר ניי, נאָר דערפאַר, ווייל די אַלטע שוהל איז שוין צו אַלט, צו בייכיג און צו איינגעבויגען. איך בין זיכער, אַז ניט היינט איז מאָרגען — וועט זי געבען אַ פאַל אום, און עס וועט חלילה זיין אַ קאַטאַסטראָפע. ווען איך בין אַ כתרילעווקער תושב, ניט קיין גאַסט, וואָס „קומט אויף אַ ווייל און זעהט אויף אַ מייל", וואָלט איך געזאָגט, מע זאָל די שוהל אומוואַלגערען. נאָר אַזוי ווי קיין שוהל וואַלגערט מען ניט אום, וואָלט איך געהייסען, מע זאָל איבערשיטען די ווענד, אַרויפשטעלען אַ נייעם דאַך — און פאַרטיג. איז

אבער דער חסרון, וואָס דערצו דאַרף מען האָבן געלד, און קיין געלד איז ניטאָ — די אַלטע כתרילעווקער צרה! אַלסדינג האָט שוין דאָס מאָדערנע כתרילעווקע, נאָר איין זאַך פעהלט דעם נאָך — געלד. עה, ווען כתרילעווקע, צו איהר חכמה און צו איהר פּראָגרעס, האָט נאָך די מטבע אויך — טע־טע־טע!

ראשית, וואָלטען נישט געווען דאַרטען אזוי פיעל אָרעמע לייט, און דאָס וואָלט שוין געווען, מיין איך, אַ גרויסע טובה פאַר דער שטאָדט, וואָרום מיר דאַכט, אַז ס'איז גלייכער איין נגיד איידער פופציג אָרעמע לייט. איז איינס. והשנית, פון וואַנען וואָלטען זיך גענומען אזוי פיעל לעדיגגעהער, אַלערליי פּוסטעפּאַסניקעס, שקצים ורמשים און טונעיאַדצעס, וואָס וויסען נאָר שטאַרבען פון הונגער און אויסגעהן פון קעלט? אַך, הונגער און קעלט! ווען וועט שוין קומען די צייט, וואָס די צוויי מכות וועלען אויפהערען צו פּייניגען די אָרעמע מענשהייט בכלל און אונזערע אומגליקליכע כתרילעווקער אחינו בני ישראל בפרט?...

פערטיפט אין אַזעלכע אַלטרואיסטישע און הומאַניטאַרע מחשבות וועגען דער אָרעמער מענשהייט און וועגען די אומגליקליכע כתרילעווקער אידען, האָב איך דערוויל פערשפּעטיגט צו דער פערזאַמלונג אין דער נייער שוהל צום אנדענקען פונ'ם פערשטאָרבענעם שריפטשטעלער אברהם יצחק וויינגאַרטען המכונה אַ'ב'י'ו'ן', וואָרום אז איך בין געקומען, האָב איך שוין געטראָפען די שוהל פול־געפּאַקט מיט מענשען, די פערזאַמלונג איז שוין לאַנג געווען געעפענט, און איינער, אַ שריפטשטעלער, געוועהנליך, איז געשטאַנען און האָט גע'דרש'עט.

דאָס איז געווען זעהר אַ שענע, אַ ריהרענדע רעדע, אַ ריהרענדע ביז טרערען. דער רעדנער האָט מעהר נישט נאָר דערצעהלט, ווער דער נפטר איז געווען און ווי אזוי ער האָט געלעבט. דאָס הייסט, ווי אזוי ער איז געשטאָרבען, וואָרום געלעבט האָט ער, איי־גענטליך, גאָרניט.

— רבותי! — מיט די ווערטער האָט ד׳ער רעדנער פֿערענדיגט זיין דרשה — רבותי! צוויי און פֿופֿציג יאָהר נאָכאַנאַנד איז אַ מענטש געשטאָרבען. אין גיהנם האָט ער זיך געפֿונען. אין גיהנם האָט זיך געפֿונען אונזער פֿערשטאָרבענער חבר אַלע צוויי און פֿופֿ־ציג יאָהר פֿון זיין לעבען, און גע׳חלומ׳ט האָט ער פֿון אַ גן־עדן, וועלכען ער האָט כשר פֿערדיענט, נאָר ער האָט איהם ניט געהאַט. איך בין זיכער, אַז ער וועט אַריין גלייך אַהין, אין גן־עדן אַריין. דעריבער דאַרפֿען מיר איהם אָפּגעבען זיין לעצטען כבוד, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ מאַן, וואָס געהט אין גן־עדן אַריין. דעריבער בע־דאַרפֿען מיר פֿעראייביגען זיין נאָמען, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ מאַן, וואָס געהט אין גן־עדן אַריין. דעריבער בעדאַרפֿען מיר פֿערזאָרגען זיין אָרעמע אַלמנה מיט די אומגליקליכע יתומים נעבאַך, וואָס זענען געבליבען ווי אויפֿ׳ן וואַסער, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ מאַן, וואָס געהט אין גן־עדן אַריין.

די רעדע, ווייזט אויס, האָט ביי׳ם עולם שטאַרק אויסגענומען, און מע האָט דעם רעדנער לאַנג־לאַנג געפּאַטשט בראַוואָ. און דער רעדנער איז אַ פֿערשוויצטער אַראָפּ פֿון דער בימה, און ס׳איז באַלד אַרויף אַ צווייטער רעדנער, וואָס האָט איבערגע׳חזר׳ט כמעט אַלס־דינג, וואָס דער ערשטער רעדנער האָט געזאָגט. נישמעהר ער האָט דאָס געזאָגט אַ ביסעל אַנדערש און אַ סך ערגער, און דערמיט קאַלי געמאַכט דעם גוטען איינדרוק, וואָס דער ערשטער רעדנער האָט געמאַכט. פֿון דעסטוועגען האָט מען דעם רעדנער אויך גע־פּאַטשט בראַוואָ גאַנץ נישקשה׳דיג, און עס איז אַרויף אַ דריטער רעדנער און האָט איבערגע׳חזר׳ט כמעט אַלסדינג, וואָס דער צוויי־טער רעדנער האָט געזאָגט. נישמעהר, ער האָט דאָס געזאָגט אַ ביסעל אַנדערש און אַ סך ערגער, און דערמיט קאַלי געמאַכט דעם איינדרוק, וואָס דער צווייטער רעדנער האָט געמאַכט. פֿון דעסט־וועגען האָט מען איהם אויך געפּאַטשט, שוין ניט אַזוי שטאַרק, ווי די ערשטע צוויי רעדנערס, נאָר דאָך געפּאַטשט בראַוואָ. און אַז דער דריטער האָט געענדיגט, איז אַרויף אַ פֿיערטער רעדנער און

האָט איבערגע'חזר'ט כמעט אַלסדינג, וואָס דער דריטער רעדנער האָט געזאָגט, און אַזוי ווייטער, און דער עולם האָט זיי געפּאַטשט, שוואַכליך אַפּילו, נאָר דאָך געפּאַטשט בראַוואָ. ביז ס'איז געקומען צו אַ דיסקוסיע: וואָס זאָל מען טהון מיט דער אָרעמער אַלמנה און מיט די אומגליקליכע יתומים? און דאָ האָבען זיך אָנגעהויבען הייסע דעבאַטען. איינער, זעהר אַ שענער רעדנער, האָט פאָרגעלעגט, מע זאָל מאַכען אַ פאָנד, דאָס הייסט, דורך די גאַזעטען זאָל מען זאַמלען געלד, און פאַר'ן געלד זאָל מען מאַכען דער אַלמנה עפּיס אַ געשעפט, וועט זי האָבען פון וואַנען צו לעבען. דאָס איז דעם עולם געפעלען און מע האָט דעם רעדנער פאַר זיין פּראָיעקט געפּאַטשט בראַוואָ. נאָר ס'איז אויפגעשטאַנען איין אַנדערער, אויך אַ רעדנער, און געזאָגט: ניין, אַ געשעפט איז ניט גוט. וואָרום די אַלמנה איז אַ פרויענצימער און טויג ניט צו אַ געשעפט. אין צוויי יאָהר וועט זי אויפעסען דאָס גאַנצע געלד — און וואָס וועט זיין נאָכדעם? ניין, עס וועט זיין בעסער, נאָך זיין מיינונג, מע זאָל פאַר'ן צונויפגעזאַמעלטען געלד אַרויסגעבען אַלע ווערק פונ'ם פערשטאָרבענעם פּערפאַסער אברהם יצחק וויינגאַרטען המכונה אַ'ב'י'ו'ן'.

דער פּלאַן איז נאָך מעהר געפעלען, און מע האָט דעם צווייטען רעדנער שטאַרק געפּאַטשט בראַוואָ. איז אָבער אויפגעשטאַנען אַ דריטער רעדנער און האָט געזאָגט, אַז דאָס טויג אויך ניט. ס'איז דאָ אַזוי אויך געווען ביכער אויפ'ן כתרילעווקער ליטעראַרישען מאַרק, וואָס ליגען ווי אַ שטיין, קיינער קויפט זיי נישט.

— ביי אונז אין כתרילעווקע איז אַ מנהג, — האָט ער געגעבען זיין אַרגומענט — אַ מנהג פון קדמונים, אַז קיין בוך קויפט מען ניט, נאָר מע לייהט אויס איינס ביי דאָס אַנדערע און מע לייענט. כתרילעווקע ווייסט ניט פון קיין קויפען. דאָ ווייסט מען נאָר לייהען, אויסלייהען...

דער דאָזיגער אַרגומענט האָט אַרויסגערופען גאָר אַ שטאַרקען אַפּלויז, און מע האָט דעם רעדנער געפּאַטשט כמעט גאָר אָהן איין

אויפהער, ביז דער פאַרזיצענדער האָט געמוזט איינשטילען דעם עולם דורך רעכטע עטליכע קלעפּ אין טיש אריין און ער האָט אויף זיין שטאַרקער געמבע אויסגערופען:

— רבותי! אַ סוף צו דער דיסקוסיע וועגען פערזאָרגען די אלמנה מיט די יתומים פונ׳ם פערשטאָרבענעם! איך אַנערקען, אַז די דעבאַטען וועגען דער פראַגע זענען געשלאָסען. האָבען מיר שוין, הייסט עס, די אלמנה מיט די יתומים גע׳פּטר׳ט. אַצינד לאָמיר זיך קאָרשט אַ נעם טהון צום נפטר אַליין: ווי אַזוי, אויף וואָסער אופן זאָלען מיר פעראייביגען דעם אנדענק פון אונזער פערשטאָרבענעם חבר? ווער עס האָט וואָס צו זאָגען, בעט איך, ער זאָל זיך מעלדען צום וואָרט.

האָבען זיך במעט אלע אַנוועזענדע פערשריבען, און דער ערשטער, וואָס האָט געקריגען דאָס וואָרט, איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך אויסגעהוסט און אָפּגעהאַלטען אפילו אַ ביסעלע צו אַ לאַנגע, דערפאַר אָבער זעהר אַ שענע דרשה וועגען דער ביטערער לאַגע פון שריפטשטעלער בכלל און פון אידישע שריפטשטעלער אין כתרילעווקע בפּרט, און האָט געגעבען צו ערקלערען, ווי שווער און ביטער עס איז צו זיין אַ שריפטשטעלער ביי אידען אין כתרילעווקע, וואָס האָט ביי׳ם לעבען ניט קיין כבוד און ניט קיין געלד, — פערדיענט ער דעריבער, לכל הפּחות, נאָכ׳ן טוידט, מע זאָל איהם אָפּגעבען כבוד. על־כן געפינט ער, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען, מע זאָל פונ׳ם צענויפגעזאַמעלטען געלד, וואָס פאַר דער אלמנה, אראָפּנעמען אַ בעזונדערע סומע געלד אויף אַ דענקמאָל, אויף אַ מאָנומענט. דעם מאָנומענט זאָל מען אוועקשטעלען אויפ׳ן שוהל־הויף, און אויפ׳ן שפּיץ פונ׳ם מאָנומענט זאָל זיין אויסגעהאַקט דער ביוסט פונ׳ם פערשטאָרבענעם, פון מאַרמאָר, אָדער אויסגעגאָסען פון בראָנז. און אונטער׳ן ביוסט זאָל שטעהן מיט גרויסע גאָלדענע אותיות אויסגעקריצט: „דעם אונפערגעסליכען חבר אברהם יצחק ווייגאַרטען המכונה

אַ'ב'י'ו'ן' פון זיינע דאַנקבאַרע חברים".

דער דאָזיגער אויפטהו האָט, אַפּנים, גאָר שטאַרק אויסגענומען בײ'ם עולם, און מע האָט דעם רעדנער לאַנג־לאַנג געפּאַטשט בראַוואָ. נאָר איינעם איז דער פּראָעקט נישט געפעלען, שטאַרק נישט געפעלען. דאָס איז געווען דער דיכטער מיט די שוואַרצע קודלעס. ער איז אויפגעשטאַנען און האָט צעגליעדערט דעם פּלאַן פונ'ם מאָנומענט, געשאָטען פעך און שוועבעל אויפ'ן ערשטען רעדנער, געמאַכט פון איהם אַש און צעקלאַפּט זיין פּראָעקט אויף פּיץ־פּיצלעך. „ערשטענס, האָט ער גע'טענה'ט, וואו וועט מען נעמען אין כתרילעווקע אַזוי פיעל געלד? געלד, געלד און געלד! דער אלמנה געלד, די יתומים געלד, אויף אַ דענקמאָל געלד! איז איינס. און צווייטענס, וואָס פאַר אַ נייעם פּלוצים ביי אידען אַ דענקמאָל גאָר? ביי אונז זענען געווען גרעסערע מענשען, און מע האָט זיי קיין מאָנומענטען ניט געשטעלט. אַ סך מאָנומענטען געפינט איהר עפּים אין דער אידישער היסטאָריע? איז צוויי. און דריטענס, ווער וועט אייך לאָזען אין מיטען דרינען אוועקצושטעלען אין כתרילעווקע אַ סטאַטוע? מע וועט אייך געבען אַ סטאַטוע, אַז ס'וועט אייך פינסטער ווערען אין די אויגען!"...

האָט זיך אויפגעחאַפּט נאָך איינער, און דוקא פון די יונגע שרייבערס, מיט אַ געפינטעלט פּנים און מיט איין אַלטען פּידזשאַק, און האָט זיך אָנגערופען:

— אונזער דיכטער איז גערעכט, און איך וויים אפילו פאַר וואָס אונזער דיכטער איז קעגען אַ מאָנומענט (די ווייטערע ווערטער האָט ער שטאַרק צעצויגען): **ווייל ער רעכענט, אַז אויף אַ דענקמאָל איז ער פאַרהאַנד. און אַז דער ערשטער מאָנומענט קומט איהם, ווייטער קיינעם ניט!**...

מעהר האָט מען נישט בעדאַרפט. דער דיכטער מיט די שוואַרצע קודלעס איז געוואָרען אַזש בלוי פאַר כעס און האָט אויסגעשריגען: „חצוף! שייגעץ! קבצניוק! אַלטער פּידזשאַקעל!"...—

און האט זיך א לאז געגעבען מיטביידע הענד גלייך צום יונגען שרייבער מיט'ן געפינטעלטען פנים און מיט'ן אלטען פידזשאק. א גליק, וואס דער פארזיצענדער האט איהם אפגעהאלטען, ניט דערלאזט צו קיין סקאנדאל און האט געזאגט:

— געעהרטע פערזאמלונג! איך וואלט געזאגט, אזוי ווי די צייט איז שפעט, שוין נאך צוועלף, און מיר האבען דאך די לויה בעשטימט אויף צוועלף, על־כן זאל מען די דיסקוסיע וועגען א מאנומענט, אדער וועגען איין אנדער זאך, צו פעראייביגען דעם אנדענקען פון אונזער פערשטארבענעם חבר, אפלעגען אויף איין אנדערם מאל, און אצינד זאלען מיר בעסער זיך פערנעמען מיט דער פראגע וועגען דעם פאראד פון דער לויה — מי ומי ההולכים? ווער זאלען זיין די ערשטע, וואס זאלען ארויסטראגען דעם ארון מיט'ן נפטר? ווער זאל געהן פון פריהער, און ווער פון הינטען, און אזוי ווייטער? ווער עס וויל אנטייל נעמען אינ'ם פאראד, זאל זיך פערשרייבען!

האט זיך אויפגעהויבען א טומעל מיט א ליארם עד לב השמים! אלע האבען זיך א לאז געטהאן אויף צו פערשרייבען זיך. אלע האבען געוואלט זיין פון די ערשטע, וואס זאלען ארויסטראגען דעם ארון מיט'ן נפטר, אלע האבען געוואלט געהן אויף צו פריהער און קיינער ניט פון הינטען. אומזיסט האט דער פארזיצענדער געבעטען דעם עולם, מע זאל זיך בערוהיגען, אומזיסט האט ער געקלאפט אין טיש, געסטראשעט, אז טאמער ווערד ניט שטילער, אזוי שליסט ער די פערזאמלונג. דער טומעל איז געווארען וואס ווייטער אלץ שטארקער. דער עולם האט זיך געהיצט, געקריעגט זיך, געזידעלט זיך, און די אטמאספערע האט אנגעהויבען צו ווערען שוין צו געדיכט. פלוצים דערפיהל איך, ווי עמיצער ציהט מיך ביי'ם ארבעל. איך דרעה מיך אוים און דערזעה מיין פריינד. וואס האט א טבע לאכען נאכדעם און פאר זיך. ער האט געקוקט אויף מיר מיט

ערנסטע, אַ ביסעל איבערגעשראָקענע אויגען און אַ זאַג געגעבען אין אויהער אריין:

— אַצינד איז די רעכטע צייט אויפצושטעהן און ארויסגלי־טשען זיך פון דאַנען...

און איך האָב איהם געפאָלגט: איך בין אויפגעשטאַנען און האָב מיך ארויסגעגליטשט פון דאַרטען, און, ווי איך פערשטעה, האָט אין דעם ארויסגליטשען זיך געשטעקט אַ גרויסער שכל...

## עפּילאָג.

דער מנהג צו בעערדיגען אַ מענשען באַלד ווי ער שטאַרבט, ניט אָפּלעגען אויף מאָרגען, אָדער איבערמאָרגען, איז איני'ם מאָדער־נעם כתרילעווקע פערבליבען פון אַלטע צייטען עד היום הזה. דער־ריבער, אַז חברה קדישא האָט דערזעהען, אַז דער נפטר ליגט און ליגט, און זיינע חברים האָבען זיך פערזאַמעלט אין דער נייער שוהל און מע ליאַרעמט און מע פּילדערט און מע קאָן צו קיין טאָלק נישט קומען, — האָבען די שמשים דערווייל דעם בר־מנן צוגענומען, אוועקגעפיהרט איהם אויפ'ן נייעם בית־עולם, געטהאָן איהם זיין רעכט און בעהאַלטען. די יתומים האָבען געזאָגט קדיש, די אלמנה האָט עטליכע מאָל גע'חלש'ט, אַלץ ווי עס געהער צו זיין, און... ת'נ'צ'ב'ה.

---

## יב.

## „אידישיסטען“ און „העברעאיסטען“.

אַז ס'האָט אַ בלאָז געגעבען אַ ווינטעל אין כתרילעווקע און דער עולם האָט אָנגעהויבען געהן פּאַרוועדטס און פּאַדערען מאָדער־ניזם, אַלץ ווי אין דער גרייסער שטאָדט, איז געבליבען, מע זאָל

גרינגדען א חברה, מיין איך א געזעלשאפט, מיט'ן נאָמען „הזמיר", דערפאר ווייל יעדע לייטישע שטאָדט פערמאָגט א געזעלשאַפט, וואָס טראָגט דעם דאָזיגען נאָמען. דאָס איז דעם עולם געפעלען. איבערהויפט — דער נאָמען „הזמיר". א שענער נאָמען, א שען וואָרט, שטאַמט פון שיר־השירים. און מע האָט באלד אויסגעארבייט א פּלאַן, צענויפגעשטעלט איין „אוסטאַוו" מיט אלע נויטיגע סטאַ־טוטען, און ס'איז געבליבען מעהר ניט צענויפרופען א פערזאַמ־לונג — און דאָס איז אין כתרילעווקע פון די קליינע זאכען. מע דרוקט אָב איןביידע גאַזעטען איין אויפרוף: „היינט אויף דער נאַכט, אַכט אַ זייגער פּרעציז, איז אַ פערזאַמלונג דאָרט און דאָרט, איהר זענט געבעטען צו קומען" — קומט מען. און געקומען זענען ניט נאָר די קאָרפּענקעפּ, ניט נאָר די אויבערשטע סמעטענע, נאָר די גאַנצע כתרילעווקער אינטעליגענץ מיט די רעדאקטוירען פון ביידע כתרילעווקער גאַזעטען בראש.

פערשטעהט זיך, אז נישט אלע מיט א מאָל זענען געקומען, און ניט אַזוי פּרעציז, ווי מע האָט געשריבען. איטליכער איז זיך געקומען דעמאָלט, ווען ער האָט געקאָנט. ווער ס'איז געקומען זייגער אַכט, ווער זייגער נייען, ווער זייגער צעהן און ווער זייגער עלף אויך. פאַרהאַן פערשיעדענע סבות און אומשטענדען, וואָס לאָזען אייך ניט קומען צו דער צייט, איהר מעגט ווי אַזוי וועלען. צום ביישפּיעל, אז איהר האָט א קלייט און די שפע האָט זיך אייך א לאָז געגעבען אקוראט אויף דער נאַכט, ביי'ם פערשליסען די קראָם. אָדער איהר קומט אהיים און טרעפט נישט דאָס ווייב, און די קינדער שרייען וועטשערע, און איהר האָט נישט קיין געפּרעסט העמד. אָדער עס האָט זיך אייך צעריסען א שוך אקוראט אויף אַזאַ אָרט, וואָס מע זעהט ארויס דעם גראָבען פינגער. אָדער א צאָהן האָט אייך גענומען רייסען, און איהר דראַפּעט זיך אויף די גלייכע ווענט. ווער איז דאָס אימשטאַנד אויסצורעכנען אלע אומגליקען, וואָס טרעפען זיך אקוראַט דעמאָלט, ווען איהר זענט איינגעלאַדען אויף א פערזאמלונג?

פון דעסטוועגן איז מען געקומען אַלע, קיינער האָט, חלילה, נישט געפעהלט. און די פערזאַמלונג האָט זיך געעפענט אפילו שפּעטליך, נאָר געעפענט האָט זי זיך. און געעפענט האָט די פערזאמלונג נח, אונזער אַלטער בעקאַנטער נח רב יאָסעלס, פון די „קליינע מענשעלעך", דער געוועזענער איינציגער קאָרעספּאָנדענט אין כתרילעווקע און דער פאָרשטעהער פון די אמאָליגע חובבי־ציון און פון די שפּעטעריגע ציוניסטען, דער גרינדער פון א סך — א סך אַלטע און נייע חברות.

נח רב יאָסעלס, חאָטש ער איז שוין ניט קיין יונגערמאַן, חאָטש אין באָרד זענען שוין ביי איהם פאַרהאַן מעהר גרויע האָר ווי שוואַרצע, חאָטש ער איז שוין א זיידע (וועה־וועה, ווי די וועלט לויפט! מיר האָבען געקענט נח'ן נאָך אַלס בחור און דערנאָך אַלס איידעם אויף קעסט), — פון דעסטוועגען איז נח געבליבען דער זעלבער נח וואָס אמאָל. נישט געמינערט אויף א האָר. א יונגע נשמה און א אידעאַליסט. איין עהרליכער מענש, א כשר הארץ, איין עולה תמימה — איהר קאָנט מיט איהם טהון וואָס איהר ווילט, ווארום ער גלויבט אַלעמען אויף נאמנות. מיט לייב און לעבען איז ער איבערגעגעבען צו כתרילעווקע און צו איהרע חברות און גע־זעלשאַפטען. ווי אמאָל, אזוי אויך איצט, האָט ער קיין מאָל נישט אין זינען ניט זיך, ניט קיין ווייב, ניט קיין קינד, נאָר די שטאָדט און נאָר איהרע חברות און נאָר טובת הכלל. כדאי זיך בעקענען א ביסעל חאָטש מיט זיין ביאָגראַפיע. נח האַנדעלט מיט פלעשער. פלעשער זענען זעהר א וואויל געשעפט, נאָר עס געהט איהם ניט. אַלע מענשען, וואָס האַנדלען מיט פלעשער, פערדינען געלד — ער דערלעגט. מיט ווייבער געהט איהם אויך ניט. מיט'ן ערשטען ווייב האָבען איהם אָפּגע'גט שווער און שוויגער, דאָס אנדערע ווייב האָט זיך אַליין מיט איהם גע'גט, מיט'ן דריטען האָט דאָס אויך געהאַלטען ניט ווייט פון א גט, איז שוין געוועזען צו־שפּעט. און אַליץ איבער דעם, וואָס ער קהל'ט זיך און גיט אוועק דער וועלט זיין גאַנצע צייט. ס'איז גאָר א סברה, אז די אַלע דריי מאָל נדן,

וואָס ער האָט גענומען פאַר זיינע ווייבער, זענען אריין אין די חברות אריין, און א ירושה האָט ער געהאַט בעקומען פון א פעטער א בעזדעטניק (דער איינציגער בעזדעטניק אין כתרילעווקע). האָט ער די ירושה אויך אריינגעבראַקט אין זיינע קהל'שע זאַכען. בקיצור, נח איז א מענש, וואָס לעבט פאַר יענעם, ניט פאַר זיך. אז דער נייער גייסט האָט זיך אריינגע'גנב'עט קיין כתרילעווקע, האָט דאָס נח'ן פערחאַפּט מעהר ווי אלעמען, ווי א מין קרענק. עס האָט איהם גאַר דעם קאָפּ פערדרעהט, לחלוטין פער'שכור'ט. ער האָט זיך א נעם געגעבען צו דער ארבייט מיט אזא אימפּעט, גלייך ווי איהם וואָלט דאָס געגאַנגען אין לעבען, אדער, לכל הפחות, גלייך ווי איהם וואָלט דאָ געשטאַנען גליקליך צו ווערען!... דערהערט, אז שטאָדט וויל האָבען א „הזמיר“, האָט נח פערקאַטשעט די אַרבעל, זיך אוועקגעזעצט, אליין אין איין נאַכט אויסגעאַרבייט דעם „אוסטאַוו“ מיט אלע סטאַטוטען און פּאַראַגראַפען, אליין בעשטעלט א פער־זאמלונג, אליין צעשריבען בריעף אין די רעדאַקציעס און טאַקי אליין מחילה זיי אָפּגעטראַגען (נח איז קיין גרויסער איבערקלייבער, און קיין פוילער אודאי ניט), און אז דער עולם איז זיך צענויפגע־קומען, האָט נח געעפענט די פערזאַמלונג און פאַרגעשלאָגען, מע זאָל אויסקלויבען א פאַרזיצענדען. נח יאָגט זיך ניט, ער זאָל פער־נעמען דעם אויבענאָן, זיין דער פאַרזיצענדער. ער האָט דאָס פיינט. ער איז, ווי געזאָגט, ניט קיין רודף אחר הכבוד. און דאָס איז דאָך בעוואוסט פון זינט די וועלט שטעהט, אז כ ל ה ר ו ד ף א ח ר ה כ ב ו ד — ווער עס יאָגט זיך נאָך כבוד, איז ה כ ב ו ד ב ו ר ח מ מ נ ו — אנטלויפט פון איהם דער כבוד וואו דער ווייסער פעפער וואַכסט; און פערקעהרט זשע ווידער צוריק, אז כ ל ה ב ו ר ח מ פ נ י ה כ ב ו ד — ווער עס אנטלויפט פון כבוד, איז ה כ ב ו ד ר ו ד ף א ח ר י ו — יאָגט איהם דער כבוד נאָך פון הינטען און בעט זיך ביי איהם: „שוטה, וואָס אנטלויפסט דו? האָב חאָטש א ביסעלע כבוד!“... דעריבער איז קיין חדוש ניט, וואָס נח האָט אין כתרילעווקע כבוד מעהר פון אלעמען. וואו ערגיץ איין ארבייט, א

קהל'שע זאך, א שיקעניש, א לויפעניש, איין איילעניש אין איין אטהעם — איז מען מכבד דערמיט נח'ן. און נח פאלגט, טהוט פאה דריי. ער פרעגט גאר ניט איבער דאס אנדערע ווארט, פאר וואס עפים ער, פאר וואס ניט קיין אנדערער? ער ווייסט אליין, אז טהון בעדארף ער, נישט קיינער. און די איבעריגע חברה־לייט זענען מיט איהם מיינסטענס צופריעדען. און אז עס מאכט זיך א מאל, מען איז ניט אזוי צופריעדען, זאגט מען איהם, און אפטמאל מיט איין אנצוהערענישעל, מיט א שטעכווערטעל און מיט גלאט אזוי זיך א מעשה, א משל, אדער א וויץ, ווי דער מנהג איז אין כתרילעווקע, אז מע וויל יענעם דערגעהן די יאהרען. עס טרעפט א מאל, אז מע פאלט אן אויף איהם גאר מעשה שייגעץ און מע „רייבט איהם א קאלנער". פארהאן אין כתרילעווקע, ברוך השם, אזעלכע לייט, וואס יענעמס פערדיענסטען ביי קהל מיט יענעמס ווייסע האר אין בארד שפיעלען ביי זיי א גאנץ קליינע ראלע. נאר ווער רעדט פון שקצים, עזות־מחוצף־פנים'ער? מיר קעהרען זיך אום צוריק צו דער ערשטער פערזאמלונג פונ'ם ערשטען „הזמיר".

אויסגעהערט נח'ס פארשלאג וועגען אויסקלויבען א פרעזידענט, איז ארוים א שטיקעל סכסוך: עס זענען געווען א סך בעלנים. נאר וועמען אויסצוקלויבען איז ניט געווען. אין כתרילעווקע איז תמיד אזוי: ביי איין ארבייט, למשל, איז ניטא קיינער אין דער היים. אלע אויף נח'ן. קומט אבער צו א התמנות, אדער אזוי עמיצען אנטהון א כבוד, ווערד א טומעל: „מי שמך?" פאר וואס קומט איהם? און וואס עפים יענער, ניט איך? — מע פערגינט ניט! אפטמאל ענדיגט זיך עס נור מיט שטעכווערטער, און אפטמאל מיט א סקאנדאל. און א מאל מאכט זיך, אז עס דערגעהט צו פעטש אויך.

איצטיגס מאל איז דאס געשטאנען אזוי, אז עס וואלט דערצו ניט דערגאנגען. ווארום עס האט זיך געפונען א קלוגער, וואס איז געפאלען אויף א גלייכער המצאה: „דארפט איהר זיך, ברידערלעך, שפארען און קריעגען איבער'ן „מי שמך" — אמעהר אט בין איך שוין אויבענאן אייער פרעזידענט — און טהוט מיר עפיס!"

ווער איז דאָס געווען? דאָס איז געווען נישט קיין אַנדערער. נאָר דער בעריהמטער דיכטער מיט די שוואַרצע קודלעס, מיט וועלכען מיר האָבען זיך שוין אַ פּאָר מאָל בעגעגענט אין אונזערע כתרילעווקער מעשה׳לעך. דער דיכטער האָט זיך אוועקגעזעצט אויבענאָן, גאַנץ סטאַטעטשנע, טאַקי מעשה פּרעזידענט, און דערלאַנגט אַ זעץ מיט דער האַנד איבער׳ן טיש:

— חברים און חבר׳טעס!

מעהר אָבער ווי די צוויי־דריי ווערטער האָט ער נישט געקאָנט אַרויסרעדען. מע האָט איהם נישט געלאָזט. ווער? די, וועלכע זענען קענגען אידיש. זיי האָבען פיינט אידיש, וואָרום אידיש איז „זשאַרגאָן" און זשאַרגאָן איז — פע! זענען זיי אַרויס דעריבער מיט אַ פּראָטעסט:

— עברית! העברעאיש!...

דער דיכטער מיט די שוואַרצע קודלעס איז אפילו ניט פון די איבערגעשראָקענע יונגלעך, וואָס האָבען מורא פאַר אַ פּראָטעסט, פון דעסטוועגען איז ער געבליבען אַ ביסעל מטושטש. דערנאָך האָט ער זיך אַ גלעט געגעבען דאָס בייכעל, צורעכט געמאַכט דעם זשילעט און אַ זאָג געגעבען נאָך אַמאָל, גלייך ווי גאָר ניט איהם מיינט מען, נאָר שוין העכער מיט אַ טאָן:

— חברים און חבר׳טעס!...

איז געוואָרען אין זאַל נאָך אַ גרעסערער געפּילדער מיט אַ קלאַפּעריי, אַ פּייפעריי מיט אַלערליי געשרייען און קולות ביז׳ן הימעל אַריין:

— איבריט! איבריט! איבריט!

אפנים, דאָס איז געווען אײַן אַנגעשטעלטע זאַך פון פריהער. דאָס האָבען די כתרילעווקער העברעאיסטען צוגעגרייט אַ דעמאָנסטראַציע קענגען אידיש. און עס האָט ניט געהאָלפען קיין שמע ישראל. דער דיכטער האָט נעבאַך מיט בזיון געמוזט פערלאָזען דעם אויבענאָן, און זיין אָרט אויף דער טריבונע האָט פערנומען דער יונגער שרייבער מיט׳ן געפּינטעלטען פּנים און מיט׳ן אַלטען פּידזשאַ־

קעל, און אויך אליין, אויך נישט געוואָרט אויף כבוד ביז מע וועט איהם אמאָל אויסקלויבען, אויך אַ זעץ געגעבען מיט דער האנד איבער׳ן טיש און אָנגעהויבען אויף העברעאיש:

— „רבותי!“ — און ניט רבותי ווי מיר זאָגען, נאָר טאַקי „ראַבאַטאַי“, אַזוי ווי מע זאָגט דאָרטען, אין ארץ־ישראל... אַ קול האָט דער יונגער שרייבער מיט׳ן אַלטען פּידזשאַקעל דוקא אַ הילכיגס, האָט זיין „ראַבאַטאַי“ אָפּגעקלונגען ווי אַ גלאָק. נאָר וואָס דען? ווייטער פון אַט דעם וואָרט איז ביי איהם ניט געגאַנגען, מע האָט איהם נישט געלאָזט.

דאָ זענען שוין די כתרילעווקער „אידישיסטען“ ארוים מיט אַ דעמאָנסטראַציע קעגען העברעאיש. אַפּנים, אויך צוגעגרייט פון פריהער און אויך מיט די זעלבע כלים, דאָס הייסט, מע האָט גענומען ליאַרעמען און פּילדערען און קלאַפּען מיט די פיס און שרייען אויף קולי־קולות — איין אמת׳ע אָבסטרוקציע! די קולות האָבען דערגרייכט ביז׳ן הימעל. עס האָבען געציטערט די ווענד, געקלונגען די פענסטער: „מיכנאַטאַים! לאַקשענקוילעטש! אידיש! אידיש! אידיש!!!“

האָט גאָט ארייגעגעבען איינעם פון די העברעאיסטען, ער זאָל צווישען די אַלע אנדערע קולות געבען אַ וואָרף ארוים אַ באָמבע, אויסשרייען אויף אַ קול: „ט ש ע ר נ אָ ו ו י ץ!“...

דאַכט זיך, וואָס, אייגענטליך, שטעקט אַזעלכעס אין׳ם וואָרט „טשערנאָוויץ“? טשערנאָוויץ איז נישט מעהר ווי אַ שטעדטעל אין דער בוקאָווינע, אין עסטרייך, וואָס צוויי מלוכות שלאָגען זיך איצטער איבער דעם און טרייבען ארוים איינס דאָס אנדערע, — היינט געהערט עס צו איינעם, מאָרגען צו איין אַנדערען. איז אָבער פאָר די כתרילעווקער אידישיסטען, אַז מע דערמאָנט זיי דעם נאָמען „טשערנאָוויץ“, טויזענד מאָל, צעהנטויזענד מאָל ערגער, ווי אין טאַטען אריין געשאָלטען! איהר קאָנט זיי אויסוואָרפען די שענדליכסטע עבירה, איהר קאָנט זיי זאָגען וואָס אין דער קאָרט, אָבי ניט „טשערנאָוויץ“. אָט אַזאַ טבע ביי די כתרילעווקער אידי־

שיסטען. דאָס אייגענע איז אויך ביי די דאָרטיגע העברעאיסטען. ווילט איהר זאָטשעפּען אַ כתרילעווקער העברעאיסט, איהם דער־לאַנגען ביז דער זיבעטער ריפּ, זאָלט איהר איהם מעהר ניט נאָר אַ זאָג טהון איין וואָרט: „מיכנאַטאַים“ (עס וואַכסט פון „מכנסים“— הויזען). נאָר וואָס דען? איהר זאָלט זיך היטען פאַר איהם, ווארום ער קאָן אייך פּלעטען דעם מח... מאָדנע מענשען דער נייער כתרילעווקער דור. מורא'דיגע האַנאַראַווע פּאַרשוינען, גרויסע קאָפּ־ריזניקעס און ווילדע בעל־כעסנ'ס — „ספּילשליווע נאַטורען“...

הכלל, דערהערט דאָס וואָרט „טשערנאָוויץ“, האָט איינער פון די אידישיסטען, דוקא אַ שוואַכער, אַ הוסטענדיגער, נאָר אַ היציגער פּאַרשוין, ניט לאַנג געטראַכט, אַראָפּגעצויגען פונ'ם לינקען פוס אַ שטיבלעט און אַ וואָרף געגעבען פון זיך איינעם פון די העברעאיס־טען גלייך אין פּנים אריין און געטראָפען סאַמע דאָרט, וואו עס הויבט זיך אָן די נאָז, ביי דער אונטערשטער זייט פונ'ם לינקען אויג. אַ גליק, וואָס ער טראָגט ניט קיין ברילען, ער וואָלט געקאָנט בלייבען אָהן איין אויג. האָבען זיך עטליכע העברעאיסטען, זעלבסט־פערשטענדליך, אָנגענומען די קריוודע פון זייער בעלעדיגטען חבר און זענען אָנגעפאַלען אויפ'ן שוואַכען, הוסטענדיגען אידישיסט מיט פערקאַטשעטע עלענבויגענס און האָבען איהם אָוועקגעגעבען אַזאַ גאָב, אַז ווען עס מישען זיך ניט אַריין די איבעריגע אידישיסטען, וואָלט מען זייער שוואַכען חבר בעדאַרפט אַרויסטראָגען אויף אַ לייליך. פערשטעהט זיך, אַז צוליעב דעם דאָזיגען אינצידענט מיט'ן אידי־שיסטישען שטיבלעט איז שוין במילא אויסגעבראָכען אַ גאַנצע מלחמה, איין אַלגעמיינער געשלעג, אין וועלכען עס האָבען זיך ניט גענאַרט ניט די העברעאיסטען און ניט די אידישיסטען. נאָר מעהר פון אַלעמען האָט געקראָגען אונזער עהרליכער קהל'ס־מאַן און געניאַ־לער גרינדער פון חברות און געזעלשאַפטען — נח. איהם איז אַריינ־געפלויגען פון הינטען, גאָר אומגעריכט, אַ היבשע פּאַרציע. און אַלץ איבער'ן פּסוק: כל הבורח מפני הכבוד — ווער עס

אַנטלויפט פון כבוד, איז **הכבוד רודף אחריו** — יאָגט איהם דער כבוד נאָך פון הינטען פוס־טריט...

## עפּילאָג.

אזא סעקרעטאַר, ווי נח רב יאָסעל׳ס אין כתרילעווקע, איז צו זוכען. אויף אַלסדינג פיהרט זיך ביי איהם א פּראָטאָקאָל און אַלס־דינג ווערד ביי איהם פערשריבען. ער לאָזט ניט דורך קיין זאַך. דער אַמאָליגער היסטאָריקער, אז ער וועט וועלען וויסען, וואָס האָט זיך געטהאָן אין כתרילעווקע, וועט ער געבען א קוק אריין אין נח׳ס פּראָטאָקאָל־בוך, וועט ער דאָרט געפינען א גאַנצען אוצר... וועגען יענער היסטאָרישער פערזאַמלונג פון די אידישיסטען און העברע־איסטען נעמען מיר ארויס די סאַמע נויטיגסטע, ווי די געשיכטע פאָדערט עס: „....נאָך זעהר קורצע רעדעס פון די אָראַטאָרען האָבען זיך אנגעהויבען היציגע, לעבהאַפטע דעבאַטען, וואָס האָבען נישט געקאָנט ברענגען צו קיין אַלגעמיינע אַפּשליסונג, איבער די חלוקי־דעות און רייבונגען, וואָס הערשען צווישען פערשיעדענע פּאַר־טייען, און ווייל ס׳זענען ארויס חלוקי־דעות און רייבונגען וועגען שפּראַך, און ווייל די שפּראַך־פראגע איז אונפערמיידליך, איז גע־פונען געוואָרען איין איינציגער אויסוועג — מע זאָל אַנשטאָט איין הזמיר גרינדען צוויי הזמיר׳ס — איינעם א אידישען הזמיר פאר די אידישיסטען, און דעם אנדערען א העברעאישען הזמיר פאר די העברעאיסטען...“

---

## יג.

## רעפערענטען און פּאַרלעזער.

כתרילעווקע האָט ליעב ליטעראַטור, קונסט און מוזיק. נישטאָ די נאַכט, וואָס ס׳זאָל דאָרט ניט זיין וואו צו פערברענגען. ובפרט

נאך ווינטער. די נעכט זענען גרויס, נישט אלע שפּיעלען אין קאָר־טען (וועגען קאָרטען וועלען מיר רעדען איין אנדערס מאָל), ווילט זיך הערען אַ פרישׁ וואָרט. איז ניט קיין טהעאַטער, איז אַ קאָנצערט. איז אזוי איין אבענד, איז א פערזאמלונג, א פאָרלעזונג, א רעפע־ראַט מיט דיסקוסיעס, אָדער אָהן דיסקוסיעס.

מעהר פון אלסדינג האָט מען דאָרט ליעב רעפעראַטען מיט דיסקוסיעס. ווארום א רעפעראַט אליין, אז יענער לייענט, איז נישט אינטערעסאנט. ער לייענט, און איהר דאַרפט זיצען און קוקען איהם אין מויל אריין. וויבאַלד אבער אַ רעפעראַט מיט דיסקוסיעס, קאָנט איהר זיך אריינמישען, קאָנט איהר אויך עפּיס זאָגען אַ וואָרט, ווייזען, אז איהר זענט אויך ניט קיין מלופים־קינד. און ווייל איז כתרילעווקע אליין זענען דאָ ווינציג לעקטאָרס, רעפערענטען און לייענער, און ווייל אויף א כתרילעווקער לעקטאָר, רעפערענט אָדער לייענער לעגט מען דאָרט ווינציג־וואָס כבוד, איז מען זיך דעריבער נוהג, אז מע בעציהט די סחורה פון דרויסען. דאָס הייסט, מע שרייבט אויס לעקטאָרס, רעפערענטען, ארטיסטען און פאָרלעזער פון דער פרעמד.

אין דעם ענין פון קאָנצערטען, רעפעראַטען, לעקציעס און פאָר־לעזונגען קאָנקורירען ביידע כתרילעווקער „הזמיר׳ס“ מיט סכנת נפשות! שרייבען אויס די אידישיסטען אַ וועלט־בעריהמטען פאָר־לעזער, ברענגען אראָפּ די העברעאיסטען א וועלט־בעריהמטען רעד־נער. מע שמייסט זיך ווי ווייט מע קאָן. אָפטמאָל טרעפט, אַז אין איינעם און דעם זעלבען אבענד זאָלען אין כתרילעווקע זיין צוויי שמחות: א פאָרלעזער מיט א רעדנער — און די שטאָדט נעבאך ווייסט אליין נים, וואוהין פריהער צו געהן, האָטש נעם און צערייס זיך אויף צווייען! דאָס, וואָס די אידישיסטען מיט די העברעאיסטען זענען צווישען זיך צעריסען, מאַכט נים אויס. מילא, אז מען איז ברוגז אויף׳ן חזן, דעריבער דאַרף מען קיין קדוש ניט שפּרינגען? און אגב איז מען אין כתרילעווקע זעהר להוט נאך א פרישׁ וואָרט. טהוט מען וואָס מע קאָן — מע הערט אָפּ אַ ביסעל דעם און מע

לויפט הערען דעם אנדערען. מע חאַפּט א וואָרט פונ׳ם פאַרלעזער און מע לויפט הערען א ביסעל פונ׳ם רעדנער. דורכלאָזען האָט מען פיינט אין כתרילעווקע. דאָס לעבען איז אַזוי קורץ, אַז אַ מענש בעדאַרף פון אַלסדינג געניסען. ווער סע זאָל ניט קומען צופאָהרען קיין כתרילעווקע, קאָן ער זיכער זיין, אַז ער וועט, אם ירצה השם, האָבען אַ שען אוידיטאָריום און אַז דער זאָל וועט זיין געפּאַקט, נאָך מעהר ווי מע בעדאַרף, און אַז ער וועט אַרויס פון דאָרט ווי פון אַ שוויץ־באָד. כתרילעווקע קוקט־נאָך דער גרויסער שטאָדט און שטעהט ניט אָפּ, חלילה, פון דער מאָדע אויף אַ האָר. אין דער גרויסער שטאָדט איז אַ מאָדע, אַז נאָך אַ רעפעראַט, אַ לעקציע, אָדער אַ פאַרלעזונג בעדאַרף זיין א באַנקעט. אין כתרילעווקע איז אויך אַזוי. קוים האָט זיך געענדיגט דער רעפעראַט מיט דיסקוסיעס, — עס מעג זיין העט־העט נאָך האַלבע נאַכט — נעמט מען דעם מחותן, דעם רע־פערענט הייסט עס, און מע שלעפּט איהם אוועק אין א גאַרקיך, און מע זעצט איהם אוועק אויבענאָן, און מע פּראַוועט איהם דאָרט אַ באַנקעט.

כמעט, קאָן מען זאָגען, איז דער באַנקעט אין כתרילעווקע מעהר חשוב ווי דער רעפעראַט אָדער די פאַרלעזונג. דער גאַנצער עיקר איז דער באַנקעט. אויף באַנקעטען מאַכען זענען די כתרילעווּ־קער אינטעליגענטען די ערשטע אין דער וועלט. ווי נאָר מע קומט זיך צענויף נאָכ׳ן לייענען, אַזוי ווערד געקוילעט א הערינג און אַוועקגעשטעלט ביער: דער עולם פילט אַז די גלעזלעך, און עס הויבען זיך אָן טאָסטען מיט לחיים׳ס לכבוד דעם גרויסען גאַסט, וואָס ציהען זיך אוועק אַפּטמאָל ביז׳ן ווייסען טאָג אריין. אין די טאָסטען ווערען, איינגענטליך, איבערגע׳חזר׳ט און איבערגעקייעט נאָך אַמאָל פון אָנהויב אַלע פריהעריגע דיסקוסיעס, און דער גרוי־סער גאַסט מוז עס אַלסדינג נעבאַך נאָך אַמאָל אויסהערען און אַלע־מען ווידער אמאָל ענטפערען על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון. אַ מאָל, מאַכט זיך, זאָל מען דעם גרויסען גאַסט אויפ׳ן באַנקעט נעמען לויבען אין טאָג אריין, הויבען אויף דרוקעס, אוועקשטעלען

העכער פון שלמה המלך און גרעסער פון שעקספיר׳ן, להבדיל, אזוי אז דער קאפ זאל זיך איהם פערדרעהען אויף צו חלש׳ען. און א מאל, ווידער צוריק, זאל מען דעם רעפערענט אויפ׳ן באנקעט אזוי צעגליעדערען זיין רעפעראט אויף שטיק־שטיקלעך, מכבד זיין מיט אזא מין „קריטיקע", מיט אזא מין „אנאליז" און מיט אזעלכע מינים „פלפולים", אז סע זאל איהם פינסטער ווערען אין די אויגען פון אזא „כיבוד", און ער זאל ניט וויסען, וואו די טיר עפענט זיך... און א מאל זאלען זיך די בעלי הבאנקעט צווישען זיך אליין צעאמפערען, פערפיהרען א נייע דיסקוסיע מיט נייע דעבאטען און גאר אומגעריכט ארייגפאלען אין א פייערינגע מלחמה, אזוי אז דער גרויסער גאסט פאהרט אוועק פון דארט א גאנצער, איז ער איינער א גליקליכער און מעג בענשען גומל... מע מיינט ניט, חלילה, עמיצער זאל איהם דארט שלאגען אדער אזוי בעלעדיגען. נייז, דאס ניט. נאר מחמת די ארטיגע אידישיסטען מיט די העברעאיסטען פיהרען צווישען זיך א קאנקורענציע, טרעפט זיך אמאל, אז דער גאסט זאל ווערען געשעדיגט. דאס הייסט, ער זאל ארייגפאלען אומזיסט־אומנישט אין א בלאטע און זאל ניט קאנען זיך אפוואשען נאכדעם מיט קיין צעהן וואסערען.

אלס אילוסטראציע צו דעם, ווילען מיר אייך דערצעהלען א מעשה, וואס האט געטראפען אט־דא ניט לאנג אין כתרילעווקע מיט איינעם א געלעהרטען העברעאיסט און א דאקטאר־פילאזאף, וואס איז נעבאך גאט די נשמה שולדיג, וואס האט צוליעב קאנקורענציע פון די צוויי פארטיעס און איבער א אינטריגע פון די צוויי כתרילעווקער גאזעטען, ארייגעכאפט זיך אין א מיאוס׳ען עסק. מע האט אויסגעטראכט אויף איהם א ליגען, א בלבול, וואס האט זיך טאקי אויסגעלאזט נאכדעם, אז ס׳איז ניט געשטויגען, ניט געפלויגען, נאר ביז עפיס־וואס האט איהם די כתרילעווקער פרעסע גערעכט איבערגעוואשען דיביינער, געלייטערט די נשמה און געמאכט מיט דער בלאטע גלייך, און די גאנצע שטאדט האט איהם א צייט געהאלטען אין מויל — עס איז געווען בוזי־בזיונות!

ומעשה שהיה כך היה:

איינמאָל אין אַ שענעם טאָג האָבּען די העברעאיסטען אַראָפּגעבראַכט פון דער גרויסער שטאָדט אויף איין אבענד מיט דיסקוסיעס אַ בעריהמטען דאָקטאָר־פילאָזאָף, ער זאָל זיי לייענען אַ רעפעראַט מיט דיסקוסיעס. דער בעריהמטער דאָקטאָר־פילאָזאָף איז געקומען קיין כתרילעווקע, אָפּגעלייענט דעם רעפעראַט, אויסגעהאַלטען די דיסקוסיעס, איבערגעלעבט דעם באַנקעט אויך בשלום און הלך לעולמו — אוועק צוריק אהיים. וואָלט געווען גוט. וואָס טהוט גאָט? געהען די כתרילעווקער גאַזעטען און צעלעגען אויף זיעבען טעלערלעך דעם רעפעראַט פון'ם בעריהמטען דאָקטאָר־פילאָזאָף און שרייבען זיך יעדע איהר מיינונג. פערשטעהט זיך, וואָס איינער זאָגט — זאָגט דער אנדערער קאַפּויר. ווייל די „יאַרמעלקע", דער אָרגאַן פון די העברעאיסטען, האָט אָפּגעלויבט דעם גאַסט אין טאָג אַריין, איהם אָנגערופען מיט'ן נאָמען געניאַלער שריפטשטעלער, געזאָגט, אַז דענקען דענקט ער אַזוי ווי קאַנט און שפּינאָזאַ און רעדען רעדט ער אַזוי ווי בעבעל און זשאָרעס, האָט דער „קאַפּעליש", דער אָרגאַן פון די אידישיסטען, אַקוראַט פערקעהרט, געמאַכט איהם צו אַש און צו בלאָטע, איהם געקרוינט מיט אַזעלכע שענע נעמען, ווי „בטלן", „שטאַמלער", „פּלאַפּלער", „באַנק־קוועטשער", צבועק", וכדומה. „צבועק" האָט ער אָנגערופען דעם רעפערענט דערפאַר, וואָס ער האָט אין זיין רעפעראַט געזאָגט מוסר דעם עולם, למאי מען איז ניט אידישליך געגוג, למאי כתרילעווקער בחורים זיצען אין קינעמאַטאָגראַף אַהן אַ היטעל און כתרילעווקער מיידלעך טראָגען אום שבת זאָנטיקלעך, טיכעלעך, הענטשקעלעך און נאָך אַזעלכע זאַכען בפרהסיה... האָט דאָס מסתמא רעכט פערדראָסען די העברעאיסטען, און זייער אָרגאַן, די „יאַרמעלקע", איז אַרויס מיט אַ „קריטיקע" אויף די אידישיסטען און געפרעגט אַ קלאָץ־קשיא: פון וואַנען ווייסען דאָס עם־הארצים, גראָבע יונגאַטשעס, באַד־יונגען, שטיוועל־פוצער, בעל־עגלה'ס און בעהעלפערס, וואָס קאָנען ניט קיין צלם פאַר קיין אלף, צו זאָגען מבינות אויף אַזאַ גרויסען גע-

לעהרטען, אויף אזא בעריהמטען דאקטאר־פילאזאף און אויף אזא געניאלען רעפערענט ? האט זיך מסתמא דער ארגאן פון די אידי־שיסטען, דער פראגרעסיווער „קאפעליש", ניט געפוילט און האט אויף מארגען אפגעענטפערט דעם ארטאדאקסישען קאנקורענט מיט א „קריטיקע" און האט געפרעגט א קשיא אויפ'ן גרויסען גאסט, ווי אזוי שטעלט זיך דאס אוועק א איד, ער מעג זיין א גרויסער גע־לעהרטער און בעריהמטער דאקטאר־פילאזאף און א געניאלער רע־פערענט, צו זאגען פאר איין עולם מוסר, למאי מע זיצט אהן א היטעל אין קינעמאטאגראף, און למאי מיידלעך טראגען זאנטיקלעך. מיט טיכעלעך, מיט הענטשקעלעך אום שבת, בשעת ער אליין, דער גרויסער געלעהרטער, דער בעריהמטער דאקטאר־פילאזאף און גע־ניאלער רעפערענט, האט בסך־הכל צוויי שוועסטער, איז איינע א משומדת'טע און די אנדערע גלאט א גנב'טע ? . . .

פאר די העברעאיסטען איז די דאזיגע אונערווארטעטע קרי־טיקע פונ'ם אידישיסטישען „קאפעליש" געווען א מין באמבע, און זיי האבען זיך די ערשטע צייט פערלוירען. דערנאך האט מען אפגעהאלטען א פערזאמלונג מיט'ן רעדאקטאר פון דער „יאר־מעלקע" בראש, און ס'איז געבליבען, מע זאל אוועקקלאפען א דע־פעש צום רעפערענט און אנפרעגען זיך ביי איהם גאנץ אויפריכ־טיג אויף זיינע שוועסטער. נאר ווי אזוי פרעגט מען יענעם גלאט אזוי ? ווארום טאמער איז דאס איין אמת — אפשר האט ער טאקי צוויי שוועסטער, איינע א משומדת'טע, די אנדערע א גנב'־טע, — הייסט דאך עס דערלאנגט א פאטש אין פנים ! איז גע־בליבען, מע זאל ביי איהם אנפרעגען סתם טעלעגראפיש און בע־צאהלען פאר איין ענטפער: „ו ו א ס מ א כ ע ן א י י ע ר ע ש ו ו ע כ ט ע ר?" איז אוועקגעגאנגען א טאג און צוויי — נישטא קיין ענטפער! ערשט אויפ'ן דריטען טאג קומט אן א טעלעגרא־מע פון צוויי ווערטער: „ו ו א ס ע ר ע ש ו ו ע ס ט ע ר?" נע־מען די העברעאיסטען און קלאפען אוועק נאך א טעלעגראמע און אויך מיט איין ענטפער: „ א י י ע ר ע צ ו ו י י ש ו ו ע ס־

טער". געהט ווידער אוועק א טאג און צוויי, און עס קומט אן איין ענטפער: „איך האב ניט קיין שוועסטער". פוילען זיך ניט די העברעאיסטען און קלאפען אוועק א דריטען מאל א דעפעש: „אפשר זענען איערע שוועסטער געשטארבען?" קומט אן איין ענטפער, וויזט אוים, מיט בייזען שוין: „וואס ווילט איהר? איך האב קיינמאל ניט געהאט קיין שוועסטער! איך בין א איין און איינציגער".

דאס איז געווען איין אפפרישונג פאר די העברעאיסטען, ווי א גוטער רעגען אין א טרוקענעם זומער. עס איז זיי אראפ א שטיין פונ'ם הארצען. קודם כל האבען זיי אפגעדרוקט אלע דעפעשען אין דער „יארמעלקע" און צוגעגעבען א רעכטען פירוש צו די טעלעגראמען — לאז די וועלט וויסען, אויף וואס אידישיסטען זענען פעהיג. און חוץ לזה האבען זיי צענויפגענומען אלע בלעטער, וואו ס'איז געווען געדרוקט די מעשה מיט די שוועסטער, און האבען עס אוועקגעשיקט צום רעפערענט. איז דער רעפערענט, א היציגער פארשוין און א האנאריסט, געווארען שטארק אויפגעבראכט און האט אוועקגעווארפען האק און פאק און איז געקומען צופאהרען קיין כתרילעווקע און האט איינגעגעבען אויפ'ן „קאפעליש" און אויף אלע אידישיסטען איין „איסק", ארויסגערופען צום געריכט א מאסע עדות, געוואלט ארייןפאקען די חברה אין חד־גדיא אריין פאר רכילות און פאר לשון־הרע און פאר פערזענליכע בעלעדיגונג. און בבדי צו בעווייזען, אז ער איז ריין, אז ער האט ניט קיין שוועסטער, ניט קיין משומדת'טע, ניט קיין גנב'טע, און אז ער האט בכלל קיין שוועסטער קיינמאל ניט געהאט, האט ער ארויסגעפאדערט פון זיין שטאדט די מעטריקעס פון זיין גאנצער משפחה, וואס האבען ארויסבעוויזען, אז נישט נור ער איז ביי זיין טאטע־מאמע א בן־יחיד — אפילו זיין טאטע האט אויך קיין שוועסטער ניט געהאט! דאס אלסדינג האט אבער וויי־

ציג וואָס געהאָלפען צום משפט. די העברעאיסטען האָבען פער־לוירען. די ריכטער האָבען ארויסגעטראָגען אזא מין רעזאָלוציע: „אז דער בעשולדיגער זאָל האָבען שוועסטער, און יענע זאָלען האָ־בען אויסגעטראָכט אויף זיינע שוועסטער א בלבול, און דער בלבול וואָלט זיך ארויסגעוויזען פאַר א ליגען, — וואָלטען די בעשולדיג־טע בעקומען זייער שטראָף לויט'ן געזעץ. נאָר אזוי ווי דער בע־שולדיגער אליין האָט בעוויזען, און די צוגעשטעלטע פאַפּיערען בע־שטעטיגען, אז ער האָט קיין שוועסטער קיינמאָל ניט געהאַט, — קומט אויס, אז די בעשולדיגטע האָבען גערעדט לשון־הרע אויף אזעלכע, וואָס זענען קיינמאָל נישט געבוירען געוואָרען: נמצא, אז ס'איז נישטאָ קיין בעלעדיגטער. ווייבאַלד אזוי, זענען נישטאָ קיין בעלעדיגטע און קיין בעלעדיגער — און דער משפט איז בטל".

## עפּילאָג.

יענעם טאָג האָבען די העברעאיסטען מיט דער „יארמעלעקע" אפּגעהאַלטען איין עקסטרא־פערזאַמלונג, און די אידישיסטען מיט'ן „קאַפּעליש" בראש האָבען געמאַכט א קערמעשעל און גע־האַלטען דרשות א גאַנצע נאַכט, געטרונקען, געזונגען און געטאַנצט ביז'ן ווייסען טאָג אריין. ס'איז געווען דער אמת'ער „ליהודים".

---

## יד.

## ליעבהאָבער פון טהעאַטער

טהעאַטערם זענען פאַראַן אין כתרילעווקע צוויי: א טהע־אַטער פון אידישיסטען און א טהעאַטער פון העברעאיסטען. אַק־טיאָרען אָבער — נישט איינער. סיידען עס קומט אַראָפּ פון יעהופּעץ א אידישע טרופּע, א מאָל צוויי טרופּעס, שפּיעלען אָפּ א פּאָר וואָכען און, אויב זיי האָבען מיט וואָס, פאָהרען זיי אוועק אַהין, פון וואַנען זיי זענען געקומען, און אז ניט, פערזעצען זיי די זייגערלעך, די מלבושים, די דעקאָראַציע מיט'ן גאַנצען רעקוויר־

זיט. און אויב זיי האבען דאס אויך ניט, געהט מען ארוים איבער דער שטאדט מיט א פעטשיילע און מע מאכט זיי א נדבה — וואס זאל מען טהון? מע וועט דאך נישט לאזען מענשען אויסגעהן פון הונגער; מען איז דאך עפּיס אידען, צי ניין? און אז זיי פאהרען אוועק, געבען זיי זיך דאס ווארט, אז ווייל זיי וועלען לע־בען זאלען ניט זיי, ניט זייערע קינדער, ניט זייערע קינדס־קינ־דער נישט אריינשמעקען מעהר קיין כתרילעווקע. עס מעג אויף דעם קומען א שרפה, א מגפה און וואס איז דער קארט! דאכט זיך, גוט אנגעשאלטען, איא? קומט איבער־א־יאהר — ויבא המן — זיי זענען ווידער דא! אזא טבע שוין ביי די אידישע ארטיסטען. עס ציהט זיי קיין כתרילעווקע. א קשיא אויף א מעשה — טאמער וועט זיך אויסגעבען א סעזאן, וואס וועט אומ־קעהרען דעם פאראיאהריגען פערלוסט נאך מיט פראצענט? „איהר קענט נישט דאס טהעאטער־געשעפט — האט מיר אמאל געזאגט א אידישער אקטיאר, א פערשלעפּטע קרענק: — היינט איז שלעכט, מארגען קאן זיין נאך ערגער"...

און ווייל דאס אידישע טהעאטער קומט קיין כתרילעווקע נאר אויף גאסטראלען, און בענעהן זיך אהן א טהעאטער קאן מען ניט, דעריבער זענען אין כתרילעווקע פאראהן א סך אמאטערען פון קונסט, ליעבהאבער פון אידישען טהעאטער.

איך האב מורא צו זאגען, ס'זאל ניט אויסקומען שוין צו גוזמא'־דיג, צו איבערטריבען — נאר א פאקט איז עס, אז כמעט די גאנ־צע יוגענד פון כתרילעווקע זענען „ליעבהאבער". וואו ערגיץ א דער־וואכסענער בחור'על, וואו ערגיץ איין אונטערגעוואכסען מיידעל, א חתן אדער א כלה — זענען זיי „ליעבהאבער". ניט נור בחורים און מיידלעך — פאראהן יונגע לייט מיט בערדלעך שוין, אדער ווייבלעך, מאמעס פון קינדער, וואס זענען „ליעבהאבער" און שפּיע־לען טהעאטער. וואס מיינט איהר? איז טאקי אז אך און וועה צו יענעם ווייבעל, וואס איהר מאן איז א „ליעבהאבער", און א קלאג צו יענעם יונגען־מאן, וואס זיין ווייבעל איז א „ליעבהאבע־

רין"! דער יונגער־מאַן נעבאַך קומט אַהיים פון קלייט אַ מיעדער. אַ הונגעריגער, טרעפט ער ניט קיין וועטשערע, ניט קיין סאַמאָוואַר, דאָס קינד ווערד צעריסען שרייענדיג. וואָס איז די מעשה? — דאָס ווייבעל איז אַ „ליעבהאָבערין", איז זי דאָס אַוועק אויף פּראָבע, מע מאַכט רעפּעטיציע. אָדער פערקעהרט דאָס אייגענע: דער מאַן איז אַ „ליעבהאָבער", פּלאָנטערט זיך מיט'ן טהעאַטער, פערברענגט זיך די צייט גאַנץ פרעהליך. אַז ניט קיין ספּעקטאַקעל, איז אַ רעפּעטיציע, אַז ניט קיין רעפּעטיציע, איז גלאַט אַ פערזאַמלונג פון ליעבהאָבער — מע לייענט אַ נייע שטיק פון אַ כתרילעווקער דראַמאַטורג, טיילט מען פונאַנדער צווישען זיך די ראָלען, עסט מען דערנאָך וועטשערע אַלע אינאיינעם, מע נעמט צו גלעזלעך ביער, מע רויכערט פּאַפּירעסלעך — ס'איז חי געלעבט! און דאָס ווייבעל נעבאַך דאַרף זיצען אין דערהיים, וויעגען דאָס קינד, אָדער ליגען אין בעט אַ פערשמאַכטע און אַרויסקוקען אַ גאַנצע נאַכט, ווען וועט ער שוין קומען, דער געטרייער מאַן, דער „ליעבהאָבער"?

ערגער פון אַלץ איז, אַז ביידע, סיי דער מאַן, סיי דאָס ווייבעל, זענען „ליעבהאָבער"; און נאָך ערגער איז (דעמאָלט איז שוין טאַקי גאָר אַ צרה!), אַז דער מאַן מיט'ן ווייב זענען קידער־ווידער. דאָס הייסט, אַז דער מאַן איז אַ ליעבהאָבער אַ העברעאיסט און דאָס ווייבעל — אַ ליעבהאָבערין אַ אידישיסטקע, אָדער פערקעהרט, אַז דער מאַן איז אַ ליעבהאָבער אַ אידישיסט, און דאָס ווייבעל — אַ ליעבהאָבערין אַ העברעאיסטקע. קומט אַרויס דערפון אַ מאָל אַ קאָנפליקט, וואָס ענדיגט זיך מיט אַ סקאַנדאַל און מיט בזיונות.

ניט לאַנג האָט זיך געטראָפען אַ מעשה מיט אַ פּאָר־פאָלק, מאַן און ווייב, ביידע „ליעבהאָבערס", ער — אַ פערברענטער אידישיסט, אַ „קאַפּעלישיסט", זי — אַ פערברענטע העברעאיסטקע, אַ „יאַרמעלקעליסטקע".

דאָס דאָזיגע פּאָר־פאָלק איז זיך געווען אַ גאַנץ נישקשה'דיג פּאָר־פאָלק. האָבען געלעבט בשלום ושלוה כמעט אַ גאַנץ יאָהר

נאָך דער חתונה, האָבן שוין געהאַט אַ קינד אויך (אַ יונגעל). פּלוצים האָבן זיך אָנגעהויבן צווישן פּאָר־פֿאָלק מחלוקת׳ן. וואָס איז? באַשר ער וויל ניט, אַז זי זאָל גיין שפּילן אין׳ם טהעאַטער פֿון די בעלי־לאָקשענקוילעטש. „ווילסטו שפּילן, זאָגט ער, קאָן איך, זאָגט ער, בעשטיין, זאָלסט שפּילן מיט מיר אינ־איינעם, זאָגט ער, אין׳ם טהעאַטער פֿון אונזערע אידישיסטן.“ קוקט זי איהם אָן, ווי אַ משוגענעם: „וואָס עפּיס אין מיטן דרינען? די גאַנצע צייט בין איך געווען אַ העברעאיסטקע — און גאָר ניט, דו האָסט זיך ניט דערוואָרגן. איצט איז דיר מיט אַ מאָל געוואָרן ביטער. וואָס איז דער שכל?“

לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אַז דער שכל איז אַ פּראָסטער שכל: דער מאַן, דער אידישיסט, איז געוואָהרן געוואָרן על־פּי נס, דורך עפּיס אַ צעטעלע פֿון אַ העברעאיסט, אַז זיין ווייבעל, די העברע־איסטקע, האָט געפֿיהרט אַ ראָמאַן נאָך מיידעלוויז, פֿאַר־דער חתונה, טאַקי מיט איינעם אַ העברעער. האָט זיך אָנגעצונדן אין איהם אַ פֿייער, און ס׳איז געווען הימעל עפּן זיך! די גאַנצע שטאָדט האָט זיך געוויגט. ס׳איז אַוועק רעדעריין, שושקעריין, פּליאַטקעס. ס׳איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אויף דער גאַס, אין מאַרק, און סוף־כל־סוף אַריין אין דער פּרעסע, אין די כתרילעווקער גאַזעטן הייסט עס, אין׳ם „קאָפּעליש“ מיט דער „יאַרמעלקע“ — און ווי באַלד ס׳האָט זיך אַריינגעמישט די כתרילעווקער פּרעסע, האָט איהר שוין ניט וואָס זיי מקנא צו זיין.

וואָס פֿאַר אַ ראָלע, למשל, האָט דאָ געשפּיעלט די פּרעסע? גאַנץ פּשוט: אַזוי ווי דער אידישיסטישער „קאָפּעליש“ האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פֿונ׳ם אידישיסטישן מאַן, איז איינמאָל אין אַ שענעם פֿריהמאָרגן דער רעדאַקטאָר אַרויס מיט אַ פֿער־ביסענעם אַרטיקעל אונטער אַ שרייענדיגן נאָמען: „אויף כפּרות דאַרווין!“ מיר געבן דאָ איבער אַ גאַנצן שטיק פֿונ׳ם דאָזיגן העכסט־אינטערעסאַנטן אַרטיקעל, טאַקי מיט׳ן לשון, ווי ס׳איז אָפּ־געדרוקט אין׳ם פּראָגרעסיוון „קאָפּעליש“: „אָבי די געלעהרענ־

טע. די אזוי גערופענע דארוויניסטען, ווילען אונז איינשמועסען א קינד אין בויך — אז ס'איז פארהאן כלומרשט אין דער נאטור א כח, וואס הייסט אטאוויזם, וואס לויט דעם דאזיגען כח מוז א קינד זיין עהנליך צו זיינע עלטערען. עס הויבט זיך גאר ניט אן! מיר קאנען דאס בעווייזען מיט פאקטען. מיר האלטען נישט פון פוס־טע טעאריעס! מיר האבען ליעב פאקטען. אט, למשל, האט זיך גע־טראפען ניט לאנג א פאקט (ניט ביי אונז אין כתרילעווקע, חלילה,— אין איין אנדער ארט, אין יעהופעץ, האט עס זיך געטראפען). עס איז זיך געווען א פאר־פאלק, ביידע ליעבהאבער פון אידיש טהע־אטער, ער — א פייעריגער אידישיסט, זי — א פלאמפייעריגע העב־רעאיסטקע. ויהי היום, איז ביי זיי געבוירען געווארען א קינד (א יונגעל), האט מען זיך אין א יאהר ארום ארומגעקוקט, אז דאס קינד איז ניט נור קיין האר נישט עהנליך צום פאטער דעם „ליעבהאבער“, דעם אידישיסט, נאר אדרבה, דאס קינד איז צוויי טראפען וואסער עהנליך צו א פרעמדען מאנספארשוין, אויך א „ליעבהאבער“, און דוקא א העברעאיסט. און חאטש דער דאזיגער „ליעבהאבער“ דער העברעאיסט איז געווען א פרינציפיעלער געגנער פון אידיש, פונ־דעסטוועגען איז ער געווען א גאנץ אפטער איינגעהער צום וויב פונ'ם אידישיסט... דעריבער איז גאנץ מעגליך, און כמעט גאר אהן א שום ספק, אז די עהנליכקייט פונ'ם קינד, וואס דעם ליעבהאבער דעם אידישיסט'ם וויב האט געבוירען, זאל זיך נעמען דערפון, הייסט עס, וואס די ליעבהאבערין די העברעאיסטקע האט זיך פער־קוקט אויפ'ן ליעבהאבער דעם העברעאיסט... אויב אזוי, איז דאס נאך מעהר בעוויז, אז די געלעהרענטע דארוויניסטען, וואס שמו־עסען וועגען אטאוויזם, הויבען נישט אן צו וויסען ווער ס'האט זיי געשלייערט. זיי פערהאקען אייך נור דעם קאפ מיט זייערע נארי־שע טעאריעס און ווילען נישט מטריח זיין זיך א קוק טהון, וואס ביי זיי אונטער דער נאז טהוט זיך“...

וואלט עס אפשר אפגעלאפען גלאט. ווארום ווען געהט עס אן, וואס א רעדאקטאר קאכט זיך דארטען? א כתרילעווקער לעזער

ווערד ווינציג־וואָס נתפע'ל פון אזא קאָכעו זיך. ער ווייסט, אַז דאָס גאַנצע קאָכעו זיך איז ניט ווערטה איין אויסגעבלאָזען איי. איין דאָך אָבער פאַרהאַן נאָך אַ גאַזעט אין כתרילעווקע, מיט'ן נאָמען די „יאַרמעלקע", און זי, די „יאַרמעלקע", זייט זיבער, וועט שוין ניט דורכלאָזען קיין וואָרט אַפילו פונ'ם „קאַפעליש". זי, די „יאַרמעל־קע", בעדאַרף מעהר ניט נור האָבען אַ פּריטשעפּקע, ביי וואָס אַנ־צוחאַפּען דעם „קאַפעליש", וועט שוין זיין סחורה מיט אַ מ"ם! און כך הוה. ניט שפעטער ווי אויף מאָרגען אין דערפריה איז דער אָרטאָדאָקסישער רעדאַקטאָר פון דער אָרטאָדאָקסישער „יאַרמעלקע" אַרויס מיט אַ ברענענדיגען לייט־אַרטיקעל, אויך אונטער אַ שריי־ענדיג קעפּעל און אויך מיט גרויסע אותיות: „היניטישע פּאָליטיק". אינ'ם דאָזיגען אַרטיקעל גיט אַוועק די „יאַרמעלקע" אַ רעכטע פאַר־ציע איהר ביטערען קאָנקורענט, דעם „קאַפעליש", און בעווייזט, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער, אַז דער גאַנצער מיין פונ'ם כלומרשט־געלעהרטען קאָך איז געווען מעהר ניט נור צוליעב דעם, מע זאָל וואַרפען אַ חשד אויף אַ פאָר־פאָלק, טאַקי פון היע, פון כתרילעווקע גופא. חאָטש דער יעזואיט פונ'ם ראַדיקאַלען בלאַט זאָגט זיך כלומרשט, אַז דאָס האָט זיך געטראָפען ניט ביי אונז אין כתרילעוו־קע, נאָר אין יעהופעץ. „אַ מינדסט קינד — זאָגט די „יאַרמעל־קע" — אַ מינדסט קינד ווייסט ווער דאָס פאָר־פאָלק איז, און נור אַ בהמה וועט נישט טרעפען, אַז דאָס האָט מען געמיינט מעהר ניט אַז צו קאָמפּראָמענטירען נעבאָך איין אומשולדיגע פרוי, אַ כשר'ע נשמה, איין עהרליכע „ליעבהאָבערין", פאַר וואָס זי איז ניט קיין אידישיסטקע!!"...

עס פערשטעהט זיך פון זיך אַליין, אַז דערמיט האָט זיך די דאָזיגע „פּאָלעמיק" נאָך ניט געענדיגט. עס איז ערשט אַוועק אַ שרייבעניש אויף טיש און אויף בענק. ס'האָט זיך ערשט אָנגע־הויבען אָט דאָס, וואָס דער כתרילעווקער לעזער רופט אַז מיט'ן נאָמען „קריטיקע", און וואָס דער כתרילעווקער לעזער האָט אַזוי ליעב. דערווייל אָבער האָט דאָס פאָר־פאָלק נעבאָך געהאַט צו

זינגען און צו זאגען. בעקאַנטע און אומבעקאַנטע האָבען זיי אָפּ־געשטעלט, געפרעגט. וואָס הערט זיך? שכנים זענען אריינגעקומען אָנקוקען דאָס קינד, איז וועמען ס'איז געראָטען... גוטע פריינד האָבען געגעבען עצות, זיי זאָלען איינגעבען אויפ'ן „קאַ־פּעליש" פאַר רכילות, לשון־הרע און בעלעדיגונג. אנדערע האָבען בעדויערט דאָס פאַר־פאָלק. אנדערע האָבען אַ סך מעהר בעדויערט דאָס קינד. ..וואָס האָט מען צום קינד? נעבאַך איין עופה'לע! אַ גאָט'ס בעשעפעניש!"...

## עפּילאָג.

דאָס פּאַר פאָלק האָט זיך גע'גט. און אין אַ קורצע צייט אַרום האָט דאָס ווייבעל די העברעעריז חתונה געהאַט טאַקי פאַר יענעם יונגען־מאַן, דעם ליעבהאָבער דעם העברעאיסט, וואָס איהר קינד איז אַזוי עהנליך געווען צו איהם, טאַקי ממש ווי צוויי טראָפּען וואַ־סער.

# זומערדיגע ראָמאַנען

געשריבען אין יאָהרען 1915 — 1914

# זומערדיגע ראָמאַנען.

## 1.

### „ארץ־ישראל“ און „פּאַלעסטינאַ“.

פון זינט איך געדענק כתרילעווקע איז די שטאָדט געווען אַ שטאָדט, ווי אַלע שטעדט. ווינטער איז מען געזעסען ביי פערהאַקטע פענסטער, זומער — ביי אָראָפּגעלאָזטע פאָרהענגלעך און פערמאַכטע לאַדען, און אַז ס'איז געווען שטאַרק היים, און די זונן האָט שטאַרק דערקוטשעט, האָט מען זיך בעהאַלטען אין די קעלערס, ביינאַכט געשלאָפען אין דרויסען, געפּאַכעט מיט דער נשמה — און גאַר נישט. מען איז ניט געשטאָרבען. דאָס הייסט, שטאַרבען איז מען געשטאָרבען, נאָר ניט פון דער זונן, ניט פון דעם, וואָס ס'איז היים אין דרויסען. איצט, זאָלט איהר אָנקוקען, אַז עס קומט זומער, איז אַ בהלה אויף די כתרילעווקער אידען. עס ווערד זיי היים אין שטאָדט, היים און דושנע, און מע רעדט שוין גאָר וועגען לופט, וועגען „וואָזדוך“, וועגען ארויספאָהרען אויף אַ „דאַטשע“. און פאָהרען דאַרף מען דאָרט ניט גאָט ווייסט וואָרהין. זיי, די כתרילעווקער, האָבען די דאַטשע, ברוך השם, ביי זיך אונטער דער נאָז, טאַקי אין כתרילעווקע. דאָס הייסט, ניט אין שטאָדט גופא, נאָר נישט ווייט פון שטאָדט — אויף דער „סלאָבאָדקע“. דאָס איז די אַלטע כתרילעווקער סלאָבאָדקע, וואו מיר, חדר־יונגלעך, פלעגען אַמאָל, אָנגעוואָפּענט מיט הילצערנע שווערדען און מיט געפאַרבטע ראָדביקסלעך, ארויסגעהן מלחמה האַלטען, אַז ס'איז געקומען ל"ג בעומר. היינט איז די סלאָבאָדקע גאָר נישט צו דערקענען. פריהער האָט דאָס געהערט צו די גויים, היינט געהערט עס שוין צו די אידען. דאָס הייסט, געהערען געהערט דאָס היינט אויך צו די גויים, מחמת עס רעכענט זיך שוין מחוץ

לעיר, פון יענער זייט שטאָדט, טאָר דאַך דאָרט אַ איד ניט זיין. נאָר וואָהנען דאָרט זומער ביי'ם גוי אויף דער דאַטשע — דאָס מעג מען. דאָס הייסט, מעגען מעג מען ניט, נאָר אַז איהר בעצאָהלט דעם פּריסטאַוו און אַז איהר נעמט אַרויס פון אַ דאָקטאָר אַ פּאַפּיער, אַז איהר זענט קראַנק און אַז איהר בעדאַרפט האָבען „וואָזדוך", לאָזט מען אייך אַריין אין דעם פערבאָטענעם גן־עדן.

געבליבען אין כתרילעווקע איבער'ן גאַנצען זומער און דערזעהען, ווי דער עולם פּאַקט זיך אין וועג אַריין, עס שלעפּען זיך פוהרען און פוהרלעך, גאַנצע קאַראַוואַנען, פון אויבען ביז אַראָפּ מיט כל טוב: בעטגעוואַנט און טישלעך, בעטען און בעטלעך, טעפּלעך און פּאָקרישקעס, קוימענס פון סאַמאָווארען, אויבערשטע פון שטוימלעך, קישענס און פערינעס, אַלטע ווייבער און פּיצלעך קינדער — דער גאַנצער כתרילעווקער סקארב. — האָט מיך אויך אָנגענומען אַ יצר־הרע: איך וויל אויך פאָהרען אויף אַ דאַטשע. האָב איך געדונגען אַ פוהרעל און בין אַוועק אויף דער סלאָבאָדקע.

פאָהרענדיג, פרעגט מיך אפרים דער בעל־עגלה, יאַנקעל בולגאַטשעס איין אייניקעל, אַ בחור מיט אַ ווייסער מאַנישקע און מיט שטיוועלעטען, וואוהין וויל איך פאָהרען: קיין „ארץ־ישראל", אָדער קיין „פּאַלעסטינא"?

— פריהער קיין „ארץ־ישראל", דערנאָך קיין „פּאַלעסטינא"...

דאָ מוז מען איבעררייסען און געבען צו דערקלערען דעם לעזער, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין „ארץ־ישראל" און וואָס פאַר אַ „פּאַלעסטינא"? — דאָס איז אַזוי פשוט, אַז נאָכדעם, ווי מע וועט עס אייך געבען צו פערשטעהן און איהר וועט דאָס צעקייען, וועט איהר אַליין זאָגען, אַז אַנדערש האָט עס ניט געקאָנט הייסען. אַזוי איז געווען די מעשה: פריהער האָבען אָנגעהויבען אַרויסצופאָהרען אויף דער סלאָבאָדקע זיך בעזעצען אויפ'ן זומער, געוועהנליך, די רייבערע, די „פני", די אַזויגערופענע כתרילעווקער אַריסטאָקראַטען; דערנאָך — די מיטעלמעסיגע בעלי־בתים, און דערנאָך—

שוין די אָרעמערע, די סאַמע הישטשע; און ס'איז געוואָרען אויס גוייִשע סלאָבאָדקע, נאָר אַ אידישער ישוב, און מע האָט דאָס דעריבער אַ נאָמען געגעבען „ארץ־ישראל". וואָס ווייטער האָבען כתרילעווקער אידען אָנגעהויבען פאָהרען שטאַרקער און שטאַרקער, „ארץ־ישראל" איז געוואַכסען, און עס האָט אָנגעהויבען ווערען ענג. האָבען זיך די נגידים גענומען אָפּרוקען פון דער סלאָבאָדקע אַלץ ווייטער און ווייטער, טיעפער אין דאָרף אַריין, העכער אַרויף, אויף יענער זייט באַרג, און מיט דער צייט איז פון דער סלאָבאָדקע געוואָרען צוויי סלאָבאָדקעס: די אַלטע סלאָבאָדקע, וואו די קבצנים זיצען, „ארץ־ישראל", און די נייע סלאָבאָדקע, וואו די אַריסטאָקראַטען, די נגידים הייסט עס, זיצען, וואָס מע האָט דאָס געקרוינט מיט'ן נאָמען „פּאַלעסטינא". דאָס הייסט, טאַקי ארץ־ישראל, נאָר פּאָרט ניט ארץ־ישראל. „פּאַלעסטינא" איז מעהר מאָדערן, מעהר אַריסטאָקראַטיש.

פערשטעהט זיך, אַז אין „פּאַלעסטינא" איז אַ סך שענער, ווי אין „ארץ־ישראל". אין „פּאַלעסטינא" זעהט איהר שוין נייע הייזלעך, הויפען מיט געפאַרבטע שטאַכעטען, רייכע סעדער, גרינע גערטנער, שמעקענדיגע בלומען — מעשה דאַטשע. אין „ארץ־ישראל" איז דאָס שוין נישטאָ. אַ גוייִש שטיבעל, מיט שטרוי געדעקט, פון אינווענינג און פון אויסווענינג אויסגעשמירט מיט גרויען לעהם, און סע שמעקט מיט מיסט און מיט קוה און מיט זויערטייג, אַ הוי־פעל, ווי אַ זשמעני די גרויס, אַ שטעלכעל פאַר חזירים, אַ האָהן שפּאַצירט אַרום מיט היהנער, און קראָפּיווע מיט שטעכעלקעס מיט בוריאַן, הויך געוואַכסען — אָט דאָס איז דער גן־עדן פון'ם כתרילעווקער דאַטשניק אין „ארץ־ישראל". און מען איז צופריעדען פונדעסטוועגען, — אַבי גאָט העלפט, מע קאָן בעצאָהלען דעם גוי פאַר דער דאַטשע און ס'איז נאָך דאָ וואָס צו עסען אויך, שעפּט מען תענוג און מע טהוט זיך אָן כל הפערגעניגענס שבעולם: די ווייבער קאָכען אָפּ דעם קאַלטען באָרשט, „שטשאַוו" רופט מען עס, און שטעלען דעם סאַמאָוואַר מיט שטעקלעך, מיט שפּענד־

לעך און מיט פערטריקענטע בוזשיקעס, מע פערשפארט קויהלען. און די מאנסבילעןווארפען אראפ די קאפאטעס, זעצען זיך אוועק גאנץ שען אויף דער הוילער ערד, מע קוקט ארויף אין אנגעגליהטען הייסען הימעל אריין און מע פיהלט עפּיס א מאדנעם ריח, א ריח, וואס מע האט איהם קיינמאל אין שטאדט ניט געפיהלט נאך. היינט די קינדער? פון קינדער שמועסט מען ניט. פאר אידישע קינדער עפענט זיך דאך גאר א נייע וועלט, אז עס קומט זומער אויף דער דאטשע. און נישט איין וועלט, נאר טאקי אלע דריי הונדערט צעהן וועלטען! א קליינינקייט גראז! א ווערטעלע קראפּיווע! א שפּיעלעכעל קנאקעלקעס! און בעזימער? און בוזשיקעס? און גרינע אגרעסען? און רויטע ווייםפערלעך? און געלע סאנישניקעס? און ווייסע פליטערלעך? און וואס איז ווערטה אנצוקוקען קליינע היהנדעלעך, נאר-וואס אויסגעפּיקטע פון די אייער? און יונגע קאטשקעלעך, א שטייגער, וואס אז זיי געהען קאטשען זיי זיך, ווי א כתרילעווקער נגידית'טע און מיוחסת שבת ביי טאג, אז זי געהט אויפ'ן שפּאציער? און דאס, מיינט איהר, איז גאר ניט, וואס מע קאן אין מיטען גאס אננעמען פולע זשמעניס מיט שטויב און מאכען „חושך של מצרים“? און דער טעם פון נאכלויפען נאך א פולען וואגען מיט נאר-וואס אפגעשניטענע ברויט און ארויסשלעפען א פאר זאנגען פון הינטען — א מכה זאל דער גוי וויסען? היינט די סאזשעלקע, וואס מע קאן דארטען טהון עטליכע זאכען מיט א מאל: אי פיש חאפּען, אי באדען זיך, אי שווימען, אי עפּיס נאך?... דער עיקר איז דאס באדען זיך. מע וואלט זיך געקאנט דארטען באדען און באדען, פּאליאסקען זיך גאנצע טעג, ווען ניט די שקצים'לעך, ימח שמם, וואס קלויבען זיך צענויף אקוראט דעמאלט, ווען אידישע קינדער האבען אראפּגעווארפען פון זיך די ארבע-כנפות'לעך, האלטען שוין כמעט ביי די הויזלעך, — הויבען אן די שקצים'לעך צו לאכען און צו ווארפען מיט שטיינדלעך און הוקען און טיוקען און שרייען: „העי, זשידאטשקי! לייבסערדאקי! ציצעלע! העי!“

און אידישע קינדער האָפּען זיך אָנצוטהון, ציטערען, ווי די אָנגעשראָקענע שעפּ'לעך. דער מאַמעס מילך ווערד ביי זיי פער־קיהלט אינוועניג אין די בייכלעך.

---

זיצען זומער אויף אַ דאַטשע, אחוץ וואָס ס'איז אַ תענוג, איז דאָס נאָך אַ גדלות אויך: „וואוהין רעכענט איהר היינטיגען זו־מער, אם ירצה השם, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבען, ארויס־פאָהרען אויף דער דאַטשע, שרה־ברכה קרוין?“ — „איך רעכען היינטיגען זומער, אם ירצה השם, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לע־בען, זיך באַזעצען ביי מיקאָלע חזיר אין „ארץ־ישראל“. און איהר, חנה־מירעל סערדצע, זאָלט איהר מיר געזונד זיין, וואו רעכענט איהר זיך באַזעצען היינטיגען זומער, אם ירצה שם, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבען?“ — „איך רעכען, שרה־ברכה קרוין, היינטי־גען זומער, אם ירצה שם, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבען, זיך באַזעצען אויך אין „ארץ־ישראל“, ביי האָווריליכע די שכור'טע — זי האָט זעהר אַ וואוילע דאַטשע“...

אַט אַזוי שמועסען זיך אוים צוויי בעל־הבית'טעס אין כתרי־לעווקע און טאַפּען זיך ביי די גווידערם און קוקען איינס אויף דאָס אַנדערע מיט גרוים גדלות, גלייך ווי דאָס וואָלטען געווען צוויי יעהור־פּעצער דאַמעס, וואָס האָבען אַלסדינג און עס געהט זיי מעהר ניט אָפּ, נאָר אַ דאַטשע.

---

## 2.

## ווער זענען זיי?

פרייטאָג איז געווען די געשיכטע, אין סאַמע ברען פון דאַ־טשע־סעזאָן. די היץ איז געווען מיט סכנת־נפשות. כתרילעווו־קער אידען האָבען זיך געאיילט קיין „ארץ־ישראל“ אויף שבת.

זיך געשטופּט און געשפּאַרט און געקוועטשט און געריסן זיך צו אַברהמעל דעם קאַלײשטשיק אין פורגאָן אַרײַן, געקראַבן קאָפּ אויף קאָפּ און ממש געשלאָגן זיך פאַר די ערטער. אַברהמעל׳ס „קאַלײ־קע“ — דאָס איז אַ פּראָדוקט פון כתרילעווקער פּראָגרעס, פון כתרי־לעווקער מאָדערניזם. בעצם אָבער איז דאָס אַ פּראָסטער וואָגן, אַ געוועזענע בויד, וואָס מע האָט אַרונטערגעריסן דאָס ביידעל, אַוועקגעשטעלט אין דער לענג פונ׳ם וואָגן, אײנע אַקעגן דער אַנדערער, צוויי לאַנגע בענק און — ויקרא שמו בישראל „קאַלײקע“. דאָס איז געווען טאַקי אַברהמעל׳ס אויפטהו. ער האָט דאָס אויס־געטראַכט און ער עקספּלאָאַטירט עס עד היום הזה — ביז היינטיגן טאָג.

אַברהמעל אַליין, דער קאָנדוקטאָר און דער בעל־הבית פון דער „קאַלײקע“, איז זיך געשטאַנען תחילת ביי דער זייט, מיט אַ פּאַ־פּיראָסעל אין מויל, גאַנץ רוהיג און מיט פערגעניגן צוגעקוקט, ווי אַזוי אידען שלאָגן זיך איבער זיין „קאַלײקע“. פונ׳ם פער־רוקטען היטעל אַרויף האָט אַרויסגעקוקט זיין „רייטער, געקנײטש־טער, רויטער, שטאַרק־פערשוויצטער שטערן. איין האַנד האָט ער פערלעגט אַהינטער, איין אויג איז ביי איהם געווען צו, דאָס אַנ־דערע האַלב געשמייכעלט, גלייך ווי ער וואָלט וועלען זאָגן אויף בעל־עגלה־שפּראַך:

— שטופּט זיך, אידעלעך, שלאָגט זיך, רייסט זיך, בייסט זיך. לאָס איך נור אָקאָרשט אויסרויכערן אָט דאָס דאָזיגע פּאַפּיראָ־סעל, וועט שוין אַ רוח אין אייער פּאַרענט און מיטען אַריין און ס׳וועט קומען אַ גוטע חלירע אויף אייער טאַטען!

און כך הוה. אויסגעשפּיגען דאָס לעצטע שטיקעל פּאַפּיראָס, האָט ער פערקאַטשעט די אַרבעל און אַ נעם געגעבן זיך צו די פּאַסאַזשירען — מאַכען אַ „פּאָראַנדעק“ אין דער „קאַלײקע“. שטיל, אָהן ווערטער און גאָר אָהן שום צערעמאָניעס, האָט ער גענומען שלעפּען וועמען פאַר אַ האַנד און וועמען פאַר אַ פוס פון דעם פורגאָן אַרויס, וואַרפען זיי אַראָפּ פון דער „קאַלײקע“, גלייך ווי דאָס

וואָלטען געווען ניט קיין לעבעדיגע מענשען, נאָר טויטע זעקלעך קאַרטאָפּליס, חריין אָדער מעהרען. גאָר ניט זיין עסק — איהר מעגט איהם זידלען, איהר מעגט איהם שעלטען. וואָס הערט ער אייך? דאָ איז ער בעל־הבית. און ניט נור בעל־הבית, ער איז דאָ קייסער. און ניט נור קייסער אַליין, נאָר אַ „פּאָמאָדער־זשעץ" — אַ זעלבסטהערשער. ווארום ער איז איינער. די „קאָ־לייקע" — דאָס איז זיין אידעע. ער האָט דאָס צוגעטראַכט און דורכגעפיהרט, און ער האָט פאַר קאָנקורענץ קיין מורא ניט, וואָ־רום — אַנו, לאָז עמיצער פּרובען איהם נאָכמאַכען! קיינער וועט ניט וואַגען זיך זאַטשעפּען מיט אַזאַ שייגעץ, ווי אברהמעל. איז איינס. און צווייטענס, וואָס ווען מהון צוויי „קאָלייקעס", אַז איין „קאָלייקע" געהט אויך אַ גאַנצע וואָך לעדיג, אויסער ערב שבת? דעריבער איז זיך אברהמעל פעסט מיט זיין פרנסה, האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט, סיידען פאַר גאָט. נאָך אַ מינוט — און אברהמעל דער קאָנדוקטאָר איז שוין ביי זיך אויף דער קעלני. אַ ציה מיט די לייצעס, אַ שמיץ מיט דער בייטש, אַ קנאַק מיט דער צונג — און די שטאַרק בעזעצטע „קאָלייקע" געהט שוין. פאַר־פאַלען. די איבערגעבליבענע פּאַסאַזשירען נעבאַך וועלען מסתמא מוזען וואַרטען, ביז ער וועט זיך אומקעהרען צוריק נאָך אַ מאָל פון „ארץ־ישראל" קיין כתרילעווקע, און די, וואָס האָבען נישט קיין געדולד צו וואַרטען, וועלען אַ ברירה האָבען נעמען די פיס אויף די פּלייצעס און — מאַרש צו פוס קיין „ארץ־ישראל" אויף שבת.

און אָט סאַמע אין דער מינוט, וואָס די שטאַרק־בעזעצטע „קאָלייקע" האָט זיך געריהרט פון אָרט, זענען אויסגעוואַקסען, ווי פון אונטער דער ערד, נאָך אַ פּאָר פּאַסאַזשירען, אַ אידינע מיט אַ מיידעל. די אידינע — אַנגעלאָדען פון אויבען ביז אַראָפּ מיט קוישלעך און מיט פּעקלעך. דאָס מיידעל — אין אַ היטעלע מיט אַ זאָנטיקעל און מיט אַזשורנע הענטשקעלעך אויף די הענד. די אידינע — פערשוויצט און פערשלומפּערט, פערטאַרעראַמט און צעטראָגען, מיט אַ רויט פערברענט פנים, ווייסט ניט אויף

וואַסער וועלט זי איז. דאָס מיידעל — אויסגעפּוצט, ווי אַ פּאַניענ־קע, געהט שמאָלע טריטלעך, איבער איהר שמאָל קליידעל, פון וואַנען עס זעהען זיך אַרויס די לאַקירטע קאַמאַשען אויף אַזעלכע הויכע אַבצאַסען, אַז ס'איז שווער צו פערשטעהן, ווי אַזוי זי האַלט זיך אויף די פיס.

נישט קוקענדיג דערויף, וואָס די „קאַלייקע“ האָט געריהרט פון'ם אָרט, האָט זיך די פערהאַוועטע פערטאַרעראַמטע אידי־נע מיט איין האַנד אַנגעהאַפּט אין'ם געהענדיגען וואַגען, און ניט געוואוּסט, וואָס זי אַליין איז געשטאַנען אין אַ סכנה אויף דער'הרג'עט צו ווערען, האָט זי נאָך מיטגערופען דאָס אויסגעפּוצטע מיידעל, נאָכגעשריען צו איהר פון דער ווייטען:

— גיכער, אסתר'על, גיכער! חאַפּ זיך אָן מיט דער האַנד אָן דער „קאַלייקע“, ווארום מיר קאָנען נאָך פאַרשפּעטיגען!

און צום בעל-עגלה האָט זי זיך אָנגערופען:

— רב אברהמעל! גאָט איז מיט אייך! וואָס פליהט איהר אַזוי? ביז שבת איז נאָך ווייט — איהר'ט נאָך איינפאָהרען!

אברהמעל דער בעל-קאַלייקע האָט ניט נור קיין חשק געהאַט אָפּצושטעלען דעם וואַגען — אדרבה, ער איז נאָך אַריין אין אַמ־ביציע — בעל-עגלה'שע אַמביציע איז געפעהרליך! — און ער האָט אַ ציה געגעבען בּיי די לייצעס, און די אידינע האָט ער מכבד גע־ווען מיט אַ פיינעם יברכך, אויסגעגאָסען כל חמתו אויף גאַנץ כתרילעווקע:

— בּראש חאַפּט זיי אַוועק דער רוח, אַז עס קומט פרייטאָג! אַ גאַנצע וואָך קוקט מען ניט אָן קיין פאַרשווין אין די אויגען! אַ שטאָדט — ברענען זאָל זי אויפ'ן פייער! וויאָ, מאַאַי וואָראָ־בייטשיקי, קומען זאָל אַ גוטע חלירע אויף אייער טאַטען!

און ער האָט דערלאַנגט מיט דער בייטש די „וואָראָבייטשי־קעס“, זיי זאָלען מאַכען פיס, און טאַקי מיט דער אייגענער בייטש, וואָס ער שמייסט די „וואָראָבייטשיקעס“, האָט ער דערלאַנגט דער

איינגעגעסענער אידינע איבער דער האַנד, געגעבען איהר אַנצוהע־רעניש, זי זאָל אָפּלאָזען דעם „פּורגאָן“.

דערמיט וואָלט זיך אפשר דער אינצידענט געווען געענדיגט. האָט זיך אָבער אין דער „קאַלייקע“ געפונען אַ „קאַוואַליער“, אַ יונ־גערמאַן אין ווייסע הויזען מיט אַ ברייטען געלען פּאַס, פון וועלכען עס האָט זיך אַרויסגעבאַמבעלט אַ לעדערן קייטעל מיט אַ שטאָלע־נער פּאַדקאַווע; אויף די פיס ווייסע שיך. אויפ׳ן קאָפּ אַ קליין שטרויען קאַפּעלישעל, און דאָס פּנים אינגאַנצען געראַזירט, ווי ביי איין אַרטיסט, און מורא׳דיג פערשוויצט. אין איין כהרף־עין האָט דער דאָזיגער יונגערמאַן בריה׳ש געגעבען אַ שפּרונג־אַרויס פון דער „קאַלייקע“, מיט גרויס מסירת נפש אַרויפגעשטופּט אויף דער „קאַלייקע“, גלייך צו די איבעריגע פּאַסאַזשירען אויף די פיס. פריהער די אידינע, דערנאָך דאָס מיידעל. דערנאָך האָט ער אַליין אויך געוואָלט אַרויפזעצען זיך, האָט אברהמעל דער בעל הקאַלייקע איהם אָפּגעהאַלטען. דער בעל־עגלה איז געווען אַזוי אויפגערעגט אויף דער עובדה פון׳ם געגאַלטען קאַוואַליער מיט די ווייסע הוי־זען און מיט דער שטאָלענער פּאַדקאַווע, אַז ער האָט נישט געקאָנט איינזיצען מעהר אויף דער קעלני. האָט ער מיט אַ שטאַרקען „טפּררו“ אָפּגעשטעלט די פערדלעך, האַסטיג אַראָפּגעשפּרונגען פון דער „קאַלייקע“ און איז צוגעגאַנגען גלייך צום יונגענמאַן מיט דער שטאָלענער פּאַדקאַווע, און בשעת מעשה האָבען איהם די אויגען געברענט, דאָס פּנים געפייערט און דער פערשוויצטער שטערן איז געוואָרען נאָך מעהר פערשוויצט.

דער יונגערמאַן, דער העלד, האָט, אַפּנים, פערשטאַנען, אַז דאָס וועט איהם גלאַט ניט אָפּלויפען. האָט ער זיך גייציג אָוועקגעשטעלט אַקעגען דעם בעל הקאַלייקע, גרייט אָנצונעמען דעם אַרויסרוף. אויך די פּאַרשוינען פון דער „קאַלייקע“ האָבען אַרויסגעזעהן, אַז דאָ וועט עפּיס פּאַרקומען אַ שענע זאַך, האָבען זיי זיך צוגעגרייט צו אַלסדינג און דערוויל בעטראַכט די צוויי העלדען, דעם בעל־עגלה מיט דער בייטש און דעם יונגענמאַן מיט דער פּאַדקאַווע, ווי זיי

שטעהען דאָס אַזוי אַנגעדרודעלט איינס אויף דאָס אַנדערע, ווי די העהנער, און שמועסען זיך אויס אין קורצע, נאַר אין שאַרפע ווערטער.

דער דאַזיגער שמועס איז אַזוי הויך־אינטערעסאַנט און פּאַסט זיך שטאַרק צו אַ ראָמאַן, אַז דער גאַנצער דיאַלאָג מוז איבערגעגעבען ווערען פּינקטליך, סטענאָגראַפיש:

אברהמעל בעל־הקאַליקע: זאָג מיר נאַר, יונגערמאַן פון דער ציעג, ווער ביזט דו דאָס, וואָס איך קען דיך ניט?

יונגערמאַן פון דער פּאַדקאַווע: וואָס געהט עס אייך אָן, ווער איך בין?

אברהמעל בעל־הקאַליקע: וואָס הייסט, וואָס געהט עס מיך אָן? דו ווייסט, מיט וועמען דו רעדסט?

יונגערמאַן פון דער פּאַדקאַווע: פאַר וואָס זאָל איך ניט וויסען?

אברהמעל בעל־הקאַליקע: וויבאַלד אַז דו ווייסט יאָ, ווער איך בין, פרעג איך דיך, וואָס ביזט דו דאָ פאַר אַ מונדערפעצער, וואָס דו נעמסט מיר ארויף פאַרשווינדלעך אויף דער „קאַלייקע" אָהן מיין וויסען? און וואָס פאַר אַ מחותן ביזט דו מיט אָט די ווייבער?

יונגערמאַן פון דער פּאַדקאַווע: וואָס פאַר אַ מחותן איך בין — איז ניט אייער עסק. איהר זעצט זיך אַוועק אויף אייער אָרט, טהוט אַ שמייס די פערדלעך און פאָהרט קיין „ארץ־ישראל"!

אברהמעל בעל־הקאַליקע: אַזוי זאָגסט דו? און איך זאָג דיר, אַז איך וועל ניט ריהרען פון'ם אָרט, ביז אָט די דאָזיגע אידינע מיט אָט דעם דאָזיגען מיידעל וועלען מיר ניט אַראָפּ פון דער „קאַלייקע"!

יונגערמאַן פון דער פּאַדקאַווע: וואָס רעדט איהר?

אַבּרהמעל בּעל־הקאַלייקע: אַט דאָס, וואָס דו הערסט! אַניט זאָל איך איינגעמען אַ מיתה משונה אַט דאָ אויפ'ן אָרט, אָדער ס'זאָל קומען אַ גוטע חלירע אויף דיין טאַטען!

יונגערמאַן פון דער פּאַדקאָווע: בשום אופן וועט איהר ניט ריהרען פון דעם אָרט, זאָגט איהר?

אַבּרהמעל בּעל־הקאַלייקע: בשום אופן ואופן!

יונגערמאַן פון דער פּאַדקאָווע: פאַר קיין געלד אין דער וועלט?

אַבּרהמעל בּעל־הקאַלייקע: אפילו פאַר קיין מיליון!

יונגערמאַן פון דער פּאַדקאָווע: און פאַר צוויי מיליון?

אַבּרהמעל בּעל־הקאַלייקע: אפילו ניט פאַר קיין צעהן מיליון!

יונגערמאַן פון דער פּאַדקאָווע: פאַר קיין צעהן מיליון אויך ניט? זייט זשע מיר געזונד און שרייבּט בּריוולעך!

און איידער דער בעל־הקאַלייקע האָט בּעוויזען צו עפענען דאָס מויל, איז שוין דער יונגערמאַן פון דער פּאַדקאָווע געזעסען אויף דער קעלני פון דער „קאַלייקע", געגעבּען אַ נעם די לייצעס צו זיך אין די הענד אַריין און מיט אַ הוק און מיט אַ פייף און מיט איין אויסרוף: „וויאָ, וואָראָבּייטשיקי, פּאַשאָל, פּאַשאָל!" האָט די „קאַלייקע" זיך געגעבּען אַ טראָג פון כתרילעווקע קיין „ארץ־ישראל" מיט אַזאַ אימפּעט און מיט אַזאַ טרייסלעניש און טראַסקעניש, אַז די פאַרשווינען האָבּען זיך געמוזט אָנחאַפּען בּיי די פּערענטשעס פון דער „קאַלייקע", און די ווייבּער האָבען אויפ־געהויבּען אַ קוויטשעריי מיט אַ געלעכטער אינאיינעם.

געקוויטשעט האָבּען די ווייבּער פאַר שרעק, זיי זאָלען, חלילה, ניט אַרויספאַלען, און געלאַכט האָט מען פון אַבּרהמלען דעם בּעל־הקאַלייקע, ווי ער לויפט עם נאָכ'ן וואָגען, מאַכט מיט דער בּייטש

און שרייט, מע זאָל אָפּשטעלען די פּערדלעך, און שעלט, אַז אַ גוטע חלירע זאָל קומען אויף עמיצענס טאַטען, נאָר קיינער הערט איהם ניט — „אַ ריינע קאָמעדיע!‟ גאַנץ „ארץ־ישראל‟ איז אַרוים אויף די דאַטשעס, בעלעגערט די „וואַרענדעס‟, צוגעקוקט די דאָזיגע „קאָמעדיע‟, ווי די „קאַלייקע‟ טראַסקעט, און עפּים אַ פּרעמזיגע „קאָמעדיע‟, ווי די „קאַלייקע‟ טראַסקעט, און עפּים אַ פּרעמ־

איצט פרעגט זיך: ווער זענען דאָס געווען די אידינע מיט'ן מיידעל? און דער יונגערמאַן פון דער פּאָדקאָווע? און וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיט זיי, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיעל מסירת נפש איינגעשטעלט פאַר זיי דאָס לעבען? די צו־ענגע גרענעצען פון אַ קאַפּיטעל געבען ניט, ליידער, די מעגליכקייט אויסצודערצעהלען אַלסדינג אויף אַ מאָל, און דעריבער מוז דער פריינד לעזער זיך אַננעמען מיט געדולד, צו לייענען די ווייטעריגע קאַפּיטלעך, ביז ס'וועט איהם אַלסדינג קלאָר ווערען.

---

.3

## דער „פּורים‟ מיט'ן „תשעה באב‟.

ווער וואָלט דאָס געקאָנט גלויבען, אַז צוליעב די גזירות, וואָס מע וועט טרייבען אידען פון די דערפער, וועט כתרילעווקע ווערען אַ כרך און די כתרילעווקער דאַטשעס, „ארץ־ישראל‟ און „פּאַלעסטינא‟, וועלען ווערען איבערפילט מיט אידען און בעריהמט אויף דער גאַנצער וועלט? ס'איז תמיד אַזוי: פון יענעמ'ס חורבן ווערד דער געבויט, פון איינעמ'ס מפּלה ווערד דער צווייטער נתגדל און פון אייער אומגליק ווער איך געהאָלפען. ס'איז אַ גאָט־זאַך. און קיינער איז אין דעם ניט שולדיג. כתרילעווקע — אודאי און אודאי ניט. כתרילעווקע האָט ניט געוואָלט, מע זאָל טרייבען די אידען

פון יעהופּעץ. נאָר אַז מע האָט זיי אַרויסגעטריבן, האָט כתרילעווקע געהעכערט דעם מקח פון דירות און קליטען. און איהרע דאַטשעס זענען געוואָרען מיט גאָלד גלייך. בעזונדער האָבען זיך געגעבען אַ הויב־אויף די דאַטשעס, וואָס אויף דער זייט באַרג, אינ׳ם אידישען טייל, וואָס הייסט „ארץ־ישראל". מע האָט אָנגעהויבען אַרויסצופאָהרען אהין אויף זומער פון יעהופּעץ און פון בויבעריק און פון דער גאָרער וועלט. כתרילעווקער אידען, די בעריהמטע וועלט־עקספּלאָטאַטאָרס, האָבען עס פערשטאַנען און האָבען בעוויזען אויסצונוצען די לאַגע על צד היותר טוב. מע האָט אָנגעהויבען אָפּדינגען גוישע שטיבלעך און עפּענען געשעפטען, צום מיינסטען קליטלעך פון באַקאַליי און פון עסוואַרג, קיאָסקען פון סאָדע־וואַסער און פון אַלערליי געטראַנקען, און עפּענען אכסניות, האָטעלען און פּאַנסיאָנען. דערהויפּט — פּאַנסיאָנען. אויף פּאַנסיאָנען האָבען זיך די כתרילעווקער אידען אַ וואָרף געגעבען, ווי די היישעריקען, און אַרויסגערופען אַ מורא׳דיגע קאָנקורענציע. דערווייל פערמאָגען מיר אין „ארץ־ישראל" אויף די דאַטשעס, אייגענטליך, נור צוויי פּאַנסיאָנען. נאָר מע שמועסט שוין פון אַ דריטען און פון אַ פיערטען און פון אַ פינפטען — די אַלטע כתרילעווקער מכה: *אַז יענעם לוינט זיך אָפּשניידען די נאָז, לוינט זיך מיר אויך.*

וויפיעל עס וועלען אַמאָל, מיט דער צייט, זיין אין „ארץ־ישראל" פּאַנסיאָנען — קאָן מען פאָראויס ניט וויסען. נאָר די צוויי פּאַנסיאָנען, וואָס „ארץ־ישראל" פערמאָגט דערווייל, זענען ווערטה צו בעשריבען ווערען אין אַ בוך, און, אויב ס׳איז אַ בעשערטע זאַך, זאָלען זיי פעראייביגט ווערען.

דער ערשטער פּאַנסיאָן געפינט זיך אין עק שטאָדט, ניט ווייט פונ׳ם נייעם אידישען בית־עולם, אויף יענער זייט בריקעל, אַקוראָט וואו עס הויבען זיך אָן די גוישע הייזער, און הייסען הייסט ער מיט אַ שענעם ראָמאַנטישען נאָמען: „*דרעקווי־קעניש*", און די בעל־הבית׳טע, וואָס האַלט דעם פּאַנסיאָן, הייסט.

אייגענטליך, אלטע, נאר רופען רופט מען זי: „ד ע ר ק ו ו י ק ע נ י ט ש ק ע". אז איין כתרילעטשקע, למשל, פרעגט ביי דער אנדערער: „וואו וואוינט איהר, פערעל קרוין?" ענטפערט זי איהר מיט א ניגון: „וואס הייסט וואו וואוין איך? איך וואוין ביי דער דערקוויקעניטשקע וואוין איך". דער נאמען איז אפילו א ביסעל צו א לאנגער און קלינגט עפּיס נישט אזוי פיין, און ניט איעדער וועט דאס אזוי גרינג קאנען ארויסרעדען: א סימן האט איהר — פּרובט אקארשט זאגען עס גיך, אין איין אטהעם: „אינ'ם דערקוויקעניש ביי דער דערקוויקעניטשקע", — וועט איהר זיך געווים פערפּלאנטען. דערפאר אבער האט דאס „דערקוויקעניש" א מעלה — די דאטשע צייכענט זיך אוים מיט איהר „ווארענדע". א גרויסע ברייטע „ווארענדע". א פעלד, ניט קיין „ווארענדע". אויף דער דאזיגער „ווארענדע", אז מע טראגט ארוים דעם סאמאוואר און מע זעצט זיך אוועק טרינקען וויסאצקי'ם טיי — איז דאך א חיות פון גאט! דריי מנינים אידען קאנען דארט טיי טרינקען. פערשטעהט זיך, ניט אלע אינאיינעם, נאר ביסלעכוויז, איינס נאך דאס אנדערע. זעהט איהר, דער פאנסיאן, וואס שטעהט אקוראט אקעגען דעם „דערקוויקעניש" און הייסט מיט א וואזשנעם נאמען: „ג ן - ע ד ן", האט שוין מחילה א פייג, ניט קיין „ווארענדע". דערפאר האט אבער דער „גן־עדן" א גארטען, וואס בעשטעהט קעגען צעהן „ווארענדעס". אינ'ם דאזיגען גארטען וואקסען אייך פון כל טוב: ציבעלקעלעך און רעטאכלעך, קנאבעל און חריין, און בוריאן און קראפּיווע, און „סאנישניקעס", וואס געבען „סעמעטשקעס" אויף א גאנץ ווינטער ביז פּסח. און אז גאט העלפט, עס גיט זיך אוים א גערעט, דערגרייכט דער בוריאן מיט דער קראפּיווע כמעט ביז דער הויך פון א מענשען, און די „סאנישניקעס" — נאך העכער פון א מענשען.

פערשטעהט זיך, אז ביידע פאנסיאנען פיהרען צוליעב קאנקורענציע א ביטערען קאמפּף. און וואס איינער רעדט אוים אויפ'ן אנדערען — מעג עס פאלען אין ים אריין. למשל, די „דערקוויקע-

ניטשקע" זאָגט אויפ'ן „גן־עדן", אַז דאָרט האָדעוועט מען די אורחים מיט „וואָזדעך", און דער „גן־עדן" זאָגט אויפ'ן „דערקוויקעניש", אַז איבער דעם, וואָס דאָרט בייסט מען זיך, שלאָפן די פּאַנסיאָנערען אַ גאַנץ זומער אין דרויסען... ס'איז אָבער נישט אמת: נישט אין „גן־עדן", נישט אין דעם „דערקוויקעניש" איז פאַרהאַן דער מין, וואָס ווערד אָנגערופען אויף זייער לשון „וואָזדעך": און בייסען בייסט מען זיך אין ביידע פּאַנסיאָנען אַזוי געשמאַק, אַז מע פערשעלט זיך דאָס געביין. אין דעם איז אָבער קיינער ניט שולדיג. דאָס איז אַ גאָט־זאַך. ווי ווענען ס'איז בעשערט. אַ מאָל מאַכט זיך, זאָלט איהר פערפאָהרען אינ'ם גרעסטען רייכסטען האָטעל אין דער וועלט, און איהר שלאָפט אָפּ אַ גאַנצע נאַכט ביז אין דער פריה — און קיינער טשעפּעט אייך ניט. און אַ מאָל זאָלט איהר זיך אָפּשטעלען אין אַ וויסטער פינסטערער אכסניה, אין אַ חדר'על די גרויס ווי אַ געהניץ, און פונדעסטוועגען זאָל מען אייך דאָרטען בעפאַלען פון אַלע זייטען, און איהר בעוואונדערט נור, פון וואַנען האָבען זיי זיך גענומען אַזוי פיעל? די חדרים אין ביידע דערמאָנטע פּאַנסיאָנען זענען נישט איבעריג גרויס און נישט איבעריג ליכטיג. דערפאַר קאָסט אייך אָבער דאָרטען דאָס לעבען ניט טהייער. מע קאָן זאָגען — וואָלוועל, טאַקי בזיל־הזול. פאַר איין דרייערל אַ וואָך, למשל, האָט איהר אייך אַלסדינג: אַ דאַטשע און אַ „וואָרענדע" און „וואָזדעך" און עסען. דאָס הייסט, עסען איז גלייבער איהר זאָלט דאָרט ניט עסען. וואָרום איהר וועט מוזען אָנקומען, זאָגט מען, דערנאָך צו די בתרילעווקער דאָקטוירים, וואָס האָבען אויך אַ טבע פון בייסען זיך... זיי, די דאָקטוירים, וועלען אייך האָדעווען מיט אַפּטייק און מיט קרייטעכצער און מיט פּראָשקעס און מיט פּילען, און סוף־כל־סוף וועלען זיי אייך אָפּשיקען אָדער קיין קאַרלסבאַד, אָדער קיין עמס, אָדער נאָך ווייטער — אין אַזאַ אָרט, וואו מע פערשפּאָרט אַ גובערנאַטאָרסקי פּאַס און מע בעדאַרף נישט גנב'ענען די גרעניץ... עד כאן בתרילעווקער פאַ־

סיאַנעז אין „אַרץ־ישראל“. איצט געהען מיר אַריבער צו די העלדען
פון אונזער זומערדיגען ראָמאַן.

* * *

די פערהאָוועטע, די פערטאַרעראַמטע אידינע, וואָס דער
יונגערמאַן פון דער פּאָדקאָווע, אויב דער לעזער קאָן זיך דערמאָ־
נען, האָט זי אַזוי העלדיש אַרויפגעזעצט צו אברהמלען אויף דער
„קאָלייקע“, — דאָס איז געווען ניט מעהר און ניט וועניגער, ווי די
בעל־הבית'טע פון דעם אויבענדערמאָנטען „גן־עדן“; און דאָס שע־
נע מיידעל מיט'ן נאָמען אסתר'על, אויב די לעזערין האַלט קאָפּ, —
דאָס איז איהר טעכטערעל; און דער העלד אַליין, דער יונגערמאַן
פון דער פּאָדקאָווע — דאָס איז זייער אורח, זייער „פּאַנסיאָנער“.
די בעל־הבית'טע פונ'ם פּאַנסיאָן „גן־עדן“ איז אַליין אַ כתרילעטש־
קע פון כתרילעווקע און הייסט מיט אַ מאָדנעם נאָמען. הייסען הייסט
זי שרה, נאָר רופען רופט מען זי שרה משה פורימ'ס. איבער וואָס?
ווייל איהר מאַן הייסט משה פורים. און זייער טעכטערעל רופט
מען הינטער די אויגען „אסתר'על שרה משה פורימ'ס“. עפּיס נישט
אַזאַ פּאָעטישער נאָמען, אמת. עס דאַרף אייך אָבער קיין חדוש
ניט זיין. פאַרהאַן אין כתרילעווקע אַ סך ערגערע נעמען. למשל,
אָט האָט איהר אַ צעטעל פון כתרילעווקער בעלי־בתים, אַרויסגע־
נומען פון א רייסטער ביי אַ ציוניסטישען פעראיין: יענקעל צע־
ריסענער, דוד ליב וויימפערלעך, חיים נעכ־
טיגערטאָג, מענדעל אַסאָרעדעבריי, בעני פּאַטש־
איהמאוים, זלמן באַרגאַראָפּ, נפתלי חאָפּ־
אַטענצעל — און נאָך אַ סך, אַ סך אַזעלכע מאָדנע נעמען, וואָס
מע קאָן גאָר אַזוי קלוג ניט זיין און פערשטעהן, פון וואַנען זיי האָ־
בען זיך גענומען?

אָט דער שרה משה פורימ'ס מאַן, דאָס הייסט, משה פורים
אַליין, איז בטבע אַ איד אַ שניידער, נאָר ווייל ער האָט אין כתרי־
לעווקע ווינציג פּרנסה, און אַזוי ווי זיין ווייב שרה איז אַ גרויסע
בריה'טע אויף קאָכען פיש, באַקען לעקאַך און פּרעגלען אייגגע־

מאַכטס, און מחמת זיי זענען שוין געזעסען אַ זומער אין „ארץ־ישראל“ אויף אַ דאַטשע, האָבען זיי אַנגעשמעקט ביי אַ בעקאַנטען גוי, אַקוראַט אַקעגען דעם „דערקוויקעניש“, אַ הויף מיט אַ גאַרטען, אַוועקגעדונגען ביי איהם דעם הויף מיט׳ן גאַרטען, אויסגעשמירט די שטוב פון אינווענינ און פון דרויסען מיט ווייסען לעהם, אויפגעהאַנגען אַ ברעטעל און אַנגעשריבען מיט גרויסע אותיות אויף אידיש:

„ש ר ה ־ מ ש ה ־ פ ו ר י ם ׳ ס ג ן ־ ע ד ן. כ ש ר“.

האָט דאָס מסתמא די בעלי־בתים פון׳ם ערשטען פּאַנסיאָן „דערקוויקעניש“ רעכט פערדראָסען. האָבען זיי געשלעפּט שרה משה פורים׳ס צום רב מיט אַ דין־תורה. זיי האָבען גע׳טענה׳ט, אַז זיי האָבען אַזוי אויך קיין פרנסה ניט, נאָר איצט איז געקומען אָט די שרה משה פורים׳ס מיט איהר „גן־עדן“ אַקוראַט אַקעגען זייער „דערקוויקעניש“ און וויל זיי גאָר אינגאַנצען צעברעכען מיט זייער פרנסה! האָט אָבער משה, שרה משה פורים׳ס מאַן, גע׳טענה׳ט, אַז ער איז אויך אַ איד און זוכט אויף אַ שטיקעל ברויט — און ווער קאָן איהם זאָגען אַ דעה, וואו און פון וואַנען ער זאָל זוכען פרנסה? אודאי, ווען דער אַלטער רב רב יוזיפעל, עליו השלום, זאָל לעבען, וואָלט ער שוין געפונען אַ סגולה, ווי אַזוי אויסצוגלייכען די צדדים. אבל על דאבדין דלא משתכחין! ניטאָ אַזאַ רב, ווי רב יוזיפעל איז געווען! איצט זענען דאָ צוויי רבנים אין כתריל‌עווקע, און ביידע קאָנען זיי ניט הויזען צווישען זיך. זיי זאָלען מיר מוחל זיין — צוויי קעץ אין איין זאַק לעבען אַ סך שענער און אַ סך לייטישער, ווי די צוויי רבנים. און דער עולם האָט פאַר זיי קיין ברעקעל דרך ארץ ניט. נאָר מיר האָבען געהאַלטען ביי די העלדען פון׳ם ראָמאַן, און פערקראַכען זענען מיר צו די רבנים. דער לעזער וועט מסתמא זיין אַזוי פריינדליך און וועט אונז מוחל זיין.

הקיצור, ביידע ווייבער, שרה משה פורים׳ס און אַלטע די „דערקוויקעניטשקע“, האָבען זיך בעגעגענט אין כתריל‌עווקע אין אַ שמאַל געסעל — דאָס איז געווען באַלד נאָך פסח, איידער דער

זומער־סעזאָן האָט זיך אָנגעהויבען—און ס'איז אַרוים צווישען זיי, זאָגט מען, זעהר אַ מיאוס'ער סקאַנדאַל... דאָס האָט אָבער אויך ניט געהאָלפען, ביז איינמאָל אין אַ שענעם פריהמאָרגען — דאָס איז געווען סאַמע אין אָנהויב סעזאָן — האָבען זיך בעוויזען אין „גן־עדן" דער גאָספּאָדין „אוראַדניק" מיט צוויי סאָלדאַטען און האָט אַרונטערגעריסען, מחילה, דאָס ברעטעל מיט דער אידישער אויפשריפט און האָט זיי נאָך געשטראָפירט מיט אַ דרייערעל, דערפאַר, וואָס זיי האָבען זיך ערלויבט אויסצוהענגען אַ אידיש שילד. שרה משה פורימ'ס האָט גאַנץ גוט פערשטאַנען, אַז דאָס איז דער „דערקוויקעניטשקע'ס" ארבייט, האָט זי בעצאָהלט דעם אוראַדניק דאָס דרייערעל מיט נאָך אַ פינפערעל און זי האָט אויסגעפיהרט איהרס: זי האָט דאָס ברעטעל אויפגעהאָנגען, און עס הענגט דאָרטען עד היום הזה. און אַז ס'איז בעשערט, אַז אַ מענש זאָל האָבען פרנסה, מעגען שונאים צעזעצט און צעשפּרונגען ווערען, וועט זיך זיי ניט העלפען. די „דערקוויקעניטשקע" האָט נעבאָך געמוזט צוזעהען, ווי אַקעגען, ביי שרה משה פורימ'ס אין „גן־עדן", איז שטענדיג פול געפּאַקט מיט אורחים און מיט פּאַנסיאָנערען, און נאָך מיט וואָסערע פּאַנסיאָנערען! אָט, למשל, נעמט דעם פּאַרשוין מיט די ווייסע הויזען און מיט דער פּאָדקאָווע — „דער גראָשען איז ביי איהם אַ ממזר; ביי אַזאַ פּאַנסיאָנער קאָן מען אָפּלעקען אַ ביינדעל, אויסקרענקען זאָל זי איהם, רבונו של עולם!" — אַזוי האָט די „דערקוויקעניטשקע" געבענטשט איהר קאָנקורענטין — און איז געווען גערעכט. שטעלט אייך פאָר, אַז דער יונגערמאַן פון דער פּאָדקאָווע איז געווען פריהער א י ה ר אורח. דאָס הייסט, ער האָט געהאָט זיך אָפּגעשטעלט אין דעם „דערקוויקעניש". נאָר דער רוח האָט איהם אַריבערגעטראָגען אַהין, אין „גן־עדן" אַריין. צוליעב וואָס, מיינט איהר? „צוליעב שרה משה פורימ'ס טעכטערעל, דער הולטייקע, פאַרברענט זאָל זי ווערען!" — מיר דריקען זיך אויס מיט'ן לשון פון דער „דערקוויקעניטשקע", פון וועלכער עס רעדט אַרוים די קאָנקורענציע. דער אמת איז אָבער ניט אַזוי. אונזער

העלדין, שרה משה פּורים׳ס טעכטערל, איז אַ מיידעל, וואָס איז מלא חן, אַ מאַמזעל, וואָס האָט געענדיגט פיער קלאַסען גימנאַזיע, לייענט אַרציבאַשעוו און רעדט רוסיש, קיין וואָרט אידיש, און טהוט ניט פון דאַנען אַהין. דעם גאַנצען „גן־עדן" האַלט אויס שרה משה פּורים׳ס נעבאַך אַליין אויף איהרע פּלייצעס. זי אַליין קאָכט און באַקט און רוימט, און דער מאַן, משה שרה משה פּורים׳ס, בעדיענט די אורחים, די פּאַנסיאָנערען, שטעהט אויס אַלע זייערע קאַפּריזען. חלילה וחס זייער טעכטערל זאָל זיי מיטהעלפען מיט וואָס ניט איז! אסתר׳על שרה משה פּורים׳ס וועט בעסער געהן אַנגעטהאָן נאָך דער לעצטער מאָדע, זיין אויסגעפּוצט ווי אַ כלה, לייענען אַרציבאַשעוו, טאַנצען „טו סטעפּ" און „טאַנגאָ" און אַלע אַנדערע מאָדערנע טענץ. הייגט איהר רעדען רוסיש? מיט איהר רוסיש רעדען וועט זי אייך פערדרעהען דעם קאָפּ אַלע בתרילעווקער בחורים, זיי פיהרען ביי דער נאָז. און מעהר פון אַלעמען האָט זי פערדרעהט דעם קאָפּ און געפיהרט ביי דער נאָז זייער פּאַנסיאָנער, דעם יונגענמאַן מיט דער פּאָדקאָווע. דער דאָזיגער יונגערמאַן איז אַליין איין אַגענט פון נעה־מאַשינעס, ניט קיין בעווייבטער, און הייסען הייסט ער מיט אַ מאָדנעם נאָמען: „תשעה־באב" — אַ ראַזן ס אַ ל אָ מ אָ נ אָ ו ו י ט ש ט י ש ע ב אָ ו ו.

גענואוירע געוואָרען, אַז ער איז איין אַגענט פון נעה־מאַשינעס און אַז ער הייסט „תשעה־באב" און אַז ער איז נאָך ניט קיין בעווייבטער, האָט „ארץ־ישראל" גע׳פּסקנ׳ט אין איין קול, אַז דאָס איז פאַר׳ן בעל־הבית פונ׳ם „גן־עדן" איין אויסגעצייכענטער שדוך, איין אמת׳ער זווג מן השמים, אַ באַשערטע זאַך פון גאָט: „ד ע ר פּ ו ר י ם מ י ט ׳ ן ת ש ע ה ־ ב א ב — חאַ־חאַ! זינט די וועלט שטעהט, איז נאָך אַזאַ גלייך פּאָרעל ניט געווען!" — און ווער שמועסט פון יענעם פרייטאָג אָן, וואָס ער איז געקומען מיט אברהמעל׳ס „קאַלייקע" קיין „ארץ־ישראל", איז דער „פּורים" מיט׳ן „תשעה־באב" נישט אַראָפּ פון דער צונג. דער יונגערמאַן פון דער פּאָדקאָווע זאָל, אַשטייגער, געווען אַרויסהעלפען שרה משה

פורים׳ס טעכטערעל פון איין אומגליק — למשל, ארויסשלעפען זי פונ׳ם טייך, אדער אראפנעמען פון דער תליה, אדער ארויסראטעווען פון גזלנים׳ס הענד, אדער גלאט מציל זיין פון א זיכערען טוידט. — וואלט דאס ניט געקאנט האבען בשום אופן דעם חן מיט דעם עפעקט, וואס ס׳האט געהאט זיין ארויפזעצען זי מיט איהר מאמע צו אברהמלען אויף דער „קאלייקע“. און דערנאך זיין ארייגפאהרען יענעם פרייטאג מיט׳ן גאנצען טראסק קיין „ארץ־ישראל“, דאס זיצען זיינס אויף אברהמעל דעם בעל־הקאלייקע׳ס קאלייארט, און אברהמעל׳ס נאכלויפען פון הינטען נאך דער „קאלייקע“ — דאס אלץ אינאיינעם גענומען האט אנגעמאכט אזא רעש אין „ארץ־ישראל“ און ארויסגערופען אזא געלעכטער צווישען די פאדדאטשניקעס, אז ניט ווילענדיג איז דער יונגערמאן פון דער טעכטעקאווע געווארען ביי זיי א העלד. און שרה משה פורים׳ס טעכטערעל — א העלדין. און ס׳איז אוועק א רעדעניש מיט א שמועסערעי, א מאכעניש מיט די אויגען און א סמארעניש מיט די נעז פון „ארץ־ישראל“ ביז כתרילעווקע, און עס האט שוין געהאט שיערשיער דערגרייכט צו דער כתרילעווקער פרעסע. דער „קאפעליש“ מיט דער „יארמעלקע“ וואלטען שוין געהאט שטאף און זיי וואלטען שוין געמאכט דערפון א גאנץ פיינעם פירוש... האט מען אבער פערהאפט בעצייטענס מיט די אנאנסען, וואס מע האט געלאזט אפדרוקען אויףביידע גאזעטען אויף דער ערשטער זייט:

עספיר מאיסעיעוונא פ ו ר י ם
אראן סאלאמאנאוויטש ט י ש ע ב א ו ו
פ ע ר ל ו י ב ט!

און דא הויבט זיך ערשט אן און עס ענדיגט זיך דער רעכטער ראמאן.

---

## 4.

## די חתונה אין „גן־עדן“.

זינט כתרילעווקע איז אַ שטאָדט און „ארץ־ישראל“ אַ קוראָרט איז דאָרט נאָך קיינמאָל אַזוי לעבעדיג און פריילין נישט געווען, ווי יענעם טאָג, ווען שרה משה פורים׳ס האָט חתונה געמאַכט איהר טעכטערל, עספיר מאַיסעיעוונא פורים, פאַר׳ן פּאַנסיאָנער, אַראָן סאָלאָמאָנאָוויטש טישעבאָוו.

אַ טאָג האָט זיך אָוועקגעשטעלט דעמאָלט איין אויסגעצייכנטער. איינער פון יענע אויסדערוועהלטע זומערדיגע טעג, ווען אַלס־דינג רוהט זיך אָפּ, ווערד אַנשלאָפען; ווען די זון בראָט און גיסט מיט פייער, נאָר אַ קליין ווינטעלע, מע ווייסט ניט פון וואַנען, בלאָזט פערביי און קיהלט אָפּ די ברענענדיגע שטראַהלען, מאַכט זיי ווייך און אַנגענעהם. ווי די סאָלדאַטען מיט קאָלירענדיגע קאַסקעס, שטעהען די הויכע סאָנישניקעס אויסגעצויגען, קוים־קוים וואָס זיי ריהרען זיך פונ׳ם קליינעם ווינטעלע, וואָס גלעט זיי מיט ליעבשאַפט איבער די געלע סאַמעטענע בלעטלעך. אַלץ רוהט. אַלץ שלאָפט. נאָר ווען־ניט־ווען בעווייזט זיך אַ פוהר, אַנגעלאָדען הויך מיט סנאָפּעם ברויט פון פעלד. די רעדער פון דער פוהר קרעכצען־אונטער שטילערהייד. דער גוי מיט׳ן שוואַרץ־פערברענטען גלאַנצענדיגען פּנים געהט אויף־צו־פריהער אַ באָרוויסער, מיט אַ צעחראַסטעט האָריז, דרעהט מיט דער בייטש פאַר די אָכסען און שמועסט מיט זיי אויף זייער לשון: „היי! סאָב־סאָב, סאָלאָוויי!“ און די אָכסען, פערטיעפט אין זיך, געהען איהם נאָך פּיס־טריט. הינטער׳ן וואָגען לויפען אַ פּאָר באָרוויסע יונגלעך, אידישע קינדער, רייסען אַרויס אַ פּאָר זאַנגען פון די סנאָפּעם און ווילען נאָך. נאָר פלוצים בלייבען זיי שטעהן פער׳כשופ׳ט. וואָס איז די מעשה? אַקוראַט אַקעגען זיי טראָגט זיך אברהמעל׳ס פורגאָן, די „קאַלייקע“, אַנגעפּאַקט פול און פול מיט מאָדנע פּאַרשוינען, און די מאָדנע פּאַרשוינען האַלטען מאָדנע אינסטרומענטען אין די הענד. דאָס

זענען די כתריל׳עווקער כלי־זמר געקומען קיין „ארץ־ישראל״ צו שרה משה פורים׳ס אויף דער חתונה.

— די כלי־זמר פאהרען! די כלי־זמר פאהרען!

און די בארוויסע יונגלעך לאזען זיך פאר דער „קאלייקע״ מיט איין אימפעט צוריק אהיים אנזאגען א בשורה: די כלי־זמר פאהרען! די כלי־זמר פאהרען!

און ביי שרה משה פורים׳ס איז שוין אלסדינג גרייט צו דער חתונה. דער גאנצער פאנסיאן איז פערוואנדעלט אין א שאלאש צוליעב די צענויפגערופענע געסט פון „ארץ־ישראל״. אינ׳ם בעריהמטען גארטען פון „גן־עדן״ שטעהען לאנגע טישען, געדעקט מיט כל טוב, בראנפענס און לעקאכער און איינגעמאכטסען. בים־לעכווייז הויבען אן צענויפקומען זיך משפחה און גוטע פריינד פון כלה׳ס צד, אלע אנגעטהאן, ווי מחותנים, און סתם געסט — דאטשניקעס און דאטשניצעס פון „ארץ־ישראל״. די דאטשניקעס אין שבת׳דיגע קאפאטעס און יום־טוב׳דיגע קאשקעטען, און די דאטשניצעס אין זיידענע קליידער מיט זייער גאנצער ציערונג. יונגע ווייבלעך און מיידלעך, אויסגעפוצט נאך דער לעצטער מאדע, די פנימ׳ער בעצייטענס פעררויטעלט און פערשוויצט, זענען גרייט תאפען א טענצעל. לאזען נור די כלי־זמר אויפהערען רימפלען און שקרימפלען, אנצושטעלען די אינסטרומענטען, און שוין געבען עפּיס א מאל א שפיעל. חתן־כלה זיצען אויסגעפוצט; ער אין א גלאנצערדיגען צילינדער, זי אין א ווייסער פאטא — א פרינץ מיט א פרינצעסין, דער „תשעה־באב״ מיט׳ן „פורים״! און די מחותנים — משה פורים מיט׳ן ווייב, שרה משה פורים׳ס — זיי לויפען ארום, ווי די פער׳סמ׳טע מייז, שטארק פערטארעראמט און פערטראגען, ווי געוועהנליך טאטע־מאמע, וואס האבען דערלעבט אזא שמחה, זיי מאכען חתונה א קינד. און וואס איז מעהר וואונדער פון אלסדינג — צווישען די מחותנים פון כלה׳ס צד איז צו בעמערקען אויך די בעלי־בתים פונ׳ם פאנסיאן „דערקוויקעניש״. ווי קומען ז י י אהער? אזעלכע ביטערע קאנקורענטען און אזוינע געפעהרליכע

שונאים! די מעשה איז גאַנץ פּשוט: אַ פּאָר טעג פאַר דער חתונה האָט שרה משה פּורים׳ס זיך מיישב געווען: צו וואָס טויג איהר שונאים? מע זאָגט: ס׳איז גלייכער צעהן גוטע פריינד איידער איין שונא. איז זי אַוועק צו דער „דערקוויקעניטשקע" אַהיים, און גלייך ווי זיי האָבען זיך קיינמאָל אויף זייער לעבען נישט גע־קריעגט, קיין שלעכט וואָרט, קיין צונג נישט איבערגעקעהרט, האָט שרה די מחותנת׳טע זיך אַנגערופען צו אַלטע דער „דערקוויקע־ניטשקע": „גוט מאָרגען אייך, אַלטע לעבען! איך האָב צו אייך אַ בקשה". „דהיינו, וואָס פאַר אַ בקשה, שרה׳ל קרוין?" איהר ווייסט דאָך, אַלטע לעבען, אַז איך מאַך חתונה מיין אסתר׳על". „זאָל זיין אין אַ גוטער שעה, אין אַ מזל׳דיגער. איהר ווייסט דאָך, שרה׳ל קרוין, אַז איך בין אייך אַ גוטער פריינד. לאָז עס מיר אַנגעהן, וואָס איך ווינש אייך". „אָמן. האָב איך אייך געוואָלט בעטען, אַלטע לעבען, איהר זאָלט מיר אַנטהון דעם כבוד און זיין ביי מיר אויף דער חתונה, איהר און אייער מאַנן און אייערע קינ־דערלעך". „מיט׳ן גרעסטען כבוד, שרה׳ל קרוין. מיר האָבען זיך דען אַ מאָל געקריעגט, חס ושלום? געהט אַהיים, מיר׳ן מירטשעם קומען אַלע זיך משמח זיין מיט אייך, גאָט זאָל נור געבען, ס׳זאָל זיין מיט גליק און מיט הצלחה, וואָרום אַזאַ יאָהר אויף מיר, וואָס פאַר אַ חתן אייער טאָכטער נעמט". „אָמן. מיר זאָלען דערלעבען ביי אייערע קינדער ניט ערגער, בעסער האָט קיין שיעור ניט". פאַר גרוים ליעבשאַפט האָבען זיך די ווייבער אַזש צעקושט אין די פּיסק־לעך און האָבען שוין אַרויסגעקוקט אויף דער מינוט, וואָס נאָך דער חופּה, ווען מע וועט זיך נעמען ביידע פאַר די הענד און מע וועט איינם אַקעגען דאָם אַנדערע האָפּען אַ פריילים. דערווייל איז דער טאַרעראָם נאָך גרוים און עס הערען זיך שוין געשרייען, אַז די זון זעצט זיך — שוין צייט, שוין צייט צו דער חופּה געהן! אמת, חתן־כלה פאַסטען ניט. ס׳איז ניט ד ע ר חתן און ניט ד י כלה, וואָס האַלטען פון אַזעלכע „אידישע זאַבובאָנעם" — גאָר פאַס־טען! ס׳איז שוין אָבער באַלד נאַכט. דער גאַנצער הויף איז פול

מיט געסט. גאַנץ „ארץ־ישראל“ האָט זיך צענויפגעקליבען אויף דער חתונה. די גאַנצע גאַס איז בעלאַגערט מיט שיקסעס און שקצים, וואָס זענען געקומען אַנקוקען אַ „זשידאָווסקע סוואַדבע“. די שקצים זאָגען ווערטלעך, די שיקסעס שיסען אויס אַלע מינוט אַ ווילדען געלעכטער, מיט אַ הילך און מיט אַ קוויטש. אַ שמחה, אַ גדולה אין „ארץ־ישראל“! שוין. מע האָט שוין אָוועקגעשטעלט די פיער שטאַנגען מיט דער רויטער חופּה, וואָס איז מיט גאָלדענע קאַטעסען פון אַלע פיער זייטען. און די כלי־זמר מיט׳ן קעסעל־פויק האָבען געגעבען אַ האַפּ־אַפּ דעם זיסען אומעדיגען ניגון, און די מחותנים מיט די אונטערפיהרערס, אַנגעטהאָן אין די אויבער־שטע בגדים און מיט אַנגעצונדענע הבדלות אין די הענד, האָבען געגעבען אַ נעם דעם חתן מיט דער כלה, און די צערעמאָניע האָט זיך אַנגעהויבען. ד י א ַ ל ט ע ש ע נ ע א י ד י ש ע צ ע ־ ר ע מ א ָ נ י ע.

דערזעהען אידען דרעהען זיך מיט דער אויסגעפּוצטער כלה אין סאַמע ווייסען אונטער דער חופּה, ארום דעם חתן מיט׳ן גלאַנ־צעדיגען צילינדער, האָבען די צענויפגעלאָפענע שקצים זיך אַנגע־רופען מיט אַ געלעכטער: „אַ־האַ־האַ, דיוויטסיאַ, יאַק זשידי קרו־טיאַטסאַ!“ (אוי־אוי, זעהט נור ווי די אידען דרעהען זיך!) דאָס האָט אָבער גאָרניט געשטעהרט. דער רב איז שוין געווען גרייט צו נעמען דעם כוס אין דער רעכטער האַנד אַריין. דער חזן האָט שוין צורעכט געמאַכט דעם האַלז אויף צו זינגען דעם „שוש תשיש“. דער שמש האָט שוין געהאַלטען גרייט דאָס קידושין־פינגערל אי־בערצוגעבען דעם חתן, ער זאָל זאָגען דעם געוויסען „הרי את“. פּלוצים האָט זיך דערהערט פון דרויסען אַ „טפררר!“ מיט אַ ירגזון איז צוגעפאָהרען אברהמעל׳ס „קאַלייקע“, און פון דאָרטען זענען אַרויסגעשפּרונגען צוויי יונגע ווייבלעך און געלאָזט זיך מיט אויס־געשטרעקטע אָרעמס גלייך צו דער חופּה. עס איז געווען אונ־מעגליך צו זעהען זייערע פּנים׳ער אין דער פינסטער. מע האָט נור ניט. כתרילעווקע האָט ניט געוואָלט, מען זאָל טרייבען די אידען גע־געהערט זייערע ווייבערשע קולות, ווי ביידע אינאיינעם האָבען גע־

ליאַרעמט, געיאָמערט און געשאָלטען, איבערשלאָגענדיג איינע דער אנדערער:

— שטעהט, אידישע קינדער!

— גיט איהם ניט קיין חופה וקידושין!

— פאַרחאַפּט זאָל ער ווערען!

— דער שלאַק זאָל איהם טרעפען!

— אַט דער שאַרלאַטאַן! אַט דער הולטיי! אַט דער ממזר!

— קוקט איהם אַן אין׳ם קאַפּעליש! ער איז דאָך מיינער אַ מאַנן!

— איך האָב דאָך פון איהם אַ קינד, האָבען זאָל ער אַ ווילסטען סוף!

— און מיך האָט ער מקדש געווען ערשט היינטיגען נאָך פסח! צוגענומען אַכט הונדערט קאַרבען, ווי איין גראָשען, אַכט הונדערט מכות זאָלען זיך איהם אויסזעצען, רבונו של עולם, אויפ׳ן פּנים און אויף דער צונג און אויפ׳ן גאַנצען לייב, ער זאָל ניט דערלעבען מעהר צו פאָהרען, באַגראַבען אידישע טעכטער, פאַרוויסטען און פאַרפינסטערען זייער לעבען!

— גיט איהם אַהער, דעם גנב, אַט פאָהר איך איהם אריין מיט מיינע נעגעל און רייס איהם אויס די אויגען!

— אין קייטען זאָלט איהר איהם קאָווען! אין אייזערנע קייטען! מיינע אַכט הונדערט קאַרבען, אַכט הונדערט מכות, רבונו של עולם!... — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

## עפּילאָג.

פאַר די כתרילעווקער גאַזעטען, פאַר׳ן „קאַפּעליש“ מיט דער „יאַרמעלעקע“, איז די דאָזיגע שרעקליכע געשיכטע, וואָס האָט זיך פערלאָפען אין „גן־עדן“ אויף דער דאַטשע, געווען איין אמת׳ער יום טוב. עטליכע טעג דורכאיינאַנד האָבען זיי ניט אויפגעהערט

צו שרייבען און צו שרייבען. די ערנסטע פובליציסטען, די מוסר־זאגער, האבען נישט אויפגעהערט צו שטאפען דעם עולם מיט מוסר און לערנען שכל, ווי אזוי מע דארף זיין געהיט היינטיגע צייטען ביי חתונה מאכען א טאכטער פאר א מאנן מיט א רוסישען נאמען „טישעבאוו“; און די וויצלער האבען זיך געוויצעלט און געווערטעלט גאר אהן איין אויפהער: „ווי קאן ארויסקומען גוטס פון א פורים מיט א תשעה־באב?“ — און אויסגעלאזט האט זיך עס דערמיט, וואס ביידע צייטונגען, סאי דער פראגרעסיווער „קאפעליש“, סאי די ארטאדאקסישע „יארמעלקע“, האבען אנגעזאגט זייערע לעזער א פרייליכע בשורה מיט מורא'דיג גרויסע אותיות, אז גאר אין גיכען הויבען זיי אן צו געבען דעם עולם א מתנה — א נייעם מאדערנעם, זעהר שפאננענדען און הויך בעלעהרענדען ראמאן פון איצטיגען אידישען לעבען מיט א מוסר־השכל. ביים „קאפעליש“ וועט דער ראמאן הייסען:

„דער מאן פון די דריי ווייבער“
(א הויך־אינטערעסאנטער ראמאן אין 4 טייל מיט איין עפילאג)

און ביי דער „יארמעלקע“ וועט ער הייסען:

„דער דרייווייבערדיגער מאן“
(א מערקווירדיגער ראמאן אין 4 טייל מיט א פראלאג און מיט איין עפילאג).

א שאד! מע וועט נעמען אזא שענעם מאטעריאל און מע וועט דאס צעשמירען אויף דריי הונדערט בלעטער, מאכען פון דעם א תל. און א רחמנות נעבאך אויף דער העלדין, שרה משה פורים'ס טאכטער, אסתר'על. נאך דעם, ווי די כתרילעווקער גאזעטען וועלען זי בעארבייטען, מעג זי זיך שוין אפגעזעגענען. זי וועט שוין דארפען קיין חתן ניט קריגען ווייל זי וועט לעבען. סיידען זי זאל פערלאזען „ארץ־ישראל“ מיט כתרילעווקע און אריבערפעקלען זיך קיין אמעריקא.

הלואַי! מיר ווינשען איהר גליק און הצלחה און אַלדאָס
גוטס — אָמן.

---

## .5

## „אונזערע בראַצקים" מיט „אונזערע רויט־שילדס".

אין אַ הייסען זומער־טאָג, סאַמע אין רעכטען ברען פון דאַ־
טשע־סעזאָן, איז פון כתרילעווקע קיין „פּאַלעסטינא" געגאַנגען אי־
בער „ארץ־ישראל" אונזער בעקאַנטע „קאַלייקע" כמעט אַ לעדיגע,
ווייל ס'איז געווען ניט קיין פּרייטאָג, נאָר אַ געוועהנליכער וואָכע־
דיגער טאָג, דעמאָלט, ווען די כתרילעווקער דאַטשניקעס, וואָס וואָה־
נען אין „ארץ־ישראל", זענען ניט קליין צו געהן צופוס. אין דער
„קאַלייקע", ער זאָל אַזוי גוט און מוחל זיין אָפּשטעלען די פּערד־
עלטערע, די אַנדערע אַ יונגערע, אוןביידע האָבען געשמאַק געגעה־
ניצט און געפּאַכעט מיט דער נשמה פאַר גרויס היץ. אברהמעל דער
קאָנדוקטאָר האָט געדרימעלט, די פּערדלעך האָבען זיך געמאַכט
ווי זיי פאָהרען, און די „קאַלייקע" קוים־קוים וואָס זי האָט גע־
שלעפּט זיך. פּלוצים איז אויסגעוואַכסען, ווי פון אונטער דער ערד,
אַ פּראַנטעוואַטע ציקאַווע אַריסטאָקראַטיש בחור'על פון אַ יאָהר
צוויי און צוואַנציג, מיט אַ ווייס אַריסטאָקראַטיש קאַפּעלישעל און
מיט שווארצע אַריסטאָקראַטישע וואָנסילעך, האָט אַ מאַך געגע־
בען מיט'ן אַריסטאָקראַטישען שטעקעלע צום קאָנדוקטאָר פון דער
„קאַלייקע", ער זאָל אַזוי גוט און מוחל זיין אָפּשטעלען די פּערד־
לעך, און האָט געגעבען אַ שפּרונג־אַריין אין דער „קאַלייקע", אָבער
אַזוי אַריסטאָקראַטיש, אַזוי בריה'ש, אַזוי פלינק, אַז עס האָט גע־
האַט דעם זיעבעטען חן. דערנאָך האָט ער זיך געגעבען אַ זעץ
אַוועק אויף דער צווייטער באַנק, פּונקט אַקעגען דער מאַדאַם מיט

איהר טעכטערל (די עלטערע איז געווען די מוטער, און די יונגע־רע—איהר טעכטערל), און אַ לעג אַריין איין האַנד אין דער לינקער הויזען־קעשעני און מיט דער אַנדערער האַנד אַ דרעה די רעכטע אַריסטאָקראַטישע וואַנסע, און בעת מעשה געגעבען אַזאַ אַריסטאָ־קראַטישען קוק אויף דער יפהפיה, אויף דעם שענעם מאַמזעלכין, אַז אַ מיידעל, וואָס איז נאָך ניט שטאַרק פערליעבט אין קיינעם, דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזען, זי זאָל זיך ניט פערליעבען תיכף ומיד אין אַזאַ בראַווען אַריסטאָקראַטישען בחור. פאַר דער מאַדאַם איז דאָס דאָזיגע אומגעריכטע בעגעגעניש געווען אַיין „אצבע אלהים“, אַ פּאַטאָלע בעגעגעניש, און איהר מוטערליך האַרץ האָט באַלד אָנ־געהויבען צו קלאַפּען און נביאות צו זאָגען, אַז ס'איז ניט אומזיסט, אַז ס'איז אַ גאָט־זאַך... און האָטש איהר טעכטערל איז שוין כמעט אַ כלה, טאַקי מיט איהרען אַ גליעד־געשוועסטערקינדעל, ווי מיר וועלען דאָס אין גיכען געוואָהרע ווערען, פון דעסטוועגען איז זי געווען העכסט צופרידען, וואָס דער אַריסטאָקראַטישער יונגערמאַנטשיק שיסט מיט אויגען אויף איהר טעכטערל, נעמט זי דורך און דורך... נאָר ווי אַזוי מאַכט מען, אַז ער זאָל זיך בעקענען מיט איהר טעכטערל, אַז זי איז נאָך אַליין מיט איהם ניט רעכט בעקענט? איז זי געפאַלען אויף איין עצה (אַ מאַמעס האַרץ): זי האָט גענומען זיך פאָכען מיט'ן פעכער און אַ זאָג געגעבען, ווי צו זיך אַליין, און דוקא אויף רוסיש, אויף דעם כתרילעווקער רוסיש, וואָס האָט אַ שם אויף דער וועלט:

— אָך, קאַקאַי גאַריאַטשע דיען סעוואָדני! — סאַרא הייסער טאָג היינט איז!

האָט די טאָכטער אַ קוק געגעבען אויפ'ן אַריסטאָקראַטישען יונגענמאַן און האָט פערריכט דער מוטער'ס גרייז:

— דאַ, אָטשען זשאַרקיי דיען!

האָט שוין דער אַריסטאָקראַטישער יונגערמאַן געהאַט אַ גע־לעגענהייט אַריינצומישען זיך מיט אַ וואָרט און אויך אויף רוסיש געווענדט זיך צו דער מאַמזעל:

— אַ או וואָס נאַ דאַטשע טאַקזשע חאַראָשיי וואָזדוך? — איז ביי אייך עפּים אויך אַ גוטע לופט אויף דער דאַטשע?

האָט די מאַדאַם פונדעסטוועגען ניט דערלאָזט, אַז די טאָכטער זאָל איהם ענטפערען און האָט זיך בעסער אַליין אַרויסגעשטעלט (פאַרט אַ מאַמע!) און האָט זיך אָנגערופען צום יונגענמאַן וויעדער אויף רוסיש און מיט אַ ניגון:

— נאַ טשטאָ נאָם וואָזדוך, קאָגדאַ או נאָס יעסט דיענגי? — צו וואָס דאַרפען מיר לופט, אַז מיר האָבען געלד?

דערמיט האָט זי איהם, אַפּנים, געוואָלט אָפּהאַקען די פליגעל, ער זאָל זיך אַזוי ניט איבערנעמען. נאָר אַרויסגעקומען דערפון איז גאָר עפּים אַנדערש: ביידע קינדער, דער יונגערמאַנטשיק און דאָס מאַמזעלכעל, האָבען זיך איבערגעקוקט און אויסגעשאָסען מיט אַזאַ געלעכטער, אַז דער קאָנדוקטאָר פון דער „קאַלייקע“, אברהמעל דער בעל־עגלה, האָט זיך געמוזט אויסדרעהען צו זיי מיט'ן פּנים, חאַפּען אַ קוק: „וואָס לאַכען עפּים די אַריסטאָקראַטען, אַ גוטע חלירע אויף זייער טאַטען?“ דער שפּיץ איז געווען, אַז מען איז צוגעקומען צו איינער פון די שענסטע און רייכסטע דאַטשעס אין „פּאַלעסטינאַ“, האָט מען זיך גאַנץ וואַרעם אָפּגעזעגענט און שטאַרק־שטאַרק געקוועטשט די הענד, און די מאַדאַם האָט האַלב־אָפיציעל פערבעטען דעם אַריסטאָקראַטישען יונגענמאַנטשיק צו זיך: „פּאַזשאַלעסטע, בעז צערעמאָני!“ און דאָס שענע מאַמזעלכעל האָט אַזוי ליעב געשמייכעלט און האָט בעשענקט דעם יונגען קאַוואַליער מיט אַזעלכע וואַרעמע בליקען פון איהרע שענע חנ'עוודיגע אויגען, אַז ווען דער יונגער בחור, דער אַריסטאָקראַט, זאָל זיין פון אייזען און זיין האַרץ פון שטיין, וואָלט עס אויך בעדאַרפט צעשמאָלצען ווערען, אַזוי ווי וואַקס.

אַצינד בעדאַרפען מיר דערצעהלען, ווער איז געווען אָט דער יונגער אַריסטאָקראַט און וואָס איז מיט דער מאַדאַם געווען אַזוי די גדולה, וואָס איהר טעכטערעל האָט זיך מיט איהם בעקענט?

די גרויסע שטאָדט יעהופּעץ לעבט אין טעות. זי מיינט, אַז נור זי פערמאָגט אריסטאָקראַטען-מיליאָנערען. די גרויסע שטאָדט פּאַריז מיינט, אַז נור זי פערמאָגט אַריסטאָקראַטען-מיליאַרדערען. אַ סברה, אַז אין כתרילעווקע האָבען מיר זיך אונזערע אייגענע אַריסטאָקראַטען, אונזערע אייגענע בראָצקים מיט אונזערע אייגענע רויטשילדס. נאָר וואָס דען? אַזוי ווי אַלסדינג, וואָס כתרילעווקע פּערמאָגט, פערמאָגט זי אין קלענערען מאַסשטאַב, על-כן זענען אונזערע בראָצקים קליינע בראָצקעלעך און אונזערע רויטשילדס — קליינע רויטשילדלעך, און זיי זענען ווערטה בעשריבען צו ווערען מיט זייערע ביאָגראַפּיעס, פּונקט ווי עס ווערען בעשריבען אַלע מי-ליאָנערען און אַלע מיליאַרדערען פון דער גאַנצער וועלט.

דאָס איז אַ כלל — און עס ווייסט אַ מינדסט קינד, — אַז אַלע גרויסע מענשען פון דער וועלט זענען אמאָל געווען קליין, דערנאָך ערשט זענען זיי אויסגעוואַכסען און נתגדל געוואָרען. די אַמע-ריקאַנער גרויסע מיליאַרדערען, למשל, האָבען ליעב צו בעריהמען זיך צעהן מאָל אַ טאָג, ווי קליין זיי זענען אמאָל געווען. ביי איין אַמעריקאַנער אַריסטאָקראַט איז אַ כבוד און אַ גדלות צו דערצעה-לען פאַר יעדען אינטערוויוער, אַז אין דער יוגענד האָט ער גע-טראָגען זעק אויף די פּלייצעס, אָדער גאַזעטען צו פערקויפען, אָדער געהאַנדעלט מיט „מעטשעס“. אונזערע כתרילעווקער אַריסטאָקראַטען האַלטען נישט פון דער דאָזיגער מדה. אדרבה, אַ כתרילעווקער מיליאַרדער, אַז איהר וועט איהם אַ פרעג טהון וועגען זיין יחוס, וועט ער אייך דערצעהלען גוזמאות, אַז זיין זיידע איז געווען אַ רב און זיין עלטער-זיידע — אַ גאון, און זייער גאַנצע משפּחה — לויטער רבנים, גאונים און נגידים, גבירים מפורסמים. זיי פערהאַקען אייך אַזוי דעם קאָפּ מיט זייער יחוס און שרעקען אייך אַזוי שטאַרק אָן מיט זייער אַריסטאָקראַטיזם, אַז עס פאַלט אָן אויף אייך אַ פחד, און איהר קלערט זיך: „ווייסט זיי דער גוטער יאָהר — אפשר קומען זיי טאַקי אַרויס דער רוח ווייסט זיי פון וועמען?“... אונזערע אַריסטאָקראַטען, מיליאָנערען און

מיליארדערען, איך מיין אונזערע כתרילעווקער בראצקים מיט אונזערע כתרילעווקער רויטשילדס, זענען אויך געווען אמאל גאנץ קליינע מענשעלעך, און זייער שבח מוז געזאגט ווערען. זיי האבען זיך אליין מיט זייערע אייגענע כחות דורכגעשלאגען און מיט דער צייט שטארק־שטארק ארויפגעארבייט זיך, געוואכסען און אויסגעוואכסען און גענומען איבערשטייגען און אריבערשמייסען איינס דאס אנדערע הן אין עשירות, הן אין צדקה, הן אין שענע שדוכים, און מי יודע, וואס פון זיי קאן נאך אמאל אויסוואכסען ! די גאנצע וועלט, למשל, ווייסט דעם יחום פון די אמת׳ע רויטשילדס, אז זיי שטאמען פון פראנקפורט און אז זייער עלטער־זיידע איז געווען פריהער א חלפן, דערנאך א מלוה, דערנאך א באנקיר, וואס פערלייהט געלד. אונזערע כתרילעווקער רויטשילדס שטאמען ניט פון פראנקפורט. שטאמען שטאמען זיי טאקי פון כתרילעווקע גופא, נאר וויל זייער עלטער־זיידע איז אויך כל ימיו געווען א חלפן, געשטאנען מיט א טישעל אין כתרילעווקער מארק און געביטען קערבלעך אויף צעהנערם און צעהנערם אויף גראשענס, האט מען דעריבער זיינע קינדער און קינדס־קינדער גערוינט מיט׳ן נאמען „די רויטשילדס“. זיי, די קינדער, זענען שוין קיין חלפנים ניט געווען, מיט קיין טישעל אין מארק ניט געשטאנען, נאר מיט הלואה האבען זיי זיך פערנומען, מיט הלואה פערנעמען זיי זיך נאך היינט און מיט הלואה וועלען זיך פערנעמען אויך זייערע קינדער און קינדס־קינדער — כל זמן עס וועט עקזיסטירען אויף דער וועלט אט דאס פאסקודנע מין, וואס מע רופט דאס „געלד“, און כל זמן עס וועלען זיך געפינען אזעלכע מענשען, וואס וועלען אייך פערזעצען, איך בעט איבער אייער כבוד, די הויזען, אבי איהר זאלט זיי לייהען געלד... אז ס׳וועט זיך מאכען, איהר וועט קומען איצט אין דאס בענייעטע מאדערנע כתרילעווקע, וועט איהר אויף דער „געבריקעוועטער גאס“ דערזעהן א צוויי גארענדיגען מויער מיט א גרויסען שילד איבער דער גאנצער וואנד, מיט גרויסע גאלדענע אותיות : „יעפים אי בארים גינגאלד. באנקיר־

סקאיא קאנטארא". אויף אונזער אידיש לשון וועט דאס הייסען אזוי
שעז, ווי „חיים און ברוך גינגאלד. באנק־געשעפט". זאלט איהר
וויסען, אז דאס זענען אונזערע כתרילעווקער רויטשילדס. אי, די
קשיא: פון וואנען האט זיך צו זיי גענומען דער נאמען ר ו י ט־
ש י ל ד, אז הייסען הייסען זיי גאר ג י נ ג א ל ד? קאן מען דאס
אייך פערענטפערען מיט א ווייעדעראנאנד, ווי דער שטייגער איז:
למאי וואס וועט איהר זאגען דערויף, אז אקוראט אקעגען די רויט־
שילדס שטעהט נאך א שענערער מויער מיט נאך א שענערען
שילד, מיט נאך גרעסערע גאלדענע אותיות אנגעשריעבען בפירוש,
און אויך אויף רוסיש: „ליעסנאיא טארגאווליא בראטיעוו דעמ־
בא"; דאס הייסט: „האלץ־געשעפט פון די ברידער דעמבא": —
פון דעסטוועגען טהוט א פרעג א מינדסט קינד: „יונגעלע, ווע־
מענס שטוב איז דאס?" — וועט אייך א מינדסט קינד ענטפערען:
„אט די שטוב וועמענס? — בראצקי'ס".

אויב אייך אינטערעסירט די ביאגראפיע פון די דאזיגע בראצ־
קים, וואס הייסען דעמבא, אדער דער יחוס פון די ברידער דעמבא,
וואס רופען זיך בראצקי, קאן עס דא דערצעהלט ווערען אין קורצען
אט אזוי: אין סוכאליעסיע, אין א שטעדטעל ניט ווייט פון כתרי־
לעווקע, וואס האט אמאל געהערט צום גראף שטרעמבא־רודניצקי,
איז געווען א איד א שאפער, איין אויפזעהער אויף די פריצישע
וועלדער, וואס געהייסען האט ער אהרן, נאר גערופען האט מען
איהם דעמב, ווייל ער איז געווען, ניט אויסגערעדט זאל זיין, א
איד א פראסטאק, א דארפסמאן, א הויכער, א געזונדער, א דעמב.
געטראגען א גראבען, א גוישען בגד, מיט א שטריקעל ארומגעבונ־
דען, און א פאר הויכע שטיוואלעס, געקענט אויף אויסווענינג אלע
ביימער פון אלע סוכאליעסיער וועלדער, געהיט דעם גראף'ס גוטס,
ווי א געטרייער הונד, און איז געווען ביי'ם גראף אזא חשוב, אז ער
האט אנגעזאגט אין זיין צואה די קינדער, אז דער איד אהרן און
דעם אידענס קינדער זאלען בלייבען ביי זיי שאפערס כל־זמן עס
וועלען שטעהן די וועלדער פון סוכאליעסיע און כל־זמן עס וועט עק־

זיסטירען דער נאָמען שטרעמבאַ־רודניצקי. און ווי דער מנהג העולם איז, האָבען דאָך מסתמא די יורשים פון׳ם גראַף שטרעמבאַ־רודניצקי זיך פערשפּיעלט אין קאָרטען און פערקויפט, געמאַכט אַ תל פון אַלע סובאַליעסיער וועלדער, און אהרן׳ס קינדער האָבען געמוזט אַריבערפּעקלען זיך פון וואַלד אין שטאָדט אַריין, זיך בעזעצט אין כתרילעווקע. און ווייל ניט זיי און ניט זייערע קינדער האָבען נישט געוואוסט קיין זאַך, אַ חוץ וואַלד און אַ חוץ געהילץ, איז זייער געשעפט געוואָרען נור וואַלד און געהילץ — עד היום הזה. און עס האָט זיי מצליח געווען, און זיי זענען געוואַכסען אַלץ העכער און העכער, און מיט זיי איז געוואַכסען אויך זייער נאָמען. תחילת האָט מען זיי גערופען „די וואַלד־מענשען“, דערנאָך — „די הילצערנע אידען“, „די דעמבעניאַטעס“, דערנאָך — „די ברידער דעמ־ערשט דערנאָך — „די נייע נגידים“, „די מיליאָנטשיקעס“, און באַ“, דערנאָך, אַז זיי האָבען אָנגעהויבען אויספּיינען זיך, אַרויסגעהן מיט אַ שענער נדבה, טהון גרויסע שדוכים, שמייסען און אַריבערשמייסען די רויטשילדס, — האָט זיי די שטאָדט געקרוינט מיט׳ן נאָמען: „אונזערע בראָצקים“. עס איז שווער צו זאָגען, ווער פון זיי איז רייכער: „אונזערע רויטשילדס“, צי „אונזערע בראָצקים“? זייער געלד האָט נאָך קיינער ניט געצעהלט. נאָר מיר דאַכט, אַז וואָס זיי פעהלט צו די אמת׳ע בראָצקים מיט די אמת׳ע רויטשילדס, וואָלט עס געמעגט אונז אַלעמען צוקומען. זייער רייכקייט איז ווי אַמאָל. אַמאָל זענען „אונזערע רויטשילדס“ רייכער, אַמאָל — „אונזערע בראָצקים“. עס ווענדט זיך, ווער עס שטעלט זיך אוים שענער פאַר דער שטאָדט. און ווייל יעדער פון זיי וויל אַריבערשטייגען אין אַריסטאָקראַטיזם, אַריבערשמייסען איינס דאָס אַנדערע, דעריבער קאָנקורירען אונזערע כתרילעווקער מיליאָנערען און מיליאַרדערען און שמייסען זיך אויף וואָס די וועלט שטעהט. למשל, זאָגט אַ רויטשילד, אַז ס׳איז איהם שווער אידיש רעדען — בעריהמט זיך אַ בראָצקי, אַז ער פערשטעהט ניט קיין וואָרט אַידיש. און דאָס איז אין כתרילעווקע אַ סימן פון אַריסטאָקראַטיזם.

אדער עס האָט זיך געטראָפֿן אַ מעשה ביי די רויטשילדס, אַ זוהנ־דעל האָט זיך פֿערשפּיעלט אין קאַרטען און גע'פּטר'ט, זאָגט מען, אַ גאַנצען הונדערטער — האָט ביי די גבירים, ביי די בראַצקי'ס, אַ זוהנדעל פֿערשפּיעלט צוויי הונדערטער. אדער עס האָט זיך גע־טראָפֿען נאָך אַ מעשה: ביי די רויטשילדס האָט אַ שנור „גע־פֿלירטעוועט" אין אויסלאַנד אין די בעדער מיט עפּיס אַ ווילד־פרעמדען יונגענמאַן בפרהסיה, און עס האָט געקאַכט דערמיט די וועלט — האָט ביי די נייע אַריסטאָקראַטען, ביי די בראַצקים, אויך אין אויסלאַנד אין די בעדער און אויך בפרהסיה „געפֿלירטעוועט" אַ שנור מיט צוויי ווילד־פרעמדע יונגע לייט... אַריסטאָ־קראַטען אַז זיי שמייסען זיך, איז פֿאַר דער שטאָדט אַ מעלה, וואָ־רום אַז מע האַלט אין שמייסען זיך, שמייסט מען זיך שוין אין אַלס־דינג. למשל, כתרילעווקע וועט קיינמאָל ניט פֿערגעסען יענעם ווינ־טער, בשעת עס האָבען געבושעוועט די גרויסע פֿרעסט, אָרעמע לייט נעבאָך זענען געפֿאַלען, אַזוי ווי פֿליעגען,—איז געוואָרען אַ ויצעקו: „סטייטש, וואו זענען אונזערע גבירים? אונזערע רויטשילדס מיט אונזערע בראַצקים? וואָס שווייגען זיי?!" האָבען זיך די רויט־שילדס דערבאַרעמט און האָבען אַריינגעשיקט פֿון מאַרק עטליכע פֿוהרען שטרוי אויף צו בעהייצען די געפֿרוירענע. וואָס זשע האָבען געטהאָן, מיינט איהר, די בראַצקים? — האָבען זיי גענומען און האָבען אַריינגעשיקט, פֿון זייערע אייגענע וועלדער מאַקי, עטליכע גאַנצע פֿוהרען מיט האָלץ און געטיילט האָלץ אומזיסט פֿאַר די אָרע־מע לייט פֿון שטאָדט, ווענען אַ פֿונט און ווענען צוויי פֿונט. אדער וואָס האָט געפֿעהלט יענעם פּסח, בשעת די רויטשילדס האָבען זיך צעלאָזט און האָבען, אַ חוץ מעות־חטים, אַריינגעשיקט אַ האַלבע מאָה זעקלעך קאַרטאָפֿלים פֿאַר אָרעמע לייט אויף פּסח? זענען זיך מיישב די בראַצקים: „איהר גיט קאַרטאָפֿלים? מיר וועלען גע־בען שמאַלץ צו די קאַרטאָפֿלים!" און מען איז געגאַנגען און מע האָט געפֿענט גרויסע טעפּ מיט שמאַלץ און מע האָט געטיילט די אָרעמע לייט שמאַלץ. כל דכפין — איטליכען אַ לעפֿעלע שמאַלץ.

און אויף אַ משפחה — אַ גרויסע לעפעל, אויב מע האָט בעוויזען צו ברענגען אַ פּאַפּיער פונ'ם רב, אַז די משפחה בעשטעהט ניט וויניגער ווי פון פינף נפשות.

פון שטאָדט איז די קאָנקורענציע מיט'ן שמייסען זיך איבערגעשמיסען געוואָרען אין דאָרף, אויף דער דאַטשע. „פּאַלעסטינא" האָט געעפענט פאַר „ארץ-ישראל" איהרע טויערען, און די פערשמאַכטע ארץ-ישראל'דיגע דאַטשניקעס האָבען אָפּגעלעבט. ווי אַזוי איז דאָס געשעהן? אָט ווי אַזוי: איינמאָל אין אַ זומער האָבען „אונזערע" רויטשילדס אויסגעבויט אין „פּאַלעסטינא" איין אייגענע דאַטשע (אויף אַ גוי'ס נאָמען, געוועהנליך). אָבער אַ דאַטשע! מיט אַ וועראַנדע און מיט שטאַכעטע, געפאַרבטע גרינע שטאַכעטען, און אַ גאָרטען האָבען זיי געפלאַנצט, געזעעט אַגרעסען און ווייטפּערלעך און ווײנשעל און קאַרשען. און האָבען געעפענט דעם גאָרטען פאַר אַלע כתרילעווקער דאַטשניקעס, וואָס אויף דער זייט באַרג, פראַנק און פריי — גאַנץ „ארץ-ישראל" קאָן קומען שבת בייטאָג שפּאַצירען אין גאָרטען! אָבער נור שבת. אין מיטען וואָך — אַזאָס!... זענען זיך מישב „אונזערע" בראַצקים, טאָקי באַלד אויפ'ן אַנדערען זומער, און געהען און שטעלען אַוועק נאָך אַ שענערע דאַטשע מיט נאָך אַ שענערער וועראַנדע און מיט נאָך אַ גרעסערען גאָרטען, אויך אין „פּאַלעסטינא" און אויך אויף אַ גוי'ס נאָמען, און אויך מיט אַגרעסען און מיט ווייטפּערלעך און מיט ווײנשעל און מיט קאַרשען, און האָבען גענומען און האָבען בפירוש געלאָזט אויסרופען אין שטאָדט, אין אַלע בתי-מדרשים, אַז דער גאָרטען זייערער איז אָפען פאַר אַלע אידען ניט נור דעם טאָג שבת — אַלע טעג פון אַ גאַנצער וואָך, נאָר בתנאי — מע זאָל זיך צו די בוימלעך ניט צוריהרען, די פּירות ניט רייסען און אויפ'ן גראָז ניט טרעטען... ווי מיינט איהר אָבער, אַז מע לאָזט אַריין, אַ שטייגער, „ארץ-ישראל'דיגע" דאַטשניקעס אין אַ גאָרטען, און זיי דערזעהען גראָז, — זאָל מען ניט אַראָפּוואַרפען די קאַפּאָטע און ניט אַוועקזעצען זיך אויף דער ערד? צי, אַ שטייגער, אידישע קינ

דער האָבען דערזעהען פאַר זיך גרינע אַגרעסען, רויטע ווייםפּערלעך, דערשמעקט קאַרשען — ווען מען קוקען און מע וועט שווייגען?... האָט מען דעם גאַרטען ארומגעגרייזעט מיט א פּאַרקאַן, אויף די שטאַכעטען אָנגעשלאָגען צוויעקעס, אויפ׳ן טויער אָנגעהאַנגען אַ שלאָס, און עס איז אַרויס אַ „פריקאַז“, אַז מהיום והלאה, טאָמער וועט זיך דערוועגען עמיצער פון „ארץ־ישראל“ אַריינצוטרעטען צו זיי אויף דער דאַטשע, וועט מען איהם איבערברעכען הענד און פיס, אַרויסשלאָגען אַ צאָהן און אָנרייצען אויף איהם די הינד...

באמת, זענען די הינד געווען נור אַ פאַנטאַזיע, אַ סטראַשידלע אויף אַפּצושרעקען דעם עולם; נאַר דאָס האָט געהאָלפען מעהר פון אַלסדינג: כתרילעווקער אידען האָבען פיינט האָבען צו טהון מיט הינד...

---

## 6.

### מע קאָן ניט וויסען וועמענס מאָרגען ס׳איז.

דאָס ווייסט איהר דאָך מן הסתם, אַז ביי די אמת׳ע, ביי די פראַנקפורטער, רויטשילדס איז אַ מנהג פון קדמונים, אַ מין טראַ־דיציע אַזעלכע בירושה פון זייערע זיידעס, וואָס ווערד שטאַרק אָפּ־געהיט, — אַז שדוכים זאָל מען טהון נור צווישען אייגענע, בכדי די משפחה זאָל, חלילה, ניט פערפרעמדט ווערען; סיידען עס האַפּט זיך אונטער אַ גראַף, אָדער אַ מאַרקיז, אָדער אַ פּרינץ, און פער־ליעבט זיך אין זייערער אַ טאָכטער — דעמאָלט איז אַנדערע ווער־טער. דעמאָלט, פערשטעהט איהר מיך, איז שוין דער יצר הרע צו גרויס און מע קאָן נישט ביישטעהן קעגען אַזאַ נסיון...

ביי די כתרילעווקער רויטשילדס איז אויך די זעלבע טראַ־דיציע, נישט מחמת זיי האָבען דאָס בירושה פון זייערע זיידעס,

נאָר פּשוט, ווייל זיי האַלטען זיך גרעסער פון אַלעמען און האָבען זיך איינגערעדט און זענען איבערצייגט, אַז צו זייער יחוס איז נישטאָ קיין גלייכען אויף דער גאַנצער וועלט. ניט אומזיסט זאָגט כתריעלעווקע אויף זייערע אַריסטאָקראַטען אַ ווערטעל, אַז זיי זענען אַזעלכע גרויסע מיוחסים, אַז סע שטעהט זיי ניט אָן די מחותנ'שאַפט מיט זיך אַליין... ס'איז געווען אַ צייט, וואָס די אויפגעקומענע כתרילעווקער אַריסטאָקראַטען, „אונזערע בראַצקים", האָבען אפילו אין חלום נישט געוואָגט צו טראַכטען פון אַזאַ כבוד, ווי מתחתן זיין זיך מיט די אַלטע כתרילעווקער אַריסטאָקראַטען, מיט „אונזערע רויטשילדס". נאָר אַז „אונזערע בראַצקים" האָט אַ שיין געגעבען דאָס מזל, זיי האָבען אָנגעהויבען וואַכסען, געוואָרען גרויס און האָבען בעקומען כמעט אַזוי פיעל געלד, ווי די רויטשילדס, איז ביי זיי געזעסען טיעף אין האַרצען פערבאָרגען נור איין וואונש: אַ שדוך מיט די רויטשילדס. אַרויסזאָגען דעם דאָזיגען וואונש הויך האָט מען נישט געוואָגט פונדעסטוועגען. איין מאָל נור, מעהר נישט אַז איין מאָל, האָט זיך געטראָפען אַ מעשה, די „אויפגעקומענע אַריסטאָקראַטען" האָבען צוגעשיקט אַ שדכן צו די רויטשילדס — דעם בעריהמטען כתרילעווקער שדכן סאָלאָווייטשיק. סאָלאָווייטשיק דער שדכן, מוזט איהר וויסען, איז ניט פון די אַמאָליגע כתרילעווקער שדכנים. סאָלאָווייטשיק איז אַ שדכן פון דעם איצטיגען מאָדערנעם כתרילעווקע, און ער הייסט שוין ניט „שדכן", נאָר „פערמיטלער". סאָלאָווייטשיק איז בעריהמט, ניט אַזוי מיט זיינע גרויסע שדוכים, וואָס ער פיהרט דורך, ווי מיט זיין מויל, מיט זיין רעדען. ער קאָן אייך איבעררעדען די גאַנצע וועלט. ס'איז גאָר ניטאָ אַ מענש, וואָס זאָל קאָנען ביישטעהן קעגען סאָלאָווייטשיק דעם פערמיטלער, אַז ער הויבט אָן צו רעדען. ס'איז אש-להבה! סאָלאָווייטשיק דער פערמיטלער איז טאַקי דעם אַלטען רב שלום שדכנ'ס אַ זוהן, און איז אַ איד פון היינטיגער וועלט, טראָגט שוין, פערשטעהט איהר מיך, אַ קאַפּעליש אויפ'ן קאָפּ און אַ ווייסע מאַ-

נישקע מיט א שניפס. אמת, דער קאפעליש איז שטארק אפגעבא־
רעט, די ווייסע מאנישקע איז ניט איבעריג ווייס און דער שניפס
איז, זאל ער מיר מוחל זיין, עפּיס א מין שמאטע, וואס גלאנצט —
ס׳איז אבער פארט א קאפעליש און פארט א מאנישקע און פארט
א שניפס! היינט לעגט־צו צו דעם א פּידזשאק, טאקי איין אלטע,
נאר א קורצען פּידזשאק, וואס הענגט אויף איהם א ביסעל פרעמד־
ליך, און הויזען א פּאר, אפילו קורצליכע, דערפאר אבער ברייטע,
גאנץ ברייטע, און קעסטעלדיגע, געוועז אמאל, אין די יונגע יאהרען,
גאר־גאר פיינע הויזען — וועט איהר פערשטעהן דעם חלוק פון
איהם ביז זיין טאטען, עליו השלום. נאר דאס אלסדינג איז בלאטע
אקעגען די בארד און פּאות. ווער מיר בארד? וואס מיר פּאות?
מילא, די בארד איז נאך ווי ס׳ניט איז. איז ניט קיין בארד —
איז א בערדעל. א מענש איז ניט מחויב צו טראגען א בעזעם אויפ׳ן
פּנים. אבער פּאות? קיין סימן אפילו! אפּגעשווירען, אונטערגע־
גאלט און אויסגעקארעניעט מיט׳ן ווארצעל! היינט דאס רעדען
זיינס! קיין „גוט מארגען“ איז נישטא, נאר א רוסישער „איזדרא־
סטאיטיע“. און ביי׳ם אוועקגעהן איז — „דאסווידאניע“. ער זאל
זאגען, אשטייגער: „איך האב פאר אייך א גוטען שדוך“ — איז
ניטא. וואס דען? א ביסעל אויף דייטש, א ביסעל אויף פראנ־
צויזיש און א ביסעל אויף רוסיש: „איך האב פאר זיי א פּארטי —
טשטא גיבוד אסאבענע!“ וואס דארפט איהר מעהר? זיין טא־
טע, עליו השלום, פלעגט טראגען א זאנטיק, א גרויסען, א רויטען
פּארעסאל. איהם שטעהט ניט אן. ער איז שוין איין אריסטאקראט
מיט א שטעקעל און רופט זיך סאלאווייטשיק דער פערמיטלער. רב
שלום שדכן זאל אויפשטעהן און א קוק טהון אויף זיין זוהן, דעם
„פּערמיטלער“!...

בעקומען אזא הויכע מיסיע — אויסצופיהרען א „פּארטי“
צווישען אזעלכע צוויי אריסטאקראטישע הייזער, ווי „אונזערע בראצ־
קים“ מיט „אונזערע רויטשילדס“, האט סאלאווייטשיק דער פּער־
מיטלער אנגעטהאן א ווייסע מאנישקע, צעקעמט דאס שמיקעל

באָרד, פריש אונטערגעשוירען דעם אָרט, וואו ס'איז אַמאָל געווען פּאות, און איז אַוועק צו די רויטשילדס — און האָט נור געקאָנט אויסרעדען די ערשטע עטליכע ווערטער אויף זיין געמישטער שפּראַך: „איזדראַסטאַיטע! איך האָב פאַר זיי אַ פּאַרטי — טשטאַ ניבוד אַסאַבענע!" — וואָרום אַז מע האָט איהם אַ פרעג געטהאַן, ווער איז די „פּאַרטי" און וואָס פאַר אַ „טשטאַ ניבוד אַסאַבענע", און ער האָט נור אויסגערעדט די ווערטער „אונזערע בראַצקים", — האָט ער געחאַפּט אַזאַ מיאוס'ען פּעטשאַטעק, אַז ס'איז איהם פינ־סטער געוואָרען אין די אויגען. ער וועט שוין פערזאָגען קינדס־קינ־דער! מע האָט איהם מבטיח געווען, אַז דאָס אַנדערע מאָל, טאָמער לעגט ער פאָר אַזאַ „פּאַרטי" מיט אַזאַ „טשטאַ ניבוד אַסאַבענע", וועט ער עפענען מיט'ן קאָפּ די טהיר. בקיצור, מע האָט דעם שדכן געגעבען דעם וועג. אויף פּראָסט אידיש וועט דאָס הייסען: מע האָט איהם דורכגעטריבען. דערפאַר, שטעהענדיג שוין ביי דער טהיר, האָט סאָלאָווייטשיק דער פערמיטלער בעוויזען וואָס ער קאָן. ער האָט זיי אַ זאָג געגעבען: „געדענקט, דאָס זאָגט איך סאָלאָווייטשיק: מע ווייסט ניט ווען מען מאָרגען ס'איז!"...

און כך הוה. סאָלאָווייטשיק'ס וואָרט איז, אַפּנים, אין אַזאַ שעה אַרויסגערעדט געוואָרען. די רשעים האָבען געהאַט זייער מפּלה. די אייגענע רויטשילדס, וואָס האָבען איהם אַמאָל דורכגעטריבען, האָבען געשיקט רופען דעם אייגענעם סאָלאָווייטשיק דעם שדכן, ער זאָל זיי געהן מאַכען אַ פּאַרטי מיט די נייע מיליאָנטשיקעס, מיט די אויפגעקומענע אַריסטאָקראַטען, מיט די בראַצקים. דאָ איז מקוים געוואָרען דאָס ווערטעל: „אַז מע דאַרף האָבען דעם גנב, נעמט מען איהם פון דער תליה". סאָלאָווייטשיק דער פערמיטלער האָט זיך ניט געלאָזט צוויי מאָל בע־טען, און אַז ער איז געקומען צו די רויטשילדס, האָט מען איהם גע־בעטען זיצען, ניט געוואַרט ביז ער וועט זיך אַליין זעצען, און אפילו דערלאַנגט איהם אַ פּאַפּיראָס און פייער צום פּאַפּיראָס. דאָס איז שוין די טבע פון אַ כתרילעווקער אַריסטאָקראַט: אַזוי וועט ער

זיך אייך בלאזען, ווי איין אינדיק — גארנישט צו צוטרעטען! נאר קוים בעדארף ער פון אייך א שטיקעל טובה, אזוי ווערד ער אייך נידעריגער פון דער ערד און ווייכער פון פוטער, האטש נעמט לעגט איהם צו צו א געשוויר! אין קורצע ווערטער, מיט א פאר קליינע הקדמות, האבען די רויטשילדס אויסדערצעהלט זייער התנצלות פאר סאלאווייטשיק דעם פערמיטלער, אז זיי וואלטען, אייגענטליך, בשום אופן ניט געוואלט טהון ניט מיט זייער גלייכען, ניט מיט דעם, וואס זיי שטעהט ניט אן. נאר אזוי ווי ס'איז פארהאן א גמרא מיט א מדרש און מיט, להבדיל, א גוייש ווערטעל — על כן זאל ער זיך מטריח זיין צו די נייע, צו די אויפגעקומענע, צו אט די, וואס מע רופט זיי איצט מיט'ן נאמען „די בראצקים", און ער זאל זיי זאגען כך וכך... איהם בעדארף מען דאך די צונג ניט פיקען; ער איז דאך א איד, וואס קאטארע ער קאן...

דער פערמיטלער איז שיער צעגאנגען געווארען פון אזא בע־נעמונג, פון אזוינע רעד און פון אזעלכע קאמפלימענטען. שייך צו זאגען ער קאן? אודאי קאן ער! „ניין, פאני סאלאווייטשיק! איהר בעדארפט רעדען נישט גלאט, נאר פערשטעלט". שייך צו זא־גען פערשטעלט? אודאי פערשטעלט! „ניין, פאני סאלאווייטשיק! איהר טארט ניט זאגען, אז דאס האבען מיר אייך געשיקט. איהר בעדארפט זיי זאגען, אז דאס איז אייער אייגענער פלאן, וואס וואכסט פון אייך אליין. איהר פערשטעהט, צי ניין?" שייך צו זאגען ער פערשטעהט? ווער דען פערשטעהט, אז ניט ער? — און סאלאווייטשיק דער פערמיטלער האט אנגעגורט זיינע לענדען און איז אין דעם זעלבען טאג אוועק צו די בראצקים, איין אנגעלאדע־נער און איין אנגעשטאלענער, געהאט אזוי פיעל צו זאגען, אז ער האט גארניט געוואוסט, פון וואס פריהער. עס האט זיך איהם ארויסגעווי־זען, אז וויפיעל ער זאל ניט רעדען, וועט זיין ווינציג, און וואס ער זאל ניט זאגען, וועט ניט זיין דאס, וואס מע דארף. ס'איז אלע מאל אזוי, פון זינט די וועלט שטעהט: אז איהר קומט אריין צו א גרויסען מענ־שען, פערפלאנטען זיך אייך די מחשבות, און אנשטאט דעם, איהר

זאָלט זאָגען וואָס איהר ווילט, הויבט ביי אייך די צונג אָן צו פּלעשטשען דער רוח ווייסט וואָס!... איידער סאָלאָווייטשיק איז אריין צו די אויפגעקומענע מיליאָנטשיקעס, דאָס הייסט, אַז ער איז געווען אויף יענער זייט טהיר, איז ביי איהם געווען צוגעגרייט פּעק מיט רעד און מיט משלים און מיט פּסוקים און מיט גמרא'ס — אהן אַ שיעור. נאָר אַז די בראָצקים האָבען געגעבען אויף איהם אַ קוק מיט די אויגען און אַ פרעג: „וואָס דאַרפט איהר?" — האָבען זיך ביי'ם שרכן געגעבען אַ בלעטער־איבער די געדאַנקען אין קאָפּ, און פון אַלע זיינע פּאַרטיגע רעד מיט די פּסוקים, מיט די גמרא'ס, מיט די משלים, איז געוואָרען אַ מישמאַש — עס האָט זיך ניט גע־קלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. דאָס הייסט, אָנגעהויבען האָט ער דוקא נישקשה'דיג: „פאַרהאַן אַ רש"י, מאַכט ער: „תעלא בעדניה סגיד ליה" — אַ פוקס אין זיין צייט, אַז מע דאַרף צו איהם אָנקו־מען..." האָט מען געגעבען אויף איהם אַ קוק און אַ האַק איבער: „אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד?" „טאַקי אַקעגען דעם טאַקי, וואָס מע ווייס ניט וועמענס מאַרגען ס'איז... אַט, דאַכט זיך, ניט לאַנג האָט איהר געוואָלט, האָבען זיי ניט געוואָלט. איצט ווילען זיי שוין — שייך זאָגען זיי ווילען? זיי חלש'ען, זיי געהען אוים מיט אייך צו טהון, זיי נעמען איין אַ מיתה משונה! זיי וואָלטען מי יודע וואָס, אבי..."

— פון וועמען רעדט איהר?

— פון וועמען איך רעד? טאַקי פון זיי, טאַ יעסט, פון'ם סאַמע יחום, פון דער גילדענער פּאַהן, פון די גרעסטע, פון די פיינס־טע, פון די שענסטע — פון „אונזערע רויטשילדס" רעד איך דאָך...

מעהר האָט מען נישט בעדאַרפט. דער פערמיטלער זאָל זיי געווען אַפּגיסען מיט עסיג, אָדער מיט וויטריאָל, וואָלט זיי, דאַכט זיך, געווען ניחא'ער. די בראָצקים, ווייזט אויס, האָבען נאָך נישט פערגעסען דעם מיאוס'ען אַפּזאָג, וואָס זיי האָבען אַמאָל געהאַט פון די רויטשילדס, ניט היינט געדאַכט. — האָבען זיי זיך אַפּגע־

קיהלט דאָס האַרץ אַצינד און אויפֿגעלאָזט כל חמתם נעבאַך אויפֿ׳ן שדכן׳ס קאָפּ:

— מיט וועמען רעדט איהר אונז? מיט אַט די ראָסטאָווש־טשיקעס, פּראַצענטניקעס, ליכוויאַרזשעס, וואָס פֿערמאָגען ניט אונ־זער מיסט? — ווי האָט דאָס אַ איד אַ שדכן אַזאַ פּאַטעפּאַלנעסט קומען פֿאַרלעגען אונז צו טהון מיט אַזעלכע „חאַץ־דאַרגאָס“? ווער זענען זיי, אייערע רויטשילדס? שוין לאַנג איז זייער זיידע גע־זעסען מיט אַ טאַרבע מינץ אין מאַרק און געפּרוּירען, ווי אַ הונט? איצט זענען זיי שוין געוואָרען כלומרשט באַנקירען, נעמען וועכס־לעך, שינדען די הויט. ניין, ניין! איהר זאָלט גאַרניט פּרובען אפילו אָפּענטפֿערען אַ וואָרט — איהר הערט, וואָס מע רעדט צו אייך? און אַז איהר וועט ניט אַוועקגעהן באַלד מיט גוטען, וועט איהר זיך דערשפּיעלען — מע וועט אייך נעמען, איהר הערט צי ניין, און מע וועט אייך אַראָפּלאָזען פֿון אַלע טרעפּ!

שוין שטעהענדיג פֿון אונטען, איז דעם שדכן געבליבען נור איבערצו׳חזר׳ען נאָך אַמאָל די אַמאָליגע ווערטער זיינע: „מ ע ק אָ ן נ י ט ו ו י ס ע ן ו ו ע מ ע נ ס מ אָ ר ג ע ן ס ׳ א י ז“... און זיינע ווערטער זענען מקוים געוואָרען אויף אַ וואונדערליכען אופֿן, וואָס ניט סאָלאָווייטשיק דער פֿערמיטלער, ניט קיינער האָט זיך געקאָנט דערויף ריכטען. איצטיגס מאָל האָט זיך אָנגענומען דעם שדכן׳ס קריוודע דער גאָט פֿון ליעבע. עס האָט זיך אַריינגעמישט דאָס קליינע מלאך׳על, וואָס הייסט מיט זיין היי־ליגען נאָמען „אַמור“ און וואָס שיסט מיט פֿערגיפֿטיגטע פֿיילען אַלע בחורים מיט אַלע מיידלעך גלייך אין האַרצען אַריין. דאָס איז געווען אין יענעם הייסען זומערדיגען טאָג, ווען ביי אברהמעל דעם קאַליישטשיק זענען געפֿאָהרען פֿון כתרילעווקע קיין „פּאַלעס־טינא“, אויב דער לעזער קאָן זיך דערמאָנען, איין אַריסטאָקראַטישע מאַדאַם מיט אַ טעכטערעל אַ יפֿת־תואר, און צו זיי אויף דער „קאָ־לייקע“ האָט זיך אַרויפֿגעחאַפּט אַ טשיקאָווע פּראַנטעוואַטע בחור׳על מיט אַ ווייס קאַפּעלישעל און מיט איין אַריסטאָקראַטיש שטעקעלע

און האָט זיי געפּלעפּטביידען, די מאַדאַם מיט דער טאָכטער, מיט'ן ערשטען דרעה פון זיינע שוואַרצע אַריסטאָקראַטישע וואָנסילעך און מיט'ן ערשטען שאָס פון זיינע אויגען. איצט איז געקומען די צייט אויסצוזאָגען — עס איז שוין מעהר ניט קיין סוד — ווער איז דאָס די אַריסטאָקראַטישע מאַדאַם, וואָס רעדט אַזוי שען רוסיש: „נאַ טשטאָ נאָם וואָזדעך, קאָגדאַ אָו נאָס יעסט דיענגי?" און ווער איז געווען דער טשיקאַווע־פּראַנטעוואַטע־אַריסטאָקראַטישער יונגערמאַנטשיק, וואָס האָט געפּלעפּט די אַריסטאָקראַטישע מאַמע מיט איהר אַריסטאָקראַטישער טאָכטער? די מאַדאַם — דאָס איז געווען נישט קיין אַנדערע, נאָר די מאַדאַם רויטשילד, און דער יונגערמאַן איז נישט מעהר און נישט ווייניגער, ווי אַ זוהן פון די אויפגעקומענע אַריסטאָקראַטען, פון די כתרילעווקער בראַצקים.

נעמענדיג איין אַנבעטראַכט דאָס אַלץ, וואָס איז דערצעהלט געוואָרען ביז אַהער, וועט שוין ביי'ם לעזער זיין רעכט, ווער ס'איז געקומען צו הילף סאָלאָוויטשיק דעם שדכן, און עס בלייבט איבער נור איין זאַך: צי האָט־דער גאָט פון ליעבע עפּיס אויפגעטהאָן? און צי ס'איז איהם געראָטען, סאָלאָוויטשיק דעם פּערמיטלער, די דאָזיגע „פּאַרטיע" דורכצופיהרען? און אויב יאָ — וואָס האָט ער, סאָלאָוויטשיק דער פּערמיטלער, געחאַפּט דערביי? און וואו איז פאָרגעקומען די דאָזיגע גרויסאַרטיגע אַריסטאָקראַטישע חתונה — אין כתרילעווקע, צי אין „פּאַלעסטינאַ" אויף דער דאַטשע? אויף די אַלע וויכטיגע פראַגען בעקומט דער פריינד לעזער אַ קלאָרע תשובה אינ'ם קומענדיגען קאַפּיטעל פונ'ם דאָזיגען זומערדיגען ראָמאַן.

---

### 7.

### סאָלאָוויטשיק דער שדכן אַרבייט אויף אַלע כלים.

מיר מיינען, אַז דער פריינד לעזער איז צופריעדען, וואָס דער „ער" און די „זי" פונ'ם דאָזיגען זומערדיגען ראָמאַן זענען געראָ־

נישט קיין געוועהנליכע בשר־ודם׳ס, ווי, למשל, מיר זענען, נאר אמת׳ע אריסטאקראטען, פון דער גאלדענער פאהן, פון די כתרי־לעווקער מיליאנערען און מיליארדערען. „ער“ איז א בראצקי פון „אונזערע בראצקים“, „זי“ — א רויטשילד פון „אונזערע רויט־שילדס“. און דאס איז דאך א פאקט, וואס מע קאן נישט אפליי־קענען, אז מיר, געוועהנליכע בשר־ודם׳ס, זענען אלע מאל זעהר נייגעריג צו וויסען דוקא ו ו א ס אין די הויכע פענסטער טהוט זיך, ווי אזוי לעבט מען ביי די נגידים, ווי אזוי עסט מען דארט, ווי אזוי טרינקט מען? און אז א מיליאנערסקע אריסטאקראטישע חתונה האט פאר אונז גאר א בעזונדערען אינטערעס, האטש אז מע וויל שמועסען אין תוך אריין — וואס האבען מיר דערפון? גאר־נישט מיט גארנישט. נאר אזוי האט אונז שוין גאט בעשאפען — פארפאלען. מיר קאנען דעריבער מיט א ריינעם געוויסען געהן ווייטער מיט אונזער געשיכטע. נאר מע דארף זיך דערמאנען אויף א ווייל׳ע אין דעם ערשטען בעגעגעניש פונ׳ם „ער“ מיט דער „זי“ ביי אברהמ׳לען אויף דער „קאלייקע“, ווי אזוי דעם יונגען העלד בראצקי איז דאס געגאנגען, טאקי ממש דורך טהיר און דורך טויער. נישט נור איז די יפת־תואר, רויטשילד׳ס טעכטערל, געווען פון איהם געפאנגען, נאר אפילו די מאמע איהרע, זאל געזונד זיין, די מאדאם רויטשילד אליין, איז אינגאנצען געווען אויף זיין זייט און האט איהם מורא׳דיג פריינדליך אויפגענומען און מיט סכנות ליעבליך איינגעלאדען צו זיך אויף דער דאטשע: „פאזשאלעסטע, בעז צערעמאני!“ צו אזא כבוד און צו אזא הצלחה איז לאו כל אדם זוכה. ווארום מיר ווייסען דאך, אז פון זינט די וועלט שטעהט און זינט צווישען מענשען קומען פאר ראמאנען איז פונקט קאפויר: אז עס קומט די צייט פון פערליעבעניש, איז אדער דער טאטע, אדער די מאמע פון דער יפת־תואר, אדער זיי ביידע, שפארען זיך איין אזוי גוואלדיג, אז ס׳איז זיי נישט צו ריהרען פונ׳ם ארט! שענער פון אלץ איז דאס, וואס די עלטערען, זאלען מיר מוחל זיין, האבען אליין אמאל אין דער יוגענד געליעבט און געקעמפפט, מלחמה גע־

האַלטען מיט ז י י ע ר ע עלטערען, אַנטלאָפען און שטילערהייד געשטעלט אַ חופּה. וואָלטען זיי דאָס, דאַכט זיך, געמעגט געדענקען? איז ניין. איצט, אַז גאָט האָט זיי געהאָלפען, זיי זענען אַ ל י י ן געוואָרען עלטערען, האַלטען זיי מלחמה מיט זייערע קינדער. דערפאַר, אַז זייערע קינדער וועלען, אם ירצה השם, אויסוואַכסען און וועלען ווערען עלטערען, וועלען זיי אויך פערגעסען די אַמאָליגע צרות און וועלען מלחמה האַלטען מיט ז י י ע ר ע קינדער. דאָס איז אַ בעזונדער קללה פון גאָט, און נור איין אדם הראשון איז געווען אַ גליקליכער, וואָס חוה האָט נישט געהאַט קיין עלטערען, — און ווייטער איז צרות, מיט דאָסאָדע, מיט האַרצוועהטיג, מיט אומגליקען, מיט דראַמעס, מיט טראַגעדיעס אַלערליי. וועה־וועה, אַז מע טהוט זיך אַ טראַכט־אַריין, וויפיעל אומזיסטע טרערען עס זענען פערגאָסען געוואָרען און וויפיעל יונגע לעבענס עס זענען דערפון רואינירט געוואָרען — שטעלען זיך די האָר קאַפּויר! און נור דערפאַר, וואָס ס'איז אַצינד זומער, דאַטשע־סעזאָן, אַלץ גרינט און געלט און בליהט און וואַכסט און ס'איז הייס, און עס ווילט זיך גאָר געהן באָדען, און ווייל מיר זענען בכלל נישט קיין גרויסע מרה־שחורה'ניקעס און זענען ווייט פון טראַגישע בעשרייבונגען און טרויעריגע געדאַנקען, געהען מיר פערביי און ווילען דערפון גאָר נישט רעדען אפילו. און דערצו איז אין דעם זומערדיגען ראָמאַן, וואָס מיר בעשרייבען דאָ, צום גליק, אַלסדינג צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיג, אַזוי פּיינטשיק, אַז ס'איז געבליבען, דאַכט זיך, מעהר נישט, ווי נעמען און שרייבען תנאים, ברעכען טעלער און — מזל טוב אייך. נאָר וואָס דען? אַז ס'איז געקומען צום שפּיץ, האָט זיך עס אָפּגעשטעלט. וואָס איז די מעשה? די מעשה איז, וואָס אומעדום מוז זיין אַ פלעקעל, אַ וואָרעם, וואָס דערלאָזט נישט. און דאָס איז, אייגענטליך, אַ גליק פאַר אונז, שרייבער, מחמת ווען ניט אָט דער וואָרעם, און ס'זאָל אַלסדינג געהן גלאַט, וואָס וואָלטען מיר, דיכטער, דעמאָלט געהאַט צו טהון אויף דער וועלט?

דער „וואָרעם", וואָס איז געלעגן צווישן אונזערע העלדען, איז נישט נור דאָס, וואָס ער איז אַ בראַצקי און זי אַ רויטשילד, — דאָ איז געלעגן איין אַנדער הונד בעגראָבען: אונזער יפת־תואר איז שוין געווען „כמעט" ווי אַ כלה. טאַקי פאַר איין אייגענעם, פון דער משפחה, פון די רויטשילדס. אַ זווג איז דאָס אפילו געווען מששת ימי בראשית: ביידע גלייכע מיוחסים, ביידע פון דער גאָלדענער פּאָהן און ביידע זיצען זיי אין איין „פּאַלעסטינאַ", אַ דאַטשע נעבען אַ דאַטשע. ביידע האָבען גלייכע נדן'ס (צו עשרת אלפים) און ביידע קענען זיי זיך איינס דאָס אַנדערע דורך און דורך. זי — קענען מיר שוין. מיר האָבען שוין געהאַט דאָס פערגעניגען זי צו זעהען ביי אברהמלען אין דער „קאַלייקע" — אַ בתולה'כין אַ צאַצקע, איין אמת'ע יפת־תואר. און מיט איהם, מיט'ן חתן, הייסט עס, בעדאַרף מען אייך בעקאַנט מאַכען, אָפּמאָהלען אין עטליכע קורצע שטריכען: אַ בחור כהלכה, פונ'ם געוויסען שניט, אַ „געקאַנטשעטער קאָמערטשעסקי", האָט ליעב אַ קערטעל און קען זיך מיט דער גאַנצער חבריא פון „שאַנטאַן", קלאָר אויף אויסווענדיג אַלע אָפּערעטעס, און דעם גרעסטען ניגון וועט ער אייך אויספייפען מיט'ן מויל. ביי טאָג איז ער שלעפעריג, ביי נאַכט — איין אויסגעשלאָפענער. דאָס קאַפּעלישעל זיצט ביי איהם אויפ'ן שפּיץ קאָפּ, דאָס רעקעלע, „אַלאַ־קלאַש", הענגט ווי אויסגעגאָסען, דאָס שטעקעלע דין און טשאַקענדיג, און אַז עס קומט אריין אין טהעאַטער, אָדער אין צירק, אָדער אין סינעמאַטאָגראַף. געהט עס, ווי צום טאַנץ, בעל־הבתיש, ווי אַ היימישער, ווי איין אַלטגעזעסענער. אָט האָט איהר אייך אַ בילד פון איין אַריסטאָקראַטישען חתן פון די אמת'ע כתריליווקער רויטשילדס. מיט דער כלה האַלט זיך אַזאַ חתן קאַלט, סטאַטעטשנע, אויסגערעכענט, בעווייזט זיך ניט אַרויס מיט קיין פערליעבעניש — דאָס פּאַסט פאַר אַ בחור'על פון „ארץ־ישראל", ניט פאַר אַ „פּאַלעסטינער" אַריסטאָקראַט. אַרויסבעוויזען סימנים פון פערליעבעניש און פרעטענזיעס צו דער „כלה" האָט ער ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט זיך גע־

טראָפּען מיט אונזער צווייטען העלד, מיט בראַצקי'ס זווהנדעל, ביי זיינע מחותנים, אין „פּאַלעסטינא" אויף דער דאַטשע, און דערזעהן, ווי יענער שיסט מיט אויגען אויף דער מאַמזעלעכין רויטשילד, און ווי די מאַדאַם רויטשילד שלאָגט מיט איהם בלאַט, חנפה'ט דעם גאַסט אויף וואָס די וועלט שטעהט און האַקט אַזאַ רוסיש, אַז מע קאָן בלייבען אַהן אַ בויך לאַכענדיג! דעם חתן רויטשילד, דאָס הייסט, דעם האַלבען חתן איז ניט געפעלען דאָס, וואָס די מחותנת'טע רויטשילד איז איהם געוואָרען עפּים צו בערעדעוודיג, און עס האָט זיך אָנגעצונדען אַ העליש פייער אין דעם דאַזיגען העלד, און סע האָט איהם געחאַפּט אַ פּערדראָס אויף דעם יונגען בראַצקי, און די ליעבע האָט זיך פּלוצים אין איהם צעברענט און צעפּלאַקערט מיט סכנת נפשות! ניט אַזוי די ליעבע צו דער כלה, ווי די שנאה צו אַט דעם „אויפגעקומענעם" אַריסטאָקראַט! וואָס האָט יענער צו געהן מיט וויזיטען אין אַזאַ שטוב, וואו ער, רויטשילד, רעכענט זיך „כמעט" פאַר אַ חתן?... און בכדי צו מאַכען אַ סוף מיט דער דאַזיגער אונאָנגענעהמער געשיכטע, האָט ער גע־פּועל'ט ביי זיינע עלטערען, אַז מע זאָל זיך אָביסעל צואיילען מיט'ן קנס־מאָל. נאָר ווי איבערראַשט איז מען געוואָרען ביי זיינע עלטערען, אַז מע האָט זיי געבראַכט פון דאָרט אַ תשובה, אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו רעדען פון קיין קנס־מאָל, איבער דריי טעמים: ערשטענס, איז זומער, און זומער מאַכט מען ניט קיין קנס־מאָל. צווייטענס, איז די כלה נאָך צו־יונג און מע טראַכט נאָך גאָרנישט פון קיין שדוך. און דריטענס, קאָן זיין, אַז די טעג זאָל זי אַ כלה ווערען טאַקי פון היע מיט איינעם פון די פּאַלעסטינער אַריסטאָקראַטען...

אַז דער איינער פון די „פּאַלעסטינער אַריסטאָקראַטען" איז אונזער יונגער בראַצקי — דאָס האָט מען נישט געזאָגט. מע האָט עס שוין אַליין בעדאַרפט פערשטעהן. פאַר די רויטשילדס איז דאָס געווען אַ צווייענדיגער סקאַנדאַל: דאָס, וואָס זייער זווהנדעל בלייבט אַהן אַ כלה — איז איינס. און צווייטענס, וואָס איז דער גאָלדענער

פאַהן פון די אמת'ע רויטשילדס האָפּט זיך אַריין אין „אויפגעקומענער" אַריסטאָקראַט. „עפּים" אַ בראַצקי! דער צווייטער פּונקט איז געווען נאָך אפשר וויכטיגער פון'ם ערשטען. און פאַר אונזער אָפּגענאַרטען העלד, דעם האַלבען חתן רויטשילד, איז דאָס געווען אַזאַ קלאַפּ, אַז ער איז גרייט געווען אויף אַלסדינג, וואָס ער האָט ווען אַמאָל געלייענט אין די פראַנצויזישע ראָמאַנען. אפילו אויף אַ דועל! נאָר דערווייל האָט ער קיין סעקונדאַנטען צו זיין קאָנקורענט, צו בראַצקי'ן, נישט געשיקט. ער האָט בעסער געשיקט זאָגען דער מאַמע פון זיין „כמעט" געוועזענער כלה, אַז ער ווייסט, אַז דאָס שטאָמט פון אִ י ה ר. און אַז ער וועט דאָס איהר ניט פערשווייגען — ער וועט לאָזען אָפּדרוקען אין ביידע כתרילעווקער גאַזעטען אַלע ליעבע־בריוולעך, וואָס ער האָט פון איהר טעכטערעל, אַלע ביז איינעם. — און לאָז איהר געליעבטער חתן וויסען, וועמען ער נעמט פאַר אַ כלה!... אַפּנים, אַז אין די דאָזיגע ליעבע־בריוולעך האָט זיך עפּים געפונען, — און דאָס וואָלט געקאָנט זיין אַ שענער מאַטעריאַל פאַר די כתרילעווקער גאַזעטען. דער „קאַפּעליש" מיט דער „יאַרמעלקע" וואָלטען שוין געמאַכט דערפון אַ רעכטען צימעס און וואָלטען עס צעלעגט אויף טעלערלעך, — און דאָס האָט דאָך נעבאָך דאָס געעהרטע כתרילעווקער פובליקום אַזוי ליעב, ווי אַ שטייגער, געהאַקטע גענזענע לעבערלעך מיט שמאַלץ, אָדער געפּיהלטע העלזלעך אין אַ גוטען לאָקשענעם קוגעל, אָדער קאַלטע עפּעלקוואָס מיט אייז אין אַ הייסען זומער טאָג. איז אָבער ניט בעשערט געווען ניט די גאַזעטען זאָלען האָבען וואָס צו שרייבען, ניט דאָס געעהרטע פובליקום זאָל האָבען וואָס צו לייענען, ווי מיר וועלען דאָס באַלד געוואָוירע ווערען.

* * *

און אונזער צווייטער העלד, דער גליקליכער בראַצקי, האָט זיך דערווייל געטהאָן זיינס: ער איז געוואָרען אַ גאַנץ אָפּטער גאַסט ביי די רויטשילדס אויף דער דאַטשע, געבראַכט אַלע טאָג צוטראָגען אַ בוקעט פרישע בלומען מיט אַ האַלב פונט שאָקאָלאַד.

גענומען מאכען א שפאציער מיט'ן מאמזעלעכין רויטשילד, אמאל צופוס, אמאל רייטענדיג אויף פערדלעך און אמאל גאר אין איין אויטאמאביל ווייט־ווייט אין וואלד אריין, — אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז מען איז געוואוירע געווארען אין „ארץ־ישראל“ אויף די דאטשעס, וואס אין „פאלעסטינא“ טהוט זיך. האט מען דאס פארעל גענומען אין די מיילער אריין און מע האט אנגעהויבען אונטערצומורמלען... בקיצור, עס איז דערגאנגען אזש צו דער משפחה פונ'ם העלד, צו די בראצקים, און ס'איז געווארען כלומרשט א ויצעקו — זיי ווילען ניט דעם שדוך! האט דאס שוין די רויטשילדס פערדראסען: וויבאלד, אז איהר ווילט ניט, ווילען מיר אודאי ניט! האט זיך דאס יונגע פארעל אוועקגעשטעלט: ווילען מיר אבער! און עס האט זיך אפגעשפיעלט איין אריסטאקראטישע טראגי־קאמעדיע, וואו אלע צדדים האבען געוואלט — און אלע האבען זיך געברעקעלט, געמאכט אנשטעלען, ביז מע האט געמוזט אנקומען צו סאלאווייטשיק דעם פערמיטלער, ער זאל אויסגלייכען דעם סכסוך. און אט דא האט זיך ארויסבעוויזען סאלאווייטשיק מיט זיין גאנצען כח, וואס ער קאן. ער האט אנגעווענדט אלע מיטלען, דריי טעג געארבייט מיט דער גאל, און האט אויסגעגלייכט אלע צדדים, געמאכט שלום ושלוה, השקט ובטח. קודם האט ער אפגעמאכט מיט'ן געוועזענעם חתן א שטיקעל געשעפט. ער האט איהם געגעבען צו פערשטעהן, אז ער קאן מיט זיין געוועזענער כלה'ס ליעבע־בריוולעך מאכען געלד; נישט חלילה זיי פערקויפען צו די גאזעטען. נאר צו דער כלה'ס עלטערען. די רויטשילדס קאנען פאר אזא סחורה מעהר בעצאהלען, ווי צוואנציג קבצנ'ישע גאזעטען אין כתרילעווקע; און דוקא איצט, פאר דער חתונה, איז די רעכטע צייט צו פערהאנדלען די בריוולעך. ווארום טאמער לעגט ער עס אפ אויף שפעטער, האפט די סחורה א ריח און זי ווערד אויסגעוועבט... די דאזיגע ווערטער זענען דעם געוועזענעם חתן אריין אין נאז אריין, און מע האט זיך גענומען דינגען פאר די בריוולעך גאר פשוט, ווי מע דינגט זיך פאר עפיס א מין ארטיקעל, און מע האט די בריוולעך ביי איהם

אוועקגעקויפט — פאר וויפיעל? דאס איז שוין א סוד־זאך. סאלאוויטשיק דער פערמיטלער ווינשט זיך עס צו פערדיענען אלע יאהר, וואס דאס האט אפגעקאסט, און פאר נויט — איז אלע דריי יאהר. און אז איהר וועט איהם שטארק בעטען — איז אלע פינף יאהר... דערנאך האט ער גע'פועל'ט ביי די בראצקים, אז חאטש זיי האבען אריבערגעשמיסען די רויטשילדס און זענען א סך רייכער פון די רויטשילדס, און וויבאלד רייכער, זענען זיי דאך גרעסערע מיוחסים אויך, פון דעסטוועגען זענען זיי, די בראצקים, פריהער געקומען מיט א וויזיט צו די רויטשילדס אין „פאלעסטינא" אויף דער דאטשע, און דארטען איז טאקי געווען דאס ווארט, און דערנאך — דאס קנס־מאל, און טאקי באלד נאכדעם האט בעדארפט זיין די חתונה.— האט זיך געטראפען א מעשה, א צופאל, וואס טרעפט זיך איין מאל אין הונדערט יאהר און וואס האט שיער־שיער ניט צעשטעהרט דעם גאנצען פלאן פון סאלאוויטשיק דעם שדכן. דער צופאל איז געקומען גאר פון א זייט, וואס ניט סאלאוויטשיק, ניט די רויטשילדס מיט די בראצקים זענען אין דעם גאט די נשמה שולדיג. שטעלט אייך פאר, אז סאמע אין דער לעצטער מינוט, ווען אלע כתרילעווקער אריסטאקראטען, אנגעטהאן אין קורצע פראקען און ווייסע הענטשקעס, זענען זיך צענויפגעקומען קיין „פאלעסטינא", צו די רויטשילדס אויף דער חתונה, וואס האט אפגעקאסט א פערמעגען. צוויי ארקעסטרען מוזיק האבען געשפיעלט, א חוץ כתרילעווקער כלי־זמר, און אלץ איז שוין געווען גרייט צו דער אריסטאקראטישער חופה, — פלוצים וואכסט אויס, מע ווייסט ניט פון וואנען, עפּים א גרויסארטיגע דאמע, א הויכע, א שלאנקע פיגור, אונטער א געדיכטען שלייער, א שענע צי מיאוסע — דאס ווייסט מען ניט, נאר אז זי איז א נקבה — דאס איז זיכער. און ווי נור די דאמע אונטער'ן שלייער האט זיך בעוויזען, אזוי איז דער אריסטאקראטישער חתן געווארען בלאס, דער כלה איז געווארען ניט גוט, טאקי ממש אויף צו חלש'ען; די מחותנת'טע פון כלה'ס צד איז געווארען צעמישט, געבראכען די הענד און אויפגעהערט צו רעדען אויף רו־

סיש: די מחותנים פון חתנ׳ס צד האבען זיך עפּיס גע׳סוד׳עט, און צווישען די געסט איז געווארען אזא בהלה, אזא סומאטאכע, אז מיר מוזען דא איבעררייסען און איבערלאזען די פערשלייערטע דאַמע אויפ׳ן קומענדיגען קאפּיטעל, וואס שליסט די דאזיגע זומערדיגע ערצעהלונג מיט א שענעם „עפּילאג“ און מיט א „נאטאבענע“, ווי סע פּאסט פאר אזא אריסטאקראטישען ראמאן.

---

8.

## די פערשלייערטע דאמע.

דערפאר איז גוט צו זיין א גביר (אונזער אלטע טענה!) און דערפאר איז א חיות ביי די אריסטאקראטען. וואס טאמער טרעפט זיך עפּיס ביי זיי, איז אפּגעווישט די ליפּען און פּתח שין — שא! ווען אזא מעשה, וואס האט זיך געטראפען אין „פּאלעסטינא“, ביי די רויטשילדם מיט די בראַצקים, טרעפט זיך, די שעה זאל גאר ניט זיין, ביי א פּראסטען אידען אין „ארץ-ישראל“, וואלט זיך אי־בערגעקעהרט די גאנצע וועלט! און דא, ביי די אריסטאקראטען, — גארנישט! אז די פערשלייערטע דאמע איז אריינגעקומען צו די רויטשילדם א מינוט פאר דער חופּה, איז טאקי געווארען אויף א ווײַלע א סומאטאכע, א בהלה; עס האט אבער לאנג נישט גענומען. מע האט די פערשלייערטע דאמע אריינגעפיהרט אין א בעזונדער חדר, טאקי דעם חתנ׳ס פאטער און מוטער, די אויפגעקומענע בראַצקים האבען עס געטהאן, און מע האט זי א פרעג געגעבען: „וואס וויל זי?“ ווער זי איז און וואס זי איז — דאס האט מען זי ניט געפרעגט. מע האט זיך שוין אליין געשטויסען, אז דאס איז מסתמא דעם יונגען בראַצקי׳ס א געליעבטע פון פאר דער חתונה (דאס ווערד אנגערופען אויף זייער לשון „פלירט“). ווער פלירטעוועט ניט היינטיגע צייטען ביי די אריס־

טאַקראַטען? דעריבער האָט מען זי נור געפרעגט, *װאָס* זי װיל. און אַז די פערשלייערטע דאַמע האָט געזאָגט, װאָס זי װיל, איז מען קיין ברעקעל נישט נתפעל געװאָרען. מע האָט זיך נור אװעקגעשטעלט דינגען מיט איהר, װאָרום די פאָדערונגען, װאָס די פערשלייערטע דאַמע האָט אװעקגעשטעלט, זענען געװען שוין אַביסעל צו פיעל. די פערשלייערטע דאַמע האָט געפאָדערט איינס פון די צװיי: אָדער ס'זאָל זיין אוים שדוך מיט די רױטשילדס און אוים חופה, און דער חתן בראַצקי זאָל חתונה האָבען בעסער מיט איהר, מיט דער פערשלייערטער דאַמע, אָדער אַז ניט, זאָל ער זי בעװאָהרענען מיט אַ שענער פענסיע, װי עס פּאַסט פאַר אַזאַ אַריסטאַקראַט, װי אונזער בראַצקי, און אַ חוץ דעם זאָל ער מוחל זיין אװעקלעגען אַ געװיסען קאַפּיטאַל אויף אויפ'ן קינד'ס נאָמען... *װעה* איז געװען דאָס קינד און פון *װאַנען* האָט זיך גענומען אהער אַ קינד? — דאָס האָט מען זי אויך ניט געפרעגט. ביי די אַריסטאַקראַטען איז דאָס ניט קיין נאָװינע, אַז אַ חתן פאַר דער חתונה זאָל האָבען אַ געליעבטע, און די געליעבטע זאָל האָבען פון איהם אַ קינד, אָדער צװיי. אונזערע אויפגעקומענע אַריסטאַקראַטען, די כתרילעװקער בראַצקיס, האָבען געדאַנקט גאָט, װאָס זי האָט נור *איין* קינד. װאָרום מיט װאָס װאָלט געװען בעסער, ס'זאָל זיין צװיי אָדער דריי קינדער? און אַביסעל האָט מען געהאַט פאַראיבעל אויפ'ן זוהן: למאי האָט ער ניט דערצעהלט פריהער דעם טאַטען אָדער דער מאַמען, אַז ער האָט שוין אַ קדיש? איצט איז אָבער נישט די צייט אויף צו זיין ברוגז. די חופה שטעהט. אַלץ איז גרייט און פאַרטיג, און דער עולם קאָן נאָך אָנהויבען זיך צעקריכען און צעגעהן אַהיים, און די אַריסטאָקראַטישע חתונה קאָן זיך נאָך חלילה ענדיגען מיט אַ סקאַנדאַל, — און אַריסטאַקראַטען האָבען פיינט סקאַנדאַלען! האָט מען זיך גענומען דינגען מיט דער פערשלייערטער דאַמע. אַ רענדעל אַראָפּ, אַ רענדעל אַרויף — מע איז דורכגעקומען: מע האָט איהר בעצאָהלט טאַקי דאָ אויפ'ן אָרט קאַטעסען פון אַלע פיער זייטען. און די כלי־זמר מיט'ן קעסעלמיט מזומנים ממש, און מע האָט איהר אַרויסגעגעבען אַ פּאַפּיער,

און דער אַלטער בראַצקי האָט געלעגט די חתימה מיט זיין אמת׳ען נאָמען „קופּעץ פּערווע גילדיע איסאַק אַראָנאָוויטש דעמבאַ“, אַז דאָס קינד בעדאַרף זיך געפינען ביי דער מוטער ביז ס׳וועט אַלט ווערען אַכצעהן יאָהר, און דערויף בעקומט די מוטער אַזוי פיעל און אַזוי פיעל אַלע יאָהר; און אַז דאָס קינד ווערד אַלט אַכצעהן יאָהר, בעקומט עס פון דעם קופּעטשעסקי סין אַראָן איסאַקאָוויטש דעמבאַ, פון חתן הייסט עס, אַזוי פיעל און אַזוי פיעל, — און דאָס אַלסדינג דאַרף זיין בסוד־סודות, און ביידע צדדים זענען צופריעדען, איינס צו דאָס אַנדערע טאָרען נישט האָבען קיין שום טענות און פּרע־טענזיעס — ו ה כ ל ש ר י ר ו ק י י ם.

און דערמיט איז די פערשלייערטע דאַמע אַוועק אַהין, פון וואַנען זי איז געקומען, און די צערעמאָניע פון דער אַריסטאָקראַ־טישער חופּה איז אויסגעפיהרט געוואָרען אויפ׳ן שענסטען אופן: דער קאַזיאָנער רב האָט געהאַלטען זעהר אַ שענע דרשה, געוועהנ־ליך אויף רוסיש, זיך אָפּגעשטעלט אויף דער אומשולדיגקייט און אויף דער ריינער ליעבע פון דעם פּאַרעל, וואָס געהען בויען זייער הויז, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטען און אַזוי ווי אין פּסוק שטעהט: „הבן יקיר לי אפרים“. ביי׳ם פּסוק האָבען די אַריסטאָקראַטען אַראָפּ־געלאָזט זייערע נעזער, און די אַריסטאָקראַטקעס האָבען צוגעטראַ־גען די ווייסע טיכלעך צו די טרוקענע אויגען, צו בעווייזען, אַז חאָטש זיי ווייסען ניט די טייטש פון׳ם פּסוק, נאָר דעם פּשט פון די ווערטער פערשטעהען זיי גלייך מיט די אַריסטאָקראַטען... און דער־נאָך האָבען חתן־כלה צעקושט זיך מיט די מחותנים און מיט אַלע געסט, און תיכף נאָך דער צערעמאָניע, אפילו נישט פּער־ביסען, נאָר אויסגעטרונקען צו גלעזלעך שאַמפּאַניער־וויין, האָט זיך דאָס פּאַרעל אויפגעזעצט אין אַ שענעם אויטאָמאָביל און איז אָפּ־געפאָהרען צו דער באַהן אויף דער האָכצייטסרייזע, ווי דער מנהג איז ביי די אַריסטאָקראַטען פון דער גאַנצער וועלט, און אויך ביי אונזערע כתרילעווקער אַריסטאָקראַטען, וואָס טאַנצען נאָך דער גאַנצער וועלט.

## עפּילאָג צו דער „פּערשלייערטער דאַמע“.

אויף מאָרגען אין דער פריה, נאָך דער חופּה־וועטשערע, האָט זיך בעוויזען איןביידע כתרילעווקער גאַזעטען אַ נאָטיץ וועגען דער גרויסאַרטיגער אַריסטאָקראַטישער חתונה אין „פּאַלעסטינאַ“.

אין דער דאָזיגער נאָטיץ איז געווען בעשריבען אַלסדינג, נאָר וועגען דער מעשה מיט דער פּערשלייערטער דאַמע — אַפילו נישט קיין וואָרט. ביידע כתרילעווקער גאַזעטען, סאַי דער פּראָגרעסי־ווער מאָרגענער „קאַפּעליש“, סאַי די אָרטאָדאָקסישע „יאַרמעלקע“, האָבען זיך געריסען אויף די גלייכע ווענד, זיך גאַרנישט געקאָנט אָפּלויבען פון דער דאָזיגער „קייזערליכער“ חתונה. עס זענען ביי זיי אויסגערעכענט געוואָרען ביי די נעמען אַלע כתרילעווקער אַריס־טאָקראַטען, וואָס האָבען בעעהרט די דאָזיגע זעלטענע חתונה, מיט אַ קורצער כאַראַקטעריסטיק אויף יעדען אַריסטאָקראַט בעזונדער, מיט וואָס ער פיינט זיך אויס: ווער מיט זיין גוט הארץ, ווער מיט זיין חכמה, ווער מיט זיין צדקה־געבען און ווער מיט אַנדערע מעלות טובות. מע האָט נישט פערגעסען אויסרעכענען אויך די מאכלים, וואָס מע האָט דאָרטען געגעסען, און די משקאות, וואָס מע האָט דאָרטען געטרונקען. דער „קאַפּעליש“, למשל, איז אַריין אין מורא'דיגע התלהבות און האָט זיך געגעבען אַ זאָג, אַז די שוחטים האָבען דאָס געהאַט וואָס צו טהון! אַלע דריי שוחטים האָבען דריי טאָג כסדר געהאַלטען אין איין קוילען עופות! און די „יאַרמעלקע“ האָט זיך צעקאָכט גאָר אויף איין אַנדער אופן. די „יאַרמעלקע“ האָט זיך מעהר אָפּגעגעבען מיט די משקאות, ווי מיט די מאכלים. אַז ס'איז געקומען צו די וויינען, וואָס מע האָט דאָרטען אויסגעטרונ־קען אויף דער חופּה־וועטשערע, איז זי אַריין אין איין עקסטאַז און האָט אַ זאָג געגעבען בדרך משל, אַז פון די לעדיגע פלעשלעך אַליין, ווען אַ כתרילעווקער בעל־הבית פערמאָגט עס, וואָלט ער געקאָנט בהרחבה חתונה מאַכען דריי טעכטער, און עס וואָלט איהם אַליין נאָך אויך געבליבען אויף אַ יאָהר צו לעבען!...

דער כתרילעווקער לעזער, וואס איז שוין געוואהנט צו אזעלכע גוזמות אין די כתרילעווקער גאזעטען, איז ווינציג־וואס נתפעל געווארען סאי פון די שוחטים און סאי פון די פלעשלעך. איז דאך אבער די וויסטע קאנקורענציע! בעדארף דער ראדיקאלער „קאפעליש“ ארוים אויף מארגען מיט א שארפער „קריטיקע“ אויף דער „יארמעלקע“, אונטער א שרייענדיג קעפעל: „אידען — די גרעסטע שכורים אין דער וועלט!“

אין דער דאזיגער „קריטיקע“ טהוט זיך דער ראדיקאלער „קאפעליש“ א טייטש־אוים מיט'ן גראבען פינגער און א רעכען־אוים: „שאט! לאמיר נור געהן פאוואלינקע, ניט געהאפט: דריי טעבעטער חתונה מאכען, לאז שוין זיין אפילו ניט אזוי „בהרחבה'דיג“, ווי דער פינסטערער רעדאקטאר פון דער שווארצער „יארמעלקע“ זאגט, בעדארף אויך קאסטען היינטיגע צייטען, צום ווענינגסטענס, אזעלכע פינף־זעכס הונדערטער אויף א טאכטער. האבען מיר שוין א קיימא־לן פון אכצעהן הונדערטער. היינט לאמיר אקארשט א רעכען טהון, וואס איז ווערטה א לעדיג פלעשעל פון וויין? ווועלען מיר זאגען: צו דריי קאפיקעס. קומט אוים, אז אויף דער דאזיגער חתונה זענען אויסגעטרונקען געווארען נישט מעהר און נישט ווענינגער ווי 60,000 פלעשער וויין! איצט לאמיר געהן ווייטער: וויפיעל האבען געקאנט זיין מענשען אין „פאלעסטינא“ אויף דער דאטשע? נו, דריי מנינים. דרייסיג אידען הייסט עס. זעכציג טויזענד געטיילט אויף דרייסיג — מאכט דאס ניט קיין צוויי טויזענד פלאש וויין אויף א מענשען? קומט אוים, הייסט עס, אז די גרעסטע שכורים אין דער וועלט זענען אידען — און דאס איז פאר אונז א נייעס, איין איבערראשענדע נייעס!“

האט זיך אבער די „יארמעלקע“ ווינציג־וואס דערשראקען פאר אזא „קריטיקע“ און איז אויף מארגען ארוים אויך מיט א „קריטיקע“ אויף א „קריטיקע“, און פרעגט ביי'ם „קאפעליש“ א קלאץ־קשיא, שוין מיט א לשון רבים: „זאגט נור, קלוגע קעפ פונ'ם ליב-

טיגען „קאפעליש“. מענשען פון אמת, אז איהר זענט שוין יא אזעל־כע קנאקערס און חטאים־זוכער און איהר קאנט חאפען יענעם אין א גוזמא און מאכען אזעלכע חשבונות מיט אזעלכע גרעסטענע סטא־טיסטיקעס, — פאר וואס זאלט איהר שוין אין איינוועגס ניט נעמען א בליישטיפט פאר פיער גראשען און געבען א רעכען־אויס אויף פאפיער, אדער טהון א חאפ אויפ'ן קאפ אייער אייגענעם חשבון מיט אייער אייגענער סטאטיסטיקע פון די היהנער? איהר זאגט אין אייער ליכטיגען בלאט, אז אויף דער דאזיגער חתונה זענען אויסגעקוילעט געווארען אזוי פיעל היהנער, אז אלע דריי כתרילעוו־קער שוחטים האבען דריי טעג דורכאיינאנד געהאלטען אין איין שעכטען עופות? לאמיר זשע זיך ניט פוילען און קארשט מאכען א חשבון־צדק: וואס גדויערט ביי א שוחט קוילען איין עוף? העכסטענס, א מינוט. הייסט עס, אז אין א שעה קאן ער אייך אוועק־לעגען, מינדעסטענס, 60 עופות. אין א טאג (אויב ער שלאפט ביינאכט), 12 מאל 60 — איז אזוי גרוים ווי 720 עופות. אין דריי טעג — 2160 עופות. אלע דריי שוחטים אינאיינעם בעדארפען אוועקלעגען, הייסט עס, אזוי גרוים, אזוי קליין, ווי 6480 עופות! אצינד ווילען מיר זיין מילד און געבען אייך צו, אז פון אזא מחנה עופות זענען 480 שטיק טרפה געווארען, איין עק — האבען מיר נאך אלץ א קיימא־לן פון 6000 עופות! געטיילט אויף דרייסיג אריסטאקראטען, ווי איהר זאגט, נעמט זיך אן אזוי גרוים, ווי צו 200 היהנער אויף א קאפ? וויבאלד אזוי, פרעגט זיך א קשיא, האב אייך אכציג שווארצע רוחות, — וואסער מענש, ער מעג זיך זיין דער גרעסטער אריסטאקראט און דער גרעסטער זולל־וסובא'ניק, וועט קאנען בייקומען 200 עופות א טאג?...

איז דאך דאס אבער כתרילעווקע אויף דער וועלט. האבען זיך געפונען לצים, וואס האבען זיך אונטערגענומען אויסגלייכען ביי־דע צדדים. זיי האבען געזאגט אזוי: „לאזט אונז אראפ אויפ'ן זויין, וועלען מיר אייך אראפלאזען אויף די היהנער“.

---

נ אָ ט אָ ב ע נ ע: אַז דאָס יונגע פּאָר איז צוריקגעקומען פון דער האָכצייטסרייזע — געזאָגט האָבען זיי, אַז זיי זענען געווען אין אויסלאַנד, אין איטאַליע, נאָר די כתרילעווקער ליצני־הדור האָבען געשמועסט, אַז ס'אַ ליגען — געווען זענען זיי גאָר אין יעהופּעץ! — נאָר יעדענפאַלס, אַז זיי זענען צוריקגעקומען פון זייער האָכצייטסרייזע, און דער יונגער בראָצקי, דאָס הייסט, אַראָן אַיסאַקאָוויטש דעמבאָ, איז געוואָרען (דעמאָלט אין דער בהלה האָט ער נישט געקאָנט וויסען — די עלטערען האָבען איהם נישט געוואָלט פערשטעהרען די שמחה), אַז זיין פאָטער, דער אַלטער בראָצקי, דאָס הייסט, דער פערווע גילדיע קופּעץ איסאַק אַראָנאָוויטש דעמבאָ, האָט אַרויסגעגעבען דער פערשלייערטער דאַמע אַזאַ פּאַפּיער. — האָט ער זיך געחאַפּט ביי'ם קאָפּ! ער האָט געשוואוירען מיט אַזעלכע שבועות, וואָס מע מעג גלויבען אַ משומד, אַז ער געדענקט נישט. חאָטש נעמט איהם אַראָפּ דעם קאָפּ, אַז די „פערשלייערטע דאַמע“, לויט איהר הויכער פיגור, זאָל געווען זיין אַמאָל זיין געליעבטע, און אויך וויפיעל ער געדענקט, האָט זיין געליעבטע קיינמאָל קיין קינד ניט געהאַט, דאָס הייסט, ער וויל זאָגען, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ געליעבטע, וואָס זאָל האָבען אַ קינד... נאָר אויב די „פערשלייערטע דאַמע“ איז די, וואָס ער מיינט, מוז דאָס זיין אַ אינטריגע פון זיין קאָנקורענט, פונ'ם געוועזענעם חתן רויטשילד... נאָר גאָרנישט, גע'חתמ'עט אַ פּאַפּיער — איז פּאַרפאַלען. בראָצקי ברעכט נישט קיין וואָרט. סיידען אַז דער אַלטער וועט צומאַכען די אויגען, און דער יונגער וועט איבערנעמען די ירושה — דעמאָלט וועלען מיר שוין זעהן...

און וואָס אַנבעלאַנגט דעם קאָנקורענט, דעם בעלעדיגטען יונגען רויטשילד, זאָלט איהר גאָר קיין יסורים ניט האָבען: סאָלאָווייטשיק האָט איהם אויך געקריגען אַ כלה, און נאָך וואָס פאַר אַ כלה! טאַקי פון די אויפגעקומענע, פון „אונזערע בראָצקים“. מאָהלט אייך, שוין אַ סך אַ קלענערע יפת־תואר פון יענער, פון דער רויטשילד. און ניט נאָר אַ קלענערע יפת־תואר, נאָר טאַקי גאָרניט קיין

יפת־תואר, מע קאַן זאָגעו, טאַקי גאָר־גאָר אַ מיאוסקייט. דערפאַר אַבער האָט מען איהם געגעבען אַ לעג־אַוועק נדן — וואָס טויג אייך — איהר האָט איהם פערזאָרגט! . . .

און נאָך איין זאַך מוז דאָ געזאָגט ווערען, בכדי דער פריינד לעזער זאָל זיין בעפריעדיגט פון אַלע זייטען: וואָס פאַר אַ רח״ש האָט דאָ געחאַפּט סאָלאָוויטשיק דער שדכן אַרום און אַרום? — פרעגט שוין גאָר ניט! סאָלאָווייטשיק דריקט זיך אויס, אַז ער האָט דאָ געחאַפּט אַזאַ גראַבס, אַז ער האָט ניט אַזאַ גוטען פריינד, וואָס ער זאָל איהם ווינשען אַזאַ גליק. „זינט כתרילעווקע איז אַ שטאָדט, זאָגט ער, און זינט סאָלאָווייטשיק איז אַ פערמיטלער, האָט נאָך קיין איד, זאָגט ער, אַזאַ רח״ש אַפילו אין חלום ניט געזעהן!“ און אויסלאָזען לאָזט ער אויס אַזוי:

— איבעריגענס, צו וואָס טויג אייך, פעטערעל, אריינקריכען אין יענעמס קעשעני? אפשר זענט איהר בעסער רייך אין אַ גמילות־חסד'על אויף אַ קורצע צייט? איך שטעה איצט אין אַ פּאָר פאַר־טיעס, וועל איך אייך, אם ירצה שם, מיט גאָט'ס הילף, אָפּגעבען, און נאָך מיט גרויס דאַנק!

# אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט

אַ מעשה שהיה, וואָס מיט מיר אַליין האָט געטראָפען, דערצעהלט לכבוד פסח, האָטש ס'האָט גישט צו טהון ניט מיט פסח, ניט מיט שבועות, ניט מיט סוכות, און עס קאָן זעהר שען דערצעהלט ווערען אין אַ וואָכע־דיגען טאָג אויך — אַבי מע זאָל נאָר װעלען הערען.

געשריבען אין יאָהר 1915

# אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט

נים הײנט געדאַכט, נים פאַר אײך געדאַכט — איך בין אַמאָל
געווען אַ ראַבינער. אַ ראַבינער, נישט קײן רב. דאָס הײסט, טאַקי
אַ רב, נאָר אַ „ק אַ ז י אַ נ ע ר"...

וואָס אַ „קאַזיאָנער רב" איז דערהײם בעדײט — בעדאַרף איך
פאַר מײנע הײמישע אידען קײן סך נישט ערקלעהרען. זײ װײסען
שוין אַלײן, וואָס דאָס איז פאַר אַ מין חיה. אַ מעטריקע, אַ ברית, אַ
חתונה, אַ גט — דאָס איז זײן ארבײט. און ער האָט זיך אַ טאַקסע
פון טוידט און פון לעבעדיג... אין שוהל קומט איהם דער אויבען־אָן.
מעשה רב: צו „הנותן תשועה" שטעהט ער אויף דער ערשטער; און
קומט אַ יום־טוב, אַ טאַבעל־טאָג הײסט עס, איז אַ ר י י ן אינ'ם
צילינדער און אַ ר ו י ס מיט לשון, און דוקא „רשעות": „גאָספּאָ-
דאַ פּריחאָזשאַנע!" אַדער „בלאַגאָטשעסטיוויע בראַטיאַ!"... זאָגען,
אז מע האָט בײ אונז שטאַרק ליעב אַ ראַבינער — עט! גאַרניט,
מע האַלט זיך מיט איהם. עלעהיי אַ פּריסטאַוו אַדער אײן אַנדער
קנעפּעל, אַ שוואַרץ יאָהר. און דאָך ווערד ער געוועהלט אַלע דרײ
יאָהר דורך „וויבאָרעם" — אַ מין עלעקשאָן, ווי בײ אײך אַ פּרעזי-
דענט, להבדיל. און אויסגעקליבען ווערד ער דוקא פונ'ם פאָלק, דאָס
הײסט, מע שרײבט אַרײן אַ פּאַפּיער צו דער קהילה: „נאַ אָסנאָ-
וואַניע פּרעדפּיסאַניאַ יעוואָ פּרעוואָסחאָדיטעלסטוואַ גאָספּאָדינאַ
גובערנאַטאָראַ — פּריקאַזאַל..." אויף אונזער לשון וועט דאָס הײ-
סען כמעט אַזוי שען ווי: „דער אדון דער גובערנאַטאָר הײסט אײך,
איהר זאָלט אײך צענויפקומען, אידעלעך פאַרכעס, אין שוהל אַרײן
און אויסקליבען אײך אַ ראַבינער!"...

דערנאָך הויבען זיך אָן די „וויבאָרעם": קאַנדידאַטען,
מחלוקת'ען, בראָנפען און חאַבאַר... דערנאָך הויבען אָן לויפען דאַ-

נאסלעך, מסירה׳לעך הייסט עס. אין דער „גובערנסקע פּראוולע־ניע״... איז מען מבטל די וויבאָרעס, און מע הייסט מאַכען נייע ווי־באָרעס, און ווידער „נאַ אָסנאָוואַניע פּרעדפּיסאַניאַ יעוואָ פּרעוואָ־סחאָדיטעלסטוואַ״, און ווידער קאַנדידאַטען, מחלוקת׳ען, פּאַר־טיעס, בראָנפען און האָבאַר — חי געלעבט!

בין איך געווען, את חטאי אני מזכיר היום, אַ ראַבינער אין אַ קליין שטעדטעל. ס׳איז נישט קיין סוד, איך קאָן אייך זאָגען אפילו מיט אַ סימן: אין פּאָלטאַווער גובערניע. געוואָלט האָב איך אָבער זיין מאָדערן, אַ יוצא מן הכלל, נישט ווי אַלע ראַבינערס. האָב איך אַראָפּגעוואָרפען פון זיך דאָס „קנעפּעל״ און גענומען אַריינקוקען בעסער אין קהל׳שען טאָפּ אריין, אָפּגעבען זיך מיט כלל־זאַכען. אַ תלמוד־תורה, אַ גמילות־חסדים, אַ פּערלאָזעניש, אַ בוררות, אַ דין־תורה און גלאַט אַיין עצה.

אַ פּערלאָזעניש, אַ בוררות, אַיין עצה — דאָס האָב איך גע־ירש׳עט פון מיין טאַטען און פון מיינע פעטערס. זיי, עליהם השלום, האָבען אויך ליעב געהאַט, מע זאָל זיי „באַדערען״ מיט פּרעמדע „ביזנעס״. פּאַרהאַן אַלערליי מינים מענשען אויף דער וועלט. פּאַר־האַן מענשען אַזעלכע, וואָס מע קאָן זיי נים באַדערען בשום אופן. איהר וואָלט זיי געבאָדערט — לאָזען זיי זיך נים. און פּאַרהאַן ווידער מענשען אַזעלכע, וואָס איהר קאָנט זיי אַרויפקריכען גלייך אויפ׳ן קאָפּ, נישט מיט אַ מאָל, ביסלעכווייז: פריהער אויפ׳ן שויס, דערנאָך אויפ׳ן קאָפּ און דערנאָך מיט די טיעפע קאַלאָשען אין האַר־צען אריין אויף אַ גאַנץ ווינטער.

אַט פון דעם מין ראַבינערס בין איך געוועזען און האָב געהאַט, איך מעג מיך בעריהמען, אַ סך אַנהענגער און גאַנץ הייסע חסידים, וואָס האָבען זיך נישט געשעמט צו קומען אַלע טאָג, אָנבאָראַ־באַנעווען אַ פולען קאָפּ און אָוועקזיצען ביז העט־ווייט אין דער נאַכט אריין; נים אָפּגעזאָגט זיך קיין מאָל פון אַ גלעזעל טיי; פּאַ־פּיראָסען, פערשטעהט זיך, מיינע; צייטונגען און ביכער — שמועסט מען נים. מיט איינעם וואָרט, אחינו אתה — נאַש בראַט, און שויין.

ויהי היום, עפענט זיך איינמאל די טהיר, און עס קומען אריין די שבעה טובי העיר, דער רעכטער שפיעגעל, דער סאמע צימעס פון שטאדט, — פיער אידען בעלי־בתים, מע קאן זאגען נגידים: „א גוט מארגען, ראבינער!" ווער זענען דאס געווען? דריי פון זיי זענען געווען די „טראיקע" — אזוי האט מען זיי א נאמען געגעבען אין שטעדטעל דערפאר, ווייל זיי האבען תמיד געהאנדעלט אלע דריי בשותפות׳דיג, אלע מאל געקריעגט זיך, שטענדיג חושד געווען איינס דאס אנדערע און געקוקט זיך אין האנד אריין — און פון דעסט־וועגען איז מען קיינמאל ניט צעגאנגען זיך, איבער א פרינציפ פון א ממה־נפשך: „איז דאס געשעפט א גוט געשעפט און מע וועט פערדיענען, פאר וואס זאל איך אויך ניט אפלעקען אביינדעל? אלא וואס דען, ס׳איז איין אומגליק — ווער דו אויך בעגראבען מיט מיר און ליג אויך אין דער ערד"... וואס טהוט גאט? געהען זיך צענויף די דריי שותפים מיט א פיערטען, האנדלען אפ מיט איהם קארגער א יאהר און מע צעפאטשט זיך. וואס איז? „זינט גאט האנדעלט מיט גנבים, דרעהערס און זשוליקעס, האט ער נאך אזא גנב, אזא דרעהער און אזא זשוליק נישט געזעהן!" אזוי טענה׳ן נע־באך די דריי שותפים אויפ׳ן פיערטען. און ער, דער פיערטער, טענה׳ט פונקט דאס אייגענע אויף זיי: „זינט גאט האנדעלט מיט גנבים, דרעהערס און זשוליקעס, האט ער נאך אזעלכע גנבים, אזעל־כע דרעהערס און זשוליקעס ניט בעגעגענט!" ווער־זשע איז געווען אט דער פיערטער? דאס איז געווען א איד דוקא א שטילינקער, א נעבאכעל, איין אפגעפוצטער, מיט א הדרת־פנים, מיט געדיכטע, שווארצע ברעמען, אונטער וועלכע עס האבען ארויסגעקוקט א פאר ממזר׳יש־שמייכלענדיגע אויגען, און געהייסען האט ער מיט זיין ליעבען נאמען „רב נחמן לקח".

דאס הייסט, הייסען האט ער געהייסען נחמן נתן, נאר גע־רופען האט מען איהם „נחמן לקח", דערפאר, ווייל „לקח" איז די טייטש *ער האט גענומען*, און „נתן" — *ער האט געגעבען*, און אט דער נחמן נתן האט אויף זיין לעבען קיינמאל

ניט געגעבן, נאָר גענומען... און נחמן נתן האָט אַ טבע, אַז ער רעדט, מישט ער אַריין אַלע מאָל, צי מע דאַרף, צי מע דאַרף ניט, די צוויי ווערטער: „מחמת דערימאַך".

איז מען דאָס געקומען, הייסט עס, צום ראַבינער מיט אַ פּער־לאַזעניש — ער זאָל אויסהערן, הייסט עס, זייערע טענות, טאָמער וועט ער געפינען עפּיס אַ מיטל זיי אויסצוגלייכן אין זייערע פּער־פּלאָנטערטע חשבונות. „ווי אַזוי איהר וועט געפינען, פּאַני ראַבי־נער, און וואָס איהר וועט אָפּ'פּסק'ענען און וואָס איהר וועט זאָגן, איז געזאָגט"...

אַזוי האָבען בעשלאָסען די דריי שותפים, און דער בעל־דבר זייערער, רב נחמן לקח, האָט צוגעבאָמקעט מיט אַ נעבאַך־פּנים, אַז ער פּערלאָזט זיך אינגאַנצען אויף מיר: „מחמת דערימאַך וואָס ער ווייסט, אַז ער איז גאָט די נשמה שולדיג". און ער האָט זיך אוועקגעזעצט אין אַ ווינקעלע, צענויפגעלעגט די הענד אויפ'ן האַר־צען, ווי אַ אידינע, צענויפגענומען די געדיכטע ברעמען און געקוקט מיט זיינע ממזריש־שמייכלענדיגע אויגען אויף מיר און געוואַרט, וואָס וועלען טענה'ן די שותפים. און אַז די שותפים האָבען אַרויס־געלעגט אַלע זייערע טענות ומענות, איז ער אויפגעשטאַנען, אויס־געגלעט די געדיכטע ברעמען, נישט געקוקט אויף זיי, נאָר די גאַנ־צע צייט אויף מיר, טיעף־טיעף, מיט זיינע ממזריש־שמייכלענדיגע אויגען, און ער האָט אַזוי בריה'ש צעשלאָגען אַלע זייערע טענות, אַז ס'איז אויסגעקומען, אַז דרעהערס, שווינדלערס, גנבים און זשו־ליקעס זענען טאַקי זיי, די דריי שותפים זיינע, און ער, נחמן לקח, איז אַ צדיק וישר און אַ כּפּרה־היהנדעל, איין אמת'ער קרבן: „מחמת דערימאַך וואָס אַלסדינג, וואָס איהר האָט דאָ געהערט פון זיי, איז שוא ושקר, לא היה ולא נברא, ניט געשטויגען ניט געפלוי־גען"... און ער האָט אויסגעוויזען מיט טויזענדער ראיות, אַז אַלץ, וואָס ער זאָגט, איז הייליג, תורת משה אמת...

די גאַנצע צייט, וואָס דער האָט גע'טענה'ט, האָבען יענע, די טראַיקע, ניט געקאָנט איינזיצען. אַלע מינוט איז אויפגעשפּרונ־

גען עמיצער פון זיי, זיך געחאַפּט ביי׳ם קאָפּ, ביי׳ם האַרצן: „סטייטש־סטייטש! ווי קאָן אַ איד זאָגן אַזעלכע זאַכן? האָקן אַזעלכע שקרים וכזבים?" עס האָט געקאָסט מיה די חברה צו בע־רוהיגן, זיי זאָלן פאַר גרויס ערגערניש ניט אַריינפאַהרען זייער בעל־דבר אין באָרד אַריין, און דעם ראַבינער איז שווער ג׳ווען, זעהר שווער, אַרויסצוקריכען פון דעם דאָזיגען פּלאָנטער, וואָס האָט אַרויסבעוויזען, אַז ער האָט פאַר זיך אַ גוטע קאָמפּאַניע, און אַז שווינדלערס, גנבים און זשוליקעס זענען זיי אַלע פּיער, און נאָך מוסרים אויך דערצו, און אַז זיי פערדיענען, מע זאָל זיי אַלע בע־שטראָפען. וואָס־זשע טהוט מען? בין איך געפאַלען אויף איין עצה און רוף מיך אָן צו זיי:

— הערט זשע אויס, מיינע ליעבע אידען. מיין פסק־דין איז שוין ביי מיר פאַרטיג אין קאָפּ כמעט אינגאַנצען. נאָר וואָס דען? איך וועל אייך איהם ניט אַרויסזאָגען ביז איהר וועט ניט איינלעגען ביי מיר אַלע פיער צו „כף־הא׳ער", צו פינף־און־צוואַנציגער, הייסט עס, אַז איהר וועט מקיים זיין דעם פּסק, וואָס איך וועל אַרויס־טראָגען.

— אַך! מיט׳ן גרעסטען כבוד! — האָבען זיך אַלע דריי אַ וואָרף געגעבען, און נחמן לקח נאָך זיי, און מע האָט זיך אַ נעם געטהאָן אַלע פיער צו די קעשענים און מע האָט אַרויסגעצעהלט מיר אויפ׳ן טיש איטליכער זיין פינף־און־צוואַנציגער, וועלכע איך האָב צענויפגענומען און פערשלאָסען ביי זיך אין טישקעסטעל. און דערנאָך האָב איך אַרויסגעזאָגט מיין רעזאָלוציע בזה הלשון:

„אויסגעהערט די טענות מיט די רעד פוןביידע צדדים און גוט אַריינגעטראַכט זיך אין אייערע עסקים, חשבונות און סכסוכים, האָב איך געפונען, נאָך מיין פערשטאַנד און טיעפער איבערצייגונג, אַז אומגערעכט זענט איהר אַלע פיער, און נישט נור אומגערעכט,— ס׳איז אַ חרפה, אַ בזיון, אַז אידען זאָלען אַזוי קאָנען האַנדלען צוויי־שען זיך, ווייזען פאַלשע חשבונות, שווערען זיך אויף אַ ליגען און אפילו פער׳מסר׳ען איינס דאָס אַנדערע... על כן האָב איך געפּו־

נען, אזוי ווי מיר האבען א תלמוד־תורה אין שטאדט מיט א סך קינדער, וואס געהען נעבאך נאקעט און בארוויס, און שכר־למוד צו צאהלען איז ניטא פון וואנען, ווארום איידער מע רייסט אוים ביי אייך אמאל א פאר גראשען, קומט עס אן מיט גרינע ווערעם, איז א יושר, אז אט דער הונדערטער אייערער זאל געהן אויף דער תלמוד־תורה, און איהר זאלט געהן אהיים געזונטערהייד, און א דאנק אייך פאר דער שענער נדבה — די ארעמע קינדער וועלען שוין האבען הויזלעך און שטיוועלעך און ארבע־כנפות׳לעך און וועלען גאט בעטען פאר אייך און פאר אייערע קינדער — אמן״.

אויסגעהערט דעם פסק־דין, האבען מיינע דריי שותפים (די טראיקע) נאר איבערגעקוקט זיך צווישען זיך, געשוויצט און נישט געוועזן אימשטאנד א ווארט ארויסצורעדען. אפנים, אויף אזא פסק האבען זיי זיך ניט גערעכנט! לשון האט בעקומען נאר זייער בעל־דבר, רב נחמן לקח. ער האט זיך אויפגעהויבען, אויסגעגלעט די געדיכטע ברעמען, אויסגעצויגען א האנד, און, קוקענדיג אויף מיר מיט זיינע ממזוריש־שמייכלענדיגע אויגלעך, מאכט ער צו מיר אזוי:

— איך דאנק אייך, רב ראבינער, פון אונזער אלעמענס נאמען פאר אייער קלוגען פסק־דין, וואס איהר האט אונז ארויסגעגעבען. מחמת דערימאך וואס אזוי פסק׳ענען וואלט געקאנט נור סיידען שלמה המלך... איין זאך האט איהר נאר פארגעסען זאגען, רב ראבינער, וויפיעל קומט אייך פסק־געלד פאר אייער קלוגען און יושר־דיגען משפט?

— האט קיין פאראיבעל ניט, איהר האט נישט געטראפען די קרעטשמע. איך בין נישט פון די ראבינערס, וואס נעמען פון טוידט און פון לעבעדיג... — אזוי האב איך איהם אפגעענטפערט, ווי איין עכטער דזשענטעלמען, און האב בעקומען פון מיין חברה־מאן אזא מין ענטפער:

— אויב אזוי, זענט איהר נישט נור א חכם א ראבינער, איהר זענט נאך א נקי־כפים׳ניק אויך! אפשר וואלט איהר געוועזן אזוי

גוט אויסהערען אַ געשיכטע, מיר זאָלען אייך, הייסט עס, דערימאַך באַצאָהלען אייך פאַר אייער טרחה האָטש מיט אַ מעשה?

— אַך! אפילו מיט צוויי מעשיות!

— וויבאַלד אַזוי, זעצט זיך, רב ראַבינער, און זייט אונז מכבד מיט פּאַפּיראָסען, וועל איך אייך דערצעהלען אַ שענע, איין אמת'ע געשיכטע, וואָס האָט זיך געטראָפען מיט מיר אַליין טאַקי, מחמת דערימאַך איך האָב פיינט פרעמדע מעשיות.

און מיר האָבען פעררויכערט צו פּאַפּיראָסען, זיך אַוועקגעזעצט אַלע אַרום טיש, און רב נחמן לקח האָט פאַנאַנדערגעגלעט זיינע געדיכטע ברעמען און, קוקענדיג אויף מיר מיט זיינע ממזריש־שמייכלענדיגע אויגען, האָט ער אָנגעהויבען פּאַוואָלינקע צו דערצעה־לען זיין אמת'ע געשיכטע, וואָס מיט איהם אַליין האָט זיך געטראָ־פען. איך געב אייך זי איבער וואָרט אין וואָרט, טאַקי מיט זיין לשון:

— דאָס איז געווען, איך זאָל אייך נאָר ניט זאָגען קיין ליגען, מחמת דערימאַך ס'איז שוין אַ מעשה פון אַ יאָהר מיט אַ מיטוואָך, איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ יונגערמאַן און געזעסען ניט וויים פון היע, אין אַ דאָרף, אויף אַ סטאַנציע פון דער באַהן, געדרעהט געשעפטלעך, געהאַלטען אַ שטיקעל אכסניה, גאַנץ פיין פאַרדיענט געלט. קיין רויטשילד בין איך ניט געוואָרען, נאָר גאָרנישט, דאָס שטיקעל ברויט האָט זיך געשלעפּט, און, ווי דער שטייגער איז, האָ־בען אַ חוץ מיר זיך געדרעהט אַרום וואָקזאָל נאָך אַ מנין אידען, מחמת דערימאַך, אַז אַ איד האָט פּרנסה, איז מען איהם מקנא. מע מיינט, ער זשעברעוועט גאָלד. נאָר נישט דאָס איז דער עיקר המעשה. איך וויל אייך נאָר דערצעהלען, אַז סאַמע אין רעכטען ברען פון סעזאָן, ווען ברויט געהט און וואַגאָנעס לויפען, און די מקחים שטייגען, איז זיך מיישב מיינע און ווערד מיר געלעגען און האָט מיר אַ בן־זכר — מזל טוב! מיט מזל זאָלט איהר לעבען! וואָס טהוט מען? דאַרף מען מחמת דערימאַך פּראַווען אַ ברית. אוועק־געוואָרפען אַלע געשעפטען, בין איך אַוועקעט אין שטאָדט אַריין,

איינגעקויפט אלע גוטע זאכען און אראפגעבראכט דעם שוחט, דעם מוהל הייסט עס, מיט זיין גאנצען קלאפערגעצייג, און דעם שמש פון שוהל, מחמת דערימאך וואס איך האב גערעכענט, אז מיט די צוויי כלי־קודש און מיט'ן בעל־ברית'ניק, מיט מיר אליין הייסט עס, וועלען מיר שוין געווים האבען א מנין, און נאך מיט א סמיטשיק. וואס טהוט גאט? איז זיך מיישב איינער פון מיינע דארפסלייט און ווערד חולה, לעגט זיך אוועקעט, קאן נישט געהן צו מיר אויפ'ן ברית, האטש ברענג איהם צו טראגען מיט'ן בעט; און נאך איינער הויבט זיך אויף אין מיטען דרינען און פאהרט גאר אוועק צו אלדי שווארצע יאהר אין שטאדט אריין, מחמת דערימאך ער האט, זאגט ער, יאהרצייט, און — וואס טויג אייך גרוים? — איך בלייב אהן א מנין, האטש נעם לעג זיך אוועקעט און שטארב! און דא איז אקוראט ערב שבת (פרייטאג געפעלט מיין אידינע צו פראוועון א ברית!), דער שוחט, דער מוהל, הייסט עס, זעצט די נשמה; דער שמש וויינט מיט טרערען — „וואס'ט איהר אונז געשלעפט?" — ביטער ווי דער טוידט! פאל איך אויף איין עצה און לויף ארויסעט אויפ'ן וואקזאל, מחמת דערימאך טאמער וועט גאט צושיקען, א קשיא אויף א מעשה, עם פאהרען דורך אזוי פיעל מענטשען! און כך הוה: איך קום צו לויפען אויפ'ן וואקזאל, נאר־וואס אנגעלאפען דער קוריער און האלט שוין אט־אט ביים אוועקצוגעהן. איך טהו א קוק, עפים א פארשוין, א פעמפיק, א בייכיגער הייסט דאס, מיט א היבשען טשעמאדאן, פליהט א פארשוויצטער און גלייך צום בור־פעט — אפנים, עפים נעמען אין מויל אריין. נאר וואס קאן, משטיינס געזאגט, א איד נאשען פון א גויעשען בופעט אויפ'ן וואקזאל? זוכט ער מיט די אויגען א שטיקעל הערינג, איין איי, די סלינעס נעבאך רינט איהם פונ'ם מויל — א גאטס רחמנות! אז איך טהו איהם ניט א נעם פאר'ן ארבעל: „פעטער! איהר ווילט עפים געגעסען?" מיין איד האט זיך אזש אווארף געטהאן פאר שרעק, ווי איינער רעדט: ווער האט אייך געזאגט, אז איך וויל עפים געגעסען?... רוף איך מיך אן צו איהם: „ניט דאס! איך האב אייך גע־

וואָלט זאָגנען, זאָג איך, אַז הונדערט יאָהר זאָלט איהר לעבען, גאָט אַליין האָט אייך, זאָג איך, צוגעשיקט!" קוקט ער אויף מיר און פֿאַרשטעהט ניט. זאָג איך צו איהם: „איהר ווילט, זאָג איך, פֿאַרדיענען עולם־הבא און נאָך עסען דערצו אַ ראָסעלפֿליישעל, וואָס צעגעהט זיך אין אַלע אברים, מיט פֿרישע חלה, זאָג איך, נאָר וואָס פֿון'ם אויוועז?" קוקט ער מיך נאָך אַלץ אָן, ווי אַ משוגענעם: — ווער זענט איהר? וואָס ווילט איהר? דערצעהל איך איהם די גאַנצע געשיכטע, וואָסער איין אומגליק, מחמת דערימאַך ס'איז ביי מיר אַ ברית, ס'איז אַלסדינג דאָ, זאָג איך, אַ מוהל און אַ שמש און אַ סעודה אַ פֿרישע, זאָג איך, נאָר עס פֿעהלט מיר אַ צעהנטער צו אַ מנין. זאָגט ער: „וואָס זשע געהט זיך עס אָן מיט מיר?" זאָג איך: „עס געהט זיך אָן, מחמת דערימאַך, איך וויל, איהר זאָלט זיין, זאָג איך, דער צעהנטער צום מנין. איך בעט אייך, איהר'ט פֿאַרדיענען, זאָג איך, עולם־הבא און עסען אַ גוטען וואַרעמעס אויך"... „משוגע זענט איהר? — מאַכט ער צו מיר — צי חסר דעה? וואָס הייסט, דער פֿאַיעזד ווערט דאָך אַוועקגעהן און ס'איז ערב שבת, זאָגט ער, און איך פֿאָהר, זאָגט ער, פֿאַדיעלאַ"... „וואָס קאָן דאָ זיין? — זאָג איך — ווערט איהר פֿאָהרען מיט'ן צווייטען פֿאַיעזד, און דערווייל, זאָג איך, ווערט איהר זיך קויפֿען עולם־הבא און געניסען, זאָג איך, פֿון אַ סעודת־מצוה, אַ יוך אַ פֿרישע מיט פֿאַרפֿעלעך, אויף מיר אַזאַ יאָהר"...

— בקיצור, צו וואָס זאָל איך אייך לאַנג מאריך זיין, אַז מע קאָן עס מאַכען בקיצור? איך האָב דעם אידען בייגעקומען. אַפֿנים, דאָס ראָסעלפֿליישעל און די יוך מיט פֿאַרפֿעלעך האָבען געטהאָן זייער זאַך, מחמת דערימאַך מיין איד האָט זיך אַזש באַלעקט. האָב איך געגעבען אַ נעם אַוועק ביי איהם דעם טשעמאָדאַנטשיק, און מיר זענען אַוועק ביידע צו מיר אַהיים, און מיר האָבען געפּראַוועט אַ ברית—אויף אַלע אונזערע ליעבע געזאָגט געוואָרען. דאָס ראָסעלפֿליישעל האָט זיך געלאָזט הערען נאָך בשעת'ן שניידען, מחמת דערימאַך ס'איז געווען פֿאַרפּראַוועט מיט קנאָבעל. אַזאַ ראָסעלפֿליישעל

מיט פרישען קוילעטש איז טאקי איין אפעטיט פון גאט. און דערצו נאך גוטע געזייערטע אוגערקעס, און א פלעשעל ביער, און א ביסעל קאניאק פאר'ן עסען, און א גלעזעל ווישניק נאכ'ן עסען — וואס אהרט אייך, מיין איד האט מקיים געוועז דעם פסוק פון ו י א כ ל ו גאר באופן אהר. דער שטערן האט איהם אזש געשוויצט! נאר וואס דען? ביז עפּים וואס, ביז מע האט זיך אומגעקוקט, ווערד אוים טאג, מיין איד טהוט זיך א חאפּ אויף — א צרה איז איהם! א שלאק איז איהם! און ער נעמט זיך צום טשעמאדאן. „וואוהין איז? — זאג איך צו איהם. — גאט איז מיט אייך! ערשטענס, זאג איך, ווער וועט אייך לאזען אוועקפאהרען פון שבת? און, צווייטענס, זאג איך, זענט איהר דאך ניט דער איד, וואס קאטארע איהר'ט זיך לאזען פאהרען לכתחילה אין שבת אריין. איידער שבת האלטען ערגיץ אין מיטען פעלד, איז שוין, זאג איך, גלייכער ביי מיר". אויקעט ער מסתמא און אכקעט: סטייטש, למאי האב איך איהם פארהאלטען? און וואס האב איך געהאט צו איהם? און פאר וואס האב איך איהם ניט געזאגט פריהער? — טענות מיט טענות מיט טענות! זאג איך צו איהם: „ערשטענס, זאג איך, האב איך אייך נישט באדארפט זאגען, זאג איך, אז ס'איז ערב שבת. מחמת דערימאך, זאג איך, וואס איהר אליין האט גאנץ גוט געוואוסט, אז ס'איז ערב שבת. און צווייטענס, זאג איך, פון וואנען·ווייסט איהר? אפשר איז דאס א באשערטע זאך פון גאט, אז איהר זאלט, זאג איך, שבת האלטען דוקא ביי מיר און פארזורכען מיין ווייב'ס פיש? איך בין אייך ערב, זאג איך, אז זינט איהר עסט פיש, האט איהר נאך אזעלכע פיש, ווי מיין ווייב'ס פיש, זאג איך, אפילו אין חלום נישט געגעסען!"... איך האב, וואס אהרט אייך, געוואוסט מיט וואס מע קאן דעם אידען נעמען. והראיה? מיר האבען אפגעדאווענט מנחה, מקבל שבת געוועזן, געמאכט קדוש, און מיינע האט דערלאנגט די פיש, האבען זיך ביי מיין אידען צעגומען די נעזלעכער, די אויגען האבען ביי איהם בעקומען גאר איין אנדער גלאנץ, — און מיין אורח האט זיך צוגעחאפּט צו די

פיש גלייך ווי נאך א תענית. שטארק געלויבט די פיש, ממש ביז'ן הימעל אריין, זיך ניט אפגעזאגט בשום אופן פון אביסעל בראנפען פאר די פיש און אביסעל בראנפען נאך די פיש. און אז ס'איז געקומען צו דער שבת'דיגער יוך מיט לאקשען, זענען איהם די לאקשען אויך געפעלען און דער צימעס אויך, און אפילו דאס פלייש פון צימעס, א שטיקעל ברוסטען-פלייש, האט ער אויך שטארק געלויבט, פשוט געלעקט די פינגער! „ווייסט איהר, זאגט ער, וואס איך וועל אייך זאגען? — מאכט ער צו מיר פאר'ן בענטשען. — בדיעבד, אז ס'האט זיך שוין אזוי געמאכט, זאגט ער, בין איך גאנץ צופריעדען, וואס איך בין פארבליבען ביי אייך אויף שבת. איך האב שוין, זאגט ער, לאנג אזוי הנאה ניט געהאט פון שבת, ווי אצינד!" „אויב אזוי, זאג איך, טהוט עס מיר הנאה. נאר ווארט אויס, זאג איך, איהר וועט ערשט זעהען מארגען, מחמת דערימאך ס'איז שבת, און אויף שבת'דיגע פאטראוועס, זאג איך, איז מיינע א מאדים!"...

— און כך הוה. ס'איז געקומען מארגען, נאכ'ן דאווענען און נאכ'ן קדוש מאכען, אז מע האט אנגעהויבען דערלאנגען די פערבייסעכצען, די קיכלעך מיט'ן געהאקטען הערינג, מיט ציבעלקעס מיט שמאלץ, מיט'ן רעטאך, מיט די געהאקטע אייער, לעבערלעך און גריוועו, און דערנאך ערשט די קאלטע פיש מיט'ן קאלטען שטיקעל ברוסט פון נעכטיגען צימעס, און דערנאך די פעטשע, אדער „פיסנאגע", ווי מע רופט עס ביי אייך, מיט די גוטע פענעצלעך מיט קנאבעל, און נאכדעם דער גאנצער טשאלענט מיט'ן גוטען פעטען הייסען קוגעל — האט דער אורח גאר נישט געקאנט אפלויבען זיך! זאג איך צו איהם: „דאס איז נאך גארנישט! ווארט אויס, זאג איך, וועט איהר פארזוכען. אם ירצה שם, אונזער וואלכישען בארשט צו דער מלוה-מלכה, וועט איהר, זאג איך, ערשט דעמאלט וויסען וואס הייסט גוט!" צעלאכט ער זיך גאנץ בריימליך און מאכט צו מיר: „עט-נו! וואו וועל איך שוין זיין, זאגט ער, ביז אייער וואלכישער בארשט וועט אמאל פארטיג ווערען?" צעלאך איך מיך אויך נאך ברייטער פון איהם און מאך צו איהם: „מאהלט

איך, לאָז זיך אייך דאַכטן, זאָג איך, אַז איהר האָט אַ טעות. אויב איהר רעכענט אויפדערנאַכט אוועקפאָהרען, זאָג איך, זאָלט איהר עס פאַרגעסען תיכף ומיד, מחמת דעריבער דער וואָס פאָהרט, זאָג איך, אום שבת, דער זיצט אַ גאַנצע וואָך אין דערהיים".

— און כך הוה. באַלד ווי מע האָט אָפּגעמאַכט הבדלה און אָפּגעזאָגט די „המבדילס", הויבט מיין איד אָן צו פּאַקען זיך אין וועג אריין. רופט איך מיך אָן צו איהם: „משוגע מיינע שונאים? ערשטענס, ווער וועט אייך אַוועקלאָזען אויף ביינאַכט אין דער וועלט אריין? און, צווייטענס, זאָג איך, וואו האָט איהר אַ פּאַיעזד?" „סטייטש, זאָגט ער, האָט איהר דאָך מיך געקוילעט!" זאָג איך: „קיין גרעסערען אומגליק זאָלט איהר נישט האָבען ווייל איהר וועט לעבען! אַ פּאַיעזד וועט איהר האָבען, אם ירצה שם, מאָרגען פאַר טאָג. איהר, זאָג איך, גרייט אייך בעסער צו, זאָג איך, אַ מאָגען מיט איין אַפּעטיט, מחמת דעריבער, זאָג איך, דער באָרשט לאָזט זיך שוין הערען! איך וועל אייך נאָר בעטען, זאָג איך, איהר זאָלט מיר זאָגען דעם אמת, צי האָט איהר ווען געגעסען אַזאַ באָרשט? נאָר דעם ריינעם אמת!" וואָס טויג אייך, ער האָט זיך נעבאך געמוזט מודה זיין, אַז זינט ער לעבט עסט ער דעם ערשטען מאָל אַזאַ באָרשט! און ער האָט שוין גאָר באַקומען חשק געוואוירע צו ווערען, ווי אַזוי מאַכט מען עס אַזאַ מין באָרשט? און פאַר וואָס האָט מען איהם געקרוינט מיט'ן נאָמען „וואָלכישער"? און נאָך אַזעלכע זאַכען. זאָג איך: „צו וואָס טויג עס אייך? איהר פאַרזוכט בעסער, זאָג איך, אָט דאָס גלעזעל וויין און זאָגט מיר, זאָג איך, דערויף אייער מבינות. נאָר דעם אמת! דעם ריינעם אמת! מחמת דעריבער איך האָב פיינט, זאָג איך, קאָמפּלימענטען"...

— כך הוה. מע האָט גענומען אַ גלעזעל און נאָך אַ גלעזעל און מע האָט זיך געלעגט שלאָפען, און מיין אורח האָט, וואָס אַהרט אייך, פאַרשלאָפען דעם פאַרטאָגעדיגען פּאַיעזד און איז אויפגעשטאַנען ווי אַ צעקאַכטער. מלא גזלן, אַנגעפאַלען אויף מיר, אַז איך

בין מחויב געווען על־פי יושר און על־פי מענשליכקייט איהם אויפצו־וועקען, און אַז איבער מיר וועט ער האָבען היזק — ער וויים נאָך אַליין ניט וויפיעל. הכלל, איך האָב איהם גאָר אומגליקליך גע־מאַכט! הער איך איהם אויסעט גאַנץ פיין און רוף מיך אָן צו איהם: „זאָגט אַליין, זאָג איך, זענט איהר ניט אַ מאָדנער איד? ערשטענס, זאָג איך, וואָס איז בכלל, זאָג איך, דאָס איילעניש, וואָס מע איילט זיך? משטיינס געזאָגט, וויפיעל לעבט דאָס אינגאַנצען אַ מענטש אויף דער וועלט? איז נומער איינס. והשנית, האָט איהר פאַרגעסען, זאָג איך, אַז היינט איז דער דריטער טאָג נאָכ'ן ברית, שלישי למילה הייסט עס, אַ קלייניגקייט? ביי אונז איז מען זיך נוהג, זאָג איך, אַז צום דריטען טאָג נאָכ'ן ברית מאַכט מען אַ סעודה נאָך אַ גרעסערע ווי אויפ'ן ברית אַליין, מחמת דערימאָך וואָס שלישי למילה, זאָג איך, איז נאָך טייערער פון דער מילה אַליין... ניט שוין זשע, זאָג איך, וועט איהר וועלען אומזיסט־אומ־גישט, זאָג איך, מיר נעמען און פאַרשטעהרען אַ שמחה?"...

— און כך הוה. מיין איד האָט זיך שוין ניט געקאָנט איינהאַל־טען און האָט זיך אַזש צעלאַכט פאַר צרות: „וואָס טויג מיר גרוים, זאָגט ער, איהר זענט אַ רעכטער קלעשטש!"... „לאָז זיין אַזוי, זאָג איך, אבי איין אורח!"...

— זיצענדיג ביים וואַרעמעס און גענומען צו ביסלעך לחיים, רוף איך מיך אָן צו איהם: „הערט זשע אוים, מיין ליעבער איד, די מעשה דערפון איז אַזוי, זאָג איך. ס'איז אפילו, זאָג איך, נישט אַזוי כדאי אַצינדערטאָ, זאָג איך, צו רעדען וועגען מילכיגע מאכלים, מחמת דערימאָך, וואָס מיר האַלטען, זאָג איך, סאַמע ביי'ם פלייש, נאָר איך וואָלט, זאָג איך, וועלען האָרכען פון אייך, זאָג איך, וואָס איז אייער מיינונג וועגען קרעפּלעך מיט קעז"... קוקט ער מיך אָן: „אקעגען וואָס, הייסט עס, איז דאָס געקומען צו רעד?"... „אקע־גען דעם, זאָג איך, וואָס איך וואָלט וועלען, איהר זאָלט פאַרזוכען, זאָג איך, די מילכיגע קרעפּלעך, וואָס מיין ווייב מאַכט, מחמת דערי־מאָך וואָס היינט אויף דער נאַכט, זאָג איך, איז ביי אונז אַ מילכי־

גע וועטשערע"... ווערד ער אויפגעטראָגען, דער אורח, הייסט עס, און רופט זיך אָן צו מיר: „אײַ-פע! איך זעה, זאָגט ער, איז אייך, אַז איהר ווילט מיך פאַרהאַלטען נאָך אויף אַ מעת-לעת! ס'איז פון אייך, זאָגט ער, איין עולה! אַ גרויסע עולה!"... און פון זיין קאַכען זיך, וואָס ער קאַכט זיך, פאַרשטעה איך, אַז לאַנג בעטען וועט מען איהם פונדעסטוועגען נישט באַדאַרפען, און קריעגען זיך אודאי נישט, מחמת דערימאַך ס'איז אַ איד מיט איין אַפּעטיט, וואָס האַלט פון דער אכילה... מאַך איך צו איהם אַזוי: „איך געב אייך מיין עהרען-וואָרט, זאָג איך, און טאָמער איז אייך ווינציג, נאָט אייך, זאָג איך, מיין תקיעת כף, אַז אם ירצה שם מאָרגען פאַרטאָג וועק איך אייך אויף צום פאַרטאָגעדיגען פּאָיעזד — די גאַנצע וועלט מעג זיך איבערקעהרען, אַניט, זאָג איך, זאָל איך אַזוי און אַזוי!"... ווערד ער שוין אַ ביסעלע ווייכער און רופט זיך אָן צו מיר: „געדענקט זשע — אַ תקיעת כף!" זאָג איך: „תקיעת כף איז תקיעת כף". און מיינע האָט געמאַכט אַ מילכיגע וועטשערע, וואָס זאָל איך אייך זאָגען, מיט אַזעלכע קרעפּלעך, אַז דער אורח האָט געמוזט מודה זיין, אַז ס'איז אמת: ער האָט אויך אַ ווייב, און זיין ווייב מאַכט אויך קרעפּלעך, נאָר ס'איז אַזאַ חלוק ווי פון טאָג צו נאַכט! ווייס איך וואָס — כרחוק מזרח ממערב!

— און כך הוה. איך האָב געהאַלטען וואָרט, מחמת דערימאַך וואָס אַ תקיעת כף איז אַ תקיעת כף. איך האָב מיין אורח אויפגעוועקט פאַרטאָג, געשטעלט דעם סאַמאָוואַר. ער האָט זיך גענומען פּאַקען אין וועג אַריין, און טאַקי גאַנץ פיין געזעגענען זיך מיט מיר און מיט מיין הויזגעזינד. רוף איך מיך אָן צו איהם: „געזעגענען, זאָג איך, וועלען מיר זיך געזעגענען, נאָר פריהער, זאָג איך, דאַרף מען זיך צערעכענען". קוקט ער מיך אָן, מחמת דערימאַך ער פאַרשטעהט ניט וואָס איך זאָג. „וואָס הייסט, זאָגט ער, צערעכענען?" „צערע-כענען, זאָג איך, הייסט מאַכען אַ חשבון: איך, זאָג איך, וועל אייך געבען אַ חשבון, וואָס פון אייך קומט, און איהר, זאָג איך, וועט זיין אַזוי גוט און מטריח זיין זיך באַצאָהלען". ווערד ער רויט אַזוי ווי

פייער: „באַצאָהלען? פאַר וואָס באַצאָהלען?" „וואָס הייסט, זאָג איך, פאַר וואָס? פאַר אַלסדינג; פאַר עסען, זאָג איך, פאַר טרינקען, פאַר סטאַנציע". ווערד ער שוין ווייס, ניט רויט, און מאַכט צו מיר: „איך פאַרשטעה אייך ניט, זאָגט ער: איהר האָט מיך פאַרבעטען צו זיך, זאָגט ער, אויפ'ן ברית, איבערגעכאַפּט אויף דער באַהן, אַרויסגעריסען ביי מיר דעם טשעמאָדאַן פון די הענט, צוגעזאָגט עולם־הבא..." שלאָג איך איהם איבער און מאַך צו איהם: „אמת, אַלסדינג אמת; נאָר וואָס געהט זיך דאָס אָן צו דעם? דאָס, זאָג איך, וואָס איהר זענט געווען ביי מיר אויפ'ן ברית, האָט איהר פאַרדיענט אַ מצוה. אָבער עסען און טרינקען און סטאַנציע — דאָס בין איך דאָך ניט מחויב, זאָג איך, אייך צו געבען אומזיסט! מחמת דערימאָך איהר זענט דאָך, זאָג איך, אַ איד אַ סוחר און פאַרשטעהט. זאָג איך, אַליין גאַנץ גוט, אַז פיש קאָסט געלט, און וויין האָט איהר געטרונקען דעם בעסטען, און ביער אויך, און ווישניק אויך, און דעם צימעס מיט דִי קוגלען מיט'ן בּאַרשט האָט איהר, דאַנקען גאָט, געלויבט אין טאָג אַריין, געלעקט די פינגער, און די קרעפּלעך, זאָג איך, מיט קעז האָבען אייך אויך גוט געשמעקט. לאָז אייך, זאָג איך, וואויל באַקומען. איך פאַרגין אייך מיט'ן גאַנצען האַרצען. איהר ווערט דאָך אָבער ניט פאַרלאַנגען, זאָג איך, אַז מחמת דערימאָך וואָס איהר האָט פאַרדיענט, זאָג איך, אַ מצוה און געהאַט הנאה, זאָל אַ איד צו אייך דערלעגען אי טרחה, אי געלט!" מיין אידענע נעבאָך, זעה איך, האָט באַשלאָגען אַ שוויים, ער האָט שיער דעם שלאַק באַקומען! ער האָט גענומען זיך וואָרפען, פּילדערען, שרייען, גוואַלדעווען: „ס'איז סדום! ערגער פון סדום! אַזאַ רציחה איז, זאָגט ער, נאָך ניט געהערט געוואָרען אין דער גאַנצער וועלט!!! וויפיעל קומט אייך?" געה איך און נעם אַ פּאַפּיער מיט אַ בלייַשטיפט און מאַך איהם אַ חשבון אַרום און אַרום, פאַר עסען און טרינקען און נאַכטלעגער, פאַר שבת, פאַר וויין און פאַר ווישניק, און פאַר ביער, און פאַר בעזונדערע באַשטעלטע קרעפּלעך מיט קעז. אחת לאַחת האָט זיך צענויפגענומען אַ קיימאַ־לן פון עטליכע און

דרייסיג קאַרבען מיט קאָפּיקעס — איך געדענק שוין ניט אַקוראַט...
— דערזעהן דעם חשבון, איז מיין איד געוואָרען געל און גרין,
די הענט האָבען איהם געציטערט און די אויגען זענען איהם שיער
פון קאָפּ ניט אַרוים, און ער האָט גענומען שרייען נאָך מיט גרע־
סערע קולות און גוואַלדען: „וואו איז ער עם אַריינגעפאַלען? צווי־
שען פעלד־גזלנים? גאָר קיין מענטשען ניט פאַרהאַנען? קיין גאָט
נישטאָ?“ רופט איך מיך אָן צו איהם: „שאַט, ווייסט איהר וואָס,
רב איד? וואָס דאַרפט איהר שרייען? זיך אָפּעסען דאָס האַרץ?
אַמעהר לאָמיר זיך דורכפאָהרען, זאָג איך, אין שטעדטעל אַריין,
ס'איז ניט ווייט פון דאַנען, מחמת דערימאָך דאָרט איז דאָ מענ־
טשען, דאָרט איז דאָ אַ רב, לאָמיר פרעגען דעם רב, וואָס דער רב וועט
זאָגען, אַזוי וועט זיין“. דערהערט פון מיר אַזעלכע דבורים, איז דעם
אידען געוואָרען אַביסעל גרינגער אויף דער נשמה. און וואָס אַהרט
אייך — מיר האָבען געדונגען אַ פוהרעל און האָבען אויפגעזעצט זיך
און אַוועק אין צווייען אין שטעדטעל אַריין, און גלייך צום רב.
— געקומען צום רב, טרעפען מיר איהם אַקוראַט נאָכ'ן דאַוונען.
ווי ער לעגט צענויף טלית ותפילין. שלום עליכם, עליכם שלום.
וואָס'ט איהר זאָגען? האַפּט זיך אַרוים מיין איד מיט אַ פייער
און הויבט אָן צו דערצעהלען די גאַנצע מעשה פון „א“ ביז „ת“,
ווי אַזוי ער איז געפאָהרען פאַרביי אונזער סטאַנציע, ווי אַזוי ער
האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט מיט'ן טשעמאָדאַן אויפ'ן וואָקזאַל עפּים
נעמען אין מויל אַריין, אַפילו גאָרניט אין זינען געהאַט קיין ברית:
פּליהט אונטער אָט דער איד (ווייזט אָן אויף מיר) און פאַלט צו מיט
תחנונים, מחמת דערימאָך אַזוי ווי ביי איהם איז היינט אַ ברית
און עם פעהלט איהם אַ צעהנטער צו אַ מנין, על כן האָט גאָט אַליין
אַזוי געפיהרט! און דערנאָך ווי אַזוי איך האָב אַרויסגעריסען ביי
איהם דעם טשעמאָדאַן פון די הענט, דערנאָך ווי אַזוי ער איז
געקומען אויפ'ן ברית און געוואָלט פאָהרען ווייטער, האָב איך איהם
פאַרהאַלטען אויף שבת און אויף שבת־צו־נאַכטס און אויף זונטאָג
שלישי למילה און אויף מילכיגע קרעפּלעך — הקיצור, ער האָט ניט

דורכגעלאָזט קיין זאַך. און געהט און דערלאַנגט דעם רב דעם חשבון, וואָס איך האָב איהם געגעבען. האָט איהם דער רב אויס־געהערט דוקא מיט קאָפּ און ביז׳ן רעכטען סוף. און אַז דער איד האָט געענדיגט, רופט זיך אָן דער רב: „האָבען מיר אויסגעהערט, הייסט עס, איין צד. אצינד, זאָגט ער, וועלען מיר הערען דעם אַנדערען צד. וואָס האָט איהר דערויף צו זאָגען?" רוף איך זיך אָן צום רב: „איך פון מיין זייט האָב גאָרנישט צו צולעגען, מחמת דערימאַך, זאָג איך, וואָס אַלסדינג, וואָס דער איד האָט אייך דאָ דערצעהלט, איז כשר וישר, לויטער אמת. נאָר וואָס דען, זאָג איך, איין זאַך לאָז ער אייך, זאָג איך, זאָגען אויף זיין אידישקייט: ווען און וואָסער אַ טאָג איז ער געקומען, און וואו האָט ער געהאַל־טען שבת, און צי האָט ער געגעסען פיש און געטרונקען וויין מיט ביער מיט קאָניאַק מיט ווישניק, און צי האָט ער געלויבט דעם וואָל־כישען באָרשט מיט די מילכיגע קרעפּלעך, וואָס מיין ווייב האָט געמאַכט?" ווערד דאָך מסתמא מיין איד נאָך מעהר אויפגעקאָכט, שמיצט זיך און וואָרפט זיך, ממש ער באַקומט אַפּאָפּלעקציע! בעט איהם דער רב, ער זאָל זיך אַזוי ניט קאָכען און ניט זיין אין כעס, מחמת דערימאַך, וואָס כעס איז עבודה זרה, און ער פרעגט איהם איבער נאָך אַ מאָל וועגען די פיש מיט׳ן באָרשט מיט די קרעפּלעך, און צי ס׳איז אמת, אַז ער האָט געטרונקען אי וויין, אי ביער, אי קאָניאַק, אי ווישניק? דערנאָך טהוט ער אָן די שפּאַקולען, דער רב, הייסט דאָס, קוקט איבער דעם חשבון פון אויבען ביז אראָפּ, פיהרט אונטער די אונטערשטע שורה — סע שטימט: עטליכע און דרייסיג רובעל מיט קאָפּיקעס. דערנאָך ציהט ער אויס אונז די פּעטשיילע, מיר זאָלען, הייסט עס, מקבל קנין זיין, אַז מיר וועלען מקיים פּסק זיין, און דער רב האָט אַרויסגעגעבען זיין פּסק אין קורצע ווערטער: אַז דער איד באַדאַרף מיר באַצאָהלען כפי החשבון די עטליכע און דרייסיג רובעל מיט קאָפּיקעס, און הוצאות פאַר דער נסיעה אַהער און אַהין. און פּסק־געלט דעם רב — דאָס זאָל זיין לחצאין, אויף דער האַלב הייסט עס. חלק כחלק.

— ארויסגעכאפט זיך פונ׳ם רב, ווי פון א שוויץ-באד, נעמט דער איד ארוים דעם טייסטער, האפט ארוים פון דארטען א פופציגער (צוויי כף-הא׳ערס), טהוט מיר א שמיץ אין פנים אריין, איך זאל איהם געבען אויסגאב. זאג איך צו איהם: „וואסער אויסגאב?“ זאגט ער: „נאך די עטליכע און דרייסיג, וואס קומט אייך על פי חשבון“. זאג איך: „וואסער חשבון? וואסערע עטליכע און דרייסיג? וואס מיינט איהר, זאג איך, איך בין טאקי א פעלד-גזלן? צי א משוגע׳נער? וואס הייסט, איך וועל ביי אייך נעמען געלט? איך האב אן, זאג איך, א אידען אויפ׳ן וואקזאל, א ווילד-פרעמדען, איך קען איהם ניט, איך וויים איהם ניט, נעם אוועק ביי איהם דעם טשעמאדאן פון די הענט און פארשלעפ איהם, זאג איך, מיט גע-וואלד צו מיר אויף א ברית, און פארברענג, זאג איך, מיט איהם א שבת, אויף אלע אידען געזאגט געווארען — וועל איך געהן, זאג איך, מחמת דערימאך, און וועל ביי איהם נעמען געלט פאר דער טובה, וואס ער האט מיר געטהאן, און פאר׳ן תענוג, וואס איך האב פון איהם געהאט?“... קוקט ער מיך שוין אן טאקי מיט איין אמת ווי א משוגע׳נעם און מאכט צו מיר: „ונאס זשע האט איהר גע-דרעהט א מח? און וואס האט איהר מיך געשלעפט צום רב?“ „א מאדנער איד, זאג איך, איהר זענט! איך האב עס געטהאן, זאג איך, ניט פאר קיין זאך, נאר מחמת דערימאך, וואס איך האב גע-וואלט, זאג איך, איהר זאלט זעהן, ו ו א ס פ א ר א ח כ ם א ר ב מ י ר ה א ב ע ן — און מעהר גארנישט...“

* * *

דערצעהלט די מעשה, האט זיך מיין בעל-דבר, רב נחמן לקח, גאנץ פיין אויפגעהויבען, און די איבעריגע דריי שותפים נאך איהם, גענומען פערשפיליען זיך די קאפאטעס, שון גרייט אוועקצוגעהן. האב איך מיך ניט געפוילט, דערלאנגט זיי נאך צו פאפיראסען און אנגערופען זיך צום דערצעהלער:

— האט איהר מיר דערצעהלט, זאג איך, א מעשה מיט א רב.

אפשר וואָלט איהר געוועז, זאָג איך, אזוי פריינדליך אויסהערען אויך פון מיר א מעשה, און אויך מיט א רב, נאָר א סך א קירצערע, ווי אייער מעשה?

און גאָרנישט געוואָרט אויף זייער יאָ אָדער ניין, בין איך צוגעטרעטען גלייך צום עסק, און טאַקי נאָר אין קורצען.

— דאָס איז געוועז — אזוי האָב איך אָנגעהויבען מיין מעשה — גאָרנישט לאַנג, און דוקא אין א גרויסער שטאָדט, ערב יום כפור האָט זיך עס געטראָפען. פאָלט אַראָפּ ווי פון׳ם הימעל א איד א סוחר, איין אורח, א רייזענדער, וואָס פאָהרט אַרום איבער דער וועלט, פערקויפט סחורה און נעמט געלד, האָלט זיך מיטביידע הענד ביי די זייטען, שפּאַציערט אַרום איבער׳ן שוהלהויף, אויף דער אידישער גאַס, און פרעגט זיך שטאַרק נאָך אויף׳ן רב, וואו זיצט דאָ ערגיץ דער רב? — וואָס בעדאַרפט איהר צום רב? — „וואָס איז אייער עסק?“ איינעם, דעם אַנדערען, דעם דריטען: וואו זיצט דאָ ערגיץ דער רב? — וואָס דאַרפט איהר דעם רב? — „וואָס איז אייער עסק?“... אהין־אַהער, ער האָט זיך דערפרעגט, וואו דער רב וואוינט. אַריינגעקומען צום רב, האָלט ער זיך נאָך אַלץ מיט ביידע הענד ביי די זייטען, רופט אָפּ דעם רב אויף א סוד, פערשליסט זיך מיט איהם בעזונדער אין א חדר: „רבי! אזוי און אזוי איז די מעשה. איך בין א איד א רייזענדער און פיהר מיט זיך געלט, א היבשע פּותיקא. נישט חלילה מיינס: פריהער גאָט׳ס, דער־נאָך פרעמדס. ס׳איז ערב יום כפור: האַלטען ביי זיך קאָן איך עס ניט; איבערלאָזען עס אויף דער סטאַנציע האָב איך מורא — אזא פּותיקא! טהוט מיר א טובה, נאָט עס אייך, באַהאַלט דאָס ביי זיך אין קאַסטען ביז, אם ירצה השם, מאָרגען אויף דער נאַכט נאָך יום כפור...“

און נישט לאַנג געטראַכט, נעמט דער סוחר, בינדט אויף דעם זשילעט, און ציהט אַרויס איין פעקעל נאָכ׳ן אַנדערען די שענע אַסיגנאַציעס, ניט פאַר אייך געדאַכט, די אמת׳ע רויטע קנאַקע־דיגע הונדערטערס!

דערזעהן אזא סומע געלד, רופט זיך אפ צו איהם דער רב: „האט קיין פאראיבעל ניט, איהר קענט מיך ניט, איהר ווייסט מיך ניט“... „וואס הייסט, איך קען אייך ניט? איהר זענט דאך עפּיס א רב!“... „גוט, איך בין א רב, איך קען אבער א י י ך ניט. ו ו ע ר א י ה ר זענט און ו ו א ס א י ה ר זענט“... אהין־אהער, זיי דינגען זיך. ער איהם: „איהר זענט א רב!“ דער רב צו איהם: „איך קען אייך ניט“. און דא דער טאג שטעהט ניט. ערב יום כפור! ס'איז געבליבען, אז דער רב נעמט צו ביי איהם דאס געלד; נאר וואס דען? — פאר עדות. ווער זאלען זיין די עדות? קיין אבי־וועמען קאן מען דאך נישט פערטרויען. שיקט דער רב רופען צו זיך די פּני, די שבעה טובי העיר, די סאמע נגיד'ישע און פיינע בעלי־בתים פון שטאדט, און דערצעהלט זיי: „אזוי און אזוי איז די מעשה. אט דער איד, זאגט ער, האט געלט, א היבשע פּותיקא, ניט זיינס, פריהער גאט'ס, דערנאך פרעמדס. וויל ער עס מיר, זאגט ער, געבען באהאלטען ביז איבער יום־כפור. על כן זייט איהר, זאגט ער, עדות, וויפיעל ער האט מיר איבערגעגעבען געלט, בכדי ס'זאל ניט ארויסקומען, זאגט ער, דערנאכדעם קיין שום, איהר פארשטעהט?“... און דער רב האט זיך מטריח געווען, איבערגעצעהלט פאר די בעלי־בתים אין די אויגען דריי מאל די פּותיקא, איינגעוויקעלט אין א פּעטשיילע, פער'חתמ'עט די פּעטשיילע מיט טריוואכס, צוגעלעגט די חתימה: „הרב ומו"צ“, בעוויזען די בעלי־בתים: „נאט, זעהט, אט דא האט איהר מיין חתימה, און געדענקט זשע, אז איהר זענט עדות!“... די פּעטשיילע מיט'ן געלד האט דער רב איבערגעגעבען דער רביצין, זי זאל דאס פערשליסען אין קאסטען, און די שליסעלעך זאל זי בעהאלטען אין איין ארט, וואס קיין בן־אדם זאל ניט וויסען... און מען איז אוועק אין שוהל אריין און מע האט גאנץ פיין געדאווענט און געפאסט, און איבערגעלעבט דעם יום־כפור, געקומען פון שוהל, אפגעפאסט זיך, מע טהוט א קוק — אהא! ער איז דא! דער איד, דער סוחר, הייסט עס. „א גוטע וואך“. „א גוט יאהר. זיצט. וואס'ט איהר זאגען?“ „גארנישט. איך בין

געקומען מכח דער פּותיקא"... „וואָסער פּותיקא?" „די ממתקים"... „וואָסערע ממתקים?" „איך בין געקומען נאָכ'ן געלט"... „וואָסער געלט?" „מיין געלט... דאָס הייסט, ניט מיינס, פריהער גאָט'ס, דערנאָכדעם פרעמדס... איך האָב עס אייך געגעבן באַהאַלטען"... „א י ה ר ה אָ ט מ י ר געגעבן באַהאַלטען געלט?... ווען?"...

צעלאַכט זיך דער איד, מיינט, אַז דער רב טרייבט מיט איהם קאַטאָוועס. פרעגט איהם דער רב: „וואָס איז דער געלעכטער?" זאָגט ער: „דאָס ערשטע מאָל זעה איך אַ רב אַ ליץ"... געפינט זיך שוין דער רב בעלעדיגט. קיינער האָט איהם נאָך ביז אַהער, זאָגט ער, ניט געקרוינט מיט'ן נאָמען ליץ. „זאָגט, רב איד, וואָס דאַרפט איהר?"

דערהערט אַזעלכע דבורים, האָט דעם אידען אַ קלאַפּ געגעבען, ניט פאַר אייך געדאַכט, אַט־אַ־דאָ, אונטער'ן לעפעלע. „סטייטש, רבי, אין גאָטעס ווילען! איהר ווילט קוילען אַ אידען? איך האָב דאָך אייך אָפּגעגעבן אינגאַנצען מיין געלט, ניט מיינס, פריהער גאָט'ס, דערנאָכדעם פרעמדס! אַ סימן — איהר האָט עס, זאָגט ער, איינגעוויקעלט אין פּעטשיילע, פאַר'חתמ'עט מיט טריוואַכס, פאַרשלאָסען ביי דער רביצין אין קאַסטען, און די שליסעלעך באַהאַלטען אויף איין אָרט, וואָס קיין בן־אדם זאָל ניט וויסען... און נאָך אַ בעסערער סימן: עס זענען, זאָגט ער, דערביי געווען עדות, די פיינסטע בעלי־בתים פון שטאָדט!..." און ער פוילט זיך ניט, דער איד, און רעכענט אויס די בעלי־בתים ביי די נעמען. און אַליין בעשלאָגט איהם אַ קאַלטער שוויים, און עס נעמען איהם אָנגסטען, בעט אַ גלאָז וואַסער.

און נישט לאַנג געטראַכט, נעמט דער רב און שיקט אַוועק דעם שמש צו די אויסגערעכענטע פּני, די שבעה טובי העיר, די סאַמע פיינסטע בעלי־בתים פון שטאָדט. יענע קומען צו לויפען: „וואָס איז געשעהן?" „איין אומגליק! אַ בלבול! אַ פריטשעפּע אַ איד! ער טענה'ט, אַז ער האָט מיר יאַקבי איבערגעגעבן

א גאנצע פּותיקא ערב יום כפּור אויף צו באהאלטען, און איהר זענט יאַקבי דערביי געווען עדות!...״

האָבען זיך די בעלי־בתים איבערגעקוקט צווישען זיך, ווי אייגער רעדט: „אט דאָ וועט מען עס אפלעקען א ביינדעל!״ א קלייניגקייט, אזא פּותיקא! דער יצר־הרע פון געלד! און זיי זענען אנגעפאלען אויפ׳ן אידען: „אי־פע! ווי שעמט איהר אייך ניט אין אייער ווייטען האלז אריין אויסטראכטען אויף אונזער רב אזא מיאוסען בלבול?!...״

דערזעהן אזא מעשה, האט דער איד אפגעלאזט הענד און פּים — עס האט איהם א נעם געגעבען דער קראם, ניט פאר אייך געדאכט — אט־אט חלש׳ט ער! האט זיך אויפגעהויבען דער רב, צוגעגאנגען צום קאסטען, ארויסגענומען די פּעטשיילע מיט געלד און אונטערגעטראגען דעם אידען:

— נאט איז מיט אייך! נאט! אט איז אייער געלט! נעמט עס אייך אפּ און צעהלט עס נאָר אקאָרשט איבער, ווי עס געהער צו זיין, פאר די דאזיגע אידען אין די אויגען. די חתימה, ווי איהר זעהט, איז ניט געריהרט, דער טריוואכס גאנץ, אלץ ווי עס דארף צו זיין!

א נייע נשמה האט מען נעבאך אין דעם אידען אריינגעזעצט. די הענד האבען איהם אזש געציטערט, און טרערען האבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען.

— צו וואס האט אייך געטויגט, רבי, נעמען א אידען און טרייבען מיט איהם לצנות? אזא לצנות?!...

— כ׳האב אייך נאר געוואלט באווייזען — ווער אונזערע שענע בעלי־בתים זענען...

## לשנה טובה

אַ מעשה פון פּאַרציוטעז, דערצעהלט פון אַ
איד אַ חסיד פאַר אַ סך אידען, פאָהרענדיג
אין וואַגאָן, און איבערדערצעהלט מיט זיין
לשון.

געשריבען אין יאָהרען 1915 — 1913

# לשנה טובה

— נעמעז, לאז זיך אייך דאכטעז, נעמעז אלע ביי אונז, ביז'ן אדוז הגדול! אוז אפילו דער אדוז הגדול אליין בכבודו ובעצמו, ס'זאל אייך צו קיין שאנדע ניט זייז, נעמט אויך, אז מע גיט איהם... וואס? איהר גלויבט ניט? איהר לאכט? לאכט געזונטערהייד!... שויז? איהר'ט זיך שויז אויסגעלאכט? אצינד רוקט אייך קארשט צענויף, מיינע ליעבע אידעז, וועל איך אייך דערצעהלעז א מעשה פוז פארצייטעז. די מעשה האט זיך געטראפעז ניט מעהר און ניט ווענינער ווי מיט מייז זיידעז, עליו השלום, איז יענער גוטער צייט, בעת מלך איז געוועז דער ערשטער ניק... וואס ווינקט איהר צו מיר? וואס'ט איהר זיך דערשראקעז? איהר האט מורא, אז די ערלים, וואס זיצעז מיט אונז איז וואגאז, וועלעז פארשטעהז וואס מע דבר'ט? א מכה וועלעז זיי ביי מיר פארשטעהז! איכ'ל רעדעז פארשטעלט, אוז דארט, וואו מע באדארף, — גאר אויף לשון־קודש — אבי איהר זאלט נאר הערעז מיט קאפ אוז ניט האבעז א טבע איבערשלאגעז יענעם איז מיטעז.

בקיצור, ויהי בימי אחשורוש — דאס איז געוועז, לאז זיך אייך דאכטעז, איז דער צייט, ווען ס'האט געוועלטיגט א ו נ ז ע ־ ר ע נ ס עלטער־זיידע, נאך ווענמעז א ו נ ז ע ר ע ר איז א נאמעז, ז"ער זכות מעג איהם ביישטעהז אויף יענער וועלט און אקעגעז ?קומעז דארט, פאר די טובות, וואס אונזערע אחינו בני ישראל האבעז פוז איהם געהאט דורך זיינע גזירות טובות ישועות ונחמות — אמז. א לאנגע צייט האבעז אונזערע זיידעס, אוז דער־נאך אונזערע טאטעס, נישט געקאנט פארגעסעז דעם דאזיגעז אדוז הגדול, האבעז זיך געאכעט פונ'ם שלאף און דערמאנט איהם אלע מאל צום גוטעז — אזוי גוט איז זיי געוועז! דאס גאנצע לעבעז איז געהאנגעז ביי איטליכעז אויפ'ן שפיץ נאז, אוז געלעבט האט מעז נאר

אינ'ם זכות און מיט'ן חסד פונ'ם אדון הקטן, פונ'ם „קנעפעל", דאס הייסט, דורך דעם, וואס דאס „קנעפעל" פלעגט נעמען אויף דער יד, און דערצו נאך פארזוכען די דגים ערב שבת מיט א גלעזעל יי"ש, האבען אידען געקאנט דערווייל אטעמען פראנק און פריי, האנדלען און וואנדלען און לעבען ווי גאט אין אדעם.

ויהי היום — און וואו א ויהי איז דאך א צרה — טרעפט זיך א מעשה: וימת פרעה מלך מצרים — לעגט זיך אוועקעט דאס „קנעפעל" און מאכט א שטארב, ויקם מלך חדש — און עס קומט אראפ צו אונז אין שטאדט א ניי „קנעפעל", א המן, א רשע, אשר לא ידע את יוסף — וואס נעמט נישט, חאטש געב איהם א קרענק! האט מען איהם געפרובט נתנ'ען א גרעסערע מטבע — ער נעמט ניט! גאר א גרויסע מטבע — ער נעמט ניט! געוואלט איהם מכבד זיין מיט דגים — ער געהט ניט! א שמועס געגעבען פון א גוט ביסעל משקה — ער טרינקט ניט! אז מע שמועסט א „נקי-כפים'ניק", איז דאך ניט שייך! און טאמער בעט מען איהם מיט רחמים — טופעט ער מיט די פיס, טרייבט ארויס און טהוט דערנאכדעם מעשים אשר לא יעשו: א פראטאקאל נאך א פראטאקאל, א שטראף נאך א שטראף. אידען לאזט ער ניט האנדלען. מלמדים לאזט ער ניט קנעלען. און דערזעהט ער א יונג ווייבעל — רייסט ער איהר אראפ דעם פאריק. א יונגען מאן — שערט ער איהם אפ א פאה. „אזוי, זאגט ער, טהוט דער אדון הגדול אויך"... און קוועלט, טרייסעלט זיך פון זיין אייגענער חכמה, ווערד צעשמאלצען פאר געלעכטער!... פערדריסט דאך עס, און סע ברענט. נאר מען קאן גארנישט מאכען. וואס טהוען אידען? דאס, וואס אלע מאל: ויאנחו בני ישראל — אידען זיפצען נעבאך שטילערהייד און מע מאכט איין אסיפה און נאך איין אסיפה, הבה נתחכמה — לאמיר עפים צוטראכטען, ווי אזוי ווערד מען פטור פונ'ם דאזיגען המן ימח שמו? איז געבליבען, מע זאל געהן צו מיין זיידען רב אנשעל עליו השלום. אזוי טאקי האט ער געהייסען, דער זיידע מיינער, און דאס בין איך טאקי נאך איהם א נאמען.

און מיין זיידע אַנשעל איז געווען, לאָז זיך אייך דאַכטען, אַ איד אַ נגיד און אַ מיוחס, און דעם רבינ׳ס אַ חסיד, און אַ גבאי אין שוהל, און אַ תקיף ביי נאַטשאַלסטווע. אַז מע שמועסט כל־ולך! „גוואַלד, רב אַנשעל, ראַטעוועט אַ שטאָדט! גיט עפּיס איין עצה!" הערט זיי אויס דער זיידע און מאַכט צו זיי: „וואָס קאָן איך אייך, קינדערלעך, העלפען? סיידען איכ׳ל מיך אַראָפּחאַפּען צום רבי׳ן זאָל לעבען, און וואָס ער זאָל לעבען וועט זאָגען. דאָס וועלען מיר טהון". און אומר ועושה — דער זיידע האָט פיינט געהאַט לאַנגע מחזקות. פוילען זיך איז ביי איהם ניט געווען, און אין הוצאות איז אויך ניט געווען קיין מניעה — אַ שטאָדט קאָן אויס־טראָגען. עס האַלט ביי צרכי צבור, מע דאַרף ראַטעווען אַ שטאָדט, איז עפּיס פאַרהאַן תירוצים?... און ער האָט זיך אויפגעזעצט, דער זיידע אַנשעל הייסט עס. זומער איז דאָס געווען, אין די רעכטע היצען, האָט זיך אָפּגעזעגענט מיט דער גאַנצער שטאָדט און איז אוועק גלייך צום רבי׳ן. געקומען צום רבי׳ן, הויבט ער איהם אָן צו דערצעהלען אַ מעשה: איין אומגליק, איין ערל אַ נקי־כפּים׳ניק, וואָס נעמט ניט. טהוט דער רבי אַ קוק אויף איהם מיט איין אויג און אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: מע דאַרף ניט רע־דען ווייטער, ער ווייסט שוין. פון וואַנען ווייסט ער? — דאָס פרעגט אַ נאַרר. זיי ווייסען שוין!... וואונדערט זיך דער זיידע, נאָר ער שווייגט און וואַרט, וואָס וועט זיין ווייטער? אין אַ מינוט אַרום רופט זיך אָן דער רבי: ל ש נ ה ט ו ב ה ת כ ת ב ו ו ת ח ת מ ו... וואונדערט זיך דער זיידע נאָך מעהר: וואָס פאַר אַ סמיכות־הפרשה? ס׳איז נאָך אין רעכטען זומער, נאָך ווייט צו ראש־השנה, ווי קומט עס איצטער צו „לשנה טובה"?... נאָר פרעגען דעם רבי׳ן קשיות פרעגט מען ניט. וואַרט ער. און שוין פאַר׳ן אָפּגעזעגענען זיך רופט זיך אָן דער רבי צום זיידען מיט אַ זיפץ: הער זשע אויס, אַנשעל (זיי זאָגען דאָך אַלעמען „דו"). נעם און פאָהר, זאָגט ער, אַהיים בשלום און זאָלסט זאָגען דער שטאָדט, זאָגט ער, אַז איך האָב זיי געזאָגט „לשנה טובה תכתבו ותחתמו". און אַז דו וועסט קומען

אהיים, זאגט ער, זאלסטו אפּוואַרטען ביז'ן גרויסען יאַריד, און זאלסט אַרויסגעהן, זאגט ער, אויפ'ן יאריד און זאלסט קויפען אַ פּאָר סוסים, אבער מן המובחר, פון די בעסטע הייסט עס! שפּאַקעס זאלען זיי זיין! און זיי זאלען זיין, זאגט ער,ביידע גלייך, ווי אַ צווילינג, ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט, עס טאָר ניט זיין קיין פּלעק אויף זיי, קיין שפּרינקעלע. און דו זאלסט, זאגט ער, נעמען די שפּאַקעס און זאלט זיי איינשפּאַנען, זאגט ער, אין אַ קאַרעטע, אין אַ שענער קאַרעטע, וואָס שענער איז בעסער, און דו זאלסט אוועק־פאָהרען מיט זיי, זאגט ער, אין יענעם מקום אַריין, וואו דער אדון הגדול זיצט... מיט אַ „פּ“ הויבט זיך אָן יענע שטאָדט... און אַז דו וועסט קומען, זאגט ער, אין יענעם מקום, זאלסטו דעם ערשטען טאָג, זאגט ער, אָפּרוהען, דעם אַנדערען טאָג אָפּרוהען, און דעם דריטען טאָג, זאגט ער, אויך אָפּרוהען, און אַז דו וועסט זיך אָפּרו־הען, זאלסטו, זאגט ער, נאָכדעם אין דער פריה, באַלד נאָכ'ן דאַווענען, און פאַרנאַכט, בין מנחה למעריב, מאַכען אַ שפּאַציער מיט די שפּאַ־קעס פאַר'ן פּאַלאַץ פון'ם מלכות, און זיצען זאלסטו אין דער קאַרעטע ווי אַ שררה, וואָס פאָהרט זיך דורך גלאַט אַזוי לשם פאַרגעניגען... והיה — און ס'וועט זיין, זאגט ער, אַז מע וועט דיך אָפּשטעלען און פרעגען: „וואָס ווילסטו פאַר די פערדלעך?“ זאלסטו זאגען: „איך האַנדעל ניט מיט קיין פערד“... און פאָהר, זאגט ער, בשלום אהיים, וה', זאגט ער, יצליח דרכך“...

און כך הוה. ס'איז געקומען די צייט פון'ם גרויסען יאַריד, ווי דער רבי האָט פאַראויסגעזאָגט, איז דער ז[י]ידע אַרוים אויפ'ן יאַריד, דערזעהט ער אַ ציגיינער מיט אַ פּאָר שפּאַקעס, אבער שפּאַ־קעס אשר לא שפּאַקו אבותינו! קיין גרויסער מבין אויף פערד איז מיין זיידע נישט געווען, נאָר זייער אויסזעהען — איינס אין איינס, ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט, און אָהן אַ פּלעק — אַלסדינג, ווי דער רבי האָט געזאָגט! דערזעהען די פערדלעך, איז שוין דער זיי־דע, לאָז זיך אייך דאַכטען, פון זיי ניט אָפּגעטרעטען. ער איז צוגעזאָ־טען געוואָרען! דער ציגיינער, אַפּנים, האָט פאַרשטאַנען, אַז דער

זיידע איז אויסער זיך פון די פערדלעך, האט ער מסתמא פארבעטען אזא מקח, אז דעם זיידען איז געווארען נישט גוט, ממש עס איז איהם פינסטער געווארען אין די אויגען! נאר ס'איז עפּיס א תירוץ? פקוח־נפש — ראטעווען א שטאדט מיט מענטשען! אידען האבען פארקויפט, פארזעצט דאס לעצטע שבלעצטע! און מיין זיידע האט גענומען דינגען זיך פאר די שפּאקעס, א רענדעל אראפ, א רענדעל ארויף — ער איז שוין, לאז זיך אייך דאכטען, פון די שפּאקעס ניט אפּגעטראטען און האט אוועקגעקויפט די שפּאקעס און גענומען די שפּאקעס און איינגעשפּאנט די שפּאקעס אין א שענער קארעטע. און איז אוועק מיט די שפּאקעס גלייך אין יענעם מקום, אקוראט ווי דער רבי האט אנגעזאגט, נישט געלאזט פאלען א האר. און אז ער איז געקומען מיט די שפּאקעס אין יענעם מקום אריין, — דאס איז שוין געווען ראש חודש אלול — האט ער אויסגערוהט זיך דריי טעג מיט דריי נעכט, און גענומען דערנאך שפּאצירען מיט די שפּאקעס אלע אין דער פריה תיכף ומיד נאכ'ן דאווענען און אויף דער נאכט, בין מנחה למעריב, און פּאוואלי, נישט געהאפּט, טריט ביי טריט, דריי מאל הין און צוריק, פארביי דעם פּאלאץ פונ'ם מלכות — אלסדינג, ווי דער רבי האט געהייסען, ניט געמינערט א האר.

הקיצור המעשה, ער פאהרט, לאזט זיך אייך דאכטען, א טאג, ער פאהרט צוויי, ער פאהרט דריי — גארנישט מיט גארנישט! ער הויבט שוין אן אריינפאלען אביסעל אין א מרה־שחורה: וואס וועט זיין דער תכלית? נאר צופיעל מהרהר זיין טאר מען אויך נישט. אז דער רבי זאגט, איז מסתמא ניט אומזיסט. און כך הוה: איינ־מאל, שפּאצירענדיג אזוי פארביי דעם מלך'ס פּאלאץ מיט די שפּא־קעס, דערזעהט ער, ווי עס קומט איהם אקעגען פון דווארעץ ארויס עפּיס א גרויס „קנעפּעל", אפנים, איין אטיוטאנט פון די אטיר־טאנטען, און שטעלט איהם אפּעט און פייפט עפּיס מאדנע איהם גלייך אין פנים אריין, און באטראכט די שפּאקעס, ווי א רעכטער מבין, פון אלע זייטען, און טהוט איהם א פרעג: „הער נאר, דו,

וואס ווילסטו פאר די פערדלעך?" — אקוראט ווי דער רבי האט געזאגט! טהוט איהם א טיאבקע דאס הארץ, דעם זיידען הייסט עס, און ער ענטפערט איהם אַפּ, ווי דער רבי האט איהם אנגעזאגט: „איך האנדעל ניט מיט קיין פערד". קוקט איהם יענער אן מיט א בעזען קוק: „ווי קומט צו דיר אזעלכע שפאקעס?" שווייגט ער שוין, דער זיידע, ווייסט ניט וואס צו ענטפערען, ווארום וועגען דעם האט דער רבי ניט געזאגט גארנישט... ווערד יענער נאך מעהר בעז און רופט זיך אן צו איהם: „אפשר האסטו זיי גע'גנב'עט?" ווערד דעם זיידען שוין גאר קאלעמוטנע אויפ'ן הארצען, און ער טראכט זיך: „הלואי זאל זיך עס גוט אויסלאזען". נאר רעדען קאן ער נישט. ביז גאט האט איהם אריינגעגעבען א זינן, ער זאל א זאג טהון צום אטיוטאנט: „אדוני פריץ! די שפאקעס זענען מיינע שפאקעס. איך האב זיי געקויפט, זאגט ער, ביי א ציגיינער אויפ'ן יאריד. איך האב, זאגט ער, עדות, — א גאנצע שטאדט מיט אידען!"... ענטפערט איהם דער אטיוטאנט: „עדות האסטו? מע קען אייערע עדות"... און ער נעמט ווידער א מאל פייפען און אבער א מאל באטראכטען די שפאקעס, און רופט זיך אן צום זיידען: „דו ווייסט? דעם מלך זענען געפעלען דיינע שפאקעס!.." רופט זיך אן צו איהם דער זיידע: „און וואס איז די מניעה? אויב די שפאקעס זענען געפעלען דעם מלך, קאנען דאך מיינע שפאקעס זיין זיינע שפאקעס"...

ווי קומט דאס, דער זיידע זאל פאלען אויף אזא זאך — וואס פרעגט איהר? אז ס'איז באשערט, גיט דער אויבערשטער אריין א שכל, ובפרט אז ער איז געווען, ווי איך האב שוין געזאגט, א איד א חכם, האט ער פארשטאנען, אז דער רבי האט איהם אנגעזאגט שפאציערען פארביי דעם מלך'ס פאלאץ, איז מסתמא געווען דערביי א קוק, ווי איהר וועט עס באלד געוואוירע ווערען...

הקיצור המעשה, מע האט גענומען די שפאקעס און מע האט גאנץ פיין אריינגעפיהרט די שפאקעס אין הויף אריין, איז צארסקי דווארעץ הייסט עס, און געוויזען די שפאקעס פאר'ן אדון הגדול.

און ווי נאר דער אדון הגדול האט דערזעהן די שפּאַקעס, אזוי האט ער שוין ניט געקאָנט מעהר אַפּטרעטען פון די שפּאַקעס. אַ מין כח איז געלעגען אין די דאָזיגע שפּאַקעס! אַ שעה כסדר האט ער זיך געשפּיגעלט אין די שפּאַקעס, באַוויזען די שפּאַקעס לכל שריו ועבדיו — דעם גאַנצען הויף. הכלל, ער האט זיך גאָר ניט געקאָנט זאַט אַנקוקען אין די שפּאַקעס — ממש ותדבק נפשו!... און דער זיידע שטעהט אַלץ פון דער ווייטען און קוקט זיך צו און שווייגט. ער האט באַלד דערקענט נאָכ'ן פּאַטרעט ווער דאָס איז... נאָר גאָרנישט. לא קם ולא זע, אַ בשר ודם גלייך מיט אַלע... דערנאָך געהט ער צו. דער אדון הגדול הייסט עס, גלייך צום זיידען. און ווי נאר ער האט אַ קוק געגעבען אויף איהם, איז איהם שוין פאַרקיהלט געוואָרען, דעם זיידען הייסט עס, אַלע געבליטען. און אַז ער האט דערהערט זיין קול, אַ קול פון אַ לעמפּערט, איז איהם דורכגעלאָפען אַ פרעסטעל איבער'ן לייב. „וויפיעל ווילסטו פאַר די פערדלעך?“ ענטפערט איהם דער זיידע, קוים־קוים וואָס ער רעדט, און פיהלט, אַז דאָס קול ציטערט איהם און אין מויל איז איהם טרוקען: „איך פאַרקויף ניט קיין פערד. נאָר אויב, זאָגט ער, דעם האַר זענען געפעלען די פערדלעך, און אויב איך האָב, זאָגט ער, געפונען לייטזעליגקייט אין די אויגען פון מיין האַר, און מיין האַר וועט ניט זיין אויף מיר אין גרימצאָרן, לאָזען, זאָגט ער, אַריינגעפיהרט ווערען מיינע שפּאַקעס אין די שטאַלונגען פון מיין האַר — דאָרט, זאָגט ער, איז זייער אָרט“... מעהר האט ער ניט געקאָנט אַרויסרעדען קיין וואָרט, מחמת דער אדון הגדול האט אויף איהם געגעבען אַ קוק, איז איהם פּרחה נשמתו געוואָרען! און ווער שמועסט, אַז דער אדון הגדול איז צו איהם צוגעגאַנגען נאָך נעהענטער און געגעבען צו איהם אַ רעד מיט זיין געמבע, איז פון איהם שיער ניט געוואָרען, פון'ם זיידען אַנשעל, אַ גל של עצמות. „הער זיך איין, זאָגט ער צום זיידען, אפשר ווילסטו פון מיר אַ טובה'לע? זאָלסטו, זאָגט ער, זאָגען בעסער גלייך, אָהן חכמות, אָהן אידישע איבער־הסברות,

אהן דריידלעך און אהן קונצעז, אניט, זאגט ער, וועט דיך קאסטען טייערער!"

נו, ווי פארשטעהט איהר, מיינע ליעבע אידען, וואס האט בשעת מעשה זיך געטראכט דער זיידע אנשעל עליו השלום? אודאי איז איהם פארקיהלט געווארען דער מאמעס מילך פון אזעלכע דבורים! נאר אזוי ווי דער זיידע אנשעל איז געווען, ווי איך האב אייך שוין געזאגט, איין אביר־לב, לא קם ולא זע, נעמט ער זיך אן מיט כח, לאז זיך אייך דאכטען, און רופט זיך אן צום אדון הגדול:

„אדוני, זאגט ער, קעניג! איך שווער דיר בהן שלי, אז איך מיין נישט דערביי קיין שום מיין, זאגט ער, מיט קיין שום אויבער־קעפלעך, און איך בין ווייט, זאגט ער, פון חכמות, פון אויבער־הסברות, דריידלעך און קונצען, און איך פארלאנג ניט, זאגט ער, פון מיין האר קיין שום טובות. נייערט, זאגט ער, דער כבוד איז ביי מיר ווערטה אינגאנצען, און די גרעסטע טובה וועט פאר מיר, זאגט ער, זיין דער זכות, וואס מיינע שפאקעס וועלען פון היינט אן שטעהן מיט די פערד פון מיין האר, און מיין האר וועט טהון רייטען אויף זיי"... אודאי איז דער אדון הגדול געווען גערירהט פון אזא מין געשפרעך, און ער האט שוין גענומען רעדען א סך ווייכער, איין אנדער לשון, מיט איין אנדער שפראך, מיט אנדערע דבורים — ס'איז גאר לא זו הדרך! און ער הויבט זיך אויף, דער מלך, ארויף אין פאלאץ אריין, און דער זיידע אנשעל נאך איהם, לא קם ולא זע — גלייך ווי גארנישט, נאר די קנעכלעך, לאז זיך אייך דאכטען, טרייסלען זיך איהם, און דאס הארץ — טיק־טאק! טיק־טאק! — ווי א זייגער. א ווערטעלע אויסצורעדען — בחצרות מלכים, אין צארסקי דווארעץ! אז אומעטום, וואו מע טהוט א ווארף מיט איין אויג, איז נאר גאלד און נאר זילבער, און אלסדינג איז גע־שניצט פון סאמע עלפענביין. אויבען קרישטאל, אונטען מירמעל־שטיין, און ביי די זייטען ברושטין, עכטער ברושטין, וואס געהט אויף לולקע־ציבעקס און אנטיפקעס. דעם זיידען אנשעל האט זיך אזש דער קאפ פארדרעהט פון אזא עשרות, נאר ער האלט זיך! דער אדון

הגדול געהט, ער געהט איהם נאך. דערנאך זעצט זיך דער אדון אוועק, בעט דעם זיידען אויך זיצען, זיצט ער. איז ער איהם מכבד מיט א ציגאַיער, ער זאל רויכערען, רויכערט ער — לא קם ולא זע! דערווייל קומט אריין „זי", די מלכה הייסט עס — רייך, איינגעטונקען אין זייד און אין סאמעט, פון אויבען ביז אראפ דימענטען און בר־ליאנטען און די טהייערסטע שטיינער, וואס שעמערירען אין די אויגען! און שען איז זי, ווי די מלכה שבא, אין איהר פנים נישט אריינצו־קוקען! דערזעהען א אידעל זיצט אויבען־אן צעלעגט און רויכערט א פאפיראס, פארדריסט עס איהר מסתמא און זי קוקט אויפ'ן אדון הגדול מיט תרעומות, ווי איינער רעדט: „וואס טהוט דא אט דאס אידעל?"... נאר דער זיידע אנשעל — ס'זאל איהם אנהויבען צו אהרען! א מענטש איז געווארען אזא תקיף — ווען הארכט ער? רויכערט ער זיין ציגאַיער און קוקט נישט אפילו אין איהרע ד' אמות! זי אבער־לאזט פון איהם קיין אויג ניט אראפ, ממש דורם מיט'ן קוק... פארשטעהט עס, אפנים, דער אדון הגדול, אז זי איז ניט צופריעדען מיט'ן גאסט, נאר ער מאכט זיך ניט וויסענדיג, טהוט אווארף אויף איהר מיט די אויגען און טהוט זיך א זאג צו איהר אין גוטען מוט: „דושינקא, טשאַי" — מען זאל דער־לאנגען טיי, הייסט עס. שווייגט זי. זאגט ער נאך א מאל: „דו־שינקא, טשאַי". שווייגט זי ווידער. פוילט ער זיך ניט און טהוט א טופ מיט'ן פוס און א ברום ארוים שוין אויף דער העכסטער אקטאבע: „דושינקא, טשאַי!!..." האבען אלע פענסטער גענומען קלינגען! א קליינינגקייט? מורד במלכות!... און עס האט ניט געדויערט אזוי פיעל, ווי איך דערצעהל אייך, האבען זיך א שאט געגעבען אַטיוטאנטען און גענעראלען, און ס'איז בעשאפען געווא־רען אין איין כהרף עין, לאז זיך אייך דאכטען, א סאמאוואר א זודיגער ווי א גזלן, און איינגעמאכטסען אלערליי מיט פרישע איי־ערבייגעל מעדני מלך, און טאקי געקאכטע אייער, ווייל מע ווייס דאך אין צארסקי דווארעץ אויך, אז איין עהרליכער איד וועט קיין אנדער זאך ניט עסען א חוץ „אייער". און דער מלך בעט איהם,

ער זאָל עסען און טרינקען און זיך וואויל מאַכען. פרעגט איהם אוים בעת מעשה, ווער ער איז? און וואָס איז זיין טהועכץ? און צי האָט ער פּרנסה? און וואָס מאַכען עפּים די אידעלעך פון זיין מדינה? אַלסדינג וויל ער וויסען, און די גאַנצע צייט בסבר פּנים יפות. ענטפערט איהם דער זיידע אַנשעל, לאָז זיך אייך דאַכטען, על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון, און אַז ס'איז געקומען צו דעם, וואָס מאַכען עפּים די אידען, טראַכט ער זיך: „אַצינד איז אַ שעת־הכושר צו צוטרעטען צום עצם ענין. אַצינד וועל איך איהם זאָגען. יעבור עלי מה!"... און ער נעמט און לעגט אַוועק פאַר'ן אַדון הגדול, לאָז זיך אייך דאַכטען, אַ מענה־לשון (דער זיידע אַנשעל האָט גע־קאָנט!) — כך וכך, אדוני קעניג, אַזוי איז די מעשה: „דיינע אידען, זאָגט ער, האָבען זיך ניט וואָס צו באַקלאָגען. נישט מעהר, זאָגט ער, אויב דעם מלך איז גוט אויפ'ן האַרצען און אויב איך האָב גע־פונען לייטזעליגקייט אין די אויגען פון מיין האַר און אויב. זאָגט ער, מיין האַר וועט ניט זיין אין גרימצאָרן אויף זיין קנעכט, וועל איך דיר, זאָגט ער, זאָגען דעם גאַנצען אמת. הנה זיי וויסען, אדוני קעניג, אַז ביי דיר אין דער מדינה פיהרט זיך, ברוך השם, גאַנץ נישקשה'דיג, און די אידען לעבען מיט'ן חסד פון'ם „קנעפּעל". איז דאָס קנעפּעל, זאָגט ער, אַ קנעפּעל, איז מוהכתיתי. און טאָמער חלילה ניט — איז, זאָגט ער, זעהר ביטער. אָט איז ניט לאַנג אַראָפּגעקומען צו אונז אַ קנעפּעל, זאָגט ער, איז ער אַ נקי־כפּים'ניק, קייען מיר פון איהם די ערד! ס'איז נאָך ביי דיר אין דער מלוכה אַזעלכער, זאָגט ער, קיין מאָל ניט געווען, מע זאָל אויספּאַהרען די גאַנצע מדינה לארכה ולרחבה. אַ קנעפּעל אַ נקי־כפּים'ניק — דאָס איז אַ מכה אשר לא כתובה בתורה!"... קוקט אויף איהם דער אַדון הגדול און רופט זיך אָן צום זיידען: „איך וועל דיר זאָגען דעם אמת — דו רעדסט עפּים אַזוי פאַר־שטעלט, אַז איך הויב ניט אָן צו פאַרשטעהן, וואָס הייסט עס ביי דיר אַ נקי־כפּים'ניק און וואָס הייסט עס ביי דיר אַ „קנעפּעל"?... רופט זיך אָן דער זיידע: „נקי־כפּים'ניק הייסט אַ פריץ, וואָס נעמט

ניט, און „קנעפּעל״ — דאָס מיינט מען, זאָגט ער, דעם אַדון הקטן. וואָס דו שטעלסט אַוועקעט אין יעדער שטאָדט, ער זאָל אַכטונג געבען אויף דיין מלוכה. גיט ער, זאָגט ער, אַכטונג און איז עטליכע יאָהר אַרום ווערד ער איין עושר. פון וועמען? — געוויינטליך, פון אידען. וואָרום אידען, זאָגט ער, זענען שוין געוואָהנט געוואָרען. אַזוי ווי, זאָגט ער, אַ איד דאַרף דאַוונען אַלע טאָג, אַזוי, זאָגט ער, וויים אַ איד, אַז אַ פּריץ דאַרף נעמען און אַ איד דאַרף געבען. סע שטעהט, זאָגט ער, ביי אונז געשריבען: „נתבעים למשכן ונותנים, נתבעים לעגל ונותנים״... און — זאָגט איהם ווייטער דער זיידע מיט'ן לשון פון פסוק: — ה ח י ל ו ת ל ה ר א ו ת א ת ח ס ד ך ל ע ב ד ך — ביזטו שוין געוועזן אַזוי גוט און האָסט מיך, זאָגט ער, אויסגעהערט ביז אַהער, וועסטו שוין בעווייזען דיין גענוד צו דיין קנעכט און אויסהערען מיך שוין ביז'ן סוף״.

„הנה, זאָגט ער, זיי ווייסען, אַדוני קעניג, אַז נעמען, זאָגט ער, נעמט מען ביי דיר אין דער מלוכה אומעדום, פון הודו ביז כוש. נישט נעמען נעמט ניט ביי דיר נאָר אַ קאַליקע, וואָס האָט ניט קיין הענט... און אַפּילו דער, זאָגט ער, וואָס האָט שוין גאָר קיין הענט ניט, הייסט זיך אויך, זאָגט ער, מע זאָל איהם אַנידערלעגען אויפ'ן טיש. און אדרבה, זאָגט ער, פאַרקעהרט, ס'איז גאָר קיין עולה ניט. יעדער מענטש דאַרף לעבען. סע שטעהט ביי אונז, זאָגט ער, געשריבען „וחי אחיך עמך״, מאַכט רש״י: נעחאַי סאַבאַקאַ נע ברעשע״...

— וואָס קוקט איהר זיך איבער? ביי אייך קומט עס אוים פּריקרע, אַ איד זאָל אַזוי רעדען מיט אַ קייסער? איז ווי איהר ווילט אייך. איך בין דערביי ניט געשטאַנען — דאָס פאַרשטעהט אַ מינדסט קינד. האָב איך דאָס אָבער געהערט דערצעהלען פון מיין טאַטען עליו השלום, און מיין טאַטע האָט דאָס געהערט פון זיין טאַטען, און איך פאַרזיכער אייך, אַז מיין טאַטע איז קיין ליגנער נישט געוועזן, און מיין זיידע אַנשעל אודאי ניט... הקצור, דער זיידע האָט זיך גאַנץ פיין אָפּגעזעגענט און איז אַוועק פון'ם מלך.

לאז זיך אייך דאכטען, גלייך צום רבי'ן, אפגעגעבען דין וחשבון פון דער נסיעה. עס איז שוין געווען אהת לאחת ערב ראש השנה. געקומען צום רבי'ן, האט זיך דער זיידע אנשעל אוועקגעשטעלט (פאר'ן רבי'ן שטעהט מען) דערצעהלען אלסדינג, ווי אזוי און וואס און ווען. לאזט זיך אויס א מעשה, אז ס'איז אומזיסט די טרחה, וואס דער זיידע אנשעל האט איהם דא אזוי פיעל דערצעהלט, ווארום ער האט דאס אלסדינג געוואוסט פריהער. דער רבי הייסט עס. אי, למאי האט ער איהם געלאזט רעדען? ווארום ס'איז ניט קיין דרך־ארץ איבערשלאגען א אידען אין מיטען — זיי זענען גרויסע בעלי דרך־ארץ... דערפאר אויף מארגען, אז ס'איז געקומען צום טיש, שבת נאכ'ן דאווענען, און דער רבי האט געהאלטען ביי „זאגען". איז ער זיך מיישב, דער רבי הייסט עס, און שטעלט זיך אויף א פסוק, גאר ניט פון דער סדרה — ווער־וואס? ער האט זיך גאר אוועקגעשטעלט, לאז זיך אייך דאכטען, אויף א פסוק פון דער תוכחה! האט דער עולם געשטוינט, געווען אויסער זיך: „ס'איז פארהאנען — אזוי האט דער רבי אנגעהויבען מיט צוגעמאכטע אויגען, ווי דער שטייגער איז, — ס'איז פארהאן ביי אונז אין דער תוכחה א קללה, וואס מע קאן ניט פארשטעהן דעם פשט פון די ווערטער בשום אופן ואופן: „ישא ה' עליך גוי — גאט וועט אויף דיר אנשיקען א גוי, א ש ר ל א ת ש מ ע ל ש ו נ ו — וואס דו וועסט ניט פארשטעהן זיין לשון... איז דאך אין פלוג א קשיא — וואס איז דאס פאר א קללה? נאך א מאל: א גוי, וואס דו פארשטעהסט ניט זיין לשון! געשיקט זיך עס? מילא, אז א גוי, להבדיל, פארשטעהט ניט אונזער לשון — דאס איז על־פי דרך הטבע, דערויף איז ער דאך א גוי! אבער אז א איד זאל ניט פארשטעהן וואס דער גוי רעדט צו איהם — וואס איז שייך? וואו איז דא א זאך, וואס א איד זאל ניט פארשטעהן? מוזען מיר לערנען דעם פשט אזוי: ישא ה' עליך גוי — גאט וועט אנשיקען אויף דיר א גוי, אשר לא תשמע לשונו — וואס דו וועסט ניט קאנען מיט איהם זיך א ו י פ ר ע ד ע ן. דאס הייסט, ער

וועט זיין אַ נקי־כפים'ניק. וואָס נעמט ניט, און אַ גוי, וואָס ער נעמט ניט — איז איין אומגליק!..." און אַזוי האָט דער רבי פאַר־טייטשט דעם פסוק פון דער תוכחה, און דער עולם איז געווען נתפעל, ממש געלעקט די פינגער! פאַרשטאַנען האָט דאָס, לאָז זיך אייך דאַכטען, קיינער ניט, אויסער דעם זיידען און אַ חוץ די גאָר נאָהענטע קורבים... און ווי נאָר ס'איז אַוועק דער שבת, איז דער זיידע אַנ־טשעל אַוועק אַהיים, קוים־קוים געקומען אויף ראש־השנה אַהיים.

און לאָז זיך אייך דאַכטען, אַז דעם ערשטען טאָג ראש־השנה אויף דער נאַכט, בעת אידען געהען פון שול און זאָגען איינער דעם אַנ־דערען אַ גוט יום־טוב, לשנה טובה תכתבו ותחתמו לאלתר לחיים ולשלום — איז אַרויס אַ קלאַנג אין שטאָדט, אַז דאָס „קנעפעל", דער המן ימח שמו וזכרו, איז אַראָפּ, און אויף זיין אָרט איז אַראָפּ־געשיקט געוואָרען פון דאָרטען, פון אויבען, אַ נייער אַדון בפקדה. אַ גוי אַ חכם, אַ פּקח, און אַ גוטער, אַ דימענט פון אַ גוי — ער נעמט! איין שטיקעל חסרון האָט ער געהאַט (וואו האָט איהר גע־זעהען אַ מענטשען אָהן אַ חסרון?), וואָס עס האָט זיך אַרויסגעוויזען דערנאָכדעם, אַז ער איז שוין געווען אַביסעל צו אַ שטאַרקער נע־מער.. ער האָט שוין גענומען פאַר יענעם אויך... ממש פון טויט און פון לעבעדיג!... נאָר ווי די מעשה איז — אַ ראש השנה האָבען אידען געהאַט אַ פריילֿיכען, און אַ סוכות נאָך אַ פריילֿיכערען, און וועגער שמועסט שמחת־תורה — איז גאָר געווען ליהודים! אַ סברה, אַז דער אַדון בפקדה, דאָס נייע קנעפעל הייסט עס, האָט געמאַכט אַ כוסה און געחאַפּט אַ טענצעל גלייך מיט אַלע אידען... מיר דאַכט, אַז מיר זענען שוין געקומען צו דער סטאַנציע? זייט מיר! און האָט מיר!...

## פון פסח ביז סוכות

אַ וואונדערליכע מעשה, דערצעהלט פון אַ
אידען, אַ פערברענטען שאַכמאַטיסט, און אַ
וואַרעמער געזעלשאַפט, איינמאָל אין אַ קאַל־
טער ווינטער־נאַכט, נאָך אַ פרעהליך קערטעל
און נאָך אַ גוטען צוביסען.

געשריבען אין יאָהר 1915

# פון פסח ביז סוכות

ס'איז שוין געווען ווייט נאך האלבע נאכט. ווינטער צייט איז דאס געווען. די וועטשערינקע האט זיך געענדיגט. דער טיש האט געזאגט, אז דער עולם האט געחאפט א זאט. די גרינע טישלעך זענען געווען צעשריבען מיט'ן קריידעל און פערווארפען מיט אפגעשפיעלטע קארטען, פון וועלכע עס קוקען ארוים טייז מיט מלכים און רייצען זיך: „אצינד זענען מיר דא!"... זעצען זיך נאך א מאל שפיעלען א ווינט, א פרעפעראנס אדער איין אקע — וואלט געווען ווי געוואונשען. האט מען זיך אבער געשעמט פאר זיך אליין — ס'איז שוין געווען צו שפעט. איז מען געזעסען גלאט און גערויבערט, געטרונקען שווארצע קאווע און גערעדט לשון־הרע. ביז ס'איז אויסגעגאנגען ווערטער, האט איינער אריינגעווארפען א ווארט וועגען שאך. נאך איהם — נאך איינער און נאך איינער. דערמיט האט מען געוואלט פעראינטערעסירען איינעם א פערברענטען שאכמאטיסט מיט'ן נאמען רובינשטיין.

רובינשטיין איז א מסוכנ'ער שאכמאטיסט. צוליעב שפיעלען א שאך איז ער גרייט געהן צופוס צעהן מייל, ניט עסען, ניט טרינקען, ניט שלאפען א נאכט — א געפעהרליכער שאך־שפיעלער! פון זיין שאך־שפיעלען געהען ארום מאסען אנעקדאטען: 1) אז ער שפיעלט מיט זיך אליין גאנצע נעכט אין שאך. 2) אז ער האט זיך דריי מאל גע'גט מיט'ן ווייב איבער'ן שאך. 3) אז ער איז שוין איין מאל פערפאלען געווארען אויף דריי יאהר צוליעב'ן שאך. מיט איינעם ווארט, וואו רובינשטיין, דארט איז שאך, און וואו שאך, דארט איז רובינשטיין. און רובינשטיין האט ליעב, אז מע רעדט פון שאך, ווי א גוטער שכור האט ליעב, אז מע רעדט פון א גלעזעל משקה... אז מע טהוט א קוק אויף רובינשטיינ'ען, איז דאס ערשטע ווארפט זיך אין די אויגען זיין אומגעלומפערט גרויסער שטערן. א גרויסער

און אַ ברייטער, אַ קיילעכיגער, איך מיין אײַן אויסגעבויגענער, אַ בולט׳ער. אויגען אויך משונה גרויסע, קיילעכיגע, שווארצע, נאָר קאַלטע אויגען. אַליין איז ער אַ טרוקענער, אַ דאַרער, נאָר אַ קול האָט ער ווי אַ גלאָק, איין אמת׳ע אַ באַסאָווע שטימע. דאָרט וואו רובינשטיין איז — הערט מען נאָר רובינשטיינ׳ען, ווייטער קיינעם ניט...

דערהערט, אַז מע רעדט פון שאַך, האָט רובינשטיין פאַרקנייטשט זיין געקנייטשטען שטערן, מיט איין אויג בעטראַכט די שווארצע קאַווע, וואָס ער האָט געטרונקען, געוואָלט טרעפען מיט וואָס זי שמעקט: מיט זייף אָדער מיט שווענקאַכטס... און אַ זאָג געגעבען צו קיינעם ניט און צו אַלעמען. און זיין באַסאָווע שטימע האָט געדונערט ווי אַ קלויסטער־גלאָק:

— מיינע דאַמען און הערען! אויב איהר ווילט אַ שענע געשיכטע פון אַ שאַך־שפּיעלער, זעצט זיך אַוועק אַלע אַט־אַ־דאָ, וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה פון פאַרצייטען.

— אַ געשיכטע פון אַ שאַך־שפּיעלער? אַ מעשה פון פאַרצייטען? — האָט זיך אַנגעחאַפּט די בעל־הבית׳טע, וואָס האָט מורא געהאַט, די געסט זאָלען זיך ניט צעקריכען. — אויסגעצייכענט! זאָג פעליטשקען, זי זאָל צומאַכען דעם פּאַרטעפּיאַן און אַליין שלים צו, זיי מוחל, די טהיר און געב אַהער נאָך אַ צוויי־דריי שטוהלען. זיצט. איך בעט אייך, זיצט. דער הערר רובינשטיין וועט אונז דערצעהלען אַ געשיכטע פון אַ שאַך־שפּיעלער, אַ מעשה פון פאַרצייטען.

און רובינשטיין האָט בעטראַכט די נאָר־וואָס פעררויכערטע סיגאַר, וואָס דער בעל־הבית האָט איהם מכבד געווען, פון אַלע זייטען, געוואָלט, אַפּנים, אַפּשאַצען וויפיעל זי קאָסט, און האָט זיך פערקרימט און פערקנייטשט דעם גרויסען שטערן, גלייך ווי ער וואָלט וועלען זאָגען: „הם... זעהען זעהט עס אויס ווי אַ סיגאַר, נאָר אַ טעם האָט עס פון אַ בעזעם“... דערנאָך איז ער צוגעטרעטען צו זיין געשיכטע בזו הלשון:

— אז איך ביז, מיינע דאמען און העררען, א פארברענטער שאך־שפיעלער און אז אונזער גאנצע פאמיליע, הייסט עס, זיינען שאכמאטיסטען פון דער נאטור — דאס באדארף איך אייך ניט דערצעהלען. דאס ווייסט איהר אליין. דער נאמען רובינשטיין לאזט זיך אביסעל הערען אויף דער וועלט, און איך וואלט א בעלן געווען, אדרבה, איהר זאלט מיר באווייזען א רובינשטיין, וואס זאל ניט זיין קיין שאך־שפיעלער.

— אט וויים איך א רובינשטיין, איין אגענט. ער קומט צו מיר אריין אלע וואך. איז א חוץ „סטראכאוואניע זשיזני" ווייס ער ניט קיין זאך. א טשיסטע בהמה!

דאס האט ארייגעשטעלט איינער פון די געסט, א יונגערמאן מיט א שפיצעכיגען קאפ און מיט גאלדענע ברילען, וואס האלט זיך פאר א חכם און וויצעלט זיך; נאר רובינשטיין איז געבליבען רוהיג. ער האט דורכגענומען דעם יונגענמאן מיט זיינע גרויסע שווארצע־קאלטע אויגען און האט א זאג געגעבען מיט זיין באסא־ווע שטימע:

— מסתמא איז ער ניט פון אונזערע רובינשטיינס. איין אמת'ער רובינשטיין איז א שאכמאטיסט. דאס איז אזוי נאטירליך, ווי ס'איז נאטירליך, אז דוקא א שוטה זאל ליעב האבען זאגען וויצען... איין אמת'ער רובינשטיין איז געווען מיין זיידע ראובן רובינשטיין, ווא־רום ער איז געווען, מיינע הערען און דאמען, דער אמת'ער שאכ־מאטיסט. ביי איהם האט באמת געמענגט די גאנצע וועלט זיך אי־בערקעהרען, בעת ער האט געהאלטען אין מיטען א שאך. צו איהם איז מען געפאהרען פון דער וועלט שפיעלען א פארטיע — פריצים, גראפען, שררות! חאטש געווען איז ער נישט מעהר ווי א זייגער־מאכער, איין ארעמער בעל־מלאכה, נאר א גוטער בעל־מלאכה, א קינסטלער אין זיין פאך. און ווייל דער עיקר איז ביי איהם געווען שאך, האט ער געהאט צרות, ניט קיין פרנסה, און קוים־קוים דורכ־געקומען מיט'ן שטיקעל ברויט.

ויהי היום, טרעפט זיך אַ מעשה, מיינע הערדען און דאַמען, עס פאָהרט צו צום זיידענ'ס שטיבעל אַ גרויסאַרטיגער טאַראַנטאַס מיט צוויי פּאָר ברענענדיגע סוסים „נאַשפּיץ“, און סע שפּרינגט ארויס פון טאַראַנטאַס אַ פּריץ, אַ מאַגנאַט מיט צוויי באַדיענערס, באַהאַנגען פון אויבען ביז אַראָפּ מיט אָרדענס און מעדאַליען — אַ שררה! — און איז אריין מיט איין אימפּעט: „וואו איז דאַ ערגיץ דער איד ראובן רובינשטיין?“ האָט זיך דער זיידע, זאָל מיר מוחל זיין, תחילת אביסעל ווי דערשראָקען. ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך און איז אַרויס מיט לשון: „איך בין דאָס דער איד ראובן רובינשטיין — מיט וואָס קאָן איך דיענען?“ איז דאָס דעם שררה געפעלען און ער רופט זיך אָן צום זיידען: „אויב, זאָגט ער, דו ביזט דאָס דער איד ראובן רובינשטיין, פריידט עס מיך זעהר. היים, זאָגט ער, שטעלען דעם סאַמאָוואַר און געב אַהער דאָס ברע־טעל, ווילען מיר מאַכען אַ שאַך. איך האָב געהערט זאָגען, זאָגט ער, אַז דו שפּיעלסט גוט אין שאַך, און אַז דיר האָט נאָך קיין מאָל קיינער קיין מאַט ניט געגעבען“. אַזוי זאָגט צו איהם דער מאַגנאַט (געוועזען, ווייזט אויס, אַ ליעבהאָבער פון שאַך). איז זעצט זיך אַוועק מיט'ן זיידען שפּיעלען אין שאַך, איין פּאַרטיע נאָך דער אַנדערער, איין פּאַרטיע נאָך דער אַנדערער. דערווייל איז פאַרטיג געוואָרען דער סאַמאָוואַר, און מע האָט דער־לאַנגט טיי, געוועהנליך, אויף אַ טאַץ, מיט איינגעמאַכטס און אַלער־ליי פאַרבייסעכצען — ווענען דעם האָט שוין די באָבע געזאָרגט, חאָטש אין בייטעלע איז ניט געוועזען אַ גראָשען — און אין דרויסען, ביי'ם טאַראַנטאַס, האָט זיך צענויפגעזאַמעלט די גאַנצע שטאָדט. אַ קלייניגקייט — ביי ראובן זייגערמאַכער אַזאַ מאַגנאַט! אודאי זענען אין שטאָדט געווען אַלערליי רעדעכצען. דער האָט גע־זאָגט, אַז דער שררה איז פון דער גובערניע, געקומען מיט אַ רע־וויזיע, איין „אַביסק“, פאַלש גאָלד... דער האָט געזאָגט, אַז מסתמא איז דאָ אַ מסירה'לע, אַ דאָנאָסעל, אַ בלבול, אַ „דיעלאָ“... אריינ־צוגעהן אינוועניג און אַ קוק טהון, ווי דער שררה זיצט מיט'ן

זיידעו און שפּיעלט איז שאך — דאָס האָט קיינער נישט געוואוסט.
וואָרום ווענען וועט דאָס איינפאַלען אזא זאך ? !...

און וואָס טויג אייך, מיינע דאַמען און הערען, דער שררה. חאָטש ער האָט געשפּיעלט ניט שלעכט, מען קאָן זאָגען — גאַנץ גוט געשפּיעלט, האָט ער פונדעסטוועגען געהאַפּט פוג׳ם זיידען א מאָט נאָך א מאָט, און וואָס מעהר ער האָט פאַרשפּיעלט, אַלץ מעהר האָט ער זיך געהיצט, און וואָס מעהר ער האָט זיך געהיצט, אַלץ מעהר האָט ער פאַרשפּיעלט. און דער זיידע — איהר זאָלט זאָגען, א ריהר אויפ׳ן פּנים — גאַרנישט ! גלייך ווי דאָס שפּיעלט ער — איך וויים אליין ניט מיט וועמען... האָט דאָס דעם אדון מסתמא גוט פאַרדראָסען, וואָס זאָלט איהר קלערען ? פאַרשפּיעלען וויל קיינער ניט, ובפרט נאָך ביי וועמען ? — ביי א אידען !... נאָר זאָגען קאָן ער נישט, און ס׳איז נישטאָ וואָס צו זאָגען, אז יענער שפּיעלט פאַרט גוט ! ווי זאָגט איהר : אז ער יכול׳ט, איז דאָך ניט שייך ! און דאָס דאַרפט איהר וויסען, מיינע הערען און דאַמען, אז איין אמת׳ען שאך־שפּיעלער אינטערעסירט דאָס שפּיעלען אליין א סך מעהר פונ׳ם געווינען, אָדער פונ׳ם פאַרשפּיעלען. ביי איין אמת׳ען שאכמאַטיסט איז נישטאָ קיין שפּיעלער, נאָר ס׳איז דאָ א שפּיעל — איך וויים ניט, אויב איהר וועט דאָס פאַרשטעהן.

— שווימען קאָנען מיר ניט, אָבער מיר פאַרשטעהען שווימען. — האָט אריינגעשטעלט דער יונגערמאַן דער וויצלינג, און ווי אַלע מאָל — נישט דאָרט וואו מע דאַרף ; און רובינשטיין, דער פערברענטער שאכמאַטיסט, האָט איהם דורכגענומען מיט די קאַל־טע אויגען און א זאָג געגעבען : „יאָ, מע זעהט, אז איהר פאַר־שטעהט שווימען“... דערנאָך האָט ער א ציה געגעבען דעם סיגאַר און דערצעהלט ווייטער :

— און אזוי ווי אַלסדינג אויף דער וועלט האָט א סוף, מיינע דאַמען און הערען, האָט זייער שפּיעלען אויך געהאַט א סוף. דער מאַגנאַט איז אויפגעשטאַנען, זיך פאַרשפּילעט אויף אַלע קנעפּ, דער־לאַנגט דעם זיידען צוויי פינגער און געזאָגט צו איהם אזוי : „הער

זשע אויס. ראובן רובינשטיין, דו האסט מיך, זאגט ער, געשלאגן! און איך מוז מודה זיין, זאגט ער, אז דו ביזט דער בעסטער שאכ־מאטיסט, ניט נור אין מיין גובערניע, נאר אינ׳ם גאנצען לאנד, און אפשר אין דער גאנצער וועלט. און איך שעץ מיך, זאגט ער, גליקליך, וואס איך האב געהאט די עהרע און דאס פארגעניגען צו שפיעלען מיט׳ן גרעסטען שאך־שפיעלער פון דער וועלט. זיי זי־כער, זאגט ער, אז דיין נאמען יועט פון היינט אן ווערען נאך גרע־סער ווי ער איז געווען. איך וועל עס איבערגעבען, זאגט ער, די מיניסטארען. איך וועל דאלאזשען אין הויף“...

דערהערט אזעלכע דבורים: „מיניסטארען“... „דאלאזשען אין הויף“... רופט זיך אן דער זיידע צום שררה: „ווער זשע ביזט דו, אדוני פריץ?“ צעלאכט זיך דער פריץ, שטעלט ארויס די ברוסט מיט מעדאליען און מאכט צום זיידען: „איך בין דער גובערנא־טאר“... ווערד שוין דעם זיידען אביסעל קאלעמוטנע; ער זאל גע־ווען וויסען, ווער סע שפיעלט מיט איהם, וואלט ער אנדערש גע־שפיעלט... נאר פארפאלען! צוריק חאפט מען ניט... דערוויל האט דער גובערנאטאר זעהר פריינדליך אפגעזעגענט זיך און איז אוועק צום טאראנטאס, אויפגעזעצט זיך און פאשאל!

פארשטעהט זיך, אז ערשט דעמאלט האט די גאנצע שטאדט באפאלען דעם זיידען: „ווער איז דאס געווען?“ און אז מען איז געוואוירע געווארען, אז דאס איז דער גובערנאטאר, האט מען נאך מעהר געשטוינט: — „וואס האט דא געטהאן דער גובערנאטאר?“ און אז דער זיידע האט זיי איבערגעגעבען, אז דער גובערנאטאר איז געקומען נאר לשם שאך, — האבען זיי אויסגעשפיגען דריי מאל און אויסגע׳בטל׳ט אלע בייזע חלומות אויף די שונאים׳ס קעפ, און מען איז זיך צעגאנגען, גערעדט, גערעדט, און פארגעסען. און דער זיידע האט אויך פארגעסען. דער קאפ איז איהם געלעגען ערגיץ אנדערש, אין א נייעם שאך, און אגב דאגות פרנסה אויך. א איד מוטשעט זיך, הארעוועט, זוכט א שטיקעל ברויט.

ויהי היום, מיינע הערדעז און דאמען, אין א צייט ארום — וויפיעל ס'איז אוועקגעגאנגען צייט קאן איך אייך ניט זאגען. איך וויים נאר, אז ס'איז געווען ערב פסח איז דעמאלט געוועז, און אויף יום־טוב איז ביי'ם זיידען נאך ניט געוועז גארנישט, קיין שטיקעל מצה אפילו. קינדערלעך, קיין עין־הרע, א סך, ווער עס דארף א העמדעלע, ווער א שטיוועלע — שלעכט! זיצט ער נעבאך איינגעבויגען אין דרייען מיט'ן גלעזעל אין אויג און פארקעט זיך ביי א זייגערעל, וואס האט זיך אוועקגעשטעלט און וויל ניט געהן, און טראכט זיך: מאין יבא עזרי? — פלוצים עפענט זיך די טהיר און עס קומען אריין צוויי זשאנדארען, און גלייך צום זיידען: „פאַ־זשאלאיטיע!“ פליהט איהם דורך א מחשבה (דער זיידע איז גע־וועז א מענטש מיט מאדנע געדאנקען): אפשר איז דאס פונ'ם גו־בערנאטאר? א קשיא אויף א מעשה — טאמער וויל ער איהם באַ־פריעדיגען, גליקליך מאכען? האט זיך דען ניט געטראפען ווי־פיעל מאל, אז דורך א צופאל, איבער א קלייניגקייט, זאל א פריץ נעמען א אידען און אפשיטען מיט גאלד, גליקליך מאכען איהם מיט קינדער און קינדס־קינדער?... לאזט זיך אוים, מיינע דאמען און הערען, אז עס הויבט זיך גאר ניט אן — מע האט איהם גע־בעטען מחילה, ער זאל זיך מטריח זיין און עולה רגל זיין קיין... טרעפט, וואוהין? — אזש קיין פעטערבורג! וואס — ווייסען זיי אליין ניט! זיי האבען באקומען, זאגען זיי, נאר וואס א פאפיער פון פעטערבורג, שטעהט אין פאפיער געשריעבען: „גיעמיעד־ליענא דאסטאוויט יעווריעיא רובינא רובינשטיינא וואסאנקט פעטיערבורג“ — די ו'גע, הייסט עס, זאל מען צושטעלען דעם אידען ראובן רובינשטיין קיין פעטערבורג!... מסתמא מוז דא עפים זיין. „זיי זיך מודה, בחור, וואס פארא שפיצעל האסטו אפגעטהאן?“ שווערט זיך מסתמא דער זיידע, אז ער ווייסט נישט פון קיין פותר און פון קיין חלום, אז ער האט זיין גאנצען לעבען, זאגט ער, קיין פליעג אויף דער וואנט נישט אנגעריהרט. די גאנצע שטאט, זאגט ער,

וועט פאר איהם געהן שווערען !... הערט מען דאך איהם איז טראק און מע הייסט איהם הולך׳ן, מיט׳ן עטאפ הייסט עס, ווארום ווי באלד אז מע שמועסט לשון „דאסטאוויט“ — צושטעלען, ווי קאן זיין אנדערש. אז ניט מיט׳ן עטאפ און ניט געקאוועט אין קייטען ? און נאך „ניע־מיעדלעננא“ דערצו ! דער פשט איז, אז וואס פריהער איז בעסער.

און נישט לאנג געטראכט, מיינע דאמען און הערען, האט מען גענומען דעם זיידען, נישט געווארט אויף כבוד, נאר גלייך גע־קאוועט הענט און פיס און מיט אלע גנבים צוגלייך האט מען איהם גענומען פיהרען מיט׳ן אמת׳ען עטאפ. און וואס יענע יאהרען האט ביי פאני׳ן געהייסען „געהן מיט׳ן עטאפ“ — דאס בארארף איך אייך נישט דערצעהלען. ווער ווייס עס נישט, אז איין עדעלער מענש געהט מיט׳ן עטאפ, דערלעבט ער נישט צו קומען ? אז קיין באהנען זענען נישט געווען, קיין שאסען נישט געוועזן, איז מען געפאלען ווי די פליעגען. העכער האלב זענען אויסגעשטארבען אויפ׳ן וועג, און די איבעריגע זענען געקומען אויסגעמוטשעט, צע־בראכענע וויסטע קאליקעס. צום גליק אבער, איז מיין זיידע גע־וועזן אזא קאמפלעקציע, ווי איך, דאס הייסט, א טרוקענער, א ביי־נעריגער, נאר א איד א פונדאמענטאלער. דערצו איז ער געוועזן א מענטש א דענקענדער, א פרומער און א פילאזאף. איין מאל שטארבט א מענטש, האט ער געזאגט, ניט צוויי מאל, און אויב ס׳איז איהם באשערט, זאגט ער, נאך צו לעבען אויף דער וועלט, וועט ביי איהם קיינער דאס לעבען ניט אוועקנעמען... פאר וואס האט ער עפּיס גערעדט אזוי פון לעבען און טוידט ? ווייל מע האט ארויסגעזעהן, אז דא שמעקט מיט גנאט, מיט סיביר און אפשר מיט נאך ערגערס... ער האט ניט נאר אפגעזעגענט זיך מיט ווייב און קינדער און מיט דער גאנצער שטאדט אויף אייביג — ער האט געבעטען א „מעבר־יבוק“, געוואלט זאגען ודוי... האט מען איהם געטרייסט, די גאנצע שטאדט איז איהם געגאנגען באגלייטען (איין אמת׳ע לויה !), און טרערען זענען פארגאסען געווארען אהן א שיעור און אהן א מאס !...

איבערגעבעז איך, מיינע דאמען און העררען, אלסדינג, וואס דער זיידע איז אויסגעשטאנען אין דער דאזיגער נסיעה. וואלטען מיר באדארפט זיצען מיט אייך אט דא ניט איין נאכט, נאר דריי נעכט, איז א שאד — מע וואלט די צייט בעסער געקאנט אויסנוצען אויף שפיעלען א שאך... אין קורצען קאן איך אייך נאר זאגען, אז פארצויגען האט זיך די נסיעה אויף דעם גאנצען זומער, פון פסח ביז סוכות. ווארום דער עטאפ ווערד איינגעטיילט, מיינע העררען און דאמען, אין פונקטען, און אין יעדען פונקט, וואו דער עטאפ שטעלט זיך אפ, האט מען די געטריבענע פארהאלטען א מאל אויף א וואך, א מאל אויף צוויי וואכען, און א מאל אויף נאך מעהר, ביז עם האט זיך צענויפגעשטעלט א נייע פארטיע פון גנבים און בראדיאגעס, האט מען זיי געטריבען וויטער. און אפילו, אז מען איז שוין נאך גרויסע צרות, פלאגען און מאטערנישען געקומען אינ'ם גליקליכען סאנקט פעטערבורג, מיינט איהר, אז דא האט שוין גענומען א סוף? האט איהר א טעות! ערשט דא האט מען גענומען דעם זיידען און איינגעשפארט אין „קאמענע מעשאק" — א מין חדר'על א פינס־טערס, וואו מע קאן ניט זיצען, ניט ליגען, ניט געהן און ניט שטעהן...

— דארט דארף זיין גוט צו שפיעלען אין שאך — האט ארייג־געשטעלט דער יונגערמאן דער וויצלינג.

— און זאגען פוילע וויצען! — האט רובינשטיין דער שאכמא־טיסט צוגעגעבען און גענומען דערצעהלען וויטער: — דא, אין דעם „קאמענע מעשאק", האט זיך דער זיידע שוין מיט איין אמת אפ־געזעגענט מיט'ן לעבען, אויסוועניג געזאגט ודוי, געזעהן פאר זיך דעם מלאך־המות און געפיהלט, אז אט־אט געהט איהם אוים די נשמה, נאך איידער מע וועט איהם נעמען צום משפט. און ער האט, דעם אמת זאגענדיג, געבעטען אויף זיך דעם טוידט. איין שטיקעל האפענונג האט ער נאך געהאט אויף דער שטאדט. ער איז געווען זיכער, אז די שטאדט שווייגט ניט. עס וועלען זיך געפינען שתדלנים, אידען גבירים, וואס וועלען כלאפאטשען, זוכען פראטעק־

ציעס, און אַז מע וועט דאַרפֿען שמירען, וועט מען שמירען. בכדי
אַרויסצושלעפען איין אומשולדיגען אידען פון איין אומגליק. אַ
בלבול... און דער זיידע האָט קיין טעות ניט געהאַט, מיינע העררען
און דאַמען. פֿונ׳ם ערשטען טאָג אַן, וואָס מע האָט איהם אוועק־
גענומען, און דעם גאַנצען זומער נאָכדעם האָט די גאַנצע שטאָדט
געאַרבייט מעשים! מען איז געווען ביי אַדוואָקאַטען, מע האָט גע־
זוכט פראָטעקציעס, מע האָט געשמירט — ממש מע האָט געשאָטען
מיט געלט; עם האָט אָבער נישט געהאָלפען קיין שמע־ישראל.
געלט האָט מען גענומען, נאָר צוזאָגען עפּים טהון פאַר׳ן זיי־
דען איז געווען אונמעגליך, און זיי האָבען געגעבען צו פֿאַרשטעהן
מיט אַ שכל, פֿאַר וואָס ס׳איז אונמעגליך. למשל, אַזוי: אַ גנב אָדער
איין אנדער פֿאַרברעכער קאָן מען מיט געלט גרינג אַרויסנעמען. פֿאַר
וואָס? דערפֿאַר ווייל מע ווייסט, אַז ער איז אַ גנב, וואָס האָט גע־
גנבה׳ט אַ פּאָר פֿערדלעך, אָדער אַ פֿאַרברעכער, וואָס האָט אונטער־
געצונדען אַ שטוב. אָבער אַזאַ נפש, ווי רובינשטיין, האָבען זיי גע־
זאָגט, וואָס גע׳גנבה׳ט האָט ער נישט, און אונטערגעצונדען, זאָגען
זיי, אויך ניט, — ווער ווייס וואָס פֿאַר אַ פֿאַרברעכער ער איז? אפשר
אַ פּאָליטישעסקי — דאָס הייסט, אַ פּאָליטישער?... און יענע יאָה־
רען אַ „פּאָליטישער" איז געווען אַ סך ערגער, ווי אַ פֿאַרברעכער,
וואָס האָט אויסגעקוילעט אַ גאַנצע גובערניע!... געהן בעטען פֿאַר אַ
פּאָליטישען איז שוין געווען אַ סכנה!... דאָס וואָרט „פּ אָ ל י ט י־
ט ש ע ס ק י" האָט מען נישט געטאָרט אַרויסלאָזען אין דער הויך,
נאָר שטילערהייד, אין דער פֿינסטער... חאָטש אפילו, ווי קומט
ראובן רובינשטיין דער זייגערמאַכער צו אַ „פּאָליטישעסקי"?
נאָר אַ קשיא אויף אַ מעשה — אַ איד אַ חקרן, אַ פֿילאָזאָף!...
נאָר, מיינע העררען און דאַמען, ווי געזאָגט, אַלסדינג אויף
דער וועלט האָט אַ סוף. געקומען אויך דער טאָג, וואָס די טהירען
פון דעם געפֿענגעניש האָבען זיך געעפֿענט, און צוויי זשאַנדאַרען,
אָנגעוואָפֿענט פון קאָפּ ביז פֿים, זענען אַריינגעקומען און גענומען
דעם זיידען, קוים־קוים אַ לעבעדיגען, אַריינגעזעצט איהם אין אַ

קאַרעטע און פּאשאַל. וואוהין? — דאָס פרעגט ער שוין גאָר ניט. צום משפּט? לאָז זיין צום משפּט. אויפ'ן עשאַפּאַט? לאָז זיין אויפ'ן עשאַפּאַט. אַבי איין עק זאָל עם האָבען!... און ער שטעלט זיך שוין פאַר דעם משפּט, ווי אַזוי מע האָט איהם געבראַכט פאַר'ן „סענאַט" און מע זאָגט איהם: „ראובן רובינשטיין! זיי זיך מודה!... ענטפערט ער דעם סענאַט: „איך בין זיך מודה, אַז איך בין אַ איד, און איין אָרעמער זייגערמאַכער, און לעב נאָר פון מיינע הענט, און איך האָב קיין מאָל ניט גע'גנבה'ט, קיינעם נישט באַשווינדעלט און ניט באַלעדיגט, און גאָט איז מיין עדות, און אויב איהר ווילט מיך פּייניגען, פּייניגט, נאָר פריהער נעמט צו ביי מיר די נשמה — זי איז ביי אייך אין די הענט!"... אַזוי טענה'ט זיך אוים דער זיידע מיט'ן סענאַט אין דער מחשבה, און די קאַרעטע פאָהרט־צו צו עפּים אַ מויער און מע הייסט דעם זיידען אַראָפּ — געהט ער אַראָפּ. און מע פיהרט איהם אַריין פריהער אין איין חדר, דערנאָך אין נאָך אַ חדר, און מע הייסט איהם זיך אויסטהון. אויסטהון אין גאַנצען ביז צום העמד! פאַרשטעהט ער ניט, וואָס דאָס בעדייט. נאָר אַז אַ זשאַנדאַר הייסט זיך אויסטהון, קאָן מען, ווי זאָגט איהר, קיין חזיר ניט זיין... דערנאָך הייסט מען איהם אויסטהון, מיינע דאַמען און הערען, זייט מיר הונדערט מאָל מוחל, דאָס העמד אויך — טהוט ער אוים דאָס העמד אויך. און מע פיהרט איהם אַריין אין אַ באַד אַריין. — אַבער אַ באַד, שוין איין מאָל אַ באַד! — און מע וואַשט איהם, און מע רייבט איהם, און מע שווענקט איהם, און מע טהוט איהם אָן און מע פאָהרט מיט איהם ווייטער. און מע פאָהרט און מע פאָהרט... טראַכט ער זיך: „רבונו של עולם! וואָס וועט דאָ זיין מיט מיר?"... און ער וויל זיך דערמאָנען אין די געשיכטעס, וואָס ער האָט אַמאָל וועגען געלייענט פון שפּאַניען און פון פּאָרטוגאַל, און קאָן זיך ניט דערמאָנען וואו האָט ער עס געלייענט אַזאַ פאַל, אַז איידער מע פיהרט אַ פאַרברעכער אויפ'ן עשאַפּאַט, פיהרט מען איהם פריהער אין באַד אַריין... און ווי ער טראַכט אַזוי, מיינע הערען און דאַמען,

פאהרט די קארעטע צו צו א הויף מיט אייזערנע שטאכעטען מיט גאלדענע שפיצען, און אויף יעדען שפיץ איין אדלער, און מע לאזט איהם דורך פארביי גענעראלען מיט גאלדענע עפאלעטען און מיט מעדאליען, און מע זאגט איהם אז, ער זאל זיך ניט שרעקען, אז מע וועט איהם פארשטעלען פאר׳ן קייסער, און אז ער זאל קוקען גלייך, ניט רעדען קיין איבעריגע ווערטער, ניט באקלאגען זיך אויף קיין זאך, און נאר ענטפערען אויף יא — יא און אויף ניין — ניין. און איידער ער האט צייט געהאט א טראכט געבען וואו ער איז איז דער וועלט, איז ער שוין געשטאנען אין א צעמאהלטען זאל מיט פרעכטיגע בילדער און גאלדענע שטוהלען, און גלייך אקעגען איהם איז געשטאנען א הויכער מאן מיט באקענבארדען... דער מאן מיט די באקענבארדען (דאס איז געווען דער קייסער ניקאלאי פערווע) האט דעם זיידען דורכגענומען מיט׳ן קוק, און צווישען זיי איז פארגעקומען אט־וואס פאר א געשפרעך:

דער קייסער: ווי אזוי רופט מען דיך?

דער זיידע רובינשטיין: ראובן שאלימאוו רובינשטיין.

דער קייסער: ווי אלט ביזט דו?

דער זיידע רובינשטיין: זיבען און פופציג.

דער קייסער: וואו האסטו זיך אויסגעלערענט שפיעלען אין שאך?

דער זיידע רובינשטיין: עס געהט ביי אונז בירושה.

דער קייסער: מע זאגט, אז דו ביזט דער ערשטער שאכמאטיסט ביי מיר אין לאנד.

דערויף האט דער זיידע רובינשטיין געוואלט איהם ענטפערען: „הלואי וואלט איך בעסער ניט געווען דער ערשטער שאכמאטיסט ביי דיר אין לאנד“... וואלט דאך איהם דער קייסער מסתמא געפרעגט: „וואס איז די מעשה?“... וואלט איהם שוין דער זיידע אוועקגעלעגט א צעטעל, אז ניט אזוי באהאנדעלט מען א באריהמ־

טען שאַכמאַטיסט, וואָס דער קייסער וויל איהם זעהען... דער זיידע רובינשטיין וואָלט שוין געקאָנט ענטפערען! נאָר דאָ האָט דער קייסער אַ מאַך געגעבען מיט דער האַנט, גענעראַלען האָבען זיך אַ וואָרף געגעבען, און די זעלבע זשאַנדאַרען האָבען דעם זיידען אַרויסגעפיהרט אין הויף אַריין, און פון הויף האָט מען איהם שוין געלאָזט פריי, נאָר אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל די רגע פאָהרען אַ היים, וואָרום דאָ טאָר ער ניט זיין... ווי אַזוי ער איז אַהיים געקומען — דאָס פרעגט ניט. אַבי ער איז אַרויס אַ לעבעדיגער. און געקומען אַ היים איז ער אַקוראַט אויף סוכות. מיינע דאַמען און הערען! איך האָב געענדיגט...

---

## שמואל שמעלקים
## און זיין יובילעאום

בעשריבען אין יאָהר 1908

# שמואל שמעלקים און זיין יובילעאום

אלע מיינע ליעבע קליינע מענשעלעך
פון כתרילעווקע ווידמע איך דאָס
דאָזיגע קליינע ביכעלע.
דער פערפאַסער.

## התנצלות פונ׳ם מחבר.

נישטאַ אויף דער וועלט אַזאַ שלעכטס, וואָס זאָל ניט אַרויס־קומען אַמאָל דערפון קיין טובה. זעהט: האָט גאָט בעשאַפען פּיאַווקעס, וואָס נודען אַרויס די נשמה — נוצט מען זיי צו אַ חולה. ביענען, וואָס בייסען זיך — ברענגען האָניג. שפּאַנישע פליעגען, וואָס פער׳אַויר׳ען די וועלט — זענען גוט צו אַ געשוויר. אַדער נעמט מייז. דאַכט זיך, וואָס קאָן שוין זיין ערגער פון אַזאַ מין שרץ, ווי מייז? פון דעסטוועגען, לאָמיר דאָס, ליעבער פריינד, ביידע פערמאָגען, וואָס די וועלט ברענגט־אויס אַ יאָהר אויף מייזענפעלכלעך! פון די מייזענפעלכלעך מאַכט מען הענטשקעלעך. די הענטשקעלעך טהוען אָן שענע מיידלעך אויף זייערע קליינע הענטעלעך. די שענע מיידלעך קומען זיך צענויף אויף אַ באַל, אַ חתונה אַדער אַזוי אַ שמחה. אויף זיי פערקוקען זיך פיינע בחורים. די פיינע בחורים פערליעבען זיך, שטעלען אַ חופּה, האָבען קינדער. די קינדער וואַכסען אויס, ווערען גרויסע בחורים און שענע מיידלעך. און אַזוי ווייטער און ווייטער...

אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? טאַקי אַקעגען מיר אַליין מיט מיין שלאַפקייט. געווען, ניט פאַר אייך געדאַכט, מע קאָן זאָגען, אַ חולה מסוכן. זיך אָפּגעוואַלגערט אין בעט, ערגיץ

אין אַ שטעדטעל ניט ווייט פון כתרילעווקע, אין באַראַנאָוויטש, גוטע צוויי חדשים. מילא, קראַנק זיין איז שלעכט, וואָס זאָלט איהר קלערען? איך האָב געהאַט אַ רבי'ן, האָט ער געהאַט אַ רביצין, פלעגט זי זאָגען אַזוי: איידער איין וואָך אין קרענק, איז שוין גלייכער צוויי יאָהר אין געזונט... (אַ מאָדנע אידינע מיט מאָדנע געדאַנקען!) מיר האָט אָבער דאָס קראַנק־זיין אַליין ניט אַזוי דער־לאַנגט, ווי דאָס, וואָס די דאָקטוירים האָבען מיר שטרענג פערבאָ־טען דריי זאַכען: רעדען, לעזען און שרייבען. גוטע דריי זאַכען! ווער סע פערשטעהט דעם טעם, וואָס הייסט פאַר אַ שכור ניט טרינקען, פאַר אַ ליגנער ניט רעדען און פאַר אַ פרוי ניט אַ קוק טהון אין שפיגעל. — דער וועט ריכטיג אָפּשאַצען מיין לאַגע. דער פאַפּיערענער יצר־הרע און דער שטן פון טינט און פע־דער האָבען געאַרבייט מעשים. זיי האָבען אָבער אויסגעפיהרט אַ מכה. צופיעל אויגען האָבען געקוקט אויפ'ן קראַנקען. האָט זיך דער קראַנקער מיישב געווען און געזאָגט צו זיך אַזוי: שרייבען קאָנסט איהר מיר פערבאָטען, אָבער דענקען? טראַכטען? קלערען? ווער קאָן מיר פערוועהרען?

און איך האָב גענומען דענקען, טראַכטען און קלערען און שאַ־פען סיוזשעטען אין דער מחשבה. פון די מחשבות האָבען ביס־לעכווייז אָנגעהויבען זיך וועבען בילדער, פריהער בלאָס און נאָכ־דעם אַלץ מעהר אָנזיכטיג און בולט'דיג. און אַזוי זענען בעשאַפען געוואָרען ביי מיר אין געדאַנק אַ גאַנץ בינטעל מעשיות פון כתרי־לעווקע, פון מאַזעפּעווקע, פון סטרישטש און פון אַנדערע מקומות, — „גדיע יעוורעיאַם זשיט דאָזוואָליענאַ“... די אַלע מעשיות האָב איך מיר גאַנץ פיין איינגעפּאַקט ביי מיר אין זכרון און אַריבערגעפּע־קעלט זיך מיט זיי איבער דער גרעניץ אַהער, אין דעם געטליכען וואַרעמען לאַנד איטאַליע, וואו מע קאָן אין מיטען ווינטער פריי שפּאַצירען אין הוילע ארבע־כנפות און חנוכה־ליכטלעך בענטשען ביי אָפענע פענסטער, און דאָ וועל איך זיי שוין, אם ירצה השם, זיים זיכער, בעאַרבייטען און געבען איינציגווייז פאַר מיינע

לעזער, וואס האבען געהאט געדולד מיך צו לייענען פינף און צוואַנ־
ציג יאהר דורכאיינאנד...

זעהט מען דען ניט אַרויס דערפון בעשיינפערליך, אַז מיר האָ־
בען אַ גרויסען גאָט, וואס מיט איין האַנד שטראַפט ער, מיט דער
אַנדערער היילט ער? איי, די קשיא: צו וואס טויג עס מיר?
אמעהר, שטראָף מיך ניט און הייל מיך ניט! דאס איז קיין קשיא
נים. קשיות פרעגט אַ נאַר. איך האָב נור געוואָלט דערמיט אויס־
ברענגען, אַז אַ מאָל קאָן מען פונ׳ם גרעסטען אומגליק אויך האָבען
אַ שטיקעל נוצען.

נאָך אזא מין התנצלות וועט דער גוטער לעזער געווים קיין
טענה ניט האָבען צום פערפאַסער, טאָמער זענען די בילדער אַרויס
אַ מאָל בלאַס, אַ מאָל צו קורץ און אַ מאָל טאַקי פשוט שוואַכליך.

מעהר האָב איך מיר דיר אַצינד גאָר ניט וואס צו רעדען.
איך ווינש דיר, לעזער, אַ גוטען אַפּעטיט צום לעזען, און מיר גע־
זונד און כח צו שרייבען ווייטער, חאָטש נאָך אַ יאָהר פינף־און־
צוואַנציג, אויב נישט מעהר. וואָרום אויב ס׳איז אמת, וואס די
דאָקטוירים זאָגען, אַז איך בין קראַנק און דאַרף מיך קורירען, קעהר
זיך דאס אַז נור מיט׳ן זינדיגען גוף, אָבער נישט מיט דער כשר׳ער
נשמה. מעגסט מיר דערויבער גלויבען אויף נאמנות, אַז איך וויל
ערשט אַנהויבען צו שרייבען און צו שרייבען...

**ש ל ו ם - ע ל י כ ם.**

נערווי (איטאַליע), 25־טען אָקט. 1908.

## קאפיטל א.

## חנה. מע האט מיך אפגעדרוקט!

וויפיל די נאכ׳פסח׳יגע זון האט ניט געווארעמט און וויפיל דער ווינט האט ניט געבלאזן — עס איז זיי ביידען ניט געראטען מאכען א טאלק מיט דער כתרילעווקער בלאטע. עס האט זיך אויס־געוויזען, אז זי לאכט פון זייער באבע:

— אומזיסט אייער טרחה, אייער ווארעמען, וואס איהר וואר־רעמט, מיט אייער בלאזען, וואס איהר בלאזט. אויב איך וועל אייך אויסטריקענען, וועל איך אייך אויסטריקענען אפשר הלואי ארום תמוז, אין די גרויסע היצען, דעמאלט, ווען א הונט פאכט מיט דער נשמה און א קאץ זוכט א קיהל ווינקעלע אויף׳ן בוידעם...

אזוי האט זיך געוויצעלט די כתרילעווקער בלאטע (אין כתרי־לעווקע וויצלען זיך אלע, אפילו די בלאטע), און די כתרילעווצעס האבען פערקאטשעט די פאלעס, זיך געקליגט, געזוכט מיטלען אנוף אויסצוטרעטען א סטעזשקעלע, אוועקגעלעגט א שייטהאלץ אדער א צוויי ציגעל און געשפרונגען, ווי די מזיקים, אפטמאל אריינגע־שפרונגען מיט א פוס אין א קאליעזשע, פערשפריצט דאס פנים אי זיך, אי יענעם, און גענומען שעלטען, מע ווייסט ניט וועמען, מיט טוידטע קללות:

— א חלירע זאל קומען אויף דיין טאטענס קדיש מיט דריי מיתה־משונה׳ס ביז די זון וועט אונטערגעהן!

איינער פון די חכמים, וואס האבען זיך גע׳בריה׳ט איינ־מאל אין א נאכ׳פסח׳יגען פריהמארגען ארויסצוגעהן טרוקען פון דער כתרילעווקער בלאטע, איז געווען דער העלד פון אונזער ער־צעהלונג, שמואל שמעלקים. בכדי איהר זאלט ווערען מיט איהם גיך בעקאנט, שטעל איך אייך איהם פאר אין קורצע דבורים.

שמואל שמעלקים איז א יונגערמאן א משכיל, א טאטענס א קינד, רבי יאסי דעם נגיד׳ס איידעם. אין יענער צייט איז ער נאך גע־זעסען אויף קעסט, געזעסען און געלערענט און געלייענט ביכלעך

און געשריבען אין די בלעטער. וואס, אייגענטליך, איז געווען דאס שרייבען, איז שווער צו זאגען, ווארום אין יענער צייט האבען איהם די בלעטער נאך ניט געהאט געדרוקט. צי דאס איז געווען מחמת שלעכטיגקייט, צי איבער איין אנדער זאך. נאר די בלעטער האבען געהאלטען אין איין שטילשוויגעניש, און דער נאמען שמואל שמעלקים איז נישט געווען דערמאנט אפילו אין בריעפקאסטען. ביז דער אויבערשטער האט זיך מרחם געווען אויף איהם איין מאל אין א שענעם פריהמארגען, — טאקי אט יענעם פריהמארגען, וואס ווערד דא בעשריבען — און דער נאמען שמואל שמעלקים איז געווען שווארץ אויף ווייס אפגעדרוקט אויפ'ן בלאט מיט גרויסע, ליכטיגע, פיערעקעכיגע אותיות. געהענדיג אהיים צוריק פון דער פאסט מיט'ן בלאט אין דער האנד, האט אונזער העלד געשפרייזט איבער דער בלאטע, געשפרונגען פון איין סטעזשקע אויף דער אנדערער, בעוויזען קונצען, אז מע קאן טהון צוויי מלאכות: לייענען א בלאט און זוכען א וועג אין דער כתרילעווקער בלאטע. פון אזעלכע קונצען האט ער ארייננעטיאפקעט ניט אין איין קאליעזשע, זיך פערשפריצט און אויסגעשמירט ווי א רוח. דאס אלץ איז אבער געווען גארנישט אקעגען דעם, וואס ער האט געהאלטען ביי זיך אין האנד, און עס האט איהם געטראגען ווי אויף פליגלען אהיים צו בעווייזען זיין ווייב חנה'ן, אז ער, שמואל שמעלקים, שטעהט אפגעדרוקט אויפ'ן בלאט. אויסגעשמירט ווי א שד, דאס היטעל פעררוקט, די פאלעס צעלאזט און שטארק פערשוויצט, איז אונזער העלד אריינגעפאלען מיט איין אימפעט צו זיך אין שטוב ארײן:

— חנה, וואו ביזט דו?

חנה איז דעמאלט געווען נאך גאר א יונג ווייבעל, סך־הכל מיט איין קינד אויף די הענד און מיט'ן אנדערען אויף דער צייט. דערזעהען דעם מאן אזא פערשמירטען, אזא פערשוויצטען און אזא צעטראגענעם, האט זי זיך געגעבען א לאז צו איהם און א פרענ געטהאן:

— גאט איז מיט דיר, שמואל?

— חנה, מע האָט מיך אָפּגעדרוקט, חנה!

חנה האָט זיך שטאַרק דערשראָקען. אין איין אויגענבליק האָט זי אָוועקגעזעצט דאָס קינד, געחאַפּט אַ גלאָז וואַסער און צוגעלאָפן צום מאַן:

— אַ דונער איז מיר! וואָו האָט מען דיך אָפּגעבריהט, וואָו?

— נישט אָפּגעבריהט, נאָר אָפּגעדרוקט, אַט־אָ־דאָ־אָ.

אַזוי האָט איהר שמואל געענטפערט מיט אַ גליקליכען שמייכעל, אונטערגעטראָגען איהר דאָס בלאַט און מיט שיינענדיגע אויגען אַ וויַיז געטהאָן אויף דעם אָרט, פון וואַנען עס האָט אַרויסגעשיינט, ווי גין־גאָלדענע שטערען, מיט גרויסע לויטערע פּיערעקעכיגע אותיות: „שמואל שמעלקים“!

יענעם טאָג איז נישט געווען, דאַכט זיך, אויף דער גאַנצער וועלט, פון כתרילעווקע ביז אויף יענער זייט אַמעריקאַ, נאָך איינער אַזאַ גליקליכער, ווי שמואל שמעלקים. נישט געקוקט אויף דער בלאַטע, נישט געהערט חנה׳ס פּראָטעסט: „וואוהין וועסט דו געהן אין אַזאַ טוואָן?“ — האָט אונזער העלד זיך אָוועקגעלאָזט מיט׳ן בלאַט איבער דער שטאָדט, אָפּגעשטעלט כמעט יעדען בעזונדער, דערצעהלט, אַז דאָס געהט ער פון דער פּאָסט, נאָר־וואָס בעקומען דאָס בלאַט — „אַטאַ, זעהט איהר?“...

מיט די ווערטער טראָגט ער אונטער יעדען גלייך אונטער דער נאָז דאָס בלאַט מיט די גרויסע לויטערע פּיערעקעכיגע אותיות: „שמואל שמעלקים“. די כתרילעווצעס האָבען, ווי עס שיינט, ניט רעכט פערשטאַנען שמואל שמעלקים׳ גדולה. זיי האָבען געמיינט, אַז דאָרט שטעקט עפּיס אַ נייעס, אַ מלחמה, אַ שרפה, אַ מגפה, אָדער אַזוי עפּיס אַ נייע גזירה אויף אידען. און האָטש מע האָט קיין צייט ניט, מען איז פערטאַרעראַמט מיט דאגות־פּרנסה, נאָר האָרכען נייעס — מהכתיתי, מיט׳ן גרעסטען כבוד!

— אנו, לייען אומיסטנע, וואָס שרייבט מען דאָרטען ביי דיר אין בלאַט?

— אַט דאָ אין מיטען דער בלאַטע זאָל איך אייך לייענען?

— וואס זשע האסט דו אונז באדארפט אפשטעלען?

— איך האב איך נאר געוואלט ווייזען, אז... אז מע האט מיך אפגעדרוקט! אפגעדרוקט!...

אזוי ענטפערט זיי אונזער גליקליכער העלד מיט א שיינענדיג פנים און טיאפקעט ווייטער. און די כתרילעווצעס קוקען זיך איבער, קנייטשען מיט די פלייצעס און ווייצלען זיך, ווי דער שטייגער איז:

— אלע בייזע וויסטע חלומות!

— מע האט איהם אפגעדריקט!

— מע האט איהם צוגעדריקט!

— מע האט איהם איינגעפרעסט!

— איינגעזאלצען!

— איינגעזייערט!

— פארמארענירט!

— חא־חא־חא!

* * *

עס איז שוין געווען טיעף אין דער נאכט. און שמואל שמעלקים איז נאך אלץ געלעגען ביי זיך אויפ'ן געלעגער מיט אפענע אויגען. ער האט זיך געפיהלט, ווי א העלד, ווי א מענש, וואס האט אפגעטהאן עפיס א גרויסע, א וויכטיגע זאך, וואס האט איהם ווי אפגעטיילט פון אלע זיינע בעקאנטע אין כתרילעווקע, אויפגעהויבען איהם הויך, העכער מיט א קאפ פון אלע כתרילעווקער. א קלייניגקייט — ער, שמואל שמעלקים, שטעהט אפגעדרוקט אויפ'ן בלאט, און זיי גים!... און ער קוקט אויף זיי פון אויבען אראפ, מיט רחמנות. ער שטעלט זיך פאר, אז אט שטעהט ער אויף א הויכען בארג, און אונטען, אונטער'ן בארג, שטעהט גאנץ כתרילעווקע און האר'כט זיך איין, ווי ער דרש'עט זיי, ווי ער פרעדיגט זיי הויכע שענע געדאנקען פון מענשליכקייט, פון געטליכקייט און פון אייביגקייט, און וואס ווייטער וואכסט ער אלץ העכער און העכער, און מלאכים לאזען זיך אראפ צו איהם פונ'ם הימעל, חאפען איהם אויף אויף

זייערע ברייטע פליעגלען און טראגען איהם אוועק ווייט־ווייט פון כתרילעווקע, און... ער ווערד אנשלאפען.

---

קאפיטעל ב.

## ער שרייבט אויף די גאזעטען, און כתרי־לעווקע חכמה'ט זיך.

ליעבער פריינד! דאס, וואס איך האב דיר דא דערצעהלט אין קאפיטעל א, האב איך דיר דערצעהלט א מעשה, וואס האט זיך געטראפען מיט פינף און צוואנציג יאהר צוריק. איבערלעבען פינף און צוואנציג יאהר אין אידישקייט אין כתרילעווקע איז נישט קיין פינף און צוואנציג שלום־עליכם'ס אפשטעקען, און נישט קיין פינף און צוואנציג אייער־בייגעל אויפעסען, און אפילו נישט קיין פינף און צוואנציג פייגעלעך אויסשיסען... ניט אומזיסט האט זיך אונ־בעמערקט אריינגע'גנבה'ט צו אונזער העלד אין בערדעל אריין א היבש ביסעל זילבער און אויף זיין ברייטען ווייסען שטערן האבען זיך אויסגעלעגט טיעפע קנייטשען — גאר ניט דער שמואל שמעלקים, וואס אמאל.

אמאל איז דאס געווען א יונגערמאן א צאצקע, פון די, וואס מע קויפט זיי אין כתרילעווקע פאר געלד. מע זוכט זיי מיט ליכט און מע דינגט זיך פאר זיי מיט'ן שדכן, ווי מע דינגט זיך פאר איין אכס, און אז מע דינגט זיך אוים, גיט מען זיי אוועק א שענע, איין עהרליכע אידישע טאכטער, מיט היבשע עטליכע קערבלעך נדן, מיט עטליכע יאהר קעסט, און מע האלט זיי, ווי א ציערונג אין שטוב, ווי איין אבן־טוב, ווי א שיינדעלע אין דער משפחה, גוטע פריינד זאלען אנקוועלען און שונאים זאלען צעפיקעט ווערען. דעם ערשטען שבת נאך דער חתונה פיהרט מען דעם געקויפטען איידעם מיט פאר־ראד אין שוהל אריין, די נייע בגדים אויף איהם קנאקען, די שטי־ווערעך סקריפען. דער שוועהר בעזעצט איהם אויבען־אן אין מזרח זייט, מיט'ן פנים צום עולם. פיינע בחורים מיט אויסגעגלעטע פאות

און קליינע חדר־יונגלעך מיט אונטערגענעצטע נעזלעך שטעלען זיך אוים אקעגען איהם און בעטראכטען איהם מיט גרוים נייגעריג־קייט, ווי א עלעפאנט, און אז מע רופט איהם אויף צו דער תורה און ער קלינגט דעם מפטיר, ווי א גלאק, זינגט די ברכות, ווי א סא־לאוויי, דעמאלט — אהא! — קוקען ארוים פון אויבען, פון דער ווייבערשער שוהל, ווייבערשע געז מיט ווייבערשע אויגען. אויף די נעז זעה איך אנגעצייכענט קנאה, און אין זייערע אויגען לייען איך:

— האט ער עס איינגעהאנדעלט א מציאה, רב יאסי דער נגיד, פארשטעהרט זאל עס איהם נאר ווערען, רבונו של עולם!...

פאר קלאר קאן איך אייך ניט זאגען: צי ס'איז מקוים גע־ווארען די ווייבערשע ברכה, צי איבער איין אנדער זאך, נאר דער שלום־בית ביי רב יאסי דעם נגיד איז שטוב איז גיך פערשטעהרט געווארען. רב יאסי דער נגיד האט זיך ארומגעקוקט, אז די מציאה, וואס ער האט איינגעהאנדעלט, איז גאר ניט אזא מציאה. דאס הייסט, אזוי אפילו, אויבען־אויף, וואס קאן ער האבען צו זאגען אויף זיין איידעם? מהכתיתי, א יונגער מאן א געראטענער; נישט מעהר אט דאס, וואס ער גיט זיך אפ מיט די נארישקייטען, „שרייבט אויף די גאזעטען“ גאר, עפים מעשה קבצן... און דער שוועהר האט זיך אנגעבלאזען אויף דער שוויגער, און די שוויגער האט געפייערט אויף דער טאכטער, און די טאכטער האט בעהאלטען דאס פנים אין קישען און שטילערהייד געוויינט...

און די שטאדט? וואס זאלט איהר קלערען? כתרילעווקע איז, ברוך־השם, איין ערטעל פון סאמע חכמים, קלוגע קעפ, פראקטישע מענשען. זיי האבען ניט אנדערש געקוקט אויף דעם נגיד'ס איידעם, ווי אויף א קאליקע, א בעל־מום, א מענש מיט א „געבארע־נעם חסרון, ניט דא געדאכט“...

אודאי ווען שמואל שמעלקים זאל ניט זיין רב יאסי דעם נגיד'ס איידעם, וואלט איהם דאס שרייבען אויף די גאזעטען אפ־געלאפען ניט אזוי גלאט. נאר וויל ער איז רב יאסי דעם נגיד'ס איידעם, האט דער עולם געוויצעלט זיך איבער איהם הינטער די

אויגעז, געוויינליך, און עס זענען געפלויגען שארפע, שפיציגע ווערטלעך:

— א מענטש האט זיך אריינגענומען א משוגעת אין קאפ!
— ניט דא געדאכט!
— ניט אקעגען נאכט דערמאנענדיג!
— נעבאך א ביסעל ניט דערשפיצט. וואס איז ער שולדיג?
— נישט קיין ביסעל, נאר א סך.
— בלשון אשכנז ווערד עס אנגערופען, אפנים, לעקישעוואטע?
— ווי אזוי זשע וועט עס הייסען אויף אונזער לשון?
— שוטה בן פיקהאליץ.
— אדער לאמטערענשיסער בן פדהצור.
— און אפשר גאר שמינדער בגעץ?...

## קאפיטעל ג.

### שמואל שמעלקים ווערד א כתרילעק.

נאר דאס, וואס אין כתרילעווקע קאן זיך ערלויבען איין אידעם אויף קעסט, איז ניט ערלויבט א יונגען מאן, וואס איז שוין א בעל־הבית אליין פאר זיך. רב יאסי דער נגיד, זאל זיין א מליץ־יושר, איז שוין לאנג אויף דער אמת'ער וועלט. זיין ווייב, זאל זיך מיהען, האט זיך פערבענקט נאכ'ן מאן און איז אויך אוועק אהין, פון וואנען קיינער איז נאך צוריק נישט געקומען, און אונזער העלד, שמואל שמעלקים, איז אריינגעטראטען אין דער וועלט אריין, געווארען א סוחר, איבערגענומען דעם שוועהר'ס קראם אין כתרילעווקע, א קראם פון שניט און פון באקאליי און פון צעלניק און פון פויגעל־מילך, און די דירה האט ער גע'ירש'עט פונ'ם שוועהר, די גרעסטע דירה אין כתרילעווקע. דאס איז אזא מין דירה, וואס ס'איז כדאי, זי זאל ווערען בעשריבען. שטעהן שטעהט זי, די דירה הייסט עס, אין מיטען מארק. סאמע אין דער רעכטער בלאטע. קיין הויף האט

זי ניט, און דאָס, וואָס געפינט זיך אין אַ הויף, האָט זי אויך ניט...
דערפאַר איז זי כמעט העכער האַלב געדעקט מיט אייזנס. און די אַנדערע האַלב מיט שערבלעך. אַזוי, אַז זי האָפּט דעם אַפּבליק פון אַ מענטשן, וואָס מע האָט איהם אַנגעטהאָן אַ היטעל, געשטוקעוועט פון צווייערליי מאַטעריעס. היינט האָט זי, די דירה הייסט עס, צוויי גאַנקעס, איינעם פון פאָרענט און איינעם פון הינטען; דאָס הייסט, עס ווענדט זיך, ווי אַזוי איהר קוקט. קוקט איהר פון דער זייט, איז דאָ דער פון־פאָרענט און דאָרט דער פון־הינטען. קוקט איהר פון יענער זייט, איז דאָרט דער פון־פאָרענט און דאָ דער פון־הינטען.

אויף קיין זאַך האָבען די כתרילעווצעס ניט אַזוי מקנא געווען רב יאָסי דעם נגיד'ס יורש, ווי אויף דער דירה מיט די צוויי גאַנקעס.

— באַשערט אַ מענטשען אַזאַ גוטס!

— עס וועט ביי איהם האָבען אַ קיום, ביי דעם לאַמטערענ־שיסער!

— פון אסתר־תענית ביז פורים.

— די'ן אַ סוחר!

— שמעיה בעל־פּרנסה!

— איציקעל בעל־תכלית!

— און דער קאָפּ איז איהם גאָר ווייס איך וואו!

— אין יעהופּעץ אויפ'ן יאַריד.

— ערגיץ אין די בלעטער דאָרטען...

אַזוי האָט זיך דער עולם געוויצעלט, געשלייפט די צינגלעך און ביסלעכווייז גענומען דעם נגיד'ס יורש צו דער אַרבייט, און דוקא מיט גוטען, מיט אַ חניפה'לע, אַ טובה'לע, אַ גמילות־חסד'על, אַ געשעפטעל, אַ הלואה'לע — מהכתיתי, פאַר וואָס ניט? אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז שמואל שמעלקים האָט אַנגעוואָרען די גאַנצע ירושה און איז געוואָרען, אויף דער כתרילעווקער שפּראַך, „נקי“, ריין ווי אַ טעלער, אַ כתרילעק גלייך מיט אַלע כתרילעווקער...

„משלנו" — הייסט דאָס דאַרטען, און מיט אַ פּאַטש אין פּלייצע זאָגט מען איהם: „אחינו אתה". און ווי באַלד „משלנו" און מיט אַ פּאַטש אין פּלייצע „אחינו אתה" — איז שוין דעמאָלט אַז אַך און וועה! . . .

גע'פּטר'ט די קראָם מיט'ן ביסעל געלד, האָט זיך אונזער שמואל שמעלקים בעקענט מיט'ן כתרילעווקער דלות און מיט אַלע זיינע תרי"ג בעהעלפערס. נישט מיט אַ מאָל, געוועהנליך, נאָר פּאַוואָלינקע, ביסלעכווייז האָט ער זיך געקאָטשעט באַרג אַראָפּ, ביז ער איז געקומען צו דער מדרגה פון אַנקומען צום גביר פון שטאָדט רב נתן קורח, פּערזעצען ביי איהם די דירה מיט די צוויי גאַנקעס, זיין לעצטען מאַיאָנטעק. יענער טאָג איז געווען, קאָן מען זאָגען, תשעה-באב ביי שמואל שמעלקים אין שטוב. ווי אַ שאָטען האָט ער אַרומגעשפּאַנט פון איין ווינקעל צום אַנדערען. די קינדער האָבען זיך בעהאַלטען. שטילערהייד האָט חנה געשלונגען די טרער־רען, און דערזעהען דעם מאַן, ווי ער איז פּער'חושכ'ט, האָט זי גע־מאַכט אַ פריילייך פּנים און איהם אויסגערעדט דאָס הארץ:

— דו ביזט נישט דער איינציגער. גאַנץ כתרילעווקע ליגט פאַר'משכונ'ט ביי אָט דעם בלוט-זויגער.

און אַז דער מאַן איז אַוועקגעגאַנגען צום גביר רב נתן קורח, האָט זיך ערשט דעמאָלט חנה אַוועקגעזעצט וויינען אויףביידע אויגען: „ווען איהר טאַטע-מאַמע זאָלען איצטער אויפשטעהן..."

נאָר אונזערע לעזער ווייסען, אַז מיר האָלטען נישט פון קיין קלאָג-ליעדער און האָבען נישט ליעב קיין טרערען. דעריבער הייפּען מיר איבער אַ גאַנצע עפּאָכע פון פינף-און-צוואַנציג-יעהריגע צרות, און געהען אַריבער גלייך צום לעצטען אַקט פון אונזער טראַגי־קאָמעדיע.

---

## קאפיטעל ד.

## מזל־טוב! שמואל שמעלקים איז א בעל־יובל.

נישטא קיין אייביגע זאך אויף דער וועלט. אזוי שמועסען די אויפגעקלעהרטע, די פילאזאפען. אלסדינג, זאגען זיי, ענדערט זיך אויף דער ערד: מענשען ווערען פערעלטערט און שטארבען אוועק. הייזער ברענען אפ. שטעדט ווערען חרוב און איבערא־נייעס אויפגעבויט. פון א ים ווערד א טריקעניש, פון דער טרי־קעניש ווערד א ים, און אזוי ווייטער און ווייטער.

פאר אויפגעקלעהרטע לייט, פאר פילאזאפען, נעמען מיר אראפ דאס היטעל. לאזען זיי אבער קיין פאראיבעל ניט האבען — זיי זענען נישט בעקענט מיט דער כתרילעווקער בלאטע. אלסדינג אויף דער וועלט ענדערט זיך, נאר נישט די כתרילעווקער בלאטע. אזוי ווי מיט פינף און צוואנציג יאהר צוריק, פונקט אזוי שטעהט זי אויך איצט פערטיעפט און פער'עקשנ'ט, פיהרט א שטרייט מיט די שטראהלען פון דער זון און וויל נישט אויסטריקענען פאר קיין געלד נישט. שוין איבערגעלאפען דער תמוז מיט די הייסע טעג און מיט די הייסע נעכט, ווען גאנץ כתרילעווקע שלאפט מיט ווייבער און מיט קינדער אין דרויסען. שוין אוועק דער תשעה־באב, ווען אידען קאנען זיך פערגינען אזא לוקסוס, ווי געהן אין מיטען גאס אין די זאקען — און די בלאטע שטעהט נאך אלץ מיט איהר פראכט און גלאנץ, און די כתרילעווצעס, פערקאטשעט די פאלעס, קליגען זיך נאך אלץ, זוכען מיטלען, ווי אזוי אויסצוטרע־טען א סטעזשקעלע, לעגען אוועק א שייטהאלץ אדער א צוויי ציגעל און שפרינגען, ווי די מזיקים, חאפען זיך אריין אפטמאל מיט א פוס אין א קאליעזשע, פערשפריצען דאס פנים אי זיך, אי יענעם, און שעלטען, מע ווייסט ניט וועמען, מיט טודטע קללות:

— א חלירע זאל קומען אויף דיין טאטענס קדיש מיט דריי מיתה משונה'ס ביז די זון וועט אונטערגעהן !

און אט זעהען מיר איצט, אין פינף און צוואנציג יאהר ארום, אין א שענעם פריהמארגען ווידער אונזער העלד שמואל שמעלקים, ווי ער טיאפקעט ווידער אין דער זעלבער בלאטע, וואס מיט פינף און צוואנציג יאהר צוריק ; ווידער בריה'ט ער זיך ארויסצוגעהן טרוקען פון דער כתרילעווקער בלאטע, און ווידער אײלט ער זיך פון דער פאסט מיט א בלאט אין די הענד, און ווידער איז ער פער־שוויצט און פריילוך־צעטראגען.

וואס האט איצט אזעלכעס פאסירט מיט איהם, וואס זיין גע־קנייטשטער שטערן שיינט אזוי, און וואס אויף זיין פערעלטערט, פער'חושכ'ט פנים שפיעלט אזא צופריעדען גליקליך שמייכעלע ? — עס האט זיך געטראפען אזעלכעס, וואס ער האט זיך אויף דעם קיין מאל נישט גערעכט. א נס האט זיך געטראפען, לעזער, א נס : עמיצער, א גוטער פריינד אהן א נאמען, האט זיך דערמאנט און געגעבען צו וויסען אין בלאט, אז היינטיגען טאג איז געווארען פינף און צוואנציג יאהר זינט שמואל שמעלקים איז ארוים אויפ'ן פעלד פון דער אידישער ליטעראטור מיט זיינע בעשרייבונגען פון כתרילעווקע.

„מיר וויסען ניט — אזוי שרייבט דער אונבעקאנטער פריינד אין בלאט — מיר הויבען נישט אן צו וויסען, ווער איז אט דער שמואל שמעלקים און וואס ער איז. מיר וויסען נור, אז פינף און צוואנציג יאהר כסדר ליגט א מענש אין א זומפ, וואס הייסט כתרילעווקע, און הערט נישט אויף אונז בעקאנט צו מאכען מיט די דארטיגע משונה מאדנע ברואים, ווי ער רופט זיי אן : די „קליינע מענשעלעך"...

און נאך א סך אזעלכע זיסע ווערטער שרייבט דער אונבע־קאנטער פריינד אין בלאט, און לאזען לאזט ער אוים מיט א מזל־טוב צו שמואל שמעלקים און מיט א ברכה צו זיין פינף און צוואנ־ציג יאהריגען יובילעאום...

יובילעאום ? ! . . . קיין מאל האט שמואל שמעלקים ניט געדענקט פון קיין יובילעאום, קיין מאל אפילו אין חלום ניט געזעהען אזא זאך. מע מוז מודה זיין, אז אונזער העלד האט מיט זיין ארעמער פעדער אין דעם משך פון די פערגאנגענע פינף און צוואנציג יאהר קיין שטערען פון הימעל נישט געחאפט און קיין חידושים ניט אויפגעטהאן. איין שבח דארפען מיר איהם אבער נאכזאגען: ער האט געטהאן זיין ארבייט געטריי און מיט ליעבשאפט, ווי די ביען, וואס טראגט איהר חלק האניג אינ'ם גרויסען ביענשטאק אריין. קיין מאל האט ער זיך נישט געפרעגט קיין קשיא: צוליעב וואס ער לעגט זיך אזוי אוועק פאר כתרילעווקע און פאר די קליינע מענשעלעך? איך זאל וויסען, אז דאס וועט ניט זיין קיין בעלעדיגונג, וואלט איך איהם פערגליכען צו א קוה, וואס זויגט איהר קעלבעל גאר נישט צו פרעגען קיין קשיות, לכאי זי טהוט עס... קיין כבוד האט ער פון זיין שרייבען קיין מאל ניט ערווארטעט. פון קיין לוין האט ער קיין מאל נישט גע'חלומ'ט. צו דעם, וואס ווערד אנגערופען „קריטיק", האט ער קיין מאל ניט זוכה געווען, אויב מיר זאלען נישט רעכענען די „היימישע קריטיק" פון די כתרילעווצעס, וואס זענען אין כעס סכנות, אז מע „בעשרייבט זיי אויף די גאזעטען". זיי האבען בעסער ליעב רעדען פון דער גאנצער וועלט, איידער די גאנצע וועלט זאל רעדען פון זיי. זיי האבען בעסער ליעב חוזק מאכען פון יעדען בעזונדער, איידער עמיצער זאל חוזק מאכען פון זיי. אט אזא טבע איז שוין ביי זיי פון קדמונים. דעריבער האבען זיי איהם געבעטען מיט גוטען, ער זאל זיי ניט „ארויסשטעלען אויפ'ן בלאט", ווארום עס „וועלען זיין בזיונות"... עס האבען זיך געפונען אויך אזעלכע, וואס האבען איהם אפילו געגעבען אנצווזערעניש, גערעדט פערשטעלט, בלשון סגי־נהור: אז טאמער וועט ער זיך דערוועגען אנריהרען זייער נאמען, „וועלען פליהען פעטש" — און אויף פעטש איז א כתרילעווקער דוקא א בטוח. אין כתרילעווקע — איך האב עס אייך, דאכט מיר, שוין לאנג בעמערקט — ווערען מעהרסטענטיילס גע־

שעפּטען און סכסוכים ליקווידירט דורך פּעטש:

— פּיטש־פּאַטש — אַזוי זאָגען זיי — איז אַ קורצער פּסק און אַ מזומנ'ע מטבע.

און פּלוצים קומט איין אונבעקאַנטער פריינד אין בלאַט און דערמאָנט דער וועלט, אַז ער, שמואל שמעלקים, איז אַ בעל־יובל, און וועז? גראַד היינט, ווען ער האָט געהאַט אַ בייזען, אַ פינ־סטערען פריהמאָרגען, וועלכער ווערד בעשריבען אָט דאָ, אין קאַ־פּיטעל ה.

---

## קאַפּיטעל ה.

## אַ וויסטער פריהמאָרגען.

כתריל'עווקע האָט נאָך ניט אויפגעוואַכט רעכט פון איהר זיסען שלאָף, און די גליקליכע כתריל'עווצעס זענען נאָך געווען געפּענטעט אין דעם כשוף פון דער זומערדיגער נאַכט, נישט געקאָנט אָפּרייסען זיך פון די גאָלדענע חלומות: אַ ריח פון פריש ברויט... איין אַראָמאַט פון געפילטע פיש מיט ציבעלעס און מיט פעפער... גאַנ־צע לונג־און־לעבערס, נאַר־וואָס פון דער יאַטקע... נייע שמעקענ־דיגע שיך פונ'ם שוסטער... גאַנצע הויזען פונ'ם שניידער... אַ גרויסער מאַרק... אַ יאַריד... קונים אַ סך... פדיון... פרנסה... — אָט וואָסערע גוטע זאַכען דער גוטער בעל־החלומות שיט אויף כתריל'עווקע פון זיין מילדער האַנד. איין עבירה, וואָס גאַנץ פריה געהט אויף גאָט'ס זון און כתריל'עווקער הימעל און טרייבט אַרוים דעם עולם אויף דער שלאַכט — זוכען ברויט פאַר די הונגעריגע ווייב און קינדער!

— סטוק! סטוק! סטוק! — האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טהיר, און שמואל שמעלקים האָט זיך אויפגעכאַפּט, אַראָפּגע־

שפרונגען, אויפגעפענט די טהיר און אריינגעלאזט א פריהען גאסט, קאפעל דעם אדוואקאט.

— ברוך־הבא, א גאסט, וואס עפּיס אזוי פריה ?

ניט איהם און ניט זיין וייב חנה'ן איז געפעלען דער דאזיגער פריהער וויזיט פון קאפעל דעם אדוואקאט. קאפעל דער אדוואקאט איז אזוי זיך אפילו א גאנץ וואהל מענשעל, נאר איין זאך, וואס ער האט א הינטיש פנים, און וואס ער רעדט א ביסעל אונטער דער נאז און חאפט אזוי, אז עס מאהלט זיך אייך אוים, אז ניט ער רעדט, נאר ער האווקעט.

— האוו־האוו־האוו ! איהר ווייסט דאך, אז איך בין נישט מעהר, ווי איין אדוואקאט... מיין פרנסה... מע זאגט מיר געהן — געה איך. רב נתן קורח האט אייך געלאזט בעטען, איהר זאלט איהם אפרייניגען די דירה, האוו־האוו... אט איז דער איספאלני־טעלנע ליסט אטא, מיט דער פראדאזשנע אטא, מיט דער וואדא־וואלאדעניע, מיט די אלע איבעריגע שפארגאלען, נא אסנאוואניע סטא טרידצאט פיאטאי סטאטי טאמא דיעסיאטאווא טשאסטי פערוואי סוואדא זאקאנאוו גראזשדאנסקיך, האוו־האוו־האוו...

אט אזוי האט זיך אויסגעהאווקעט קאפעל דער אדוואקאט און איז אוועק זיין וועג, גאר נישט געוואלט אויסהערען די ברכות, וואס שמואל שמעלקים' ווייב האט מכבד געווען דעם רוצח, דעם גזלן, דעם בלוט־זויגער רב נתן קורח, און נישט געוואלט זעהען די שטילע טרערען אויף איהר שלים־שלים־מזל'דיגען לעבען, אז אך און וועה, ווען איהר טאטע־מאמע זאלען איצטער אויפשטעהן...

אויף דעם געוויין האבען זיך אויפגעחאפט אלע קינדער, די גרעסערע און די קלענערע. געוואהר געווארען, אז מע ווארפט זיי ארוים מיט די בעבעכים אין דרויסען ארוים, האבען די עלטערע בעקומען ווייסע טוידטע אויסגעצויגענע פנים'ער, אהן א טראפען בלוט, מיט שטומען וועהטאג בעטראכט די אומגליקליכע טאטע־מאמע, און די קלענערע — די זענען געשטאנען אין איינע העמדלעך

און געציטערט, ווי די לעמעלעך. זייערע גרויס־אפענע אויגען האָ־בען געזאָגט:

— איהר מיינט, אז ווייל מיר געהען נאַקעט און באָרוויס, ווייסען מיר שוין גאָרנישט ניט? . . .

נאָר דאָס יונגסטע און דאָס ליעבסטע, די געבאַלעוועטע מי־זינקע, רייזעלע, א קינד אַ גאָלד מיט איין אונטערגעשטעקט העמ־דעל און מיט אויסגעבויגענע פעסעלדיגע פיסעלעך, קאַטשעט זיך ווי אַ קאַטשקעלע, רעדט צום פאָטער אויף אַ מאָדנער שפּראַך:

— העטי מעטי קאַפּעטילע אי קייפי טיעטי פעטעלי.

אויף אונזער לשון הייסט עס:

— אַז דו וועסט מיר געבען אַ קאַפּעקעלע, וועל איך מיר קויפען אַ קאַנפעקטילע.

אַ קינד אַ טרייסט! אַ קינד אַ נחת! . . . שמואל שמעלקים טאַפּט איין אַלע קעשענים און קאָן נישט געפינען קיין קאָפּעקע, און ער קאָן נישט צוזעהן דעם צער פונ׳ם קינד ערגער ווי פון אַלע איבעריגע קינדער, און אַ שוואַרצער שאָטען פערשפּרייט זיך אויפ׳ן פּנים, און פרישע קנייטשען אויפ׳ן שטערן, און אַ טיעפער שווע־רער זיפץ רייסט זיך אַרויס ניט ווילענדיג פונ׳ם האַרצען.

— אויף די שונאים׳ס קעפּ! — זאָגט צו איהם חנה זיין ווייב, רעדט איהם אויס דאָס האַרץ: — נאַרעלע, דער הימעל צו דער ערד איז נישט געפאַלען... און זי שיקט איהם אַפּ צום גביר רב נתן קורח, טאָמער וועט ער זיך אָפּבעטען נאָך אַ מאָל חאָטש אויף אַ קורצער צייט, ביז דער אויבערשטער וועט רחמנות האָבען...

— אויפ׳ן עשאַפּאָט וואָלט איך דיר ליעבער געגאַנגען...

אַזוי זאָגט שמואל שמעלקים שטילערהייד זיך אין באָרד אַריין, רוקט אָן דאָס היטעל און לאָזט זיך געהן צום גביר רב נתן קורח.

---

## קאפיטעל ו.

# דער גרעסטער גביר אין כתרילעווקע — רב נתן קורח.

איך מיין, אז ער דארף איך זיין בעקאנט, ווארום ווער קען נים רב נתן קורח? ער האט דאך א שם „אויף דער גאנצער וועלט". אלע ווייסען, און ער אליין בעריהמט זיך דערמיט, אז ער איז שוין כמעט דרייסיג יאהר ניט ארויסגעגאנגען מפתח ביתו. ווער עס דארף, דער טרעפט צו איהם. און דארפען דארף צו איהם יעדער, ווער עס האט וואס צו פערזעצען. אמאל, אין די יונגע יאהרען, פלעגט מען צו איהם טראגען פער'משכונ'ען אלסדינג, וואס האט א ווערטה, למשל: א בגד, א לייכטער, א סאמאוואר, א שטויסעל, א קווארט, איין עטרה, א מגילה, אפילו א פאר־א־יאהר־ריגער לולב איז אויך געווען א סחורה. איצט, אויף דער עלטער, האט ער געווארפען איין אומ'חן אויף די אלע זאכען, פיינט געקריגען „דוויזשימאסט" (מטלטלין) און גיט זיך אפ נור מיט „אימושטשע־סטווע" (הייזער). אלע ווייסען, אז ער מאכט ניט קיין אנדערע געשעפטען, א חוץ הייזער. ס'איז א סברא, אזוי שמועסט דער עולם, אז גאנץ כתרילעווקע ליגט ביי איהם „במשכנתא". און, ווי דער שטייגער איז, פליהען דארטען שטעכווערטלעך מיט ליצנות אויפ'ן גביר'ס אפעטיט צו הייזער.

— טאמער ווייסט איהר, וואס וועט ער טהון איבער הונדערט און צוואנציג יאהר מיט אזוי פיעל הייזער?

— ער וועט זיי נעמען מיט זיך אויף יענער וועלט.

— ער וועט זיי איינזאלצען אין זאלץ.

— ער וועט זיי פאר'משכונ'ען ביי'ם מלאך המות.

— איך זעה, אז איהר ווייסט קיינער ניט דעם סוף פון אונזער גביר רב נתן קורח.

— וואס זשע שווייגסט דו. אז דו ווייסט?

— ער וועט האבן דעם אייגענעם סוף, וואס יענער קורח איז חומש.

— איינגעזונקען ווערן, הייסט עס, מיט אלע מאיאנטקעס ?

פון דער לעצטער המצאה קוועלט דער עולם אזוי שטארק, אז ממש מע קאטשעט זיך פאר געלעכטער. און רב נתן קורח טהוט זיך זיינס : ער פערלייהט געלד אויף הייזער און נחלאות און ווערד וואס א יאהר רייכער מיט א פאר הייזער און מיט א פאר קלייטען. אויסער דעם, איז זיך רב נתן קורח זעהר א פיינער בעל-הבית און בטבע זעהר א סימפאטישער מענש. ער האט א כלל — אויפנע־מען יעדען איינציגען פריינדליך, אזוי ווי אונזערע חכמים האבען אונז געלערענט : „בסבר פנים יפות“, דאס הייסט, מיט א ברייטען ברוך־הבא און מיט א „פאר וואס זיצט איהר ניט ?“. אז איהר קומט אריין צו איהם, וויסט ער גאר ניט, וואו ער זאל אייך אנידערזעצען. ער טראגט אייך אונטער צוויי שטוהלען מיט א מאל און פרעגט אייך, אפשר וועט איהר טרינקען א גלעזעל טיי ? נאר באלד טהוט ער זיך א חאפ :

— אר־ווא, ניטא ווער ס'זאל שטעלען דעם סאמאוואר... אפשר וועט איהר נעמען א ביסעל איינגעמאכטס ? אר־ווא ! די דיענסט האט צוגענומען די שליסעלעך ! . . . זיצט, פאר וואס זיצט איהר ניט ? וואס זשע הערט זיך עפיס נייעס ?

רב נתן קורח האט זעהר ליעב, מע זאל איהם דערצעהלען נייעס. און וואס איז דער חידוש ? א מענש געהט נישט ארויס מפתח ביתו שוין כמעט דרייסיג יאהר ! און אז מע דערצעהלט איהם נייעס, האטש דאס נייעס מעג שוין האבען א בארד, הערט ער זיך צו, קוקט זיך איין, שאקעלט מיט'ן קאפ, שמוצערט מיט די ליפען, ווערד נתפעל, גלייך ווי ער הערט דאס דעם ערשטען מאל אויף זיין לעבען, ביז עס קומט צו געלד... נאר דא מוזען מיר זאגען א פאר ווערטער וועגען רב נתן קורח'ס אויסזעהען, דעמאלט, האפען מיר, וועט זיין פארטרעט זיין פאלקאמער.

רב נתן קורח האט זעהר א סימפאטיש אויסזעהן. מיר שטעלען זיך אבער אפ נור אויף די אויגען זיינע. איין אויג איז ביי איהם איין אויג. א געוויינליך אויג. ווי ביי אלע מענשען איין אויג. דאס הייסט, א וויסעבעל מיט א שווארצאפעל, ווי עס געהער צו זיין. דאס אנדערע אויג איז ביי איהם שוין נור שווארצאפעל אליין. אהן א סימן פון וויסעבעל. דאס דאזיגע שווארצאפעלדיגע אויג האלט ער שטענדיג צוגעמאכט, א חוץ דעמאלט, ווען עס האנדעלט זיך וועגען געלד. הויבט איהר אן רעדען פון געלד, אזוי עפענט זיך ביי איהם אויף דאס שווארצאפעלדיגע אויג און עס הויבט אן ארבייטען, דאס הייסט, עס דרעהט זיך און עס שעמערירט מיט א שרעקליכער גיכקייט! עס איז כמעט גאר אונמעגליך דעמאלט צו קוקען איהם גלייך אין פנים אריין. און עס בייט זיך איבער ביי איהם דאס גאנצע געשטאלט. דאס פריהערדיגע „סבר פנים יפות“ ווערד פערשוואונדען אינאייניצעם מיט'ן שטענדיג זיס־לאקרעצדיגען שמייכעלע, און אויפ'ן ארט פון דעם ליעבהארציגען זיסען גביר רב נתן קורח וואכסט אויס א חיה, און עס גלוסט זיך אייך אנטלויפען וואס גיכער און וואס ווייטער...

פון דעם, וואס מיר האבען געשמועסט ביז אהער וועגען אונזער געליעבטען גביר, קאן דער לעזער מיינען, אז רב נתן קורח איז חלילה א איד א „בעזדיעטניק“, דאס הייסט, א מענש אהן קינדער. מוזען מיר פערהאפען און געבען צו וויסען דער וועלט, אז מיט זיין ערשטער וייב חיה־חוה האט ער טאקי ניט געהאט קיין קינדער. געווען איז זי, זאל מיר מוחל זיין, א גרויסע מיאוס'קייט, און איז געשטארבען ביי איהם פון שרעק: ער פלעגט זי, זאגט מען, אפט אונטערשלאגען... דערפאר אבער, אז זי איז געשטארבען, האט ער פאר איהר מטה צעטיילט א סך צדקה, געדונגען א שטענדיגען קדיש נאך איהר נשמה און האט תיכף ומיד חתונה געהאט און גענומען דוקא א יונג קינד, בלוט און מילך, מיט'ן נאמען קריינדעל, און מיט איהר האט איהם דער אויבערשטער געבענשט פונקט אין א יאהר ארום מיט א בן זכר. דעם דאזיגען בן זכר האט ער א נאמען גע־

געבען נאָך זײנע בײדע זײדעס: רב יוסף און רב איצי. האָבען זיך די צװײ נעמען צענויפגעגאָסען און ס'איז אויסגעקומען יאָסעפ־איצי; מיט דער צײט איז פון יאָסעפּאיצי במילא געװאָרען „יאָ־סעפּיץ". און אַט אַזױ איז ער שוין פערבליבען עד היום הזה. עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז יאָסעפּיץ איז געװאַכסען אַ תכשיט, װי געװײנליך, בײ אַ גביר, אײן אַזאַ גוטס. עס איז נור נױטיג צו בעמערקען, אַז אַ חוץ אַלע מעלות, װאָס ער האָט גוט געלערענט אידיש און רוסיש און אַ ביסעל דײטש און פראַנצױז און ליטײן און געלײענט טורגעניעװ און דאַרװין, איז ער נאָך דערצו געװען אַ שטילע טויב און אַ װילדער שװײגער. מע קאָן זאָגען כמעט, אַז אין כתרילעװקע האָט איהם נאָך קײן בן־אדם ניט געהערט רעדען, אַ חוץ דעמאַלט, װען רב נתן קורח פלעגט זיך צעקאָכען מיט'ן שװאַרצ־אַפּעלדיגען אויג איבער געלד און אויסשרײען אויף אַ קול: „יאָ־סעפּיץ, װאו ביזט דו?" דעמאָלט װאַכסט אויס יאָסעפּיץ, מע װײסט ניט פון װאַנען. יאָסעפּיץ איז שוין אַ בחור צו לײטען און עס שיט זיך איהם שוין אַ בערדעל. אין די הענד האַלט ער צװײ ביכער, טורגעניעװ און דאַרװין.

— יאָסעפּיץ, װאָס זאָגסט דו דערויף?...

יאָסעפּיץ שנײצט אויס די נאָז מיט צװײ פינגער, װישט זיך אָפּ מיט דער פּאָלע און ענטפערט קאַלט װי אײז:

— ס'איז גאָר נישטאָ װאָס צו רעדען!...

דאָס איז די אײנציגע פראַזע, װאָס כתרילעװקע האָט װען גע־הערט פון דעם דאָזיגען פײנעם בחור, און אַלע האָבען גאַנץ גוט געװאוסט, װאָס אין דער פראַזע שטעקט, װאָרום װי שלעכט דער אַלטער קורח זאָל ניט זײן, קאָן מען דאָך בײ איהם אַ מאָל חאַטש עפּיס פּועל'ען. האָט ער אָבער אָרײנגערופען דעם תכשיט, מיט איהם זיך אײן עצה האַלטען: „יאָסעפּיץ, װאָס זאָגסט דו דערויף?" און יאָסעפּיץ האָט אַ זאָג געטהאָן קאַלט: „ס'איז גאָר נישטאָ װאָס צו רעדען!" — דעמאָלט מעגט איהר שוין זײן זיכער, אַז עס װעט אײך ניט העלפען קײן שמע ישראל...

— א כפרה האט געמענט ווערן דער היינטוועלטיגער זוהן פאר זיין אלטען טאטענס נאגעל פונ'ם מינדסטען פינגערעל נאך איידער ער האט דערזעהן די ליכטיגע וועלט! — אט אזוי בענשט כתרילעוו־קע רב נתן קורח'ס קדיש דריי מאל א טאג, און, ווי אויף צו־להכעיס, וויל די ברכה ניט מקוים ווערן.

איצט, אז איהר האט זיך בעקענט א ביסעל נעהענטער מיט דעם דאזיגען ליעבהארציגען פארשוין און מיט זיין ליכטיגען קדיש, וועט אייך קיין חדוש ניט זיין, וואס אונזער העלד שמואל שמעלקים האט אויסדערוועהלט בעסער צו געהן אויפ'ן עשאפאט. ער האט גע־וואוסט פאראויס, אז ס'איז ארויסגעווארפען זיין געהן מיט זיין רעדען מיט זיין בעטען. רב נתן קורח וועט איהם אויפנעמען מיט'ן ברייטען ברוך־הבא, וועט איהם בעטען זיצען, וועלען מכבד זיין מיט טיי אדער מיט איינגעמאכטס, אויספרעגען ביי איהם, וואס הערט זיך עפים נייעס... ער, שמואל שמעלקים, וועט זיצען ווי אויף הייסע קויהלען, וועט זיך אויפבינדען און פערבינדען עטליכע מאל דאס האלזטיכעל. ער וועט זיך בעת־מעשה פיהלען, ווי א מענש, וואס קלויבט זיך באדען, שטעהט שוין א נאקעטער און האט מורא צו שפּרינגען אין וואסער אריין. וועט ער זיך אננעמען מיט די לעצטע כחות און וועט געבען א זאג:

— איך האב צו־נ־אייך, רב נתן, א בקשה, מכח'ן פּראצענט, הייסט עס...

ער וועט נאך נישט ענדיגען זיין בקשה, וועט זיך ביי רב נתן'ען אויפעפענען דאס שווארצאפעלדיגע אויג און עס וועט אנ־הויבען קאכען:

— ניין, ניין! אלסדינג יא, נאר דאס ניט! וואס פאר א מארע — ניט צאהלען קיין פראצענט! פּראצענט איז געלט, און געלט איז ניט שמעלט — פּחע! דיין שוועהר איז געוועזן, זאל מיר מוחל זיין, א „קאפּעיעטשניק", געזשעברעט, געפּראצעט, צוליעב וועמען? צוליעב אט די דאזיגע שמויגערס, די לאמטערנשיסערס, וואס דרוקען אויף די בלעטער און ווייסען נור טרענצלען געלט.

פלעבטען קערבלעך, און קומט צו פראצענט, איז פחע! יאסעפיץ, וואו ביזט דו, וואס זאגסט דו דערויף?

ווערט זיך בעווייזען יאסעפיץ מיט טורגעניעווען און מיט דאר־ווינען, וועט אויסשנייצען די נאז מיט צוויי פינגער, וועט זיך אפ־ווישען מיט דער פאלע און א זאג טהון:

— ס'איז גאר נישטא וואס צו רעדען!...

אט אזוי וועט זיך אויסלאזען זיין וויזיט צו רב נתן קורח מיט אומזיסטע בלוטצאפעניש, אומזיסטע בזיונות. און דאך געהט ער צו איהם, ווי א פער'משפט'ער צום טוידט. נאר געהענדיג חאפט ער זיך ארויף פריהער אויף דער פאסט און בעקומט דאס גוטע בלאט און דערזעהט די גוטע בשורה, ווי מיר ווייסען שוין, און ער בלייבט שטעהן אין מיטען גאס און לייענט נאך א מאל און נאך א מאל, און גלויבט ניט זיינע אויגען, און שפאנט ווייטער.

* * *

יא, דאס איז געווען א וואונדערליכער, זעלטענער פריהמארגען, וואס האט זיך אנגעהויבען מיט שווארצע וואלקענס און געענדיגט זיך מיט א לויטערער זון. דאס איז געווען א פריהמארגען, וואס האט זיך אנגעהויבען מיט א „איספאלניטעלנע ליסט“ און אויסגעלאזט מיט א „יובילעאום“.

---

קאפיטעל ז.

## שמואל שמעלקים און גראף מאלסטאי.

„יובילעאום“ :...

דאס דאזיגע זיסע ווארט האט זיך שטיל אריינגעשליטעלט, ווי אויף בוימעהל, צו אונזער העלד אין הארצען אריין, האט איהם געווארעמט, ווי א גוטער וויין, ווי א באלזאם צו די ביינער, און א ביסעל ווי פער'שכור'ט.

„מיין יובילעאום ? !“... — אזוי טראכט זיך שמואל שמעלקים מיט טרערן אין די אויגן און פערגעסט אין דער מינוט דעם גביר רב נתן קורח מיט דעם אדוואקאט קאפעל, און ער איז זיי מוחל די שפיכות־דמים, און איז מוחל אלעמען פאר אלע פינף און צוואנציג שווערע ביטערע יאהרען, פאר אלע קלעפ פון גאט און פון לייטען, — אלסדינג איז פערגעסען געווארען אצינד! און שמואל שמעלקים בריה'ט זיך שוין ניט, זוכט שוין ניט קיין סטעזשקעס; ער שפרייזט איבער דער כתרילעווקער בלאטע, גלייך ווי אויף דער בעסטער בריק, און לייענט די ליעבע זיסע ווערטער פונ'ם אונבעקאנטען פריינד, וואס האט דערמאנט דער וועלט, אז ס'איז פארהאן ערגיץ א שמואל שמעלקים, וואס איז היינט א בעל־שמחה, א בעל־יובל, א יובילאר, — און ער פיהלט ניט די ערד אונטער זיך, און ער חאפט זיך צום בלאט נאך א מאל, און זיינע אויגען פאלען אויף א נייעם נאמען אינ'ם זעלבען בלאט — גראף ל. נ. טאלסטאי. אלזא, צוויי יובילעאומס, צוויי יובילארען: גראף לעוו ניקאלאיעוויטש טאלסטאי פון יאסנע פאליאנע און ער, שמואל שמעלקים פון כתרילעוווקע! חא־חא־חא!

און ער צעלאכט זיך ניט ווילענדיג צו זיך אליין: ווי קומט ער, אזא קליין ווערעמעל, קעגען א וויזילטהיער? ווי קומט ער, דאס קלענסטע שטערענדעל, קעגען דער גרויסער פלאמענדיגער זונן, וואס בעשיינט די גאנצע וועלט? און פון דעסטוועגען — אט זעהט איהר דאך — שטעהט זיין נאמען, שמואל שמעלקים, אינאיינעם מיט'ן ריעזיגען גלית הפלשתי פון דער וועלט, מיט'ן גראף טאלסטאי!...

און (א, זינדיגער מענש!) עס חאפען איהם אונטער זיינע געדאנקען און טראגען איהם אוועק, ווי אלע מאל, ווייט אין הימעל ארייז, אינ'ם עולם הדמיון, און ער פרעגט זיך: „לאמיר זעהען, פאר וואס ניט?... און לאמיר שמועסען דאס אייגענע ווידער א מאל צוריק — פאר וואס טאקי ניט?... שוין זשע איז ער, דער אונבעדיי־

טענדער שמואל שמעלקים, נישט כמעט דאָס זעלבע אין דעם קליי־
נעם פינסטערען כתרילעווקע, וואָס טאָלסטאָי פאַר דער גרויסער
ליכטיגער וועלט? טאָלסטאָי, די גרויסע פלאַמענדיגע זונן, האָט בע־
לייכט מיט איהר מורא'דיגען פייער די גאַנצע ערד, און ער, דאָס
קליינע שטערענדעל, האָט ער דען ניט בעלייכט מיט זיין קליין
פייערל אַ קליין שווארץ פינטעלע אויף דער ערד. וואָס מע רופט
דאָס כתרילעווקע? ווער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט גע־
געבען צו וויסען דער וועלט, אַז ס'איז גאָר פאַרהאַן ערגיץ אַ כתרי־
לעווקע, און אַז אין כתרילעווקע איז פאַרהאַן אַ בלאָטע,
און אַז אין דער בלאָטע טיאַפּקען אַרום מאָדנע מינים נפשות,
קליינע מענשעלעך, וואָס קוועטשען און וואָס דריקען זיך
וואָס פרעסען און וואָס פרעסען איינס דאָס אַנדערע מחמת הונגער
און מחמת פינסטערניש און מחמת נויט און מחמת איינגשאַפּט
און מחמת עפּוש? ווער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט בע־
וויזען, וואָס פאַר פערלען עס וואַלגערען זיך אָט דוקא אין דער
דאָזיגער בלאָטע, אָט דוקא אינ'ם דאָזיגען פינסטערניש, אָט דוקא
אין דעם דאָזיגען ענגשאַפּט און דעם דאָזיגען עפּוש?"...

---

### קאַפּיטעל ח.

## עס שיטען זיך מזל־טוב'ס און מתנות, ווי פון אַ ראַזשעק.

און שפּרייזענדיג שוין מיט גאַנץ ברייטע שפּאַן איבער דער
כתרילעווקער בלאָטע מיט אַזעלכע געדאַנקען, פרעגט ער ביי זיך
אַליין אַ קשיא, אַ כתרילעווקער קשיא:

— וואָס וואָלט גאָט געאַהרט, למשל, ווען די היגע קליינע
מענשעלעך זאָלען מאַכען אין כתרילעווקע אַ טאַרעראַם מיט זיין
יובילעאום פּונקט אַזוי ווי דאָרט, להבדיל, די אומות העולם מיט

דעם, להבדיל, גרויסען־גרויסען לעוו טאָלסטאָי?... פאַר וואָס ניט? און לאָמיר שמועסען דאָס אייגענע ווידער אַ מאָל צוריק: פאַר וואָס טאַקי ניט?... און פון דער מחשבה צו דער מעשה איז דאָך ביי אונזער העלד, אַזוי ווי ביי אַלע כתרילעווקער, נישט מעהר ווי איין שריט — און עס שטעלט זיך איהם שוין פאָר אין דער מחשבה אַ קאַבצניש, פונקט ווי מיט'ן גראַף טאָלסטאָי: אַ געוואַלד, אַ רעש, אַ געפילדער, עס טהוט זיך חושך:

— מזל־טוב! שמואל שמעלקים איז היינט אַ בעל־שמחה!

— אַ גוט יום־טוב! שמואל שמעלקים איז היינט אַ יובילאַר!

אין שטאָדט איז געוואָרען ליהודים! ששון ושמחה! די קרעמער האָבען צוגעשלאָסען די קלייטען, מלמדים האָבען צעלאָזט די חדרים. אַלע, פון'ם רב ביז'ן שמש, פון'ם שוחט ביז'ן בעל־עגלה, האָבען זיך צענויפגעזאַמעלט, געקומען צו איהם אין שטוב אַריין איהם אָפּגעבען מזל־טוב. נאָר עפּיס ברעקעלט מען זיך און מע קוויינקעלט זיך, גלייך ווי זיי וואָלטען זיך פערענטפערען:

— מיר האָבען גאָר נישט געוואוסט, הייסט עס, אַז ס'איז היינט אַזאַ טאָג. דאָס הייסט, מיר האָבען געוואוסט, פאַר וואָס זאָלען מיר ניט וויסען? נאָר מיר האָבען אַלץ געוואַרט, הייסט עס, ביז ס'וועט קומען די צייט... ביז'ן יובל אַריין, הייסט עס...

נאָר וואָס איז דאָס געוואָרען פּלוצים אַזאַ שטופּעניש מיט אַזאַ קוועטשעניש מיט אַ שושקעריי? אהאַ! דער גביר רב נתן קורח אַליין מיט זיין כבוד איז אויך געקומען צו שמואל שמעלקים דעם יובילאַר אין שטוב אַריין מיט אַ שיינענדיג פּנים, און — אַ נס איז געשעהען, אַ נס בתוך נס! העהט אַ מעשה: צוויי אויגען ביי איהם, מענשליכע צוויי אויגען! וואו איז אַהינגעקומען דאָס שרעקליכע שוואַרצאַפּעלדיגע אויג?

— העכער דרייסיג יאָהר — אַזוי זאָגט רב נתן קורח צום גאַנצען עולם מיט זיין זיס־לאַקרעצדיג שמייכעלע — העכער דרייסיג יאָהר, אַז איך געה ניט אַרויס מפּתח ביתי, נאָר צוליעב אַזאַ טאָג, חע־חע, האָב איך מיך מיישב געווען, ווי זאָגט ער, פאַרט אַ מענטש,

וואס שרייבט אזעלכע גוטע זאכען, חע־חע, שוין פינף און צוואנ־ציג יאהר, קומט איהם, כלעבען, א יישר־כח מיט א מתנה, חע־חע...

און ער דרעהט זיך אויס מיט'ן פנים צוריק:

— יאסעפיץ, וואס זאגסט דו?

וואכסט אויס יאסעפיץ, מע ווייסט ניט פון וואנען, שנייצט אויס די נאז מיט צוויי פינגער און ווישט זיך אפ מיט דער פאלע.

— ס'אז גאר נישטא וואס צו רעדען!...

נאכדעם ציהט ארויס דער גביר רב נתן קורח א ווייסען בויגען פאפיער פון בוזעם־קעשעני און דרעהט אויס דאס פנים צום בעל־היובל:

— נא דיר און בלייב דיר ביי דיין דירה מיט די צוויי גאנקעס, וואס דארף איך זיי? איך האב גענוג, חע־חע... יאסעפיץ, וואס זאגסט דו?

— ס'איז גאר נישטא וואס צו רעדען...

און דער עולם הערט, און קיינער וואונדערט זיך ניט, גלייך ווי עס דארף אזוי צו זיין... נאר ווער שטעהט עס הינטער'ן גביר'ס פלייצים און חעהעקעט איהם אונטער? עפּיס זעהר א קענטליכער פארשוין! שוין זשע איז דאס קאפּעל דער אדוואקאט? וואו איז אהינגעקומען זיין הינטיש פנים? און ער האוקעט גאר נישט, און ער חאפּט שוין ניט אזוי, און ער רעדט ווי א מענש:

— אט האט איהר אייך צוריק אייער פּראדאזשנע אטא, מיט דער וואדאוולאדעניע אטא, מיט די אלע איבעריגע שפּארגאלען. נא אסנאוואניע סטא טרידצאט פּיאטאי סטאטי טאמא דיעסיאטא־וא טשאסטי פּערוואי סוואדא זאקאנאוו גראזשדאנסקיך...

און דער עולם הערט און קיינער וואונדערט זיך ניט, גלייך ווי עס דארף אזוי צו זיין... און בחורים קומען אן, און מיידלעך קו־מען אן, דעפּוטאציעס, מיט דעפּוטאציעס, מיט דעפּוטאציעס! ווער מיט א לארבער־קראנץ, און ווער מיט איין אדרעס, און ווער מיט א שיר, פערפאסט פון נאך גאר א יונגען משורר אין כתריל־עווקע. היינט מתנות — א בארג מיט מתנות: טישטיכער און האנטיכער,

און גאַנצע שטיקער מאַטעריע, און גאַנצע קעפּלעך צוקער, און פּער־חתמ׳עטע פלעשלעך כרמל־וויין, און קאַסטענס מיט נעפּעס, און קעסטלעך מיט זילבער. און אַ שווערע מאַססיווע גאָלדענע פעדער האָט איהם יאָסעל דער גאָלדשמיעד, אַ איד אַ יאַדישליוועד און מיט גראָבע ליפּען, אונטערגעטראָגען און זאָגט צו איהם מיט אַ הייזעריג קול:

— זהב טהור... זעכס און פופציגסטע פּרוּף... עובר לסוחר... מע קאָן זי פאַרזעצען...

און נאָכדעם הויבען אָן געהן „וויגרישנע בילעטען“, און פּאַקעטען האָבען זיך געגעבען אַ שאָט, ווי פון איין אַרבעל. וואָס איז דאָס? דאָס איז געלד. מעות מזומנים!

און דער עולם שטעהט און הערט, און קיינער וואונדערט זיך ניט, גלייך ווי עס דאַרף אַזוי צו זיין... און ער קוקט זיך אַרום, זוכט מיט די אויגען חנה׳ן. וואו איז זי ערגיץ? אָט איז זי מיט די קינדער. זי שטעהט און בעטראַכט די האַנטיכער מט די טישטיכער מיט׳ן איבעריגען בעל־הבתישקייט, און ער טראַכט זיך: „די האַנטיכער מיט די טישטיכער זענען ביי איהר טייערער פון וויים איך וואָס... אַ פרוי בלייבט אַ פרוי“... און ער בעגעגענט זיך מיט איהרע אויגען. וואָס זענען נאָך אַלץ פול מיט ליעבשאַפט, און עס דאַכט זיך איהם, אַז זיי זענען נאַס.

— חנה, דו וויינסט? איצטער וויינסט דו?

— חלילה!... אדרבה!... מיינע טאַטע־מאַמע זאָלען איצטער אויפשטעהן...

און שטילע מילדע טרערען קייקלען זיך אויף איהר צעקנייטשט, נאָר אַלץ נאָך שען געזיכט. נאָר דאָ קומט אָן דאָס יונגסטע, דאָס ליעבסטע און דאָס שענסטע, רייזעלע די מיזינקע, מיט איהר שפּראַך:

— העטי מעטי קאַפּעטילע אי קייפּי טיעטי פּעטעלי.

און פאָטער און מוטער צעלאַכען זיך. און אַלע קינדער לאַכען. נאָר פּלוצים ווערד אַ טומעל מיט אַ פּאַטשעריי אין טיש:

— שא! שאט! שטיל זאל זיין! לאזט הערען, וואס מע רעדט!
— ווער רעדט?
— איך רעד!

---

## קאפיטעל ט.

## וואס טהוט מען מיט אזוי פיעל געלד?

ווער איז דער איך? דאס איז נחמיה, איין ארעם־בחור, א שטיקעל עזות־מחוצף־פנים, האלט א דרשה לכבוד דעם בעל־היובל. איין אנדערס מאל וואלט אזא שייגעץ, אזא קבצניוק, אפילו נישט געוואגט עפנען א מויל פאר קיין עין הרע אזא איין עדה מיט מענשען. נאר איצט, אין אזא טאג...

און נחמיה דער ארעם־בחור, דער עזות־מחוצף־פנים, רעדט פאר פייער און פאר וואסער, לעגט די נגידים ארצה און הויבט די ארעמע לייט העכער הייזער, און דעם יובילאר — ביז'ן הימעל. און דער עולם הערט און שווייגט, און קיינער וואונדערט זיך ניט, גלייך ווי עס דארף אזוי צו זיין... און תיכף נאך נחמיה'ן שטעהט אויף חיים, און נאך חיים'ען שטעהט אויף בן־ציון, אלע יונגע לייט, און אלע רעדען, איינער שענער פון'ם אנדערען, איטליכער וויל זיך אויס־פיינען פאר'ן עולם מיט זיין צינגעל און מיט זיינע קענטעענישען. איינער א בחור מיט א פעטשיילע און מיט א שענעם חתוך־הדבור האט זיך אוועקגעשטעלט און דערמאנט דעם עולם, אז היינט יום־טוב'ט די וועלט, אייגענטליך, צוויי ימים טובים, צוויי יובילעען, און ער פערגלייכט דעם גראף טאלסטאי צו, להבדיל, שמואל שמעל־קים: אזוי ווי דער, אזוי יענער האט תמיד אין זינען געהאט נור טובת־הכלל; אזוי ווי דער, אזוי יענער האט קיינמאל קיין הנאה ניט געהאט פון זיינע ווערק... שטעהט אויף נאך איינער, א בחור מיט גרויסע ציינער און מיט א שטארקען באריטאן, און ווייזט אויף

מיט זיין שכל־הישר און מיט זיין כח־הדבור, אז טאָלסטאָי דאַרף נאָך הייצען די הרובע ביי שמואל שמעלקים. וואָרום דער גראַף טאָלסטאָי, אז מיר זאָלען וועלען גוט בעטראַכטען, האָט זיין אייגענס האָטש א יאַסנע פּאָליאַנע, און ער, שמואל שמעלקים, וואָס האָט געהאַט ביז אהער? דלות האָט ער געהאַט, איך בעט אייך איבער אייער כבוד, דלות!

פּלוצים הערט זיך א קול פון די בעלי־בתים:

— גענוג אייך שוין, יונגע צאַוקעס, צו שלייפען די צינגלעך און אַרויסווייזען אייער בריה'שאַפט! מע ווייסט, אז איהר קאָנט רעדען, מע ווייסט! צייט מע זאָל זיך נעמען צו א תכלית. אידען! לאָמיר קאָרשט געבען א טראַכט, וואָס זאָל מען טהון מיט'ן ביסעל מזומנ'ם?

שטעהט אויף איינער א פיינער בעל־הבית:

— מע דאַרף איהם פאַרזאָרגען מיט פרנסה, מיט א געשעפט, עפּענען א קראָם, פון שניט און פון צעלניק און פון באַקאַליי און פון זאַליאַז...

שטעהט אויף נאָך איינער, אויך א פיינער בעל־בית, און טהוט זיך א זאָג:

— א קראָם טויג ניט. א וויינשענק. דאָס בעסטע איז א וויינשענק.

— ניעדוויזשימאַסט! — שרייט נאָך איינער. א בעל־הבית מיט א גרילצענדיגער שטימע. — הייזער! הייזער דאַרף מען איהם קויפען, און לאָז ער זיך זיצען און שרייבען.

— א מאַיאָנטעק! — שרייט נאָך איינער גאַנץ הויך. — א מאַיאָנטעק! א אימעניע מיט א הויף און מיט א סאָזשעלקע און מיט א וואַלד, א סאָסנאָווע וואַלד!

— סאָסנע איז בלאָטע! — שרייט איינער נאָך העכער. — דעמב! דעמב איז געלט!

— בהמה! — ווערד איינער שיער ניט צעריסען שרייענדיג — וואָס טויג איהם געלט? געזונט — דאָס איז דער עיקר!...

און ער אליין, דער בעל־יובל, איהם פרעגט מען גארניט. ער קוקט זיך איבער מיט'ן ווייב, מיט חנה'ן. חנה שטעהט, בעטראכט די טישטיכער מיט די האנטיכער מיט'ן איבעריגען בעל־הבתישקייט, און ער טראכט זיך: „א פרוי איז דיר קיין קאטאוועס ניט! דא האנדעלט זיך וועגען א מאיאנטעק, און זי קוועלט אן פון די טיש־טיכער מיט די האנטיכער!" און זייערע אויגען בעגעגענען זיך, און עס דאכט זיך איהם, אז חנה'ס אויגען, וואס זענען נאך אימער פול מיט ליעבשאפט, זענען נאס. און ער וויל זי פרעגען: „נארעלע, וואס ווייסט דו? פרעהען דארף מען זיך, ניט וויינען"... און דאס יונגסטע, דאס ליעבסטע און דאס שענסטע פון אלע, רייזעלע די מי־זינקע, קאטשעט זיך צו איהם, ווי א קאטשקעלע:

— העטי מעטי קאפעטילע אי קייפי טיעטי פעטעלי...

קיין מאל האט דאס דאזיגע העטימעטי־לשון ניט געהאט אזא חן, ווי איצטער, אין דער מינוט, און עס גלוסט זיך איהם לאכען, ווי ער האט נאך אויף זיין לעבען קיין מאל אזוי ניט געלאכט...

---

## קאפיטעל י.

## דער סוף פון דער קאמעדיע.

שוועבענדיג אין אזעלכע ליכטיגע הימלען, שפאנט אונזער העלד, דעם גראף טאלסטאי'ס קאללעגא, מיט'ן בלאט אין דער האנד און קומט־צו אונבעמערקט אלץ נעהענטער צו זיך אהיים, און דער־זעהט פון דער ווייטען ביי זיין שטוב מיט די צוויי גאנקעס איין איינגעלויף פון מענשען, אידען מיט ווייבער און קליינע קינדער... און ער וואכט אויף, ווי פון שלאף, און ער פרעגט ביי זיך: „שוין זשע איז דאס אמת, ניט קיין חלום, ניט קיין פאנטאזיע, אט דאס אלץ. וואס ער האט געזעהען ביז אהער אין דער מחשבה? שוין זשע

האבען זיך דאס מאקי צענויפגעקליבען די כתרילעווקער ליים צו פייערען זיין יובילעאום?"...

און ער קוקט זיך גוט איין, און ער דערקענט צווישען עולם קאפעל דעם אדוואקאט, שוין ווידער מיט'ן הינטישען פנים, און נאך א סך בעקאנטע פארשוינען דערקענט ער. און עס ווערד איהם קשה איין זאך: וואס זיצט עפים זיין ווייב חנה מיט די קינדער אין דרויסען אויף צענויפגעווארפענע בעבעכים, האלט דאס פנים אין די הענד, שאקעלט זיך און וויינט?... ער שטעלט זיך אפ און הערט זיך איין און דערהערט חנה'ס קול, ווי זי יאמערט:

— זעהט, אידישע קינדער, און נעמט אייך אראפ א מוסר, אויף וואס איך בין איבערגעקומען, רב יאסי דעם נגיד'ס טאכטער!... טאטע־מאמע זאלען איצט אויפשטעהן!...

בעלי־בתים קוקען זיך איבער, שמוצערען מיט די ליפען. ווייבער שאקלען מיט די קעפ, ווישען זיך די אויגען מיט די פארטיכער. איינער א איד א בעל־הבית שטעהט אקעגען קאפעל דעם אדוואקאט און טענה'ט מיט הענד עפים זעהר געשמאק און אביסעל פערשטעלט, אויף כתרילעווקער לשון:

— אט אזוי ווי דו קוקסט מיך אן, נעם איך צווישען יא און ניין און צעפאטש דיר פאוואלינקע די הינטישע מארדע דיינע, דו כלב שבכלבים, דו מסור, דו יאבעדניק, דו פארקויפטע נשמה!

נעבאך א רחמנות אויף קאפלען! וואס קאן ער ענטפערען אויף אזעלכע מאדנע דבורים? ער טרעט אפ צוריק, קוקט אויפ'ן עולם און האווקעט זיך אפ, ווי וויים ער קאן:

— האוו־האוו־האוו! וואס וויל ער, אידישע קינדער?... אנגעפאלען, טאמער ווייסט איהר וואס?... וואס בין איך שולדיג? מיין פרנסה, האוו־האוו... מע שיקט מיך, געה איך... דער סראק האט שוין לאנג פראסטראטשעט נא אסנאוואניע סטא טרידצאט פיאטאי סטאטי טאמא דיעסאטאווא טשאסטי פערוואי סווארא זאקאנאוו ראזשדאנסקיך, האוו־האוו־האוו...

דער זייטיגער עולם מישט זיך אריין, טרעטען אן אלע אויפ'ן אדוואקאט מיט'ן הינטישען פנים: אלע רעדען, אלע שרייען, אלע פילדערען, און אלע מיט הענד, און אלע אויף קאפלען. און אונזער העלד קוקט זיך איין, און עס זעהט אויס פון דער ווייטען, ווי א טיטשקע הינט האבען בעפאלען איינעם א הונט, אלע האווקען. און קאפעל האווקעט זיך אפ... נאר פלוצים וואכסט אויס א נייער פאר־שויז, גאווארילענקא דער פריסטאוו, א בעשעפעניש מיט א גראבען בויך, ווי א קעסעל־פויק. אז ער געהט, טרייסעלט זיך דער בויך. און רעדען רעדט ער זעהר געזונד אידיש, נאר ער ווארפט אריין פון יוצא וועגען א מאל א רוסיש ווארט אויך:

— גאספאדא! גאספאדא! אין שוהל אריין! דארט וועט איהר זיך רייסען, דארט וועט איהר זיך בייסען, דארט וועט איהר רעדען נער־גער־גער, ניט א־דא. פאזשאלאיטי וואן, גאספאדא!

דער עולם ווארפט אוועק קאפלען, רינגעלט ארום דעם פריס־טאוו און מע רעדט מיט הענד און אלע אינאיינעם:

— סטייטש, וואשע בלאגאראדיע!

— אזא רציחה, פאני!

— פאני, היתכן?...

— הישמע כזאת?...

* * *

פאר גרוים טומעל האט, אפנים, קיינער ניט בעמערקט אונזער יובילאר, מחמת אז ער האט געוואלט צוגעהן נעהענטער צו זיין אומ־גליקליכער חנה'ן און צו זיינע פערגליווערטע קינדער, וואס האבען אויסגעזעהן ווי ארויסגעראטעוועטע פון א שרפה, האט ער זיך בע־דארפט רעכט דורשטופען דורכ'ן עולם. און אז ער האט זיך שוין דורכגעשטופט דורכ'ן עולם, איז ער נישט צוגעגאנגען ניט צו זיין אומגליקליכער חנה'ן, ניט צו זיינע פערגליווערטע קינדער. ער האט נאר געזוכט מיט די אויגען איין ארט, וואו אוועקצוזעצען זיך, — אזוי מיעד האט ער זיך געפיהלט, אזוי אפהענדיג און אזוי

אויסגעמוטשעט איז ער געווען פונ׳ם דאזיגען וואונדערליכען פריה־מארגען.

גרויסארטיג, מאיעסטעטיש און ווי מיט א איראניש שמייכע־לע קוקט אראפ פונ׳ם קיהלען הימעל די סוף־זומערדיגע זונן אויף דער שטאדט כתרילעווקע מיט איהר בלאטע מיט איהרע קליינע מענשעלעך, וואס טיאפקען זיך אין דער דאזיגער בלאטע, און אויפ׳ן ארויסגעווארפענעם געזינדעל, וואס וואלגערט זיך מיט די בעבעכים אין דרויסען, און אויף אלע, וואס דרעהען זיך דא ארום, היצען זיך, אמפערען זיך, שעלטען זיך און זענען גרייט דורס זיין, איינשלינגען איינס דאס אנדערע איבער׳ן גראשען, איבער׳ן גראשען, איבער׳ן גראשען!...

גאנץ אליין, ווי א ווילד פרעמדען, זעהען מיר זיצען אויף איין ארויסגעשליידערט בענקעל דעם העלד פון דער דאזיגער קאמעדיע. נישט מיר זעהען, ער זאל ווינען, נישט מיר הערען, ער זאל בע־קלאגען זיך אויף עמיצען. נאר זיינע טיעף־טרויעריגע איבערגעצווי־גענע אויגען קוקען אויפ׳ן עולם מיט א פרעגענדיגען בליק, גלייך ווי ער וואלט וועלען ווימען, אויב ס׳איז ניט קיין חלום אט דאס אלעס, וואס ער זעהט אט־דא און וואס ער הערט אט־דא?...

— זאגט נור, גוטע, ליעבע מענשען, איז דאס נישט קיין חלום?...

ניין, ס׳איז ניט קיין חלום...

ליידער איז דאס ניט קיין חלום!...

און ער ווישט זיך מיט דער קאפאטע די גרויסע קאלטע טרא־פענס שווייס, וואס קייקלען זיך פון זיין שטארק געקנייטשטען שטערן.

## וועלוועל גאַמבעטאַ

געשריבען אין יאָהר 1903

# װעלװעל גאמבעטא

---

## א.

גאמבעטא איז געװען א איד, װעלװעל איז געװען א איד; גאמבעטא איז געװען א בלינדער אויף איין אויג, װעלװעל איז געװען א בלינדער אויף איין אויג; גאמבעטא איז געװען איין אדװאקאט, װעלװעל איז געװען איין אדװאקאט. דער גאנצער חסרון איז, װאס יענער גאמבעטא איז געזעסען אין פאריז, און דער גאמבעטא — אין כתרילעװקע. און אפשר איז דאס גאר א מעלה, ניט קיין חסרון? װארום לאמיר זיך ניט נארען, װאס װאלט געטהאן, למשל, דער פאריזער גאמבעטא אין כתרילעװקע? און װאס װאלט געטהאן דער כתרילעװקער גאמבעטא אין פאריז? א סך גלייבער, װאס דער פאריזער גאמבעטא איז געבליבען זיצען אין פאריז, און דער כתרילעװקער גאמבעטא איז געבליבען זיצען אין כתרילעװקע און זיצט דארטען אפשר עד היום הזה.

ערשטענס, האט ער ביי אונז א נאמען פון דעם גרעסטען קאפמענש: ער זאל ניט זיין קיין איד, װאלט ער געװען, זאגט מען, א מיניסטער; און מיר דאכט זיך, אז ס'איז א סך געזינטער, אז מע זאגט אויף א מענשען, אז ער װאלט ג ע ק א נ ט זיין, איידער אז ער א י ז שױן, װארום אז יענער א י ז שױן, איז ער שױן, און דער װאס איז נאך ניט, קאן נאך זיין; ער האט ביד, הייסט עס... והשנית, האט ער ביי אונז גאנץ שען פרנסה און דוקא בכבוד. דאס הייסט, ניט אלע מאל בכבוד, װארום א מאל מאכט זיך, מע האט בזיונות אויך, נאר מיט װעמען מאכט זיך ניט קיין בזיונות? װער קאן זיך דאס בעריהמען, אז ער האט אויף זיין לעבען נישט געהאט קיין אומכבוד? װאו איז דאס דער חכם און דער בריה, װאס קאן מאכען אזוי, אז ער זאל קיינמאל פון קיינעם קיין בזיון נישט האבען? איך רעד שױן ניט פון פעטש; קיין מענש אויף דער װעלט איז ניט בעװאהרענט פון איין אומגעריכטען פאטש... פאר װאס איז מיר

גראד געקומען אויף די גערדאנקען פעטש? ווייל די דאזיגע מעשה הויבט זיך אן מיט פעטש, און ווען ניט קיין פעטש, וואלט וועלוועל ניט געווען בלינד אויף איין אויג, און וואלט נישט געווען קיין אדוואקאט, און וואלט ניט געהייסען „וועלוועל גאמבעטא“, און איך וואלט ניט געהאט וואס צו שרייבען, דער דרוקער וואלט ניט געהאט וואס צו דרוקען, און איהר וואלט ניט געהאט וואס צו ליי־ענען. אצינד, אז גאט האט געטהאן א נס און ס'איז געווען פעטש, האט מען וועלוועלען ארויסגעזעצט איין אויג, איז ער געווארען איין אדוואקאט, און מע האט איהם א נאמען געגעבען „גאמבעטא“, און איך האב, ברוך השם, וואס צו שרייבען, און דער דרוקער האט וואס צו דרוקען, און איהר האט וואס צו לייענען. — געלויבט זאל זיין דער נאמען פון דעם, וואס לעבט אייביג און אויף אלע מאל, אמן.

---

## ב.

איך וויס, וויבאלד איהר הערט, מע רעדט פון פעטש, פון אידישע פעטש, אזוי קומט אייך אויפ'ן זינען א שוהל, גבאים, אתה הראית... ווארום וואו דען קאנען אידען שלאגען זיך, אז ניט אין קיין מקום קדוש? ווען דען קאנען אידען פאטשען זיך, אז ניט שמחת־תורה צו די הקפות? עס קאן זיין, אז איהר זענט אפשר גערעכט, נאר איצטיגעס מאל האט איהר דוקא ניט געטראפען (ניט אלע מאל טרעפט איהר!). ס'איז געווען ניט אין שוהל, נאר אין פאר־ליש, גיט אום שמחת־תורה, נאר חול־המועד־פסח, און ניט פאר אתה הראית, נאר פאר איין ווארט „אבאנענט“...

פארהאן א ווארט „אבאנענט“ און פארהאן א ווארט „אבאנע־מענט“: אבאנענט הייסט א פערשריבענער (אויף א בוך, א ציי־טונג, א בילעט, וכדומה), און „אבאנעמענט“ איז די טייטש „דאס זיין פערשריבען“. האט זיך בעדארפט טרעפען אזוי, אז עפים איי־נער א בחור'על (דאכט זיך, אז אפרים־יוסעל־משה־בערס) האט זיך

חול־המועד־פסח אין שוהל פאר זיינע חברים בעריהמט, אז ער האט זיך פערשריבען אין דער ביבליאטעקע אויף לייענען ביכער, איז איהם אויסגעקומען צו זאגען בזה הלשון:

— איך קאן אייך אנזאגען א בשורה, קינדער, אז איך בין שוין איין אבאנעמענט.

האט זיך אנגערופען איינער פון די איבעריגע בחורים:

— וואס הייסט דו ביזט איין „אבאנעמענט"?

מאכט ער:

— איך האב מיך פארשריבען אין דער שטאדט־ביבליאטעקע.

מאכט צו איהם יענער:

— הייסט דאך דאס, אז דו ביזט איין „אבאנענט", ניט „אבא־נעמענט".

מאכט ער:

— למאי נפקא מינה? „אבאנענט", צי „אבאנעמענט"?

מאכט צו איהם יענער:

— ס'איז א גרויסע נפקא מינה; ס'איז אזא חילוק, ווי, למשל, פון בניך ביז בוניך, אדער ווי פון יכבה ביז יבבה; אבאנענט הייסט אבאנענט, און אבאנעמענט הייסט אבאנעמענט.

און דערביי האט יענער בעוויזען מיט דער האנד, וועלכס הייסט „אבאנענט" און וועלכס הייסט „אבאנעמענט"; דאס הייסט, אייגענטליך, האט ער מיט דער האנד גארנישט אויסגעוויזען, נאר געמאכט האט ער מיט איהר, אזוי ווי מע מאכט, למשל, דעמאלט, ווען מע וויל געבען עמיצען גוט צו פערשטעהן, וועלכס הייסט „מאסיוו"; דערביי טהוט מען א רעכטען קוועטש מיט דער האנד און מע זאגט, אז מאסיוו ווערד אנגערופען א זאך, וואס איז מא־סיוו... און אזוי ווי יענער בחור האט פון די הענד ניט פערשטאנען דעם חילוק צווישען „אבאנענט" ביז „אבאנעמענט", האט ער אי־בערגע'חזר'ט נאך א מאל דאס אייגענע:

— אצינד הער איך אייך אלעמען פאר דריי פיטאקעס, ווארום איך בין מיר אליין איין אבאנעמענט.

— אבאָנעמט! — פּערריכט איהם יענער ווידער אַ מאָל.

— למאי נפקה מינה?

— ווידער אַ מאָל למאי נפקא מינה?

— ווער בעט דיך, זאָלסט מיך פּאַרריכטען?

— אַז דו זאָגסט שלעכט, פּאַרריכט איך דיר.

— פון וואַנען ווייסט דו, אַז איך זאָג שלעכט? טאָמער פאַרקעהרט?

— ווארום איך ווייס.

— זאָג איך, אַז דו ווייסט ניט.

— זאָג איך, אַז דו ביסט איין עם־הארץ.

— זאָג איך, אַז דו ביסט איין עזות־פּנים.

— זאָג איך, אַז דו ביסט אַ פּאַרכוטש און האָסט אַ טאַטען אַ שמאַרעוואַז און אַ פעטער אַ גנב!

— זאָג איך, אַז אַ ר...

מעהר האָט מען נישט געקאָנט האָפען, וואָס האָט דער גע־זאָגט און וואָס האָט יענער געזאָגט, מחמת עס זענען געפלויגען פּעטש פון ביידע צדדים; מענשען זאָלען זיך ניט געווען אַריינלעגען, וואָלטען זיי זיך אָפּגעביסען איינס דאָס אַנדערע די נעזער; נאָר מחמת מענשען האָבען זיך אַריינגעלעגט, האָט יענער דעם אָפּגעריסען נאָר אַ האַלבע קאַפּאָטע, און דער יענעם האָט אומגערן דערלאַנגט מיט׳ן עלענבויגען אין אויג אַריין, האָט יענער געגעבען אַ מאָדנעם געשריי און איז געפאַלען חלשות, האָט מען איהם גע־נומען מינטערען, און אַז מע האָט דערזעהן, אַז ס׳איז אויפגעלאָפען איין אויג, איז געוואָרען אַ גרויסער גוואַלד און מע האָט געבראַכט דעם דאָקטאָר, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז ס׳איז פאַרפאַלען דאָס אויג, איז דער גוואַלד געוואָרען נאָך גרעסער. סטייטש, איין אויג! אַרויסגעזעצט איין אויג! אויג היינט, אויג מאָרגען — יענער איז געבליבען אָהן איין אויג. און דער דאָזיגער „יענער“ דאָס איז געווען וועלוועל.

---

## ג.

פון דער דאזיגער מעשה מיט'ן אויג פערשטעהט איהר, אז דאס איז געווען אין דער צייט, ווען די השכלה איז כתרילעווקע האט שוין געגרייכט אזוי ווייט, אז מע האט שוין געקאנט רעדען פון אזעלכע ענינים בפרהסיה. איין עק — אוים בוידעם, אוים קעלער, אויכ אונטער'ן־אויווען, אוים בעהאלטען זיך אין פערבארגענע ערטער און זינדיגען דארטען שטילערהייד מיט יצחק בער לעווינזאהן, מיט מאפו און מיט סמאלענסקין. אפענטליך, אידישע קינדער! בפרהסיא, כתרילעווקער בחורים'לעך, פרעהט זיך! מע האט אייך ארויסגעלאזט אויף גאט'ס וועלט! מזל טוב אייך, טהיר און טהויער זענען פאר אייך אפען! לויפט, ווייסע־חברה'ניקעס, גיכער, פערחאפט ערטער, נאר שאנעוועט אייך, זייט וואוילע קינדער, ווארום אט־אט רוקט זיך אן א חמארע, אט פערמאכט מען די „חדרים" סאמע אונטער אייער נאז; איהר וועט קלאפען. און מע וועט אייך ניט עפענען: איהר וועט שרייען, און מע וועט אייך ניט הערען: די האר וועט איהר אויף זיך רייסען און וועט זאגען: חבל על דאבדין — געווען אמאל יאהרען, אי, יאהרען!

סאמע אין די דאזיגע יאהרען האט אונזער רב וועלוועל גענאשט פון דער ציוויליזאציע א סך ביכער און א סך פרעמדע ווערטער (ער האט געוואוסט כמעט דאס גאנצע ווערטערבוך אויף אויסוועניג), און דערביי איז ער געבליבען, און ווען עס זאל זיך איהם ניט געווען טרעפען דאס אומגליק מיט'ן אויג, וואלט ער, ווי א סך אנדערע בחורים, אפשר געפאהרען שטודירען, וואלט געענדיגט דאקטאר אדער יוריסט און ער וואלט געווען אפשר א מפורסם אין דער וועלט. נאר אזוי ווי עס האט זיך איהם געטראפען יענער אומגליק מיט'ן אויג, האט ער זיך אפגעשטעלט אויף דעם ארט, וואו ער האט געהאלטען. און מחמת ער איז געווען פארט א מענש פון ביכער און פון פרעמדע ווערטער. און א הענטעל האט ער געהאט א שענס, און א קעפעל האט ער געהאט א שארפס, האט ער זיך גענומען צו „א־

וואקאטור״, דורכגעקוקט רעכט דעם נייעם „שלחן־ערוך״, אויסגע־
לערענט דעם גאנצען „סוואד־זאקאנאוו״ אויף אויסווענינ און אויפ־
געהאנגען א צעטעל ביי דער טהיר:

## ПовѢренный по дѢламъ

און אויסגעמאהלט א טינטער מיט א לאנגער פען — א סימן,
אז דא שרייבט מען, און דאס איז געווען היילינ, מחמת רעדען האט
מען דא נישט גערעדט, נאר געשריבען און נאר געשריבען.

דאס פאפיער, וואס וועלוועל האט אנגעשריבען, איז געווען
אזוי גוט, אז מע זאל אויספאהרען וועלטען, וועט מען בעסער ניט
אנשרייבען; אזוי האט געזאגט וועלוועל אליין און אזוי האבען גע־
זאגט ביי אונז אלע די, וואס האבען א שטיקעל ידיעה אינ׳ם עניז
פון שרייבען. פאר זיין שרייבען האט מען זעהר מורא געהאט, גע־
ציטערט אימת מות, מחמת אז ער האט גענומען די פען אין האנד
און האט אנגעהויבען שרייבען, האט זיך ביי איהם גענאסען ווי פון
א פאס. ער האט מיט זיין שרייבען אנגעשפארט אומעטום, וואו
איהר ווילט — צום גובערנאטאר, צום מיניסטער, און וואו ניט?
דערפון קאנט איהר חלילה מיינען, אז מיין וועלוועל איז געווען א
מוסר אדער א יאבעדניק? אסור! פארהאן אלערליי מוסרים מיט
אלערליי יאבעדניקעס אויף דער וועלט, און מעהר ווי אומעטום זע־
נען זיי, ניט אויסגערעדט זאל זיין, פארהאן ביי אונז, ביי אידען,
הייסט דאס: איינער מסר׳ט דעם אנדערען דערפאר, וואס יענער
האט ביי איהם צוגענומען פרנסה, און איינער מסר׳ט דעם אנדערען
צוליעב דעם, ער זאל ביי יענעם צונעמען פרנסה... איינער מסר׳ט
דעם אנדערען דערפאר, וואס יענעם איז צו גוט, און איינער מסר׳ט
דעם אנדערען דערפאר, וואס איהם אליין איז נעבאך ניט גוט...
און ווידער איז פארהאן אזעלכער, וואס שרייבט אן אויף יענעם
א מסירה׳לע גלאט אזוי, אהן א שום סיבה און אהן א שום טעם,
פון היימליכקייט וועגען; ער איז, פערשטעהט איהר מיך, א בעל
אנקוקען, וואס ווערט זיין דערפון... די דאזיגע אלע מינים מוסרים,
וואס מיר האבען אויסגערעכענט, חתמנ׳ען קיינמאל זייער נאמען

נים. מען קאן זיי פערגלייכען צו דעם געווימען סארט „פערביסענע“ הינד, וואס פאלען אן אויף אייך תמיד פון הינטען, טהוען אייך א האפ ביי דער ליטקע, לאזען אייך בלוט אדער זיי רייסען אפ א פאלע, פערבויגען דעם עק — און א גוטען טאג.

---

## ד.

נייז, נישט פון דעם מין איז געווען וועלוועל גאמבעטא.

ער איז געווען איין אדוואקאט, און זיין אדוואקאטור האט ער געפיהרט מיט זיין אייגענער סיסטעם. זיין סיסטעם איז בעשטא־נען אין ציהען, אפציהען, פערציהען, אוועק־ציהען: און וואס מעהר געצויגען, אפגעצויגען, פערצויגען און אוועקגעצויגען — איז אלץ בעסער (פאר איהם, געוויינטליך). היינט האט ער ליעב געהאט פאפירען א סך, א פאפיער און נאך א פא־פיער, א פאפיער אויף א פאפיער — אזוי פיעל פאפירען, אז אי־בער די פאפירען האט מען דעם עסק קיינמאל נים ארויסגעזעהן נאר פאפירען.

— וואס הערט זיך, רב וועלוועל, מיט מיין עסק?

— וואס זאל זיך הערען? מע בעדארף דערלאנגען נאך איין פאפיער, וועט שוין זיין גוט.

— פאר וואס זשע דערלאנגט איהר נים דאס פאפיער?

— איך קאן נים דערלאנגען דאס פאפיער, ביז איך וועל נים ארויסנעמען א פאפיער, אז איך האב איינגעגעבען די פאפירען.

— פאר וואס זשע נעמט איהר נים ארוים דאס פאפיער?

— אט דאס שמועסט מען דאך, אז איך בעדארף איינגעבען א פאפיער, אז איך וויל ארויסנעמען א פאפיער, אז איך האב איינגע־געבען די פאפירען.

— א מעשה אהן איין עק מיט אייך, רב וועלוועל!

— לוינט אייך נים? טא זוכט אייך איין אנדער אדוואקאט, א בעסערען פון מיר.

נאר ס'איז בלאטע. יענער וועט זיך ניט זוכען קיין אנדער אדוואקאט. און וועלוועל וועט ברענגען פאפיערען, און ציהען ווי־פיעל עס וועט זיך לאזען. ווארום ער איז פארט דער בעסטער פון אלע אדוואקאטען אין כתרילעווקע. יאסעל דער אדוואקאט האט נאר א צינגעל א שארפס. אי דאס — ביי זיך אין דער היים; דאר־טען — גארנישט... מענדעל קראפאון — דאס איז דאך איין עס־הארץ, א ביזי־בזיון פאר'ן סודיא; ער שמיצט איהם גאנץ אפט די פראשעניע אין פנים אריין: שטיוועל, זאגט ער, דארף ער פוצען, ניט קיין פראשעניעס שרייבען... סאלאווייטשיק איז אפילו יא א שטיקעל קענער, כלומר'שט געענדיגט, זאגט ער, דריי קלאסען. איז ער א זשוליק, א פראסטער גנב. איין ירחמיאל איז א לייטישער מענש, איז ער אבער א גאנצער פריץ און א שווייגער; די וועלט האט פיינט א מענשען, וואס שווייגט: די וועלט האט ליעב א מענ־שען, וואס רעדט, בפרט איין אדוואקאט בעדארף זיך לאזען רעדען. וואס דארפט איהר איין אדוואקאט — אפילו א דאקטאר; דאכט זיך, אין פלוג, וואס געהער זיך אז א צונג מיט א דאקטאר? פון דעסטוועגען איז אויך איינגענעהמען, אז ער לאזט זיך רעדען. אט איז פארהאן ביי אונז וויפיעל דאקטוירים, האט קיינער ניט אזוי פיעל פראקטיקע, ווי דער שווארצער דאקטאר האט, ווארום דער שווארצער דאקטאר, אז ער קומט צום חולה, פרעגט ער ביי איהם אוים ניט נאר, וואס ער האט נעכטען געגעסען, נאר איטליכם ברע־קעל טאפט ער ביי איהם אוים: פון וואנען ער איז, און וויפיעל ער איז אלט, און צי איז ער א בעווייבטער, און וויפיעל קינדער האט ער, יונגלעך צי מיידלעך, און וואס צאהלט ער דירה־געלד, און פארוואס ברענט די לאמפ אזוי פינסטער, און למאי האט דאס קליינע קינד אזא גרויסען פופיק, — זאגט איך, וואס איהר ווילט. ס'איז א מחיה! אזא דאקטאר, אז ער קומט צו געהן, ווערד ליכטיג אין שטוב און פרייליך אויפ'ן הארצען; דער חולה אליין פיהלט זיך א סך בעסער ווי פון דעם בעסטען רעצעפט; וואס דארף ער א רע־צעפט, זאגט ער, אז דער דאקטאר איז מיר אליין א רעצעפט? פונקט

דער היפך פון יענעם דאקטאר אין יעהופעץ, וואס איך בין געווע‍ן ביי איהם, ניט היינט געדאכט, מיט מיין ווייב זאל לעבען. מיין חיה־עטעל, דארפט איהר וויסען, איז אזוי אויך גענוג נערוועז, היינט שטעלט אייך פאר, אז דער חכם הייסט זיך בעווייזען די צונג און טהוט א מאך מיט דער נאז, טהוט א טאפ דעם דופק און א מאך מיט דער נאז, זיצט די גאנצע צייט ווי א חתן — ער זאל דאס ארויסלאזען א ווארט, און פלוצים פערגלוסט זיך איהם א פרעג טהון ביי איהר:

-- וואוהין רעכענט איהר פאהרען אויפ'ן זומער?...

מיין חיה־עטעל האט מעהר נישט בעדארפט: זי איז געווארען אוים מענש און האט מיך אנגעהויבען צו טרייבען, מיר זאלען שוין פאהרען וואס גיכער קיין אויסלאנד — אין די „ווארעמבעדער", און אז איך האב זי א פרעג געטהאן, וואס איז אזוי דאס גיכקייט? איז זי אויף מיר אנגעפאלען און געזאגט, אז זי זעהט שוין לאנג, אז איהר לעבען איז ביי מיר ווערטה א דרייער, אז איך וויל, אז זי זאל חלילה שטארבען, און נאך כדומה אזעלכע ווערטער האט זי מיר געזאגט, ווי דער שטייגער איז פון א ווייב, אז זי וויל דערגעהן דעם מאן די יאהרען — און אלץ איבער איהם, איבער'ן דאקטאר פון יעהופעץ... נאר שאט! איך האב אנגעהויבען פון אדוואקאטען און בין ארויף אויף דאקטוירים. לאמיר זיך אומקעהרען צוריק צו אונזער אדוואקאט וועלוועל גאמבעטא.

---

## ה.

נאך איין זאך איז געווען אין וועלוועל'ס סיסטעם — עדות. צו יעדען ענין איז ביי איהם געווען עדות און עדות אויף עדות. אינ'ם שכל פון עדות האבען געשטעקט צוויי זאכען: ערשטענס, האט מען צוליעב די עדות געקאנט ציהען, אפציהען, פערציהען און אוועקציהען וויפיעל ער האט אליין געוואלט, ווארום צווישען א סך

עדות מוז זיך מאַכען, אַז איינער ווערד נישט געזונד, איינער פאָהרט אוועק און איינער האָט גלאַט פערגעסען, אַז מע רופט איהם אַרויס פאַר איין עדות. און, צווייטענס, האָט ער מיט די עדות גופא געפיהרט אַ פאָליטיקע, אַ משונה־מאָדנע פאָליטיקע, װ ע ל װ ו ע ל ׳ ס פ אָ ל י ט י ק ע.

נאָר דאָ מוז איך אָפּטרעטען אויף אַ ווײַלע פון די עדות און אויסזאָגען אַ סוד (צווישען אונז ווערט דאָך עס מסתמא בלייבען ?). אַז אונזער װעלװעל האָט צום מיינסטען געפיהרט עסקים פון ביידע צדדים, דאָס הייסט, ער האָט בעוויזען אַ קונץ, אַז ער האָט געקאָנט זיין אין איין צייט אַדוואָקאַט פון ביידע צדדים. סע פערשטעהט זיך, אַז איינער פונ׳ם אַנדערען האָט נישט געטאָרט וויסען, און איטליכער צד האָט גערעכענט, אַז װעלװעל — דאָס איז זיין צד.

איהר ווילט וויסען, ווי אַזוי ער האָט דאָס געטהאָן? גאַנץ פשוט! שטעלט אייך פאָר: איהר זענט געקומען צו װעלװלען מיט אַ בקשה, ער זאָל איינגעבען אויף מיר אַ פּאַפּיער, אַז איך האָב אייך דאָס און דאָס. האָט ער קודם כל צוגעזאָגט, אַז ער ווערט מיך גאָט ווייס וואָס, סיביר אַליין איז אַ הונד קעגען דעם, וואָס מיר קומט דערפאַר! און בשעת־מעשה פייערט ער אויף מיר מיט סכנות נפשות: סטייטש, סטייטש, א י ך זאָל אַזעלכעס טהון! ער זאָל זיך, זאָגט ער, זעהן מיט מיר, וואָלט ער מיר געזאָגט אַזוי און אַזוי!

— איך מוז זיך, זאָגט ער, זעהען מיט איהם, איך וועל איהם, זאָגט ער, אומיסטען שיקען רופען, דעם דאָזיגען פּאַדליעץ!...

אַזוי זאָגט אייך װעלװעל און שיקט מיך רופען און מאַכט צו מיר אַזוי:

— וואָס זאָגט איהר אויף דעם שייגעץ? (ניט איך, װעלװעל זאָגט דאָס). לאָ די ער האָט אייך אַזוי געזידעלט, וויל ער נאָך אויף אייך איינגעבען אַ פּאַפּיער! ער איז ביי מיר געוועזען. האָב איך איהם מסתמא געזאָגט, אַז איהר זענט גערעכט, ניט ער. וואָס־זשע דען? איהר קענט דאָך מיך, אַז איך בין נישט קיין מענש פון חניפה, און

נעמען אויף זיך פיהרען אייך דעם דאזיגען עסק וועל איך אויך ניט...

שלאג איך איהם מסתמא איבער און פרעג ביי איהם:

— פאר וואס?

ענטפערט ער מיר:

— איך וויל נישט. קוים איז יענער געווען ביי מיר, פאסט מיר ניט.

הויב איך דאך איהם אן איינרעדען:

— מילא, וואס יענער איז געווען; למאי אט בין איך אויך?

הקצור, אזוי לאנג אזוי ברייט, ביז איך רעד איהם איבער און ער נעמט אן דאס עסק און ווערד מיין אדוואקאט.

נאכדעם הויבט זיך אן — א חתונה מיט די עדות. ער אליין שטעלט צענויף די עדות פוןביידע צדדים און פיהרט דאס געשעפט פון איינעם צום אנדערען אזוי קונציג, אזוי בריה'ש, אז די עדות צווישען זיך מוזען סוף־כל־סוף זיך צעקריעגען, אויסזידלען איינס דאס אנדערע גאנץ בעל־הבתיש, און פאר וואס זאל מען זיך טאקי ניט פאטשען אויך? אט דעמאלט האט ער ערשט וואס צו טהון — א פרישע פראקטיקע. די צעקריעגטע און צעפאטשטע עדות האבען דאך, געוויינטליך, זייערע עדות, וואס זענען געווען בשעת פאטשען זיך, און וויבאלד זיי קומען זיך צענויף צו וועלוועל „סוואד־זאקאן", מוזען זיי זיך סוף־כל־סוף צעקריעגען זיך, אויסזידלען איינס דאס אנדערע און צעפאטשען זיך — ווידער א פראקטיקע פאר וועלוועלען.

---

ו.

איין חסרון האט געהאט וועלוועל גאמבעטא (איהר האט א מאל געזעהן א מענשען אהן א חסרון?): ער האט נישט געקאנט הויזען מיט קיין ווייב. א ווייב האט מיט איהם מעהר נישט געקאנט אפ־זיין ווי א יאהר, העכסטענס — אנדערהאלבען.

דערפון איז צו פערשטעהן, אז וועלוועל האט געהאט ניט איינע, נאר עטליכע ווייבער. איהר מיינט, עטליכע מיט א מאל? חס וחלילה! אזוי ווייט „קולטורנע“ איז כתרילעווקע נאך ניט, אז א איד זאל זיך דארט פערגינען, ווי כדומה אין ליטישע שטעדט, וואו אידען טהוען נאך אנדערע און האבען א ווייב, און נאך א ווייב, און נאך א ווייב; כתרילעווקער אידען דאנקען גאט, אז זיי קאנען אויסהאלטען איין ווייב. זיי זאגען, אז איין ווייב קאן אויך מאכען גרוי און אלט, אויב זי האט א שענעם גוסט און איז בעקאנט מיט'ן שניידער און מיט דער מאדיסטקע; און ווער שמועסט, אז זי מיינט, אז זי קאן א ביסעל „צימבלען אויפ'ן טאפשטאן“, אויב זי האט געליענט אויף איהר לעבען נאר איין ביכעל און געווען צוויי־דריי מאל אין טהעאטער און קאן שפיעלען אין „סטוקעלקע“ און אין „טערטעל־מערטעל“, — דעמאלט איז שוין אז אך און ווה דעם מאן! ער מוז שוין אין זינען האבען ווינטער א זשורפיקס האטש איין מאל אין וואך, און זומער א דאטשע, און „עס זוהי אין גימנאזיע, און דער טאכטער א סטודענט, — הקצור, ס'איז א רחמנות אויפ'ן מאן, א צער־בעלי־חיים, מיר קאנען איהם גארנישט העלפען, סיידען מיט א קרעכץ... און לאמיר זיך אקארשט אומקעהרען צוריק צו אונזער וועלוועלען מיט זיינע ווייבער.

דאס ערשטע ווייב זיינס איז געווען טאקי א אונזעריגע, פון כתרילעווקע, הייסט דאס, יאסי דעם לעכטציהערס א טאכטער, א האמיידעל גלייך מיט אלע מיידלעך, א בעל־הבתיש קינד. מענשען האבען שטארק מקנא געווען יאסי'ן אויפ'ן שידוך: מיט אזוי ווינציג נדן נעמען א חתן א „קענער“, דעם „סוואד־זאקאן“ אליין! צום סוף האט זיך אויסגעלאזט, אז יאסי'ס טאכטער האט באלד נאך דער חתונה אנגעהויבען זאגען, אז זי וויל מיט איהם ניט „לאכען“. פאר וואס? זי האט מורא!... וואס האט זי מורא? זי האט מורא, ער זאל ניט אויסלאדען די קלייטען. וואסערע קלייטען? וועמענס קלייטען? און וואס געהער זיך דאס אן מיט איהר? נאר געה טענה מיט א נקבה! זי האט זיך ארייגענומען אין קאפ

אריין „קלייטען“ — חאטש בראך זי ווי לאקשען, זי וויל איהם ניט קענען!

סע פערשטעהט זיך, אז כתרילעווקע האט זיך ניט בענוגענט מיט אזא תירוץ: וואס מיר קלייטען? ווער מיר קלייטען? דא קעהר זיין איין אנדער סוד, מסתמא אזא מין זאך, וואס פאסט ניט אויסצוזאגען... און עס האבען אנגעהויבען געהן אין שטאדט מעשיות מיט מעשיות מיט מעשיות! און די מעשיות, וואס מע האט דער־צעהלט, האט מען דערצעהלט איינער דעם אנדערען בסוד, אין אוי־הער אריין, און בשעת־מעשה האט מען זיך ארומגעקוקט, צי ס'איז נישטא קיין ווייבער דערביי, און מע האט זיך געשטיקט פאר גע־לעכטער.

— וואס פאר א געלעכטער אויף אייך? — זאגען די ווייבער. — דערצעהלט אונז, לאמיר אויך לאכען.

די דאזיגע ווערטער רופען ארויס ביי די מאנסבילען נאך א גרעסערען געלעכטער. דעמאלט ווערען די ווייבער שוין אביסעל בייז און הויבען אן מיט כעס:

— זעה־נאר, ווי דער נאר שטופט זיי! זאגט שוין אויס, וואס איז דאס פאר א וויסטער געלעכטער אויף אייך?

אט דעמאלט הויבען די מאנסבילען ערשט אן צו לאכען, האל־טען זיך ביי די בייכער, ממש מע קאטשעט זיך פאר געלעכטער!

---

ז.

בקצור, וועלוועל גאמבעטא האט זיך אפגע'גט מיט יאסי'ס טאכטער (בריינדעל האט זי געהייסען, זי האט חתונה געהאט דאס אנדערע מאל און איצט איז זי אין אמעריקע). און איז לאנג קיין אלמן נישט געזעסען און האט געבראכט צו פיהרען א ווייב פון א קליין שטעדטעל, אויך א מיידעל, אפגעלעבט מיט איהר אקעגען א יאהר און האט זיך שטילערהייד מיט איהר אפגע'גט און איז

אוועקגעפאהרען קיין בערדיטשעוו און האט געבראכט צו פיהרען פון דארטען א גאנצע „מאדאם מיט א הוט", געמאכט מיט איהר וויזיטען, איינגעפיהרט ביי זיך א שטוב מיט מעבעל, מיט זשורפיקסען, מיט יונגעלייט, וואס שפּ'עלען אין „סטוקעלקע" און אין „טערטעל-מערטעל"; עס האט אבער ניט געהאלפען ניט די שטוב, ניט דאס מעבעל, ניט די „סטוקעלקע" מיט'ן „טערטעל-מערטעל". — אין א שענעם פריהמארגען זענען זיי אוועקגעגאנגען צום רב און מע האט געשריבען א גט, און די „דאמע מיט דער הוט" איז אוועק צוריק קיין בערדיטשעוו.

אז וועלוועל גאמבעטא איז נאך דער מעשה אוועקגעפאהרען חתונה האבען נאך א מאל, האבען די כתרילעווקער לצים, די וואס האבען ליעב חוזק מאכען פון דער גאנצער וועלט, איהם געגעבען איין עצה: וואס דארף ער פאהרען חתונה האבען, ברענגען דאס ווייב און נאכדעם גט'ען זיך? אמעהר לאז ער דארטען מאכען אויפ'ן ארט א חתונה מיט א גט אינאיינעם.

דערויף האט זיי וועלוועל געענטפערט, אז אזעלכע חכמים ווי זיי איז טאקי זעהר ווינציג אויף דער וועלט, ס'איז איהם נאר א הדוש, וואס זיי געהען אהן שטיוועל... און נאך כדומה אזעלכע שטעכווערטער האט ער זיי אריינגעזועצט, אז זיי האבען נישט געוואוסט, ווי אזוי אוועקצוגעהן פון איהם, — און אליין איז ער אוועקגעפאהרען קיין ווארשא און געבראכט פון דארטען עפּיס א מין שלאק מיט אריינגעשטעלטע צייהן און מיט א מאדנעם שלייער אויפ'ן קאפ און מיט א מין משונה מאדנע לשון, וואס אין כתרילעווקע האט מען אזעלכם נאך נישט געהערט קיינמאל. דהיינו?

ערשטענס, האט זי גערעדט גיך. שייך זאגן גיך? איידער זי האט ארויסגעלאזט דאס ערשטעווארט, זענען שוין פינף-זעכס ווערטער געפלויגען אויף צופריהער, איינס איבער דאס אנדערע, מורא געהאט, מע זאל חלילה ניט פערשפּעטיגען, און איידער זיי זענען ארויסגעפלויגען פונ'ם מויל, זענען שוין געשטאנען גרייט צעהן אנדערע ווערטער אויף ארויסצופליהען.

דאס איז נומער איינס. והשנית, האט זי גערעדט מיט א קוויטש און מיט א ניגון, ווי פון „אקדמות“, אויסגעמישט מיט „כגוונא“, און אויסגעלאזט אלע מאל מיט איין „אי־ווײ“ און מיט א לאנגען „ני?“ און מיט א געלעכטער פון א פאווע, בעוויזען בשעת־מעשה די אריינגעשטעלטע צייהן און געטרייסעלט מיט׳ן שלייער, — האט דאס טאקי געהאט דעם זיבעטען חן. אויף חדושים איז מען געגאנגען קוקען אין כתרילעווקע אויף דער ווארשעווער „יפהפיה“ מיט די אריינגעשטעלטע צייהן און הארכען, ווי זי גראגערט און ווי זי קוויטשעט און ווי זי זינגט, און זיך האלטען ביי די זייטען פאר געלעכטער. מע דארף נישט קיין טהעאטער, האבען זיי געזאגט... איין עבירה, כלעבען, וואס זי האט זיך אין כתרילעווקע לאנג נישט געהאלטען — סך הכל איין זומער: ווארום ס׳איז געקומען ארום יום־טובים־צייט, האט ער זיך מיט איהר גע׳גט, און זי איז אוועקגעפאהרען צוריק קיין ווארשא — און פון דעמאלט אן האט שוין וועלוועל גאמבעטא מעהר נישט חתונה געהאט און איז פערבליבען איין אלמן עד היום הזה.

אפשר ווייסט איהר פון זיינעטוועגען א שידוך?

# אַלע ווערק פון שלום-עליכם

## פון צוויי וועלטן

שלום-עליכם פאָלקס-פאָנד אויסגאַבע — ניו-יאָרק, 1927

Copyright, 1923, by Olga Rabinowitz
(Sholom-Aleichem), New York, N. Y.

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA

# פון צווי וועלטען

דראמאטישע שריפטען

# אינהאלט

שווער צו זיין א איד . . . . . . . . . . . . 7
טביה דער מילכיגער . . . . . . . . . . . . 165

# שווער צו זיין אַ איד

אַ קאמעדיע אין פיער אקטען מים אַ פארשפיעל און מיט אַ עפילאג.

געשריבען אין יאהר 1914.

# פערזאנען:

**ד ו ד  ש פ י ר א.** א בכבוד'ער איד, א בעל־הבית, מיט א שענער שווארצער, עטוואס גרויליכער, הערצל־בארד. קרוב צו פופציג. געווען אמאל איין עושר, איצט א מעקלער אויף דער בערזע. געהט זויבער געקליידט. האלט זיך שטאלץ. רעדט מיט אזא טאן, וואס אלע דארפען איהם הערען. א הייסער טעמפעראמענט.

**ש ר ה  ש פ י ר א.** זיין ווייב. יונגער מיט א פאר יאהר פון איהם. א פראסטע, נאר נישט קיין נארישע אידינע. געווען אמאל א גאנץ שענע.

**ב ע ט י.** זייער טאכטער. א גימנאזיסטין פון לעצטער קלאס. א שענהייט. א ביסעל א קאפריזנע. נייענצעהן יאהר אלט.

**ס י א מ ק ע.** זייער זוהנדעל. א ריהרעוודיג בר־מצוה־יונגעל. א גימנאזיסטעל פון דריטער קלאס.

**ש נ י א ו ר ס א ן.** געענדיגט גימנאזיע. א יאהר צוויי און צוואנציג. א בחור פון איין עכט־אידישען טיפ. שווארצע, עטוואס געגרייזעלטע האר. א ביסעל איין אויסגעבויגענע סעמיטישע נאז. ברענענדיגע אויגען.

**א י ו ו א נ א ו ו.** זיין חבר. א כריסט. גלייך מיט שניאורסאנען געענדיגט גימנאזיע. א טיפ פון איין עכטען רוס. רויטע באקען, ליכטיגע גלייכע האר, קאצאפיש אונטערגעשוירען.

**ג ר י נ ס ב ע ר ג.** א סטודענט. איין אויסגעפוצטער. א ביסעל איין אסימילירטער.

**פ ר א ט ק י ן.** א סטודענט. א ציוניסט.

**ה ו ר ו ו י ט ש.** א געוועזענער עקסטערן, איצט א לעהרער. פארשריבען אלס זייגערמאכער. רעדט מיט דער ליטווישער אויסשפראך.

**ר ב  ל ו י  ה י י ל פ ע ר י ן.** א מארערנער רב, איין ארטאדאקס. זויבער געקליידט. א רייגער שווארצער סורדוט. א זיידען יארמעלקעלע אויפ'ן קאפ. א שען בערדעל. נישט קיין לאנגע פאות.

**קאלווארסקי.** ראבינער. איין אלטער מאן מיט צוויי ארדענס אויף דער ברוסט.

**גוראריה.** א הויכער, א טרוקענער.

**שערעשעוויצקי.** א נידעריגער, א געפאקטער, מיט איין ארדען.

**בערנשטיין.**
**מאנאסעוויטש.** } ביידע געגאלטע.

**קעצעלע.** א קליין אידעל. שטארק באוואכסען. א ביסעל א יאדישליווער. רעדט גיך און צוויי מאל א ווארט. אנגעטהאן א קורץ ווייטיקעל, איין אפגעבארעט קאפעלישעל. דרעהט זיך ביי דער בערזע.

**א חאליאסטרע מיידלעך.** בעטי'ס חבר'טעס. גימנאזיסטקעס. אלע אין גרינע קליידלעך, שווארצע פארטיכלעך, ווייסע קעלנערלעך מיט מאנשעטלעך. לאכען חי־חי־חי און מאכען קניקסענס.

**א קאמפאניע גימנאזיסטען.** אלע — רוסישע טיפען. אלע אין אוניפארמס מיט ווייסע קנעפלעך.

**דער שמש** ביי רב לוי היילפערין.

**דער עלטסטער** פון די זשאנדארמען.

**פאליציסטען, זשאנדארמען, נאדזיראטעלים, א דווארניק מיט א בלעכעל, פאסאזשירען און טרעגערס אויף דער באהן, איין אבערקאנדוקטאר, קעלנערס אין רעסטאראן.**

**ארט:** דער פארשפיעל קומט־פאר אין א רוסישער שטאדט. אלע פיער אקטען מיט'ן עפילאג שפיעלען זיך אפ אין א גרויסער שטאדט פון דער אידישער „טשערטא“ אין רוסלאנד, וואו ניט אלע אידען מעגען וואהנען. **צייט:** 1913—1914.

# באמערקונגען פונ'ם פארפאסער.

מע בעט זעהר העפליך די ארטיסטען, זיי זאלען זיין ווי ווייט מעגליך נאטירליך גרימירט, ניט אנקלעפען קיין בערד, אין די באוועגונגען ניט איבערטרייבען, ניט קרימען זיך אויף צו מאכען לאכענדיג דעם עולם, ניט צולעגען קיין אייגענע ווערטער, און בכלל זיך גוט צוהערען צו די רעמארקעס און גוט איינשטודירען די שפראך פון דעם אריגינאל.

אין די ערטער, וואו ס'איז אנגעצייגט, אז מע רעדט אויף אידיש, באדארפען די שוישפיעלער דאס ארויסבאווייזען מיט א באזונדערער באטאנונג און מיט א באזונדערער באוועגונג צו דער פערזאן, צו וועלכער מע רעדט, אזוי, אז מע זאל עס ארויסזעהען און פיהלען.

דאס רעקוויזיט ביי'ם אויסשטאטען די סצענע איז פריי.

דער עפילאג קאן געשפיעלט ווערען און ניט געשפיעלט ווערען — עס העננט אפ פונ'ם פרייען ווילען פון דער רעזשי.

# פּאַרשפּיעל

אַ באַזונדער קאַבינעט אין אַ גרויסאַרטיגען קאַפע־רעסטאָראַן. שען מעבלירט. הויכע שפּיעגלען. ביי די זייטען ווייכע סאָפעס, סאַמעטענע פאָטעלען. אויף די ווענט בילדער, דיוואַנעס. ביי דער זייט אַ פּאַרטעפּיאַן. אין מיטען קאַבינעט אַ גרויסער, מיט ווייסען געדעקטער, טיש. אויפ׳ן טיש — פון כל טוב. אַ סך פלעשלעך מיט אַלערליי משקאות. צווישען זיי אַ סך לעדיגע. כל־ערליי פאַרבייסענס, נאָר אַלץ אין דער גרעסטער אומאָרדענונג. שטאַרק אַנגערויכערט און אָנגעוואָרפען. — ס׳איז אַ קערמעשעל פון אַ שטיק עטליכע און צוואַנציג יונגעלייט, נאָר־וואָס געענדיגט אַכט קלאַסען גימנאַזיע, וואָס דאַרפען אין גיכען אַריין אין אוניווערסיטעט. פאַר׳ן צעשיידען זיך פאַרברענגט מען אַ גוטע שעה און מע טהוט אַ לעב־אונטער. שוין ביי׳ם ערשטען אָנהויב, אַז דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף נאָר האַלב און מע זעהט נאָך כמעט גאָרניט, הערט זיך שוין דאָס געוויסע סטודענטען־ליעד מיט׳ן געוויסען ניגון:

„גאַאודעאַמוס איגיטור
יוועניס דום סוממוס,
פּאָסט אוקונדאַם יווענטוטעם
נאָס האַבעביט הומוס...“

נאָך די צוויי סטראָפען הויבט זיך אויף דער איבעריגער טייל פאָרהאַנג, און דער באַל שטעלט זיך פאָר אין פולען גלאַנץ. דער עולם איז שוין רעכט בגילופין. דאָס זענען לויטער גימנאַזיסטען, יונגערע און עלטערע, אַלע אין זייער אוניפאָרם, מיט ווייסע קנעפּלעך, אין פאַרשיידענע פּאָזען: ווער סע קלאַפּט אויפ׳ן פּאַרטעפּיאַן, און ווער עס זיצט אין מיטען קאַבינעט אויף דער ערד, און ווער עס ליגט אויסגעצויגען אויף דער סאָפע, און ווער — גאָר אויפ׳ן טיש. ווער עס רויכערט, און ווער עס האַלט אַ כוס אין דער האַנט. פריילעך זענען אַלע. מיט׳ן פּנים צום עולם שטעהט װ אַ ניאַ איוואַנאָװ,

דיריזשירט מיט א לעפעלע דעם כאהר, וואס ענדיגט דאס ליעד מיט די ווערטער:

„גאאודעאמוס איגיטור
יווענוס דום סוממוס...“

דער דיריזשאר איוואנאוו דערלאנגט א קלאפ אין טיש און רופט־אוים הויך אויף רוסיש].

א י ו ו א נ א ו. עי! טשאעק! שאמ־פאנ־סקא־ווא, טשארט וואזמי!... [א פאר חברה־לייט חאפען איהם ביי דער האנט].

א פ א ר ס ט ו ד ע נ ט ע ן. וואניא! ביזט משוגע געווארען? שאמפאנסקע?! ווייסט, וואס דאס קאסט אט א דא?

א י ו ו א נ א ו. ניע וואשע דיעלא! אויף מיין רעכענונג, טשארט וואזמי! איך צאהל! טשאעק! שאמ־פאנ־סקא־ווא!! [עס לויפען אריין צוויי קעלנערס מיט ווייסע פארטיכלעך, ברענגען שאמפאניער־וויין, אין אייז געוויקעלט, שטעלען־אוועק, פילען־אן די בעכערס, געהען־אפ].

א י ו ו א נ א ו. גאספאדא! צו די בעכערס, טשארט וואזמי! [אלע טהוען זיך א נעם צו די בעכערס]. וואס זענען מיר געווען נעכטען? נעכטען זענען מיר געווען יונגלעך, קינדער, שנעקעס, גימנאזיארען! א ליאדע לעהרערל האט געהאט רעכט אונז אננעמען פאר'ן קאלנער און אריינוווארפען אין קארצער. אבער איצט? אבער מארגען? טשארט וואזמי! מארגען זענען מיר מענטשען! סטודענטען! אוים גימנאזיארען! נידער מיט דער גימנאזיע! לעבען זאל די אוניווערסיטעט! הוררא!!!

א ל ע. הוררא!!! [מע טרינקט, מע קושט זיך, מע האלזט זיך, מע רעדט, מע לאכט, מע איז פריילין. צווישען דער פריילינער קאמפאניע איז צו באמערקען איינעם א גימנאזיסט פון אידישען טיפ, אויך אין אוניפארם און אויך מיט ווייסע קנעפ. דאס איז ה ע ר ש ע ל ש נ י א ו ר ס א ן. האטש ער האלט־אונטער די קאמפאניע, טרינקט כלומרשט גלייך מיט אלע, נאר ער זאל זיין פריילין גלייך מיט אלע — דאס זעהט מען ניט. דאס באמערקט אבער קיינער נישט, אויסער איינעם — דער, וואס האט געקאמאנדעוועט מיט'ן כאהר, וואס מע רופט איהם וואניא איוואנאוו. אין דער צייט, ווען אלע הוליען, געהט־צו צו איהם וואניא, לעגט־ארויף די האנט איהם אויף דער פלייצע].

א י ו ו אַ נ אָ ו ו [צו שניאורסאָנען]. ..וואָס איז מיט דיר, הערשקאָ?

ש נ י א ו ר ס אָ ן [ווי אויפגעוואכט, לעבעדיג]. וואָס זאָל זיין? גאָרניט.

א י ו ו אַ נ אָ ו ו. וואָס האָלסט דו אויפגעהאָנגען די נאָז אויף דער קווינטע? [נעמט איהם פאר א האַנט, זעצט זיך אַוועק מיט איהם אויף אַ זייט].

ש נ י א ו ר ס אָ ן. ווער? איך? עס ווייזט זיך דיר אויס.

א י ו ו אַ נ אָ ו ו. עס ווייזט זיך מיר ניט אויס. איך זעה. איך קוק־נאָך די גאַנצע צייט נאָך דיר. מיך ווערסט דו ניט נאַרען, הערשקאָ. איך קען דיך.

ש נ י א ו ר ס אָ ן. איז טאַקי גוט, וואָס דו קענסט מיך... פון דעסטוועגען וואָלט ניט געשאָדט, זאָלסט מיך קענען אַ ביסעל נעהענטער.

א י ו ו אַ נ אָ ו ו. וואָס זשע וואָלט געווען?

ש נ י א ו ר ס אָ ן. וואָלסט דו מיך ניט געפרעגט קיין קשיות. דו וואָלסט דעמאָלט אַליין געוואוסט, אַז איך בין ניט גלייך צו אייך. [פּויזע]. איך קאָן מיך ניט פרעהען, אַזוי ווי איהר פרעהט זיך.

א י ו ו אַ נ אָ ו ו. פאַר וואָס?

ש נ י א ו ר ס אָ ן. פאַר דעם! דערפאַר, ווייל איהר, אַז איהר פרעהט זיך, פרעהט איהר זיך מיט אייער גאַנצען וועזען, מיט אַלע אייערע איברים און חושים...

א י ו ו אַ נ אָ ו ו [שפּאָטיש]. און דו?

ש נ י א ו ר ס אָ ן. און איך? איך טאָר ניט. פאַר מיינע אויגען שטעהט שטענדיג די אויפשריפט: „מעמענטאָ מאָרי"...

א י ו ו אַ נ אָ ו ו. טשאָרט וואָזמי! וואָס פאַר איין אויפ־שריפט? וואָס פאַר אַ „מעמענטאָ מאָרי"?

ש נ י א ו ר ס אָ ן. האָסט פאַרגעסען, אַז איך... אַז איך בין אַ איד?

א י ו ו א נ אָ ו ו. אָט האָסט דו דיר! און אַז אַ איד — איז וואָס?

ש נ י א ו ר ס אָ ן. איז גאָרניט... [קוקט אויף איוואַנאָווען אהן ווערטער].

א י ו ו א נ אָ ו ו. איך פאַרשטעה ניט, הערשקאָ, עפּיס רעדסט דו מיר הייַנט מאָדנע רעד... [באַזונדער פרייַנטליך]. מיר דאַכט, אַז אויף אונז, דייַנע חברים, האָסט דו זיך ניט צו באַקלאָגען... מיר. דייַנע חברים...

ש נ י א ו ר ס אָ ן [אַ ביסעל אויפגערעגט]. חברים! חברים! ביזט אַ נאַר! ווער רעדט פוּן חברים? דו מייַנסט, אַפּנים, אַז די גאַנצע וועלט איז אָט אַ דאָ אָ? מיר און אונזערע חברים? דו פאַרגעסט, אַז אויף יענער זייט גימנאַזיע איז אויך דאָ אַ וועלט, און אַ גרויסע וועלט. אויסער אונז זענען פאַרהאַן נאָך מענטשען. נאָר פוּן יענער גרויסער וועלט ווייסט איהר, אַפּנים, זעהר ווינציג. כמעט גאָרנישט ניט. יענער גיהנם איז אייך אומבאַקאַנט. [פּויזע]. אין מייַן פעל ווען דו ביזט אָפּ ניט לאַנג, האָטש איין יאָהר, וואָלסט דו דעמאָלט געוואוסט, וואָלסט דו דעמאָלט געפיהלט, וואָס הייסט נאָרמאַ, פּראָצענטען, מיניסטערישע צירקוליאַרען און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכען...

א י ו ו א נ א ו ו [מיט אַ באַוועגונג]. וואָס הערסט דו צירקוליאַרען, פּראָצענטען? מיט אַזאַ איין אַטעסטאַט, ווי דו האָסט! מיט אַ גאָלדענער מעדאַל!

ש נ י א ו ר ס אָ ן. אַ גאָלדענע מעדאַל? [אַ מאַך מיט דער האַנט]. מע האָט שוין געזעהען אַזעלכע זאַכען. קאַרג „מעדאַליסטען" זענען פאַרבליבען נאָך פוּן פאַר־אַ־יאָהרען?... און פוּן פאַר־צוויי־יאָהרען? „מעדאַליסטען", חאַ־חאַ, אַ טייערע מציאה! עד! נאָר וואָס איז צו רעדען? [שטעהט־אויף]. וואָס איז מיט דיר צו רעדען, אַז דו ווייסט ניט, דו פאַרשטעהסט ניט, דו קאָנסט עס ניט פאַרשטעהן!... [זעצט זיך אוועק צוריק].

א י ו ו אַ נ אָ ו ו [קרימט איהם איבער]. „דו ווייסט ניט, דו פאַרשטעהסט ניט, דו קאָנסט עס ניט פאַרשטעהן!"... פאַר וואָס קאָן איך עס ניט פאַרשטעהן, טשאָרט וואָזמי? איך בין נאָך אַזוי קלוג, ווי דו!

ש נ י א ו ר ס אָ ן. נאַר איינער! מע דאַרף ניט זיין קלוג — מע דאַרף נאָר זיין אַ איד דערצו. היינט פאַרשטעהסט דו שוין? זאָלסט זיין אַ איד חאָטש איין יאָהר...

א י ו ו אַ נ אָ ו ו. וואָס זשע וואָלט געווען?

ש נ י א ו ר ס אָ ן. וואָלסט דו עס נישט אויסגעהאַלטען. קיין איין יאָהר אפילו.

א י ו ו אַ נ אָ ו ו. אַזוי מיינסט דו?

ש נ י א ו ר ס אָ ן. איך בין איבערצייגט!

א י ו ו אַ נ אָ ו ו. נו, האָסט דו אַ טעות. קענסט דו מיך ניט. ווייסט דו נישט, ווער וואַניאַ איוואַנאָוו איז! [פויזע]. שאַ! ווייסט דו, וואָס פאַר אַ געדאַנק מיר איז איינגעפאַלען איצט אין קאָפּ? [טהוט זיך אַ פּאַטש אין די קניהעס, רוקט זיך צו צו שניאורסאָנען]. הער־אויס, הערשקאָ, טאָמער וואָלטען מיר זיך געביטען?

ש נ י א ו ר ס אָ ן [קוקט איהם אָן]. וואָס הייסט „געביטען"?

א י ו ו אַ נ אָ ו ו. אָט איך לעג דיר פאָר אַ קאָמבינאַציע. דו זאָגסט, איך וואָלט קיין איין יאָהר אפילו ניט געקאָנט זיין אין דיין פעל? טאָ לאָמיר זיך בייטען!

ש נ י א ו ר ס אָ ן [פאַרשטעהט איהם נאָך אַלץ ניט]. וואָס הייסט — לאָמיר זיך בייטען?

א י ו ו אַ נ אָ ו ו. גאַר פּראָסט. מיר וועלען זיך בייטען. דו זאָגסט, איך זאָל איין יאָהר חאָטש פּרובען זיין אין דיין פעל, פּרובען זיין אַ איד? — גוט! מיר וועלען זיך בייטען... אויף איין יאָהר. דו וועסט זיין איוואַנאָוו, איך וועל זיין שניאורסאָן.

ש נ י א ו ר ס אָ ן [שטעהט־אויף]. דו האָסט, אַפּנים, ניט פון וועמען חוזק צו מאַכען? זוך אַ גרעסערען נאַר פון זיך...

איוואַנאָוו [שטעהט אויף אויף]. איך מאַך נישט חוזק. איך מיין עס גאַנץ ערנסט, טשאָרט וואָזמי! איך בין אַ בעלן צו זיין אויף דיין אָרט. איך וויל פּרובירען אויף זיך אַליין, ווי אַזוי איז, אַז מע איז אַ איד? ווי אַזוי פיהלט זיך אַ איד? איצט האָבען מיר אַ געלעגענהייט. מיר דאַרפען ביידע אַריין אין אוניווערסיטעט. מיר פאַהרען ביידע אין אַ נײַ אָרט, אַ פרעמדע שטאָדט, וואו קיינער קען אונז נישט. וועלכער רוח איז דאָס מחויב צו וויסען, ווער פון אונז איז איוואַנאָוו און ווער — שניאורסאָן? צי וועמען געהט עס אָן, אַז איך, איוואַנאָוו, בין שניאורסאָן, און דו, שניאורסאָן, ביזט איוואַנאָוו, חאַ־חאַ־חאַ? וואָס זאָגסט דו דערויף, הערשקאָ, האַ?

שניאורסאָן. וואָס איך זאָג דערויף? איך קאָן זאָגען נאָר דאָס, אַז דו פּלאַפּעלסט נאַרישקייטען, ווייל דו ביזט...

איוואַנאָוו. שכּור — מיינסט דו אפשר?

שניאורסאָן. חס וחלילה! ווער זאָגט, אַז דו ביזט שכּור? איך זאָג נאָר, אַז דו ביזט אַ ביסעל בגילופין, אונטער'ן גלעזעל...

איוואַנאָוו [ענערגיש]. איך? אונטער'ן גלעזעל? דו ליגסט! נאָך קיין מאָל אויף מיין לעבען בין איך, טשאָרט וואָזמי, אַזוי ניכטער ניט געווען, ווי היינט! איך זאָג עס גאַנץ ערנסט, הערשקאָ, פריינט מיינער, ביי מיין עהרען־וואָרט! אָט האָסט דו דיר מיין האַנט! [ציהט איהם אויס אַ האַנט]. איך וויל פאַרזוכען דעם טעם: ווי אַזוי איז עס, אַז מע איז אַ איד?

שניאורסאָן. וועסט פיהלען אַ רעכטען טעם! וועסט פאַרזאָגען אַ צעהנטען!

איוואַנאָוו. נאַרישקייטען! [טהוט זיך אַ זעץ אין האַרצען]. קענסט דו מיך נישט! ווייסט דו נישט, ווער וואַניאַ איוואַנאָוו איז, טשאָרט וואָזמי! פאָלג מיך, לאָמיר זיך בייטען! [וויל ארומנעמען שניאורסאָנען]. אויף איין יאָהר נאָר לאָמיר זיך בייטען...

שניאורסאָן [שטופט איהם אָפּ פון דער גרינגג]. רעד ניט קיין נאַרישקייטען! סע שלאָגט צו דער גאַל! וואָס הייסט בייטען? ווי ביַיט מען זיך דאָס?

אִ י ו ו אַ נ אָ ו ו. גאָר פּראָסט: מע נעמט און מע בייט זיך. איך וועל זיין שניאורסאָן, דו וועסט זיין איוואַנאָוו. דו וועסט מיר געבען דיין אַטעסטאַט מיט די פינפען, איך וועל דיר געבען מיין אַטעסטאַט מיט די דרייען, טשאָרט וואָזמי, און בּיט פּאָסיעמו! איז דאָס געמאַכט? [ציהט־אויס שניאורסאָנען אַ האַנט].

ש נ י א ו ר ס אָ ן. דו רעדסט ווי אַ קינד, וואַניאַ, כּלעבען. וואָס רעדסט דו? דאָקומענטען — עפּיס אַ שפּיעלעכעל? היינט אונזערע עלטערען?

אִ י ו ו אַ נ אָ ו ו. דאָקומענטען? נאַרישקייטען! איין יאָהר איינגאַנצען — נאַפּליעוואַט! און די עלטערען — וואָס געהט עס זיי אָן? ווער דאַרף עס וויסען? מיר וועלען דאָך זיין ביידע אין איין שטאָדט, אין איין אוניווערסיטעט, וועלען זיי אונז שרייבען בּריעף, דיין פאָטער צו מיר, מיין פאָטער צו דיר — און מיט זייערע בּריעף וועלען מיר זיך אָפּבּייטען. האָסט דו עס פאַרשטאַנען, קאָפּ? [חאַפּט שניאורסאָנען פאַר אַ האַנט, שלעפּט איהם צום טיש. שניאורסאָן לאָזט זיך ניט].

ש נ י א ו ר ס אָ ן. לאָז געמאַך! וואַניאַ, לאָז צורוה! די חברים דאַרפסט דו נאָך...

אִ י ו ו אַ נ אָ ו ו. זאָרג ניט, זיי וועלען אונז ניט אַרויסגעבען. אַט אַ דאָ וועט דאָס בּלייבּען. [הערט ניט שניאורסאָנען, שלעפּט איהם צו צום צענטער. טהוט אַ זעץ מיט דער האַנט איבּער׳ן טיש]. סילאַנס! שטיל זאָל זיין! [דער עולם טהוט אַ שטעה־אויף]. חברים, שטיל זאָל זיין! [טהוט נאָך אַ מאָל אַ זעץ מיט דער האַנט אַן טיש]. איך דאַרף אייך עפּיס זאָגען זעהר אַ וויכטיגע זאַך! [שפּרינגט־אַרויף אויף אַ שטוהל]. הערט נאָר צו מיט קאָפּ! איהר זאָלט וויסען זיין, אַז איך בּין שוין מעהר ניט איך. איך בּין שוין ער! [ווייזט אויף שניאורסאָנען, וואָס שטעהט נאָך אַ פאַרגאַפטער און ווישט זיך דעם שווייס פונ׳ם שטערן]. און ער איז שוין נישט מעהר ער, נאָר איך! ער איז איך, איך בּין ער... וואָס קוקט איהר זיך איבּער און וואָס שמייכעלט איהר דאָרט אין די הויפענס? איך בּין ניט שכּור, טשאָרט וואָזמי! איהר ווייסט גאַנץ גוט, אַז

איך בין ניט שכּור — איך קאָן טרינקען. אָט באַלד וועט איהר האָרכען, וועט אייך זיין קלאָר אַלסדינג. חברים! זייט וויסען, אַז איך און אונזער חבר שניאורסאָן האָבען זיך געביטען, אויף אַ יאָהר האָבען מיר זיך געביטען. מיר האָבען זיך געגעבען דאָס וואָרט, מיר האָבען געהאַלטען אַ וועטע. קורץ — ס'איז ניט אייער זאַך. איהר דאַרפט נאָר הערען און זעהען און שווייגען. איך באַשווער אייך מיט אונזער הייליגען בונד פון חבר'שאַפט, אַז דעם זאָל אָפּ־דאַרען די צונג, ווער ס'וועט אַרויסלאָזען אין דרויסען אַ פּיפּס וועגען דער גאַנצער געשיכטע אין פאַרלויף פונ'ם דאָזיגען יאָהר!... חברים! איך פאָדער פון אייך אינ'ם נאָמען פון אונזער סאָלידאַ־ריטעט, איהר זאָלט מיר געבען אייער עהרען־וואָרט און שווערען, אַז דאָ, אין דעם קאַבינעט, ווערט די זאַך באַגראָבען אויף אייביג, און קיין פויגעל וועט ניט וויסען. זאָגט איהר מיר צו?

קולות. מיר זאָגען דיר צו! מיר זאָגען דיר צו!

קולות. חאָטש מיר ווייסען ניט וואָס, מיר ווייסען ניט וועו!

איוואַנאָוו. אָט באַלד וועט איהר וויסען. איהר דאַרפט מיר נאָר צוזאָגען, אַז ס'וועט ניט אַרויסגעטראָגען ווערען פון דאַנען אַ וואָרט. איהר דאַרפט מיר צושווערען, אַז צווישען אונז וועט דאָס בלייבען. אַלזאָ, שווערט איהר מיר צו? [הויבט־אויף צוויי פינגער]. זאָגט: „מיר שווערען!"

אַלע [הויבען־אויף צוויי פינגער, זינגען מיט אַ ניגון]. מיר הויבען די הענט און מיר שווערען!

איוואַנאָוו [אויפגעבראַכט]. סילאַנס! וואָס פאַר אַ געזאַנג, טשאָרט וואָזמי?! דאָ האַנדעלט זיך וועגען איין ערנסטע זאַך, און זיי האָבען זיך צעזונגען גאָר! אַלזאָ, איך פאָדער פון אייך, איהר זאָלט זיין ערנסט און זאָגען: „מיר שווערען".

אַלע [ערנסט]. מיר שווערען. מיר שווערען!

איוואַנאָוו. אָט אַזוי האָב איך אייך ליעב. אַצינד, חברים, אַז איהר האָט מיר אָפּגעשוואָרען, וועל איך אייך שוין

דערצעהלען, אום וואָס דאָ האַנדעלט זיך. אונזער חבר, הערשקאָ שניאורסאָן, ווי אייך איז באַוואוסט, געהערט צו יענעם פאָלק, וואָס איז פאַרהאַסט און פאַרפאָלגט אויף דער גאַנצער וועלט, צו יענעם אויסדערוועהלטען פאָלק, וואָס איז צעזייעט און צעשפּרייט, — מיט איינעם וואָרט: ער איז אַ איד, און אַ איד איז זעהר שווער צו זיין. כמעט אוממעגליך. אַזוי זאָגט ער, הערשקאָ הייסט עס. און איך זאָג, אַז ס'איז ניט אַזוי געוואַלדיג. דער שד, איז גאָרניט אַזוי שרעקליך, ווי מע מאָהלט איהם... זאָגט מיין חבר, אַז דערפאַר מיין איך עס, ווייל איך בין קיינמאָל קיין איד ניט געווען. לאָם איך פּרובען, זאָגט ער, זיך געפינען אין זיין פעל חאָטש איין יאָהר, וועל איך, זאָגט ער, דעמאָלט פיהלען. גוט. איז געבליבען, איך זאָל אריין אין זיין פעל חאָטש אויף איין יאָהר. ווי אַזוי זשע מאַכט מען דאָס? האָבען מיר זיך געביטען אויף אַ יאָהר...

ש נ י א ו ר ס אָ ן. נאָך ניט געביטען, נאָר ער וויל, מיר זאָלען זיך בייטען.

א י ו ו אַ נ אָ ו ו. געביטען, געביטען! הערט איהם ניט! פון דער מינוט אָן איז ער שוין ניט מעהר שניאורסאָן, נאָר איוואַנאָוו, און איך בין אוים איוואַנאָוו, נאָר שניאורסאָן. [ער שפּרינגט־אַראָפּ פון שטוהל, ציהט־אַראָפּ פון זיך זיין מונדיר, גיט־איבער שניאורסאָנען, שלעפּט־אַראָפּ כמעט מיט געוואַלד פון שניאורסאָנען זיין מונדיר, און ביידע טהוען זיך איבער פאַר אַלעמען אין די אויגען. וואַניאַ איוואַנאָוו מאַכט אַ אידיש פּנים, סטאַרעוועט זיך, ער זאָל זיין עהנליך צו שניאורסאָנען. דער עולם נעמט־אויף די סצענע מיט גרוים ענטוזיאַזם].

אַ ל ע [אַפּלאָדירען]. בראַוואָ! בראַוואָ!

א י ו ו אַ נ אָ ו ו [שפּרינגט־אַרויף ווידער אַ מאָל אויף אַ שטוהל]. חברים! אַצינד, אַז די זאַך איז שוין געמאַכט, ערלויב איך מיך פאָרצושטעלען פאַר אייך. איך בין שוין ניט מעהר דער כריסט, דער דוואָריאַנין, איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו, נאָר [נעמט־אַרוים פון שניאורסאָנ'ם זייט־קעשענע זיינע דאָקומענטען, דעם פּאַס מיט'ן אַטעסטאַט, קוקט־אַריין] — דער שקלאָווער מיעשטשאַנין, טשאָרט וואָזמי, הערש מאָוושאָוו שניאורסאָן, דער זוהן פונ'ם פאַרהאַסטען און פאַרפאָלג־

טען, נאָר פֿון גאָט אויסדערוועהלטען פֿאָלק ישראל. און דער [ווייזט אויף זיין חבר שניאורסאָן] — איז שוין ניט מעהר דער שקלאָווער מיעשטשאַנין הערש מאָושאָוו שניאורסאָן, נאָר... אַנו, הערשקאָ, נעם־אַרויס אַקאָרשט פֿון קעשענע דיינע נייע דאָקומענטען! [יענער נעמט־אַרויס]. אַיין אמת'ער דוואָריאַנין און אַ זוהן פֿון אַ דעיסטווי־טעלני סטאַטסקי סאָוויעטניק, טשאָרט וואָזמי, איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו! איך לעג־פֿאָר צוליעב דער דאָזיגער מעטאַמאָרפֿאָזע אָנפּילען די כּוסות און אויסטרינקען. הוררראַ!

אַ ל ע [פּילען־אָן די כּוסות]. הוררראַ! [מע גראַטולירט און מע קושט זיך מיט די געביטענע חברים און מע טרינקט].

ש נ י א ו ר ס אָ ן [טרעט־אַרויס מיט'ן כּוס אין דער האַנט]. חברים! אונזער חבר וואַניאַ איוואַנאָוו, אָדער, ווי ער הייסט שוין איצטערטאָ, הערשקאָ שניאורסאָן, איז באַגאַנגען, ווי איהר זעהט, אַ שפּאַס, און אויסגעלאָזט האָט זיך עס, ווי עס ווייזט אויס, מיט אַיין ערנסט. די זאַך איז אָפּגעטהאָן — פֿאַרפֿאַלען. מיר האָבען זיך, הייסט עס, געביטען מיט די יוצרות. זאָל זיין אין אַ גוטער שעה. ווער פֿון אונז ביידע האָט געמאַכט אַ בעסער געשעפֿט — דאָס ווייס א י ך, און אויך איהר, אויב איהר האָט אַ קלעפּקע אין קאָפּ, באַדאַרפֿט אויך פֿאַרשטעהן. און טאָמער פֿאַרשטעהט איהר ניט — בין איך ניט שולדיג... אַיין זאַך נאָר מוז איך זאָגען פֿאָראויס: אַזוי ווי מיר קאָנען נישט וויסען, וואָס מיט אונז ביידען קאָן פּאַסירען אויף דעם נייעם וועג, וואָס מיר ביידע לאָזען זיך געהן, על־כּן וואָלט איך וועלען אויסנעמען אַ תּנאי, אַז טאָמער וועט עמיצען פֿון אונז צוויי אין פֿאַרלויף פֿון דעם יאָהר אויסקומען שוין זעהר שמאָל, דאָס הייסט...

א י ו ו אַ נ אָ ו ו [שטופּט איהם אָפּ]. קיין שום תּנאים! קיין שום קאָמפּראָמיסען! וואָס ס'זאָל ניט זיין — קאָן זיך זיין! אָפּ־געמאַכט — איז פֿאַרפֿאַלען!

אַ ל ע. פֿאַרפֿאַלען! פֿאַרפֿאַלען!

א י ו ו אַ נ אָ ו. ביט פּאַסיעמו!

אלע. ביט פּאַסיעמו!

שניאורסאָן [פונ'ם אָרט]. גערענק זשע, וואַניאַ, מיין איך הערשקאָ, זאָלסט קיין חרטה ניט האָבען!

איוואַנאָוו. חרטה? די איוואַנאָווס... פּאַרדאָן! מיין איך די שניאורסאָנס האָבען קיינמאָל קיין חרטה ניט! איך קום־ארויס פון א פאָלק, טשאָרט וואָזמי, וואָס איז שוין דורכגע־גאַנגען דורך פייער און דורך וואַסער און דורך מעשענע רעהרען! מיינע עלטער־עלטער־זיידעס, וואָס האָבען געקנעטען לעהם ביי פּרעה'ן, אויפגעשטעלט די אייביגע פּיראַמידען, אויפגעבויט די באַריהמטע שטערט סדום און עמורה... פּאַרדאָן! איך מיין פּיתום און רעמסס, זענען גענוג אויסגעשטאַנען ביז זיי האָבען זיך באַזעצט אינ'ם געבענטשטען לאַנד מצרים... פּאַרדאָן! מיין איך כנען. און אז מיר האָבען זיך באַזעצט אינ'ם געבענטשטען לאַנד כנען, איז געקומען בלשאצר... פּאַרדאָן! איך מיין נבוכדנאצר, און האָט פאַרברענט אונזער הייליגען טעמפּעל און אָפּגעפיהרט אונזערע זיהן און טעכטער אין אייזערנע קייטען צו זיך אינ'ם באַרבאַרישען באַבילאָן, און נאָכדעם אין שפּאַניען... חברים! איך מאַך, טשאָרט וואָזמי, א היבשען שפּרונג און לאָז־דורך בלעמ'ען, המנ'ען מיט אחשורוש'ען מיט נאָך אזעלכע פיינע מענטשלעך, ווייל עס טאָגט שוין, ווי איהר זעהט, אין דרויסען — אלזאָ, אינ'ם פינסטערען קאַטוילישען שפּאַניען, וואו עס האָט געוואָרט אויף אונז די אינ־קוויזיציע. [מיט היץ]. קאָנט איהר זיך פאָרשטעלען, חברים, וואָס פאַר ליידען מיינע עלטערן זענען אויסגעשטאַנען אין דער אינ־קוויזיציע? אויפ'ן אויטאָדאַפע האָבען זיי זיך געלאָזט ברענען, טשאָרט וואָזמי, אויפ'ן עשאַפאָט האָבען זיי זיך געלאָזט קוילען, שניידען, האַקען, בראָקען, פערטלען...

אלע [מיט גרוים ענטוזיאַזם און אפּלויז]. בראַוואָ, הערשקאָ, בראַוואָ!

קולות. גאָר ניט צו דערקענען, אז דאָס איז א כריסט!

קולות. א איד! איין אמת'ער איד! האַ־חאַ־חאַ!

א י י נ ע ר פ ו ן ד ע ם ע ו ל ם. אַ געבּוירענער זשיד. נאָר פּייסיקעס פעהלען איהם!

נ אָ ך א י י נ ע ר. און אַ לייבּסערדאַק!

נ אָ ך א י י נ ע ר. אוי־וועה־מיר! טאַטעלע־מאַמעלע! ציצעלע־האַמעלע! חאַ־חאַ־חאַ!

א י וו אַ נ אָ וו. סילאַנס! אַז איך רעד, דאַרף זיין שטיל, טשאָרט וואָזמי!

ש נ י א ו ר ס אָ ן [צו איוואַנאָווען]. האָבּ צייט — דאָס האָסט דו ערשט אַיין אַדערויף. שפּעטער וועט נאָך זיין בּעסער...

א י וו אַ נ אָ וו. ווער עס וועט וואַגען אָפּצולאַכען פון אַ אידען, דער וועט האָבּען צו טהון מיט מיר! [בּאַווייזט אַ קולאַק]. איך וועל ניט פאַרשווייגען קיינעם! איך וועל ניט דערלאָזען, טשאָרט וואָזמי, מע זאָל חוזק מאַכען פון מיר דערפאַר, וואָס איך שטאַם־אָפּ פון אַ פאָלק, וואָס האָט געגעבּען דער וועלט אַ זאַקאָן, מיט אַ צאַר דאַוויד, מיט אַ פּסאַלטיר, טשאָרט וואָזמי! איך בּעט נאָך אַ מאָל אָנצופילען די כּוסות און טרינקען פאַר׳ן דאָזיגען פאָלק, פאַר׳ן אויסדערוועהלטען פאָלק ישראל, וואָס איך בּין איצט איינער פון זיינע קינדער. לעבּען זאָל דאָס אַלטע אויסדערוועהלטע פאָלק! הוררראַ!

אַ ל ע. הוררראַ!

ק ו ל ו ת. בּראַוואָ! בּראַוואָ!

ק ו ל ו ת. גאָספּאָדאַ! וואָס שווייגט איהר?

ק ו ל ו ת. לאָמיר איהם נעמען! לאָמיר איהם וויעגען! קאַטשען! קאַטשען!

ק ו ל ו ת. בּיידען קאַטשען! בּיידען! [דער עולם צעטיילט זיך אויף צוויי. איין טייל האַפּט־אונטער שניאורסאָנען, דעם איבּערגעטהאַנענעם איוואַנאָווען, דער אַנדערער טייל האַפּט־אונטער דעם איבּערגעטהאַנענעם שניאורסאָנען אויף די הענט, און מיט קולות: „בּראַוואַ, הערשקאַ! בּראַוואַ, וואַניאַ!" טראַגט מען זיי אַרום טיש, איבּער׳ן קאַבּינעט, אַ צוויי־דריי מאָל. — דער פאָרהאַנג פאַלט].

# ערשטער אקט

[ביי דוד שפיראן. — א גרויס עס־צימער. בעל־הבתיש מעבלירט. נישט רייך, נאר זויבער און מיט א גוסט. ווייסע גארדינעז, גרינע וואזאנעס, איין אלטער פארטעפיאן, א פאר אידישע בילדער אויף די ווענט. — פיער טירען: צוויי רעכטס, פיהרען צו די זייטיגע צי־מערן; איינע אין הינטערגרונט, פיהרט צו די טרעפ אראפ; איינע לינקס, אין ווינקעל, פיהרט צו דער קיך. לינקס א פענסטער. ביי'ם פענסטער, נאהענט צו דער ראמפע, שטעהט א קאנאפע. אויף דער קאנאפע, אנגעשפארט אויף דער האנט, זיצט ב ע ט י , שטארק פאר־טיעפט אין א בוך. אנגעטהאן געהט זי אין א גרין שילערין־קלייד מיט א שווארץ פארטיכעל. א ווייסער שפיצען־קראגען מיט ווייסע שפיצען־מאנשעטען. די האר פארקעמט, מיט א שענעם לאנגען צאפ פארווארפען אהינטער. מיט א ביכעל אין האנט, איבער'ן שטוב אהין און צוריק, שפאנט־ארום ס י א מ ק ע , אנגעטהאן אין א גרויער גימנאזיאל־טוזשורקע מיט קליינע ווייסע קנעפלעך. ער לערענט אויף אויסוועניג, מיט א ניגון, שאקעלט זיך צום טאקט:

„קאק ניניע זביחאיעטסא וויעשטשיי אליעג
אטאמסטיט ניעחאזומנים חאזאחאם...“

און נאך א מאל דאס אייגענע:

„קאק ניניע זביחאיעטסא וויעשטשיי אליעג...“

פון דרויסען דערהערט זיך א ווייטער קלונג. סיאמקע הערט ניט אויף ארומצושפאנען און לערנען אויף א קול. בעטי ריהרט זיך ניט. — עס קומט אריין פון קיך ש ר ה ש פ י ר א מיט פארקאטשעטע ארבעל].

ש ר ה ש פ י ר א [צו דער טאכטער]. בעטי!

ב ע ט י [ענטפערט ניט].

ש ר ה ש פ י ר א [נאך א מאל]. בעטי!!

בּ ע ט י [נעמט נישט צו די אויגען פון בוך]. מהו?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. זעה נאָר, ווי זי האָט זיך אַ ביסעל פאַר־טיעפט! גאָרניט אָפּצורייסען!

בּ ע ט י [הויבּט־אויף די אויגען]. וואָס ווילסט דו, מאַמע?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. נאַ דיר גאָר וואָס איך וויל, האָסט דו געהערט אַ ביסעל? עמיצער קלינגט דאַך. [עס הערט זיך אַ צווייטער קלונג]. עס קעהר אודאי זיין אַ בעלן אויפ'ן צימער.

בּ ע ט י [נישט צוגענומען די אויגען פון בוך]. אַ סך בעלנים, ווינציג מחותנים. זינט מע האָט אויפגעהאַנגען דאָס צעטעל, אַז סע גיט זיך אָפּ אַ צימער, הערט דאָס גלעקעל נישט אויף צו קלינגען; נאָר עמיצען זאָל געפעלען — דאָס נישט.

ש ר ה ש פּ י ר אָ. מזל טוב! פון וואַנען ווייסט דו? אפשר וועט דעם יאָ געפעלען?

בּ ע ט י [נישט צוגענומען די אויגען פון בוך]. וואָס קאָן איהם דאָ געפעלען? אַ קעמערעל אָהן מעבעל, אָהן געזונט, אָהן לייב און לעבען.

ש ר ה ש פּ י ר אָ. וואָס האָסט דו געוואָלט? שפּיעגלען? סאַמעטענע דיוואַנעס? האָסט דו געהערט אַ ביסעל? ווערליג דאָס געלט, איז גענוג מעבעל. געה נאָר, טאָכטער, אַראָפּ אונטען, עפען. איך קאָן מיך אָט אַזוי אויף די טרעפּ ניט ווייזען... איין אויסגעשמאָדערטע... טאָמער באַגעגענט מיך עמיצער...

בּ ע ט י [נישט צוגענומען די אויגען פון בוך]. וואָס עפּים איך? לאָז געהן סיאָמקע.

ש ר ה ש פּ י ר אָ. זעה נאָר, ווי מע דינגט זיך דאָ, משטיינס געזאָגט! דאָס קינד לערענט דעם אוראָק, דאַרף מען איהם שטעה־רען, האָסט דו געהערט אַ ביסעל?

בּ ע ט י [נישט צוגענומען די אויגען פון בוך]. אָהן איין אומגליק. ס'וועט איהם גאָרניט שאַדען צו די אוראָקען, אַז ער וועט געהן עפענען די טיר.

ש ר ה ש פּ י ר אָ [שטייט אויפגערעגט]. קינדער מיוחסים — טפו זאָל דאָס ניט ווערען! [צו סיאָמקען]. גאָה נאַר, סיאָמעניו, עפען־אויף די טיר אונטען. מע קלינגט.

ס י אָ מ ק ע [הערט ניט אויף חזר'ען אויף אויסווענינ, קוקט אויף דער מוטער]. „קאַק ניניע זביהאָיעטסאַ וויעשטשיי אַליעג..."

ש ר ה ש פּ י ר אָ. זעה נאַר, מע רעדט צו איהם, גלייך ווי אין דער וואַנט אריין. גאָה עפען די טיר — זאָגט מען דיר. מע קלינגט. האָסט דו געהערט אַ ביסעל? [עס הערט זיך אַ דריטער קלונג].

ס י אָ מ ק ע [ווי אויפגעוואַכט פון שלאָף]. מע קלינגט? איך האָב גאָרניט געהערט, מע זאָל קלינגען, איך. אַטאָ גאָה איך. [לויפט צו דער טיר אַראָפּ אויף די טרעפּ און חאַפּט בעת מעשה אַ טענצעל].

ש ר ה ש פּ י ר אָ [גרייט צום טיש, שטעלט דאָס טייגעשיר, רעדט צו זיך אַליין]. בראָש זענען זיי דאָ אַלע פאַרטאַרעראַמט. ער איז שטענדיג אויף דער בערזע, דרעהט געשעפטלעך. די איז אַ גימנאַזיסטקע, לייענט ביכער. דער איז אַ גימנאַזיסט, חזר'ט די אוראָקען. און דו אַליין דאַרפסט זיך טויטשען טאָג ווי נאַכט, טאָ דאָס, טאָ יענס, טאָ היין, טאָ הער, טאָ דעם, טאָ יענעם...

ב ע ט י [נישט צוגענומען די אויגען פון בוך]. מיט וועמען רעדסט דו דאָרט, מאַמעטשקע? מיט זיך אַליין?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. מיט וועמען דען זאָל איך רעדען, האָסט דו געהערט אַ ביסעל? אַז איהר אַלע זענט פאַרטראַסקעט, און איך איינע דרעה מיך אַרום, ווי אַ מחותנת'טע ביי דער מיזינקע אויף דער חתונה, און דאַרף אַרבייטען, קיין עין־הרע, אויף אַזאַ שטוב, אָהן אַ הילף, אָהן אַ האַנט־איבערנעמער...

ב ע ט י. ווער הייסט דיר, מאַמעטשקע, ניט צונעמען קיין דיענסט?

ש ר ה ש פּ י ר אָ [שטעלט זיך אוועק, טענה'ט אין איין אָטעם, שיט ווי פון אַ פאַס, וועהרענד די טאָכטער קוקט אַלץ אין בוך]. דיענסטען זאָל איך נעמען? פון וואַנען וועל איך זיי צאָהלען? די שענע פּרנסות פון דער בערזע, משטיינס געזאָגט, אויף וואָס דער טאַטע איז אַי־

בערגעקומען, אַז ער דאַרף זיין אַ מעקלער גלייך מיט קעצעלען און מיט נאָך אַזעלכע שלים־מזל׳ען, און נאָך ביי היינטיגע הוצאות: דירה־געלט צאָהל, פּראָוואָזשיטעלסטווע צאָהל, פּראָוואָטשעניע צאָהל, טאָג ווי נאַכט נאָר פּראָוועס און פּראָוועס...

[עס קומט צוריק סיאַמקע. נאָך איהם — אַ יונגער פּאַרשוין, עלעגאַנט געקליידט. אין איין האַנט האַלט ער אַ קליין טשעמאַדאַנטשיקעל, אין דער אַנדערער — אַ פּלעד. ווי נאָר ער קומט אַריין און טהוט אויס דאָס היטעל, דערקענט מען אין איהם, אַז דאָס איז דער כריסט א י ו ו א נ א ו ו, דער, וואָס האָט זיך פאַר־שטעלט פאַר׳ן אידען שניאורסאָן].

א י ו ו א נ אָ ו ו [פאַרנייגט זיך פאַר דער מאַדאַם שפּירא און פאַר בעטין, רעדט רוסיש]. טוט סדאַיאָטסיאַ קאָמנאַטאַ? *

ש ר ה ש פּ י ר אָ [צו בעטין, אויף אידיש]. מזל טוב! שוין גויים אויך אָנגעהויבען געהן דינגען דירות אויף דער אידישער גאַס? [צו איוואַנאָוועז, אויף רוסיש]. טוט, טוט **.

א י ו ו א נ אָ ו ו. מעבלירט?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. מעבלירט.

א י ו ו א נ אָ ו ו. קאָן מען זעהען דאָס צימער?

ש ר ה ש פּ י ר אָ [קאַטשעט־אָפּ די אַרבעל. צו איוואַנאָוועז]. פאַר וואָס ניט? [צו בעטין, אויף אידיש]. ער זאָל שוין אַזוי זיין מיט דער כאַז, ווי ער וועט דינגען דאָס צימער. [צו איוואַנאָוועז, אויף רוסיש]. פּאָזשאַלאָיטיע! [ווייזט איהם, וואו ער זאָל אַפּלעגען דאָס טשעמאַדאַנטשיקעל מיט׳ן פּלעד, פיהרט איהם אָפּ רעכטס, דורך דער זייטיגער טיר. עס דויערט אַ מינוט. בעטי זיצט איבער איהר בוך. סיאַמקע הערט ניט אויף צו חזר׳ען זיין אוראָק. עס קומען־אַן צוריק שרה מיט׳ן פּאַרשוין. שרה דערלאַנגט איהם אַ שטוהל. רעדט אויף רוסיש].

ש ר ה ש פּ י ר אָ. זיצט, פאַר וואָס זיצט איהר ניט?

א י ו ו א נ אָ ו ו [וויל ניט זיצען, דאַנקט, קוקט אויף בעטין]. אַלזאָ, וואָס וועט קאָסטען דאָס צימער?

---

* דאָ ניט זיך אָפּ אַ צימער? — ** דאָ, דאָ.

שרה שפּיראַ [ענטפערט איהם ניט, ווענדט זיך צו דער טאַכטער, רעדט מיט איהר אויף אידיש, נאָר ווארפט־אריין לשון־קודש־ווערטער, טאַמער פארשטעהט ער]. בעטי! דער חדר איז דעם אַדון דוקא געפעלען. ער פרעגט, מה יקר. וויפיעל דבר'ט מען איהם?

בעטי [צו דער מוטער אויף אידיש, באַגעגענט זיך מיט איוואַנאָוו'ס אויגען, ווערט רויטליך]. וויפיעל דו ווילסט. וואָס פרעגסט דו ביי מיר?

שרה שפּיראַ. איך וויים ניט, וויפיעל איך זאָל איהם דבר'ען? פופצעהן ראָך? — איז ווינציגליך. צוואַנציג? — אפשר צו פיעל? נאָך די בגדים ווייזט אפילו אויס, אז ער האָט יאָ מעות; נאָר נאָכ'ן טשעמאָדאַנטשיקעל — זעהט ער אויס אַ גוי אַ שלים־מזל. [איז דער גאַנצער צייט, וואָס שרה רעדט צו דער טאַכטער, לאָזט איוואַנאָוו קיין אויג ניט אראָפּ פון בעטין. עס זעהט אויס, אז זי איז איהם שטאַרק געפעלען].

בעטי [זשעניר־ט פון דעם, וואָס איוואַנאָוו קוקט אויף איהר אַזוי געשמאַק, צו דער מוטער, אויך אויף אידיש]. אָבער זאָג איהם שוין, מאַמע, וויפיעל דו פארשטעהסט — איין עק דאַרף דאָך עס האָבען!

שרה שפּיראַ [צו איוואַנאָווען, אויף רוסיש]. דאָס צימער וועט אייך קאָסטען אַלערלעצט אַ פינפאונצוואַנציגער אַ חודש.

איוואַנאָוו. פינף און צוואַנציג? אויסגעצייכענט.

שרה שפּיראַ [צו דער טאַכטער, אויף אידיש]. איך האָב זיך ארויסגעחאַפּט מיט אַ כף־הא'ער, געמיינט, ער וועט זיך דינגען — צום סוף איז ער צופריעדען... [צו איוואַנאָווען, אויף רוסיש]. נאָר וואָס דען? איך דאַרף אייך זאָגען פריהער, אז ביי אונז איז אַ מנהג, פאַר אַ האַלבען חודש דאַרף מען באַצאָהלען פאָראויס.

איוואַנאָוו [ניט לאַנג געטראַכט]. אפילו פאַר אַ גאַנצען. [נעמט־ארויס אַ פינפאונצוואַנציגער און טהוט איהם אַ וואַרף־ארויס מיט צוויי פינגער מיט אַזאַ לייכטקייט, ווי מע ווארפט־אוועק איין אויסגעלאָשען שוועבעלע].

שרה שפּיראַ [צו דער טאַכטער, אויף אידיש]. וואָס זאָגסט דו, בעטי? עפּיס צו אַ גיבער פארשוין. מי יודע, ווער ער איז, דער שלים־מזל!

בעטי [צו דער מוטער, אויף אידיש]. טאַמער וואָלט געווען געגנוג צו שלימזל'ען? און וואָס געהט עס דיך אָן, ווער ער איז? אַבי אַ קוואַרטיראַנט.

שרה שפּירא [צו דער טאָכטער]. וואָס הייסט, וואָס געהט עס מיך אָן, האָסט דו געהערט אַ ביסעל? אַבי־וועמען וועל איך דאָך ניט אַריינלאָזען, און נאָך אַ גוי דערצו! איז איין מאָל אַוועק. היינט דאַרף מען איהם אַ פרעג טהון וועגען אַ געשריפטס, מכּח שוואַרץ אויף וויים.

בעטי. פאַר וואָס זשע פרעגסט דו איהם ניט?

שרה שפּירא [צו דער טאָכטער]. וועל איך איהם טאַקי פרעגען. [צו איוואַנאָוועז, אויף רוסיש]. איזוויניטיע... האָט קיין פאַר־איבעל ניט... ביי אונז איז דאָ שטרענג... זעהר שטרענג... מע דאַרף יאַווען דער פּאָליציע פּאַפּיערען... דאָקומענטען... אַ פּאַס... אַ פּאַספּאָרט האָט איהר?

איוואַנאָוו. אַ? אַ פּאַספּאָרט? [טהוט זיך אַ נעם צו דער זייט־קעשענע און ציהט־אַרויס אַ פּאַס, גיט איהם איבער שרה'ן מיט דער זעלבער לייכטקייט, ווי דעם פּינפאונצוואַנציגער].

שרה שפּירא [נעמט דעם פּאַס, גיט איהם איבער דער טאָכטער]. אַנו, טהו נאָר אַ קוק, טאָכטער, אין זיין געשריפטס, וואָס שטעהט דאָרטען?

בעטי [נעמט דעם פּאַס, לייענט מיט אַ האַלבער שטימע, ווי פאַר זיך]. „פּרעדיאַוויטעל סיעוואָ, שקלאָווסקי מיעשטשאַנין, הערש מאָוושאָוו שניאורסאָן... גדיע יעוורעיאַם זשיט דאָזוואָליענאָ...” [קוקט אויף איוואַנאָוועז, אויף דער מוטער. די מוטער — אויף איהר. איוואַנאָוו — אויף זיי ביידען. אַ שטומע סצענע דויערט אַ מינוט].

שרה שפּירא [דאָס פּנים אויפגעשיינט. אַ זעץ מיט די הענט איבער'ן קליידעל, צו איוואַנאָוועז, אויף אידיש]. זענט איהר, הייסט עס, אַ אונזעריגער? וואָס זשע האָבען מיר ביז אַהער געדאַרפט זיך מוטשען אומזיסט און רעדען אויף גויעש? מיר האָבען דאָך גע־קאָנט גאַנץ שען רעדען אויף אונזער אייגען לשון, האָסט דו גע־

הערט אַ ביסעל? האָט חאָטש קיין פּאַראיבעל ניט, טאָמער האָב איך מיך ארויסגעחאַפּט מיט אַ וואָרט...

איוואַנאָוו [צו בעטין, שמייכעלט]. איך פאַרשטעה ניט... וואָס זאָגט אייער מוטער?

בעטי [צו דער מוטער, אויף אידיש]. ער זאָגט, אַז ער ווייסט ניט, וואָס דו רעדסט. ער פאַרשטעהט ניט קיין וואָרט אידיש.

שרה שפּירא [צו דער טאָכטער]. אַ ביסעל אַ משל! אַ איד, וואָס מע רופט איהם שניאורסאָן, פאַרשטעהט ניט קיין אידיש?

בעטי [צו דער מוטער]. נו, זעהסט דו דאָך. קאַרג אידען פאַרהאַן אצינד, וואָס פאַרשטעהען ניט קיין אידיש?

שרה שפּירא. אָבער אַ מיעשטשאַנין פון שקלאָוו? אין גאָטעס ווילען!

איוואַנאָוו [פאַרשטאַנען. ווענדט זיך צו בעטין]. אייער מוטער וואונדערט זיך, וואָס איך פאַרשטעה ניט גוט קיין אידיש? איך בין, פאַרשטעהט איהר מיך, אויסגעוואַכסען ניט אין שקלאָוו ביי מיינע עלטערען, נאָר אין אַ רוסישער שטאָדט... ביי מיין באַבושקאַ... און געווען מעהר צווישען כריסטען... האָב איך פאַרגעסען אידיש רעדען...

בעטי [צו דער מוטער]. דו האָסט פאַרשטאַנען, וואָס ער זאָגט?

שרה שפּירא [צו דער טאָכטער]. פאַרשטאַנען, פאַרשטאַנען. וואָס קומט אָבער ארויס פונ'ם פאַרשטאַנען, אַז וויבאַלד ער איז אַ אונזעריגער, איז ער דאָך גלאַט אויף צרות. ווי קאָן ער ביי אונז דינגען דאָס צימער, אַז ער האָט מסתמא אַ פּייג, ניט קיין פּראַוואָ-זשיטעלסטווע?

בעטי [אלס דאָלמאַטש, צו איוואַנאָוון]. מיין מאַמע זאָגט, אַז וויבאַלד אַזוי, ווי קאָנט איהר דאָ זיין, אַז איהר האָט ניט קיין פּראַוואָזשיטעלסטוואָ?

א י װ א נ אָ װ. פּראַװאָזשיטעלסטװאָ? װאָס הײסט עס פּראַװאָזשיטעלסטװאָ?

בּ ע ט י. האַ־חאַ־חאַ!

ש ר ה ש פּ י ר אָ [צו דער טאָכטער]. נו? בין איך גערעכט געװען, אַז איך האָב געזאָגט, ער איז אַ שלים־מזל? ער זעהט מיר אויס גאָר אַ חושים צו זײן! [איװאַנאָװ קוקט פון דער מוטער אויף דער טאָכטער און פון דער טאָכטער אויף דער מוטער, פאַרשטעהט ניט, װאָס דאָ קומט־פאָר. בּעטי קומט איהם צו הילף].

בּ ע ט י [צו איװאַנאָװען]. די מאַמע װאונדערט זיך, װאָס איהר װײסט אפילו ניט, װאָס פּראַװאָזשיטעלסטװאָ בּאַטײט. בּאַדאַרף מען אײך געבּען צו פאַרשטעהן. פּראַװאָזשיטעלסטװאָ הײסט, אַז איהר, װײל איהר זענט אַ איד, האָט איהר ניט קײן רעכט צו װאױנען אין דער דאָזיגער שטאָדט, װאָרום זי רעכענט זיך שױן אױסער דער „טשערטאַ“...

א י װ א נ אָ װ. פּאַזװאָלטי! װי אַזױ זשע קאָן איך דאָ לערנען אין אוניװערסיטעט און ניט װאױנען דאָ?

בּ ע ט י. איהר לערענט דאָ אין אוניװערסיטעט? איהר זענט דען אַ סטודענט?

א י װ א נ אָ װ. כּמעט אַ סטודענט. איך האָב אָנגעגעבּען מײנע פּאַפּיערען, און הײנט װער איך צוגענומען.

בּ ע ט י [צו דער מוטער]. דו הערסט? ער איז אַ סטודענט אין דער היגער אוניװערסיטעט. [צו איװאַנאָװען]. און איהר זענט זיכער, אַז מע װעט אײך צונעמען?

א י װ א נ אָ װ. מעהר װי זיכער. איך האָב אַ גאָלדענע מעדאַל.

בּ ע ט י [צו דער מוטער]. ער איז אַ מעדאַליסט. אַ גאָלדענע מעדאַל.

ש ר ה ש פּ י ר אָ. אַ מענדאַל? אַ גאָלדענע מענדאַל? [אַ פּלעסק מיט די הענט. צו דער טאָכטער]. נו? װער איז גערעכט? איהר לאַכט דאָך פון מיר שטענדיג, דו און דער טאַטע, למאי איך

ווייל, אז סיאמקע זאל האבען א מענדאל. [צום קווארטיראנט]. זיצט. פאר וואס זיצט איהר ניט? [רוקט איהם צו א שטוהל. ער זעצט זיך]. איך זאג אלע מאל, אז א איד דארף האבען א מענדאל. [צו סיאמקען, וואס הערט ניט אויף צו חזר'ען שטילערהייט]. קום נאר אהער, זוהנעניו. זעהסט דו? [ווייזט איהם אויף איוואנאווען]. אט האבען זיי געענדיגט מיט א מענדאל, מיט א גאלדענער מענדאל, וועלען זיי, אם ירצה שם, געווים אריין. הײנט זעהסט דו שוין, ווי אזוי מע דארף זיך לערנען? אויף וואס מע דארף האבען פינפען?

בעטי [צו איוואנאווען]. די מאמע זאגט איהם מוסר, אז מע דארף זיך גוט לערנען, בכדי מע זאל קריגען א מעדאל. ס'איז מיינס א ברודערעל... א גימנאזיסטעל... [צום ברודער]. סיאמע, קום אהער, געב די האנט. [סיאמקע געהט־צו, פארנייגט זיך, גיט די האנט].

איוואנאוו [צו בעטין]. אין וויפיעלטער קלאס איז ער דאס?

בעטי. אין דריטער קלאס דערווייל.

איוואנאוו. אזא גרויסער ערשט אין דריטער קלאס?

בעטי. פאר וואס פרעגט איהר בעסער ניט, וויפיעל יאהר איז ער געגאנגען צום עקזאמען, איידער מע האט איהם צוגעלאזט? און וויפיעל טרערען האט מיין מאמע פארגאסען?

איוואנאוו. פאר וואס האט מען איהם ניט צוגעלאזט?

בעטי [צעלאכט זיך]. חא־חא־חא! א איד — און פרעגט אזעלכע קשיות!

איוואנאוו [זעהט, אז ער איז אריינגעפאלען]. יא־נו. איך מיין ניט דאס. איך מיין עפיס אנדערש. אין דריטער קלאס איז ער — און מע שמועסט שוין וועגען א מעדאל?

בעטי. געווים. אניט, וועט ער דאך ניט אריין אין אוני־ווערסיטעט.

איוואנאוו [צופריעדען, וואס ער קאן א ביסעל אויסשמועסען זיך מיט בעטין]. וואו זשע איז דאס געזאגט געווארען, אז אייער ברודערעל מוז אריין דוקא אין אוניווערסיטעט?

ב ע ט י. וואו איז דאָס געזאָגט געוואָרען, אז א י ה ר מוזט אריין דוקא אין אוניווערסיטעט?

א י ו ו אָ נ אָ ו ו [שפּיעגעלט זיך אין בעטי'ס פּנים]. איהר האָט מיך געחאַפּט אויפ'ן וואָרט.

ב ע ט י. איך האָב אייך ניט געחאַפּט. איהר האָט זיך אַליין געחאַפּט. די קשיות, וואָס איהר פרעגט, פּאַסען זיך בעסער פאַר א גוי, ניט פאַר קיין אידען.

ש ר ה ש פּ י ר אָ [נישט איבעריג צופריעדען, וואס איהר טאָכטער האט זיך ארייננעלאָזט אין א צו־לאַנגען שמועס מיט איין אומבאַקאַנטען פּארשוין, מישט זי זיך אריין, בכדי איבערצורייסען זיי, און א ביסעל ווילט זיך איהר טאַקי באַריהמען מיט איהר זוהנדעל, — ווענדט זי זיך צו איוואַנאָווען]. ער וועט מיט גאָט'ס הילף געווים קריגען א מענדאַל, אזוי ווי איהר. ער לערענט אויף סאַמע פינפען.

א י ו ו א נ אָ ו. מאַלאַדיעץ!

ב ע ט י. און קריגט פאַר יעדען פינף א פּיטאַקעל ביי דער מאַמע.

א י ו ו א נ אָ ו. געקויפטע פינפען?

ס י אָ מ ק ע [וואָס איז געשטאַנען ביז אַהער און איינגעהערט זיך אינ'ם שמועס, מישט זיך אויך אריין]. נישט געקויפטע, נאָר פאַרדיענטע.

א י ו ו א נ אָ ו. בּראַוואָ! [נעמט ביי איהם דאָס ביכעל. לייענט].
„פּיעסן אָ וויעשטשעם אָליעגיע”. אַנו? [גיט סיאָמקען, ער זאָל לייענען].

ס י אָ מ ק ע [גיט־אָפּ צוריק דאָס ביכעל. נייציג]. איך קען עס אויף אויסווענינג. [שנייצט־אויס די נאָז, שטעלט זיך אַוועק, קלינגט הויך, מיט א נייעם אייגענעם ניגון, שאַקעלט זיך צום טאַקט]:

„קאַק ניניע זביחאיעטסאַ וויעשטשיי אָליעג
אָטאָמסטיט ניעחאַזומנים חאַזאַחאַם,
איח סיאָלאַ אי ניווי זאַ בּויניי נאַביעג
אָבּחיאָק אָן מעטשאַם אי פּאָזשאַחאַם...”

[בעטי און איוואַנאָוו קוקען זיך איבער און שמייכלען].

אײוואַנאָוו. [צו סיאָמקען]. בראַוואָ! אױסגעצײכענט! נאָר צו וואָס זינגענדיג? צו וואָס שאָקלען זיך?

שרה שפּירא [אומרוהיג, צו דער טאָכטער]. וואָס זאָגט ער? ס'איז נישט גוט? נישט געפעלען איהם, ווי ער לײענט?

בעטי [צו דער מוטער]. ער זאָגט ניט, אַז ס'איז נישט גוט. ער זאָגט נאָר, למאי ער זינגט מיט אַ ניגון און למאי ער שאָקעלט זיך.

שרה שפּירא. אפשר וואָלט געווען אַ סברה, אַז ער זאָל מיט איהם צולערנען, רעפּעטיטעווען?

בעטי [צו דער מוטער]. רעפּעטירען, ניט רעפּעטיטעווען.

שרה שפּירא. לאָז זײן אַזוי. אַנו, טהו איהם נאָר אַ פרעג, וואָס וועט ער וועלען דערפאַר? זאָג איהם, אַז ס'וועט איהם קאָסטען ביליגער דאָס צימער, אויב ער וועט איהם רעפּעטיטעווען.

בעטי [צו דער מוטער]. רעפּעטירען, ניט רעפּעטיטעווען. [צו איוואַנאָווען]. די מאַמע זאָגט, אַז ס'וועט אײך קאָסטען אַ סך ביליגער דאָס צימער...

שרה שפּירא [פאַרריכט]. נישט קײן סך, נאָר עטוואָס ביליגער...

בעטי. אויב איהר וועט לעהרנען מיט מײן ברודערל...

אײוואַנאָוו. מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען. עס דאַרף ניט קאָסטען ביליגער. איך קאָן מיט איהם לעהרנען אַזוי. איך נויטיג זיך ניט.

שרה שפּירא [שײנענדיג]. לאָם איך האָבען אַזאַ יאָהר, וואָס פאַר אַ פײנער מענטש דאָס איז! איך האָב עס אַרויסגעזעהען באַלד, פונ'ם ערשטען קוק! [צו איוואַנאָווען, פרײנטליך]. מע שיקט אײך צו פון דער היים? [זעצט זיך אַוועק אַקעגען קוואַרטיראַנט, לעגט־צונויף די הענט אויפ'ן האַרצען].

אײוואַנאָוו. וואָס שיקט מען מיר צו פון דער היים?

שרה שפּירא. געלט מײן איך.

אײוואַנאָוו. יאָ. מע שיקט מיר צו פון דער היים.

ש ר ה ש פ י ר אָ. אייער טאַטע מסתּמא? אָדער אייער מאַמע?

א י וו א נ אָ ו ו [קוקט אויף בעטין]. יאָ... ניין... דאָס הייסט, איך קריג געלט צוגעשיקט פון מיין באַבושקאַ...

ש ר ה ש פ י ר אָ. אַזוי גאָר? זענט איהר, הייסט עס, אַפּנים, אַ יתום?

א י וו א נ אָ ו ו. אַ יתום.

ש ר ה ש פ י ר אָ. אָהן אַ טאַטען, אָהן אַ מאַמען?

א י וו א נ אָ ו ו. אָהן אַ טאַטען, אָהן אַ מאַמען.

ש ר ה ש פ י ר אָ. שוין לאַנג?

א י וו א נ אָ ו ו. שוין לאַנג.

ש ר ה ש פ י ר אָ. פון קליינוויז אויף?

א י וו א נ אָ ו ו. פון קליינוויז אויף.

ש ר ה ש פ י ר אָ. און קיין זיידע איז נישטאָ?

א י וו א נ אָ ו ו. קיין זיידע נישטאָ.

ב ע ט י [קאָן נישט ליידען. צו דער מוטער]. מאַמע! וואָס איז דאָס פאַר אַ עקזאַמען?

ש ר ה ש פ י ר אָ. ס'איז גאָרניט קיין עקזאַמען. איך וויל וויסען. [צום קוואַרטיראַנט]. איז זי, הייסט עס, איין אַלמנה?

א י וו א נ אָ ו ו. ווער?

ש ר ה ש פ י ר אָ. אייער באַבושקאַ.

א י וו א נ אָ ו ו. פאַרשטעהט זיך, איין אַלמנה.

ש ר ה ש פ י ר אָ. שוין לאַנג?

א י וו א נ אָ ו ו. שוין לאַנג.

ש ר ה ש פ י ר אָ. און האָט ניט חתונה?

א י וו א נ אָ ו ו. ניין.

ש ר ה ש פ י ר אָ. און זי איז רייך?

ב ע ט י [ווידער אַ מאָל צו דער מוטער]. וואָס פאַר אַ דאָפּראָס, מאַמע?

שרה שפּירא. ס׳איז גאָרניט קיין דאָפּראָס. איך פרעג גלאַט אזוי. [צום קוואַרטיראַנט]. און זי איז רייך?

איוואַנאָוו. ווער?

שרה שפּיראָ. אייער באַבושקאַ.

איוואַנאָוו. רייך.

שרה שפּיראָ. זעהר רייך?

איוואַנאָוו. זעהר רייך.

שרה שפּיראָ. דהיינו, וויפיעל שאַצט מען זי?

איוואַנאָוו [קווייגקעלט זיך]. המ... ביי צוויי הונדערט טויזענט...

שרה שפּיראָ. צוויי הונדערט טויזענט? [צו דער טאָכטער]. בעטי, דו הערסט? צוויי הונדערט טויזענט!

בעטי. וואָס פאַר אַ פּנים האָט דאָס, מאַמע?

שרה שפּיראָ. וואָס אַהרט עס דיך? [צום קוואַרטיראַנט]. זאָגט זשע מיר, איך בעט אייך, און מעהר קיין אייניקלעך האָט זי ניט?

איוואַנאָוו. ווער?

שרה שפּיראָ. אייער באַבושקאַ.

איוואַנאָוו. ניין, זי האָט ניט מעהר.

שרה שפּיראָ. זענט איהר, הייסט עס, איינער?

איוואַנאָוו. איינער.

שרה שפּיראָ. איין־און־איינציגער?

איוואַנאָוו. איין־און־איינציגער.

שרה שפּיראָ. קומט דאָך אויס, אַז איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר זענט איהר דער...

בעטי [לאַזט איהר נישט ווייטער געהן. צום קוואַרטיראַנט]. איהר ווילט דאָך אודאי זיך אָפּרוהען, אָדער איבערטהון זיך?

איוואַנאָוו [שטעהט־אויף, נעמט זיך צו די זאַכען]. יאָ. איך דאַרף זיך איבערטהון און געהן אין אוניווערסיטעט געוואָוירע ווערען...

ש ר ה ש פּ י ר אָ [צו דער טאָכטער]. דאַרף מען זיי אַריינ־טראָגן די זאַכן אין צימער אַריין, און געבן זיי וואַסער, און אַ האַנטוך, און ציכלעך אויפציהען אויף די קישעלעך. בּעטי, זיי זיך מטריח. איך וועל דערווייל אַ קוק טהון צום סאַמאָוואַר, דער טאַטע דאַרף בּאַלד קומען. [צו סיאַמקען]. סיאָמעניו, העלף זיי טראָגן.

[בּעטי געהט מיט איוואַנאַוונען אין זיין צימער. סיאַמקע חאַפּט און טראָגט זיי נאָך פון הינטען דאָס טשעמאָדאַנטשיקעל מיט'ן פּלעד, הערט נישט אויף געהענדיג צו חזר'ען דעם אוראָק שטילערהייט: „קאַק ניניע זביחאַיעטסאַ וויעשטשיי אַליעג...” שרה פאַרקאַטשעט די אַרבּעל, געהט־אָפּ אין קיך אַריין און קומט גיך צוריק מיט'ן סאַמאַוואַר און מיט'ן טייגעשיר. בּאַלד נאָך איהר קומט־אַן פון'ם זייטיגען צימער בּעטי].

ש ר ה ש פּ י ר אָ. נו? וואָס האָב איך דיר געזאָגט?

בּ ע ט י. וואָס האָסט דו געזאָגט?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. אַז ס'איז אַ יונגערמאַן אַ גאָלד.

בּ ע ט י. דו האָסט געזאָגט אַ גאָלד?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. וואָס דען האָב איך געזאָגט?

בּ ע ט י. אַ שלים־מזל האָסט דו דאָך געזאָגט, מאַמעטשקע!

ש ר ה ש פּ י ר אָ. איך האָב געזאָגט אַ שלים־מזל? איך?

בּ ע ט י. ווער דען האָט געזאָגט אַ שלים־מזל? איך?

[אומגעריכט, אַהן אַ קלונג, קומט־אַן ד ו ד ש פּ י ר אַ, אַ פאַרשוויצטער, אָנ־געטהאַן אין אויבּערשטען ראָק און אין קאַפּעליש, מיט'ן שטעקעלע אין האַנט, בּלייבּט שטעהן אויף דער טיר אַ מינוט, הערט זיך צו צו זייער שמועס].

ד ו ד ש פּ י ר אָ [קרימט זיי איבּער]. געזאָגט־געזאָגט־געזאָגט!... איך האָב געזאָגט... דו האָסט געזאָגט... נאָך אויף די טרעפּ לאָזט איהר זיך הערען... גאָט איז מיט אייך! [טהוט זיך אויס]. מיט וועמע'ס ירושה קאָנט איהר זיך ניט אַיינטיילען? [געהט צום טיש]. די מאַמע מיט דער טאָכטער! ווען וועט איהר אויפהערען צו קריעגען זיך?

בּ ע ט י. ווער קריעגט זיך דען?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. אַנדערע קושען זיך, מיר קריעגען זיך — איז נאָך ניט גלייך.

ד ו ד ש פּ י ר אָ [איז גוטעו מוטה]. „אַנדערע קושען זיך, מיר קריגען זיך — איז נאָך ניט גלייך!"... הכּלל, וואָס איז דאָ ביי אייך געווען פאַר אַ שפּאַרעניש: „איך האָב געזאָגט — דו האָסט געזאָגט"? [זעצט זיך צום טיש].

ב ע ט י [ווייל איהם איבערגעבען]. פאַרשטעהסט, פּאַפּאַטשקאַ...

ש ר ה ש פּ י ר אָ [דערלאָזט נישט]. ווייס איך וואָס? צו וואָס איבערגעבען? טאַקי כּדאי!... הער בעסער, דוד, איך דאַרף דיר דערצעהלען אַ שענם...

ד ו ד ש פּ י ר אָ. אַ שענם? איך האָב אויך געבראַכט צו טראָגען אַ שענם.

ב ע ט י. אוי, פּאַפּאַטשקאַ, דערצעהל, דערצעהל!

ד ו ד ש פּ י ר אָ [צו דער טאָכטער]. ניין, לאָז זי פריהער. זי איז בילכער. [צום ווייב]. נו?...

ש ר ה ש פּ י ר אָ [גיסט־אָן טיי דעם מאַן]. גאָט האָט אונז צו־געשיקט אַ גליק. וואָס זאָג איך אַ גליק? צוויי גליקען מיט אַ מאָל.

ד ו ד ש פּ י ר אָ. צוויי גליקען מיט אַ מאָל? קיין עין־הרע ניט! וואָס פאַר גליקען? די קוה האָט זיך געקעלבט און די קאַץ האָט זיך געקעצעלט?

ב ע ט י [פאַרלעגט אַ פינגער]. ערשטענס, אַ קוואַרטיראַנט.

ש ר ה ש פּ י ר אָ. און נאָך וואָס פאַר אַ קוואַרטיראַנט! אַליץ הייסט אַ קוואַרטיראַנט!

ב ע ט י [פאַרלעגט נאָך אַ פינגער]. און, צווייטענס, אַ לעהרער פאַר אונזער סיאָמקען...

ש ר ה ש פּ י ר אָ. און נאָך וואָס פאַר אַ לעהרער! אַליץ הייסט אַ לעהרער! איין אומזיסטיגער! ער נעמט ניט אַ גראָשען!

ד ו ד ש פּ י ר אָ. פאַר וואָס עפּים?

ב ע ט י. ער איז אַ רייכער...

ש ר ה ש פּ י ר אָ. אַליץ הייסט רייך! איין עושר. איין אדיר! אַ מיליאָנשטשיק!

ב ע ט י. ניט ער, די באַבושקאַ זיינע...

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [האַפּט זיך ביי די אויהערען]. טראַ־טאַ־טאַ־טאַ! ביידע מיט אַ מאָל! לאָז איינע רעדען. איך פאַרמאָג מעהר ניט ווי איין פּאָר אויהערען. גאָט איז מיט אייך!

ש ר ה  ש פּ י ר אָ [צו דער טאָכטער]. נו, דערצעהל דו, אַז דו קאָנסט בעסער. [טרעט־אָפּ]. אַ גימנאַזיסטקע פון זיעבעטער קלאַס — ביזט דו בילכער. [טרעט־אָפּ].

ב ע ט י [צו דער מוטער, מיט ביידע הענט צו איהר]. מאַמעטשקע, דו קאָנסט בעסער. דערצעהל שוין דו, דערצעהל.

ש ר ה  ש פּ י ר אָ [גיעהט־צו]. אַ שכן האָט אונז גאָט צוגעשיקט — [בויגט זיך אַז צום מאַן, רעדט שטיל] אַ קוואַרטיראַנט, אַ מאָדנע קוואַרטיראַנט! ערשטענס, שטעל דיר פאָר, אַז הייסען הייסט ער מאַירסאָן...

ב ע ט י. ניט מאַירסאָן, נאָר שניאורסאָן.

ש ר ה  ש פּ י ר אָ [אַ קוק ביין אויף דער טאָכטער]. מיין איך שניאורסאָן. און פאַרשטעהט ניט, זאָלסט זאָגען, אַ וואָרט אידיש! ער ווייסט ניט אפילו, וואָס הייסט פּראַוואָזשיטעלסטווע...

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [טרינקט]. אַ גע׳שמד׳טער?

ש ר ה  ש פּ י ר אָ. חס ושלום! אַ איד!

ב ע ט י. ער איז אַ סטודענט.

ש ר ה  ש פּ י ר אָ [שטיל, צום מאַן אויפ׳ן אויהער]. מיט אַ מענדאַל! אַ גאָלדענע מענדאַל!... צאָהלט מיר אַ פינפאונצוואַנציגער פאַר׳ן צימער...

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [אַ קוק אויפ׳ן ווייב]. אַ פינפאונצוואַנציגער פאַר׳ן צימער? משוגע? צי חסר־דעה?

ש ר ה  ש פּ י ר אָ. האָב צייט, ביזט נאָך ניט פאַרטיג. [שטיל]. ער האָט זיך, אחוץ דעם, נאָך אונטערגענומען צו לעהרנען מיט אונזער סיאָמקען אומזיסט, אָהן אַ גראָשען געלט.

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [הויך]. ווייזט אויס, אַ רעכטער לץ, אַ פרייער, אָדער אַ פעכפויגעל, ווי מע רופט עס ביי אונז אויף דער בערזע.

ש ר ה ש פּ י ר אָ [שטרענג]. ששש... ער קאָן נאָך דערהערעז, האָסט דו געזעהען אַ ביסעל?

בּ ע ט י [צעלאַכט זיך]. ווי אַזוי וועט ער עס דערהערעז, למשל? סיידען ער זאָל שטעהן הינטער דער טיר — פאַרשטעהט ער דאָך ניט אַ וואָרט אידיש!

ש ר ה ש פּ י ר אָ [הויך]. טפו! איך האָב גאָר פאַרגעסען, אַז ער פאַרשטעהט ניט אונזער לשון. הכּלל, איך זאָג דיר, דוד, אַ מאָדנעם שכן האָט אונז גאָט צוגעשיקט! זאָלסט זאָגען, אַ מענטש זאָל זיך עס פּרובען דינגען! מע זאָגט דיר פינף און צוואַנציג — זאָג האָטש צוויי און צוואַנציג... אַז מע שמועסט — איין אַדיר! אַ מיליאָנשטשיק!

בּ ע ט י [צום פאַטער]. די מאַמע האָט, ווייזט אויס, חרטה, פאַר וואָס זי האָט איהם ניט געזאָגט מעהר.

ד ו ד ש פּ י ר אָ [צום ווייב, שפּאַטיש]. טאַקי. למאי האָסט דו איהם ניט געזאָגט צוויי מאָל פינף און צוואַנציג? אַזאַ צימער! אַ דירה־מלוכה!

ש ר ה ש פּ י ר אָ [געפינט זיך באַלעדיגט]. אָט דאָס איז דאָך די מעשה מיט אייך — באַלד עפּיס, מאַכט איהר חוזק. דער טאַטע מיט דער טאָכטער!...

ד ו ד ש פּ י ר אָ. ווער מאַכט דען חוזק, שטיא וואָס דו בּיזט? גלאַט אַזוי, מע רעדט — רעדט זיך. הקיצור המעשה, גאָט האָט אייך דאָ צוגעשיקט אַ העכט פון העכטענלאַנד! איך וואָלט איהם אַ בּעלן געוועזן אָנקוקען, וואָס פאַר אַ חיה דאָס איז... וואָס שטודיערט ער? דאָקטאָריע?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. לאָם איך אַזוי וויסען בּייז מיט אייך אינאיינעם!

בּ ע ט י. ער דאַרף ערשט היינט אַריין אין אוניווערסיטעט.

ד ו ד ש פּ י ר אָ [אויסגעצויגען]. אַזוי? ער דאַרף ערשט היינט אַריין אין אוניווערסיטעט? חאַ־חאַ־חאַ! אויבּ אַזוי... [חאַפּט זיך אויף]. וואו איז ער ערגיץ? וועל איך איהם דערצעהלען

דעם פסוק! איך וועל איהם אָנזאָגען אַ בשורה, איהר פאַרשטעהט צי נייך, אַז ער מעג זיך שוין געזעגענען מיט זיין אַריין אין אוני־ווערסיטעט לעולם ועד!

שרה שפּיראַ און בעטי [איבערראשט]. פאַר וואָס עפּיס?

דוד שפּיראַ [שפּאַנט־אַרום]. פאַר וואָס? פאַר שבת! דערויף זענען מיר דאָך עפּיס אידען אויף דער וועלט. אתה בחרתנו מכל העמים... איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז כ'האָב געבראַכט אַ שענס. ס'איז אַרויס אַ שפּאָגעל־נייער צירקוליאַר, אַזוי זאָגט מען ביי אונז אויף דער בערזע, לכבוד אונז אידען, הייסט עס. [בלייבט שטעהן]. אָבער אַ צירקוליאַר אשר לא צירקוליארו אבותינו! אַזאַ מין צירקוליאַר, וואָס נאָר איין מאָל אין טויזענט יאָהר קאָן מען אַזעלכעם אַרויסלאָזען. האַ־האַ־האַ! [קוקט זיך אַרום]. וואו איז ער ערגיץ?

שרה שפּיראַ. ווער?

דוד שפּיראַ. דער קליינער וועוווריק, סיאָמע דיינער?

שרה שפּיראַ. וואָס עפּיס מיינער? פאַר וואָס ניט דיינער?

דוד שפּיראַ. לאָז זיין מיינער.

שרה שפּיראַ. וואָס דאַרפסט דו איהם? [אומרוהיג].

דוד שפּיראַ. גאָרניט. איך האָב איהם געוואָלט אָנ־זאָגען אַ בשורה, אַז ער דאַרף זיך שוין אַזוי ניט מוטשען, טאָג ווי נאַכט חזר'ען די אוראַקען, לערנען אויף סאַמע פינפען, בכדי צו באַקומען אַ מעדאַל. אוים מעדאַלען — איין עק!

שרה שפּיראַ [פרייליך]. אַזוי? מע דאַרף שוין ניט? מע וועט שוין צונעמען אַזוי? דאַנקען און לויבען!...

דוד שפּיראַ [צו דער טאָכטער]. שוין? זי האָט שוין קיין צייט ניט! [צום ווייב]. וואָס „דאַנקען און לויבען"? וואָס?

שרה שפּיראַ. דו זאָגסט דאָך, אַז מע וועט שוין ניט דאַרפען מעהר, מע וועט שוין צונעמען אַזוי...

**דוד שפּירא.** יאָ־נו, אודאי וועט מען שוין צונעמען אזוי. נאָר ניט אין אוניווערסיטעט. פאַר סאָלדאַטען וועט מען צונעמען.

**שרה שפּירא** [ברעכט די הענט]. אַ דונער האָט מיך געטראָפען!

**בעטי** [נעמט זיך אַז דער מוטער'ס קריוודע. צום פאַטער]. פּאַפּאַטשקאַ! לּמאי זאָלסט דו שרעקען די מאַמע?

**דוד שפּירא** [צו דער טאָכטער]. לּמאי האָט זי מיר אָפּגעגעסען דעם קאָפּ: גימנאַזיע און גימנאַזיע און גימנאַזיע? זיך איינגעשפּאַרט איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז סיאָמקע זאָל דוקא אַריין אין גימנאַזיע, און אַז סיאָמקע זאָל דוקא שטודירען, און דוקא אויף סאַמע פּינפּען?

**שרה שפּירא.** איך האָב דיר אָפּגעגעסען דעם קאָפּ, אַז דאָס קינד זאָל אַריין אין גימנאַזיע?

**דוד שפּירא.** ווער דען האָט געאַרבּייט, אַז דאָס קינד זאָל אַריין אין גימנאַזיע?

**שרה שפּירא** [אַ פּלעסק מיט די הענט. צו דער טאָכטער]. נו? בעטי! זאָג שוין דו! זיי שוין דו איין עדות!

**בעטי.** ששש... לאָז זיין געַנוג! אָן געהט אונזער נייער שכן... [עס קומט אַריין פון זיין צימער איוואַנאָוו, איין איבערגעטהאָנענער, גרייט אַוועקצוגעהן. דערזעהט שפּיראָן, פאַרנייגט ער זיך. בעטי שטעלט זיי פאָר]. דאָס איז מיין פּאַפּאַ. דאָס איז אונזער קוואַרטיראַנט, הער שניאורסאָן.

**דוד שפּירא** [ציהט איהם אויס אַ האַנט, הויבט־אָן צו איהם גלייך אויף אידיש]. שלום עליכם אַייך, פון וואַנעט איז אַ איד? פון וואָסערע שניאורסאָנס?

**שרה שפּירא** [אויפ'ן אויהער צום מאַן]. ער פאַרשטעהט דאָך ניט קיין וואָרט אידיש. [הויך]. רעד צו זיי אויף רוסיש.

**דוד שפּירא** [צום ווייב, אויף אידיש]. רוסיש איז רוסיש. איך שרעק מיך ניט איבער פאַר אַזעלכע זאַכען! [צו איוואַנאָווען,

אויף רוסיש]. סאַדיטיעס. זיצט, פּאַני שניאורסאָן. פאַר וואָס זיצט איהר ניט?

שרה שפּירא [טראָגט איהם אונטער א שטוהל]. זיצט, פאַר וואָס זיצט איהר ניט?

דוד שפּירא [צו איוואַנאָווען]. פון א גלעזעל טיי וועט איהר זיך ניט אָפּזאָגען? [צום ווייב]. שרה, גיס אָן טיי. [שרה גיסט זייביידען אָן טיי]. איך האָב געהערט זאָגען, איהר זענט א סטודענט, דאָס הייסט, איהר וואָלט א בעלן געווען זיין א סטודענט...

איוואַנאָוו. שוין כמעט א סטודענט... איך האָב איינגעגעבען די פּאַפּיערען. איך האָב א מעדאַל.

שרה שפּירא. א גאָלדענע מענדאַל.

דוד שפּירא. איך האָב געהערט. א מעדאַל, און נאָך א גאָלדענע דערצו, איז זעהר א וואוילע זאַך. גאָלד בלייבט תּמיד גאָלד... נאָר אויב ס'וועט אייך העלפען בײ'ם אַריינטרעטען אין אוניווערסיטעט — דאָס, זעהט איהר, איז שוין א גרויסער ספק.

איוואַנאָוו [נייגיעריג]. פאַר וואָס עפּיס אַזוי?

דוד שפּירא. ווייל א מעדאַל איז שוין היינט אויס יחוס. איצט געהט שוין א נייע סדרה: גורל!...

איוואַנאָוו. וואָס הייסט דאָס?

דוד שפּירא. גורל. זשערעב. מע וועט ציהען א זשערעב. מזל זכה בגורל, חאַ־חאַ־חאַ! איהר פאַרשטעהט, צי ניין? איהר האָט געענדיגט גימנאַזיע, איך האָב געענדיגט גימנאַזיע. איהר האָט א גאָלדענע מעדאַל, איך האָב א פייג. הייסט מען אונז ציהען א גורל. ציה איך אַרויס דעם מזל־זכה־בגורל — און מע נעמט מיך צו, און אייך ניט. הייסט מען אייך געהן אַהיים. האָט איהר עס צעקייעט, צי נאָך ניט?

איוואַנאָוו [נאָך ניט פאַרשטאַנען, נאָר ער מאַכט זיך ווי ער פאַרשטעהט]. אַזוי גאָר? וואָס זשע איז די מעשה?

דוד שפּירא. די מעשה איז א שענע מעשה, נאָר א קורצע. איהר ווייסט דאָך, אַז דאָרטען אויבען, אין די הויכע

פענסטער, זיצט מען יומם ולילה און מע זאָרגט זיך רק פון אונזערט־וועגען, און מע קלערט, און מע טראַכט־צו אַלע מאָל עפּיס אַ נייעס, ווי אַזוי אידען צו פאַרצוקערען, פאַרזיסערען אונז דאָס לעבען. נו, האָט מען געפונען, אַז ס'איז ניט על־פּי יושר און על־פּי מענטש־ליכקייט, אַז אין אוניווערסיטעט זאָלען אַריינטרעטען נאָר מעדאַ־ליסטען. אַ רחמנות נעבאַך אויף די איבעריגע, איהר פאַרשטעהט צי ניין, וואָס האָבען ניט קיין מעדאַלען. זייערע נשמות זענען אויך ניט פון קלאָטשע. לכן איז געבליבען, אַז אַלע דאַרפען זיין גלייך. ניטאָ קיין מיוחסים. יאָ מעדאַליסטען, ניט מעדאַליסטען — ביי'ם אַריינטרעטען אין אוניווערסיטעט זאָל מען צווישען דעם פּראָ־צענט אידען, יואָס דאַרפען אַריין, וואַרפען אַ גורל. עלעהיי, לאָז זיך אייך דאַכטען, צום פּריזיוו. ס'איז אַ זשערעב, אַ לאָטעריי, איהר פאַרשטעהט צי ניין? ועמען ס'איז באַשערט — דער געהט.

א י ו ו א נ אָ ו ו. קאָנען דאָך אַריין אין אוניווערסיטעט די סאַמע ערגסטע, און די בעסטע זאָלען בלייבען אין דרויסען?

ד ו ד ש פּ י ר אָ. אָט־אָט־אָט! הערסט דו! אָט דאָס מיינט דאָך טאַקי דער פּסוק! קוים געפאַלען אויפ'ן שכל! מע האָט זיך אַרומגעקוקט, איהר פאַרשטעהט צי ניין, אַז ס'האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט די לעצטע יאָהרען אין די אוניווערסיטעטען אַלע בעסטע, דער סאַמע צימעס. נו, און הוילע צימעס איז אַ חסרון... ס'קאָן אַמאָל שאַדטען צום מאָגען... הכלל, יונגערמאַן, ס'טהוט מיר זעהר לייד, נאָר איך דאַרף אייך זאָגען, אַז איהר זענט מיט אייער גאָלדענער מעדאַל נאָך גאָר אין דרויסען... סיידען איהר זענט אַ בר־מזל און איהר וועט אַרויסציהען אַ גוטען זשערעב?

ש ר ה ש פּ י ר אָ [ברעכט די הענט]. וועה איז מיר!...

ד ו ד ש פּ י ר אָ [קוקט אויף איהר בייז. צו איוואַנאָוועז]. הקיצור, לאָמיר שוין רעדען פון עפּיס פּרייליכערס. פון וואַנען זענט איהר און פון וועלכע שניאורסאָנס קומט איהר אַרויס? טאַקי פון די אמת'ע, פון די ליבאַוויטשער שניאורסאָנס?

א י וו א נ אָ וו [פאַררוּיטעלט זיך, לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג פון בעטין. נאָך אַ קורצער פּויזע, צו דוד שפּיראָן]. נו, געוויס פון די ליבאַ־וויטשער... נאָר פון וואַנען ווייסט מען דאָס, אָט דאָס, וואָס איהר דערצעהלט? אפשר איז דאָס...

ד ו ד ש פּ י ר אָ [תאפּט־אונטער]. אפשר איז דאָס נאָר אַ סלוך — ווילט איהר זאָגען? קאָנט איהר שוין זיין זיכער. דאָס זאָגט אייך שפּיראָ, ניט אַבי־ווער, נאָר דוד שפּיראָ — איהר קענט מיך נאָך ניט. נאָר אַז איהר וועט אייך צעפרעגען, וועט איהר וויסען. איך בין פון די אמת'ע שפּיראָס, פון די סלאַוויטער, אויב איהר האָט געהערט. ניט געהערט? עס טהוט מיר לייד!... איז איין מאָל אַוועק. והשנית, פון וואַנען איך וויים עס? פון דער בערזע וויים איך עס. איך בין אַליין, איהר פאַרשטעהט צי ניין, אַ בירזשעוויק, אַ מעקלער בין איך, פון דער בערזע, און ביי אונז אויף דער בערזע ווייסט מען אַלסדינג. לאָז אַרוים עפּים אַ נייער זאַקאָן, אַ צירקוליאַר — איז קודם כל ווער ווערט געוואָהר פריהער? די בערזע. נאָך מעהר. אויף דער בערזע ווייסט מען אָפטמאָל אַזעלכע זאַכען, וואָס זענען נאָך גאָרנישט געבוירען געוואָרען אפילו, וואָס דאַרפען ערשט אַמאָל זיין. הקיצור, איהר געהט דאָך מסתמא אין אוניווערסיטעט אַריין, וועט איהר שוין האָרכען, מע וועט אייך שוין זאָגען. איצט דאַרפען מיר באַטראַכטען אַקאָרשט, וואָס וועט זיין [נעמט זיך ביי דער באָרד און רעדט מיט אַ ניגון]: טאָמער איז דאָס טאַקי איין אמת, וואָס איך האָב אייך דערצעהלט, — בלייבט איהר דאָך מיט אייער גאָלדענער מעדאַל, ווי דער דראַזשנער רב אויפ'ן יאַריד, בשעת מע האָט אַוועקגע'גנב'עט ביי'ם גוי דעם וואָגען! מילא, מעדאַל יאַק מעדאַל. וואָס וועט אָבער דעמאָלט זיין מיט אייער פּראַוואָזשיטעלסטווע?

א י וו א נ אָ וו. צו וואָס פּראַוואָזשיטעלסטוואָ?

ד ו ד ש פּ י ר אָ. וואָס הייסט צו וואָס? פון הימליכ־קייט וועגען. אַ קשיא, וואָס סע מאַכט זיך? טאָמער, חלילה, איין אַבלאַווע?

א י ו ו אַ נ אָ ו ו [פארשטעהט ניט]. וועלכע אַבּלאָווא ?

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [צעלאכט זיך ביטער]. חאַ־חאַ־חאַ ! [שטעהט־אויף, ווענדט זיך צו זייניגע]. וואָס זאָגט איהר דערויף ? ער ווייסט אפילו ניט פון אַ אַבּלאָווע צו זאָגען !

ב ע ט י [נעמט זיך אַז דעם קווארטיראַנט'ס קריוודע. צום פאַטער]. פון וואַנען זאָל וויסען אַ פרעמדער מענטש, וואָס איז נאָר־וואָס געקומען צו פאָהרען פון אַ רוסישער שטאָדט, פון די ווייטע גובּערניעס ?

ד ו ד  ש פּ י ר אָ. גוט. אָבער אַ איד איז ער דאָך ! און אַ שניאורסאָן דערצו ! וואָס הייסט, ער האָט ניט געהערט פון קיין אַבּלאָוועס, וואָס מע מאַכט דאָ אויף אונז ?

א י ו ו אַ נ אָ ו ו [העכסט צופריעדען, וואס בעטי האָט זיך אנגענומען זיין קריוודע. צו שפּיראָן]. אייער טאָכטער האָט רעכט, און איהר זענט אויך גערעכט. אַ איד דאַרף אַלסדינג וויסען, וואָס סע געהערט זיך אָן מיט... מיט זיין פאָלק. בין איך אָבער, ווי איך האָב זיי שוין געזאָגט [וויזט־אָן אויף שרה'ן און בעטין], אויסגעוואַקסען און אויפגעצויגען מעהר צווישען קריסטען, אין אַ רוסישער שטאָדט... נאָר געהערט האָב איך, און געלייענט וויפיעל מאָל, אַז ביי אייך אָט דאָ, וואו אידען וואוינען, איז פאַרהאַן פּאָגראָמען...

ד ו ד  ש פּ י ר אָ. וואָסערע פלאָמען ? נאַ דיר גאָר פּאָגראָמען ! ווער רעדט דען פון פּאָגראָמען ?

א י ו ו אַ נ אָ ו ו. אָט זאָגט איהר דאָך אַבּלאָוועס...

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [שיסט־אויס אַ געלעכטער. שרה און בעטי און אויך סיאָמקע, וואָס וואַכסט־אויס פון זייטיגען חדר, חאַפּען זיך ביי די זייטען און העלפען לאַכען]. חאַ־חאַ־חאַ ! מע רעדט פון אַבּלאָוועס, זאָגט ער גאָר פּאָגראָמען !

ש ר ה  ש פּ י ר אָ [דערזעהט סיאָמקען לאַכען]. דו ביזט אויך דאָ אין קאָהל, קליינער ווערוריק ? די אוראָקען געה לערנען ! [סיאָמקע געהט־אָפּ צוריק אַהין חשק].

איוואַנאָוו [פאַרשעמט]. אויב אַזוי... אַנטשולדיגט... איך האָב אייך ניט איינגאַנצען פאַרשטאַנען. פון וועלכע אַבלאַוועס רעדט איהר דען?

דוד שפּירא. פון וועלכע אַבלאַוועס זאָל איך רעדען? פון אונזערע אייגענע, פון די אידישע אַבלאַוועס רעד איך, וואָס מע מאַכט דאָ אויף אונז אַלע נאַכט. וואָס קוקט איהר מיך אָן, ווי אַ נעכטיגער?

איוואַנאָוו. מע מאַכט דאָ אויף אייך אַבלאַוועס? פאַר וואָס?

דוד שפּירא [צעלאַכט זיך ביטערליך]. חאַ-חאַ-חאַ! ער פרעגט גאָר, פאַר וואָס? [צום ווייב און צו דער טאָכטער]. וואָס זאָגט איהר צו דעם אידען?

איוואַנאָוו. ניין... איך מיין... איהר זאָגט אַבלאַוועס. אַבלאַוועס מאַכט מען ביי אונז אויך, נאָר אויף חיות.

דוד שפּירא. און מיר זענען דאָ ערגער פון חיות. למשל, קעץ אָדער הינט קאָנען זיך דאָ אַרומדרעהען פראַנק און פריי, וויפיעל זיי ווילען, און קיינער שטעהרט זיי ניט; און אונז, אידען, לאָזט מען דאָ ניט זיין. מיר טאָרען ניט. באַהאַלטען מיר זיך, איהר פאַרשטעהט צי ניין, אין די לעכער, אַזוי ווי מייז, האַפּען זיך אַריין בגנבה. קומט מען ביינאַכט אונז זוכען, אונז האַפּען און אוועקשיקען מיט'ן עטאַפּ פּאָ מיעסטו פּריפּיסקי — ווערט דאָס אָנגערופען אַבלאַוועס. האָט איהר שוין צעקייעט, צי נאָך ניט? [קוקט אויף איוואַנאָוו, זיפצט]. עה, יונגערמאַן, יונגערמאַן! איהר זענט דאָך עפּיס נאָך גאָר-גאָר אַ נעוויקעל, כלעבען! און אַ גליק-ליכער מענטש! ווארט-אויס אַ ביסעלע. אויב איהר בלייבט אַ הינער און וועט ווערטה זיין ביי גאָט, וועט איהר נאָך זוכה זיין, אם ירצה שם, איבערצולעבען ניט איין אַבלאַווע.

שרה שפּירא [צום מאַן, אויף אידיש]. ביים דיר אַפּ די צונג! צו וואָס זאָלסט דו לעגען יעגעם שטיינער אויפ'ן הארצען,

האָסט דו געהערט אַ ביסעל? ! גלאַט, אַ מענטש האָט אַ צונג און פּלאַפּעלט !

בּ ע ט י [צו דער מוטער, אויף אידיש]. וואָס האָסט דו מורא, יענער וועט זיך איבּערשרעקען און אַנטלויפען ?

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [צו דער טאָכטער, אויף אידיש]. גוטע יאָהרען, אַז זי [ווייזט אויפ׳ן ווייב] לעהרענט מיך שכל, ווי אַזוי צו רעדען מיט אַ מענטשען !

בּ ע ט י [צום קוואַרטיראַנט, אויף רוסיש]. מיין מאַמע, פאַר־שטעהט איהר, האָט מורא, אַז מע וועט אייך דערצעהלען, ווי אַזוי מע מאַכט אויף אונז אַבּלאַוועס, וועט איהר זיך אויפהויבּען און אַנטלויפען, און זי וועט בּלייבּען אָהן אַ קוואַרטיראַנט, האַ־האַ !

א י ו ו אַ נ אָ ו ו [לאַכט]. אָ, ניין ! [צו שרה׳ן]. זייט רוהיג, מאַטושקאַ, איך בּין ניט פון די איבּערגעשראָקענע. איך האָבּ פאַר אַזעלכע זאַכען קיין מורא ניט. [שטעהט־אויף אַוועקצוגעהן].

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [צום ווייב, טריאומפירענד]. זעהסט דו ? אַבּי דו מישט זיך אומעטום אַריין ! [שטעהט אויך אויף. צום קוואַר־טיראַנט, אויף רוסיש]. הכלל, איהר געהט, הייסט עס, אין אוניווער־סיטעט געוואָרירע ווערען ? געהט־געהט. מע וועט אייך שוין דאָרטען דערצעהלען. איהר וועט, אם ירצה שם, קומען, ווי בּיי אונז אין פּסוק שטעהט: בּגפּו יבוא, בּגפּו יצא. נאָר איהר ווייסט דאָך נעבּאַך ניט, וואָס דאָס בּאַטייט — אַזוי ווי איהר ווייסט ניט, אַזוי זאָל דאָס אייך ניט שאָדטען. נאָר איידער איהר געהט, וואָלט איך אייך עפּיס געוואָלט זאָגען, איך מיין טאַקי פון אייער טובה וועגען.

א י ו ו אַ נ אָ ו ו. צום בּיישפּיעל ?

ד ו ד  ש פּ י ר אָ. ווייבּאַלד ס׳איז אמת די מעשה מיט׳ן זכה־בּגורל, בּלייבּט איהר דאָך דערווייל אָהן אַ קנעלונג, אָהן אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע מיין איך. און אָהן אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע זענט איהר אַ טוידטער מענטש.

שרה שפּירא [צום מאַן, אויף אידיש]. ווידער אַ מאָל געשראָקען?

דוד שפּירא [צום ווייב, אויף אידיש]. ווידער אַ מאָל מישט דו זיך אַריין אין פרעמדע געשעפטען? [צום קוואַרטיראַנט, אויף רוסיש]. איהר קאָנט דאָך דאָ ניט זיין בשום אופן ואופן! איהר קאָנט דאָ אפילו אַ נאַכט ניט איבערנעכטיגען!

איוואַנאָוו. איין נאַכט אויך ניט? ניעאַר־זשעלי?

דוד שפּירא [צו דער טאָכטער, אויף רוסיש]. וואָס זאָגסט דו דערויף? ער מיינט, איך טרייב קאַטאָוועס... [אויף אידיש]. אַ רעכטער ליץ!

בעטי [צום קוואַרטיראַנט]. מיר האָבען דאָך אייך געזאָגט באַלד, אַז דאָ איז זעהר שטרענג...

איוואַנאָוו. יאָ־נו, איך ווייס — פּראַוואָזשיטעלסטוואָ. וואָס זשע טהוט מען דערצו?

דוד שפּירא [אויפגעלעבט]. וואָס טהוט מען דערצו? אָט אַזוי זשע רעדט! אָט אַזוי האָב איך אייך ליעב! אַז אַ מענטש פרעגט, וואָס טהוט מען — באַדאַרף מען זיך באַטראַכטען, געפינען איין עצה. [טראַכט אַ ווײַלע, האַלט אַ שפּיץ באָרד אין מויל, טהוט זיך אַ פּאַטש אין שטערן]. שאַ! ס'איז דאָ איין עצה!

איוואַנאָוו. צום ביישפּיעל? איינגעבען דעם מינים־טער? אוועקשיקען אַ דעפּעש?

דוד שפּירא [שלאָגט איהם איבער]. ששש... חאַפּט ניט! אַ איד בלייבט אַ איד! אַ איד האָט אייך קיינמאָל קיין צייט ניט! [גלעט זיך די באָרד]. מיר וועלען די זאַך באַטראַכטען פּאַוואָלינקע, ניט געחאַפּט, און אַרום און אַרום, איהר פאַרשטעהט צי ניין, פון אַלע זייטען. הערט זשע נאָר צו מיט קאָפּ, וואָס מע רעדט צו אייך. איין אַטעסטאַט האָט איהר?

שרה שפּירא. דוד! וואָס רעדסט דו? מיט אַ מענדאַל!

דוד שפּירא [צום ווייב]. לאָז צורוה! זי איז דאָ מיט איהר מעדאַל איז זי דאָ! [צום קוואַרטיראַנט]. און אַ פּאַס אויך?

און די איבעריגע פּאַפּירען זענען ביי אייך מסתמא אויך אין דער אָרדענונג?

א י ו ו א נ אָ ו ו. אין בעסטער אָרדענונג!

ד ו ד ש פּ י ר אָ. איז גוט. אויב אזוי, איז גוט. איצט לאָמיר זיך קאָרשט ניט נאַרען [מיט א ניגון]: וואו שטעהט עס געשריבען, אז... ווי אזוי רופט מען אייך ביי אייער היילינען נאָמען?

א י ו ו א נ אָ ו ו [קוקט א ווייל׳ע ארויף, צו דער סטעלין]. שניאורסאָן רופט מען מיך.

ב ע ט י [צום קווארטיראנט]. דער פּאַפּא מיינט אייער פאָרנאָמען און אייער פאָטער׳ס נאָמען.

א י ו ו א נ אָ ו ו. א? הערש מאָושאָוויטש, שקלאָווסקי מיעשטשאַנין...

ד ו ד ש פּ י ר אָ [מיט׳ן זעלבען ניגון און גלעטענדיג די באָרד]. וואו שטעהט עס געשריבען, זאָג איך, אז הערשקאָ מאָשקאָוויטש שניאורסאָן, דער שקלאָווער מיעשטשאַנין, באַדאַרף אריינצוטרעטען דוקא אין אוניווערסיטעט און שטודירען דוקא דאָקטאָריע? הא? טאָמער וואָלט געווען אזא פּלאַן? איהר וועט אייך טאַקי טהון אייערס. דאָס הייסט, איהר וועט אייך קודם־כל געהן ציהען א זשערעב, דערנאָך איינגעבען, חלאָפּאָטשען און אזוי ווייטער. נאָר דערווייל, ביז עפּיס וואָס, איהר פאַרשטעהט צי ניין, וועט איהר פאַרשרייבען זיך ביי א צייהן־דאָקטאָר פאַר א דאַנטיסט. לאָז זיין א האַלבער דאָקטאָר. אבי, איהר פאַרשטעהט צי ניין, איהר זאָלט זיך באַוואָהרענען דערווייל מיט א פּראַוואָזשיטעלסטווע. וואָרום וויבאַלד איהר פאַרשרייבט אייך פאַר א דאַנטיסט, אזוי האָט איהר שוין רעכט דאָ צו וואוינען. איהר פאַרשטעהט, צי ניין? דערנאָך וועט איהר אייך קאָנען טהון וואָס איהר ווילט. האָט איהר עס צעקייעט?

א י ו ו א נ אָ ו ו [א צעטומולטער, קלערט א ווייל׳ע]. צו וואָס א דאַנטיסט, אז איך בין גאָרנישט געקומען אהער שטודירען מעדיצין?

ד ו ד  ש פּ י ר אָ. ס'איז דיר איין אַקציע מיט דעם אידען! ווער רעדט דאָ פון שטודיערען? מיר רעדען דאָך דערוויילע נאָר פון פּראוואָזשיטעלסטווע! שטודיערען — דאָס איז אַ באַזונדערע זאַך, און פּראוואָזשיטעלסטווע איז ווידער אַ באַזונדערע זאַך. איינס צום אַנדערען געהער זיך גאָרניט אָן. האָט איהר עס פאַר־שטאַנען?

א י ו ו א נ אָ ו ו [נאָך מעהר צעטומעלט]. ווייסט איהר וואָס? [קוקט זיך ארום]. נישטאָ בּיי אייך אַ טעלעפאָן?

ד ו ד  ש פּ י ר אָ. אונטען איז דאָ אַ טעלעפאָן, וואָס מע קאָן רעדען. צו וואָס דאַרפט איהר אַ טעלעפאָן?

א י ו ו א נ אָ ו ו. איך וואָלט אָנגעקלונגען צו מיינעם אַ חבר. ער איז אַ מענטש מיט אַ באַשקאַ [באַווייזט זיך אויפ'ן קאָפּ], וועט ער געפינען אַ וועג.

ד ו ד  ש פּ י ר אָ. ווער איז דאָס אַזעלכער אייער חבר, וואָס ער האָט אַזאַ באַשקאַ, ווי איהר זאָגט?

א י ו ו א נ אָ ו ו. ער איז טאַקי פון יענער רוסישער שטאָדט, וואו איך האָב געענדיגט גימנאַזיע... אַ רוס איז ער... איוואַנאָוו הייסט ער...

ד ו ד  ש פּ י ר אָ. אַ רוס, וואָס הייסט איוואַנאָוו און האָט אַ קאָפּ, אָדער אַ באַשקאַ, ווי איהר זאָגט, וואָס זאָל קאָנען געבען עצות? ווער איז ער? פון וואָסערע איוואַנאָווס?

א י ו ו א נ אָ ו ו. זיין פאָטער איז טאַקי אַ דאָרטיגער, אַ דעיסטוויטעלני סטאַטסקי סאָוועטניק.

ד ו ד  ש פּ י ר אָ. הייסט דאָך עס אַ גענעראַל! [באַקומט מיט אַ מאָל אַפּשיי]. ווילט איהר איהם אָנקלינגען, הייסט עס, זיך אָנ־פרעגען בּיי איהם דורכ'ן טעלעפאָן? צי איהר ווילט, ער זאָל קומען אהער?

א י ו ו א נ אָ ו ו. זאָל ער קומען אהער.

ד ו ד  ש פּ י ר אָ. זאָגט זשע איהם, ער זאָל קומען טאַקי באַלד, כל זמן איך בּין נאָך דאָ. [רופט־אריין סיאָמקען]. סיאָמע!

גאנצע נאָר, זוהניו, מיט זיי אַראָפּ אונטען צום טעלעפאָן אויף אַ מינוט. [סיאַמקע מיט איוואַנאַווען גייען אַראָפּ אונטען].

שרה שפּיראָ [צום מאַן]. נו, דוד? וואָס האָב איך דיר געזאָגט? איאָ, אַ מאָדנער פּאַרשוין?

דוד שפּיראָ [ווייל איהר ניט צוליעב טהון]. אַ גאַנץ געווינטליכער פּאַרשוין... [זעצט זיך צוריק צום טיי טרינקען]. נאָר איין זאַך: אַ שניאורסאָן, פון די ליובאַוויטשער שניאורסאָנס, — און נישט אַ וואָרט אידיש! [זיפצט]. היינטיגע דערציהונגען, היינטיגע לערנעכטסען, גימנאַזיעס...

בעטי [קוקענדיג אין בוך אַריין]. ניט די גימנאַזיע איז דאָ שולדיג, נאָר די שטאָדט. אַ רוסישע שטאָדט... צווישען כריסטען...

דוד שפּיראָ. נו־יאָ, אַ רוסישע שטאָדט, צווישען כריסטען... אָבער אַ שניאורסאָן! איהר שפּיעלט זיך מיט די שניאורסאָנס? זיין עלטער־זיידע רב שניאור־זלמן פון לאַדי זאָל אויפשטעהן פון קבר און אַ קוק טהון אויף זיין אייניקעל!... [פּויזע]. נאָר אויך די אייגענע מעשה! למאַי מיין עלטער־זיידע, רב שמואל־אַבּא שפּיראָ, פון די סלאַוויטער, זאָל אויפשטעהן פון קבר און אַ קוק טהון... [עס קומט צוריק סיאַמקע מיט איוואַנאַווען. — דוד שפּיראָ, נישט געענדיגט זיינע ווערטער, ווענדט זיך צו איוואַנאַווען]. נו?

איוואַנאָוו. ער קומט באַלד צו פאָהרען.

סיאָמקע. מיט איין אווטאָמאָביל!

דוד שפּיראָ. צו וואָס אווטאָמאָבילען? זיצט, פאַר וואָס זיצט איהר ניט?

שרה שפּיראָ [טראָגט איהם אונטער אַ שטוהל]. זיצט, פאַר וואָס זיצט איהר ניט? [איוואַנאָוו זעצט זיך אַוועק, וואַרפט מיט אויגען אויף בעטין, וועלכע רייסט זיך ניט אָפּ פון איהר בוך].

דוד שפּיראָ [צו איוואַנאַווען]. מיר רעדען דאָ פון אייער זיידען, דאָס הייסט, פון אייער עלטער־עלטער־זיידען, דעם לאַדיער רב, זכרונו לברכה. ער זאָל אויפשטעהן, זאָג איך, און געבען אַ קוק, זאָג איך, אויף זיין אייניקעל, וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט און

ווי ער זעהט אויס... האָט קיין פּאַראיבעל ניט, וואָס איך רעד מיט אייך אַזוי אָפענטליך. איך האָב פיינט רעדען פאַרשטעלט. איך בין אַ שפּיראָ, פון די אמת'ע שפּיראָס, איהר פאַרשטעהט צי ניין, פון די סלאַוויטער, — האָב איך ליעב זאָגען דאָס, וואָס איך טראַכט, יענעם אין די אויגען. איך קוק אויף אייך און קלער מיר: רבונו של עולם! שניאורסאָן, רב שניאור־זלמנ'ס איין איניקעל, — און פאַרשטעהט ניט אַ וואָרט אידיש! מילא, דאָס בין איך אייך שוין מוחל... אויסגעוואַכסען צווישען כּריסטען, אין אַ רוסישער שטאָדט — וואָס זאָל מען טהון? אָבער דאָס אויסזעהן? איך בעט איבער אייער כּבוד, דאָס פּנים? דער טיפּ, איהר פאַרשטעהט צי ניין? פון וואַנען נעמט זיך צו די שניאורסאָנס אַזאַ עכט־רוסישער טיפּ? [שרה שפּירא, בעטי און סיאָמקע — אַלע קוקען אויף איוואַנאָוועו].

א י ו ו אַ נ אָ ו ו [פאַרשעמט זיך, חאַפּט אַ קוק אין שפּיעגעל, וואָס אקעגען אויף דער וואַנט, פאַרוואַרפט די בלאָנדע רוסיש־אונטערגעשוירענע האָר אַרויף]. ניעאָו־זשעלי? דאָס איז דערפאַר, ווייל איך האָב ווייסע האָר...

ד ו ד  ש פּ י ר אָ. ווייסע האָר בין איך אייך מוחל. פאַרהאַן ביי אונז, צווישען די שפּיראָס, אויך מיט ווייסע האָר...

ש ר ה  ש פּ י ר אָ [צום מאַן]. ווער, למשל, איז ביי אייך אַ שפּיראָ מיט ווייסע האָר?

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [צום ווייב]. מיין געשוועסטערקינד פיני שפּיראָ.

ש ר ה  ש פּ י ר אָ. ס'אַ משל! דיין געשוועסטערקינד פיני שפּיראָ איז ניט קיין ווייסער — ער איז אַ געלער.

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [אויפגעטראָגען]. מיין פיני איז אַ געלער?

ש ר ה  ש פּ י ר אָ. וואָס דען — אַ גרינער איז ער?

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [צו דער טאָכטער]. בעטי! דו הערסט?

ב ע ט י [רייסט זיך אָפּ פון ביכעל]. איך הער... [קוקט אין פענסטער]. אָט איז צוגעפאָהרען איין אווטאָמאָביל.

איוואַנאָוו [חאַפּט זיך אויף]. דאָס דאַרף זיין מיין חבר שניאורסאָן... [סיאַמקע וואַרט ניט ביז מע וועט איהם שיקען עפּעס, לויפט אליין אַראָפּ].

דוד שפּירא. וואָסער שניאורסאָן? איהר ווילט זאָגען איוואַנאָוו.

איוואַנאָוו [צעלאַכט זיך]. טפו! מיין איך איוואַנאָוו...

דוד שפּירא. ס'איז דערפאַר, ווייל מיר האָבען דאָ גערעדט אַלץ „שניאורסאָן" און „שניאורסאָן". ס'איז אַלע מאָל אַזוי. דער נאָמען, וואָס מע רעדט פון איהם, בלייבט אונז אין זכרון...

[עס קומט־אריין סיאַמקע מיט שניאורסאָנען, וואָס באַדאַרף שוין גילטען אַלס איוואַנאָוו. ער געהט אָנגעטהאָן אין אַ נייער סטודענטישער אוניפאָרם מיט גאָלדענע קנעפּ, האַלט אין האַנט אַ סטודענטיש היטעל מיט אַ בלויען ראַנד, פאַר־בייגט זיך פאַר די בעלי־בתים].

איוואַנאָוו [שטעלט איהם פאָר]. מיין חבר איוואַן איוואַ־נאָוויטש איוואַנאָוו. [שניאורסאָן גיט אַלעמען די האַנט].

דוד שפּירא. אַ דרייענדיגער נאָמען — דאָס קאָן ביי אונז, אידען, נישט געמאָהלט זיין. און אַז דער זוהן זאָל הייסען מיט'ן טאַטען איין נאָמען — דאָס אודאי ניט. סיידען, באַהיט גאָט, דער טאַטע שטאַרבט איידער דער זוהן ווערט געבוירען, גיט מען דעם זוהן אַ נאָמען נאָכ'ן טאַטען. [צום גאַסט]. זיצט, פאַר וואָס זיצט איהר ניט?

שרה שפּירא [טראָגט איהם אונטער אַ שטוהל]. זיצט, פאַר וואָס זיצט איהר ניט? [שניאורסאָן זעצט זיך אַוועק].

דוד שפּירא [רוקט זיך צו צום גאַסט]. די היסטאָריע פון דער געשיכטע איז, ווי זאָגט ער, אַזאַ מעשה: אייער חבר, הער שניאורסאָן, האָט דאָ געדונגען ביי אונז אַ צימער. אַלסדינג פיין און שען אַרום און אַרום. נאָר איין זאַך פעהלט איהם.

שניאורסאָן. פּראַוואָזשיטעלסטוואָ.

דוד שפּירא [צום ווייב און צו דער טאָכטער]. זעהט איהר? אַ כריסט, און אַ נייער מענטש — און ווייסט שוין פון פּראַוואָ־זשיטעלסטווע.

ש נ י א ו ר ס אָ ן [פּאַ'חאַפּט זיך]. איך בין שוין דאָ באַלד אַ וואָך, האָב איך זיך אָנגעהערט צווישען מיינע אידישע חברים.

ד ו ד ש פּ י ר אָ. נו־יאָ. ער וועט אויך [ווייזט אויף איוואַנאַווען] געוואוירע ווערען מיט דער צייט. דערווייל איז ער, זאָל ער מיר מוחל זיין, נאָך גאָר אַ נעוויקעל. ער ווייסט אפילו ניט פון דעם נייעם צירקוליאַר, וואָס איז אַרויס...

ש נ י א ו ר ס אָ ן. וועגען זשערעבעס פאַר די אידישע סטו־דענטען? דער דאָזיגער צירקוליאַר איז ערשט היינט נאָר־וואָס אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט.

ד ו ד ש פּ י ר אָ [צו איוואַנאָווען]. זעהט איהר? וואָס האָב איך אייך געזאָגט? [צו שניאורסאָנען]. איהר זאָגט: אַט־ערשט, און ביי אונז אויף דער בערזע — איך בין אַ בערזיאַנער — ווייסט מען שוין פון אין דער פריה אָן, און אפשר — נאָך פון נעכטען ביי־נאַכט... הקיצור, ס'איז אַ שלעכטע מעשה, ס'איז אַ גורל, און ווי־באַלד אַ גורל...

ש נ י א ו ר ס אָ ן. איז אַ סך גרינגער צו געווינען דאָס גרויסע געווינס...

ד ו ד ש פּ י ר אָ [טריאומפירענד]. מיינע ווערטער! [צום ווייב און צו דער טאָכטער]. וואָס זאָגט איהר דערויף? און דוקא אַ פריסט! [צו איוואַנאָווען]. איהר וואָלט זיך געמעגט ביטען מיט אייער חבר. דאָס הייסט, איך האָב געוואָלט זאָגען, אַז איהר וואָלט געמעגט זיין זיי, און זיי וואָלטען געמעגט זיין איהר... [ביידע חברים קוקען זיך איבער, שמייכלען. — דוד שפּירא צו שניאורסאָנען]. האָב איך געגעבען אייער חבר איין עצה אזוי [מיט אַ ניגון]: דער זשערעב איז זיך אַ זשערעב. די פּאַפּיערען זענען פּאַפּיערען. און דערווייל, ביז עפּיס וואָס, באַדאַרף מען זיך באַצייטענס באַוואָהרענען, אויף יעדען פאַל, איהר פאַרשטעהט צי ניין, מיט אַ דאַנטיסט.

ש נ י א ו ר ס אָ ן. איהם צושרייבען, הייסט עס, צו אַ דאַנ־טיסט צוליעב פּראַוואָזשיטעלסטוואָ?

**דוד שפּיראַ** [קוועלט]. איהר האָפּט אַלסדינג מיט'ן קוק, ווי איין אמת'ער איד!... האָט קיין פּאַראַיבּעל ניט, איוואַן איוואַנאָוויטש, וואָס איך האָב זיך אַרויסגעהאַפּט...

**שניאורסאָן** [אַ בויג דעם קאָפּ, שמייכעלט]. עס מאַכט ניט אוים...

**דוד שפּיראָ.** און אייער חבר איז פּונקט פּאַרקעהרט. [קוקט אויף איוואַנאָווען]. ער פּרעגט אַזעלכע זאַכען, גלייך ווי ער וואָלט גאָר קיין איד ניט געווען. און צום סוף איז ער דוקא יאָ אַ איד, און נאָך וואָסער אַ איד! אַ שניאורסאָן, פון די אמת'ע שניאור־סאָנס!... איהר ווייסט ניט, ווער די שניאורסאָנס זענען. פון וואַנען זאָלט איהר ויסען? מע באַדאַרף עס אייך קלאָר מאַכען, וועט איהר פאַרשטעהן...

**איוואַנאָוו.** דאָס איז ניט אינטערעסאַנט פאַר מיין חבר...

**שניאורסאָן.** אומגעקעהרט — זעהר אינטערעסאַנט! [צו שפּיראָן]. דערצעהלט, דערצעהלט!

**דוד שפּיראָ.** זייער זיידע [ווייזט אויף איוואַנאָווען], דאָס הייסט, זייער עלטער־עלטער־זיידע, דער לאַדיער רב, האָט געהייסען רב שניאור־זלמן...

**שרה שפּיראָ** [אויף אידיש, צום מאַן]. וואָס ווייסט איין ערל פון אַ לאַדיער רב און פון אַ רב שניאור־זלמן?

**דוד שפּיראָ** [ווערט אויפגעטראָגען אויפ'ן ווייב. צו איהר, אויך אויף אידיש]. אפשר וואָלט איך געגאַנגען לערנען זיך ביי דיר, ווי אַזוי מיט וועמען מע באַדאַרף צו רעדען?

**בּעטי** [וויל פאַרגלעטען דעם איינדרוק, וואָס פאַטער און מוטער שמועסען זיך דורך אויף אידיש פאַר אַ כריסט אין די אויגען]. אונזער קוואַרטיראַנט איז גערעכט, פּאַפּאַ, — ס'איז נישט אינטערעסאַנט. [איוואַנאָוו וואַרפט אויף בעטין אַ בליק פון דאַנקבאַרקייט און אַנטציקונג. זייערע אויגען באַגעגענען זיך. שניאורסאָן האַפּט־איבער זייער ביידענ'ס בליק. בעטי ווערט רויט, קוקט צוריק אין בוך אַריין].

ד ו ד  ש פּ י ר אָ. איך שמועס עס טאַקי אַלץ אַקעגען אונ־זער קוואַרטיראַנט. איך זאָג, אַז דאָס בעסטע פּראַוואָזשיטעלסטווע איז פון אַ דאַנטיסט. און אַזוי ווי דאַנטיסטען זענען דאָ אַלערליי, און ניט איעדער דאַנטיסט האָט פּראַוו צו צושרייבען צו זיך דאַנ־טיסטען, באַדאַרף מען זיך פריהער פון אַלסדינג זעהען מיט'ן דאַנ־טיסט אַליין. איך האָב איינעם אַ באַקאַנטען דאַנטיסט, וואָס פאַר קיין אַנדערען וועט ער עס נישט מאַכען פאַר קיין דריי הונדערט קאַרבען. נאָר ביי מיר וועט דאָס אָפּגעהן פאַר איין הונדערטער. [צו איוואַנאַוועז]. ער באַדאַרף נישט וויסען, הער שניאורסאָן, צי איהר פאַרמאָגט, צי איהר פאַרמאָגט ניט. דאַנטיסטען, וואָבשטשע, זענען בלוטצאַפּערס. איהר פאַרלאָזט זיך אויף מיר. ביי מיר צאַפּט מען נישט. איך הייס דוד שפּיראָ. איהר לעגט אייך איבער מיט אייער חבר [ווייזט אויף שניאורסאָנען], מיט איוואַן איוואַנאָוויטשען הייסט דאָס, און לאָמיר טאַקי באַלד און טאַקי שוין געבען אַ געה־אַריבער צו מיין דאַנטיסט און אָפּמאַכען דאָס איינס־צוויי־דריי... [שניאורסאָן שטעהט־אויף, אַנטשולדיגט זיך און טהוט אַ רוף מיט זיך דעם חבר איוואַנאַוועז, ער זאָל אויפשטעהן פון טיש].

ש ר ה  ש פּ י ר אָ [צום מאַן]. צו וועלכען דאַנטיסט ווילסט דו מיט זיי געהן?

ד ו ד  ש פּ י ר אָ. צו וועלכען דאַנטיסט? צו הענריך לאַפּעטוטניק.

ש ר ה  ש פּ י ר אָ. צו אָט דעם קאַליקע? ער רייסט ארויס, זאָגט מען, געזונטע צייהן און שטעלט אריין קראַנקע...

ד ו ד  ש פּ י ר אָ. וואָס מאַכט דאָס אויס? צו פּראַוואָ־זשיטעלסטווע שאַדט עס ניט.

ב ע ט י [צום פאָטער]. און דאָס, וואָס ער איז אַ זשוליק מיט קאַסאָקע אויגעלעך?

ד ו ד  ש פּ י ר אָ. איז אויך ניט קיין חסרון. וועלכער לייטישער דאַנטיסט וועט דאָס וועלען האָבען צו טהון מיט פּאָליציע און מיט פּראַוועס?... [אין דער צייט, וואָס בעטי רעדט, לאָזט איוואַנאַוו

פון איהר קיין אויג ניט אראָפּ. שניאורסאָן באמערקט דאָס, רופט אָפּ דעם חבר אויף אַ זייט, נעהענטער צו דער ראמפּע, פארדויכערען צו פּאָפּיראָסען].

ש נ י א ו ר ס אָ ן [צום חבר, פארזיכטיג]. נו? ווי פיהלסט דו זיך ביי'ם ערשטען ארויספאָהר? שווער צו זיין אַ איד?

א י ו ו אַ נ אָ ו. פּוסטיאַקי! וואָס זאָגסט דו בעסער אויף מיין קווארטיר? איך מיין, ווי געפעלט דיר אָט דאָס מיידעל?

ש נ י א ו ר ס אָ ן. נישקשה, אַ פיין מיידעל.

א י ו ו אַ נ אָ ו [אנטציקט]. אַ פיין מיידעל — זאָגסט דו? אַ קראַסאַוויצע!

ש נ י א ו ר ס אָ ן. זעה נאָר, וואַניאַ, זאָלסט ניט ארויס־באווייזען דאָ... זאָלסט זיך ניט פארגעסען, ווער דו ביזט און ווער זי איז. דו ביזט אַ כריסט, און זי איז אַ אידיש מיידעל... [באטאָנט די ווערטער]. אַ א י ד י ש ע ט אָ כ ט ע ר...

א י ו ו אַ נ אָ ו [לאָזט קיין אויג ניט אראָפּ פון בעטין פון דערווייטען]. גע שוין גע, הערשקאָ, פאר וועמען האַלסט דו מיך? איך זאָג נאָר גלאַט אזוי: קוק דיך צו צום מיידעל. זי שיינט, ווי די זון! געפעלט דיר אויגען? ברעמען? איהר קוק?... אַ קראַסאַוויצע!

ש נ י א ו ר ס אָ ן. אַ קראַסאַוויצע, אַ קראַסאַוויצע. האָסט פאָלקאָם רעכט. נאָר צופיעל איינקוקען זיך אין איהר — וואָלט איך דיר ניט ראַטען. איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל [מיט אַ באַטאָנונג]: ס'א י ז אַ א י ד י ש ע ט אָ כ ט ע ר!... און בכלל וואָלט איך דיך בעטען, זאָלסט זיין געהיט מיט אַ וואָרט אָט דאָ. זאָלסט בעסער אָפּשווייגען דאָרט, וואו דו פארשטעהסט ניט, בכדי ס'זאָל זיך זיי ניט וואַרפען אין די אויגען, וואָס דו ביזט שוין צו־פיעל גוי... צו וואָס, למשל, האָט דיר געטויגט אויסטראַכטען אַ ליגען, אַז דו ביזט פון די ליבאַוויטשער שניאורסאָנס?...

א י ו ו אַ נ אָ ו. טשודאַק! ניט איך — דאָס האָט אָט דער איד, אָט דער שפּיראָ, מיך איינגערעדט, אַז איך בין פון יענע שניאורסאָנס... ער איז, וואָאָבשטשע, אַ מאָדנער איד, חאַ־חאַ!

נאר די טאָכטער זיינע! די טאָכטער!... [לאזט קיין אויג ניט אראפּ פון בעטין פון דערוויילעט].

שניאורסאָן. ווידער די טאָכטער? הער שוין אויף צו קוקען אהין אזוי שטארק!... [ווארפט אוועק דעם פּאפּירּאָס, טהוט זיך א דרעה־אויס צוריק, געהט־צו צום טיש. איוואנאוו געהט איהם נאך. שניאור־סאָן צו שפּיראַן]. אויסגעצייכענט, הער שפּירא. מיר האָבען זיך מיט מיין חבר איבערגעלעגט, און ס'איז געבליבען, אז איהר זאָלט אייך באַמיהען מיט איהם צום דאַנטיסט, און איך וועל מיר געהן אהיים. [נעמט זיך געזעגנען. איוואנאוו געזעגענט זיך אויך מיט שרה שפּירא און מיט בעטין, דריקט איהר די האַנט זעהר וואַרעם. שניאורסאָן באַמערקט דאָס].

דוד שפּיראָ. נו, וואָס דען? אז איך זאָג, ווייס איך וואָס איך זאָג. וואָס מיך קאָסט שוין אָפּ אָט דאָס פּראוואָזשי־טעלסטווע, זינט איך בין א היגער, וואָלט זיך עם איין אנדערער געמעגט ווינטשען! זעהט איהר אָט די דאָזיגע גרויע האָר? [ווייזט שניאורסאָנען דעם קאָפּ און די באָרד]. דאָס איז אַלץ צו פֿאַרדאַנקען, איהר זאָלט מיר קיין פּאַראיבעל ניט האָבען, איוואן איוואנאָוויטש, אייער פּאָליציע מיט אייערע אוטשאסטקעס מיט אייערע פּראוועס...
[נעמט זיך אנטהון. אלע דריי לאזען זיך צו דער טיר — שניאורסאָן און איוואנאוו אויף צו פריהער, דוד שפּירא פון הינטען].

שרה שפּיראָ [צום מאַן]. דוד! האָסט נאָך אפילו דיין טיי ניט אויסגעטרונקען! האָסט נאָך גאָרניט געגעסען!

דוד שפּיראָ [שוין פון דער טיר]. וואָס מיר טיי? ווער מיר עסען? ביי מיר איז א אידען א טובה טהון פריהער פון אַלע טרינקעכצען מיט אַלע עסעכצען! האָסט פֿאַרגעסען, אפּנים, אז איך הייס דוד שפּיראָ, פון די אמת'ע שפּיראָס, איהר פֿאַרשטעהט צי ניין [שוין פון יענער זייט טיר], פון די סלאָוויטער!...

דער פאָרהאַנג פאַלט.

ענדע פונ'ם ערשטען אַקט.

# צווייטער אַקט

[דאָס זעלבע גרויסע צימער ביי שפּיראָן אין הויז, נאָר אַנדערש צו־געקליבען, אַראַנזשירט פאַר איין אָוונט, אויף אויפצונעמען געסט. אויפ'ן טיש בלומען, טיי־געשיר, וואַזעס מיט פרוכטען, ניסלעך און אַלערליי איינגעמאַכטסען אויף צו פאַרבייסען. דער זאַל איז גוט באַלויכטען. — ש ר ה ש פּ י ר אָ איז אָנגעטהאָן שבת'דיג, מיט איהר גאַנץ ביסעל ציערונג, וואָס זי פאַרמאָגט, פאַרנומען מיט גרייטען צום טיש און אָוועקשטעלען די אַלע אויסגערעכענטע זאַכען. ס י אָ מ ק ע העלפט איהר אויסשטעלען די טעלער, די גלעזלעך מיט די קעלישקעס. נאָר ווי אַזוי ער שטעלט, געפעלט דאָס ניט דער מוטער, און זי שטעלט דאָס איבער].

ש ר ה ש פּ י ר אָ. ניט אַזוי. אָט אַזוי דאַרף שטעהן. קיין עין־הרע, אַ בחור'על פון דריטער קלאַס, און הויבסט נישט אָן צו פאַרשטעהן פון דאַנען אהין. ס'איז נישט דיין מלאכה. געה שוין בעסער צו דיין אַרבייט — לערנען, מאַכען די אוראָקען!

ס י אָ מ ק ע. האָסט דאָך מיך אַליין גערופען, מאַמע, איך זאָל דיר העלפען.

ש ר ה ש פּ י ר אָ. העלפען? אַז דו קאָנסט אָבער ניט!

ס י אָ מ ק ע. פאַר וואָס קאָן איך ניט?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. דערפאַר וואָס דו קאָנסט ניט, האָסט דו געהערט אַ ביסעל! [באַווייזט איהם]. אָט דאָס גלאָז באַדאַרף שטעהן אָט דאָרט, און דאָס שעלעכעל באַדאַרף שטעהן אָט דאָ, און דער הויכער ווייןקעלישעק — אָט דאָרט, און דאָס קליינע בראָנפען־קעלישעקעל — אָט־אַ־דאָ־אָ. ווייסט דו שוין?

ס י אָ מ ק ע. נו, האָב איך דאָך געוואָלט אַזוי. [וויל אוועק־שטעלן אַזוי, ווי די מאַמע וויל, וואַרפט־אום אַ וויין־קעלישעק און צעברעכט איהם].

ש ר ה ש פּ י ר אָ. שוין? מזל טוב! אין אַ גוטער שטאָרט! אַנו, וויפיעל קעלישקעס האָסט דו שוין צעבראָכען?

ס י אָ מ ק ע [בלייבט שטעהן]. וויפיעל קעלישקעס? סך־הכּל איינעם אַ קעלישעק.

ש ר ה ש פּ י ר אָ. סך־הכּל? דאַנקען און לויבען יאָסקי דעם טויבען. אַ גליק, וואָס ניט אַלע.

ס י אָ מ ק ע. וואָס בין איך שולדיג, אַז ס'איז אַזעלכע קעלישקעס? מע טהוט זיי אַ ריהר, ברעכען זיי זיך.

ש ר ה ש פּ י ר אָ. אַ ריהר פון אַ בלייען פייגעלע! [נעמט־צונויף די שטיקלעך גלאָז]. זיין זאָל עס שוין אַ כפרה פאַר דיר און פאַר אונז אַלע און פאַר כל ישראל... [פויזע]. טאָמער וואָלסט דו בעסער געגאַנגען מאַכען די אוראָקען, איידער מאַכען היזקות? ג־ה שוין, געה צו די אוראָקען!

ס י אָ מ ק ע [באַטריבט]. אוראָקען? טאָג ווי נאַכט אוראָקען און אוראָקען און אוראָקען! איין מאָל אין יאָהר איז ביי בעטין אימענינעס, איז אויך אוראָקען! [געהט־אָפּ אַהן חשק. — פון דער זעלבער טיר קומט־אַן ב ע ט י, האַלב־אויסגעטהאָן, די האָר צעלאָזט, מיט אַ שאַלעכעל אויף די נאַקעטע אַכסלען].

ב ע ט י [בלייבט שטעהן אויף דער שוועל, קוקט זיך אַרום, שיינט]. ניטאָ נאָך קיינער, מאַמע?

ש ר ה ש פּ י ר אָ [נישט איבעררייסענדיג איהר אַרבייט]. אַזוי פריה?

ב ע ט י. און דער טאַטע וואו איז? און דער קוואַרטיראַנט?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. וואו זאָלען זיי זיין? אין אוטשאַסטאָק! האָסט פאַרגעסען, אַז מע האָט דעם קוואַרטיראַנט אַרויסגערופען אויף זיעבען פאַרנאַכט אין אוטשאַסטאָק?

ב ע ט י. וואָס זשע איז אַזוי לאַנג? [קוקט צו זיך אויף דער האַנט, אויף וועלכער ס'איז צו זעהען אַ גאָלדען בראַסלעטעל, מיט אַ זייגערל

איינגעפּאַסט]. שוין באַלד אַכט. [גנבה'ט זיך אונטער נאָהענט צו דער מוטער, טראָגט איהר צו גלייך צו דער נאָז איהר האַנט מיט'ן בראַסלעטעל, ווייזט איהר אויפ'ן זייגערל]. וואָס זאָגסט דו, מאַמע, אויף דעם?

שרה שפּירא [וואַרפט אַ קוק אויפ'ן בראַסלעטעל און אויף דער טאָכטער]. אַ בראַנזעליעט?

בעטי. אַ בראַסלעט, ניט קיין בראַנזעליעט!

שרה שפּירא. אַ גאָלדענער?

בעטי. אַ גאָלדענער.

שרה שפּירא. מיט באַרליאַנטען?

בעטי. מיט בריליאַנטען.

שרה שפּירא. אמת'ע?

בעטי. אמת'ע.

שרה שפּירא [אַ פּלעסק מיט די הענט]. בע־טי!

בעטי. וואָס'טו זיך דערשראָקען, מאַמע?

שרה שפּירא. ס'איז פון איהם? פון'ם קוואַרטיראַנט?

בעטי. נו־יאָ, צו די אימענינעס. וואָס איז דען?

שרה שפּירא. „וואָס איז דען" — פרעגט זי! [פּויזע]. נישט באַדאַרפט צו נעמען...

בעטי [זשענירט]. פאַר וואָס?

שרה שפּירא. פאַר שבת... ניט אַזוי פיהרט זיך עס ביי לייטען...

בעטי. ביי לייטען! ווער זענען דאָס די „לייטען"?

שרה שפּירא. „לייטען" — מיינט מען דאָס די גאַנצע וועלט, אַלע אָנשטענדיגע מענטשען... אָנשטענדיגע מענטשען זענען זיך ניט אַזוי נוהג.

בעטי. ווי אַזוי דען זענען זיך נוהג די אָנשטענדיגע מענטשען?

שרה שפּירא. ביי אָנשטענדיגע מענטשען איז פריהערט אַ וואָרט, דערנאָכעט אַ קנס־מאָל, דערנאָך שרייבט מען תנאים, ברעכט מען טעלער...

ב ע ט י [וויל ניט הערען ווייטער]. מאמע! איך האָב דיר געזאָגט וויפיעל מאָל, אַז וועגען דעם זאָלסט דו מיט מיר גאָרניט רעדען — עס האַלט נאָך גאָרניט דערביי. לאָז מיך צורוה! לאָמיך פריהער ענדיגען די גימנאַזיע.

ש ר ה ש פ י ר אָ. די גימנאַזיע וועסט דו, אם ירצה שם, ענדיגען אין גיכען, הלואי זאָלען מיר שוין אַזוי גיך אויפגערעכט ווערען אַלע אידען... און אויב ער וויל דיך, דו ביזט איהם געפעלען, באַדאַרף ער פריהערט געבען צו וויסען אונז, און מתנות — דאָס איז שוין נאָכדעם...

ב ע ט י [פאַרזאָרגט, נעמט נישט אַראָפּ קיין אויג פון'ם בראַסלעטעל]. קומט־אויס נאָך דיין שכל, אַז איך באַדאַרף עס איהם אָפּגעבען צוריק?...

ש ר ה ש פ י'ר אָ. חלילה! ווער זאָגט דען צוריק? אַ מתנה גיט מען ניט צוריק — דאָס איז אַ פּאַטש אין פּנים, האָסט דו געהערט אַ ביסעל?... [עס הערט זיך אַ קלונג פון אונטען. בעטי הילט זיך איין אין'ם שאַלעכעל און לויפט־אַפּ צו זיך. שרה רופט הויך]. סיאָמע! סיאָמקע? [פון דער זייטיגער טיר באַווייזט זיך סיאָמקע]. געה נאָר, מע קלינגט שוין. [סיאָמקע לאָזט זיך אַראָפּ עפּענען און קומט באַלד צוריק אַ פאַרסאַפּעטער פון די טרעפּ אַרויף].

ס י אָ מ ק ע. אונזער קוואַרטיראַנט'ס חבר, איוואַן איוואַנאָוויטש.

ש ר ה ש פ י ר אָ. אַ? דער גויעץ? אַ וואַויל גויעצעל אָט דער איוואַן איוואַנאָוויטש, זיין זאָל ער די כפרה פאַר דיין מינדסטען נאָגעל!

ס י אָ מ ק ע. פאַר וואָס שעלסט דו איהם, מאַמע? פאַר וואָס קומט עס איהם?

ש ר ה ש פ י ר אָ. ניט דיין עסק, קליינער וועווריק! דו שטעלסט זיך אויך אַוועקעט אויס'טענה'ן מיט דער מאַמע? געה, צו די אוראָקען געה!

ס י אָ מ ק ע. ווידער אַ מאָל אוראָקען און אָבער אַ מאָל אוראָקען! [געהט־אַפּ ווארטשענדיג. עס קומט־אריין ש נ י א ו ר ס אָ ן, דער וואס גילט אונטער׳ן נאָמען איוואן איוואנאוויטש איוואנאוו].

ש נ י א ו ר ס אָ ן [אנגעטהאן אין סטודענטישער אוניפאָרם, פּיינטשיק]. אייך קומט מזל־טוב, מאַדאַם. [קוקט זיך אַרום]. וואו איז זי, די אימעניניצאַ אַליין? און דער בעל־הבית וואו איז? און אייער קוואַרטיראַנט, מיין חבר?

ש ר ה ש פּ י ר אָ [בעט איהם זיצען, זעצט זיך אַליין אויף אַוועק אויף דער קאַנאַפּע, וואס איז דער אוואַנסצענע]. די אימעניניצע איז נאָך ניט פאַרטיג מיט איהר טואַלעט. איהר ווייסט ניט? אַ באַרישני, ביז זי טהוט זיך אָן... און מיין מאַן מיט׳ן קוואַרטיראַנט — די זענען אין אוטשאַסטאָק. טאַקי צוליעב אייער חבר׳ס פּראוואָ־זשיטעלסטווע.

ש נ י א ו ר ס אָ ן. ווידער אין אוטשאַסטאָק? ווידער פּראוואָזשיטעלסטוואָ?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. וואָס זשע? איהר מיינט, ס׳איז גרינג צו זיין אַ איד? גוט איז אייך, אַז איהר זענט ניט קיין איד, ווייסט איהר ניט פון קיין פּראוועס...

ש נ י א ו ר ס אָ ן. ער האָט דאָך שוין געהאַט אַלע פּראוועס, אייער קוואַרטיראַנט?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. אַלע פּראוועס? ניט מעהר זאָלען זיי עס פאַרמאָגען, איך מיין טאַקי די גויים מיין איך... [פאַרחאַפּט זיך]. אחוץ אייך. אייך רעכענען מיר ניט פאַר קיין גוי...

ש נ י א ו ר ס אָ ן [לאַכט]. פאַר וואָס עפּים?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. דערפאַר, ווייל אויף אייך זיצט אַ אידישער קאָפּ. און אַ פּנים, דאַרף איך אייך זאָגען, איז ביי אייך אויכעט אַ אידיש.

ש נ י א ו ר ס אָ ן [חאַפּט אַ קוק אין שפּיעגעל]. טאַקי באמת?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. וואָס זשע, איך וועל אייך אויסטראַכטען אַ ליגען? פרעגט וועמען איהר ווילט... [פאַרחאַפּט זיך]. נאָר אפשר

האָב איך אײַך דערמיט באַלײדיגט? בעט איך אײַך, איהר זאָלט מיר הונדערט מאָל מוחל זײַן...

ש נ י א ו ר ס אָ ן. באַלײדיגט? חלילה! אדרבה, פאַרקעהרט!

ש ר ה  ש פּ י ר אָ. זאָל איך האָבען אַזאַ יאָהר, וואָס פאַר אַ חכם איהר זענט! איך האָב שוין ניט אײן מאָל געטראַכט, הלואי וואָלטען געווען אַ סך אַזעלכע גויים, ווי איהר...

ש נ י א ו ר ס אָ ן. וואָס זשע וואָלט געווען?

ש ר ה  ש פּ י ר אָ. וואָלט אפשר געקומען משיח... [רוקט זיך צו נעהענטער צום גאַסט און רעדט מיט אַ האַלבען טאָן נידעריגער]. יאָ, וואָס האָב איך אײַך געוואָלט בעטען, איוואַן איוואַנאָוויטש? [קוקט זיך ארום]. איצט איז דאָ נישטאָ קײנער, קאָן איך מיט אײַך רעדען אויג אויף אויג. איך האָב מיך שוין עטליכע מאָל געקליבען מיט אײַך צו רעדען... [קווײנקעלט זיך]. האָט קײן פּאַראיבעל ניט, איך וואָלט עס אפשר ניט באַדאַרפט, נאָר אַ מאַמע, אַ מאַמע'ס האַרץ... [אנטשליסט זיך]. איך האָב אײַך געוואָלט בעטען, איהר זאָלט מיר זאָגען, ווי אײַן אײגענער, ווי אײַן אמת'ער גוטער פרײַנט: ו ו ע ר איז ער און ו ו אָ ס איז ער?

ש נ י א ו ר ס אָ ן. ווער, אײגענטליך?

ש ר ה  ש פּ י ר אָ. ווער!... איהר ווײסט שוין, ווען איך מײן. אײַער חבר מײן איך.

ש נ י א ו ר ס אָ ן. וועלכען חבר?

ש ר ה  ש פּ י ר אָ. וועלכען חבר!... שניאורסאָנען מײן איך!

ש נ י א ו ר ס אָ ן. אַ? שניאורסאָנען מײנט איהר? אַקעגען וואָס פרעגט איהר דאָס, אײגענטליך? [חאַפּט זיך צו דער קעשענע, נעמט־ארויס דעם פּאַרטאַבאַק, וויל פאַררויכערען אַ פּאַפּיראָס און געפינט ניט. באַהאַלט צוריק].

ש ר ה  ש פּ י ר אָ. אַקעגען וואָס איך פרעג? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט, אַז ווער עס פרעגט, דער בלאָנזעט ניט...

שניאורסאָן. וואָס זשע פרעגט איהר עפּיס גראָד ביי מיר?

שרה שפּיראָ. ביי וועמען דען זאָל איך פרעגען? איהר זענט דאָך עפּיס מיט איהם, ווי אַנדערע צוויי, און ער האַלט דאָך פון אייך עפּיס גאָר ווי איין אייגענער ברודער, טהוט ניט אָהן אייך פון דאַנעט אָהין...

שניאורסאָן. סע קאָן זיין... וואָס זשע, אייגענטליך, ווילט איהר וויסען פון מיר?

שרה שפּיראָ. וויל איך וויסען פון אייך, וואָס פאַר אַ מענטש ער איז?...

שניאורסאָן. זעהר אַ וואוילער מענטש.

שרה שפּיראָ. דאָס איז גאָר?

שניאורסאָן. וואָס נאָך האָט איהר געוואָלט?

שרה שפּיראָ. אַז ער איז אַ וואוילער מענטש — דאָס וויים איך אָהן אייך.

שניאורסאָן. וואָס זשע ווילט איהר פון מיר?

שרה שפּיראָ. וויל איך פון אייך, אַז איהר זאָלט מיר זאָגען, צי ס'איז טאַקי אמת, אַזוי ווי ער דערצעהלט, אַז ער האָט אַ באַבושקאַ, אַ רייכע, אַ מיליאָנשטשיצע פון צוויי הונדערט טויזענט?...

שניאורסאָן [שלאָגט איהר איבער]. אַ מאָדנע אידינע איהר זענט! איהר אַליין האָט נאָר־וואָס געזאָגט, אַז איך בין מיט איהם די בעסטע, די נאָהענטסטע פריינט, געהט איהר ביי מיר זיך נאָכ־פרעגען אויף איהם און קאָנטראָלירען, וואָס ער זאָגט אייך און וואָס ער דערצעהלט אייך!

שרה שפּיראָ. איהר מיינט, חלילה, איך גלויב איהם ניט, אָדער וואָס? איך גלויב איהם אַלסדינג. ער איז אַ בחור — אויף מיר אַזאַ יאָהר! אַ פיינער בחור, און אַ לייטישער בחור, איין אָפענע האַנט, און אַ גוט האַרץ, און איין איידעלמאַן ביז גאָר. נאָר וואָס דען? עפּיס פעהלט איהם... איך וויים ניט וואָס... איין

עבירה, וואָס איהר זענט אַ כּריסט, וועט איהר מיך ניט פאַר־שטעהן...

ש נ י א ו ר ס אָ ן. נישקשה, איהר מעגט רעדען — איך פאַר־שטעה אַלסדינג. [חאַפּט זיך ווידער צו דער קעשענע, נעמט־אַרויס דעם פּאַרטאַבאַק, זעהט, ער איז אַ לעדיגער, אָהן פּאַפּיראָסען, באַהאַלט ער איהם צוריק].

ש ר ה ש פּ י ר אָ. איהר פאַרשטעהט אַלסדינג, נאָר דאָס וועט איהר ניט פאַרשטעהן. איהר זענט פאָרט נישט קיין איד! איהר זאָלט זיין אַ איד — עהע־הע!...

ש נ י א ו ר ס אָ ן [דערפרייט]. וואָס זשע וואָלט געווען?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. וואָלט איהר גאָר אַנדערש פאַרשטאַנען. און אַזוי איז אַרויסגעוואָרפען אונזער גאַנצער שמועס.

ש נ י א ו ר ס אָ ן. עס טהוט מיר לייד. נאָר אַקעגען וואָס, אייגענטליך, איז אָט דער גאַנצער שמועס?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. אַקעגען וואָס? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט, מע קען ניט אַ מענטשען, ביז מע עסט ניט אויף מיט איהם אַ פוד זאַלץ. איך מיין עס טאַקי אייער חבר, אונזער קוואַרטיראַנט שניאורסאָן. איהר זענט דאָך מיט איהם באַקענט שוין אַזוי לאַנג, מע קאָן זאָגען, פון קינדערווייז אָן, — ווי האַלט איהר פון איהם? איך מיין, וואָס פאַר אַ מיינונג זענט איהר פון איהם? איהר מעגט זיין זיכער, אַז אַלסדינג, וואָס איהר זאָלט ניט זאָגען, — איז צווישען אונז וועט דאָס בלייבען. מיר זענען ניט אַזעלכע מענטשען, חלילה...

ש נ י א ו ר ס אָ ן [נעמט ווידער אַ מאָל אַרויס דעם פּאַרטאַבאַק, געפינט נישט קיין פּאַפּיראָס, באַהאַלט עס צוריק]. הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגען, מאַדאַם. איהר אַליין זאָגט דאָך אויף מיר, אַז איך האָב אַ אידישען קאָפּ אויף זיך...

ש ר ה ש פּ י ר אָ. איך זאָג? אַלע זאָגען עס. און אַ אידיש פּנים אויך...

ש נ י א ו ר ס אָ ן. זעהר שען. ווייבאַלד אַזוי, פאַרשטעהט איהר דאָך אַליין, אַז איך פאַרשטעה אייך דורך און דורך. איך

פאַרשטעה אַ זאַך מיט'ן קוק... מיר דאַרף מען קיין פינגער אין מויל ניט לעגען...

שרה שפּיראָ. געוויס אַזוי! איהר'ט איהם אָפּבייסען...

שניאורסאָן. אַלזאָ, הערט זשע מיך אויס, מיין ליעבע מאַדאַם. איהר האָט געפּועל'ט ביי מיר. איך וועל אייך זאָגען אַלסדינג, וואָס איהר ווילט. נאָר...

שרה שפּיראָ. נאָר וואָס?

שניאורסאָן. נאָר מיט איין תּנאַי.

שרה שפּיראָ. דהיינו, מיט וואָס פאַר אַ תּנאַי?

שניאורסאָן. איהר וועט מיר פריהער ענטפערען אויף דעם, וואָס איך וועל אייך פרעגען.

שרה שפּיראָ. אַך! מיט'ן גרעסטען כבוד! איך וועל אייך זאָגען אַלסדינג, ווי איין אייגענעם טאַטען... וואָס זשע, אשטייגער, האָט איהר געוואָלט פרעגען?

שניאורסאָן. איך האָב אייך געוואָלט פרעגען... דאָס הייסט, איך האָב געוואָלט וויסען ביי אייך, צי ער האָט גערעדט מיט אייער טאָכטער, צי מיט אייך נאָר אַליין?

שרה שפּיראָ [פינטעלט מיט די אויגען]. וועד גערעדט?

שניאורסאָן. אַזוי? איצט פרעגט איהר שוין „ווער?” איך רעד פונ'ם זעלביגען פאַרשויץ, וואָס איהר... איך וויל וויסען, צי ער האָט מיט אייך גערעדט?

שרה שפּיראָ [פינטעלט מיט די אויגען]. וועגען וואָס גערעדט? האָט קיין פאַראיבעל ניט — איך פאַרשטעה ניט גוט רוסיש...

שניאורסאָן [שויז אַ ביסעל בייז]. אַ? איהר פאַרשטעהט ניט גוט רוסיש? [וויל אויפשטעהן].

שרה שפּיראָ [האַלט איהם אָפּ]. האָט קיין פאַראיבעל ניט, איוואַן איוואַנאָוויטש, אפשר האָב איך אייך באַלעדיגט?

שניאורסאָן. באַלעדיגט? זאָל גאָט היטען! איך האָב פיינט באַלעדיגען זיך... איך מיין נאָר, אַז איהר זענט, דאַכט מיר, שוין צו אַ קלוגעטשקע!...

ש ר ה ש פּ י ר אָ. למאי זאָלט איהר מיך חושד זיין, איוואַן איוואַנאָוויטש ? גלויבט מיר, זאָל עס מיר אָנגעהן, וואָס איך ווינטש אייך !... מיין מאַן, אַשטייגער, זאָגט אויך אויף אייך, אַז איהר זענט אַ גאָלד. און אפילו מיין טאָכטער, וואָס האָט פיינט אַזוי גיך נאָכגעבען, — איהר קענט דאָך זי, זי איז אַ שפּיראָ, פון די שפּיראָס — זאָגט זי אויך, אַז...

ש נ י א ו ר ס אָ ן [אויפגעלעבט]. אַז וואָס ?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. אַז... אָבער איהר וועט דאָך עס קיינעם ניט איבערגעבען ?

ש נ י א ו ר ס אָ ן. פאַר וועמען האַלט איהר מיך ?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. מיין טאָכטער זאָגט, אַז זי זאָל האָבען די ברכות, וואָס איהר זענט מעהר איד, ווי אונזער שכן שניאורסאָן.

ש נ י א ו ר ס אָ ן. אָט דאָס איז גאָר ?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. וואָס נאָך האָט איהר געוואָלט ?... [רוקט זיך צו נאָך אַ מאָל נאָהענט צו איהם, רעדט שטיל און זיס]. הכלל, איז וואָס זאָגט איהר וועגען איהם ?

ש נ י א ו ר ס אָ ן [מאַכט זיך תמ׳עוואַטע]. וועגען וועמען ?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. וועגען וועמען !... וועגען שניאורסאָנען !

ש נ י א ו ר ס אָ ן. וועגען שניאורסאָנען ? גאָרניט. וואָס האָב איך אויף איהם צו זאָגן ? איך האָב אייך נאָר אַ פרעג געגעבען אַ זאַך, וואָס איך וואָלט עס געדאַרפט וויסען, טאַקי פון אייער אינטערעס וועגען, מאַכט איהר זיך נאַאיוו, גלייך ווי איהר פאַרשטעהט ניט, — האָב איך מיט אייך ניט וואָס צו רעדען... [שטעהט־אויף, חאַפּט זיך ווידער אַ מאָל צו די פּאַפּיראָסען, לאָזט זיך געהן].

ש ר ה ש פּ י ר אָ [דערשראָקען]. וואוהין איז, איוואַן איוואַנאָוויטש ? אָט באַלד קומען זיי דאָך, אייער חבר און מיין מאַן און די איבעריגע געסט...

ש נ י א ו ר ס אָ ן. אויף איין מינוט. איך האָב פאַר׳געסען קויפען פּאַפּיראָסען. איך קום באַלד צוריק. [געהט־אָפּ. פון צווייטען צימער שטעקט זיך אַרויס בעטי׳ס קאָפּ ; די האָר שוין צוגעקלויבען].

בעטי. מאַמע! ווער איז דאָ געווען? מיט וועמען האָסט דו דאָ געשמועסט?

שרה שפּיראָ. דער כּפּרה'ניק איז דאָ געווען. קום נאָר אַהער, בעטי!

בעטי [געהט־צו]. וואָסער כּפּרה'ניק?

שרה שפּיראָ. זי ווייסט שוין ניט וואָסער כּפּרה'ניק! אונזער קוואַרטיראַנט'ס חבר.

בעטי. קאָנסט דו דאָך זאָגען איוואַן איוואַנאָוויטש. וואו זשע איז ער אַהינגעקומען?

שרה שפּיראָ. וועט זי מיך לעהרנען רעדען! ער קומט באַלד צוריק. זיץ, טאָכטער, איך דאַרף דיר עפּיס דערצעהלען אַ שענס.

בעטי. אַבי אַ שענס. [זעצען זיך אַוועק ביידע אויף דער קאַנאַפּע, וואָס נאָהענט צו דער ראַמפּע].

שרה שפּיראָ. ווער ס'איז שען — איך בין קלוג.

בעטי. אַקעגען וואָס איז דאָס געזאָגט געוואָרען?

שרה שפּיראָ. אַקעגען דעם, וואָס דו זאָגסט: „אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד". לאָזט זיך אויס, אַז פונ'ם סוד ווייסט די גאַנצע וועלט, אַחוץ מיר, מאַמע־מאַמע.

בעטי. וואָסער סוד?

שרה שפּיראָ. וועגען דיר מיט אונזער קוואַרטיראַנט, אַז עס האַלט ביי...

בעטי [צעבייזערט]. אַי, מאַמע! עס האַלט גאַרניט דערביי, האָב איך דאָך דיר געזאָגט שוין! איך קלער גאָר אפילו ניט פון דעם, וואָס דו מיינסט און וואָס דיר ווילט זיך...

שרה שפּיראָ. פון וואַנען זשע ווייסען דאָס אַנדערע, זייטיגע מענטשען?

בעטי. פון אייך אַליין מסתמא. איך מיין טאַקי פון דיר און פונ'ם טאַטען. איהר זאָלט ווינציגער רעדען דערפון, וואָלט קיינער ניט גערעדט.

שרה שפירא. מיר רעדען דען עפּיס? מיר שווייגען! רעדען רעדען אַנדערע, זייטיגע.

בּעטי. ווער זענען די אַנדערע, די זייטיגע?

שרה שפּירא. אַט, למשל, אַט דער גוי האָט אָפּגערעדט מיט מיר אַ האַלבּע שעה...

בּעטי [אומרוהיג]. וואָס זשע האָט ער גערעדט מיט דיר?

שרה שפּירא. ער האָט מיך געפרעגט, ווי אַזוי און וואָס און ווען, און וואו האַלט דאָס בּיי אייך מכּח'ן שידוך...

בּעטי [אויסער זיך]. טאַקי אַזוי, מיט די ווערטער האָט ער בּיי דיר געפרעגט?

שרה שפּירא. דווקא מיט די ווערטער ווילסט דו?

בּעטי. ווי אַזוי זשע פּאָרט האָט ער דיך געפרעגט?

שרה שפּירא. וואָס איז בּיי מיר — אַ קאָפּ פון אַ באַדי? איך בּין טאַקי מחויב צו געדענקען איטליכס וואָרט באַזונדער? און וואָס בּיזט דו עס פּאַר אַ סליעדאָוואַטעל, וואָס איך דאַרף דיר אָפּגעבּען דין־וחשבּון? איך דערצעהל דיר, אַז ער האָט מיך געפרעגט — האָט ער מיך געפרעגט. קיין ליגנערין בּין איך, דאַכט זיך, ניט געווען קיינמאָל, און היינט אויך ניט...

בּעטי [איינגעהאַלטען]. גוט, מאַמע. איך זאָג דען, חלילה, עפּיס?... הכּלל, לאָמיך הערען ווייטער. וואָס זשע האָסט דו איהם דערויף געענטפערט?

שרה שפּירא. ענטפערען וועל איך איהם? אַזאַ נאַר בּין איך טאַקי? איך האָב אָנגענומען אַ פולען מויל מיט וואַסער און האָב געחאַפּט אַ שווייג.

בּעטי. גאָרנישט געענטפערט?

שרה שפּירא. אַזוי ווי די וואַנט!

בּעטי. אַ שאָד. האָסט איהם באַדאַרפט זאָגען, ערשטענס, אַז ס'איז אַ נעכטיגער טאָג...

שרה שפּירא. געוויס האָב איך איהם געזאָגט, אַז ס'איז אַ נעכטיגער טאָג.

בּ ע ט י. און, צווייטענס, אַז זייטיגע מענטשען האָבּען דאָ ניט וואָס צו אינטערעסירען זיך...

ש ר ה ש פּ י ר אָ. נאָך שענער האָבּ איך איהם געזאָגט. איך האָבּ איהם געזאָגט, אַז ער מעג טאַקי האָבּען אַ אידישע נאָז, נאָר שטעקען זי אַהין, וואו מע דאַרף ניט, איז ניט נויטיג...

בּ ע ט י. זעהסט דו, מאַמע, דאָס איז שוין איבּעריג. דאָס האָסט דו איהם נ י ט בּאַדאַרפט זאָגען.

ש ר ה ש פּ י ר אָ. חלילה! אַזוי טאַקי, מיינסט דו, מיט די ווערטער? אַזוי גראָבּ בּין איך נאָך ניט! איך האָבּ איהם נאָר געזאָגט, אַז אַלע געפינען, אפילו דו אויך, אַז ער האָט אַ אידישע נאָז... [בעטי מאַכט אַ בּאַוועגונג]. ניין! דאָס הייסט, נישט קיין אידישע נאָז האָבּ איך איהם געזאָגט, נאָר אַ אידיש פּנים...

בּ ע ט י [אומגעדולדיג]. צו וואָס, מאַמע, האָבּען דיר געטויגט אָט די איבּעריגע רעד? און וואָס איז דאָס גלאַט פאַר איבּעריגע שמועסען? און וואָס ווילט איהר פון מיר מיט אייערע שידוכים?...

ש ר ה ש פּ י ר אָ. שאַ! שריי ניט אַזוי! מע ווערט פון דיר ניט גליקליך, האָסט דו געהערט אַ בּיסעל!

בּ ע ט י. מאַמע! איך וויל זיך מיט דיר ניט צעקריעגען היינט, אויף מיינע אימענינעס. נאָר איין זאַך וועל איך בּיי דיר בּעטען: דו זאָלסט זיך ניט אַריינמישען אין מיינע געשעפטען.

ש ר ה ש פּ י ר אָ. אין איהרע געשעפטען!...

בּ ע ט י. נו־יאָ. יעדער האָט זיך זיינע געשעפטען. דו זאָלסט שטעהן פון דערווייטען, צוקוקען — און שווין!

ש ר ה ש פּ י ר אָ. הערען און זעהען און שווייגען?

בּ ע ט י. און שווייגען! איך בּין שוין ניט קיין קליין מיידעלע. איך קאָן שוין מיין שטעדטעל בּאַשטעהן. אך בּין שוין אַלט נייענצעהן יאָהר!

ש ר ה ש פּ י ר אָ. אַזוי? אַזש נייענצעהן יאָהר? פּסםנו! אַ קלייניגקייט? וואָס זאָגט איהר אויף דעם פּרעסטאַרעץ? נייענצעהן יאָהר! [עס דערהערט זיך אַ קלונג. בעטי אַנטלויפט צו זיך. שרה

רופט סיאַמקען אויף אַ קול]. סיאַמקע? סיאַמעניו, גיי נאָר, מע קלינגט!
[סיאַמקע קומט-אַרויס, לויפט עפענען און קומט אַריין מיט'ן פּאַטער].

דוד שפּירא [טראָגט אין ביידע הענט פּעקלעך און סקאַרמוטשעס, גיט דאָס איבער שׂרה'ן, טהוט זיך אויס]. נגו, נאַדיר אַ לויפעניש! באַשערט געווען צרות — האָט גאָט צוגעשיקט אַ קוואַרטיראַנט מיט פּראַוואָזשיטעלסטוועס! טאָמער איז קאַרג אייגענע צרות, באַדאַרף מען נאָך האָבען פּרעמדע!

שׂרה שפּירא. וואו זשע איז ער אַליין?

דוד שפּירא. ווער?

שׂרה שפּירא. דער קוואַרטיראַנט.

דוד שפּירא. שניאורסאָן? ער קומט באַלד. ער האָט זיך קוים אַרויסגעכאַפּט פון דאָרט, ווי פון אַ באָד, און איז אַוועקגעפלויגען קויפען בלומען און אַ טאָרט לכבוד די היינטיגע אימעניגעם. [קוקט זיך אַרום]. וואו איז זי ערגיץ, אונזער אימעניניצע?

שׂרה שפּירא. זי טהוט זיך אָן. [צו סיאַמקען]. דו גיי נאָר צו דיינע אוראָקען. האָסט דאָ ניט וואָס צו שטעהן.

דוד שפּירא. וואָס יאָגסט דו אַרום דאָס קינד? די אוראָקען און די אוראָקען! היינט אויך אוראָקען? [סיאַמקע קוקט מיט דאַנקבאַרקייט אויפ'ן פּאַטער].

שׂרה שפּירא. איך וויל ניט, ער זאָל דאָ שטעהן. איך באַדאַרף מיט דיר עפּיס רעדען.

דוד שפּירא. אַ סוד? [צו סיאַמקען]. נו, גיי, מיין זוהן, וועסט נאָכדעם אַ ביסעל שפּעטער אַרויסקומען, וועסט דו פּאַרזוכען פון אַט די אַלע גוטע זאַכען. [ווייזט איהם אויף די פּעקלעך, וואָס אויפ'ן טיש. — סיאַמקע אָפּ]. נו, וואָס פאַר סודות, למשל?

שׂרה שפּירא [רעדט שטיל, כמעט דעם מאַן אויפ'ן אויהער]. איך קאָן דיר אָנזאָגען אַ בשורה, דוד: עס האַלט שוין ביי זיי ווייט. גאָר ווייט.

דוד שפּירא [דווקא הויך]. ביי וועמען ביי זיי?

שׂרה שפּיראָ. ששש!... כּלומרשט ווייסט ער נים. מע באַדאַרף איהם צעקייען און אַריינלעגען אין מויל אַריין. ביי די קינדער — ביי אונזער טאָכטער מיט'ן קוואַרטיראַנט.

דוד שפּיראָ. אַט אַזוי אַז דו רעדסט, פאַרשטעהט מען. וואָס זשע הייסט עס „ווייט"? און וואָס עפּיס אַזאַ גדולה אויף דיר?

שׂרה שפּיראָ. פאַר וואָס נים? האָסט אַ שענערען שידוך? אַ משפּחה, זאָגסט דו דאָך אַליין, די ליבאַוויטשער שניאורסאָנס. די ערשטע ביי אידען.

דוד שפּיראָ. נים די ערשטע, נאָר די צווייטע. פריהער די שפּיראָס, דערנאָך די שניאורסאָנס. נו? און ווייטער וואָס?

שׂרה שפּיראָ. און ווייטער — דער יונגערמאַן אַליין.

דוד שפּיראָ. איך האָב קעגען יונגענמאַן גאָרנים וואָס צו זאָגען, בלתי וואָס ער איז אַ ביסעל... אַ ביסעל... [זוכט מיט די פינגער]. אַ ביסעל אונטערגעשלאָגען מיט גוי.

שׂרה שפּיראָ. דערפאַר איז ער אָבער אַ דימענט פון אַ מענטשען און האָט אַ רייכע באָבע אַ מיליאָנשטשיצע...

דוד שפּיראָ. זעהסט דו, דאָס איז שוין ביי מיר דאָס לעצטע שבלעצטע. ערשטענס, האָב איך די מיליאָנען איהרע נישט געצעהלט, און זיי וואַרעמען מיך ווינציג־וואָס. און, צווייטענס, וואָס אָנבאַלאַנגט געלט — איז אונזער בעטי נישט קיין אַבי־ווער. [מיט גדלות]. זי איז שפּיראָ'ס אַ טאָכטער, און קומט־אַרוים, דו פאַר־שטעהסט צי ניין, פון די אמת'ע...

שׂרה שפּיראָ. פון די אמת'ע, פון די סלאַוויטער שפּיראָס. מע ווייסט שוין. מע האָט שוין געהערט! איז זי אָבער נאַקעט און באָרוועס, גאָט זאָל נים שטראָפען פאַר די רעד, און האָט נים אַ קאָפּיקע נדן — דאָס דאַרף מען נים פאַרגעסען. און היינטיגע צייטען, אַ מיידעל אָהן נדן, איז אַזוי ווי אַ... אַ...

דוד שפּיראָ. נו, זאָג שוין, נו — ווי אַ חזן אָהן אַיין עמוד, ווי אַ מלמד אָהן אַ קנעלונג, אָדער ווי אַ שטוב אָהן אַ דאַך...

נאָר זאָג מיר, איך בעט דיך, נשמה מיינע, פון וואַנען ווייסט דו דאָס, אַז עס האַלט ביי זיי אַזוי ווייט? בעטי האָט מיט דיר גערעדט? צי ער אַליין?

שׂ ר ה  ש פּ י ר אָ. מיט מיר דאַרף מען רעדן? און וואו זענען מיינע אויגן? [רעדט נאָך שטילער]. זאָלסט אָנקוקן, דוד, אַ בראַנזעליעט האָט ער איהר אונטערגעטראָגן, היינט צו די אימענינעס, מיט בריליאַנטען — אַט אַזעלכע בריליאַנטען! [ווייזט מיט די הענט].

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [דערשטוינט]. אַ בראַסלעט? בריליאַנטען? [הויך]. וואָס פאַר בראַסלעטען? וואָס פאַר בריליאַנטען?... פּע! ביי מיר געהט עס ניט! איך בין אַ שפּיראָ! [טהוט זיך אַ וואָרף צום זייטיגען צימער].

שׂ ר ה  ש פּ י ר אָ [האַלט איהם צו ביי'ם אָרבּל]. שששאַ! מאַך נישט קיין געפּילדער! באַוויז ניט אַרויס דעם כּהן! דאָס אייגענע קאָן מען אַ ביסעלע שטילער אויך! צו וואָס איז דער כּעס, האָסט דו געהערט אַ ביסעל??!

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [אין כּעס]. וואָסער כּעס? ווער איז אין כּעס? איך האָב פיינט מיט כּעס! איך האָב ליעב מיט גוטען! אָט געה איך אַריין און זאָג איהר צוויי ווערטער — איך האָב פיינט לאַנגע דבורים! איך וועל איהר זאָגען אַזוי: „הער זשע אויס, טאָכטער. מילא טאָרטען, בלומען — דאָס פאַרשטעה איך נאָך. אָבער בראַסלעטען? בריליאַנטען?... זאָלסט אַזוי גוט זיין און מוחל זיין איהם אָפּגעבען דעם בראַסלעט צוריק — און שוין!”... [לאָזט זיך געהן צו בעטין אין איהר צימער].

שׂ ר ה  ש פּ י ר אָ [געהט איהם נאָך]. נאָר מיט גוטען, דוד. איך בעט דיך, ניט מיט בייזען. היינטיגע קינדער טאָר מען ניט אַנדערש...

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [געהענדיג]. זי לערענט מיך, ווי אַזוי צו רעדען! [אָפּ. — שׂרה בלייבט שטעהן פון דער זייט טיר, לענט־צו איין אויהער.

הערט־אונטער, טאָמער וועט זי חאַפּען אַ וואָרט. — אין דער צייט דערהערט זיך אַ קלונג. סיאַמקע לויפט עפענען און קומט צוריק אַ פאַרסאַפּעטער].

ס י אַ מ ק ע. איוואַן איוואַנאָוויטש!

ש ר ה ש פּ י ר אָ. דער רוח האָט איהם געבראַכט צו טראָגען — אַ חיטרע גויעץ! [טרעט־אָפּ פון דער טיר, פריינטליך צום אריינגעקומענעם שניאורסאָן, וואָס גילט פאַר איוואַנאָוו]. מיין מאַן איז שוין דאָ. ער טהוט זיך איבער.

ש נ י אָ ו ר ס אָ ן. און מיין חבר? [נעמט־ארויס אַ פּאַפּיראָס].

ש ר ה ש פּ י ר אָ. שניאורסאָן? ער קומט אויך באַלד צו געהן. [עס הערט זיך ווידער אַ קלונג]. אָט דאָס דאַרף ער זיין מסתמא. סיאַמעניו, זיי זיך מטריח! [סיאַמקע לויפט עפענען און קומט צו לויפען].

ס י אָ מ ק ע. אונזער קוואַרטיראַנט שניאורסאָן! [עס קומט אריין א י וו אַ נ אָ וו, וואָס גילט אַלס שניאורסאָן, אנגעלאָדען מיט בלומען אין איין האַנט און מיט אַ פּראַכטפולען טאָרט אין דער אַנדערער האַנט. דאָס פּנים שיינט. מיט אַ צופריעדען שמייכעל גריסט ער זיך מיט זיין חבר און שטעלט־אַוועק די בלומען מיט'ן טאָרט אויפ'ן טיש. אין דעם קומט אַן דוד שפּירא פון דער טאַכטער'ס צימער צוריק, באַגריסט זיך מיט'ן קוואַרטיראַנט'ס חבר שניאורסאָן, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו, חאַפּט אַ קוק אויפ'ן קוואַרטיראַנט'ס בוקעט מיט'ן טאָרט, קוקט זיך איבער מיט'ן ווייב פּיעלדייטיג].

ש ר ה ש פּ י ר אָ [צום קוואַרטיראַנט, פריינטליך, נעמט־צו דעם בוקעט מיט'ן טאָרט]. וואָס האָט איהר באַדאַרפט נאָך אַליין זיך מטריח זיין?

ד ו ד ש פּ י ר אָ [צום ווייב]. אַליין איז מעהר מצוה, דו פאַרשטעהסט צי ניין... [צום קוואַרטיראַנט און צו זיין חבר]. זיצט, פאַר וואָס זיצט איהר ניט?

ש ר ה ש פּ י ר אָ [טראָגט זיי אונטער שטוהלען]. זיצט, פאַר וואָס זיצט איהר ניט? [זיי באַדאַנקען, ווילען ניט זיצען, פאַררויכערען צו פּאַפּיראָסען. — שרה צום מאַן, אויף אידיש]. נו, דוד, וואָס איז מיט'ן אוטשאַסטאָק? פּטור געוואָרען?

ד ו ד ש פּ י ר אָ [צום ווייב, אויף אידיש]. וואָס דען? איה, אַז איך געה! איך האָב זיי אַלעמען פאַרשטופּט דאָס מויל: דעם

אַריינגערוקט אין יד אַריין אַ צעהנערל, דעם מטמא געווען מיט אַ פּינפּערל, דעם אַריינגעוואָרפן אַ דרייערל, און אונזער דוואָרניק אויך אַ חצי פּויגעל... [צום קוואַרטיראַנט'ס חבר, צום אמת'ן שניאורסאָן, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו]. הערט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען, איוואַן איוואַנאָוויטש? [זיפצט אָפּ]. ס'איז שווער צו זיין אַ איד! שווער און ביטער, ווי דער טוידט!

ש נ י א ו ר ס אָ ן [צו שפּיראָן, כלומרשט פאַרוואונדערט]. טאַקי? וואָס איז דען? [צום חבר]. וויעדער דאָס אַלטע ליעדעל? וויעדער אוטשאַסטאָק? וויעדער פּראַוואָזשיטעלסטוואָ? נאָך ניט צו־געגעסען זיך?

א י ו ו אַ נ אָ ו ו. פּוסטיאַקי! [צו שרה'ן]. און וואו איז די אימעניניצאַ?

ש ר ה ש פּ י ר אָ [צום קוואַרטיראַנט]. זי קומט באַלד אַרויס.

ד ו ד ש פּ י ר אָ [צום קוואַרטיראַנט'ס חבר]. אַיאָ, דאָ איז עס ביי איהם „פּוסטיאַקי"? אַיאָ, דאָ איז ער ביי זיך אַ גאַנצער תּקיף? אַנו, פרעגט איהם אַקאָרשט, וואָס האָט ער געזאָגט דאָרטען, בעת דער אַלטער סטאָלאָנאַטשאַלניק האָט איהם אַ רוף געגעבען: „עי, הערשקאָ, קום נאָר אַהער!"?

א י ו ו אַ נ אָ ו ו [צום חבר]. דו פאַרשטעהסט? איין אַלטער שכּור, פאַרגינט ער זיך מיר זאָגען „דו", — זאָל איך איהם שווייגען?

ש נ י א ו ר ס אָ ן [לאַכט. צום חבר]. וואָס זשע האָסט דו איהם דערויף געענטפערט?

א י ו ו אַ נ אָ ו ו. איך האָב איהם דערויף גאָרנישט געענט־פערט. איך האָב איהם נאָר אַ פרעג געגעבען: „פון ווען־אָן זענען מיר דאָס געוואָרען אַזוי נאָהענט, וואָס מיר „דוצען" זיך איינס דאָס אַנדערע?"...

ש נ י א ו ר ס אָ ן [לאַכט]. נו, און ווייטער וואָס?

א י ו ו אַ נ אָ ו ו. ווייטער זאָגט ער צו מיר: „מאָלטשאַט, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ!" — שיער ניט אַרויס אַ סקאַנדאַל...

ש נ י א ו ר ס אָ ן [ווערט צעגאַנגען פאַר געלעכטער]. חאַ-חאַ-חאַ!

ד ו ד ש פּ י ר אָ [צום ווייב, וואָס איז פאַרנומען מיט אויפבינדען די פעקלעך און אויסשטעלען אַלץ אויפ'ן טיש]. זעה נאָר זעה, ווי דער האָט זיך אַ ביסעל צעלאַכט! [צו שניאורסאָנען]. אייך איז גוט צו לאַכען, אַז איהר זענט זיך אַ סטודענט, און הייסט איוואַן איוואַנאָוויטש, און האָט אַ טאַטען אַ דעיסטוויטעלני סטאַטסקי סאָוועטניק... איך וואָלט אַ בעלן געווען אויף אַ טשיקאַוועסט זעהען, ווען איהר זאָלט זיך געפינען, למשל, אין זיין פעל [ווייזט אויפ'ן קווארטיראַנט] חאָטש ניט לאַנג, חאָטש איין יאָהר... [ביידע חברים קוקען זיך איבער און שיסען אויס אַ געלעכטער. — אין דעם קומט-אַן בעטי פון איהר חדר, אנגעטהאַן שוין ניט ווי אַ שילעריןָ, נאָר אין אַ לאַנג קלייד, מאָדערן פאַרקעמט. ביידע חברים לאָזען זיך צו איהר, גראַטולירען זי מיט איהר געבורטסטאַג. פאָטער און מוטער קוועלען אַן. — גראַטולירענדיג, דערזעהט שניאורסאָן אויף בעטי'ס האַנט דאָס בראַסלעטעל. בעטי באַמערקט עס, ווערט רויט, באַהאַלט איהר האַנט. ביידע חברים קוקען זיך איבער].

ב ע ט י. וואָס איז דאָ ביי אייך אַזוי פרייליך — איך האָב געהערט אייער געלעכטער אַזש אַהין? פון וואָס רעדט זיך דאָ?

ד ו ד ש פּ י ר אָ [צו דער טאָכטער]. מיר רעדען דאָ פון דעם, ווי ס'איז שווער צו זיין אַ איד. פאַרשטעהט מיך ניט איוואַן איוואַנאָוויטש. זאָג איך זיי, זיי זאָלען פרובען זיין אַ איד חאָטש איין יאָהר, וואָלטען זיי שוין געפיהלט דעם טעם. לאַכען זיי פון מיין געדאַנק.

ש נ י א ו ר ס אָ ן [צו שפּיראָן]. אַנטשולדיגט. ניט פון אייער געדאַנק האָבען מיר געלאַכט, נאָר פון מיין חבר, ווי ער האָט זיך דורכגעשמועסט מיט'ן סטאַלאַנאַטשאַלניק. [צו בעטין]. יענער האָט מכבד געווען מיין חבר מיט אַ קאָמפּלימענט.

ב ע ט י [צו שניאורסאָנען]. איהם אָנגערופען מיט'ן אמת'ען נאָמען?

ש נ י א ו ר ס אָ ן. גלייך ווי איהר זענט געווען דערביי. [ביידע חברים לאַכען].

ד ו ד ש פ י ר א [צו שניאורסאנען]. איהר לאכט, איא? ביי אייך איז גארניט, אז איהר הערט דאס דאזיגע שענדליכע ווארט, ווייל איהר זענט א כריסט, פיהלט איהר ניט. און ביי אונז טריפט זיך בלוט! דאכט זיך, וואס אזעלכס שטעקט אינ׳ם ווארט „זשיד״? נאר אז א גוי זאגט דאס ארויס, זאגט ער עס מיט אזוי פיעל רשעות און מיט אזוי פיעל גיפט, אז ניט ווילענדיג פיהלט איהר זיך באלעדיגט... אודאי איז ער געווארען אנגעצונדען, אייער חבר [ווייזט אויף איוואנאוון, וואס גילט אלס שניאורסאן], אז יענער האט איהם א זאג געגעבען „זשידאווסקאיא מארדא״! מע קאן ווערען ניט נאר אנגעצונדען — מע קאן די אפאפלעקציע באקומען! [קאכט זיך]. פאר וואס? פאר ווען? וועמען טשעפעט ער? וועמען מאכט ער דא ענג? גלאט מע נעמט א בחור, גאט די נשמה שולדיג, און מע שלעפט איהם אלע מאל אין אוטשאסטאק, איהר פארשטעהט צי ניין, מע לאזט איהם ניט זיצען רוהיג איין וואך אפילו. זיי זוכען אלע מאל א נייע עבירה אויף זיין פראוואזשיטעלסטווע: דאס געפעלט זיי ניט — דער דאנטיסט איז ניט רעכט כשר; דאס דאכט זיך זיי אויס, אז די דאקומענטען זענען ניט, ווי עס געהער צו זיין... א גאט׳ס רחמנות אויפ׳ן יונגענמאן...

א י ו ו א נ א ו ו [צו שפיראן]. וואס האט איהר אויף מיר אזוי רחמנות?

ש נ י א ו ר ס א ן. יא־נו, וואס באווייזט איהר איהם אזוי?

ד ו ד ש פ י ר א. דערפאר, וואס דאס הארץ טהוט וועה. דערפאר, וואס איך בין א איד, און א איד איז ניט קיין גוי. א גוי האט ניט אין זיך קיין קאפ רחמנות...

א י ו ו א נ א ו ו [צו שפיראן]. אזוי מיינט איהר — אז נאר א איד פארמאגט דאס געפיהל פון רחמנות?

ש ר ה ש פ י ר א [צום מאן, אויף אידיש]. צו וואס טויג דיר דבר׳ען פאר איין ערל אזעלכע ווערטער? זעהסט דאך, אז דער יהודי׳ [ווייזט מיט די אויגען אויף איוואנאוון] נעמט זיך אזש אן זיין קריוודע...

ד ו ד  ש פּ י ר אַ [אויך אויף אידיש]. סקאַנדאַל קומט — אַט איז זי אויך דאָ! [אויף רוסיש]. איך זאָג ניט, אַז אַ כריסט פאַרמאָגט נישט דאָס געפיהל פון רחמנות. איך זאָג נאָר, אַז אַ גוי אויף אַ אידען האָט אַזוי פיעל רחמנות, ווי אויף אַ הונט, נאָך ווינציגער — אַט וואָס איך זאָג! [צו שניאורסאָנען, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו]. זייט זיך מודה, אַז איהר האַנדעלט קעגען אונז, אידען, אַ סך ערגער, ווי, למשל, קעגען הינט, אָדער קעגען פערד. הינט זענען ביי אייך פטור פון פּראַוואָזשיטעלסטווע, אויף פערד איז ביי אייך פאַרהאַן אַ חברה „צער בעלי־חיים", און אונז, אידען, איז ביי אייך אַ מצוה צו יאָגען און צו רודפ'ען און צו שלאָגען און צו טרייבען און צו מאַכען פּאָגראָמען...

ב ע ט י [צום פאָטער]. וואָס טענה'סט דו, פּאַפּאַ, צו איוואַן איוואַנאָוויטשען? איוואַן איוואַנאָוויטש איז ניט פון יענע כריס־טען, וועלכע...

ד ו ד  ש פּ י ר אַ [צו דער טאָכטער, לאָזט איהר ניט ענדיגען]. איך ווייס, איך ווייס, אַז זיי זענען ניט פון יענע. הערסט דו! דעריבער זאָג איך עס זיי! מיט איין אַנדערען וואָלט איך דען אריינ־געלאָזט זיך אין אַזעלכע רעד? [צום קוואַרטיראַנט'ס חבר]. איך וואָלט אַ בעלן געווען זעהען, איהר זאָלט זיין אַ איד, און ענדיגען גימנאַזיע מיט אַ גאָלדענער מעדאַל, און ניט אריין אין אוניווערסיטעט, און האָבען צו טהון מיט דאַנטיסטען און מיט נאַדזיראַטעלים און מיט סטאַלאָנאַטשאַלניקעס און מיט נאָך אַזעלכע שווארצע יאָהר!

ש נ י א ו ר ס אָ ן [צו שפּיראַן]. וואָס זשע וואָלט געווען?

ד ו ד  ש פּ י ר אַ. וואָלט איהר געפיהלט דעם טעם, וואָס הייסט אַ שטיפקינד, און וואָס הייסט זיין אין גלות, נע־ונד, גרויס איטליכען אין די אויגען... עך־עך־עך, איוואַן איוואַנאָוויטש! איהר מעגט זיך טאַקי איבערנעמען מיט אייערע לייט, וואָס באַ־קלאָגען זיך אויף אונז, אידען, און וואַרפען אונז אויס אַלערליי חטאים, זאָגען אויף אונז, אַז מיר זענען בלוטצאַפּערס, אַז מיר זויגען אייער בלוט. חאַ־חאַ! גיטאַ ווער ס'זאָל לאַכען! מיר

זענען דאָס די בלוטצאַפּערס בײַ דער װעלט! [אַלע מאָל מיט מעהר היץ]. מיר, װאָס פאַרנעמען דעם לעצטען אָרט, װאָס זענען נידע־דעריגער פון נידעריג — איך װײס? ציטערען פאַר אַ פליעג, — זענען מיר דאָס אײַערע גזלנים! אײַערע בלוטפּרעסער!... נײן! די אמת'ע בלוטצאַפּערס, אויב איהר װילט װיסען, — דאָס זענט איהר, איהר, כּריסטען! יאָ. איך זאָג עס אײַך גאַנץ אָפענטליך, אין די אויגען: איהר — איך מײן ניט אײַך, איך מײן דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק — איהר זענט אַ בלוטדורשטיג פאָלק, איהר פאַרשטעהט צי נײן!...

איװאַנאָװ [צו שפּיראָן, מיט אײַנגעהאַלטענער אויפרעגונג]. מיר דאַכט, אַז דאָס איז שוין אַ ביסעל צו שאַרף געזאָגט. פון װאַנען זענט איהר דאָס אַזוי קלאָר אין כּריסטען? פון װען־אָן קענט איהר דאָס אַזוי דאָס רוסישע פאָלק?

דוד שפּיראָ. פון װאַנען איך בין אַזוי קלאָר — דאָס איז אַ באַזונדערע זאַך. איך בין, דאַנקען גאָט, קלאָר אומעטום. נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דאָס דאָזיגע פרעגען בײַ מיר האָבען באַדאַרפט זײ [װײַזט אויף שניאורסאָנען, װאָס גילט אַלס איװאַנאָװ], ניט איהר. [איװאַנאָװ װיל ענטפערען. שניאורסאָן טהוט זיך מיט איהם אַ קוק־איבער. איװאַנאָװ בלײַבט שטיל, פאַררויכערט נאָך אַ פּאַפּיראָס. דוד שפּיראָ רעדט װײַטער, װענדט זיך צו שניאורסאָנען]. אָט נעמט, למשל, אָט דאָס אַ: איהר באַשולדיגט אונז, אַז מיר באַנוצען אײַער בלוט אין אונזערע מצות, אַז עס קומט פּסח...

שרה שפּיראָ [אין דער לופט, האַלב אידיש, האַלב לשון־קודש]. טאָמער װײסט דו, צו װאָס דאַרף מען דבר'ען פון דעם אומגליק?

דוד שפּיראָ [צום װײַב, אויף אידיש]. אפשר װעל איך געהן בײַ דיר לערנען זיך, װאָס און װי אַזוי צו רעדען?

בעטי [אויף רוסיש]. פּאַפּאַ! די מאַמע האָט רעכט — דאָס איז ניט קײן טעמאַ צוליעב מײַנע אימענינעס.

דוד שפּיראָ [צו דער טאָכטער, אויך אויף רוסיש]. װאָס איז שײַך יאָ אימענינעס, ניט אימענינעס? געה האָרך, װאָס אין

שטאָדט טהוט זיך מיט'ן נייעם פּעקעל, וואָס מיר, אידען, האָבּען אויף זיך! עס קאָכט די גאַנצע בּערזע מיט'ן כּריסטליכען קינד, וואָס מע האָט געפונען אַנומעלטען אַ גע'הרג'עטען און אַ צעשטאָכענעם דאָ, אויף דער אידישער גאַס!

שרה שפּירא [אויף אידיש]. גע'הרג'עט און צעשטאָכען זאָלען זיי דיר ווערען פון גאָט, רבּונו של עולם! [אויף רוסיש]. ס'איז גאָר ניט כּדאַי אַקעגען נאַכט אפילו צו דערמאָנען אַזאַ פּאַסקודסטווע... [דערזעהט סיאָמקען, ווי ער שטעהט, צונויפגעלעגט די הענטלעך, און הערט זיך איין מיט גרויס אינטערעס צום שמועס]. דו קליינער וועוורִיק, דו דאַרפסט אויך הערען, אַז מע רעדט פון אַזאַ מיאוס'קייט? געה בּעסער צו דיינע אוראָקען. דער אויפדערנאַכט איז נאָך גענוג גרויס! [סיאָמקע געהט־אָפּ צו זיך אָהן חשק].

דוד שפּירא [בּארוהיגט זיך ניט]. עס קאָכט, עס קאָכט די שטאָדט מיט דעם דאָזיגען מיאוס'ען עסק! די גאַנצע לופט איז אָנגעפילט מיט שנאה, און סע שמעקט מיט פּאָגראָם...

איוואַנאָוו [צו שפּיראָן]. איידְ חלומ'ען זיך נאָר פּאָגראָמען...

דוד שפּירא. מיר חלומ'ען זיך פּאָגראָמען דערפאַר, ווייל איך האָבּ שוין איבּערגעלעבּט צוויי, איהר פאַרשטעהט צי ניין! און איך זאָל ניט קענען איוואַן איוואַנאָוויטשעו, ווי אַזוי זיי קוקען דערויף, וואָלט איך עס נישט גערעדט פאַר זיי אין די אויגען. ס'איז דאָך טאַקי נאָר אַ האַרצוועהטיג, אַז אין היינטיגער צייט, אין דער צייט פון חכמה און וויסענשאַפט, פון עלעקטריע, טעלעפאָן, גראַמאָפאָן, עראָפּלאַן, סינעמאַטאָגראַף און נאָך אַזעלכע זאַכען, זאָלען מענטשען גלויבּען אין אַזעלכע ווילדע בּבא־מעשיות, אַז ס'איז פאַרהאַן בּיי אונז, ווי זיי זאָגען, אַזאַ סעקטע, וואָס בּאַנוצט בּלוט!...

איוואַנאָוו. סעקטעס און סעקטאַנטען זענען פאַרהאַן אומעטום, בּיי אַלע פעלקער...

שניאורסאָן [מיט היץ, צו איוואַנאָווען]. נאָר נישט בּיי אידען! אויסגעשלאָסען!

בעטי. חא־חא־חא־חא! חא־חא־חא־חא־חא!

[ווערט צעגאַנגען פון געלעכטער].

דוד שפּיראָ. זי איז זעהר גערעכט, וואָס זי לאַכט. אַז איהר האָט זיך פאַרביטען מיט די טענות. ער, דער איד [ווייזט אויף איוואַנאָוון], וויל האָבען, אַז בּיי אונז זענען, ווי אומעטום, פאַרהאַן סעקטעס און סעקטאַנטען, און זיי, דער כּריסט [ווייזט אויף שניאורסאָנען], לייקענען־אָפּ, אַז בּיי אידען, הייסט עס, זענען קיין סעקטעס נישט פאַרהאַן. הייגט ווי אַזוי זאָל מען ניט לאַכען?

[ביידע חברים חאַפּען זיך, ווערען פאַרשעמט].

איוואַנאָוו [וויל זיך פאַרענטפערען]. איך האָב ניט געזאָגט, אַז בּיי אייך... בּיי אונז מיין איך, זענען פאַרהאַן סעקטאַנטען. איך האָב נאָר געזאָגט, אַז מיר... מיין איך, אַז זיי, די כּריסטען הייסט עס [ווייזט אויפ׳ן חבר], מעגען גלויבען, אַז בּיי אייך... בּיי אונז מיין איך, זענען יאָ פאַרהאַן סעקטאַנטען...

דוד שפּיראָ [צו קיינעם ניט]. זעהט נאָר בּעסער, ווי דער פּלאָנטעט [ווייזט אויף איוואַנאָוון]: „בּיי אייך — בּיי אונז, בּיי אונז — בּיי אייך”...

שניאורסאָן [וויל צערייבען און פאַרגלעטען, רעדט צו זיין חבר]. דער הער שפּיראָ האָט פּאָלקאָם רעכט. דיר, אַלס איד, וואָלט גע־מעגט אָנשטעהן וויסען, אַז די בּבּא־מעשה פון סעקטעס און סעק־טאַנטען, וואָס נוצען מענטשענבלוט, איז איין אַלטע מעשה פון פאַרצייטען. דו, אַלס איד, וואָלסט געמעגט צו וויסען, אַז דעם זעלבען בּלבול האָט מען אַמאָל, מיט אַ סך יאָהרען פריהער, בּאַ־שולדיגט אונז, כּריסטען, אַז מיר קוילען פרעמדע קינדער און בּאַ־נוצען זייער בּלוט צו הייליגע צוועקען...

דוד שפּיראָ [שלאָגט איהם איבער]. ווייס איד! וואָס פאַר אַ איד איז ער? אויך מיר אַ איד! ניטאָ ווער ס׳זאָל לאַכען, חא־חא! שוין איין מאָל אַ איד! איהר וועט מיר גלויבען, צי ניין? עס מאַכט זיך צייטען, וואָס עס גלויבּט זיך גאָרניט, אַז ער איז אַ איד, און נאָך אַ שניאורסאָן דערצו! און ווייסט איהר, וואָס

נאָך איך וועל אייך זאָגן, איוואַן איוואַנאָוויטש? האָט קיין פאַראיבעל ניט, נאָר איך מוז אייך זאָגן אָפּענטליך, אַז איהר זענט שוין מעהר איד פון איהם. אַ סך מעהר — איך זאָל האָבען די ברכות! זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, נאָר ביי אייך איז פאַרהאַן עפּים אַזעלכס, אַזוינס... מאַכט מיט די פינגער]. איהר פאַרשטעהט צי ניין, אַ ניצוץ פון אַ אידען... אַ נשמה, אַ אידישע נשמה...

ש נ י א ו ר ס אָ ן [לאַכט]. אַזוי גאָר? אייער ווייב געפינט, אַז אויף מיר זיצט אַ אידישער קאָפּ, און איהר זאָגט, אַז איך האָב אַ אידישע נשמה. איהר וועט שוין אָט באַלד אויסטראַכטען אויף מיר אַ בלבול, אַז איך בין גאָר איינגאַנצען אַ איד... [אַלע צעלאַכען זיך. עס דערהערט זיך אַ קלונג].

ש ר ה ש פּ י ר אָ [צופריעדען, וואָס מע האָט איבערגעשלאָגען דעם דאַזיגען שמועס]. אָ, עס געהען געסט! סיאָמקע, וואו ביזט דו ערגיץ? [קוקט זיך ארום]. סיאָמקע!

ד ו ד ש פּ י ר אָ [צום ווייב]. האָסט פאַרגעסען, אַז דו האָסט איהם נאָר־וואָס דורכגעטריבען? [סיאָמקע דערהערט, אַז מע רופט איהם, קומט צו לויפען].

ס י אָ מ ק ע. וואָס איז?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. געה, סיאָמעניו, מע קלינגט! [סיאָמקע לויפט־אַראָפּ].

ד ו ד ש פּ י ר אָ [צום ווייב, אויף אידיש]. וואָס איז ער ביי דיר, וואָלט איך געוואָלט וויסען — אַ לאָקיי, צי אַ שווייצאַר? [צו שניאורסאָנען, אויף רוסיש]. אַ לאָווקע יונגאַטש אונזער זוהנדעל! און לערנען לערענט ער — לאָז אייך שוין אייער חבר זאָגען... [איז דעם קומט צו לויפען סיאָמקע מיט אַ גדולה].

ס י אָ מ ק ע [הויך]. בעטי'ס חבר'טורינס — אַ גאַנצע חאַליאַסטרע! [דוד שפּירא רייסט איבער דעם שמועס. בעטי לויפט אַקעגען די אריינגעקומענע חבר'טעס, אַ שטיק פינף־זעכס מיידלעך, שילערינס, אַלע אָנגעטהאָן, ווי גימנאַזיסטקעס, אין גרינע קליידלעך, שוואַרצע פאַרטיכלעך און ווייסע שפּיצען־קראַגענס מיט מאַנשעטלעך. בעטי צעקושט זיך מיט זיי, פיהרט זיי צו און שטעלט זיי פאַר פריהער פאַר די עלטערען].

ב ע ט י. מיינע חבר׳טעס, מיינע עלטערן. [דערנאך צום קווארטיראנט מיט׳ן חבר]. הער איוואנאוו, הער שניאורסאן — זייט באקאנט. [די מיידלעך געהען־צו איינציגווייז, מאכען קניקסענס].

ד ו ד ש פ י ר א. זיצט, פאר וואס זיצט איהר ניט?

[טהוט א וואונק צום ווייב, זי זאל זיי אויפנעמען].

ש ר ה ש פ י ר א [טראגט זיי אונטער שטוהלען]. זיצט, פאר וואס זיצט איהר ניט? [די מיידלעך מאכען נאך א מאל צו קניקסענס, זעצען זיך אוים. אין דער זעלבער צייט דערהערט זיך נאך א קלונג. סיאמקע לויפט עפענען און קומט ארויף ווידער מיט א שמחה].

ס י א מ ק ע. נאך דריי געסט: צוויי סטודענטען און איינער אזוי א מענטש! [אלע לאכען].

ד ו ד ש פ י ר א. ווי יענער פוילישער, וואס האט געזאגט: „איך האב געזעהען פאהרען צוויי אידען מיט א ליטוועק”... [צו דער טאכטער]. ווער זאל דאס זיין?

ב ע ט י. דאס זענען די סטודענטען גרינסבערג און פראטקין, וואס איך האב מיך מיט זיי באקענט ביי מיינער א חבר׳טע אויף אימענינעס. און דער דריטער, הורוויטש — דער איז א געוועזענער עקסטערן, היינט א לעהרער. [אין דער צייט, וואס דא ווערט גערעדט, הערט זיך פון יענער זייט טיר א הוסטעריי און א קלאפעריי פון קאלאשען, וואס מע טהוט־אוים אין פאדערצימער. דערנאך באווייזען זיך דריי פארשוינען: צוויי אין נייע סטודענטישע אוניפארמס: איינער פון זיי, ג ר י נ ס ב ע ר ג, איז טשאקענדיג אויסגעפוצט, מיט גאלד באלעגטע ארבעל און קאלנער, מיט א שפאגע, זעהט־אוים, ווי איין אפיציר. דער דריטער, ה ו ר ו ו י ט ש — אין א גרויען פידזשאק מיט א ברייטען שווארצען שניפס אויפ׳ן האלז. — בעטי קומט זיי אקעגען. אלע דריי באגריסען זי זעהר פייערליך. די צוויי סטודענטען טראגען איהר אונטער בלומען].

ג ר י נ ס ב ע ר ג [א קלאפ א פוס אן א פוס]. אימעיו טשעסט פאזדראוויט! *

פ ר א ט ק י ן. פאזדראווליאיו! **

---

* איך האב דעם כבוד צו גראטולירען. — ** איך גראטוליר.

ה ו ר ו ו י ט ש [אויף אידיש]. מזל טוב! און אַ גוט יום־טוב אייך!

ב ע ט י [באַדאַנקט, שטעלט זיי פאַר פריהער פאַר איהרע עלטערען איינציגווייז]. סטודענט גרינסבערג, סטודענט פראַטקין, הער הורוויטש. דער [ווייזט אויף הורוויטשען] רעדט ניט קיין אַנדער שפּראַך, אחוץ אידיש.

ד ו ד ש פּ י ר אַ. ער איז זעהר גערעכט. מיר האָבען ניט מיט אונזער לשון וואָס צו שעמען זיך. [בעטי פיהרט זיי צו דערוויילע צו שניאורסאָנען מיט איוואַנאָווען, דערנאָך שטעלט זי זיי פאַר פאַר איהרע חבר'טעס, וועלכע שטאַטען־אָפּ נאָך אַ מאָל צו קניקסענס. די שטימונג ווערט יום־טוב'דיג. דוד שפּירא טהוט אַ וואונק צום ווייב, זי זאָל אויפנעמען די געסט].
זיצט, פאַר וואָס זיצט איהר ניט?

ש ר ה ש פּ י ר אַ [טראָגט זיי אונטער שטוהלען]. זיצט, פאַר וואָס זיצט איהר ניט? [די געסט באַדאַנקען].

ג ר י נ ס ב ע ר ג. פּאָקאָרנאַ בלאַגאָדאריו! *

פּ ר אַ ט ק י ן. מערסי, מאַדאַם!

ה ו ר ו ו י ט ש [אידיש]. אַ שענעם דאַנק אייך, מוהמעניו!

ד ו ד ש פּ י ר אַ [רייבט אַ האַנט אַן אַ האַנט]. זעהר אַנגעלעגטע געסט! איך האָב ליעב יונגעלייט. מאַלאַדיאָזש! יונג בלוט! [צו הורוויטשען]. אייער נאָמען איז, דאַכט מיר, אויב איך האָב קיין טעות ניט, הורוויטש? פון וואָסערע הורוויטשעס זענט איהר?

ה ו ר ו ו י ט ש. פון די אמת'ע הורוויטשעס, פון די פּינסקער הורוויטשעס.

ד ו ד ש פּ י ר אַ. אַזוי? קען איך דאָך אייך. אייער זיידע איז געוועזן, אויב איך האָב קיין טעות ניט, אַ...

ה ו ר ו ו י ט ש. אַ שמש אין שוהל, און מיין טאַטע איז אַ מלמד. [עס ווערט אַ געלעכטער].

ד ו ד ש פּ י ר אַ [פיהלט זיך קאָנפוזעדיג, געפינט זיך אָבער באַלד]. נו־יאַ. וואָס איז דער געלעכטער? אַ שמש איז גאָרניט אַזאַ חרפּה.

---

* אַ דאַנק!

יגיע כפיך, זאָגט ער, כי תאכל. יעדער האָט זיך זיין טהועכץ. און אַ מלמד איז אודאי קיין בזיון ניט. [צו הורוויטשען]. אַ סימן, אַז אייער טאַטע קאָן לערנען.

הורוויטש. דוקא ניט. ער איז אַ דרדקי־מלמד, לעהרענט אידישע קינדער עברי.

דוד שפּיראָ. נו־יאָ. דאָס איז אויך אַ זאַך — אויס־לעהרנען קינדער דאַוונען. [וויל צערייבען דעם שמועס, ווענדט זיך צום ווייב]. אפשר וואָלסט דו זיך מטריח געווען, מיין ווייב, אויף אַ טשיקאַוועסט אַ קוק טהון דאָרט צום סאַמאָוואַר, איהם איינרוימען אַ סוד אויפ'ן אויהער, ער זאָל פּאַרזידען, — וועלען מיר מכבד זיין די ליעבע געסט, ראשית חכמה, מיט טיי, און דערנאָך וועלען מיר נעמען עפּיס אין מויל אַריין און טרינקען מיט זיי לחיים לכבוד אונזער אימע־ניניצע, וואָרום אַז גאָט האָט געהאָלפען אַזאַ יום־טוב, מיר האָבען דערלעבט, אונזער טאָכטער איז אַלט געוואָרען, ברוך השם, אַזוי גרויס, ווי...

שרה שפּיראָ [גרייט צו געהן אין קיך אַריין, שלאָגט איבער דעם מאַן]. צו וואָס איבעריגע רעד? ווער פרעגט דיך, וויפיעל זי איז אַלט? ווער שלעפּט דיך ביי דער צונג, האָסט דו געהערט אַ ביסעל?!

דוד שפּיראָ [צום ווייב]. וואָס האָסט דו מורא, ס'וועט איהר שאָדען צום שידוך? צי דו ציטערסט פאַר אַ גוט אויג?

שרה שפּיראָ. שאָדען ניט שאָדען — נאָר למאי זאָל אַ מענטש האָבען אַ טבע רעדען אַזעלכע זאַכען, וואָס קיינער פרעגט איהם ניט? [געהט־אָפּ, מיטגערופען סיאָמקען, ער זאָל איהר העלפען אין דער קיך].

דוד שפּיראָ [צו אַלעמען]. אָט האָסט דו דיר! אַ אידינע בלייבט אַ אידינע, זי מעג זיין די גרעסטע חכמה אין דער וועלט! די ווייבער — ס'זאָל אייך צו קיין חרפּה ניט זיין, באַרישנים, — האָבען אין זיך אַלע מאָל אויבערשפּיצלעך. ביי מיר

איז איין אָפּענער זעכס־און־זעכציג. איך בין אַ שפּיראָ, און די שפּיראָס ווייסען ניט פון קיין חכמות. איך געה מיט דעם גאַנג, אַז מיט'ן אמת קאָן מען אויסגעהן די גאַנצע וועלט... הערט זשע אוים, רבותים, וואָס איך וועל אייך זאָגען. [נעמט־ארום די טאָכטער]. איהר קוקט־אָן אָט דאָס מיידעל, אָט די באַרישני מיין איך? בערטאַ דאַווידאָוונאַ שפּיראָ רופט מען זי. זאָלט איהר וויסען זיין אַלע, אַז היינטיגען טאָג איז איהר געוואָרען למזל פונקט נייענצעהן יאָהר! [צעקושט זיך מיט איהר].

א ל ע. נייענצעהן יאָהר? [יונגוואַרג הויבען זיך אויף פון די ערטער, געהען־צו צו בעטין און גראַטולירען זי נאָך אַ מאָל, רופען־אוים יעדען באַזונדער]. נייענצעהן יאָהר! [אין דעם קומט־אַן שרה מיט'ן סאַמאָוואַר. סיאָמקע טראָגט איהר נאָך אַ גרויסע טאַץ מיט טייגעשיר].

ש ר ה ש פ י ר אָ. זאָגט חאָטש: „ביז הונדערט און צוואַנציג", האָסט דו געהערט אַ ביסעל?!

ב ע ט י. הונדערט און צוואַנציג וועט זיין, מאַמאָטשקאַ, אַ ביסעל צו פיעל, האָב איך מורא... [צו די אויפגעשטאַנענע געסט]. נו, גאָספּאָדאַ? צום טיש, צום טיי טרינקען!

ד ו ד ש פ י ר אָ [ברייט און גאַסטפריינטליך]. צום טיש, מיינע ליעבע געסט, צום טיש! זיצט, פאַר וואָס זיצט איהר ניט?

ש ר ה ש פ י ר אָ [שטעלט יעדען אַ שטוהל]. זיצט, פאַר וואָס זיצט איהר ניט? [אַלע זעצען זיך אוים, די מיידלעך אויך. סיאָמקע זעצט זיך אויך צום טיש].

ד ו ד ש פ י ר אָ [זעצט זיך אַליין אויף אוועק גאַנץ אויבענאַן]. אָט אַזוי האָב איך אייך ליעב! איצט נעמט און וואַרפט־אַריין צוקער, און טרינקט טיי, און עסט איינגעמאַכטס, אָט שטעהט. [צום ווייב]. שרה! געב איינגעמאַכטס! [צו די געסט]. און דער־צעהלט, וואָס הערט זיך עפּיס נייעס אויף דער גרויסער וועלט? איך מיין ביי אייך, איהר פאַרשטעהט צי נייַן, אין אוניווערסיטעט. ווער איז אַריין? ווער איז אַרוים? ווער האָט זיך גע'שמד'ט? און ווער האַלט ביי שמד'ען זיך? [מישט מיט'ן לעפעלע אין גלאָז, זיפצט].

איך ווייס ניט, ווי אזוי איהר. איך, אז איך רעד פון משומדים, און איבערהויפּט פון די, וואָס שמד'ען זיך צוליעב'ן אוניווערסיטעט, קאָכט זיך אויף אין מיר דאָס גאַנצע בּלוט און איך ווער מלא גזלן!

ש ר ה ש פּ י ר אָ [נאָכדעם ווי זי האָט אויסגעטיילט אַלעמען טיי און איינגעמאַכטס, זעצט זיך אַוועק אַ ביסעל אָן אַ זייט, צונויפגעלעגט די הענט אויפ'ן הארצען]. וואָס דאַרפסט דו זיך אָפּעסען דאָס הארץ פאַר יעדער זאַך? לאָזען זיי זיין, דוד, פאַר דיר די כּפּרה!

ה ו ר ו ו י ט ש [טרינקט טיי]. אָ-מן!

ג ר י נ ס ב ע ר ג [צו שפּיראָן]. וואָס זענט איהר דאָס עפּיס, פאַני שפּיראָ, אַזוי אויפגעטראָגען אויף זיי? בּארעכענט אייך נאָר פריהער אַקוראַט, געהט אַריין אין זייער לאַגע, און דערנאָך וועט איהר זיי באַשולדיגען...

ד ו ד ש פּ י ר אָ. נעבאַך! געפעלט אייך דאָס רחמנות, וואָס מע לעגט דאָ אויף זיי? מענטשען שפּייט מען אין פּנים אריין, מע טראַכט-צו פון זייערטוועגען זשערעבּעס, מיט צרות, מיט שלעק, מיט מכות-מצרים, — וואָלטען זיי, דאַכט מיר, באַדאַרפט אַ שפּיי טהון אויפ'ן גאַנצען אוניווערסיטעט מיט אַלעם מיט איינאַנדער? ניין! געהט מען אַוועק צום חאַם, און מע פאַלט איהם צו די פיס, מע קושט איהם אין הענטעל אַריין און מע קויפט זיך איין צו איהם אין יחוס!

ה ו ר ו ו י ט ש [צו שפּיראָן]. בּראַוואָ! איהר האָט אַרויס-געריסען דאָס, וואָס ביי מיר איז געלעגען אויף דער צונג. [נעמט זיך צום לעקאַך מיט'ן שאַקאַלאַד].

ד ו ד ש פּ י ר אָ. וואָס דען? איך בּין אַ שפּיראָ, איהר פאַרשטעהט צי ניין! די שפּיראָס האָבּען אין זיך היים בּלוט, וואָס געהט זיי בירושה פון די סלאַוויטער! [צו הורוויטשען]. איהר, פאַני הורוויטש, ווייסט דאָך יאָ, ווער די סלאַוויטער זענען געוועזן! [מיט היץ]. די, וואָס זענען געגאַנגען אויף קידוש-השם סקוואַז סטראָי, זיך געלאָזט גנאָטעווען — און ניט פאַרלוירען זייער שטאָלץ פאַר די חאַמעס!...

א י װ ו אַ נ אַ ו ו [רויט פון אויפרעגונג]. אַלסדינג פיין. נאָר צו וואָס אַזעלכע שאַרפע ווערטער, ווי „חאַם”? קיין אַנדער נאָמען האָט איהר שוין ניט פאַר... פאַר די כריסטען?

ד ו ד ש פ י ר אָ. וואָס קאָנט איהר דאָ אַזוי ניט ליידען, אַז איך זאָג „חאַם”?

ש ר ה ש פ י ר אָ [צום מאַן, אויף אידיש]. שניאורסאָן איז דען ניט גערעכט? צו וואָס אַזעלכע דבורים, אַז סע זיצט איין ערל? [ווייזט מיט די אויגען אויף שניאורסאָנען, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו].

ג ר י נ ס ב ע ר ג [צו דוד שפּיראָן]. גוט, לאָמיר אָננעמען, אַז איהר זענט גערעכט, פאַני שפּיראָ. וואָס זשע זאָלען זיי אָבער מהון, אָט די איבערגעבליבענע פון יענער זייט טיר?

פ ר אַ ט ק י ן [צו גרינסבערגען]. וואָס זאָלען זיי טהון? וואו שטעהט דאָס, אַז זיי דאַרפען דוקא זיין דאָקטוירים? אָדער אדוואָקאַטען? אָדער אינזשעניערען?

ה ו ר ו ו י ט ש [ווישט־אויס די ליפּען, שטעלט זיך אַוועק, רעדט שאַרף]. שטיוועל זאָלען זיי גייהען! וואַסער זאָלען זיי טראָגען! פּריקאַזטשיקעס זאָלען זיי זיין! אַבי ניט קיין משומדים! [זעצט זיך אַוועק, נעמט זיך צו די ניסלעך].

ד ו ד ש פ י ר אָ [צום קוואַרטיראַנט. ווייזט אויף פראַטקינען און אויף הורוויטשען]. איהר הערט ווערטער? לערענט זיך פון זיי, ווי צו זיין אַ איד! אויך יונגעלייט, און אויך סטודענטען, און שטעלען זיך ניט איין, אַזוי ווי איהר, פאַר עשו'ען...

א י װ ו אַ נ אַ ו ו [צו שפּיראָן]. פאַר וועמען זאָגט איהר?

ד ו ד ש פ י ר אָ. פאַר עשו'ען. איהר ווייסט ניט, ווער עשו איז?... [צום עולם]. איך האָב גאָר פאַרגעסען צו דערקלערען, אַז אונזער ליעבער שכן [ווייזט אויף איוואַנאָוון] פאַרשטעהט נעבאַך ניט אַ וואָרט אידיש. „עשו” איז ביי איהם תּרגום־לשון... מיינט איהר אפשר, אַז ער איז, חלילה, איין אַבי־ווער? סך־הכל איז ער אַ שניאורסאָן, פון די אמת'ע שניאורסאָנס, איהר פאַרשטעהט צי ניין, פון די ליבאַוויטשער...

ה ו ר ו ו י ט ש [איבעררא̈שט]. און פא̈רשטעהט ניט קיין אידיש? ווי קא̈ן עס זיין?! [קנא̈קט ניסלעך].

ד ו ד ש פּ י ר א̈. נו, זעהט איהר דא̈ך!

ב ע ט י [פא̈רענטפערט דעם קווא̈רטירא̈נט]. א̈ מענטש איז אויס־געוואַכסען אין א̈ רוסישער שטא̈דט, צווישען כּריסטען, — וואָס איז דער וואונדער?

ד ו ד ש פּ י ר א̈. א̈ תירוץ איז דא̈ס אפילו א̈ שוואַכער! פון דעסטוועגען, הערט איהר, פונ׳ם אמת אוועקגעהן קא̈ן מען ניט. זיין שבח דארף מען איהם זא̈גען אין די אויגען. איך בין זיכער פא̈ר איהם, ווי פא̈ר זיך אליין, אז אויסבּייטען דא̈ס רענדעל — דא̈ס פא̈ר קיין געלט ניט! א̈ אידישע נשמה, איהר פא̈רשטעהט צי ניין, איז אייך גא̈רניט אפּצושאַצען! א̈ט נעמט, למשל, טאַקי איהם אליין, אונזער ליעבּען קווא̈רטירא̈נט מיין איך, זא̈ל ער מיר הונדערט מא̈ל מוחל זיין: וועלכּס האַלט איהם א̈פּ, אשטייגער, פון צו שמד׳ען זיך? [צעהלט אויף די פינגער]. אז קיין טאַטע־מאַמע האָט דאָס ניט. אידיש רעדען קאָן דאָס ניט. דאַוונען — נישט א̈ לעק. נו, פרעגט זיך א̈ קשיא: וועלכער גוטיאָהר צווינגט איהם, ער זא̈ל זיך האַלטען אָן זיין אידישקייט, און נאָך אזוי אויסגעריסען ווערען, ווי ער ווערט אויסגעריסען? [צעהלט ווייטער אויף די פינגער]. אין אוניווערסיטעט ניט אריין, חא̈טש ער האָט א̈ גא̈לדענע מעדאַל. קיין פּראַוואָזשיטעלסטווע נישטא̈. אין אוטשאַסטאָק ווערט ער געשלעפּט, בּרוך השם, כּמעט אלע צוויי וואָכען, און האָט פון די גויים — עס מעג זיי אָנגעהן חאָטש האַלב!

ה ו ר ו ו י ט ש [הויך]. א̈־מן! [קנא̈קט ניסלעך].

א י ו ו א̈ נ א̈ ו ו [איז דער צייט, וואָס דוד שפּירא̈ רעדט, קוקט ער זיך איבער עטליכע מאָל מיט זיין חבר שניאורסאָן. ביידע שמייכלען. צום עולם]. מאָהלט אייך, ס׳איז נישט אזוי שרעקליך, ווי דער הער שפּירא̈ וועט אייך דערצעהלען. נאָר לאָז שוין זיין אפילו אזוי — איז וואָס? דאָס אליין, וואָס איך האָב עס ניט געטהאָן, גיט מיר נאָך

ניט קיין רעכט, איך זאל ווארפען א שטיין אין דעם, וואס מוז דאס טהון...

גרינסבערג [צו שניאורסאנען]. בראווא, שניאורסאן, בראווא!

דוד שפירא [צו גרינסבערגען, אויפגעבראכט]. וואס בראווא? ווער בראווא? אויף אייך, פאני גינצבורג, איז מיר גלאט א חידוש, איהר זאלט זיך אננעמען די דאזיגע זייט! איהר זענט דאך עפּיס א גינצבורג, און קומט ארויס אודאי פון די אמת'ע גינצבורגס...

גרינסבערג [צו דוד שפּיראַן]. וואסער גינצבורג? מיין נאמען איז גאר גרינסבערג, ניט גינצבורג... [צום איבעריגען עולם]. אודאי איז שניאורסאן גערעכט, וואס ער זאגט, אז מיר טארען ניט ווארפען קיין שטיין אין די, וואס מוזען דאס טהון. און אז זיי מוזען דאס טהון — דאס איז דאך, דאכט מיר, קלאר פאר אלעמען! געהט נאר אריין אין זייער לאגע, אין דער לאגע פון יונגע מענטשען, פאר וועמען עס עפענט זיך א גרויסע, א פרייע, א ליכטיגע וועלט, — זאלען זיי זיך אפּשטעלען צוליעב א נארישקייט?...

בעטי [אנגעצונדען]. צוליעב א נארישקייט זאגט איהר? מפקיר זיין דאס אייגענע פאלק צוליעב א קאריערע — הייסט ביי אייך א נארישקייט? פארלייקענען אלסדינג, וואס א מענטשען איז נאהענט און טייער: אי טאטע־מאמע, אי זיין אפּשטאם, אי זיין אלט פאלק — הייסט ביי אייך א נארישקייט? [מיט הייסער פאראכטונג]. איך פארשטעה גלאט ניט, ווי קאן עס א מענטש, וואס פארמאגט אין זיך חאטש א טראפען עהרענגעפיהל, אריבערלויפען ביי היינטיגע צייטען פון די שוואכע צו די שטארקע, פון די גע־יאגטע צו די יעגערס, פון די געפּייניגטע צו די פּייניגער? א מענטש, וואס טהוט־אפּ אזא מיאוס'ע זאך צוליעב זיינע אייגענע קליינינקע אינטערעסען, איז נישט מעהר ווי א טרוס, א רענעגאט, א פאררעטער!...

הורוויטש [אפּלאדירט דער ערשטער]. בראווא!

אלע [אפּלאָדירען, אויסער דער פאַרשעמטער גרינסבערג און איוואַ־נאָוו; די מיידלעך אַפּלאָדירען אויך]. בראַוואָ! בראַוואָ! בראַוואָ!

בעטי [אַ צעהיצטע, אַ פאַרדרויטעלטע, פאַרנייגט זיך אין אַ שפּאַס]. מערסי!

דוד שפּירא [שטעהט־אויף, קושט די טאָכטער אין שטערן. צום עולם, מיט גדלות]. אָט אזוי רעדט אַ מיידעל, וואָס קומט אַרויס פון די אמת'ע שפּיראָס, פון די סלאָוויטער, איהר פאַרשטעהט צי ניין!...

שרה שפּירא [וועהרט שיער צעגאַנגען פאַר תענוג. רעדט שטיל]. מיר פאַר איהר קאָפּ!

איוואַנאָוו [צו בעטין]. בערטאַ דאַווידאָוונאַ, אַנט־שולדיגט. און ווי איז, צום ביישפּיעל, אַז איינער בייט־איבער זיין גלויבען ניט צוליעב אַזאַ אינטערעס, ווי אַריין אין אוניווערסיטעט, נאָר צוליעב איין אַנדער זאַך. וועלען מיר זאָגען, צום ביישפּיעל, אַ קריסט האָט זיך פאַרליעבט אין אַ אידיש מיידעל... [טרעפט זיך ניט ווילענדיג מיט שניאורסאָנ'ס אויגען, קעהרט זיך אָפּ פון איהם]. נו־יאָ. עס קאָן זיך דאָך טרעפען אַזעלכס...

הורוויטש. ס'זאָל זיך אזוי ניט טרעפען, ווי עס טרעפט זיך! [שיילט אַ מאַראַנץ].

איוואַנאָוו. אַלזאָ, איז ער פאַרליעבט, זאָג איך, אינ'ם מיידעל, און דאָס מיידעל האָט זיך פאַרליעבט אין איהם און געהט־איבער אין זיין גלויבען, — נו, ווי איז דעמאָלט?

בעטי [שאַרף און גאַרניט לאַנג געטראַכט]. איז זי אַ פאַר־רעטערין!

אלע [אויסער גרינסבערג]. בראַוואָ! בראַוואָ!

דוד שפּירא [שטעהט ווידער אויף, טריאומפירענד]. וואָס זשע? מיט אַ שפּיראָ וויל ער זיך אויס'טענה'ן, חאַ־חאַ!

שניאורסאָן [הויבט זיך פּלוצים אויף]. אַנטשולדיגט, מיינע הערען. איך, אַלס קריסט, האָב די גאַנצע צייט זיך ניט אַריינ־געמישט אין אייער געשפּרעך, ווייל דאָ איז גערעדט געוואָרען

וועגען אַ זאַך, וואָס איז מיר, אייגענטליך, פרעמד. איצט וויל איך מיר דערלויבען נאָר איין באַמערקונג. בערטאַ דאַווידאָוונאַ האַלט זיך פעסט, אַז אַ אידיש מיידעל, וואָס טהוט־אָפּ אַזאַ זאַך, ווייל זי איז פאַרליעבט אין אַ כריסט, איז אַ פאַררעטערין. וויל איך צוגעבען, אַז אויסער דעם, איז דאָס גלאַט ניט נאַטירליך און ניט פּראַקטיש אויך. וואָרום... [קוקט אויפ'ן חבר, אינטאַנירט די ווערטער]. בלוט בלייבט בלוט! דאָס, וואָס איז איינגעזויגען געוואָרען מיט דער מוטער'ס מילך, קאָן ניט אָפּגעווישט אָדער אויסגעוועבט ווערען! און זייט זיכער, אַז ביי דער ערשטער געלעגענהייט, ביי דעם ערשטען צעקריעגען זיך, וועט איהר דער שטאַרק־פאַרליעבטער כריסט [קוקט אויפ'ן חבר אינקוויזיטאַריש] דערמאַנען איהר אָפּשטאַם...

הורוויטש. און וועט זיך ניט פוילען מכבד זיין זי מיט'ן שענעם נאָמען „זשידאָווקאָ”. [עסט דעם מאַראַנץ].

איוואַנאָוו [אויפגעבראַכט, אַלערליי קאָלירען]. דאָס קאָן נאָר געמאָהלט זיין אָדער גאָר ביי אַ גרויסען מערזאַווער, אָדער גאָר ביי אַ גרויסען שכור!...

הורוויטש. וואָס ביי'ם ניכטערען אויף דער לונג, איז ביי'ם שכור'ען אויף דער צונג...

דוד שפּיראָ. ס'איז דיר איין אַנטיק מיט די צוויי! [ווייזט אויפ'ן קוואַרטיראַנט און אויף זיין חבר]. אַט האָט איהר אַ גוי, אַ דרייגאָרענדיגען איוואַן, איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו, איז ער פאַר אידען, ווי איהר זעהט, שטאָל און אייזען; און דער איד שניאורסאָן, פון די אמת'ע, פון די ליבאַוויטשער שניאורסאָנס — אַקוראַט פאַרקעהרט! איין אָפּגעטהאָנענע זאַך! אַ כשוף!...

הורוויטש [ווישט די הענט]. משיח'ס צייטען! [אַלע באַטראַכטען, קוקען זיך איין אין די צוויי חברים. ביידע, שניאורסאָן און איוואַנאָוו, פיהלען זיך שטאַרק מטושטש. — עס הערט זיך אַ שאַרפער קלונג. סיאָמקע חאַפּט זיך אויף, לאָזט זיך לויפען, פאַרטשעפּעט זיך ביי אַ שטוהל און פאַלט].

הורוויטש. אַט האָב איך אייך געבראַכט, און אַט ליגט עס! [עס ווערט אַ געלעכטער].

**שרה שפּירא** [אויפגעחאפּט, א פּלעסק מיט די הענט, צו סיאמקען]. א גוטען זעץ געטהאן? זעהר רעכט! א מצוה! פּליה ניט, ווי א משוגען קעלבעל! [לאזט זיך צו סיאמקען].

**דוד שפּירא** [לאזט זיך אויך צו סיאמקען]. חלילה ניט אויסגעלונקען א פוס? [צום ווייב]. וואס יאגסט דו ארום דאס קינד א גאנצען אויפדערנאכט, טא היז, טא הער?

**שרה שפּירא.** ווער יאגט איהם? ער יאגט זיך אליין! דערהערט ער א קלונג, לויפט ער הענדום־פּענדום! [הויבט־אויף סיאמקען פון דער ערד]. נישט א זעץ געטהאן זיך אין ערגיץ?

**סיאמקע** [אויפגעשטאנען, פארשעמט]. גארנישט, גארנישט.

**הורוויטש.** איך האב געוואוסט פריהער, אז גארנישט.

**שרה שפּירא.** דאנקען גאט, וואס גארנישט. [סיאמקע לאזט זיך צו דער טיר שוין ניט אזוי ראשיג, הינקט־צו א ביסעל].

**הורוויטש** [צו שרה'ן]. א גראמטענער בחור'על ביי אייך.

**שרה שפּירא.** מיר זאל זיין פאר איהם!

**דוד שפּירא** [געהט צוריק אויף זיין ארט]. נאר־וואס האט זי געזאגט „א מצוה, זעהר רעכט" — און איצט איז שוין „מיר זאל זיין"! עך, ווייבער, ווייבער! ניט אומזיסט פארגלייכען זיי אונזערע חכמים צו „קאקי חיורא" — צו ווייסע גענז...

**סיאמקע** [אריינגעקומען צוריק א פארסאפּעטער, ווי אלע מאל. הינקט שוין ניט]. נאך א גאסט — קעצעלע! [זעצט זיך אוועק צוריק אויף זיין ארט].

**דוד שפּירא** [פארקרימט זיך, קראצט זיך אין קאפּ, שטארק אומצופריעדען]. קעצעלע? ויבוא המן — מאכט רש"י: דער רוח האט איהם געבראכט צו טראגען!...

**שרה שפּירא.** וואס האסט דו צום אידען? וואס ער איז א קבצן?

**דוד שפּירא.** א קבצן בין איך דיר מוחל. ער איז א שלים־מזל. [צו די געסט]. איהר האט נאך אויף אייער לעבען אזוי

שלים־מזל ניט געזעהען. און ניט גענוג ער איז אַ שלים־מזל, זעהט ער אַלסדינג אַרום זיך נאָך מעהר שלים־מזל'דיג, ווי סע איז! [עס קומט אַריין קעצעלע פון פאַדערצימער איין אויסגעטהאָנענער. אויף איהם איז אַ שבת'דיגע קאַפאָטע, אַ ווייס העמד, נאָר דאָס פנים אויסגעשמירט אין טינט און די הענט איינגעטונקען אין טינט. דוד שפירא ווענדט זיך צו איהם גאַסטפריינטליך]. ברוך הבא אַ איד! איין אַנגעלעגטער גאַסט! [שטעלט איהם פאָר פאַר די געסט]. דאָס איז הער קאַץ, אונזערער אַ שכן און אַ בערזיאַנער, איהר פאַרשטעהט צי ניין, דרעהט זיך ביי דער בערזע הייסט עס, און איז ניט שוה בשוה מיט דער פּאָליציע... [קעצעלע פאַרנייגט זיך צום עולם, שמייכעלט]. געווען אַמאָל אונזערער גאָר אַ נאָהענטער שכן, געוואוינט אָט דאָ טאַקי, אונטער אונז, ניט היינט געדאַכט... איך זאָג: „ניט היינט געדאַכט", ווייל אַלע מאָל פלעגט צוליעב איהם ביי אונז זיין אַבלאַוועס... [צו קעצעלען]. זיצט, פאַני קאַץ, פאַר וואָס זיצט איהר ניט?

שרה שפּירא [טראָגט איהם צו אַ שטוהל]. זיצט, פאַר וואָס זיצט איהר ניט?

קעצעלע. אַ דאַנק, איך קאָן באַשטעהן. [זעצט זיך, באַטראַכט די געסט, וואָס רעדען דערווייל צווישען זיך שטילערהייט].

דוד שפּירא. וואָס זשע הערט זיך עפּיס, פאַני קאַץ? ווי געהט עס מיט אייער פּראַוואָזשיטעלסטווע? [ווייזט איהם אויפ'ן טיי, וואָס שרה האָט איהם אונטערגעטראָגען]. טרינקט אַ גלעזעל טיי. פאַר וואָס טרינקט איהר ניט?

שרה שפּירא. טרינקט, פאַר וואָס טרינקט איהר ניט? [רוקט איהם צו דעם צוקער].

קעצעלע. אַ דאַנק, כ'האָב שוין געטרונקען. [נעמט זיך צום טיי טרינקען מיט גרויס חשק, דרעהט מיט'ן לעפעלע. צום בעל־הבית]. וועגען מיין פּראַוואָזשיטעלסטווע ווילט איהר וויסען? איך האָב שוין אַ נייע האָב איך, איך בין שוין היינט אַ טינטענמאַכער בין איך, איך מאַך טינט מאַך איך. [ווייזט די הענט, וואָס זענען איינגעטונקען אין טינט. דער גאַנצער עולם באַטראַכט זיינע אויסגעשמירטע הענט].

ה ו ר ו ו י ט ש. נו, און איהר פארקויפט טינט מסתמא, אזוי ווי איך בין א זייגערמאכער און לערען „רוס" מיט אידישע קינדער?

ק ע צ ע ל ע. וואס דען? צוליעב דער פראוואזשיטעלסטווע רעכען איך זיך פאר א טינטענמאכער רעכען איך זיך, און צוליעב דער פאליציע מוז איך שטענדיג זיין אויסגעשמירט אין טינט מוז איך זיין.

ד ו ד ש פ י ר א [צו שניאורסאנען, וואס גילט אלס איוואנאוו]. זעהט איהר? אייער פאליציע! אייערע פראוועס! איז דער א טינטענמאכער און האנדעלט אויף דער בערזע, און יענער [ווייזט אויף הורוויטשען] איז א זייגערמאכער און רעפעטירט קינדער אין גימנאזיע! שווער צו זיין א איד, הא? [צו קעצעלען]. נו, און וואס הערט זיך עפים גלאט אזוי אין שטאדט?

ק ע צ ע ל ע. אין שטאדט וואס הערט זיך? עס הערט זיך נישט נוט הערט זיך עס! ס'איז חושך אין שטאדט, חושך ואפלה!

ד ו ד ש פ י ר א. דהיינו? נעמט א ביסעל איינגעמאכטס, פאר וואס נעמט איהר ניט?

ש ר ה ש פ י ר א. איינגעמאכטס פאר וואס נעמט איהר ניט? [רוקט איהם צו איינגעמאכטס].

ק ע צ ע ל ע. א דאנק, כ'האב שוין גענומען. [נעמט זיך צום איינגעמאכטס]. „דהיינו" פרעגט איהר? איך רעד פונ'ם אומגליק רעד איך, פונ'ם געקוילעטען שייגעצעל, וואס מע האט געפונען. זיי ווילען אונז מאכען א פאגראם ווילען זיי. [בייםווארט „פאגראם" שטעלט יונגווארג אויף מויל און אויהערען, הערען זיך איין]. און א פאגראם וועט שוין זיכער זיין א פאגראם.

ה ו ר ו ו י ט ש. שוין לאנג שטיל געוועז!...

ש ר ה ש פ י ר א [צו קעצעלען]. בייסט אייך אפ די צונג! למאי זאלט איהר אויסלעגען?

ק ע צ ע ל ע. איך לעג ניט אויס. איך הער נאר, וואס מע רעדט הער איך. זיי ווילען, די דיעלא זאל זיין פסח זאל זי זיין, בכדי מע זאל קאנען מאכען דעם פאגראם אויף פסח אקוראט.

ד ו ד  ש פּ י ר אָ. אַקוראַט פּסח? און איהר ווייסט דאָס אַלסדינג?

ק ע צ ע ל ע. געוויס ווייס איך! למאי איך ווייס, אַז זיי ווילען צוציהען צו דער דיעלאָ נאָך מענטשען ווילען זיי, עפּיס איינעם אַ שניאורסאָן?

ש נ י א ו ר ס אָ ן [וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו]. איינעם אַ שניאורסאָן?

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [צו קעצעלען]. וואָס פאַר אַ שניאורסאָן, אייגענטליך, וויל מען דאָס צוציהען?

ק ע צ ע ל ע. די שניאורסאָנס קומען־אַרויס, פאַרשטעהט איהר מיך, פון די ליבאַוויטשער שניאורסאָנס קומען זיי אַרויס.

ד ו ד  ש פּ י ר אָ. פון וואַנען די שניאורסאָנס קומען־אַרויס — דאָס ווייסען מיר אָהן אייך. איך פרעג, וואָס פאַר אַ שייכות האָט אַהער, צו דער דיעלאָ, יענער שניאורסאָן?

ק ע צ ע ל ע. וואָס פאַר אַ שייכות — ווייס איך ניט. נאָר איך ווייס, אַז מע וויל צוציהען אַ שניאורסאָן וויל מען. עס פעהלט זיי, פאַרשטעהט איהר מיך, צום רומל אַ צדיק פעהלט זיי, ווייל דער צדיק, זאָגען זיי, נעמט־צונויף דאָס בלוט פון אַלע געקוילעטע גוישע קינדער און צעטיילט דאָס די אידען פון דער גאַנצער וועלט אויף פּסח צעטיילט ער עס, און אַזוי ווי די שניאורסאָנס קומען־אַרויס פון די צדיקים, דעריבער זוכען זיי אַ שניאורסאָן זוכען זיי. האָט איהר עס צעקייעט? [דאָס גאַנצע יונגוואַרג, און אפילו סיאָמקע בתוכם, הערט זיך איין מיט גרויס שפּאַנונג אין קעצעלע'ס געשפּרעך. אויף זייערע געזיכטער זעהט זיך אַרויס אַ געפיהל פון עקעל. שרה שפּירא שפּייט־אויס אויף אַ זייט. קיינער קאָן קיין וואָרט ניט אַרויסרעדען. נאָר איין איוואַנאָוו, וואָס גילט אַלס שניאורסאָן, חאַפּט זיך אַרויס מיט אַ וואָרט].

א י ו ו אַ נ אָ ו ו [צו קעצעלען]. וואָס זשע גראַד שניאורסאָן? ניטאָ דען מעהר ביי אייך, איך מיין ביי אונז, קיין אַנדערע „צאַדיקעס”?

ה ו ר ו ו י ט ש [אויף איוואנאווען]. אָט דער איד רעדט לשון־קודש, ווי איין עבֿטער פּאָני: „צאַדיקעס”!

ד ו ד ש פּ י ר אָ [צום עולם]. אונזער קוואַרטיראַנט וועט אייך אַ ביסעל אַרויסבאַווייזען זיין לומדות! פרעגט איהם בחרם, וואָס איז דאָס אַזעלכס „צאַדיקעס”! [ווייזט אויפ'ן קוואַרטיראַנט, וועלכער איז געבליבען אַ ביסעל פאַרשעמט]. אָט האָט איהר אייך אַ שניאורסאָן! [דער גאַנצער עולם לאַכט. נאַר איין קעצעלע שטוינט, קוקט זיך איין אין איוואַנאָווען, וואָס גילט אַלס שניאורסאָן, מיט אַלע אויגען].

ק ע צ ע ל ע [צו שפּיראָן]. אָט דער איז דען אַ שניאורסאָן אָט דער?

ד ו ד ש פּ י ר אָ. נו־יאָ, אַ שניאורסאָן. איהר זענט ערשט געוואוירע געוואָרען?

ק ע צ ע ל ע. טאַקי איין אמת'ער שניאורסאָן?

ד ו ד ש פּ י ר אָ. פון די אמת'ע, פון די ליבאַוויטשער שניאורסאָנס.

ק ע צ ע ל ע [זופּט־אויס דאָס לעצטע ביסעל טיי און ווישט־אויס דאָס פאַרוואַכסענע פּנים]. אויב אַזוי, בין איך איהם ניט מקנא בין איך איהם!

ד ו ד ש פּ י ר אָ. יאָ־נו! [באַווייזט אויפ'ן קוואַרטיראַנט]. וואָס זאָגט איהר אויף דעם צדיק שניאורסאָן?

ה ו ר ו ו י ט ש. פון די למד־ואו צדיקים, וואָס אויף זיי שטעהט די וועלט! [דער עולם לאַכט, און דער קוואַרטיראַנט איוואַנאָוו אויך בתוכם].

ש ר ה ש פּ י ר אָ [שטעהט־אויף]. דוד! טאָמער וואָלט שוין געווען גענוג צדיקים מיט שניאורסאָנס, האָסט דו געהערט אַ ביסעל! דו וואָלסט זיך בעסער מטריח געווען אין קעלער אַריין אויסזוכען דעם וויין, וואָס דו האָסט צוגעגרייט צו דער טאָכטער'ס אימענינעס, און איך וועל דערווייל גרייטען צום טיש, — דער עולם קעהר שוין אודאי וועלען עפּיס נעמען אין מויל אַריין!

ד ו ד ש פּ י ר אָ [חאַפּט זיך אויף]. אך! ביי מיר האָסט דו געפּועל׳ט! קיין טאַנץ, זאָגט מען, גייט נישט פאַר׳ן עסען. זעהר פיין! דו גרייט צום טיש, און איך וועל זיך אַראָפּלאָזען אין קעלער אריין נאָך דעם ביסעל משקה — אָהן דעם איז אַ שמחה קיין שמחה ניט. „ויין ישמח" — שטעהט ביי אונז געשריבען. [צו קעצעלען]. זייט זשע מוחל, פאַני קאַץ, מיט מיר אין קעלער אריין, איך וועל אייך מכבד זיין מיט׳ן לעמפּעל, דאָס הייסט, איהר וועט מיר צולייכטען, און איך וועל זוכען. עס דאַרף דאָרט זיין אַ פּאָר פלעשלעך וויין, פאַרבליבען נאָך פון פאַראיאָהרען פּסח, צוליעב די אימעניגעס. אָבער וויין! שוין איין מאָל וויין! מן האָדום האָדום הזה... [געהט־אָפּ מיט קעצעלען דורך דער קיך־טיר אין קעלער אריין. אַלע שטעהען־אויף].

ש ר ה ש פּ י ר אָ [צו דער טאָכטער, רוימענדיג פונ׳ם טיש]. בעטיטשקע? טאָמער וואָלסט דו אַריינרופען די געסט צו זיך אויף אַ ווײַלע, ביז איך וועל דאָ צונעמען פון טיש און צוגרייטען אַלץ, וואָס מע דאַרף? ס׳איז מעגליך?

ב ע ט י [צו דער מוטער]. פאַר וואָס ניט מעגליך? [צו די געסט, מיט שפּאַסענדיגער פייערליכקייט]. איך האָב די עהרע איינצולאַדען מיינע הויכגעשעצטע געסט צו זיך, אין מיינע אַפּאַרטאַמענטען! [מאַכט אַ באַוועגונג פון אַ פּרינצעסין. — פאַרלעכווייז, רעדענדיג צווישען זיך, געהט יונגוואַרג אָפּ מיט בעטין דורך דער זייטיגער טיר. סיאָמקע מאַכט פאַר זיי אַ וואָרע, פאַרנייגט זיך פאַר יעדען פּאַרעל הומאָריסטיש, דערנאָך געהט ער צו צו דער מוטער].

ס י אָ מ ק ע. זאָל איך דיר אפשר העלפען, מאַמע?

ש ר ה ש פּ י ר אָ [אָפּגערוימט פונ׳ם טיש, לעגט אַ ווייס טישטוך, און אויפ׳ן טישטוך — צוריק דאָס געשיר]. וועסט דו, חלילה, ניט אָנטהון קיין שאָדען? שטעל בעסער צונויף די שטוהלען אַרום טיש. [סיאָמקע נעמט זיך צו דער אַרבייט זעהר פלייסיג]. אַט אַזוי, האָב איך דיך ליעב! אַט אַזוי, ביזט דו אַ וואויל יונגעלע! אַצינד קום מיט מיר, מיין קינד, אין קיך אַריין. וועסט מיר העלפען דאָרט איבער־

ווישען דאָס געפּעס. האָסט דאָך ליעב העלפען דער מאַמע — זי איז איין מענטש אַליין... [געהט־אָפּ אין קיך. סיאַמקע, מיט גרויס צו־פריעדענקייט — נאָך איהר; געהענדיג הינטער דער מוטער'ס פּלייצע, חאַפּט ער אַ טענצעל. — אַ האַלבע מינוט בלייבט די סצענע לעדיג. עס קומט־אַרויס פון איהר צימער בעטי, נאָך איהר — איוואַנאָוו, וואָס גילט אַלס שניאורסאָן. בעטי זעצט זיך אַוועק אויף דער קאַנאַפּע, וואָס נעבען דער ראַמפּע. איוואַנאָוו — נעבען איהר].

א י ו ו אַ נ אָ ו ו. בערטאַ דאַווידאָוונאַ! איהר האָט מיר געוואָלט עפּיס זאָגען?

בּ ע ט י [מינעט זיך, קווינקעלט זיך, דערנאָך אַנטשליסט זי זיך]. איך האָב צו אייך אַ ביטע...

א י ו ו אַ נ אָ ו ו [דערפריידט]. איהר? צו מיר? אַ ביטע?...

בּ ע ט י. אַ גרויסע ביטע! נאָר גיט מיר אייער האַנט, אַז איהר וועט זיך ניט געפינען באַלעדיגט.

א י ו ו אַ נ אָ ו ו [דערשראָקען]. פון אייך באַלעדיגט? [גיט איהר די האַנט]. אָט האָט איהר מיין עהרען־וואָרט!

בּ ע ט י [קווינקעלט זיך נאָך]. איך האָב אייך געוואָלט בעטען... אַז אַט דאָס אָ... [ווייזט איהם אויפ'ן בראַסלעטעל]. זאָלט איהר ביי מיר נעמען צוריק... [זי טהוט־אויס דאָס בראַסלעטעל]. איך וויל... איך דאַרף... איך מוז עס אייך אָפּגעבען צוריק...

א י ו ו אַ נ אָ ו ו [העכסט איבערראַשט]. פאַר וואָס צוריק? איהר ווילט ניט מיין פּרעזענט? אָדער איך האָב אייך דערמיט באַלעדיגט?...

בּ ע ט י. זאָל גאָט היטען! פאַרקעהרט! איך דאַנק אייך זעהר! און דער פּרעזענט אייערער איז ביי מיר זעהר־זעהר אָנגעלעגט!... איהר ווייסט דאָך אַליין גאַנץ גוט, אַז ס'האָט מיך גערירהרט... אייער פּרעזענט איז ביי מיר טייער...

א י ו ו אַ נ אָ ו ו. נאָר וואָס דען?

בּ ע ט י. נאָר... ס'איז מיר ניט אָנגענעהם פאַר... פאַר... נו, פאַר מיינע עלטערען... [מיט אַ געבעט־פּנים]. איך בעט אייך, הער

שניאורסאָן, איך בעט אייך, נעמט עס צו, באַהאַלט עס אויף איין אַנדערש מאָל... אפשר אויף שפּעטער... [גיט איהם אין האַנט אַריין דאַס בראַסלעטעל].

א י ו ו אַ נ אָ ו ו [נעמט עס מאַשינאַל, האַלט איהר האַנט פעסט]. אויף ווען — אויף שפּעטער?

בּ ע ט י [וויל אַוועקנעמען איהר האַנט]. אויף נאָכדעם, נאָך אַלע עקזאַמענעס... איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איצט ווייס איך ניט... [רייסט זיך]. לאָזט מיך, הער שניאורסאָן! איצט לאָזט מיך אָפּ! דאָרט זיצען מיינע חבר׳טעס... ס׳איז ניט שען...

א י ו ו אַ נ אָ ו ו [לאָזט נישט אַרויס איהר האַנט]. ניין! בּערטאַ דאַווידאָוונאַ, דאָס וועט זיין צו־שפּעט פאַר מיר... צו־לאַנג צו וואַרטען! איך קאָן ניט וואַרטען מעהר... איך האָב נאָך היינט געקלויבּען זיך... היינט איז אַ געלעגענהייט, אייערע אימעניגעס, האָב איך געוואָלט רעדען מיט אייערע עלטערען...

בּ ע ט י [חאַפּט זיך אויף, איהר האַנט איז נאָך אַלץ אין זיינע הענט]. זאָל אייך גאָט היטען! היינט ניט! פאַר קיין פאַל ניט!... איהר הערט? פאַר קיין פאַל ניט!

א י ו ו אַ נ אָ ו ו [לאָזט נישט אָפּ איהר האַנט]. ווען דען? בּערטאַ דאַווידאָוונאַ, ווען דען? זאָגט מיר, גיט מיר האָפנונג!...

בּ ע ט י. איך ווייס ניט... איך ווייס אַליין ניט... איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז שפּעטער, נאָכ׳ן עקזאַמען, נאָך אַלע עקזאַ־מענעס... [רייסט זיך]. לאָזט מיך אָפּ — עס קאָן אָנקומען עמיצער...

א י ו ו אַ נ אָ ו ו. געדענקט זשע — איך האָב אייער וואָרט.

[דריקט איהר די האַנט, לאָזט זי אָפּ. זי לויפט אַוועק, ווערט פאַרשוואונדען. — איוואַנאָוו שטעהט־אויף, ווישט זיך דעם שווייס, שפּאַנט אַ פּאָר מאָל הין און צוריק פאַרטראַכט, שטעלט זיך אָפּ. אין דעם קומט־אַן פון דער זעלבער טיר, וואו בעטי איז נאָר־וואָס פאַרשוואונדען געוואָרען, שניאורסאָן, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו, זעהט, ווי דער חבר שטעהט פאַרטראַכט, לעגט־אַרויף פון הינטען די האַנט אויף זיין חבר׳ס פּלייצעס. יענער קעהרט זיך אום האַלב צו איהם מיט׳ן פּנים].

ש נ י א ו ר ס אָ ן. וואָס איז מיט דיר, וואַניאַ? וואָס שטעהסט דו אַזוי פאַרטראַכט? שווער צו זיין אַ איד?...

א י וו אַ נ אָ ו. פוסטיאַקי!

ש נ י א ו ר ס אָ ן [פאַרקוקט איהם אין די אויגען]. האָסט נאָך ניט קיין חרטה?

א י וו אַ נ אָ ו. חרטה?...

ש נ י א ו ר ס אָ ן. איך מוז דיר מאַכען אַ באַמערקונג, וואַניאַ, אַז דו ביזט נאָך ניט פאָלקאָם שטאַרק אין דיין אידישער ראָל... היינט, צום ביישפּיעל, האָסט דו געשפּיעלט זעהר שלעכט. האָסט זיך געהאַלטען, ווי אַ קאַליקע! עטליכע מאָל שיער־שיער ניט אַרויסגעגעבען זיך. שלעכט געשפּיעלט, אָט־וואָראָ־טי־טעל־נאָ! [נעמט־אַרויס אַ פּאַפּיראָס, גיט איוואַנאָוון אויך אַ פּאַפּיראָס]. מיט איינעם וואָרט, ס'איז דיר היינט ניט געגאַנגען, זיי זיך מודה.

א י וו אַ נ אָ ו [נעמט ביי איהם דעם פּאַפּיראָס]. יאָ, טשאָרט וואָזמי! היינט איז מיר ניט געגאַנגען.

ש נ י א ו ר ס אָ ן. וואָס איז די מעשה? אפשר איבער דעם, וואָס בערטאַ דאַווידאָוונאַ איז היינט אַ אימעניניצאַ? [פאַרקוקט איהם אין די אויגען].

א י וו אַ נ אָ ו [קוקט איהם אָן]. וואָס געהער זיך אָן אָהער בערטאַ דאַווידאָוונאַ?

ש נ י א ו ר ס אָ ן. אָ! זי געהער זיך שטאַרק אָן אָהער! דו מיינסט, אפנים, אַז איך ווייס נישט, וואָס דאָ קומט־פאָר?

א י וו אַ נ אָ ו [קוקט איהם אָן שאַרף]. וואָס ווייסט דו? וואָס קומט־פאָר?

ש נ י א ו ר ס אָ ן. איך ווייס שוין אַלסדינג!... זעץ דיך קאָרשט אָט דאָ. [זעצט זיך אַוועק אויף דער קאַנאַפּע. שניאורסאָן פאַר־רויכערט, גיט דעם חבר פאַררויכערען]. הער, איך וויל דיך עפּיס פרעגען אַ זאַך. נאָר איך וועל דיך בעטען, זאָלסט מיר ענטפערען אויפ־ריכטיג און זאָגען דעם גאַנצען אמת.

א י װ א נ אָ װ. װאָס פאַר פּאַרערעם? [בײדע זענען אומרוהיג].

ש נ י א ו ר ס אָ ן. זאָג מיר נאָר, װאַניא, װי קומט צו בערטאַ דאַװידאָװנאַ אָט דאָס בראַסלעטעל מיט בריליאַנטען? די שפּיראָס פאַרמאָגען קוים אויף דירה־געלט — ניט אויף בריליאַנטען.

א י װ א נ אָ װ. צו װאָס פרעגסט דו דאָס? און װאָס געהט עס אָן דיך?

ש נ י א ו ר ס אָ ן. עס געהט מיך אָן דערפאַר, װײל... װײל איך װעל ניט דערלאָזען, ס'זאָל געהן אַזוי װײט...

א י װ א נ אָ װ [איבערראַשט]. ד ו װעסט ניט דערלאָזען?

ש נ י א ו ר ס אָ ן [פעסט]. יאָ, איך! איך קאָן עס נישט דערלאָזען!... [שטיל, נאָר מיט פײער]. דערויף האָבען מיר דען זיך געביטען מיט די נעמען, פאַרפיהרט דעם דאָזיגען נאַרישען מאַס־קאַראַד, דאָס דאָזיגע יונגעלשע שפּיעל אין איד און כריסט, בכדי דו זאָלסט פאַרפיהרען אַ אידיש מײדעל?...

א י װ א נ אָ װ [שפּרינגט־אויף פון אָרט]. זײ פאַרזיכטיג, הערשקאָ!...

ש נ י א ו ר ס אָ ן [אויך אויפגעשטאַנען]. און דו זײ נאָר ניט משוגע, װאַניושאַ!... [נעמט איהם פאַר אַ האַנט]. לׄמאי זאָלען מיר זיך היצען?

א י װ א נ אָ װ. דאָס היצסט ד ו זיך, ניט איך.

ש נ י א ו ר ס אָ ן. לאָמיר בעסער שמועסען געלאַסען. [זעצען זיך צוריק]. איך װײס, אַז דו ביזט ניט פעהיג צו טהון אַ געמײנהײט... זאָג מיר אויף דײן עהרען־װאָרט: דו מײנסט דאָס טאַקי ערנסט?

א י װ א נ אָ װ. ערנסטער קאָן שוין גאָרניט זײן!

ש נ י א ו ר ס אָ ן. נו, און דאָס, װאָס זי איז אַ אידיש קינד, און דו ביזט, װי שפּיראָ האָט זיך אויסגעדריקט, אַ דרײגאָרענדיגער איװאַן?

א י װ א נ אָ װ. דאָס איז אַ טשעפּוחאַ!

ש נ י א ו ר ס אָ ן. און דאָס, וואָס בערטאַ דאַווידאָווונאַ האָט דאָ ערשט מיט אַזאַ פייער ארויסגעזאָגט איהר מיינונג וועגען שמד און וועגען רענעגאַטען — דאָס איז ביי דיר אויך אַ טשיפּוחאַ? וואָס וועסט דו זאָגען דערויף?

א י ו ו אַ נ אָ ו. אויב עס וועט נאָר געהן אין דעם, וועלען מיר זוכען איין אַנדער אויסוועג...

ש נ י א ו ר ס אָ ן. איין אַנדער אויסוועג? צום ביישפּיעל, וואָס פאַר איין אויסוועג? אפשר מיינסט דו שוין פאַרבלייבען אויף שטענדיג אין דיין איצטיגער ראָל און שפּיעלען די קאָמעדיע פון אַ אידען אויף וייטער? אויף שטענדיג?

א י ו ו אַ נ אָ ו. עס קאָן זעהר זיין...

ש נ י א ו ר ס אָ ן. איך שטעל מיר פאָר!... ווי אַזוי רעכענסט דו דאָס צו טהון, וואָלט איך אַ בעלן געווען צו וויסען?...

א י ו ו אַ נ אָ ו. דאָס געהער זיך שוין ניט אָן מיט דיר! פאַרלאָז זיך שוין אויף מיר.

ש נ י א ו ר ס אָ ן [ווערט שוין גאָר אויפגערעגט]. אויף דיר זיך פאַרלאָזען? ניין! דאָס וועט ניט זיין! זאָלסט ניט מיינען, וואַניאַ, אַז דאָס איז דיר אַ שפּיעלעכעל! דאָ געהט אין דער עהרע פון איין אומשולדיג קינד, וואָס איז לייכט צו פאַרפיהרען, איבער־רעדען! איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל, אַז איך וועל ניט דערלאָזען. איך וועל צעשלאָגען אַלע דיינע פּלאַנען! [ביידע ווערען זעהר אויפ־גערעגט].

א י ו ו אַ נ אָ ו. דו מיינסט דאָס ערנסט?

ש נ י א ו ר ס אָ ן. ערנסטער קאָן שוין גאָרניט זיין!

א י ו ו אַ נ אָ ו. וועסט אפשר מיך ארויסגעבען פאַר ענדע מאַי, נאָך איידער דאָס יאָהר איז איבערגעלאָפען?

ש נ י א ו ר ס אָ ן. אַז ס'וועט נויטיג זיין, וועל איך טהון אַלסדינג...

א י ו ו אַ נ אָ ו. וועסט זיין. הייסט עס. אַ פאַררעטער?

ש נ י א ו ר ס אָ ן. רוף עס אָן, ווי דו ווילסט.

א י ו ו אַ נ אַ ו ו [מיט גיפט]. וויבאַלד אַזוי, ביזט דו דאָך טאַקי אַ...

ש נ י א ו ר ס אָ ן. אַ וואָס?... אַ וואָס בין איך? — נו, זאָג שוין, זאָג שוין אָפּ דעם גאַנצען פּסוק!...

א י ו ו אַ נ אַ ו ו [חאַפּט זיך אויף איז העכסטער אויפרעגונג, שרייט אויף אַ קול, דראָהעט מיט'ן קולאַק]. בּרענג מיך ניט אַרויס, הערשקאַ!... [פאַרחאַפּט זיך, טהוט אַ מאַך מיט דער האַנט, לאָזט זיך מיט ברייטע טריט צו דער זייטיגער טיר, וואָס פיהרט צו זיין צימער, און ווערט פאַרשוואונדען. — פון דער טיר, וואָס פיהרט צו בעטין, באַווייזט זיך ווידער אַ מאָל בעטי, בלייבט שטעהן אַ ווײַלע, זעהט, ווי דער קוואַרטיראַנט איז אַפּגעלאָפען צו זיך, לויפט זי צו צו שניאורסאָנען, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו].

ב ע ט י [דערשראָקען]. וואָס איז דאָ? איוואַן איוואַנאָוויטש, וואָס איז דאָ געשעהען? דאָ איז געווען שניאורסאָן — וואָס איז ער אַנטלאָפען?

ש נ י א ו ר ס אָ ן [נאָך אויפגערעגט]. אייער שניאורסאָן איז משוגע געוואָרען!

ב ע ט י. איהר האָט אייך דאָ צעקריעגט?

ש נ י א ו ר ס אָ ן [פּלייסט זיך שמייכלען]. צעאַמפּערט זיך, ניט צעקריעגט.

ב ע ט י [זעצט זיך אַוועק, זעצט איהם אַוועק נעבען זיך]. דערצעהלט מיר, איוואַן איוואַנאָוויטש, איך בעט אייך, דערצעהלט מיר אַלס־דינג, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? ער האָט אייך מסתמא עפּיס געזאָגט?... דערצעהלט מיר — איך פאָדער עס פון אייך. איהר הערט? איך פאָדער עס!

ש נ י א ו ר ס אָ ן. בערטאַ דאַווידאָוונאַ, איך קאָן נישט.

ב ע ט י [קאַפּריזנע]. איך היים!

ש נ י א ו ר ס אָ ן. אַז ס'וועט קומען די נויטיגע צייט, וועל איך עס אייך אַליין זאָגען.

בּ ע ט י [אומגעדולדיג]. ניין. איהר וועט מיר זאָגען באַלד. די מינוט. די רגע!

ש נ י א ו ר ס אָ ן. בערטאַ דאַווידאָוונאַ, איך טאָר עס אייך ניט זאָגען! איך בין געבּונדען... מיט אַ וואָרט...

בּ ע ט י. וואָס פאַר ווערטער? ווער געבּונדען? איהר רעדט מיט מיר פאַרשטעלט...

ש נ י א ו ר ס אָ ן. אַז איהר וועט מיר געבּען אייער האַנט, אַז איהר וועט מיך אויסהערען רוהיג, און אַז צווישען אונז וועט דאָס בּלייבּען, — וועל איך מיט אייך רעדען אַנדערש...

בּ ע ט י [ציהט איהם אויס בּיידע הענט]. אַט האָט איהר מיין האַנט!

ש נ י א ו ר ס אָ ן. דאָס, וואָס איך האָבּ אייך צו זאָגען, איז אַ הייליגער סוד, וואָס דאַרף נאָך נעמען אַ ביסעל צייט... אַ פּאָר חדשים... דעמאָלט וועט זיך עס דערקלערען אַליין פון זיך... דער־וויילע קאָן איך אייך זאָגען איינס — און דאָס איז מיין פליכט, — וואָרום איהר זענט מיר צו טייער! איהר זאָלט וויסען, אַז... [טאַקט־אַפּ יעדעס וואָרט באַזונדער]. ד אָ ס, ו ו אָ ס מ י י ן ח ב ר מ י י נ ט, ק אָ ן ע ס נ י ט ז י י ן בּ ש ו ם א ו פ ן א י ן ד ע ר ו ו ע ל ט א ו ן ע ס ו ו ע ט נ י ט ז י י ן ק י י נ־מ אָ ל!... א י ה ר ה ע ר ט? ק י י נ מ אָ ל נ י ט!...

בּ ע ט י [נעמט צו די הענט. דערשראָקען]. איך פאַרשטעה אייך ניט, איוואַן איוואַנאָוויטש... וואָס הייסט עס?... איהר רעדט האַלבּע ווערטער...

ש נ י א ו ר ס אָ ן. איך רעד האַלבּע ווערטער. דאָס איז אמת. נאָר איך מיין, אַז איהר פאַרשטעהט מיך... און איך וויל, אַז איהר זאָלט מיר גלויבּען, איהר זאָלט האָבּען צו מיר צוטרוי, ווי צו איין אייגענעם... בּרודער. אינגאַנצען דאָס אַרויסזאָגען קאָן איך נישט איצט. ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט... ענדע מאַי וועל איך עס אייך קאָנען זאָגען...

ב ע ט י. נאָך נישט געקומען די צייט?... ענדע מאַי?... עפּיס רעדט איהר אַ מאָדנע שפּראַך... מיט רעטענישען רעדט איהר... איהר פּאַרטומעלט מיך... איך בין אַזוי אויך אומגליקליך, פאַר־שאַפט איהר מיר נאָך שמערצען... אַלע! אַלע! אפילו איהר אויך...

ש נ י א ו ר ס אָ ן. עס טהוט מיר וועה, בערטאַ דאַווידאָוונאַ, וואָס איך פּאַרשאַף אייך שמערצען. איך האָב מיט אייך אַנדערש געוואָלט רעדען, פּראָסט און אָפענהערציג, אָהן רעטענישען... [דאס קול וויברירט, די אויגען ברענען]. קאָן איך נאָך איצט ניט. איך בעט אייך דערוויל, איהר זאָלט מיר גלויבען! איך טאָר עס נישט, ווייל איך בין געבונדען... ביז אַ צייט... ביז ענדע מאַי... ענדע מאַי וועל איך אייך קאָנען דערצעהלען אַלץ... אַלץ, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, אויפבינדען דעם פּלאָנטער, וואָס דאָ איז אַרוים... דעמאָלט וועל איך אייך שוין קאָנען אויפדעקען אויך מיין האַרץ און מיינע געפיהלען צו אייך, וואָס איך טראָג דערוויל ביי זיך טיעף פּאַרבאָרגען, האָטש איך מיין, אַז איהר ווייסט זיי שוין פון לאַנג... איהר דאַרפט עס וויסען... עס קאָן ניט זיין, איהר זאָלט עס ניט וויסען... [בעטי מינעט זיך, ווערט אַלערליי פּאַרבען]. וואָס איז מיט אייך, בערטאַ דאַווידאָוונאַ?

ב ע ט י. ווי... ווי קאָנט איהר אַזעלכס רעדען? איהר פאַרגעסט, אַז... אַז...

ש נ י א ו ר ס אָ ן. איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס איך רעד. איך האָב קיין זאַך ניט פאַרגעסען...

ב ע ט י. איהר האָט פּאַרגעסען דעם אָפּגרונט, וואָס צווישען אונז...

ש נ י א ו ר ס אָ ן. איך האָב נישט פּאַרגעסען, בערטאַ דאַווי־דאָוונאַ, קיין זאַך. איך געדענק גאַנץ גוט, ווער א י ה ר זענט, און איך ווייס, ווער א י ך בין, און דאָך זאָג איך אייך, אַז איך בין זיכער אין אונזער ביידענ'ס גליק... ס'וועט ניט זיין פאַר אונז קין שטעהרונג, קיינער פון אונז וועט נישט דאַרפען ברענגען קיין

קרבן, קיינער פון אונז וועט נישט דארפען ברעכען זיין געוויסען... [מיט פייער]. איהר וועט זיין מיינע! קיינעמ'ס ניט, נאָר מיינע!...

רָ ײ ז ע ל [אויפגעשטאַנענע, חאַפּט זיך ביי'ם קאָפּ]. איך בין שוין גאָר צעמישט!... וואָס האָט איהר דאָ געזאָגט? איך בין שוין גאָר צעטומעלט!... איך פאַרשטעה ניט, וואָס דאָ טהוט זיך... וואָס טהוט זיך דאָ? איהר מאַכט מיך משוגע!... [עס קומט־אַן דוד שפּיראָ פון קעלער מיט עטליכע פלעשלעך וויין אין ביידע הענט].

ד ו ד ש פּ י ר אָ [לעבעדיג]. דוד המלך האָט געוואוסט, וואָס ער זאָגט: ויין ישמח — וויין מאַכט פריילין. וואָס איז דען אַ שמחה אָהן וויין? [עפּענט־אויף בעת מעשה אַ פּאָר פלעשלעך מיט אַ קנאַק. ווישט זיך די הענט. קוקט זיך ארום]. וואו איז ער, דער שלים־מזל, קעצעלע מיין איך? פאַרפאַלען געוואָרען דאָרטען אין קיך? [דערזעהט נאָר די טאָכטער מיט שניאורסאָנען, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו]. נו, עולם, וואו זענט איהר ערגיץ? [געהט־צו נעהענטער צו דער טאָכטער, וואָס איז נאָך ניט געקומען צו זיך]. וואו זענען זיי, אַלע דיינע געסט? וואו איז שניאורסאָן?

ב ע ט י [האַלב מיט'ן פּנים צום פאָטער, קוקט אראָפּ]. שניאורסאָן האָט זיך צעקריעגט מיט איוואַן איוואַנאָוויטשען.

ש נ י א ו ר ס אָ ן [טרעט־ארויס]. ניט צעקריעגט, צעאַמפּערט זיך.

ד ו ד ש פּ י ר אָ. צעאַמפּערט זיך איז שענער? אַזעלכע גוטע פריינט? ווי קומט דאָס? וואו איז ער, אונזער צעאַמפּערטער קוואַרטיראַנט?

ב ע ט י [ווי פריהער]. ער איז ברוגז געוואָרען און איז אַוועק צו זיך.

ד ו ד ש פּ י ר אָ. ברוגז געוואָרען? איך האָב נישט ליעב, אַז מע איז ברוגז! איך בין אַ שפּיראָ, און די שפּיראָס, איהר פאַרשטעהט צי ניין, האָבען פיינט, אַז מע שפּיעלט זיך אין ברוגז'לעך! אָט געה איך, וועל איך איהם אַראָפּבּרענגען אין איין כהרף־עין און מאַכען שלום. איך האָב ליעב, איהר פאַרשטעהט צי ניין,

אַז ס'איז שלום! איך הייס דוד שפּירא!... [געהט־אַפּ אין דער זייטיגער טיר צום קוואַרטיראַנט, צום אמת'ען איוואַנאָוו, וואָס גילט אַלס שניאורסאָן. — אין דעם קומט־אַן פון דער קיך קעצעלע, און באַלד פון בעטי'ס צימער קומען־אַריין פאַרלעכווייז יונגוואַרג. פון דער זייטיגער טיר קומען־אַן דוד שפּירא מיט'ן קוואַרטיראַנט, דעם אמת'ען איוואַנאָוו, וואָס גילט אַלס שניאורסאָן. דוד שפּירא פיהרט איהם צו צו שניאורסאָנען, וועלכער גילט אַלס איוואַנאָוו]. אַט האָב איך איהם געבראַכט, אונזער ברוגז'ען דאַנטיסט. נו, גיט זיך די הענט, און שלום זאָל זיין! אַזוי הייסט אייך דוד שפּירא, און אַ שפּירא אַז ער הייסט, דאַרף מען איהם פאָלגען! [צו דער טאָכטער]. בעטי! וואָס שטעהסט דו, ווי אַ מחותנת'טע פון התנ'ס צד? קום נאָר אַהער! העלף מיר מאַכען אַ שלום צווישען יעקב'ען מיט עשו'ען, וואָס האָבען זיך צעקריעגט פאַר דער בכורה... נעם־צונויף זייערע הענט אָט אַזוי אַ און לאָזען זיי זיך איבערבעטען!

בעטי [נאָך צערודערט, שמייכעלט איבער כח]. וואָס זענען זיי, קליינע קינדער? [נעמט־צונויף זייערע ביידענ'ס הענט. ביידע חברים קוקען ניט איינס דאָס אַנדערע אין די אויגען, שמייכלען פאַרלעגען].

הורוויטש [קוקט אויף די ביידע]. זאָל מיך אַזוי וויסען אַ בייזע וועטשערע, אויב איך הויב אָן צו וויסען, ווער פון די צוויי [ווייזט אויף ביידע חברים] איז דאָ דער יעקב, און ווער איז דער עשו? [עס ווערט אַ געלעכטער].

דוד שפּירא. וואָס איז די נפקא־מינה? אַבי שלום. אויף שלום האַלט זיך אויף די וועלט. אַזוי שטעהט געשריבען ביי אונז אין די הייליגע ספרים... [הויבט־אויף די אויגען]. אַלע זענען שוין דאָ? און וואו איז די בעל־הבית'טע? [עס קומט־אַן שרה שפּירא פון קיך מיט אַ גרויסער וואַזע, איבערגעדעקט. נאָך איהר געהט־נאָך סיאָמקע מיט אַ טעצעל מעסער און גאָפּלען]. מאַדאַם! דו ביזט אויך דאָ? ביזט געקומען צו דער רעכטער צייט! נו, עולם, צום טיש, און לאָמיר אַקאָרשט נעמען צו ביסלעך משקה, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטען. [פאַרנעמט דעם אויבענאַן, צעגיסט דעם וויין אין די גלעזלעך. אַלע שטעלען זיך אויס אַרום טיש]. און לאָמיר טרינקען אַ כּוס לכבוד די ליעבע,

טייערע געסט, און לכבוד דער אימעניניצע אונזערער, וואָס איז היינט געוואָרען אקוראט נייענצעהן יאָהר. און אז מיר האלטען אין טרינקען [גיסט], וועלען מיר שוין טרינקען פאַר כל ישראל און צו־ווינטשעווען, אז יעקב מיט עשו'ען זאָלען זיך שוין קיינמאָל ניט קריעגען און ניט אמפערען זיך... איך מיין ניט נאָר אָט די דאָזיגע [ווייזט אן אויף די צוויי חברים, וואָס שטהען ביי'ם טיש און בעטי צווישען זיי] — איך מיין טאַקי די אמת'ע יעקבס, איהר פאַרשטעהט צי ניין, מיט די אמת'ע עשום זאָלען לעבען צווישען זיך בשלום ושלוה, — און ס'זאָל ווערען אוים פראוואָזשיטעלסטוועס, אוים דאַנטיסטען, אוים טינטענמאַכערס, אוים סטאָלאַנאַטשאַלניקעס, ווי אין פסוק שטעהט: וגר זאב עם כבש — אַ וואָלף מיט אַ שעפעלע צוזאַמען... [הויבט־אויף זיין כוס. אַלע נעמען זיך צו די גלעזלעך]. לחיים, אידען, לחיים!... [מע באַגעגענט זיך מיט די גלעזלעך].

## לאַנגזאַם פאַלט דער פאָרהאַנג.

ענדע פונ'ם צווייטען אַקט.

# דריטער אקט

[א קאבינעט ביי׳ם רב, רב לוי היילפעריז. צוויי שאפעס מיט ספרים. איין שאפקע א גלעזערנע, פון וואנען עס זעהען זיך ארויס א זילבערן חנוכה־לעמפעל, א קידוש־בעכער, א הדס, א געפלאכטענע הבדלה. אויפ׳ן וואנט, צווישען אנדערע אידישע בילדער, אויך דאס באקאנטע בילד פון דאקטאר הערצל. אויפ׳ן טיש אפענע ספרים, ביכער, צייטונגען, אידישע און רוסישע. ביי דער וואנט א שרייב־טיש. — דער רב, רב לוי היילפעריז, קרוב צו פופציג, א שענער איד, א זויבערער, אין א שווארצען לאנגען סורדוט, אין א ווייס געפרעסט העמד. א קליין בערדעל, אונטערגעהאקטע פאות, א הויכער ווייסער שטערן, א קליין זיידען יארמעלקעלע אויפ׳ן קאפ, וואס פאר־לירט זיך אין די שענע שווארצע, ערטערווייז באזילבערטע האר. ער מאכט דעם איינדרוק מעהר פון א מיושב׳דיגען אייראפעער, פון א בכבוד׳ען גביר א סוחר, איידער פון א רב. ער שטעהט פארלעגט די הענט אהינטער, און ארום איהם — א רעדעל בכבוד׳ע אידען, אנ־געזעהענע בעלי־בתים פון שטאדט: גוראריה — א הויכער, א טרוקענער. שערעשעוויצקי — א נידעריגער, א געפאקטער, מיט איין ארדען אויף דער ברוסט. בערנשטיין, מאנאסע־וויטש — געגאלטע בערד. ראבינער קאלווארסקי — איין אלטער מאן מיט צוויי ארדענס. אלע אין פראקען, ווייסע שניפסען, צילינדערס. זייערע פנימ׳ער שיינען. די אלע, מיט׳ן רב און מיט׳ן ראבינער אין דער שפיץ, זענען נאר־וואס צוריקגעקומען פונ׳ם גובערנאטאר, ביי וועמען זיי זענען געווען אלס דעפוטאציע].

רב לוי היילפעריז [רעדט געלאסען, געצעהלטע ווערטער]. לאמיר האפען, אידען, אז דעם גובערנאטאר׳ס ווערטער וועלען מקוים ווערען, און עס וועט, אם ירצה השם, זיין שטיל, און אז מיר וועלען זיך, מיט גאט׳ס הילף, באגעהן היינטיגען פסח אהן א פאגראם.

ר אַ ב י נ ע ר ק אַ ל ו ו אַ ר ס ק י [צום רב]. איהר זענט נאָך אין ספק, אַז ס'וועט זיין שטיל? אַז נאַטשאַלסטוואָ וויל ניט, קאָנט איהר שוין זיכער זיין. איך האָב איבערגעלעבט ניט איין פּאָגראָם, איז מיר שוין באַקענט די שטימונג נאָכ'ן חוש הריח.

ג ו ר אַ ר י ה. וויבאַלד דער גובערנאַטאָר האָט געזאָגט מיט דעם לשון: „בודטיע ספּאָקאָיני!" — מעג מען שוין זיין רוהיג.

ש ע ר ע ש ע ו ו י צ ק י. זעהר קאָרעקט! „פּריניאַטי מיערי" — האָט ער געזאָגט. זעהר קאָרעקט! זעהר קאָרעקט!

ב ע ר נ ש ט י י ן. „אי ניע וואָזבוזשדאַיטיע דרוגיך" — האָט ער צוגעלעגט.

מ אָ נ אַ ס ע ו ו י ט ש [מיט אַ דריבנע געלעכטערל]. חע-חע, דער פּשט איז, הייסט עס, אַז מיר זאָלען ניט מאַכען אויף זיך אַליין קיין פּאָגראָם, חע-חע-חע!

ר אַ ב י נ ע ר ק אַ ל ו ו אַ ר ס ק י. זאָגט דאָס ניט. אַ גובערנאַטאָר דאַרף זיין נייטראַל... איך בין שוין ראַבינער באַלד דרייסיג יאָהר. מיר האָבען שוין דאָ געהאַט אַלערליי גובערנאַטאָרען.

ג ו ר אַ ר י ה. איהר דאַרפט זיין צופריעדען, וואָס מיר האָבען איצט אַזאַ גובערנאַטאָר. אַ דימענט פון אַ גוי!

ש ע ר ע ש ע ו ו י צ ק י. זעהר קאָרעקט! זעהר קאָרעקט! די האַנט געגעבען איטליכען, געבעטען זיצען. „סאַדיטיעס, אַבראַם באָריסאָוויטש" — האָט ער געזאָגט צו מיר... זעהר קאָרעקט! זעהר קאָרעקט!

ב ע ר נ ש ט י י ן. קומט איהם דערפאַר אויך אַ דאַנק? שוין גענוג טרויעריג, מאָהלט אייך, דער פאַקט אַליין, אַז אידען דאַרפען געהן מיט אַ דעפּוטאַציע צום גובערנאַטאָר, אַז סע קומט אונטער אַ יום-טוב, און בעטען שטיצע פאַר זייערע ברידער...

מ אָ נ אַ ס ע ו ו י ט ש. חע-חע! און ס'איז גענוג אַז-אָך-און-אַז-וועה, אַז אידען פרעהען זיך דערמיט, וואָס דער גובערנאַטאָר טרייסט זיי מיט אַזעלכע ווערטער, ווי „בודטיע ספּאָקאָיני",

„פּריניאַטי מיערי", חע־חע! מיר קאָנען, הייסט עס, שלאָפען רוהיג — מע וועט אונז ניט באַפאַלען, ווי אין מלחמה־צייט, און מע וועט אונז ניט אויסשעכטען מיט ווייב און קינדער לכבוד דעם הייליגען יום־טוב, חע־חע־חע!

רב לוי היילפּערין [זיפצט]. וואָס זאָל מען טהון, אַז מיר לעבען אין אַזאַ ביטערער צייט? אין היינטיגער צייט, אַז מע קאָן אונז באַשולדיגען אין אַזאַ מיאוס'ער זאַך, ווי מיט הונדערטער יאָהרען פריהער, איז ניטאָ וואָס צו רעדען, און מיר דאַרפען זאָגען: „גם זו לטובה!"...

גוראַריה. גם זו לטובה! גם זו לטובה!

שערעשעוויצקי. זעהר קאָרעקט! זעהר קאָרעקט! און ווי געפעלט אייך דאָס, וואָס דער גובערנאַטאָר האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף די שניאורסאָנס? „אַבראַם באָריסאָוויטש, זאָגט ער צו מיר, טשטאָ ווי זנאַיעטיע פּראָ שניאורסאָנאָוו?"...

בערנשטיין. ניט אַזוי, און ניט אייך אַליין האָט ער געפרעגט. דאָס האָט ער ביי אונז אַלעמען געפרעגט: וואָס ווייסען מיר צו זאָגען וועגען איינעם אַ שניאורסאָן?

מאָנאַסעוויטש. חע־חע! אַ צדיק שניאורסאָן, האָט ער געזאָגט. אַ „צאַדיק" און אַ „חאַסידימעץ". מיט דעם לשון און מיט די ווערטער, חע־חע!

ראַבינער קאַלוואַרסקי. „חאַסידימעץ"? — איך געדענק גאָרניט, ער זאָל זאָגען אַזאַ וואָרט.

שערעשעוויצקי. געזאָגט, געזאָגט! זעהר קאָרעקט! זעהר קאָרעקט!

רב לוי היילפּערין. וואָס זאָלט איהר קלערען? גאָט האָט אָנגערוקט אַ חמאַרע אויף זיי, אַ מין פינסטערניש אין מיטען העלען טאָג, און האָט זיי מבלבל געווען זייערע מוחות, אַז זיי זאָלען גלויבען אין אַזעלכע ווילדע נאַרישקייטען. דאָס איז אַ שטראָף פאַר זיי אַליין, ניט פאַר אונז, וואָרום אַז ס'וועט קומען די צייט, ס'וועט זיי ליכטיג ווערען אין די אויגען, וועלען זיי זיך

שעמען דעמאָלט פאַר זיך אַליין... און דעריבער דאַרפען מיר זאָגען נאָך אַ מאָל: „גם זו לטובה!"... [דער עולם הויבט־אָן גענע־גענען זיך]. נו, האָט זשע מיר אַ גוטען יום־טוב, און זאָגט אַז אַלע אידען די גוטע בשורה, אַז פון אַ פּאָגראָם זענען מיר יעדענפאַלס געזיכערט... איך, פון מיין זייט, וועל הייסען אויסרופען וועגען דעם היינט נאָך אין אַלע שוהלען.

ראַבינער קאַלוואַרסקי. און איך וועל עס דער־מאַנען מאָרגען אין מיין „ריעטש"... אַ גוטען יום־טוב.

רב לוי היילפּערין. איך ווינטש אייך אַלעמען אַ כשר'ען פּסח, אַ פריילּיכען יום־טוב.

אַלע. אַ גוטען יום־טוב! אַ פריילּיכען יום־טוב! אַ גליקליכען יום־טוב! [דער רב באַגלייט זיי אַרויס ביז דער טיר. זיי געהען־אַפּ. נאָך זייער אַוועקגאַנג זעצט זיך רב לוי היילפּערין אַוועק צום שרייב־טיש און וואַרפט־אָן אויף דער גיך אַ צעטעל, טהוט אַ קלונג מיט אַ גלעקעל, וואָס שטעהט אויפ'ן טינטער, און עס קומט־אַריין דער שמש, אַנגעטהאָן ריין, אין אַ הויכען שוואַרצען קאַפּעליש, בלייבט שטעהן מיט גרוים הכנעה ביי דער טיר].

רב לוי היילפּערין. היינט, באַלד נאָך מעריב, זאָל אויסגערופען ווערען אין אַלע שוהלען, בתי־מדרשים און מנינים די דאָזיגע ווערטער [לייענט פון'ם אָנגעשריבענעם צעטעל]: „מען איז מכריז ומודיע אינ'ם נאָמען פון'ם גובערנאַטאָר, אַז אַלע רעד וועגען אַ פּאָגראָם אויף אידען היינטיגען פּסח זענען אויסגעטראַכט. עס זענען אָנגענומען געוואָרען אַלע מיטלען, און מע בעט, אַז אידען זאָלען זיך האַלטען רוהיג"... [גיט־איבער דעם שמש דאָס צעטעל. דער שמש געהט־אַפּ. רב לוי היילפּערין שטעהט־אויף, גלייכט זיך אויס, זיפצענדיג. עס עפענט זיך אויף אַ האַלבע טיר און עס באַווייזט זיך ווידער דער שמש].

דער שמש. אַ כריסט איז געקומען — וויל זיך זעהען.

רב לוי היילפּערין. זאָל ער אַריינקומען. [עס קומט אַריין איוואַנאָוו, דער, וואָס גילט אַלס שניאורסאָן. דער שמש מאַכט צו נאָך איהם די טיר, ווערט פאַרשוואונדען].

א י ו ו אַ נ אָ ו ו [טהוט־אויס דאָס היטעל, בלייבט שטעהן אין פאַר־לעגענהייט, באַטראַכט אַ ווייל̇ע דעם רב. קענטיג, אַז ער שלאָגט זיך מיט דער דעה. ענדליך געהט ער צו, שטעלט זיך פאַר]. איוואַנאָוו.

ר ב ל ו י ה י י ל פּ ע ר י ן [שטעהט־אויף, ציהט איהם אויס די האַנט, נעמט איהם פריינטליך אויף. רעדט אַ שען רוסיש]. זעהר אָנגענעהם! זיצט. [ווייזט איהם אויף אַ שטוהל. זעצט זיך אַליין אויך אויף אַ שטוהל אַקעגען איהם]. מיט וואָס קאָן איך דיענען?... איהר רויכערט? [שטעלט איהם אונטער אַ פּושקע פּאַפּיראָסען].

א י ו ו אַ נ אָ ו ו [באַדאַנקט]. איך בין צו אייך געקומען, ראַבּבּי, זיך באַראָטען, ווי מיט אַ פאָרשטעהער פון'ם אידישען פאָלק, פון'ם אידישען גלויבען... צום אָנהויב האָב איך מיך גע־וואַקעלט, כּמעט ווי געשראָקען... כאָטש געהערט האָב איך פון אייך אַ סך גוטעס... דאָך — דעם ערשטען מאָל אויף מיין לעבען ביי אַ אידישען ראַבּבּי... נאָר אַז איך האָב אייך דערזעהען, — דערלויבט מיר צו זאָגען עס אייך אין די אויגען, — האָט איהר מיט אייער אויסזעהען, מיט'ן ערשטען קוק, מיך אינגאַנצען אַוועק־געקויפט, און איך זעה־אַרויס, אַז מיט אייך קאָן מען רעדען גאַנץ אָפענטליך.

ר ב ל ו י ה י י ל פּ ע ר י ן [מיט אַ שמייכעל]. איך דאַנק אייך זעהר פאַר אַזאַ אָנגענעהמע מיינונג וועגען מיר... איהר קאָנט דאָ זאָגען אַלץ, וואָס איהר האָט צו זאָגען.

א י ו ו אַ נ אָ ו ו. איך וועל זיין קורץ, ווי ווייט מעגליך. איך בין אַ כּריסט, און דורך אַ צופאַל געפין איך זיך צווישען אידען. האָב איך זיך באַקענט מיט אַ אידיש מיידעל און האָב זיך פאַר־ליעבט אין איהר... און איך מיין, דאָס הייסט, איך ווייס, אַז זי מיך האָט אויך ליעב, און ס'איז קיין אַנדער אָפּהאַלט נישט פאַראַן, אויסער איין זאַך: וואָס זי איז אַ אידין, און איך בין אַ כּריסט... זי זאָל אָננעמען כּריסטענטום — דאָס קאָן ניט זיין פאַר קיין פאַל אין דער וועלט. אין דעם בין איך איבערציינט, וואָרום זי איז צו אַ הייסע פּאַטריאָטין פאַר איהר פאָלק, און איך אָנערקען, אַז פון

מיין זייט וואָלט דאָס געווען אַ פאַרברעכען, איך זאָל זי צווינגען דערצו. איהרע עלטערען וואָלטען דאָס ניט איבערגעטראָגען. נו, איז געבליבען ביי מיר, אַזוי ווי איך האָב זי זעהר שטאַרק ליעב, און קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ, — האָב איך מיך פעסט אַנט־שלאָסען, — האָטש מיינע עלטערען וועלען זיין קעגען דעם, שטאַרק קעגען דעם, — איך זאָל אַריבערגעהן... דאָס הייסט, איך זאָל אָננעמען אידישקייט... וואָס וועט איהר זאָגען דערויף? [אַפגעזאָגט, פיהלט זיך איוואַנאָוו, ווי ס'איז איהם אַראָפּ אַ באַרג פון די פּלייצעס].

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן [געזעסען די גאַנצע צייט אַנגעשפּאַרט אויף דער לינקער האַנט און מיט דער רעכטער געבלעטערט אין אָפענעם ספר, האָט אָפּגעאָטעמט, פאַרמאַכט דעם ספר, אַוועקגעשטעלט די אויגען אויפ'ן גאַסט מיט אַ ביטער שמייכעל]. איך פרעג אייך ניט, ווער איהר זענט און וואָס איהר זענט. איך פרעג ניט, ווער איז דאָס מיידעל, וואָס איהר האָט אַזוי ליעב. אַזעלכע זאַכען האַלט מען, געוועהנליך, בסוד... איך קאָן אייך אָבער, יונגערמאַן, ליידער, מיט קיין זאַך נישט העלפען און קיין שום עצה נישט געבען. איך קאָן אייך נאָר זאָגען איין זאַך: איך באַדויער אייך פונ'ם גאַנצען האַרצען. איך האָב אויף אייך רחמנות.

א י ו ו א נ א ו ו [איבערראַשט]. רחמנות?... [ווישט זיך דעם שווייס].

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן. נעבאַך אַ רחמנות אויף אייך. אַ גאָט'ס רחמנות!

א י ו ו א נ א ו ו. איך פאַרשטעה אייך ניט...

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן. אָט וועל איך עס אייך דער־קלערען. באַרעכענט אייך נאָר גוט: זיעבען מיליאָן אומגליקליכע, רעכטלאָזיגע, פאַרהאַסטע, געיאָגטע און געפּלאָגטע שטיפקינדער פלאָנטען זיך אַרום אינ'ם דאָזיגען גרויסען לאַנד, זענען אומעטום איבעריג און איטליכען גרויס אין די אויגען. מע זיצט און מע ברעכט זיך די מוחות, מע קליגט זיך און מע טראַכט און מע קאָן

גאָרניט צוטראַכטען, ווי אַרום זייערער פטור צו ווערען, — ווילט איהר, אַ גליקליכער מענטש, אַ פרייער, אריבערגעהן צו אַט די דאָזיגע זיעבען מיליאָן אומגליקליכע? איהר ווילט זיין, אפנים, דער ערשטער פונ'ם אכטען מיליאָן?... [פויזע]. איך זעה, איהר וואונדערט זיך, וואָס איהר הערט פון מיר, אַ רב, אַזעלכע רעד? פאַר אייך, פאַר אַ כּריסט, איז עס טאַקי אַ וואונדער. אייערע גייסטליכע פאָרשטעהער טהוען ניט אַזוי, בעת עס קומט אַ פרעמ־דער צו זיי אָננעמען זייער גלויבען. אדרבה, ביי זיי ווערט עס גאָר פאַררעכענט פאַר אַ מצוה צוציהען אין זייער לאַגער וואָס מעהר פרעמדע... מיר, אידען, אָבער קאָנען זיך אַזאַ לוקסוס נישט דער־לויבען. אונזער וועלט איז ענג און פינסטער, דאָס לעבען פול פיין און נויט, — ווי אַזוי זשע האָבען מיר דאָס רעכט צורעדען די פרעמדע, די פרייע און גליקליכע מענטשען, זיי זאָלען אריבערגעהן צו אונז?... נאָך פון אַמאָל אָן, פון גאָר די אַלטע צייטען, האָט אונזער תורה אונז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלען זיין געהיט פון אָנצור־נעמען גרים. יעדער גר, יעדער פרעמדער הייסט עס, וואָס קומט צו געהן צו אונז פון איין אַנדער וועלט און וויל זיך אָנשליסען אָן אונזער פאָלק, — דאַרפען מיר איהם פריהער וואָהרענען, עפענען די אויגען, ער זאָל זיך גוט אַרומקוקען, וואוהין ער געהט, ער זאָל זיך גוט באַטראַכטען, וואָס ער טהוט, ער זאָל וויסען און געדענקען, אַז ס'איז שווער צו זיין אַ איד!...

**איוואַנאָוו.** אַנטשולדיגט. די דאָזיגע ווערטער: „ס'איז שווער צו זיין אַ איד" האָב איך געהערט שוין וויפיעל מאָל, און עס קאָן זיין — איך געב־צו, — אַז ס'איז ניט גרינג צו זיין אַ איד. האָב איך אָבער אייך געזאָגט שוין דעם מאָטיוו, פאַר וואָס איך געה דאָס טהון. עס איז קיין אַנדער אויסוועג נישטאָ.

**רב לוי הײלפּערין.** צו אַ שוואַכער מאָטיוו אויף צו מאַכען אַזאַ ערנסטען שריט!

**איוואַנאָוו.** אַנטשולדיגט, ראַבבי. ליעבע איז, נאָך אייער מיינונג, אַ שוואַכער מאָטיוו?

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן. ליעבע איז א הייליג געפיהל, נאָר א שוואכער מאָטיוו אויף צו מאכען אזא שריט. ברעכען א גלויבען קאָן מען נאָר ביי א אינגוועניגסטען קריזיס, ווען איך הער־אויף צו גלויבען אין דעם און הויב־אָן צו גלויבען אין איין אנ־דערען, — אָבער ניט צוליעב דערגרויכען א געוויסען ציעל, עס מעג זיין אפילו ווי שען. מיר, צום ביישפיעל, באדויערען אונזערע משומדים אלץ איינס, צי זיי האָבען זיך געטויפט צוליעב פראוואָ־זשיטעלסטווא, צוליעב א דיפלאָם, צוליעב פרנסה, אָדער צוליעב א מיידעל... פארשטעהט זיך, אז אייער מאָטיוו איז פיינער, די פסיכאָלאָגיע איז איין איידעלערע; אָבער דער קאָמפראָמיס בלייבט א קאָמפראָמיס. עס איז געמאכט געוואָרען א שטיקעל געשעפט מיט גאָט, א מין „ביזנעס”, ווי די אמעריקאנער רופען עס אָן...

א י ו ו א נ אָ ו. עס האנדעלט זיך דאָ, אייגענטליך, ניט וועגען גלויבען... דאָ רעדט זיך נישט וועגען גאָט...

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן. איך וויים. איך רעד אויך ניט פון גלויבען. אין גלויבען אין מען בכלל היינטיגע צייטען שוואכליך. סאי ביי אונז, סאי ביי אייך... איך רעד פונ'ם פאָלק, פון דער אומה רעד איך. איהר וועט דאָך נישט וועלען איינרעדען זיך אליין, אז איהר, אלס געבוירענער כריסט און אויפגעצויגענער צווישען כריסטען, ביי היינטיגע ביטערע צייטען פון ראסענהאס, ווען מענטשען זענען וועלף, — אז איהר האָט ליעב א אידען, אז ביי אייך איז א איד און ניט א איד אלץ איינס...

א י ו ו א נ אָ ו [ענטוזיאסטיש]. ביי מיר איז אלץ איינס! איך וויים, אז איך האָב ליעב אָט דאָס מיידעל מיט מיין גאנצען וועזען — און איך וויל ניט וויסען פון קיין זאך!...

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן [מיט א שמייכעל]. נו־יאָ, איך גלויב אייך זעהר גערן און איך פיהל אייך מיט מיט מיין גאנצען הארצען... איך דארף אייך אָבער זאָגען, יונגערמאן, פארהאן ביי אונז א שפריכוואָרט, אפילו א ביסעל א באנאלעס, נאָר איין אמת־

דיג וואָרט: „ווי קאָנסט דו ליעב האָבען דאָס ווייב, אַז דו האָסט נישט ליעב איהר משפחה?"... אונזער משפחה איז, ליידער, נאָך קיינמאָל אזוי ניט פארהאַסט געווען פון אַלעמען, ווי אין דער לעצטער צייט. נאַט זעהט, ביי וואָס עס האַלט, אויף וואָס מיר זענען אַריבער! [נעמט אַ רוסיש בלאַט פון טיש און ווייזט איהם]. זעהט, וואָס מע שרייבט וועגען אונז! [ווייזט איהם אין בלאַט].

אי וו אַ נ אָ וו [טהוט אַ קוק, לייענט הויך]. „בלוט פאַר בלוט!"... [לעגט־אַוועק דאָס בלאַט מיט פאַראַכטונג]. דאָס האָב איך געלייענט נאָך נעכטען... נו, ווער ווייסט דאָס ניט, אַז די גאַנצע דיעלאָ פונ'ם ריטואַל־מאָרד איז אַ פאַנטאַזיע, אַ שווינדעל, אַ גראָב שטיקעל אַרבייט?

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן [מיט צופרידענקייט]. דאָס זאָגט איהר? עס איז זעהר אָנגענעהם צו הערען פון אַ כּריסט אַזעלכע ווערטער. וואָס זאָגען אָבער אַנדערע כּריסטען? אָט זענען מיר געווען נאָר־וואָס ביי'ם גובערנאַטאָר אַ דעפּוטאַציע, איך און נאָך עטליכע פאָרשטעהער פון דער היגער אידישער געמיינדע. נו, האָט מען געשמועסט אַלץ וועגען דעם ריטואַל־מאָרד, אָדער וועגען דעם „שווינדעל", ווי איהר רופט עס אָן... ביי אייך איז דאָס אַ שווינ־דעל, און ביי זיי איז דאָס אַ גאַנצער עסק, אַ פּראָצעס. איהר האָט באַדאַרפט הערען, מיט וואָס פאַר איין ערנסט דער גובערנאַטאָר, אַ געבילדעטער אינטעליגענטער מאַן, האָט אונז געשטעלט נאַאיווע פראַגען איינע נאָך דער אַנדערער און נאָכגעפרעגט זיך אַלץ אויף איינעם אַ שניאורסאָן, צי קענען מיר איהם ניט? אַ שניאורסאָן פעהלט זיי צום פּראָצעס.

אי וו אַ נ אָ וו [פאַראינטערעסירט]. טאַקי ערנסט? צו וואָס באַדאַרפען זיי אַ שניאורסאָן?

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן. בכדי ס'זאָל זיין מעהג־„ריטואַל". די שניאורסאָנס, פאַרשטעהט איהר מיך, קומען אַרויס פון...

אינוואַנאָוו. פון די ליבאַוויטשער „צאַדדיקעס“... זוכט מען, הייסט עס, דעם „צאַדדיק“ שניאורסאָן?

רבֿ לוי הייל פּערין [מיט אַ שמייכל]. פון אייערע ווערטער קאָן מען אַרויסזעהן, אַז איהר פאַרקעהרט מיט אידען און האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט ווערטער... אַלזאָ, זוכט מען אַ שניאורסאָן אויף צו באַשולדיגען איהם אין ריטואַל־מאָרד. אַ שאָד! איהר זענט אַ כריסט, וועט איהר דאָס גאָרניט קאָנען פאַרשטעהן, ווי ווייט לעכערליך און שמערצליך דאָס איז צו הערען, אַז מענטשען זוכען צו באַשולדיגען אין אַזאַ מיאוס'ען פאַרברעכען די אייניקלעך פון יענעם גרויסען לאַדיער רבֿ, רבֿ שניאור־זלמן, וואָס זיי, די זוכער, זענען, כלעבען, נישט ווערטה צו דערמאַנען דעם נאָמען זיינעם...

אינוואַנאָוו. דאָס זענט איהר גערעכט. יעדער עהר־ליכער כריסט וועט אייך נאָכגעבען, אַז איהר האָט רעכט. נאָר, גאָספּאָדין ראַווין, איך בעט אייך הונדערט מאָל פאַרצייהונג, וואָס איך דערלויב מיר צו באַמערקען אייך איין זאַך: וויבאַלד אַז איהר זענט אַזוי שטאָלץ אויף אייערע גרויסע מענטשען, — ווי אַזוי געהט איהר דאָס מיט דעפּוטאַציעס און דערנידעריגט זיך פאַר יענע, וועלכע באַשמוצען אַזוי מיאוס אייערע גרויסע?

רבֿ לוי הייל פּערין [האַלב פאַרמאַכט די אויגען, רעדט מיט אַ איראָניש שמייכל]. און ווי אַזוי וואָלט איהר געטהאָן?

אינוואַנאָוו. איך זאָל זיין אויף אייער אָרט, וואָלט איך ניט געגאַנגען צום גובערנאַטאָר, ער זאָל מיר העלפען פון אַ אידישען פּאָגראָם...

רבֿ לוי הייל פּערין [צעלאַכט זיך]. ערשטענס, ניט פון אַ אידישען פּאָגראָם, נאָר פון אַ כריסטליכען. אידען האָבען דערווייל נאָך קיינמאָל קיין פּאָגראָם ניט געמאַכט...

אינוואַנאָוו. פּאַרדאָן. איך האָב מיך נישט גוט אויס־געדריקט. איך זאָג, אַז ווען איך זאָל זיין אַ איד, וואָלט איך מיך געשעמט קניהען פאַר די, וואָס מאַכען אויף מיר פּאָגראָמען...

ר ב ל ו י ה י י ל פּ ע ר י ן [אַ ביסעל מיט פאַרדראָס]. און ווען איך זאָל זיין אַ כּריסט, וואָלט איך מיך נאָך מעהר געשעמט, אַז אידען זאָלען קומען צו מיר מיך בעטען, איך זאָל זיי ניט באַפאַלען אין דעם פייערליכסטען און אין דעם פרייליכסטען פון זייערע ימים־טובים, ניט מאַכען אַ תל פון זייער האָב און גאָב און ניט באַריהרען זייערע פרויען און קינדער... [אין אויפרעגונג אויפגעשטאַנען און געמאַכט אַ פּאָר טריט הין און צוריק].

א י ו ו אַ נ אָ ו ו [נאָך איין אומאַנגענעהמער פויזע]. אַנטשולדיגט, געעהרטער ראַבבּי, ניט דאָס האָב איך געמיינט... איך האָב געוואָלט זאָגען, אַז ווען איך זאָל זיין אַ איד, וואָלט איך געזוכט הילף ביי זיך אַליין... איהר זענט אַ פאָלק פון זיעבען מיליאָן, ווי איהר זאָגט, און אַ פאָלק מיט אַזאַ פאַרגאַנגענהייט, מיט אַזאַ קולטור, — ווי דערלאָזט איהר, מע זאָל אייך אַזוי טרעטען מיט די פיס? [מיט היץ]. אָ! איך וואָלט זיי באַווייזען, אַז אַ מענטש קאָן אַליין ביישטעהן פאַר זיך! איך האָב קיין מורא נישט פאַר פּאָגראָמען!

ר ב ל ו י ה י י ל פּ ע ר י ן. געוויס! ווייל איהר זענט אַ כּריסט. און אַז איהר זאָלט זיין אַ איד, אָהן רעכט צו וואוינען, אָהן רעכט צו לערנען, אָהן רעכט צו ריהרען זיך פון דאַנען אַהין, אָהן רעכט צו שיצען זיך אפילו, אַז יענער פאַלט אויף אייך אָן אין מיטען העלען טאָג אומבאַשטראָפט, און איהר זאָלט, אַזוי ווי מיר, למשל, פּרובען אָפּליגען דריי טעג מיט דריי נעכט פאַרשטעקט ערגיץ אויף אַ בוידעם, אָדער אין אַ פינסטערען קעלער, אָהן ברויט און אָהן וואסער, און איהר זאָלט הערען דאָס פאַרשטיקטע געוויין פון אומשולדיגע קינדערלעך, — אוי, בין איך זיכער, אַז איהר וואָלט דעמאָלט געזונגען אַיין אַנדער ליעדעל!... [פויזע]. ניין, יונגערמאַן! ווערליג איך פאַרשטעה אייך, איז ניט א י ה ר דאַרפט נעמען אויף זיך אַזאַ שווערע ארבייט צו זיין אַ איד. מיר, אַז מיר טראָגען אונזער שווערען גלות אַזוי פיעל הונדערטער יאָהרען, — ווייסען מיר צוליעב וואָס: צוליעב אונזער אַלטער תורה. צוליעב דער תורה קאָנען מיר זיך לאָזען אי טרעטען מיט די פיס, אי לאָזען זיך ברענגען

אויף פייערן. אָבער איהר? צוליעב א מיידעל?... ניין, נישט כּדאי! נישט כּדאי! טהוט דאָס ניט!... [מאַכט אַ באַוועגונג אויף אויפצושטעהן].

א י וו א נ א וו [שטעהט־אויף]. איהר מאַכט מיר שווער דאָס הארץ, געעהרטער ראַבּבּי, איהר האַלט מיך אָפּ, איהר שרעקט מיך.

ר ב ל וי ה יי ל פּ ע ר י ן. איך שרעק אייך ניט. איך זאָג אייך נאָר דאָס, וואָס איך מיין. אַ איד ו ו ע ר ע ן קאָן מען ניט. אום אַ איד צו ווערען, באַדאַרף מען פריהער דורכמאַכען דעם גאַנצען אידישען גלות. מיט דער מאַמע'ס מילך באַדאַרף מען איינזווייגען אין זיך דאָס קאָנען ביישטעהן דעם נסיון פון צו זיין אַ איד... פאָלגט מיך, איהר לעגט אייך פריהער גוט איבער, וואָס פאַר איין ערנסטען שריט איהר געהט מאַכען, און פרעגט זיך אליין, וואָס וועט זיין מיט אייך נאָכדעם, שפּעטער, אויב אייער ליעבשאַפט צום מיידעל וועט אָפּגעקיהלט ווערען? צי וועט איהר קיין חרטה ניט האָבען? און צי וועט איהר קאָנען אויסהאַלטען אַלע רדיפות און יאָגענישען און אַלע גזירות רעות, וואָס האַגלען אויף אונזערע קעפּ?...

א י וו א נ א וו [מיט אַ זיפץ]. אפשר זענט איהר גערעכט. איך דאַנק אייך זעהר פאַר אייער אָפענהערציגקייט. נאָר איך מוז אייך זאָגען, ניט ווי פאַר אַ פרעמדען, נאָר ווי פאַר אַ פריינט, אַז ביי מיר איז דאָס אַ באַשטימטע זאַך... [ענערגיש]. אַזוי מוז דאָס זיין און אַנדערש קאָן עס ניט זיין, ווייל קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ. איך האָב ליעב דאָס מיידעל — און זי מוז זיין מיינע! [גיט דעם רב די האַנט].

ר ב ל וי ה יי ל פּ ע ר י ן [דריקט איהם די האַנט]. נו, זאָל אייך גאָט העלפען, ווי איהר ווינטשט אייך אַליין. איהר האָט מיך געפרעגט, האָב איך אייך געזאָגט דאָס, וואָס מיין געוויסען און מיין פאַרשטאַנד האָבען מיר דיקטירט. און ווייטער — ווי איהר פאַרשטעהט. געהט געזונט און זייט מצליח. [איוואַנאָוו פאַרנייגט זיך טיעף,

[געהט־אפ. רב לוי הײלפּערין מאַכט־צו די אָפענע ספרים, וואָס אויפ'ן טיש, און טראָגט זײ איבער אײנציגווײז אין ספרים־שראַנק. — נאָך אַ קורצער פּויזע עפענט זיך אַ האַלבע טיר און עס באַווײזט זיך ווידער אַ מאָל דער שמש].

דער שמש. אַ איד פרעגט זיך נאָך, צי קאָן ער זיך זעהען. שפּיראָ הײסט ער.

רב לוי הײלפּערין. זאָל ער אַרײנקומען. [עס קומט־אַרײן דוד שפּיראָ. דער רב געהט איהם אַקעגנען].

דוד שפּיראָ. גוט מאָרגען, רבי! [פאַרנײגט זיך מיט גרויס דרך־ארץ].

רב לוי הײלפּערין [גיט איהם די האַנט, פרײנטליך]. וואָס וועט איהר זאָגען גוטס? זיצט. [זעצט זיך אַוועק].

דוד שפּיראָ [קווײנקעלט זיך, בלײבט שטעהן]. גוטס פרעגט איהר, רבי? וואו האָט איהר הײנטיגע צײטען גוטס? [זיפצט, זעצט זיך אַוועק]. איך ווײס ניט, אויב איהר קענט מיך... נאָר אַז איך וועל אײך זאָגען, ווער איך בין, וועט איהר שוין אודאי וויסען. מײן נאָמען איז דוד שפּיראָ. פון די אמת'ע שפּיראָס... [קוקט, וואָס פאַר אַ ווירקונג עס מאַכט אויפ'ן רב, וואַרט אַ ווײלע און רעדט ווײטער]. פון די סלאַוויטער שפּיראָס בין איך. [דער רב זיצט אומגעריהרט. דוד שפּיראָ רעדט ווײטער]. איך בין געגאַנגען פאַרבײ, בין איך אַרײנגעקומען הערען, וואָס הערט זיך מכּח דער דעפּוטאַציע, וואָס איז געגאַנגען הײנט צום גובערנאַטאָר, און צי ס'איז אמת, וואָס מע זאָגט בײ אונז אויף דער בערזע, — איך בין אַלײן אַ בערזיאַנער, זאָגט מען אויף דער בערזע, אַז דער גובערנאַטאָר זאָל האָבען באַרוהיגט די דעפּוטאַציע און זאָל האָבען געזאָגט, זאָגט מען, אַז מע קאָן זײן זיכער, אַז קײן פּאָגראָם וועט הײנטיגען פּסח ניט זײן.

רב לוי הײלפּערין [מיט אַ גרינגען שמײכעל]. בײ אײך אויף דער בערזע ווײסט מען תּמיד פריהער, וואָס סע טהוט זיך. נאָך נישטאָ קײן שעה זינט מיר זענען אויפגענומען געוואָרען בײ'ם גובערנאַטאָר — און די בערזע ווײסט שוין.

ד ו ד ש פ י ר אָ [פּיהלט זיך עטוואָס פרייער]. איהר שפּיעלט זיך מיט דער בערזע? ביי אונז אויף דער בערזע האָט מען נאָך געוואוסט נעכטען, וואָס דער גובערנאַטאָר וועט אייך היינט זאָגען... אָבער ס'איז אמת, אַז ער האָט אייך באַרוהיגט?

ר ב לוי הייל פּ ע ר י ן. יאָ, ס'איז אמת, ער האָט אונז באַרוהיגט. איך האָב שוין אַפילו באַפוילען, מע זאָל וועגען דעם אויסרופען היינט אין אַלע שוהלען. צו גאָט אַ האָפענונג, אַז מיר וועלען האָבען אַ רוהיגען יום־טוב.

ד ו ד ש פ י ר אָ. דאַנקען גאָט. געלויבט השם יתברך! [פּויזע. קענטיג, אַז ער האָט עפּיס צו זאָגען. קוקט זיך אויף די הענט. אַנט־שליסט זיך, טהוט פריהער אַ הוסט־אָפּ אויף אַ זייט]. האָט קיין פאַראיבעל ניט, רבי, איך האָב אַגב צו אייך טאַקי אַ שטיקעל עסק אויך... דאָס הייסט, ניט קיין עסק, נאָר אַ מין... אַ מין שאלה אַזעלכע... דאָס הייסט, איך בין נישט געקומען פרעגען אַ שאלה, ווי אַ אידינע פרעגט, נאָר גלאַט אַזוי עפּיס אַ זאַך האָב איך אייך געוואָלט פרעגען, אַ מין עצה הייסט עס... די מעשה איז אַזוי. איך בין אַ היגער בעל־הבית, שפּיראָ הייס איך, דוד שפּיראָ, פון די אמת'ע שפּיראָס, איהר פאַרשטעהט צי ניין, פון די סלאַוויטער... [פּויזע. קוקט, טאָמער וועט דאָס פּאַרט אַ נעם־טהון דעם רב].

ר ב לוי הייל פּ ע ר י ן [פריינטליך]. וואָס זשע האָט איהר געוואָלט פרעגען, אייגענטליך?

ד ו ד ש פ י ר אָ. ניט פרעגען, נאָר גלאַט אַזוי, בדרך עצה זיך דורכרעדען מיט אייך וועגען אַ זייטיגען ענין, אויב ס'איז דער־לויבט... בין איך, הייסט עס, אַ היגער בעל־הבית, און עס קומען־אַריין צו מיר פאַרשיידענע מענטשען, צום מיינסטען יונגעלייט, סטודענטען... איך האָב אַ באַקאַנטען כריסט, אַ סטודענט. בעט ער מיך, ער וויל זיצען מיט אונז ביי'ם סדר... האָב איך געוואָלט הערען פון אייך, רבי, אייער שיקול־הדעת, צי איז כדאי, למשל, אַז אַ כריסט זאָל זיצען ביי אידען גלייך מיט אַלעמען ביי'ם סדר, איהר פאַרשטעהט צי ניין, אַלס גאַסט?...

ר ב  ל ו י  ה י י ל פּ ע ר י ן. פאַר וואָס ניט? אדרבה! [מיט אַ שמייכעל]. זאָל ער זעהען, וואָס מיר טהוען מיט זייער כריסטליך בלוט אויף פּסח...

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [אויפגעלעבט]. מיינע ווערטער! חאַ־חאַ! פונקט דאָס אייגענע טענה איך מיט מיין ווייב: לאָזען זיי זעהען! לאָזען זיי וויסען! עס קאָן צוניץ קומען אמאָל. דער גוי איז בטבע, איהר פאַרשטעהט צי ניין, אַ גאַנץ וואוילער גוי... אַ דעיסטוויטעלני סטאַטסקי סאָוועטניק'ס אַ זוהן... האָטש אפילו זעהר פראָסט ביי זיך! אָבער טאַקי פראָסט, וואָס פראָסט הייסט! ביי אונז איז ער אַ גאַנצער בן־בית און אינטערעסירט זיך מיט אַלסדינג, וואָס איז שייך צו אידישקייט. בעט ער זיך ביי מיר, אַזוי ווי היינט איז ביי אונז פּסח, וויל ער זיין מיט אונז אינאיינעם ביי'ם סדר. ער וויל זעהען, זאָגט ער, ווי אַזוי עס קומט־פאָר ביי אונז, זאָגט ער, די פּאַסקע? נו, ווי זאָגט מען איהם אָפּעט? ער קאָן דאָך מיינען טאַקי באמת מי יודע וואָס... טענה'ט אָבער מיין ווייב איינס: צו וואָס טויג דיר אַ גוי, אַ איוואַנאָוו, צום סדר?

ר ב  ל ו י  ה י י ל פּ ע ר י ן [מיט אינטערעס]. ער הייסט איוואַנאָוו?

ד ו ד  ש פּ י ר אָ. איוואַנאָוו אַליין איז ווינציג, הייסט ער נאָך איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו.

ר ב  ל ו י  ה י י ל פּ ע ר י ן [געלאַסען, נאָך אַ קורצער פּויזע]. האָט איהר נישט אַ טאָכטער?

ד ו ד  ש פּ י ר אָ. נאָך וואָס פאַר אַ טאָכטער! אַ בת־יחידה, און, דאַנקען גאָט, אַ געראָטענע, אַ חכמה און אַ יפת־תואר ויפת־מראה, ענדיגט היינטיגען נאָך־פּסח גימנאַזיע. [פּויזע. ווערט מיט אַ מאָל אומרוהיג]. וואָס פרעגט איהר עפּיס, צי איך האָב אַ טאָכטער?

ר ב  ל ו י  ה י י ל פּ ע ר י ן [ענטפערט ניט. נאָך אַ קורצער פּויזע]. שוין לאַנג, אַז ער געהט־אריין צו אייך?

ד ו ד  ש פּ י ר אָ. ווער?

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן. אט דער כריסט איוואנאוו.

ד ו ד ש פ י ר א. פון תחילת ווינטער אן, אלע טאג כמעט. וואס איז דען?... [פויזע]. ער איז ביי אונז, ווי איך האב געזאגט שוין, א גאנצער בן־בית. ווארום גלאט איין אבי א וואסער א גוי װאלט איך ניט אריינגעלאזט. נאר א דעיסטוויטעלני סטאטסקי סאוועטניק׳ס א זוהן, איהר פארשטעהט צי ניין, און איין אוהב־ישראל — ווי אזוי מיינט איהר? — פאר א אידען איז ער אייך די כפרה, סכנת־נפשות! און איז באקענט מיט אלע אונזערע ימים־טובים, דינים און מנהגים. מיין ווייב זאגט בדרך ליצנות, אז אט דער גוי וועט שוין באלד קאנען פסק׳ענען שאלות...

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן [שלאגט איהם איבער]. און ער קען זיך מיט אייער טאכטער?

ד ו ד ש פ י ר א. ווער?

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן. אט דער כריסט איוואנאוו.

ד ו ד ש פ י ר א. איך זאג דאך אייך — א בן־בית... [ווערט וויעדער אומרוהיג]. אקעגען וואס פרעגט איהר עס דען?

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן [שטעהט־אויף, געהט א פאר טריט הין און צוריק פארטראכט, די הענט פארלעגט אהינטער, שטעלט זיך אפ, געהט־צו צו שפיראן, וועלכער איז אויך גלייך אויפגעשטאנען און ווארט אויף איין ענטפער, רעדט צו איהם געלאסען]. גיט אכטונג אויף אייער טאכטער...

ד ו ד ש פ י ר א [איבערראשט. חאפט־ארויס א פעטשיילע, ווישט זיך דעם שוויים, פלאנטעט מיט דער צונג]. איך... איך פארשטעה ניט, רבי, וואס... וואס איהר זאגט... וואס הייסט, איך זאל אכטונג געבען?... וואס געהער זיך אן אהער מיין טאכטער? וואס... וואס פאר א מחותן איז ער מיט מיין טאכטער?...

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן [ווייך]. בארוהיגט אייך. זיצט. [שפירא זעצט זיך אוועק, שטעהט אבער באלד אויף, ווייל דער רב שטעהט. זעצט זיך דער רב אוועק, און נאך איהם שפירא]. איך וואלט אייך אפילו ניט באדארפט זאגען דאס, וואס מיר איז איבערגעגעבען געווארען בסוד... נאר אזוי ווי עס געהט דא, ווי איך זעה, אין נפש, בין איך

מיר מתּיר אויסצוזאָגען אַ פרעמדען סוד, און מסתּמא וועט איהר וויסען, ווי אַזוי צו באַגעהן זיך, ס'זאָל ניט אַרויסקומען, אַז דער סוד איז אַרויס פון דאַנען... אַט דער כּריסט איוואַנאָוו איז נאָר־וואָס געווען ביי מיר.

ד ו ד ש פּ י ר אָ [העכסט איבעררַאשט]. איוואַן איוואַנאָוויטש? ביי אייך? ווען איז ער געווען?

ר ב ל ו י ה י י ל פּ ע ר י ן. נאָר־וואָס, מיט עטליכע מינוט פאַר אייך.

ד ו ד ש פּ י ר אָ. מיט עטליכע מינוט פאַר מיר? וואָס האָט ער דאָ געטהאָן?

ר ב ל ו י ה י י ל פּ ע ר י ן. געקומען זיך איין עצה האַלטען, וואָס טהוט מען? אַזוי ווי איהם איז געפעלען אייער טאָכטער... ער איז פאַרליעבט אין איהר און וויל זיך צוליעב איהר מגייר זיין...

ד ו ד ש פּ י ר אָ [שפּרינגט־אויף, זעצט זיך אוועק צוריק, חאַפּט־אַרויס די פּעטשיילע, ווישט זיך דעם שוויים. קאָן ניט אַרויסרעדען קיין וואָרט].

ר ב ל ו י ה י י ל פּ ע ר י ן [באַרוהיגט איהם]. איהר באַדאַרפט זיך אַזוי ניט אויפרעגען. איהר באַדאַרפט דאַנקען גאָט, וואָס חלילה ניט פאַרקעהרט... היינטיגע צייטען... היינטיגע קינדער... אדרבה... איהר דאַרפט עס נאָר וויסען, בכדי איהר זאָלט זעהען וואָס צו טהון...

ד ו ד ש פּ י ר אַ [קוים וואָס ער קאָן שוין רעדען]. נו, געוויס, געוויס אַזוי... איך דאַנק אייך, רבי, איך דאַנק אייך זעהר און זעהר! [דריקט איהם די האַנט]. איהר האָט מיר געעפענט די אויגען... דעם מוח געעפענט... אַ קלייניגקייט?... אַזאַ מעשה!... אַצינד איז שוין רעכט... אַצינד איז שוין פאַרענטפערט אַ סך קשיות... [שטעהט־אויף, טהוט זיך אַ פּאַטש אין שטערן]. אַי־אַי־אַי, דוד שפּיראַ! דו מיינסט, ביזט אַ חכם? ביזט אַ נאַר! [אַלע מאָל העכער]. ביזט אַ שוטה! אַ פּרא־אָדם ביזט דו!... [זעצט זיך אוועק צוריק]. האָט קיין פאַראיבעל ניט, רבי, איך בין אַזוי איבעררַאשט, עס האָט

מיר אזוי דער׳הרג׳עט מיין קאָפּ, אַז איך וויים גאָרניט, וואָס איך רעד!... איהר זאָלט וויסען, וואָס דאָ קומט־פאָר! וואָס פאַר איין אומגליק! ס׳איז הימעל עפּען זיך! צרות מיט צרות מיט צרות! [רייבט זיך דעם שטערן]. ווי זאָגט איהר: צער גידול בנים... [פּויזע]. איין טאָכטער סך־הכּל, און אַ גראָטענע, און שוין דאָ אַ חתן אויך, כּמעט אַ חתן, מיט אַ רייכער באָבע, מיט בראָסלעטען, וואָס איך בין ניט צופריעדען, און מיין ווייב וויל דוקא יאָ דעם שידוך, פאַרקעהרט, ס׳איז גאָר אינגאַנצען איהר אויפטהו — און דאָ פּלוצים נאָט אייך גאָר אַ כּריסט, אַ איוואַנאָוו, דעם חתנ׳ס אַ חבר טאַקי — גאַנצע פּעק צו דערצעהלען, אָט אַזעלכע פּעק! [באַווייזט מיטביידע הענט]. איין עבירה, ס׳איז ערב יום־טוב, איך נעם ביי אייך צו צייט... [שטעהט־אויף, דער רב נאָך איהם]. און אַליין האָב איך אויך אַ סך צו טהון, באַזאָרגען ווייז אויף ארבּע כּוסות, איהר פאַרשטעהט צי ניין, און נאָך כּדומה אַזעלכע ארבייט אַ סך... האָט מיר אַ גוטען יום־טוב. איך דאַנק אייך זעהר, רבּי, פאַר דעם, וואָס איהר האָט מיר דאָ די אויגען געעפענט — איצט וויים איך האָטש, וואו איך בין אין דער וועלט!... [געזעגענט זיך]. אַ גוטען יום־טוב!

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן [באַגלייט איהם]. אַ גוטען יום־טוב. געדענקט נאָר, וואָס איהר האָט צו טהון. נישט געאיילט זיך, יעדע זאַך פריהער גוט באַטראַכטען, איבּערוועגען...

ד ו ד ש פּ י ר אָ. געווים, געווים. אַ גוטען יום־טוב! [לאָזט זיך געהן און קעהרט זיך באַלד אום צוריק. דאָס פּנים איז מיט אַ מאָל ביי איהם פאַרענדערט, ווי עלטער געוואָרען. דער שטערן געקנייטשט. האַפּט זיך ביי׳ם קאָפּ]. יאָ! וואָס זשע הייסט עס? האָט קיין פאַראיבּעל ניט, רבּי, איך נעם צו ביי אייך נאָך אַ מינוט צייט... איהר זאָגט, איך זאָל וויסען, וואָס איך האָב צו טהון... וואָס, אייגענטליך, איז דאָ צו טהון? און וואָס, אשטייגער, האָט איהר איהם איין עצה געגעבען, ער זאָל טהון? איך מיין דעם כּריסט, איוואַנאָווען?...

ר ב  ל ו י  ה י י ל פּ ע ר י ן. איך האָב איהם געזאָגט דאָס אייגענע, וואָס איך זאָג אייך: אַז מע דאַרף זיך גוט באַטראַכטען...

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [מיט אַ מאָל אויפגעקאַכט]. וואָס הייסט „באַטראַכטען”? וואָס איז דאָ פאַרהאַן צו טראַכטען? און אַז ער וועט טראַכטען פון היינט ביז איבער אַ יאָהר, וועט איהם שפּיראָ אוועקגעבען זיין טאָכטער?! אָט געה איך אַהיים און קעהר־איבער די שטוב מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף! וואָס הייסט? ווי קאָן איך דערלאָזען אַזאַ זאַך, אַז מיין קינד, דוד שפּיראָ'ס אַ טאָכטער... איהר זאָגט, ער איז אַ דעיסטוויטעלני סטאַטסקי סאָוועטניק'ס אַ זוהן און ער וויל זיך צוליעב איהר מגייר זיין? און אַז ער זאָל זיך זיעבעצעהן מאָל מגייר זיין? ניין, איך וועל דאָס ניט דערלאָזען! [וואָס ווייטער, אַלץ מיט מעהר היץ]. כל זמן איך לעב, וועט דאָס ניט זיין! איך וועל איהם זאָגען! איך וועל איהם דערצעהלען, ווער די שפּיראָס זענען! איך בין אַ שפּיראָ, איהר פאַרשטעהט צי ניין, אַ שפּיראָ!...

ר ב  ל ו י  ה י י ל פּ ע ר י ן. פון דעסטוועגען זאָג איך אייך נאָך אַ מאָל: נישט געאיילט. מע באַדאַרף זיך פריהער גוט באַטראַכטען... ס'איז אַ שווערע הלכה... היינטיגע קינדער... אַ ראָמאַן... ווער ווייסט, וואו עס האַלט ביי זיי?... מע באַדאַרף זיך גוט באַטראַכטען...

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [מיט היץ]. וואָס איז דאָ צו טראַכטען! ס'איז קלאָר, ווי דער טאָג! אַזוי ווי דער הימעל קאָן ניט קומען צו דער ערד! מיין טאָכטער קאָן נישט חתונה האָבען פאַר אַ גוי, יענער מעג זיין מי יודע ווער און מעג זיך זיעבען און זיעבעציג מאָל מגייר זיין! זי קומט אַרויס, איהר פאַרשטעהט צי ניין, פון די אמת'ע שפּיראָס, פון די סלאַוויטער... [מיט פאַרוואורף, קוקט אויפ'ן רב שאַרף]. איך האָב אייך געזאָגט שוין עטליכע מאָל, פון וואָסערע שפּיראָס איך בין, און איהר — גאָרנישט... איך זעה, אַז איהר הערט זיך ניט צו צו מיינע ווערטער!... די סלאַוויטער ווייסט די גאַנצע וועלט, ווער זיי זענען! די סלאַוויטער האָבען זיך גע־

לאָזט טרייבען סקוואַז סטראַי, גנאַטעווען האָבען זיי זיך געלאָזט! [נאָך מיט מעהר היץ]. יאָהרען־לאַנג אויסגעזעסען אין די טורמעס — און נישט פאַרלוירען זייער שטאָלץ פאַר עשו'ען! זאָל איצטער אַט דעם עשו'ס איין אייניקעל האָבען אַ השגה, אַז שפּיראַ'ס טאָכטער זאָל פאַר איהם חתונה האָבען, און איך, דוד שפּיראַ, זאָל זיי פיהרען צו דער חופּה? ! [שלאָגט זיך אין הארצען]. סיידען איך וועל פריהער שטאַרבען! [כמעט מיט טרערען]. און אפילו אַז איך וועל שטאַרבען, וועלען נאָך מיין טוידט אויפשטעהן פון די קברים די סלאַוויטער, די געגנאַטעוועטע, און וועלען ניט דערלאָזען, אַז אַט אַ יענע גראָבע האַנט עשו'ס, וואָס האָט אַמאָל אויפגעהויבען אויף זיי די רוט, וואָס האָט פון זיי שטיקער פלייש געריסען, זאָל זיך צוריהרען צו זייערס איין אייניקעל!...

רב לוי הײלפּערין [געריהרט. טראַכט אַ ווײלע]. הערט זשע אויס, מיין ליעבער שפּיראַ. זיצט, זיצט נאָך אַ ווײלע. [זעצט איהם אוועק און זעצט זיך אַליין אויך]. אין אייערע ווערטער הערט זיך טאַקי אַ קול פון די אמת'ע סלאַוויטער — ווער ווייסט דאָס ניט די סלאַוויטער? נאָר לאָמיר קאָרשט באַטראַכטען איצינד די זאַך פאַוואָלינקע אַרום און אַרום. מע טאָר נישט איילען זיך אַזוי, ווי איך האָב אייך געזאָגט שוין, — ס'איז אַ שווערע הלכה!... מע דאַרף קודם זעהען, ווי אַזוי זאָל זיין דערווײלע מיט דעם כּריסט, מיט דעם איוואַנאָווען, וואָס איהר האָט איהם איינגעלאַדען צום סדר?...

דוד שפּיראַ [נאָך אויפגעטראָגען]. ווער האָט איהם איינגעלאַדען? ניט איך האָב איהם איינגעלאַדען — ער האָט זיך אַליין איינגעלאַדען, איינגעבעטען זיך! איצט זעה איך שוין! איצט פאַרשטעה איך שוין!...

רב לוי הײלפּערין. איהר האָט דאָך איהם אָבער צוגעזאָגט — איז פאַרפאַלען. מוז ער שוין צום סדר בײ אייך זיין. טאָרט איהר איהם נישט אָפּזאָגען. אַזוי איז מיין מיינונג, לכל הפּחות — מין ראַט.

דוד שפּירא [קאַכט זיך]. סטייטש, רבי, וואָס רעדט איהר? האָט קיין פּאַראיבעל ניט. נאָר ווי קאָן איך, שפּירא, נאָך דעם, ווי דער גוי האָט אזא השגה?... ס'איז דאָך הימעלשרייענד! ס'איז דאָך...

רב לוי היילפּערין [שלאָגט איהם איבער]. יאָ, איהר זענט פאָלקאָם גערעכט. נאָר מע טאָר ניט זיך גראָב באַגעהן מיט א מענטשען, ער מעג זיין ווער ער איז: א איד, ניט א איד — א מענטש! און איין איידעלער מענטש, קענטיג... מענטשליכקייט, גאַסטפריינטליכקייט איז אָהן אלעמען א גרויסע זאַך. ובפרט מיר, אידען, דאַרפען זיין מעהר געהיט, ווי אלע אַנדערע מענטשען. אָט טאַקי ווייל מיר זענען ביי זיי אין גלות און ווייל זיי זאָגען אויף אונז מי יודע וואָס, באַדאַרפען מיר זיי ווייזען, אז מיר זענען ניט ערגער, און אמאָל אפשר נאָך בעסער פון זיי. איהר זענט דאָך א שפּירא, באַדאַרפט איהר דאָס פאַרשטעהן... [שטעהט־אויף].

דוד שפּירא [אויך אויפגעשטאַנען. א ביסעל ווייכער]. געוויס פאַרשטעה איך, וואָס איהר מיינט. ווער רעדט פון ארויסטרייבען? ארויסטרייבען וועל איך איהם ניט. אזוי גראָב בין איך אויך נישט. און אז איך האָב איהם צוגעזאָגט, איז צוגעזאָגט. שפּירא, אז ער זאָגט א וואָרט, איז פאַרפאַלען. נאָר די פלענער זיינע וואָס ער האָט געבוירעט [ווידער אויפגעקאָכט], דאָס, וואָס דער גוי האָט דאָרט געגראָבען הינטער מיינע פּלייצעס, וועל איך צעשלאָגען! דאָס, וואָס ער מיינט, וועט ניט זיין! [מיט פייער]. קיינמאָל ניט און פאַר קיין פאַל ניט אין דער וועלט! דאָס קאָנט איהר אייך שוין פאַר־לאָזען אויף מיר! דאָס זאָגט אייך דוד שפּירא, פון די אמת'ע שפּיראָס, איהר פאַרשטעהט צי ניין, פון די סלאַוויטער!... א גוטען יום־טוב און א גוטען תמיד. [געזעגענט זיך מיט'ן רב. דער רב באַגלייט איהם צו דער טיר].

## דער פאָרהאַנג פאַלט.

ענדע פונ'ם דריטען אקט.

## פערטער אקט

[ביי שפיראן איז שוין אלץ פסח׳יג, גרייט צום סדר. אויבענאן דאס היסב־בעט — צוויי קישענס, מיט א ווייס ליילעך איבערגעדעקט. אויפ׳ן היסב־בעט ליגען צוגעגרייט א ווייסער קיטעל, א ווייסער זיידענער גארטעל מיט א ווייסער זיידענער יארמעלקע, איין אלטע, שוין געלבליך פון דער צייט, מיט זילבער באברעמט און מיט א זיידענעם קאטעם אראפגעהאנגען. אויפ׳ן טיש ליגען מצות, שטעהען כוסות. פון צוויי גרויסע גראפינעם פינקעלט־ארויס דער וויין. ביי׳ם אויבענאן שטעהט די קערה. אויף דער קערה ליגען אין א געהעריגען סדר: א פליגעלע, א גערגעלע, אייער, אפגעשיילטע קארטאפלעס, אנגע־ריבענער חריין (מרור), צעשטויסענע נים מיט עפעל (חרוסת) און א קליין גלעזעל מיט זאלצוואסער. עטליכע הגדות, גרויסע און קליינע. — אויף דער סצענע באווייזט זיך פון דער זייטיגער טיר דוד שפירא, א האלב־אנגעטהאנענער אין נייע מלבושים, מיט איין אויסגעפרעסט אויבערשט העמד, מיט שלייקעס, אהן א קאלנער. ער איז שטארק צעטראגען].

**דוד שפירא** [הויך]. שרה! בעטי! סיאמקע! וואו זענט איהר אלע? אויסגעשטארבען? [פון דער קיכטיר ווייזט זיך שרה שפירא, נאך אין די וואכעדיגע מלבושים, מיט א ניי הילצערן לעפעל אין האנט].

**שרה שפירא.** וואס איז דארטען? וואס האסט דו זיך צעשריגען, ווי אויף א פאזשאר?

**דוד שפירא.** ווער האט דען געשריגען? גארניט אנגעהויבען צו שרייען! האסט מיר צוגעגרייט א העמד — וואו איז א קאלנער?

שרה שפּיראָ. דאָרט וואו דאָס העמד, דאָרט איז דער קאָלנער. זוך, ווען דו געפינען, האָסט דו געהערט אַ ביסעל!

דוד שפּיראָ. וואו האָב איך צייט צו זוכען? אַ שעה אַז איך זוך... [געהט־אַפּ צוריק].

שרה שפּיראַ. אַ שעה אַז ער זוכט! [געהט־אַפּ אין קיך. — אין אַ האַלבע מינוט אַרום קומט־אַרויס ווייעדער דוד שפּירא, שוין מיט אַ קאָלנער, נאָר אָהן אַ שניפּס. ער שפּיליעט דעם קאָלנער. דער קאָלנער וויל זיך ניט פאַרשפּיליען. דאָס מאַכט איהם נאָך מעהר נערוועז].

דוד שפּיראָ. שרה! שרה!...

שרה שפּיראַ [קומט נאָך אַ מאָל אַרויס פון קיך, שוין אָהן אַ לעפעל]. וואָס איז שוין ווייעדער?

דוד שפּיראַ [שפּיליענדיג דעם קאָלנער]. האָסט מיר צור־געגרייט אַ העמד מיט אַ קאָלנער — וואו איז אַ שניפּסעל?

שרה שפּיראָ. וואָס טהוט זיך עם מיט דיר? דאָרט ליגט אַלסדינג. דאָרט ליגט דאָס שניפּסעל. אפילו דעם צילינדער האָב איך דיר דאָרט צוגעגרייט. וואָס ביזט דו אַזוי צעטראָגען, דוד? ביזט מיר עפּיס זעהר צעפלאָכטען!

דוד שפּיראַ [הערט ניט אויף צו טהון מיט'ן קאָלנער]. מע קאָן זיין צעפלאָכטען, אַז מע האָט עפּיס צו רעדען מיט אַ ווייב אַ נויטיגע זאַך — און מע קאָן ניט!

שרה שפּיראָ. וואָס הייסט מע קאָן ניט? [געהט־צו צו איהם. אומרוהיג]. אַ נויטיגע זאַך? וואָס האָסט דו ניט געזאָגט ביז אהער?

דוד שפּיראַ [נאָך אַלץ ניט פאַרטיג מיט'ן קאָלנער]. ווי האָב איך געקאָנט ביז אהער, אַז ס'איז ערב יום־טוב? ווײַן אויף אַרבע כוסות האָט מען באַדאַרפט ברענגען? און אַרומוואַשען זיך דאַרף מען אויך? און אָנטהון זיך אויך? [פּויזע]. ס'איז אַ מיאוס'ער עסק, שרה, זעהר אַ מיאוס'ער עסק! [קוקט זיך אַרום, רעדט שטיל]. איך בין געווען ביי'ם רב, ביי רב לוי הײַלפּערין...

ש ר ה ש פ י ר א [שטארק אומרוהיג]. וואס האסט דו געטהאן ביי'ם רב פלוצים ערב פסח?

ד ו ד ש פ י ר א. שששש!... [קוקט זיך ארום]. נאר נישט געפילדערט, וועל איך דיר דערצעהלען אלסדינג. [קוים פארשפיליעט דעם קאלנער]. די' רגע קום איך ארויס... [געהט־אפ צו זיך. שרה בלייבט אליין].

ש ר ה ש פ י ר א. וואס טהוט זיך עם מיט איהם?... „געוועזן ביי'ם רב"... „א מיאוס'ער עסק"... זאל איך אזוי וויסען בייז, אויב איך הויב אן פארשטעהן, וואס ער מיינט... [עס קומט־ארויס דוד שפירא, שוין אינגאנצען אנגעטהאן, מיט'ן צילינדער אין האנט. שרה געהט איהם אקעגען, אומגעדולדיג]. גאט איז מיט דיר, דוד, דער־צעהל שוין, וואס האט זיך געטראפען? וואס פאר א מיאוס'ער עסק?

ד ו ד ש פ י ר א [נעמט־ארויס די פעטשיילע און גלעט דעם צילינדער. קוקט זיך ארום]. איצט איז נישטא קיינער? פריהער נישט געקאנט רעדען מיט דיר. אז מע דרעהט זיך ארום, טא דער, טא יענער. [שטיל]. וואו זענען די קינדער?

ש ר ה ש פ י ר א [אויך שטיל]. די קינדער טהוען זיך אן. זיי וועלען באלד ארויסקומען. דערצעהל שוין גיכער. ציה ניט די עצמות!

ד ו ד ש פ י ר א. הארך נאר אויס, שרה, נאר איך בעט דיך, ס'זאל זיין שטיל... ס'א שלעכטע מעשה מיט אונזער בעטין... ניט מיט בעטין, נאר מיט אונזער קווארטיראנט'ס חבר. איך מיין, מיט אונזער איוואן איוואנאוויטשען...

ש ר ה ש פ י ר א [ברעכט די הענט]. וועה איז מיר! וואס איז שוין?

ד ו ד ש פ י ר א. האב צייט — אט דערצעהל איך דאך דיר!... איך בין געוועזן ביי'ם רב, ביי רב לוי היילפערין...

ש ר ה ש פ י ר א. וואס האסט דו געטהאן ביי רב לוי הייפערין?

ד ו ד  ש פּ י ר אָ. גלאַט אַזוי אַריינגעגאַנגען. און אַגב — אַ פרעג טהון איהם, צי ס'איז נישקשה, אַז אַ כּריסט, איוואַן איוואַ־נאָוויטשען האָב איך געמיינט, זאָל זיצען מיט אונז ביי'ם סדר?

ש ר ה  ש פּ י ר אָ [הויך]. האָט ער געזאָגט מסתמא, אַז ניין? מיינע רעד! וואָס האָב איך דיר געזאָגט?

ד ו ד  ש פּ י ר אָ. ששש!... אַקוראַט פאַרקעהרט! נאָר ניט דאָס — האָב צייט, האָפ נישט איינס פאַר דאָס אַנדערע! הקיצור, ווער איך געוואָוירע ביי'ם רב אַ שענע זאַך... [קוקט זיך ארום]. אַז אונזער כּריסט, איוואַן איוואַנאָוויטש מיין איך, איז מיט פינף מינוט פריהער פאַר מיר אויך געווען ביי'ם רב, ביי רב לוי הייל־פערין, און אויך מכח איין עצה האַלטען זיך.

ש ר ה  ש פּ י ר אָ. איין עצה האַלטען זיך? אַז וואָס?

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [קוקט זיך ארום. גאַנץ שטיל]. אַז ער וויל זיך מגייר זיין... איוואַן איוואַנאָוויטש, הייסט עס, וויל זיך מגייר זיין.

ש ר ה  ש פּ י ר אָ [הויך]. איוואַן איוואַנאָוויטש? מגייר זיין? וואָס'ט זיך מיר גע'חלומ'ט!... משוגע געוואָרען?

ד ו ד  ש פּ י ר אָ. ששש! וואָרט־אויס! וועסט הערען, צוליעב וואָס! עס האָט מיך אַזוי אויפגעטראָגען, אַז איך האָב געמיינט, איך וועל עס נישט אויסהאַלטען, אַז איך וועל דאָרט די אַפּאָפּלעקציע באַקומען! ער האָט מיר דעם קאָפּ אַראָפּגענומען, און איך האָב מיר גאָר קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען!

ש ר ה  ש פּ י ר אָ [פאַרשטעהט נאָך ניט]. צוליעב וואָס זשע וויל ער עס טהון, דער משוגע'נער גוי?

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [קוקט זיך ארום, רעדט נאָך שטילער]. צוליעב דעם וויל ער זיך מגייר זיין, ווייל ער איז פאַרליעבט, זאָגט ער, אין... אין... אין אונזער בעטין, און וויל, זאָגט ער, מיט... מיט... מיט איהר האָבען חופּה וקידושין... נו? הערט זיך אַזעלכם?

ש ר ה  ש פּ י ר אָ [אַ פלעסק מיט די הענט, שרייט־אויס אויף אַ קול]. אוי, אַ דונער האָט מיך דערשלאָגען! אוי, איך וועל דאָס ניט

אויסהאַלטען! [ברעכט די הענט, טראָגט זיי צו צום האַרצען]. איך האָב אָבער געוואוסט, אַז דאָ איז עפּיס! דאָס האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז ס'איז ניט גלאַט, אַז דער גוי פּלאָנטעט זיך מיר דאָ ניט אומזיסט... אַלע בייזע, וויסטע, פינסטערע חלומות! נאָ דיר נאָר אַ כּריסט! אַ איוואַן איוואַנאָוויטש! און ווער האָט איהם פאַרנאַדעט, אַז ניט דו?

דוד שפּירא. איך?

שרה שפּירא. ווער דען — איך? ביי מיר וואָלט ער שוין לאַנג געעפּענט מיט'ן קאָפּ די טיר! האָסט דו זיך אָנגעקלעפּט אין איהם, אַז ער האָט אַ אידיש פּנים מיט אַ אידישער נאָז!

דוד שפּירא. אַ אידישע נאָז — דאָס איז געווען דיינע ווערטער. איך האָב נאָר געזאָגט, אַז ער האָט אַ אידישע נשמה... נאָר נישט דאָס איז דער עיקר אַצינד. איצט באַדאַרף מען צו-טראַכטען עפּיס איין עצה, ווי אַזוי ווערט מען זיינער פּטור?

שרה שפּירא. וואָס פאַר עצות דאַרף מען זוכען? מע דאַרף איהם געבען דעם וועג — און שוין!

דוד שפּירא [מיט שרעק. רעדט שטיל]. זאָל גאָט היטען! וואָס רעדסט דו? מע באַדאַרף זיך באַטראַכטען פריהער...

שרה שפּירא. וואָס איז דאָ צו טראַכטען, האָסט דו געהערט אַ ביסעל? [הויך]. מע באַדאַרף איהם [צעצויגען] אַרויס-טרייבען! אַרויס-יאָגען!

דוד שפּירא [שטיל]. שששש!... נאָר נישט געיאָגט און נאָר נישט געטריבען! זאָל דיך גאָט היטען, שרה, פון דאַנען אַהין אָהן מיר! דו הערסט, וואָס איך זאָג? ס'וועט זיך טהון חושך! וועסט פאַרקאָכען אַ קאַשע! וועסט אונז מאַכען אומגליקליך אַלעמען! דו פאַרשטעהסט גאָרניט, וואָס דאָ טהוט זיך! דאָ איז אַ ראָמאַן — ווייסט דו חאַטש, וואָס דאָס הייסט? [קוקט זיך אַרום, רעדט נאָך שטילער]. דאָס איז ביי זיי איין אָפּגערעדטע זאַך פון פריהער!

ש ר ה ש פּ י ר אָ [פאַרברעכט די הענט]. וועה איז מיר! און וואָס איז מיט שניאורסאָנען?

ד ו ד ש פּ י ר אָ. אַפּנים, אַ נעכטיגער טאָג?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. וואָס רעדסט דו, דוד? און וואָס איז מיט'ן שידוך?

ד ו ד ש פּ י ר אָ [חאַפּט זיך ביי'ם קאָפּ]. וואָס מיר שידוך? ווער מיר שידוך? מע זאָגט דאָך דיר, אַז דאָ איז אַ ראָמאַן, ניט קיין שידוך!...

ש ר ה ש פּ י ר אָ. און דאָס, וואָס ער האָט איהר געוואָלט שענקען אַ בראַנזעליעט? און דאָס, וואָס ער שרייבט אַלע מאָל בריעף צו דער באַבושקע?...

ד ו ד ש פּ י ר אָ [אַ פּאָר מאָל שפּאַנט ער אַרום און בלייבט שטעהן]. ס'איז דיר איין אַקציע מיט איהר! מיר האָט זיך אויפגעקאָכט דאָס גאַנצע בלוט, אַז איך האָב דערהערט אַזאַ מעשה; און זי רעדט גאָר פון בראַנזעליעטען מיט באַבושקעס! איך בין שיער משוגע געוואָרען נאָר פון דעם געדאַנק אַליין, אַז עשו קאָן גאָר האָבען אַ השגה אויף די סלאַוויטער'ס איין איניקעל, און איהר ליגט אין זינען בראַנזעליעטען! באַבושקעס קריכען איהר אין קאָפּ אַריין!

ש ר ה ש פּ י ר אָ. וואָס זשע האָט זי געשוויגען ביז אַהער?

ד ו ד ש פּ י ר אָ (שטעלט זיך אָפּ, טייט איהר מיט אַ פינגער). דאָס דאַרפסט דו פרעגען ביי איהר! דערויף ביזט דו אַ מאַמע!

ש ר ה ש פּ י ר אָ [ברעכט די הענט]. וועה איז מיר! וואונד איז מיר! פאַרפינסטערט בין איך געוואָרען!

ד ו ד ש פּ י ר אָ. איצט איז ניט קיין צייט פון ברעכען די הענט און פון גוואַלדעווען. איצט דאַרף מען עפּיס צוטראַכטען, דו פאַרשטעהסט צי ניין, געפינען עפּיס איין עצה. אָבער שטיל, מיט שכל און מיט אַ גאַנג, נישט פּי־פּו־פּאַ, גלאַט אין דער וועלט אַריין, און אָהן גוואַלדען, אָהן פּילדערייען! דער רב, רב לוי היילפּערין, איז גערעכט. ס'איז, זאָגט ער, אַ שווערע הלכה!

ס'איז איין אײדעלע מאַטעריע, זאָגט ער... כ'האָבֿ שוין גענוג געטראַכט דעם גאַנצען טאָג! [חאַפּט זיך ביי'ם קאָפּ]. דער קאָפּ ווערט מיר אָקערשט ניט צעפּאַלען אויף שטיקלעך! [פּויזע]. דערווייל איז יום־טובֿ און מע דאַרף געהן דאַווענען. [קוקט זיך אַרום]. דאָ וועט קומען דער כּריסט... איהם געגעבֿען דאָס וואָרט — פּאַרפּאַלען! וואָס וועט ער טראַכטען, אַז מע וועט איהם איצט אָפּזאָגען פון'ם סדר? רבֿ לוי היילפּערין זאָגט אויך דאָס אייגענע: אַ מויל, זאָגט ער, איז ניט קיין חאַליווע. ובפרט, זאָגט ער, בּיי שפּיראָן... קודם כּל, זאָגט ער, איז מענטשליכקייט... אַ מענטש! דו פאַר־שטעהסט, צי ניין? דער עיקר — דו זאָלסט זיך נאָר ניט אַריינ־מישען דערווייל. דו לאָז עס איבּער איינגאַנצען אויף מיר! לאָזען נאָר איבּערגעהן די סדרים פריהער, די ערשטע טעג יום־טובֿ, וועל איך שוין מיט איהם רעדען, וועל איך שוין טהון אַלסדינג — קאָנסט שוין זיין זיכער, אַז בּיי מיר וועט ער אַליין אַוועק. [מיט פייער]. ער וועט בּיי מיר אַוועק וואו דער ליעבּער שבּת־קודש געהט־אַוועק! ער וועט אפילו ניט וויסען, פאַר וואָס און פאַר ווען! זיי זיכער! דאָס וועט ניט זיין, אַז דוד שפּיראָ'ס טאָכטער, וואָס קומט־אַרוים פון די סלאַוויטער... [עס קומט־אַן סיאָמקע, איין אויסגעצוואָגענער, אָנ־געטהאָן יום־טובֿ'דיג אין זיין אוניפאָרם, מיט אַ ווייס קעלנערעל, האַלט אַ גרויסען מחזור אונטער'ן אָרעם].

**סיאָמקע** [טראָגט־צו דעם פאָטער דעם מחזור]. טאַטע, אָט דאָס איז דער מחזור, וואָס דו דאַרפסט?

**דוד שפּירא** [עפענט־אויף דעם טאַוועל, לייענט]. „מחזור לראש־השנה ויום־הכּפּורים"... געטראָפען, ווי אַ בּלינד פערד אין גרובּ אַריין! [גיט איהם אָפּ]. דאָרט, אויף דער קאָמאָדע, געה, ליגט איין אַנדער מחזור! שטעהט אָנגעשריבּען מיט גרויסע אותיות: „מחזור לשלש רגלים"... יאָהרען! שפּיראָ'ס אַ יונגעלע זאָל ניט וויסען קיין חילוק פון אַ מחזור בּיז אַ מחזור... [סיאָמקע לויפט צוריק נאָכ'ן מחזור. דוד שפּירא צום ווייבּ]. איך בּעט דיך נאָר אַ מאָל, שרה, ווי גאָט איז דיר ליעבּ! ווי אין איין אויג אַ שטאָך! ס'איז אַ

שווערע הלכה, איין איידעלע מאַטעריע... מע באַדאַרף דאָ זיין זעהר־זעהר פאָרזיכטיג! [עס קומט־אַן סיאַמקע מיט'ן מחזור].

סיאַמקע [עפענט־אויף, ווייזט דעם פאָטער מיט'ן פינגער, לייענט אויף אַ קול, צעצויגען]. „מח־זור ל־ש־לש רג־ל־ים"...

דוד שפּירא [נעמט דאָס קינד פאַר'ן אויהערעל]. רְגָלִים, נישט רַגְלַיִם! ניט געדאַכט זאָלסט דו ווערען — אַ בר־מצוה־בחור'על און קומט־אַרוים פון די סלאָוויטער!... קום אין שוהל אַריין! [טהוט־אַן דעם צילינדער. צום ווייב]. געדענק זשע, שרה, וואָס איך האָב דיר געזאָגט [שטיל, טראָגט־צו אַ פינגער צום מויל]: ווי גאָט איז דיר ליעב! ווי אין איין אויג אַ שטאָך!... [נעהט־אָפּ מיט סיאַמקען אין שוהל אַריין. — עס קומט־אַרוים פון איהר צימער בעטי. שרה שפּירא וואַרפט אַ זייטיגען קוק אויף דער טאָכטער, נעמט זיך איבערשטעלען די כוסות].

בעטי [אנגעטהאָן יום־טוב'דיג, שען פאַרקעמט. שטעלט זיך אַוועק אַקעגען שפּיעגעל, מאַכט צו־רעכט די פריזורקע. צו דער מוטער]. מאַמע! געפעלט דיר די פריזורקע? האָסט דאָך ליעב, אַז איך געה אַזוי פאַרקעמט. האַ? מאַמע? [שרה שפּירא זעהט איהר פּנים דורכ'ן שפּיעגעל, ענטפערט ניט. בעטין וואונדערט עס. זי דרעהט זיך אוים צו דער מוטער]. פאַר וואָס ענטפערסט דו ניט, מאַמע? און וואָס ביזט דו אַזוי פאַרצאָרנט? צוליעב'ן יום־טוב?

שרה שפּירא [טהוט איהר אַרבייט]. אַז מע האָט אַזאַ טאָכטער, ווי דו, קאָן מען זיין פאַרצאָרנט.

בעטי [נעהט־צו נאָהענט צו דער מוטער]. וואָס איז שוין, מאַמע? וואָס פאַר אַ נייעס?

שרה שפּירא. פאַר ווענען ס'איז איין אַלטס, פאַר מיר איז דאָס אַ נייעס... [הערט־אויף איבערשטעלען די כוסות]. איך האָב גאָרניט געוואוסט, טאָכטער, אַז ביי דיר איז דאָ אַזעלכע פאַרבאָר־גענישען מיט אַזעלכע סודות... איך האָב זיך קיינמאָל ניט געריכט אויף דיר, אַז דו זאָלסט זיין אַזאַ פאַרביסענע און אָפּטהון אונז אַזאַ זאַך...

בּ ע ט י [איבערראַשט]. וואָס פאַר סודות? וואָס פאַר אַ פאַרביסענע? און וואָס פאַר זאַכען האָב איך אָפּגעטהאָן?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. דער טאַטע איז אוים מענטש. ער וועט דאָס, זאָגט ער, ניט אויסהאַלטען! און איך וועל מסתּמא אויך שטאַרבען פאַר דער צייט... [באַהאַלט דאָס פּנים אין פאַרטוך, וויינט].

בּ ע ט י [דערשראָקען, נעמט זי אַרום]. מאַמוניו! גאָט איז מיט דיר! וואָס קומט דאָ פאָר? איך וויים גאָרניט פון וואָס צו זאָגען!

ש ר ה ש פּ י ר אָ [הויבט־אויף די פאַרוויינטע אויגען, באַטראַכט די טאָכטער]. אַנו, קוק מיר גלייך אין די אויגען אַריין! ווי קאָנסט דו זאָגען אַזעלכם? ווי קאָנסט דו עס אָפּלייקענען מיר, אַ מאַמע, אין די אויגען?... [פויזע]. וואָס האָט געטהאָן דער גוי בײ׳ם רב?

בּ ע ט י [שטוינט]. וואָסער גוי? ביי וועלכען רב?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. זעה נאָר, ווי גלייך זי קוקט מיר אין פּנים אַריין! [פויזע. שטרענג]. זאָג נאָר, וואָס האָט געטהאָן איוואַן איוואַנאָוויטש בײ׳ם רב, רב לוי הײלפּערין?

בּ ע ט י [שטאַרק איבעררראַשט, ווערט רויט]. איוואַן איוואַנאָוויטש בײ׳ם רב? ביי הײלפּערין? וואָס האָט ער דאָרטען געטהאָן?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. איך מיין, אַז דו ווייסט עס בעסער פון מיר און פריהער פון מיר... קוק זי נאָר אָן, ווי זי טאַפּט ווערטער! נעבאַך אַ רחמנות! זי ווייסט גאָרניט פון דער גוטער בשורה, אַז דער גוי איוואַן איוואַנאָוויטש וויל ווערען אוים גוי!...

בּ ע ט י [אויפגעשיינט]. איוואַן איוואַנאָוויטש וויל ווערען אַ איד?

ש ר ה ש פּ י ר אָ. אַ גדולה אויף דער באָבע! און אַ שיינדעלע פאַר אונז אַלעמען! און דאָס איז דאָך אינגאַנצען צו־ליעב דיר, וואָרום ער איז דאָך נאָך דיר די כּפּרה — דאָס האָב איך שוין לאַנג אַרויסגעזעהען, און דו האָסט עס אודאי גוט געוואוסט, — און נאָך דעם אַלעמען האָסט דו אַ פּאָטעפּאַלנאָסט מיר קוקען גלייך

אין די אויגען אריין און איינרעדען מיך, אַז דו ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגען ? !

בּ ע ט י [האַפּט זיך בײ'ם האַרצען]. מאַמע ! איך שווער דיר בײ מיין לעבען, אַז די געשיכטע מיט'ן רב, מיט הײלפּערין, הער איך דאָס ערשטע מאָל פון דיר !...

ש ר ה ש פּ י ר אַ [מיט גיפט]. אַזוי ? ס'איז גאָרניט קיין אָפּגערעדטע זאַך בײ דיר מיט'ן גוי פון פריהער ? דער רב רב לוי הײלפּערין איז דאָך מסתּמא אַ ליגנער ? אָדער דער טאַטע האָט דאָס אודאי פונ'ם קאָפּ אויסגעטראַכט ?

בּ ע ט י [אויפגערעגט]. מיר דאַכט, מאַמע, אַז מיך קענסט דו אויך נישט פאַר אַזאַ גרויסע ליגנערין. איך האָב אייך ביז אַהער נאָך מיט קיין זאַך ניט געליגנערט ! [מיט האַרץ]. אַז איך שווער דיר בײ מיין לעבען, אַז איך הער עס ערשט פון דיר, גלויבסט דו מיר ניט און הערסט ניט אויף מיך צו באַוואַרפען מיט שטעכ־ווערטלעך !...

ש ר ה ש פּ י ר אַ. מיט שטעכווערטלעך ? עס קאָן שוין גוט שטעכען און ברעכען מיינע שונאים, אַז מע דערמאָנט זיך, אַז דו האָסט גענומען בידים און האָסט צעשלאָגען אַזאַ גליק ! איך רעד שוין ניט פון דער באַבושקע — איך רעד פונ'ם קרן : אַזאַ גאָלדענער בחור, אַ טאַטענ'ס אַ קינד, אַ פּאַמיליאַנט, קומט־אַרויס פון אַזאַ משפחה !...

בּ ע ט י [שוין גאָר אויפגערעגט, צעשרייט זיך]. אָבער וואָס ווילט איהר האָבען פון מיין לעבען ? וואָס האָט איהר זיך אַלע אָנגעזעצט אויף מיר ? אַלע אויף מיר ! אַלע אויף מיר !... [פאַלט אויף אַ שטוהל, באַהאַלט דאָס פּנים אין די הענט, וויינט שטילערהייט. — עס דערהערט זיך אַ קלונג. שרה שפּירא לויפט עפענען און קומט באַלד אַרויף צוריק].

בּ ע ט י [הויבט־אויף דאָס פאַרוויינטע פּנים]. ווער איז ?

ש ר ה ש פּ י ר אַ [בייז]. דער גר.

בּ ע ט י. וואָסער גר ?

ש ר ה  ש פּ י ר אַ. דײַן איוואַן איוואַנאָוויטש! [בעטי האַפּט זיך אויף, ווישט זיך אויס די אויגען, מאַכט אַ באַוועגונג אַוועקצוגעהן, נאָר בלייבט שטעהן. שרה שפּירא געהט־אָפּ אין דער טיר, פון וואַנען איהר מאַן איז פריהער אַרויסגעקומען, רעדט בעת מעשה צו דער טאָכטער]. איך געה זיך דערווייל אָנטהון און בענטשען ליכט. [עס קומט־אַן ש נ י א ו ר ס אָ ן, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו, שוין ניט אין סטודענטישער אוניפאָרם, נאָר אין אַ שוואַרצען אַנצוג, אין וועלכען עס זעהט זיך נאָך מעהר רעליעף אַרויס זיין סעמיטישער טיפּ. די האָר, אָנגעפּאַרפומירט מיט פעטע, זעהען־אויס נאָך מעהר שוואַרץ און נאָך מעהר געגרייזעלט, ווי אַלע מאָל].

ש נ י א ו ר ס אָ ן [אויפגעלעגט, צו בעטין, גיט איהר די האַנט]. אייער פאָטער איז געווען אַזוי ליעבענסווירדיג און האָט מיר דערלויבט בייצוּוואוינען מיט אייך די צערעמאָניע פון אייער יום־טוב... [קוקט זיך אַרום]. וואו איז ער? מסתמא נאָך אין שוהל? אַ שאָד, וואָס ער האָט נישט געוואָלט מיך מיטנעמען אויך אין שוהל. דאָס וועט שוין זיין, זאָגט ער, צו פעט... [בעטי זעצט זיך, בעט איהם אויך זיצען. זי איז צעטראָגען]. וואָס איז עפּיס אייער מוטער אַזוי בייז אויף מיר? זי האָט מיר ניט געענטפערט אויף מיין גוטען־אָוועגט, און אויף מיין גראַטולירען זי מיט'ן פייערטאָג האָט זי עפּיס אַ מורקע געגעבען און איז אַנטלאָפען געוואָרען... [פויזע]. און איהר, בערטאַ דאַווידאָוונאַ, אויב איך האָב קיין טעות ניט, זענט מיר עפּיס אויך נישט אַזוי, ווי אַלע מאָל... [בויגט זיך צו צו איהר נאָהענט]. וואָס איז געשעהען, בערטאַ דאַווידאָוונאַ? וואָס קוקט איהר אויף מיר מיט אַזעלכע אויגען?

ב ע ט י [קוקט איהם גלייך אין די אויגען. רעדט שטיל. דאָס קול ציטערט]. איהר האָט מיר פאַרשאַפט, איוואַן איוואַנאָוויטש, גרויסע, גרויסע אומאָנגענעהמליכקייטען! [פון יענער זייט טיר באַווייזט זיך שרה שפּירא, אַ האַלב־אויסגעטהאָנענע, און ווינקט צו דער טאָכטער מיט די הענט, גיט איהר צייכענס, זי זאָל ניט רעדען. בעטי זעהט דאָס, און שניאורסאָן, וואָס זיצט מיט'ן פּנים צו בעטין און מיט'ן רוקען צו דער טיר, זעהט דאָס ניט].

ש נ י א ו ר ס אָ ן [צו בעטין]. איך? אייך? אומאָנגענעהמליכקייטען? מיט וואָס, צוםביישפּיעל?

ב ע ט י [ענטפערט ניט באַלד]. מיט אייער וויזיט בײַ'ם רבּ...

ש נ י א ו ר ס אָ ן [שטוינט]. וואָסער וויזיט? בײַ וועלכען רבּ? [שרה שפּירא באַווייזט זיך נאָך אַ מאָל, רופט מיט ענערגישע צייכענס בעטין צו זיך. בעטי זעהט דאָס, ריהרט זיך ניט פון אָרט].

ב ע ט י [צעמישט פון דעם, וואָס די מוטער שטעהרט זי]. יאָ, יאָ... וואָס פרעגט איהר מיך איבער עטליכע מאָל? צו וואָס אָפּלייקענען פון מיר? פון מיר!... [פּויזע. — רעדט שטיל, אויפגערעגט]. איהר זענט געוועזן בײַ'ם רבּ זיך באַראָטען וועגען אַזאַ וויכטיגען שריט, וואָס איהר געהט טהון... צוליעב... צוליעב מיר... און בײַ מיר האָט איהר גאָרניט געפונען פאַר נויטיג צו פרעגען?!... וואָס זאָל דאָס באַדייטען?... וואָס קוקט איהר מיך אָן? וואָס מאַכט איהר זיך, ווי איבערראַשט?... איהר וועט דאָך ניט אָפּלייקענען, אַז איהר זענט געוועזן בײַ'ם רבּ? הײַלפּערין רופט מען איהם...

ש נ י א ו ר ס אָ ן [שטוינט]. איך? בײַ'ם רבּ? בײַ הײַל־פּערין? איך הער דעם דאָזיגען נאָמען דעם ערשטען מאָל פון אייך אַצינד! איך שווער אײַך בײַ מיין עהרען־וואָרט! [שרה הערט ניט אויף צו רופען די טאָכטער מיט צייכענס].

ב ע ט י [שוין גאָר צעמישט]. אַצינד ווייס איך שוין ווידער ניט, וואָס דאָ קומט פאָר... וואָס טהוט זיך דאָ אַרום מיר?... אַז איך וועל ניט אַראָפּ פונ'ם זינען, וועט טאַקי זיין אַ וואונדער!... [חאַפּט זיך בײַ'ם קאָפּ].

ש ר ה ש פּ י ר אָ [מיינט, אַז די טאָכטער האָט ניט געזעהען, אָדער ניט פאַרשטאַנען, איהרע צייכענס, רופט זי הויך]. קום נאָר אַהער, בעטי, אויף אַ ווײַלע — איך דאַרף דיך האָבען! נו־זשע! גיכער! דער טאַטע וועט באַלד קומען פון שוהל, און איך דאַרף נאָך ליכט בענטשען, האָסט דו געהערט אַ ביסעל! [בעטי הויבט זיך אויף אָהן חשק, געהט צו דער מוטער].

ש נ י א ו ר ס אָ ן [אַ איבערראַשטער, שפּאַנט־אום עטליכע מאָל הין און הער, שטעלט זיך אָפּ, לעגט־צו אַ פינגער צום שטערן. נאָך אַ קורצער פּויזע]. אַאַאַ?... איצט פאַרשטעה איך שוין!... [ווייזט אויף יענער זייט טיר,

וואו זיין חבר'ס צימער געפינט זיך]. אָט דאַ ליגט דער הונט באַגראָבן!...

[לאָזט זיך אַהין, הערט זיך איין, קלאַפּט־אָן אין דער טיר. אין דעם קומט־אַן פון פאַדערצימער דער אמת'ער איוואַנאָוו, וואָס גילט אַלס שניאורסאָן, יום־טוב'דיג אָנגעטהאָן, מיט אַ פריש געראַזירט פּנים און מיט אַ גרויסען בוקעט בלומען אין האַנט. דער אמת'ער שניאורסאָן געהט איהם אַקעגען. זיי באַגריסען זיך. שניאורסאָן צום חבר]. אָהן אַ קלונג?

איוואַנאָוו. איך האָב אַ שליסעל. [באַווייזט איהם דעם שליסעל. לעגט־אַוועק דעם בוקעט אויפ'ן טיש].

שניאורסאָן. וואָס פאַר בלומען אין מיטען דרינען?

איוואַנאָוו. לכבוד אייער פּאַסחאַ...

שניאורסאָן. פאַר וואָס האָסט דו שוין ניט פאַרחאַפּט אין איינוועגס אַ חמצ'דיגען טאָרט אויך? וואָלט דיך שפּיריכע אַרויסגעוואָרפען מיט'ן טאָרט און מיט די בלומען אינאיינעם...

איוואַנאָוו [לאַכט]. אַ חאָמעץ — דאָס ווייס איך, אַז מע טאָר ניט. [קוקט זיך אַרום]. איך זעה, הערשקאָ, אַז דו ביזט שטאַרק אויפגעלעגט לכבוד יום־טוב? דאָס האָב איך דיר צו־געהאָלפען ביי'ם בעל־הבית, ער זאָל דיר דערלויבען צו זיין ביי דער צערעמאָניע פון אייער פּאַסחאַ.

שניאורסאָן. אַזוי? אַ שענעם דאַנק דיר דערפאַר!

איוואַנאָוו [לאַכט]. אַ קאָמישער מענטש אָט דער שפּיראַ! ער האָט זיך אַ מאָל דריי מיט מיר באַראָטען, צי זאָל ער דיר עס דערלויבען, צי ניין? אָט איז ביי איהם אויסגעקומען יאָ, און אָט — ניין. ער האָט אַלץ געציטערט, טאָמער זאָגט ער דיר אָפּ, זאָלסט דו ניט איבערטראַכטען וועגען אידען גאָט ווייסט וואָס, חאַ־חאַ! [באַטראַכט דעם חבר אין זיין שוואַרצען אַנצוג]. אינ'ם דאָזיגען קאָסטיום זעהסט דו אויס, הערשקאָ, ווי איין עכטער סעמיט, טשאָרט וואָזמי!

שניאורסאָן. און דו, וואַניאַ, זאָלסט זיך אָנטהון אין דריי סעמיטישע קאָסטיומען, וועסט דו אַלץ אויסזעהען, ווי אַ פּאָני, עס וועט דיר אפילו ניט העלפען די לעקציעס, וואָס דו געהסט נעמען ביי אונזער רב, ביי היילפּערין...

א י וו א נ אָ וו [איבערראַשט]. פון וואַנען ווייסט דו, אַז איך בין געוועזן ביי׳ם רב?

ש נ י א ו ר ס אָ ן [מיט גיפט]. חאַ־חאַ! פון וואַנען איך ווייס? איך ווייס אַלסדינג — האָב איך דיר שוין לאַנג געזאָגט. איך ווייס אפילו, וואָס דו האָסט ביי איהם געטהאָן...

א י וו א נ אָ וו [קוקט אראַפּ]. צום ביישפּיעל?

ש נ י א ו ר ס אָ ן [איראָניש]. ווי עס זעהט אויס, האָסט דו זיך אַ נעם געגעבען ווערען אַ איד טאַקי גאָרניט אויף קאַטאָוועס?

א י וו א נ אָ וו [וויל זיין רוהיג]. עס קאָן גאַנץ מעגליך זיין.

ש נ י א ו ר ס אָ ן. און מסתמא אַלץ צוליעב יענעם געוויסען צוועק?...

א י וו א נ אָ וו [ווי פריהער]. זעלבסטפאַרשטענדליך.

ש נ י א ו ר ס אָ ן [אַלץ מיט דעם זעלבען גיפט]. אַזוי זיכער ביזט דו אין דיין זיעג?

א י וו א נ אָ וו. אָהן צווייפעל.

ש נ י א ו ר ס אָ ן. און וועגען שטעהרונגען טראַכסט דו גאָרניט? האָסט קיין מורא פאַר... קאָנקורענטען, למשל?

א י וו א נ אָ וו [הויבט־אויף די אויגען]. קאָנקורענטען?... אפשר ביזט דו דאָס פון די קאָנקורענטען? אַ־זוי?... איצט פאַר־שטעה איך שוין, פאַר וואָס דו ווייסט אַזוי פיעל...

ש נ י א ו ר ס אָ ן. נישט מעהר וויפיעל מיר איז נויטיג.

א י וו א נ אָ וו. אויף צו טרייבען שפּיאָנאַזש אַרום מיר און אָנצוהאַלטען די קאָנקורענציע?...

ש נ י א ו ר ס אָ ן. דו וועסט מיך ניט איבערשרעקען מיט קיין ווערטער...

א י וו א נ אָ וו. איצט פאַרשטעה איך שוין, פאַר וואָס עס טהוט דיר אַזוי וועה דער קאָפּ פאַר מיר...

ש נ י א ו ר ס אָ ן. ווייל איך וויל ניט, זאָלסט זיך מאַכען צום נאַר... עס וועט דיר ניט העלפען קיין רב, קיין צעהן רבנים אויך — זאָג איך דיר פריהער!

איוואַנאָוו [שטאַרק אויפגערעגט. שוין אויך מיט גיפט]. אַלס גוטער פרײַנט, נאַטירליך, זאָגסט דו דאָך עס מיר... און איך בין געווען אַזאַ נאַר און האָב דיר טאַקי געגלייבט ביז אַהער... איך האָב געמיינט, עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז עס געהט בײַ דיר טאַקי פון דײַן גוטפרײַנטשאַפט. איצט באַווײַזט זיך גאָר אַרויס אין דיר אַ קאָנקורענט... און אפשר נאָך אַ „געפעהרליכער" קאָנ־קורענט? חאַ־חאַ!...

שניאורסאָן [דרייסט]. זאָלסט דו טאַקי וויסען! און ס'איז זעהר גוט, וואָס דו ווייסט עס! די קאָרטען זענען אָפען, וועלען מיר, הייסט עס, שפּיעלען איין אָפענעם זעכס־און־זעכציג!

איוואַנאָוו. גוט. איך נעם־אָן דעם קאַמף!

שניאורסאָן [שטאַרק אויפגערעגט]. אומזיסט לאַכסט דו אַזוי, וואַניאַ. וועסט זײַן געשלאָגען, ווי אַ...

איוואַנאָוו [נישט ווייניגער אויפגערעגט]. מיר וועלען שוין זעהען, ווער ווען!... [עס קומט־אַרויס שרה שפּיראַ, אָנגעטהאַן יום־טוב'־דיג, זעהט־אויס אַ סך יונגער און שענער — גאַרנישט צו דערקענען. זי טראָגט צוויי זילבערנע לייכטער מיט אָנגעצונדענע בענטשליכט. נאָך איהר געהט בעטי אויך מיט צוויי זילבערנע לייכטער. אַלע פיער לייכטער ווערען אַוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש. ביידע חברים פלייסען זיך באַגעגענען די דאַמען מיט אַ שמייכעלע. שרה שפּיראַ ענטפערט דעם קוואַרטיראַנט מיט אַ פריינטליכען גוט יום־טוב, און אויך זיין חבר, אויפ'ן אמת'ען שניאורסאָן, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו, וויל זי אפילו קיין קוק נישט טהון. אַקעגען אַבער בעטי איז מעהר צוגעלאָזט צום אמת'ען שניאורסאָן, ווי צום אמת'ען איוואַנאָוו. אַלע פיהלען זיך ניט גוט. עס נעמט אַבער נישט קיין סך צייט, ווייניגער ווי אַ מינוט. עס קומט־אַן דוד שפּיראַ מיט אַ ברייטען גוט יום־טוב. נאָך איהם סיאָמקע].

דוד שפּיראַ [אויף אידיש]. גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!

סיאָמקע [נאָך איהם]. אַ גוט יום־טוב!

שרה שפּיראַ. גוט יום־טוב, גוט יאָהר!

בעטי. גוט יום־טוב. [ביידע חברים פאַרנייגען זיך פאַר'ן בעל־הבית גאַנץ העפליך. — נישט קוקענדיג אויפ'ן ברייטען „גוט יום־טוב", זעהט־אויס דוד שפּיראַ שטאַרק צערודערט. שרה און בעטי זענען פאַרוויינט. ביידע חברים זענען אָנגעדרודעלט איינס אויף דאָס אַנדערע. נאָר איין סיאָמקע איז

אויפגעלעגט, שפּיעגעלט זיך אין דעם פינקעלדיגען ווייז, וואָס אויף ארבע כוסות, און בלעטערט די הגדות, וואָס ליגען אויפ׳ן טיש].

ד ו ד ש פּ י ר אָ [ווייל צעשלאָגען די שטימונג, באַטראַכט דעם טיש מיט דער קערה מיט אַלע זאַכען, פאַרקאַטשעט די אַרבעל, רעדט ווי צו זיך אַליין]. נו? איז שוין צוגעגרייט, הייסט עס, אַלסדינג ביי דיר? די קערה מיט די מצות מיט די הגדות, און אליהו הנביא׳ס כּוס איז אויך דאָ? קאָן מען, הייסט עס, זיך נעמען צו דער אַרבייט? [זיפצט]. שוין לאַנג אַזאַ פּסח ניט געווען! אָט די מימרות מיט די זאָגעכצען, וואָס אין שטאָדט, מיט די פּחדים פאַר אַ פּאָגראָם, מיט די דעפּוּ־טאַציעס צום גובערנאַטאָר, און ועל כּולם — אָט דאָס פּעקעל מיט דער דיעלאָ — אַלסדינג אַרום און אַרום... [ווייזט מיט דער האַנט אַרום קאָפּ]. אַזאַ פּסח זאָל זיך שוין נישט אומקעהרען!...

ש ר ה ש פּ י ר אָ. נישט כּדאַי פאַר׳ן סדר צו דערמאָנען... גאָט וועט העלפען, וועלען מיר עס, אם ירצה שם, איבערלעבען.

ד ו ד ש פּ י ר אָ. געוויס וועלען מיר עס איבערלעבען! מיר וועלען זיי אַלע איבערלעבען!... מיר האָבען איבערגעלעבט גרעסערע צרות, מיט גרעסערע המנס, מיט אַ פּרעה מלך מצרים... [טרעט־אָפּ פונ׳ם טיש]. נו? קינדער! קודם כּל [צום קוואַרטיראַנט], זאָגט אייער חבר, ער זאָל זיך מטריח זיין אַקאָרשט אָנטהון דאָס היטעל. ביי׳ם סדר איז מען זיך נוהג ביי אונז, מע זיצט אין היטלען. און איהר אַליין, הער שניאורסאָן, זייט מוחל אויך דאָס אייגענע... דאָס, וועניגסטענס, וואָלט אַזאַ איד, ווי איהר, וואָס קומט־אַרויס פון די ליבאַוויטשער שניאורסאָנס, כּלעבען, געמעגט וויסען... [ביידע חברים געהען־אָפּ אין פאָדערצימער, יעדער נאָך זיין היטעל, און קומען ביידע צו געהן שוין אָנגעטהאָן אין די היטלען. אין דער זעלבער צייט טהוט־אָן דוד שפּיראָ אויבען, אויף דער קאַפּאָטע, דעם צוגעגרייטען ווייסען קיטעל מיט די ברייטע אַרבעל און די ווייסע פאַרגעלבטע, מיט זילבער באַברעמטע, יאַרמעלקע מיט׳ן קאָטעס, און האַלט ביי אַרומגאַרטלען זיך מיט׳ן ווייסען אַלטען זיידענעם גאַרטעל. די אַריינגעקומענע חברים גרופּירען זיך אַדום בעטין, באַ־טראַכטען פון דער וויטען שפּיראָן אין זיינע ווייסע בגדים].

איוואנאוו [צו בעטין]. אייער פאטער זעהט אוים ווי א פאסטאר, ווי איין ארכיערײ...

שניאורסאן [אויך צו בעטין]. גיכער — ווי א כהן גדול אינ'ם אלטען בית־המקדש...

דוד שפירא [רופט־צו צו זיך מיט'ן פינגער דעם קווארטיראנט, דעם אמת'ען איוואנאוו]. פאני שניאורסאן! זייט זשע מוחל! [ער געהט־צו צו שפיראן, און דער אמת'ער שניאורסאן, וואס גילט אלס איוואנאוו, בלייבט שטעהן מיט בעטין פון יענער זייט טיש]. זעהט איהר אט דאס א? [ווייזט אויף דער יארמעלקע און אויפ'ן גארטעל]. דאס האב איך א ירושה פון מיין עלטער־עלטער־זיידען, פון די סלאוויטער... פון יענע סלאוויטער, וואס אט דעם עשו'ס [באווייזט מיט די אויגען פון דער ווייטען אויף שניאורסאנען, וואס גילט אלס איוואנאוו] — אט דעם עשו'ס עלטער־עלטער־זיידע האט אמאל גע'משפט מיט גנאט...

שרה שפירא [צום מאן, אויף אידיש]. צו־וואס דערמאנען איצט אזעלכע זאכען און דבר'ען פאר'ן ערל אזעלכע רעד?

דוד שפירא [צום ווייב, אויך אויף אידיש, ווייזענדיג מיט די אויגען אויף שניאורסאנען]. זעהסט דאך, ווי עס אהרט איהם, דעם גר־צדק, ווי דער פאראיאהריגער שניי...

בעטי [אויפגעטראגען פון פריהער און פון דעם, וואס פאטער און מוטער ווארפען זיך דורך מיט אידישע רעד, ווענדט זיך מיט איין אויסגעמוטשעט שמייכעל צו שניאורסאנען. זי וויל איהם ארויסבאווייזען מעהר פריינטליכקייט איבער דעם, וואס איהר פאטער איז פלוצים צו איהם געווארען אזוי קאלט און רעדט כסדר נאר מיט'ן קווארטיראנט]. אייך, איוואן איוואנאוויטש, באדארף זיך אויסווייזען מאדנע [באווייזט איהם אויפ'ן טיש] אט דער גאנצער פאראד מיט דער גאנצער צערעמאניע...

שניאורסאן [וואס שטעהט נאהענט צו בעטין און הערט זיך צו מיט איין אויהער, וואס שפירא רעדט מיט זיין חבר, ענטפערט איהר אויך מיט א שמייכעל און שטיל, אזוי אז נאר זי אליין זאל הערען]. א סך מעהר מאדנע ווייזט מיר אוים אט דאס, וואס אייער פאטער איז אויף מיר אזוי אנגעשטויסען. און מעהר פון אלסדינג אהרט מיך אט

דאָס, וואָס איהר אַליין, בערטאַ דאַווידאָוונאַ, זעהט מיר אויס הײנט אַזוי טרויעריג... עס טהוט מיר וועה דאָס האַרץ קוקענדיג אויף אייך... איך פאַרזיכער אייך, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ מיספאַר־שטענדעניש, וואָס מיט דער צייט וועט זיך עס אַרויסבאַווייזען...

בּ ע ט י [קוקט אויפ'ן פאַטער און רעדט צו שניאורסאָנען שטיל, אַזוי אַז ער אַליין זאָל זי הערען]. פאַר מיר איז אַלסדינג איין מיספאַר־שטענדעניש... אַ רעטעניש פונ'ם אָנהויב ביז'ן סוף... עס דרעהט זיך מיר דער קאָפּ, און אַלץ זעהט מיר אויס, ווי אַ חלום, ווי אַ פאַרדרעהטער, פאַרפּלאָנטעטער חלום...

ד ו ד ש פּ י ר אָ [צו דער טאָכטער, זעהט פון דערווייטען, אַז זי רעדט עפּיס מיט'ן קוואַרטיראַנט'ס חבר. שטרענג]. בּעטי! וואָס דער־צעהלסט דו דאָרטען איוואַן איוואַנאָוויטשען?

בּ ע ט י [צום פאַטער, הויך]. פונ'ם סדר רעדען מיר...

ד ו ד ש פּ י ר אָ. אַ? דו מאַכסט איהם קלאָר דעם סדר, ווי אַזוי עס קומט בּיי אונז פאָר? דאָס טהוסט דו זעהר גוט! דערקלער איהם שוין אַלסדינג. און וואָס האָט איהר זיך אַוועק־געשטעלט אַזוי ווייט? קומט אַהער אַ בּיסעל נעהענטער! [בּעטי און שניאורסאָן געהען־צו נעהענטער צו שפּיראָן]. פאַר וואָס זאָל ער ניט זעהען אַלסדינג פון דער נאָהענט? [צום קוואַרטיראַנט, ווייזט איהם אויף דער קערה]. אַט זעהט איהר אַט די קערה? [איוואַנאָוו, שניאורסאָן און בּעטי קוקען־אַריין אַלע דריי אין דער קערה]. זאָגט איהם, פּאַני שניאור־סאָן, זאָגט איהם, אייער חבר, — איהר וועט דאָס איהם בּעסער קאָנען געבּען צו פאַרשטעהן, — אַז דאָס אַלסדינג איז אַ זכר פון מצרים. [באַווייזט אויפ'ן מרור]. דאָס, למשל, איז חריין... מרור ווערט דאָס בּיי אונז אָנגערופען. די טייטש איז — בּיטערניש. אַ וואונק אויפ'ן וימררו — וואָס מע האָט אונז פאַרבּיטערט דאָס לעבּען אין מצרים, ניט ערגער ווי מע פאַרבּיטערט אונז דאָס לעבּען איצט אויך... און דאָס [ווייזט אויפ'ן חרוסת] איז בּיי אונז אַ „זכר לטיט", וואָס אונזערע עלטערען האָבּען געקנאָטען לעהם און געמאַכט ציגעל, איהר פאַרשטעהט צי ניין, פאַר פּיתום מיט רעמסס... [די דריי קוקען־

אַרייַן אינ'ם חרוסת, און מער פון אַלעמען קוקט טאַקי אַרייַן איוואַנאָוו, דער וואָס גילט אַלס שניאורסאָן]. איהר מיינט, ס'איז טאַקי לעהם? ניין, עס האַפּט נאָר דעם אָפּבליק, עס זעהט־אויס ווי לעהם, רויטע לעהם. בסך־הכּל איז עס צעריבענער עפּעל מיט צעשלאָגענע ניס. און דאָס, וואָס ס'איז באַגאָסען מיט רויטען, זאָלט איהר זיך ניט שרעקען — ס'איז חלילה נישט קיין בלוט... ס'איז וויין... [רעדט צום קוואַרטיראַנט און קוקט אויף זיין חבר]. קוקט אייך נאָר גוט צו!... [אַלע דריי קוקען, און מער פון אַלע — איוואַנאָוו, דער, וואָס גילט אַלס שניאורסאָן]. „חרוסת" ווערט דאָס אָנגערופען בּיי אונז... איהר פאַרשטעהט צי ניין, חרוסת!... נו, און דאָס איז אַ פליגעלע מיט אַ גערגעלע פון אַ הוהן — אַ זכר פונ'ם „קרבן־פּסח", וואָס איז געווען אַמאָל בּיי אידען... אָבער נאָר אַ זכר, מער ניט אַז אַ זכר, איהר פאַרשטעהט צי ניין! וואָרום קיין קרבנות איז שוין בּיי אונז היינט ניטאָ. אַ סוף! שוין העכער צוויי טויזענט יאָהר אַז ס'איז ניטאָ בּיי אונז קיין שום קרבנות, קיין סימן ניט!... אַצינד, אַז איהר זעהט שוין אַ ביסעל קלאָר געוואָרען אין די אַלע זאַכען, מעגען מיר זיך שוין נעמען אָפּריכטען דעם סדר, ווי מיר האָבען עס בירושה פון אונזערע עלטער־עלטער־זיידעס. איך וועל מיך באַזעצען אויבענאָן, אָט אויף אַ דעם העסבעט [טהוט זיך אַ זעץ־אַריין אין די אויסגעבעטע קישענס און מאַסטעט זיך איין], ווי אַ מלך, צו באַווייזען, אַז מיר זענען אַ פאָלק פון מלכים, פון פרייע מענטשען, ניט פון קנעכט, פאַרקויפטע, ווי אַמאָל, צו פּרעה מלך מצרים... און איהר זעצט זיך נאָר אויס אַלע אַרום טיש, נעהענטער צום מלך... אָט אַזוי... [אַלע זעצען זיך אויס אַרום טיש. שרה שפּירא — אין דער רעכטער האַנט פונ'ם מאַן. פון דער לינקער האַנט זעצט זיך בעטי. נעבען איהר — דער קוואַרטיראַנט. אַקעגען — דעם קוואַרטיראַנט'ס חבר מיט סיאָמקען. דוד שפּירא האָט פאַר זיך איין אַלטע הגדה. שרה שפּירא — אַ גראָבען „קרבן־מנחה". צו בעטין איז דער הגדה קוקט־אַריין דער קוואַרטיראַנט, וואָס גילט אַלס שניאור־סאָן. צו סיאָמקען אין זיין קליין הגדה'לע קוקט־אַריין דעם וואַרטיראַנט'ס חבר, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו. דוד שפּירא עפענט־אויף די אַלטע הגדה, באַווייזט זי דעם קוואַרטיראַנט איוואַנאָווען]. זעהט איהר אָט די אַלטע הגדה?

דאָס איז בײַ מיר אויך אַ ירושה פון די סלאַוויטער... [מישט־אויף דאָס שער־בלאַט]. טאַקי נעבעך פון זייער אייגענער דרוק, „דפוס סלאַוויטאַ" — געדרוקט אין סלאַוויטע... [זיפצט]. עך־עך־עך! די הגדה זאָל קאָנען רעדען, וואָלט זי געהאַט וואָס צו דערצעהלען... אצינד הויבען מיר אָן! [נעמט אַ קאַראַפין מיט וויין און הויבט־אָן צו גיסען אין די כוסות, רעדט דערווייל צו סיאָמקען]. ווי מיינסט דו, זוהנעניו, וועסט זיך מיר ניט פאַרפּלאָנטען, דו שקאָץ איינער, אין די פיער קשיות, ווי פאַראיאָהרען אין דער צייט?

ס י אָ מ ק ע [לאַכט]. זאָל גאָט היטען! איך קען זיי אויף אויסוועניג, ווי אַ וואַסער!

ש ר ה ש פּ י ר אָ [קוועלט, שעפּטשעט]. מיר פאַר דיין פּיסק! [שפּיראָ האָט נאָך ניט אָנגעפילט קיין צוויי כוסות, דערהערט זיך אַ שאַרפער און אַ לאַנגער קלונג. אַלע טהוען אַ ציטער־אויף אויף די ערטער].

ד ו ד ש פּ י ר אָ [שטעלט־אַוועק דעם וויין]. וואָס איז דאָס? פלוצים גאָר אין מיטען דרינען? ווער קאָן דאָס זיין?

ש ר ה ש פּ י ר אָ [טוידט]. דער קלונג, האָב איך מורא, שמעקט מיט פּאָליציע... סיאָמעניו, זיי זיך מטריח. [נאָך איידער זי זאָגט דאָס אַרויס, איז שוין סיאָמקע אויף די פיס. ער לויפט־אַראָפּ עפענען. אַלעמענ׳ס אויגען זענען געווענדט צו דער טיר. עס נעמט נישט קיין האַלבע מינוט, איז שוין סיאָמקע דאָ צוריק איין איבערגעשראָקענער].

ס י אָ מ ק ע. זשאַנדאַרען מיט נאַדזיראַטעלים אָהן אַ שיעור, און אונזער דוואָרניק אויך מיט זיי!...

ד ו ד ש פּ י ר אָ [טוידט]. איין אָבלאַווע? פּסח צום סדר?! דאָס טרעפט מיר דעם ערשטען מאָל אויף מיין לעבען!... [עס עפענט זיך די טיר און עס קומען־אַריין אַ גאַנצע חאַליאַסטרע זשאַנדאַרמען, נאַדזיראַטעלים, געהיימפּאָליציסטען, און אַ גוי אַ דוואָרניק מיט אַ בלעכעל אויפ׳ן היטעל, אויף וועלכען סע שטעהט אָנגעשריבען אויף רוסיש: "Дворникъ", און מיט אַ גרויסען בוך אונטער׳ן אָרעם. דער עלטסטער צעשטעלט די זשאַנדאַרמען מיט די נאַדזיראַטעלים, ביי יעדער טיר אַ זשאַנדאַרם מיט אַ נאַדזיראַטעל, און אַליין געהט ער צו מיט צוויי נאַדזיראַטעלים צום טיש. דוד שפּיראָ וויל אויפשטעהן אָקעגען די געסט].

דער עלטסטער [הויבט־אויף די האַנט]. ווסיע נאַ מיעסטאַך — אַלע זאָלען בלייבען זיצען אויף זייערע ערטער! [צו דוד שפּיראָן]. ווער איז דאַ דער חאַזיאַאין?

דוד שפּירא [קוים וואָס ער קאָן אַרויסרעדען אַ וואָרט, נאָר רעדט מיט שטאָלץ]. דער חאַזיאַאין, דער בעל־הבית — דאָס בין איך.

דער עלטסטער. אייער נאָמען?

דוד שפּיראָ. סלאַוואָטסקי מיעשטשאַנין דאַוויד שליאַמאָוו שאַפּיראָ. שאַ־פּי־ראָ.

דער עלטסטער [ווייזט אויף שׂרה׳ן]. און דאָס איז?

דוד שפּיראָ. מיין ווייב סאַראַ יצחק־לייבאָווא שאַפּיראָ. [ווייזט אויף בעטין און אויף סיאָמקען]. און דאָס זענען מיינע קינדער בערטאַ און סאַלאָמאָן.

דער עלטסטער. בערטאַ און סאַלאָמאָן... און ווער איז אָט דער? [ווייזט אויף שניאורסאָנען, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו].

דוד שפּיראָ. דאָס איז אַ גאַסט ביי אונז. אַ כּריסט. איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו. אַ דעיסטוויטעלני סטאַטסקי סאָוויעטניק׳ס אַ זוהן...

דער עלטסטער [קוקט זיך איבער מיט זיינע חברה־לייט]. אַ כּריסטיאַנין? אַ פּראַוואָסלאַוונעי? איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו? ווי קומט אַהער אַ כּריסטיאַנין? אויף אַ אידישען מאָהלצייט? אין אַ אידישען פּראַזדניק?

דוד שפּיראָ [הויבט־אָן קומען צו זיך, רעדט גיך]. דער כּריסט איז, אייגענטליך, ניט אונזער גאַסט, נאָר דער גאַסט פון אונזער קוואַרטיראַנט. מיר האָבען אַ קוואַרטיראַנט אַ דאַנטיסט. [ווייזט אויף איוואַנאָוון, וואָס גילט אַלס שניאורסאָן]. דאָס הייסט, זיין וואָלט ער באַדאַרפט זיין אַ סטודענט, נאָר איזען איז ער אַ דאַנטיסט, איבער די פּראָצענטען און איבער די זשערעבעס, וואָס מע האָט היינט צוגעטראַכט אין אוניווערסיטעט, אַזוי ווי, למשל, צום פּריזיוו אַז מע גערט...

ד ע ר ע ל ט ס ט ע ר [א מאך מיט דער האנט]. דאס איז ניט אינטערעסנע! איהר זאגט מיר בעסער איין אנדער זאך, ליעבער מענטש. ביי אייך דארף דא זיין איינער א איד, פון די שניאור־סאָנס... וואו איז ער ערגיץ?... [קוקט זיך ארום].

ד ו ד ש פ י ר א [קוקט זיך איבער מיט'ן ווייב, דערשראקענע, רעדט שטיל, אויף אידיש]. א גוט יום־טוב! קעצעלע האט אבער געזאגט, אז מע זוכט איהם מיט ליכט!...

ש ר ה ש פ י ר א [ברעכט די הענט, שטיל]. וועה איז מיר, וואס זשע וועט זיין?

ד ע ר ע ל ט ס ט ע ר [צו דוד שפירא, צעציהט די ווערטער]. ביי דיר געפינט זיך א איד שני־אור־סאן. וועסט זיך ביי מיר ניט אויסדרעהען! אט באלד וועלען מיר זעהען. [צום דווארניק]. דווארניק, סטופאי סיודא! [דער דווארניק מיט'ן בלעכעל און מיט'ן בוך געהט־צו צום עלטסטען. דער עלטסטער נעמט ביי איהם דאס בוך, עפענט דאס אויף, זוכט, באווייזט מיט'ן פינגער שפיראן]. אט איז די פאדווארנע קניגא, און אט שטעהט פארשריבען שווארץ אויף ווייס, אז... [אלע פאלי־ציסטען בויגען זיך אן, קוקען־אריין אין בוך. דער דווארניק מיט'ן בלעכעל בויגט זיך אויך אן איבער'ן עלטסטען און קוקט אויך אין בוך אריין. דער עלטסטער הויבט־אויף דעם קאפ, דערזעהט דעם דווארניק'ס פיזיאנאמיע, טהוט א הוק אויף איהם]. פשאל!... [דער דווארניק שפרינגט־אפ, דער עלטסטער זעצט־פאר]. אט דא שטעהט פארשריבען, הייסט עס, אז ביי אייך וואוינט איינער א שקלאווסקי מיעשטשאנין מיט'ן נאמען הערש מאוושאוו שניאורסאן. וואו איז ער? [קוקט טריאומפירענד אויף שפיראן. דוד שפירא קוקט אויפ'ן ווייב, און איידער ער באווייזט צו זאגען א ווארט, רופט זיך אפ פון זיין ארט, ניט אויפשטעהענדיג, דער אמת'ער איוואנאוו, וואס גילט אלס שניאורסאן].

א י ו ו א נ א ו ו [רוהיג און הויך]. שניאורסאן — דאס בין איך.

ד ע ר ע ל ט ס ט ע ר [קוקט זיך איין אין איוואנאוון]. איהר זענט דאס דער שניאורסאן? [קוקט זיך איבער פארוואונדערט מיט זיינע חברה־לייט. איינער נעמט־ארויס א קליין עלעקטריש לאמטערנדעל, טהוט א

שטעל־אן דאס ליכט גלייך אויף איוואנאוון. אלע באטראכטען איהם פאר־וואונדערט. — דער עלטסטער צו שפיראן]. ניין, גאספאדין שפירא! איהר זענט מיר צו א קלוגער איד! איהר באווייזט אונז דעם אמת׳ען שניאורסאן, פון יענע, פון די ליבאוויטשער...

דוד שפירא [קוקט אויפ׳ן ווייב, צענעמט די הענט]. וואס וויל ער פון מיין לעבען?

איוואנאוו [נעמט־ארויס פון דער זייט־קעשענע א פאק פאפיערען, ציהט זיי אויס צום עלטסטען, רעדט מיט איראניע]. איהר גלויבט ניט, אז איך בין שניאורסאן? אט האט איהר מיינע דאקומענטען, וואס וועלען אייך איבערצייגען, אז דאס בין איך דער „צאדדיק״ שניאור־סאן, וואס איהר זוכט איהם און וואס איהר דארפט איהם אזוי נויטיג האבען צו אייער אומגעלומפערט־געקינצעלטען פראצעס, מיט וועלכען איהר מאכט זיך לעכערליך פאר דער גאנצער וועלט...

דער עלטסטער [אויפגערעגט, צו איוואנאוון]. קאק ווי־סמעיעטיע — ווי וואגט איהר צו רעדען מיט פאליציע מיט אזא שפראך?!

איוואנאוו [מיט פייער]. דערפאר, ווייל איהר און די, וואס האבען אייך געשיקט אהער, ווייסט ניט, וואס איהר טהוט! אין אייער פארבלענדעניש דעקט איהר צו מיט שאנד דאס גאנצע לאנד אונזערס...

דער עלטסטער [אויסער זיך פאר כעס, צו איוואנאוון]. ניע ראזסוזשדאט!... [צו די קאלעגען]. זייער לאנד!... [קוקט זיך איבער מיט א איראניש געלעכטער מיט זיינע חברה־לייט, וואס שטוינען, הערענ־דיג פון א אידען אזעלכע ווערטער].

איוואנאוו. גו־יא! אונזער אלעמענ׳ס לאנד, ניט נאר אייערס!

דער עלטסטער [א טופ מיט׳ן פוס]. מאלטשאט, זשיד פראקליאטעי!... אט היים איך, מע זאל דיך נעמען, וועסט דו ביי מיר אנדערש רעדען!... [אלע ווערען פארגליווערט פאר שרעק, אויסער איוואנאוו און זיין חבר, דער אמת׳ער שניאורסאן].

ש נ י א ו ר ס אָ ן [חאַפּט זיך אויף פון זיין אָרט, טהוט אַ ציה די הענט צום עלטסטען]. פּאַרדאָן! [באַווייזט אויפ'ן חבר]. לאָזט איהם צו־רוה. ער איז ניט שניאורסאָן. דער אמת'ער שניאורסאָן — דאָס בין איך! [אַלע קוקען אויף שניאורסאָנען. די היימישע מיינען, ער איז אַראָפּ פונ'ם זינען. דער נאַדזיראַטעל שטעלט־אָן אויף שניאורסאָנען דאָס לאָמטערענדעל. אַלע קוקען זיך איין אין זיין פּנים, קנייטשען מיט די פּלייצעס, פאַרשטעהען ניט, וואָס דאָ קומט־פאָר].

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [צום ווייב, אויף אידיש]. וואָס איז דאָס פאַר איין אָנשטעל, איך בעט דיך?

ש ר ה  ש פּ י ר אָ. אַלע בייזע וויסטע חלומות!...

ש נ י א ו ר ס אָ ן [באַלויכטען פונ'ם לאָמטערענדעל, צו פּאָליציע]. קוקט, קוקט זיך צו גוט!... מיר דאַכט, אַז מע קאָן דאָס אַרויס־זעהען אין דער פינסטער אויך, ווער פון אונז ביידע איז דאָ דער אמת'ער שניאורסאָן... אַ צדיק, אָדער ניט קיין צדיק — נאָר דער אמת'ער שניאורסאָן — דאָס בין איך!

א י ו ו אַ נ אָ ו [פון זיין אָרט]. ניין, איך! וואָס הערט איהר איהם? ער שפּאַסט, ער טרייבט קאַטאָוועס. אָט זענען מיינע פּאַפּיערען...

ש נ י א ו ר ס אָ ן [צו איוואַנאָווען]. וואַניאַ! גענוג! איצט געהט ניט מעהר קיין קאַטאָוועס. די זאַך איז צו ערנסט. [צום עלטסטען]. פּאַפּיערען האָב איך אויך! [נעמט אויך אַרויס פּאַפּיערען פון קעשענע]. די פּאַפּיערען זענען אָבער גאַרנישט. די פּאַפּיערען זענען געביטענע. די פּאַפּיערען, וואָס מיין חבר האַלט, — דאָס זענען, אייגענטליך, גאָר מיינע דאָקומענטען. און אָט די פּאַפּיערען, וואָס ביי מיר אין האַנט, — דאָס זענען די דאָקומענטען פון מיין חבר איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו. אין דעם איז אַ גאַנצע געשיכטע. איך קאָן זי אייך דערצעהלען אין דריי ווערטער. זייט אַזוי גוט!

[ציהט־אויס צום עלטסטען די פּאַפּיערען. דער נאַדזיראַטעל שטעלט־אָן נאָך אַ מאָל דאָס לאָמטערענדעל אויף ביידע יונגעלייט, קוקט זיך איבער פיעלדייטיג מיט זיינע קאָלעגען. דער עלטסטער נעמט־צו ביי ביידע חברים די פּאַפּיערען און קוקט אין זיי אַריין אינאיינעם מיט זיינע קאָלעגען. דערזעהען, אַז פּאָליציע

שטודיערט די פאפיערען, געהט־צו ווידער א מאל דער דווארניק מיט'ן בלעכעל און שטעקט אריין זיין נאז אויך].

דער עלטסטער [טהוט א דרעה־אויס דעם קאפ צום דווארניק און א הוק אויף איהם]. פשאל!... [דער דווארניק שפרינגט־אפ. — איז דער זעלבער צייט קומט־פאר א געשפרעך אין אידיש צווישען שניאורסאן, דוד שפירא, שרה שפירא און בעטי, וואס זיצט אקעגען שניאורסאנען אזוי איבערראשט, אז זי האלט כמעט ביי פאלען אין חלשות].

שניאורסאן [צו בעטין, אויף אידיש]. זייט נאר רוהיג, בערטא דאווידאווונא, דא וועט זיך באלד דערקלערען דאס רעטעניש, ווי איהר רופט דאס, און איהר וועט פארשטעהן אלס־דינג... [צו דוד שפירא, אויך אויף אידיש]. און איהר זאלט גאר קיין מורא ניט האבען, רב דוד, איך בין דאס טאקי דער אמת'ער שניאורסאן, וואס זיי דארפען האבען צום רומעל, נאר איך הער זיי, ווי די קאץ!

דוד שפירא [צום ווייב]. דו הערסט, שרה? ער רעדט דאך אידיש!

שרה שפירא. נסים פון גאט — א איד רעדט אידיש!

דוד שפירא. האב איך ניט געזאגט די גאנצע צייט, אז ער האט א אידישע נאז?

שרה שפירא. דאס האב איך געזאגט, אז ער האט א אידישע נאז.

דוד שפירא. און איך וואס האב געזאגט?

שרה שפירא. דו האסט געזאגט: א אידישע נשמה.

דוד שפירא. גוט. לאז זיין א נשמה... ווער זשע פון די צוויי איז געוועזן ביי'ם רב, ביי רב לוי הייליפערין?

שרה שפירא. איך פארשטעה דא גארניט... און די באבושקע ווע מען'ס איז?

דער עלטסטער [איבערגעקוקט ביידענ'ס פאפיערען, איבער־געגעבען זיי איינעם פון די נאדזיראטעלים, ווענדט זיך צו דוד שפירא און צו שרה שפירא. שטרענג]. און איהר זאלט דא מיר נאר נישט איבער־רעדען זיך אויף אייער זשידאווסקי דיאלעקט: גער־גער־גער! פא־רוססקי זאלט איהר רעדען! אלע פא־רוססקי! [צו זיינע קאלעגען].

סטראַננאַ! אַ מאָדנע געשיכטע! דאָ קומט־פאָר עפּיס אַ שווינ־דעל! אַ אידישע מאַכענאַציע!

ש נ י א ו ר ס אָ ן [פון זיין אָרט]. קיין שום שווינדעל! קיין שום מאַכענאַציעס! דאָ איז געווען — איך וועל עס אייך דער־קלערען אין צוויי־דריי ווערטער — דאָ איז פאָרגעקומען אַ פּראָסטע וועטע צווישען צוויי חברים, וואָס האָבען נאָר־וואָס געענדיגט גימנאַזיע. איך, שניאורסאָן דער איד, האָב געענדיגט מיט אַ גאָל־דענער מעדאַל, און מיין חבר, אָט דער כּריסט איוואַנאָוו, האָט קוים־קוים געענדיגט. נו, האָבען מיר געהאַלטען אַ וועטע. איך האָב געזאָגט, אַז ס'איז שווער צו זיין אַ איד, און מיין חבר האָט געזאָגט, אַז ס'איז ניט אַזוי שרעקליך. האָבען מיר זיך — פאַראַ־יאָהרען ענדע מאַי איז דאָס געווען — געביטען מיט די דאָקומענטען און געקומען צו פאָהרען אַהער, אין אוניווערסיטעט. איך מיט זיין שוואַכען אַטעסטאַט מיט סאַמע דרייען, אַלס איוואַנאָוו, און ער מיט מיין י־ענצענדען אַטעסטאַט פון סאַמע פינפען און מיט אַ גאָלדענער מעדאַל, אַלס שניאורסאָן. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז מיך האָט מען באַלד צוגענומען אין אוניווערסיטעט, און איהם האָט מען געוויזען די טיר, וואָרום איידער מיר זענען געקומען אַהער, איז שוין דאָ געווען צוגעגרייט אַ צירקוליאַר וועגען ציהען זשערעבעס. נו, האָט ער זיך צוגעשריבען צו אַ דאַנטיסט און איז אויסגעריסען געוואָרען מיט זיין פּראַוואָזשיטעלסטוואָ אויף וואָס די וועלט שטעהט — ער ווייסט שוין דעם טעם, ווי גרינג ס'איז צו זיין אַ א ד! נאָר אַזוי ווי מיר האָבען זיך דאָס וואָרט געגעבען, ס'זיל זיין אַ סוד ביז דאָס יאָהר וועט זיך ענדיגען, האָבען מיר ביידע געהאַלטען וואָרט. און מיר וואָלטען דאָס וואָרט ניט געבראָכען איצט אויך, ביז ענדע מאַי. האָט זיך אָבער איצט געטראָפען אַזאַ צופאַל, וואָס קיינער האָט נישט געקאָנט פאָראויסזעהען, באַטראַכט איך מיך פריי פון מיין וואָרט. דאָ געהט דאָך אין גערעכטיגקייט — איהר זוכט מיט ליכט אַ שניאורסאָן, וואָס האָט אַ שייכות צום געוויסען ריטואַל־פּראָצעס, און איך בין דאָך דער אמת'ער שניאור־

סאַן, — ווי קאָן איך דערלאָזען, אַז פּאַר אַ אידען שניאורסאָן זאָל ליידען אַ כּריסט איוואַנאָוו? ווי אַזוי וועט איהר באַשולדיגען אייערען אַ כּריסט, אַ איוואַנאָוו, אַ זוהן פון אַ דעיסטוויטעלני סטאַטסקי סאָוועטניק, אַז ער באַנוצט אייער כּריסטליך בלוט אויף פּסח? אַז באַשולדיגען — וועט איהר שוין באַשולדיגען מ י ך, דעם אמת'ען שניאורסאָן, וואָס איך געהער מיך אַזוי אָן מיט אייער ריטואַל־פּראַצעס און מיט ריטואַל בכלל, פּונקט אַזוי ווי עס געהער זיך אָן אהער מיין חבר איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו! [ווייזט אויף זיין חבר].

א י ו ו א נ א ו ו [צו שניאורסאָנען]. האַסט אַראָפּגעריסען פון אונז ביידען די מאַסקע פאַר דער צייט, הערשקאַ. פּאַרפאַלען! נאָר ס'איז אַ שאָד, וואָס דו האָסט דאָס געטהאָן. וואָלט איך געוועזען שניאורסאָן ביז'ן סוף, וואָלט דאָס מיר געמאַכט פאַרגעניגען צו זיצען אויף דיין אָרט אויפ'ן באַשולדיגונגס־בענקעל. איך וואָלט זיי באַוויזען [ווייזט מיט'ן פינגער אויף אַלע פּאָליציסטען מיט'ן דוואָרניק אינאַיינעם], אָט די אַ, וואָס האָבען מיך געזויגען אַ גאַנצען ווינטער, ווי נאַריש און ווי לעבערליך ס'איז די גאַנצע געשיכטע זייערע מיט'ן ריטואַל!... איך וואָלט זיי באַוויזען, אָט אַ די אָ...

ד ע ר ע ל ט ס ט ע ר [צו ביידע חברים]. וואָס האָט איהר זיך אוועקגעשטעלט פּרעדיגען אָט אַ דאָ אַ? ! [איוואַנאָוו וויל ענדיגען. דער עלטסטער טהוט אַ טופּ מיט'ן פוס אויף איהם]. מאַלטשאַט! איך וועל אייך ביידען דאָס מויל פאַרשליסען! איך וועל אייך ביידען הייסען נעמען אהין!...

א י ו ו א נ א ו ו. דאָס וויל איך טאַקי!

ד ע ר ע ל ט ס ט ע ר [מלא רציחה. צו די גאָרזיראָטשעלים]. ביידען זאָלט איהר זיי נעמען און אָפּפיהרען! ווער פון זיי איז דער אמת'ער שניאורסאָן — דאָס וועט מען שוין דאָרטען דער־געהן — טאַם ראַזבערוט! מאַרש!... [ביידע גאָרזיראָטשעלים לאָזען זיך צו די צוויי חברים. די איבעריגע חברה רינגלען זיי אַרום. אַלע, וואָס אַרום

טיש, קוקען זיך איבער. אויף זייערע פּנים'ער איז אָנגעצייכענט וואונדער, קאָנפוז, איבערראַשונג און שרעק].

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [אויף אידיש]. חידושים ונפלאות — ממש יציאת מצרים!

ש ר ה  ש פּ י ר אָ [ברעכט די הענט]. וועה איז מיר! וואָס טהוט זיך דאָ?...

ב ע ט י. מאַמע! ס'איז מיר ניט גוט! [פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אויפ'ן שטוהל].

ש ר ה  ש פּ י ר אָ [לאָזט זיך צו דער טאָכטער]. אוי, אַ דונער האָט מיך דערשלאָגען! וואַסער! וואַסער!! [ביידע חברים ווילען זיך אַ וואַרף טהון נאָך וואַסער. די נאַדזיראַטעלים מיט די זשאַנדאַרמען האַלטען זיי אָפּ. סיאַמקע ציטערט און וויינט שטיל].

ד ו ד  ש פּ י ר אָ [שטעהט־אויף, לאָזט זיך צו דער טאָכטער מיט זיין אָנגעגאָסענעם כוס מיט וויין]. נעם, טאָכטער, אַ קאַפּעלע וויין, נעם! [גיסט איהר מיט ציטעריגע הענט אין מויל אריין]. אָט אַזוי. [צום ווייב]. ס'איז גאָרנישט! ס'איז גאָרנישט! ס'וועט איבערגעהן!... און איהם [וויזט אויף שניאורסאָנען] וועט אויך גאָרניט זיין. ס'איז נישט דער ערשטער בלבול. ס'איז ניט ווערטה אַ שאָס פּולווער... און דעם [וויזט אויף איוואַנאָווען] וועט אודאי גאָרניט זיין! אַ דעיסטוויטעלני סטאַטסקי סאָוועטניק'ס אַ זוהן!... [גלייכט זיך אויס ווי לאַנג ער איז, דערט הויך]. חידושים ונפלאות! יציאת מצרים! אַזאַ מעשה טרעפט זיך [צעציהט די ווערטער] איין מאָל אין צעהן טויזענט יאָהר! און נאָר ביי דוד שפּירא אין שטוב!...

## ד ע ר  פ אָ ר ה אַ נ ג  פ אַ ל ט.

ענדע פונ'ם פערטען אַקט.

# עפּילאָג

[א דעבאַרקאַדער פון אייזענבאַהן. — עס דרעהען זיך אַרום אַלערליי פּאַסאַזשירען, מיט און אָהן האַנטגעפּעק. — א גלאָק, א זייגער, עטליכע טאַטשקעס (פּושקאַרדס), וועגעלעך, מיט און אָהן באַגאַזש. — טרעגערס מיט בלעכלעך אויף די היטלען און מיט נומערען. — רעכטס, ביי דער וואַנט, דריי גלעזערנע טירען: ערשטע, צווייטע און דריטע קלאַס. אויפשריפטען אויף רוסיש. אויך „בופעט“ אויף רוסיש. — לינקס, ביי דער אַקעגען־וואַנט, זעהט זיך א לאַנגער וואַגאָן, בלויע פאַרב. אָנגעשריבען: .I КЛ — נעבען וואַגאָן — איין אָבערקאָנדוקטאָר מיט א פייפעלע אויפ׳ן האַלז. איין טיר פון וואַגאָן איז אָפען. פון די פענסטער זעהען זיך אַרויס פּנים׳ער פון פּאַסאַזשירען, הערען און דאַמען. — אויפ׳ן טירעל פון וואַגאָן שטעהט איוואַנאָוו, דער וואָס האָט ביז אַהער געגילט אַלס שניאורסאָן, אָנגעטהאָן אין א קעסטעלדיגער רייזעמיצע מיט א געלען רייזענטאַש איבער די פּלייצעס. איהם זענען אַרויס באַגלייטען און געפינען זיך נאָהענט צום וואַגאָן: דוד שפּירא, שרה שפּירא, און סיאָמקע נעבען זיי, זייער טאָכטער בעטי מיט׳ן אמת׳ען שניאורסאָן, וואָס האָט געגילט אַלס איוואַנאָוו. די ביידע שטעהען געאָרעמט, זעהען־אויס ווי א פּאָרפאָלק, נאָר־וואָס נאָך דער חתונה, אָדער ווי חתן־כלה פאַר דער חתונה. דאָס איז צו זעהען פון דעם תענוג, וואָס פאָטער און מוטער האָבען, קוקענדיג אויף זיי. דוד שפּירא ווייזט עס אַרויס דורך דעם, וואָס ער ווינקט צו שרה׳ן, זי זאָל קוקען. שרה שפּירא קוקט אויפ׳ן פּאָרפאָלק און קלויבט נחת. — אויסער דער פאַמיליע שפּירא, זענען אַרויסגעקומען באַגלייטען איוואַנאָווען אַלע זיינע באַקאַנטע: נרינסבערג, פּראָטקין, הורוויטש און קעצעלע; אויך די חאַליאַסטרע מיידלעך, וואָס זענען געווען ביי בעטין אויף די אימענינעס. — נעהענטער פון אַלע צום אָפּרייזענדען איוואַנאָוו שטעהט דאָס פּאָרפאָלק, שניאורסאָן און בעטי. אַלע דריי

קוקען זיך איבער, קענטיג, זעהר פריעדליך, מיט גוטפריינטשאפט און מיט ליעבשאפט. — אז דער פארהאנג הויבט זיך אויף, טהוט דער אבערקאנדוקטאר א פייף און א מאך מיט דער האנט ערגיץ ווייט ארויף — קענטיג, צו די איבעריגע קאנדוקטארען, מע זאל זיין גרייט. איוואנאוו שפרינגט דעמאלט אראפ פונ'ם וואגאן, לאזט זיך צום פארפאלק].

איוואנאָוו. צום לעצטען מאָל לאָמיר זיך נאָך אַ מאָל געזעגענען! [גיט זיין חבר שניאורסאָנען די האַנט].

שניאורסאָן. פאָהר געזונט, וואַניאַ, און פאַרגעס, פאַרגעס אַלסדינג, וואָס געווען... און דאַנק גאָט, וואָס דער שפּאַס, וואָס דו ביזט געווען זיין אויפטהוער, האָט זיך נישט אויסגעלאָזט מיט קיין ערנסט...

איוואַנאָוו. גאָט צו דאַנקען — ווייס איך ניט פאַר וואָס, נאָר דיר בין איך יאָ שולדיג אַ דאַנק פאַר דער לעקציע, וואָס דו האָסט מיר געגעבען. איך האָב אין דעם פאַרלאָרענעם יאָהר אַ סך געלערענט... און איך בעט דיך, הערשקאַ, זאָלסט מיר שרייבען פון אויסלאַנד, ווען איהר ביידע, דו און בערטאַ דאַווי־דאָוונאַ, וועט אַהין פאָהרען שטודירען. און לאָמיר אויף אונזער רוסישען שטייגער צעקושען זיך דריי מאָל. [ביידע חברים נעמען־אראפ די היטלען און צעקושען זיך דריי מאל גאנץ געשמאק, כמעט מיט טרערען אויף די אויגען. דערנאך געהט־צו איוואנאוו צו בעטין, נעמט־אראפ דאס היטעל, דריקט איהר די האנט לאנג און היים]. זייט געזונט, בערטאַ דאַווידאָוונאַ, און גליקליך! דערמאָנט מיך נישט צו בייזען! [טהוט איהר א קוש די האנט].

בעטי. און איהר, איוואַן איוואַנאָוויטש, פאַרגעסט ניט, אַז איהר האָט אונז דאָס וואָרט געגעבען, אַז מיר בלייבען שטענדיגע גוטע פריינט. אויף אייביג! אויף אייביג! [דריקט איהם די האנט זעהר ווארעם. — דער אבערקאנדוקטאר טהוט א מאך מיט דער האנט צו איוואנאווען, ער זאל אריין אין וואגאן, און טהוט א פייף צום צווייטען מאל. איוואנאוו קושט בעטין די האנט נאך א מאל און שפרינגט־אריין אין וואגאן, בלייבט שטעהן אויפ'ן זעלבען טירעל, נעמט־אראפ דאס היטעל, גריסט פריינטליך

צו אַלעמען. אַלע גריסען מיט דער זעלבער פריינטליכקייט צו איהם, מאַנסבילען מיט די היטלען, פרויען מיט די טיכעלעך. אין דער דאָזיגער צייט רעדט דוד שפּירא דאָס לעצטע וואָרט, אַרויסגעטראָטען אַ פּאָר שריט].

דוד שפּירא [מיט'ן קאַפּעליש אין האַנט]. נאָך אַ מאָל פאַהרט געזונטערהייט, איוואַן איוואַנאָוויטש, און לאָזט זיי גריסען דאָרטען אַלע אייערינע, און דערצעהלט זיי אַלץ, וואָס איהר האָט געזעהען און וואָס איהר האָט געהערט! לאָזען זיי וויסען, אַז ס'איז גרינג פון אַ אידען צו רעדען, אָדער צו שרייבען, אָפּצולאַכען, באַשולדיגען, אויסטראַכטען בלבולים, און נאָך אַזעלכע זאַכען. נאָר זיין אַ איד, איהר פאַרשטעהט צי ניין, איז ניט אַזוי גרינג! שווער צו זיין אַ איד!... [דער אבערקאָנדוקטאָר פייפט צום דריטען מאָל. — דער פאָרהאַנג פאַלט].

ע נ ד ע.

# טביה דער מילכיגער

אַ פֿאַמיליענבילד אין פיער אַקטען.

געשריבען אין יאָהר 1915.

# פּערזאָנען:

**טביה דער מילכיגער.** אַ שטאַרקער איד פון אַריבער פופציג. האַנדעלט מיט קעז און פוטער. אַנגעטהאַן דאָרפיש. די קאַפּאַטע אונטער־געשטעקט. די פאות אונטערגעהאַקט. אין באָרד געצעהלטע גרויע האָר. גוטע שמייכלענדיגע אויגען.

**גאָלדע.** זיין ווייב. געווען אַמאָל אַ שענע.

**ציַיטעל.** זייער טאָכטער. איין אויסגעגעבענע.

**חוה.** זייער צווייטע טאָכטער. אַ מיידעל.

**שלמה'לע.** }
**שיינדעלע.** } צייטעל'ס קינדערלעך.

**מיקיטאַ גאַלאַגאַן.** אַ געוועזענער וואָלאָסטנאַי שרייבער, איצט אַ בעל־הגוף. אַ גוי אַ יאַבעדניק.

**טעקלאַ.** זיין ווייב.

**פעדיאַ.** זייער זוהן. טראָגט לאַנגע האָר, אַ שוואַרץ העמדעל, הויכע שטיוועל — אַ לאַ גאָרקי.

**סטאַרשינאַ.** אַ בכבוד'ער גוי. האָט ליעב דעם טרונק.

**סטאַראָסטאַ.** אַ נידעריגער גויעץ, אַ גרויסער טרינקער.

**סאָטסקי.** געווען אַמאָל אַ טשערעדניק. אַ גוי מיט רויטע האָר.

**אוראַדניק.** אַ יונג מיט ביינער. שטרענג, ווי אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר.

**זאַזוליאַ.** אַ שרייבערעל אין וואָלאָסט. אַ יונגער שייגעץ. געפוצטע שטיוועל. מעשה פאַניטש.

גויים און גויעס, פאַרובקעס און שיקסעס מיט קאָרעלען און רויטע שיך.

אַלע פיער אַקטען שפּיעלען זיך אָפּ אין דאָרף: די ערשטע דריי — אין פאַר־לויף פון איין זומער; דער לעצטער אַקט — אין אַ פּאָר יאָהר אַרום.

# ערשטער אַקט

[אַ דאָרפשטוב. — אַ גראָם חדר. ווייס־געשמירטע ווענט. דריי טירען: איינע — אַנפּאָס, אין דרויסען אַרוים; איינע רעכטס, אין קיך צו; איינע — לינקס, אין אַ צווייטען חדר אַריין. צוגעקלויבען פּראָסט, בעל־הבתיש, נאָר ריין און זויבער. אַ דעמבענער טיש מיט הילצערנע בענקלעך. פון שאַפע קוקט־אַרויס אַ סאַמאָוואַר, אַ קופּערנע קוואָרט, איין אַלטמאָדישער קאַראַפין מיט אַ קידוש־גלעזעל פון פּאַר־ביגען קרישטאָל, אויך אַ גראָבע וואַקסענע הבדלה. אויף די ווענט — בילדער אָהן רעמלעך פון עפּיס אַ רב, פון רב משה מאָנטעפיאָרע, פון דאָקטאָר הערצל און פון גראַף טאָלסטאָי. אויך אַ אידישער וואַנט־לוח. איין אַלטמאָדישער וואַנטזייגער. — אין מיטען שטוב, אויף אַ טאַבורעט, זיצט ג אָ ל ד ע איבער אַ הילצערנער קאַדושקע און שלאָגט פּוטער].

ג אָ ל ד ע [דעקט־אויף די קאַדושקע, קוקט־אַריין, דעקט־צו צוריק]. אַ מעשה אָהן איין עק! מע שלאָגט און מע שלאָגט! מע שלאָגט און מע שלאָגט! — און קיין פּוטער זעהט מען ניט!... עס איז נאָר איין עין־הרע האָט עמיצער געגעבען — הלואי איך זאָל ליגען זאָגען... [שלאָגט ווייטער. עס עפענט זיך די דרויסען־טיר און עס באַווייזט זיך צ י י ט ע ל, איינגעהילט אין אַ שאַל].

צ י י ט ע ל [קוקט זיך אַרום, בלייבט שטעהן, זעהט, אַז מע באַמערקט זי ניט, טהוט זי אַ הוסט מיט אַ שמייכעל]. ט'מאָרגען, מאַמע!

ג אָ ל ד ע [הויבט־אויף דעם קאָפּ, דערזעהט ציי טלען, טהוט זי אַ רוק־אַוועק פון זיך די קאַדושקע, חאַפּט זיך אויף]. אַ וועהטיג איז דער מאַמע אַ גרוי־סער! אַ גאַסט! צייטעל! אַט אַ גאַסט! [חאַפּט זיך אַרום מיט איהר קושען]. וואָס זשע מאַכסט דו, טאָכטער? טהו זיך אויס!

[וויקעלט זי ארויס פון דער שאל]. און מאַטעל וואָס טהוט? און די קינדער וואָס מאַכען?

צ י י ט ע ל. אַלע געזונט, דאַנק גאָט. וואו איז דער טאַטע? און חוה וואו איז? וואָס מאַכט זי?

ג אָ ל ד ע. דער טאַטע, ווי אַלע מאָל, אין בויבעריק מיט'ן ביסעל מילכיגס. און חוה איז אין גאָרטען ביי דער אַרבייט — האָסט זי נישט באַגעגענט? איז וואָס טהוען די קינדערלעך דיינע — זיי וואַכסען? [וואַרפט זיך הין און ‏הער]. וועסט אפשר עסען?

צ י י ט ע ל. אַ דאַנק, כ'בין שוין אַ געגעסענע. [באַטראַכט די ווענט]. ביי אייך איז אַלץ ווי געוועז... [שטעלט זיך אָפּ ביי'ם גראַף טאָלסטאָי'ס בילד]. אָט דאָס איז ביי אייך צוגעקומען. וועמענ'ס פּאָרטרעט איז דאָס?

ג אָ ל ד ע. ווייס איך, עפּיס אַ שלים־מזל אַ גראַף, פון איהרע לייט, חוה'ס גראַפען... וועסט אפשר טרינקען?

צ י י ט ע ל. אַ דאַנק, איך בין שוין אַ געטרונקענע... אַ גראַף זאָגסט דו — וואָס זשע געהט ער באָרוועס?

ג אָ ל ד ע. פרעג מיך עפּיס גרינגערס! וואָס איהר קומט־אויס! זי ליגט מיר גוט אין הארצען, די שוועסטער דיינע!... זיץ, פאַר וואָס זיצסט דו ניט? [זעצען זיך ביידע אַוועק צום טיש]. זיי קעהרען שוין זיין גרויסע, די קינדער דיינע, קיין עין־הרע ניט?

צ י י ט ע ל. און קלוג — מיט סכנת־נפשות! דו פאָהרסט, זאָגען זיי, צום זיידען — לאָז גריסען דער באָבע!...

ג אָ ל ד ע [ווערט צעגאַנגען פאַר נחת]. מיר פאַר זייערע ביינדעלעך!

צ י י ט ע ל. און שען — זאָלסט אָנקוקען אַ שלמה'לע! זאָלסט זעהן אַ שיינדעלע! אין זייערע פּנימ'לעך ניט אריינצו־קוקען!

ג אָ ל ד ע [ווערט צעשמאָלצען]. טפו־טפו־טפו! געזונט און שטאַרק זאָלען זיי דיר זיין! [כאַפּט זיך אויף]. טאָמער וועסט דו פאָרט עפּיס נעמען אין מויל אריין, צייטעל־קרוין?

צ י י ט ע ל [האלט זי אפ מיט דער האנט]. מע דארף נישט, מאמע, גארנישט... דו באקלאגסט זיך אויף חוה'ן — וואס איז מיט איהר געשעהען?

ג א ל ד ע. גארנישט. וואס זאל זיין? א מיידעל פון היינטיגע מיידלעך... שוין צופיעל היינטיג!... ווי זאגט דער טאטע: „איין אכם האט א לאנגע צונג — און קאן קיין שופר ניט בלאזען"... [זיפצט]. שווייג איך — איז מיר שלעכט. רעד איך — איז נאך ערגער... איין שטיקעל גליק, וואס דער טאטע ווייסט נאך ניט. ער זאל וויסען — וואלט זיך געטהאן חושך!

צ י י ט ע ל [חאפט זיך אויף]. דו שרעקסט מיך, מאמע!

ג א ל ד ע [בארוהיגט זי]. קינד! וואס שרעקסט דו זיך? ס'איז גארנישט! דו מיינסט חלילה עפּיס ווייס איך וואס? א געלעכטער! נישט מעהר, ס'איז ניט שען... עס פאסט נישט! פאר טביה'ס טאכטער פאסט נישט אזא זאך... [זי קוקט זיך ארום, רעדט א ביסעל שטילער]. מיקיטע גאלאגאן געדענקסט דו נאך?

צ י י ט ע ל. אט דער, וואס איז געווען אמאל שרייבער אין וואלאסט?

ג א ל ד ע. אט-אט! אט דער א!

צ י י ט ע ל. נו?

ג א ל ד ע. און זיין זוהנדעל געדענקסט דו?

צ י י ט ע ל. חוועדקע? נו-נו?

ג א ל ד ע [בויגט זיך אן צו איהר אויפ'ן אויהער]. איז זי מיט איהם א גאנצער רב שמעלקע...

צ י י ט ע ל. א גאנצער רב שמעלקע? דהיינו?

ג א ל ד ע. דהיינו... זי נעמט ביי איהם ביכלעך אויף צו לייענען.

צ י י ט ע ל. אט דאס איז גאר?

ג א ל ד ע. וואס נאך ס'טו געוואלט? זי זאל מיט איהם געהן טאנצען?... ס'איז, מאהל דיר, גענוג, אז מיין טאכטער שטעהט-אפ שעה'ן-ווייז ביי'ם טין אדער ביי'ם טויער מיט'ן

וואָלאָסטנאָי׳ם זוהנדעל און מע רעדט און מע רעדט, און מע רעדט און מע רעדט... פון וואָס רעדט מען אזוי לאַנג? און מיט אַ גוי נאָך?... דערצעהלען דעם טאַטען — האָב איך מורא; קענסט דאָך דעם טאַטען! און חוה׳ן קענסט דו דאָך אויך! אַ שוועבעלע! און איין עקשנ׳טע — דער טאַטע מיט די ביינער!

צ י י ט ע ל. מאַמע, דיר שטעלט זיך פאַר שוין צו פיעל! עס ווייזט זיך דיר מעהר אויס, ווי ס׳איז...

ג אָ ל ד ע. אוי, צייטעל, מיר ווייזט זיך שוין גאָרניט אויס, הלואי איך זאָל ליגען זאָגען. נאָר טאָמער ווערט געוואָהרע דער טאַטע, איז ווינטש איך מיר גאָרניט אויף דער וועלט צו זיין!... איך שלאָף ניט קיין נעכט, דער קאָפּ ווערט מיר שיער ניט צע־שפּאַלטען! [פּויזע]. מילא, דאָס, וואָס זי קען זיך מיט מיקיטע׳ס זוהנדעל, איז נאָך, ווי זאָגסט דו, אַ האַלבע צרה. איך פרעג אָבער איין אַנדער זאַך: פון וואַנען נעמט זיך איהר באַקאַנטשאַפט מיט׳ן גלח, די כפּרה זאָל ער זיין פאַר איהר מינדסטען נאָגעל?...

צ י י ט ע ל. מיט וועלכען גלח?

ג אָ ל ד ע. מיט׳ן גלח פון אונזער דאָרף, איינגעזונקען זאָל ער ווערען!

צ י י ט ע ל. פון וואַנען ווייסט דו? ווער האָט דיר גע־זאָגט?

ג אָ ל ד ע. מע דאַרף מיר זאָגען? איך האָב קיין אויגען ניט? איך בין דאָך אַ מאַמע, האָסט דו געהערט אַ ביסעל, און אַ מאַמע האָט אויגען און זעהט אַלסדינג!...

צ י י ט ע ל. וואָס זשע האָסט דו געזעהען אַזעלכעס?

ג אָ ל ד ע. וואָס איך האָב געזעהען? הלואי וואָלט איך עס ניט געזעהען, וואָס איך האָב געזעהען... איך האָב געזעהען איהם דורכגעהן פאַרביי אונזער גאָרטען, אַרויסגעהן זאָל איהם די נשמה! שטעלט ער זיך אָפּ, שטעלען זאָל זיך איהם דער ערשטער ביסען פּאַפּעריק! און חוה, זיין זאָל ער פאַר איהר די כפּרה, איז געווען אַקוראַט אין גאָרטען. האָב איך אַליין געזעהען, איך זאָל אַזוי

זעהען גוטס אין אייך אלעמען, און כ'האב אליין געהערט, איך זאל אזוי הערען בשורות טובות מיט ישועות ונחמות, ווי זיי האבען זיך געגריסט...

צ י י ט ע ל. אט דאס איז אלץ?

ג א ל ד ע. וואס נאך האסט דו געוואלט — זיי זאלען זיך ארומחאפען קושען? וואלט איך עס חאטשבע געקאנט דערציהלען דעם טאטען — דערלאזט מיך נישט דאס הארץ, ווארום ער וועט עס ניט איבערטראגען, הלואי איך זאל ליגען זאגען, דער משוגע'נער טאטע אייערער, וואס פאר א קינד וועט ער זיך מפקיר זיין, ובפרט נאך פאר חוה'ן — אז יענע איז ביי איהם דאס אויג אין קאפ!... אנומעלטען איז'זי עפיס געווען ניט מיט אלעמען, פארקיהלט זיך — נו־נו, האסט דו באדארפט זעהען, וואס דער איד האט צעארבייט! און ווער איז שולדיג אין דעם גאנצען אומגליק מיט חוה'ן, ווען ניט ער אליין טאקי, דער אבי דיינער?

צ י י ט ע ל. דער טאטע? מיט וואס איז ער שולדיג?

ג א ל ד ע. מיט דעם, וואס ער קען צופיעל... ער קען אליין א סך און וויל, אז זיין טאכטער זאל זיין אזא קענערקע, ווי ער... ניין, שענער פון אלץ איז, וואס ער אליין זאגט, אז ס'שטעהט געשריבען אין די הייליגע ספרים, אז וויבאלד א הוהן הויבט־אן צו קרעהען קוקאריקו, ווי א האהן, טראגט מען זי אוועק צום שוחט...

[עס הערט זיך פון דרויסען חוה'ס קול. עס הערט זיך אלע מאל נעהענטער].

ח ו ה [זינגט א גוייש ליעדעל מיט א באקאנטער מעלאדיע].

און עס בלאזט, און עס דרעהט,
און א רעגענדעל געהט.
ווער זשע וואלט מיך, אזא מיידעל,
ביז אהיים מיך באגלייט?

ג א ל ד ע [צו צייטלען]. א! חוה'ס קול. וואס זאגסט דו אויפ'ן ליעדעל?

ח ו ה. רופט א בחור זיך אפ,
שפרינגט פון וועלדעל ארויס:

„וואַרט אַ ביסעל, שענע מיידעל, —
איך באַגלייט דיך צו הויז!"...

[דאָס ליעדעל פאַרענדיגט זי שוין אין שטוב. דערזעהענדיג ציימלען זיצען מיט דער מוטער]. זעה־נאַר — צייטעל, אַ גאַסט! [לויפט־צו. צייטעל שטעהט־אויף. זיי צעקושען זיך]. ווי קומסט דו אַהער?

צ י י ט ע ל. ווי איך קום? מיט אַ פוהר.

ג אָ ל ד ע. זיך פאַרבענקט נאָך דער מאַמע, האָט זי גערונגען אַ גוי און איז געקומען.

צ י י ט ע ל [באַטראַכט די שוועסטער]. אויסגעוואַכסען!...

ג אָ ל ד ע. קיין עין־הרע ניט...

צ י י ט ע ל. און שען געוואָרען — אַ קראַסאַוויצע!

ח ו ה [מאַכט אַ גרימאַסע]. אַ קראַסאַוויצע? נאָך ווייט, מאָהל דיר!...

ג אָ ל ד ע [צו צייטלען]. זאָלסט אָנקוקען, אַז זי טהוט זיך אָן — אַ פּרינצעסין! אַ קייסעריני! [צו חוה'ן]. הערסט דו, חוה, האָב איך ניט געוואוסט, אַז מיר האָבען היינט אַ גאַסט — וואָלט איך שוין אַזוי געוואוסט פון אַלדאָס גוטס!

ח ו ה. וואָס איז? די קאַץ האָט זיך געוואַשען? פונקען זענען געפלויגען פון אויווען?

ג אָ ל ד ע [צו צייטלען]. שוין — אָט האָסט דו זי! באַלד מאַכט זי דיר חוזק! אַקוראַט ווי דער טאַטע אייערער! די עפּעלעך פאַלען ניט ווייט פון'ם ביימעלע.

ח ו ה [לאַכט]. לאָז מיך, מאַמע, איכ'ל דיר העלפען אויס־שלאָגען די פּוטער. [פאַרנעמט דער מוטער'ס אָרט].

צ י י ט ע ל [צו חוה'ן]. וואָס איז טאַקי פאַר אַ לאַכען?

ג אָ ל ד ע [צו צייטלען]. ווייס איך, וואָס הערסט דו זי? דערצעהל בעסער, וואָס מאַכט דיין מאָטעל? ער איז עפּיס ניט מיט אַלעמען?

צ י י ט ע ל. ניין. אזוי איז ער דוקא נישקשה. נאָר עס מאַכט זיך צייטענווייז, קלאָגט ער זיך אויפ׳ן האַרצען. טרינקט ער ביי מיר טשאָקעלאַדע מיט פוטער אַלע טאָג...

ג אָ ל ד ע. וואָס זשע? ער פיהלט עפּיס חלילה אינוועניג? צי וואָס?

צ י י ט ע ל. זאָל גאָט היטען! געזונט און שטאַרק. נאָר דער הוסט... אז ער הויבט־אָן צו הוסטען — הוסט ער און הוסט!

ג אָ ל ד ע [ברעכט די הענט]. אזוי? צום הוסט איז גוט שאַלווי מיט פּאָלדעראַק, געקאָכט אין סיראָוועטקע, און אויף ביינאַכט גוט אַרומוויקלען דעם האַלז מיט איין איבערגעקעהרטער זאָק...

ח ו ה [שיסט־אויס א געלעכטער]. חאַ־חאַ־חאַ! [גאָלדע און צייטעל טהוען זיך אַזש א וואַרף].

ג אָ ל ד ע [צו חוה׳ן]. טפו אויף די שונאים׳ס קעפּ! האָסט דאָך אונז איבערגעשראָקען אויף טוידט — הלואי איך זאָל ליגען זאָגען! [צו צייטלען]. אָט אזוי, ווי דו זעהסט, איז אַלע מאָל. באַלד עפּיס וואָס דו זאָלסט ניט זאָגען — איז חאַ־חאַ־חאַ! און עס וועט דיר נאָר חוזק מאַכען פון דער גאַנצער וועלט! דער טאַטע מיט די ביינער!

ח ו ה. קומט־אויס, אז ס׳א חסרון, וואָס איך בין געראָטען אינ׳ם טאַטען? און ביי מיר איז דאָס א גדלות... [הערט נישט אויף צו שלאָגען די פּוטער, זינגט אונטער דער נאָז און צום טאַקט]:

און עס בלאָזט, און עס דרעהט,
און א רעגענדעל געהט,
ווער זשע וואָלט מיך, אזא מיידעל,
ביז אהיים מיך באַגלייט?...

ג אָ ל ד ע [צו חוה׳ן]. וואָס זשע, טאָכטער? האָסט שוין גאָר קיין אַנדער ליעדעל ניט געקאָנט געפינען, נאָר אָט דאָס, וואָס אַלע שיקסעס זינגען?

צ י י ט ע ל [וויל צורייבען]. וואו איז דער טאַטע? אזוי שפּעט? [עס עפענט זיך די דרויסען־טיר און עס קומט־אריין ט ב י ה].

טביה [די פּנים פרייליך, שיינט]. וואו איז דער טאַטע? אָט איז ער דאָ! הנה זה בא! מאַכט רש"י: טשאַרט לעדראַשטשע נע וויזמע... [נעמט־אַרויס די בייטש פון גאַרטעל, טהוט זי אַ וואָרף פון זיך אין ווינקעל אַריין, געהט־צו צו צייטלען]. אַ גאַסט! וואָס מאַכסט דו עפּיס, צייטעל? [צעקושען זיך]. וואָס מאַכט דיין ברויטגעבער?

צייטעל. וואָס זאָל ער מאַכען? ער אַרבייט.

טביה. אַבי ער האָט אַרבייט... מיר אַלע אַרבייטען, ווי אין פּסוק שטעהט: יגיע כפּיך כי תאכל — אַז דו וועסט אַרבייטען, וועסט דו עסען, אַניט וועסט דו לעגען די צייהן אויף די באַנטענעס... און די קינדער וואָס מאַכען?

צייטעל. וואָס זאָלען זיי מאַכען? שפּיעלען זיך. גע־בעטען מיך לאָזען גריסען דעם זיידען.

טביה [קוועלט־אָן]. גאָלדענע קינדער! בּאַרליאַנטענע קינ־דער! איך האָב זיי ליעב, ווי אייגענע. אַז די הייליגע תּורה זאָגט: כּרחם אָב על בּנים, איז דאָס ניט אומזיסט. [צעהלט די ווערטער]. כּ־ר־ח־ם אָב על ב־נים — איהר הערט ווערטער? [צו חוה'ן]. דיר, חוה'לע, האָב איך געבראַכט אַ מתנה, וואָס וועט זיין ביי דיר אָנגעלעגט. [לעגט־אַריין די האַנט אין בוזעם און ציהט־אַרויס פון דאָרט אַ בוך]. איך זאָל דערצעהלען, פון וואַנען און ווי אַזוי אָט דער בוך קומט צו מיר — איז נסים ונפלאות, טאַקי נאָר יציאת־מצרים! נאָ! [גיט איבער דאָס בוך צו חוה'ן]. דו וועסט עס נאָכדעם לייענען און דערצעהלען מיר, וואָס עס שטעהט דאָר־טען. איך דאַרף עס וויסען, מחמת דער דאָזיגער, וואָס האָט גע־מאַכט אָט דעם בוך, איז טאַקי מיינער אַ קונה. דאָס הייסט, ניט ער, די מאַמע זיינע איז פון מיינע קונה'טעס, גיט מיר פיין צו לייזען פאַר קעז און פּוטער, און האָט אַ זוהן, איז דאָס אַ לאָקש! [חאַפּט זיך ביי'ם בויך לאַכענדיג]. זינט גאָט האַנדעלט מיט לאָקשען, איז נאָך אַזאַ לאָקש ניט געבוירען!

ח ו ה [וואָס האָט שוין געחאַפּט אַ קוק אין בוך אַריין]. דאָס זעהט מען...

ט ב י ה. אַ פּגירה וואָלט איך מיך פריהער געריכט אויף דעם יאָקעל בן פּלעקעל! שרייבּט ער גאָר ביכער, אָט דער שמויגער! [ווערט שיער דערשטיקט פאַר געלעכטער]. אַז ס'איז דאָ געלט, הערט איהר, איז דאָ אַלסדינג. ווי זאָגט די גמרא: אַ ס ק אַ ק ו ר ד ע ד מ ס ק נ ת א ד ק אַ ר נ אָ ס ע ד פ אַ ר ש מ אַ כ ט ע, מאַכט רש"י: יאַק פשענאָ — טאָ אי דורען קאַשו נאַווארע... איך זאָל האָבּען זיין מאַמע'ס געלט, וואָלט איך — עהע־הע! — אָנגע־שריבּען אָט אַזאַ בּוך! [ווייזט מיטביידע הענט, וואָס פאַר אַ בוך ער וואָלט אנגעשריבען].

ג אָ ל ד ע. דאָס איז יאָ — ווענמען גאָט גיט מיט'ן לעפעל, און ווענמען מיט'ן שעפעל...

ט ב י ה [קוקט־אַראָפּ צו זיך אויף די שטיוועל]. גוט מאָרגען, געלי, רעטאַך טראָג איך!... אַ משל, דעריבּער געהען קאַטשקעס באָרוועס... [צום ווייב]. צו וואָס טויג דיר, גאָלדע־בּרודער, משלים? אמעהר, האָבּ איך דיר געבּראַכט צו פיהרען נייעס פון בויבּעריק — אָט אַזעלכע פּעק! [ווייזט מיט די הענט]. אַ פולען וואָגען!

ג אָ ל ד ע. אָט דערפאַר, אַפּנים, האָסט דו זיך היינט אַזוי געזאַמט, טביה?

ט ב י ה [שטעקט־אָפּ די פּאָלעס]. אַ בּיסעל דערפאַר און אַ בּיסעל ניט דערפאַר... ווייסט דאָך, אַז מע קומט קיין בּויבּעריק, ווערט מען פאַרפאַלען, ווי אין פסוק. שטעהט: מ ש ו ט ב אָ ר ץ ו מ ת ה ל ך ב ה — טאָ דער, טאָ יענער: „רב טביה, אהער! רבּ טביה אהין!" ווי די שטיינער, וואָס האָבּען זיך געקריגט בּיי אברהם אָבינו צו־קאָפּענס... דער שרייט: „רבּ טביה, קען!" דער שרייט: „רבּ טביה, פּוטער!" אַ רוח אין אייער פּאָרענט און מיטען אַריין — וואָס וואָלט איהר געטהאָן, אַז ס'זאָל קיין טביה גאָר ניט זיין? אוים טביה! געשטאָרבּען טביה!

ג אָ ל ד ע. בײס דיר אָפּ די צונג, לאָזן די שונאים שטאַר־בען, האָסט דו געהערט אַ ביסל!... גײ בעסער װאַש דיך, װעסט דו עפּיס נעמען אין מױל אַרײַן. אַ גאַנצן טאָג ניט געגעסן, הלואי זאָל איך ליגן זאָגן!

ט ב י ה. זעהסט דו, גאָלדע־ברודער, װאָס אמת איז אמת. װי אין פּרק שטעהט געשריבען: אם אין קמח אין תּורה — אַז מע׳ט מכּות עסען, װעט מען קדחת קענען... װען האָט מען צײַט צו טראַכטען װעגען אכילה, אַז דער קאָפּ איז אין דער אדמה, צו אַלדי שװאַרצע יאָהר? טאָג־אײַן טאָג־אױס איז מען פאַרטאַרעראַמט און פאַרטראַסקעט, הו־האַ, פּרנסה!... און גײ פרעג דעם רבונו־של־עולם קשיות, למאַי זאָל טביה דער מילכיגער האָרעװען מעהר פאַר אַלעמען? פאַרפאַלען! גאָט האָט שױן אַזױ אײן מאָל באַשאַפען זײן װעלטעל, און קײן עצות באַדאַרף ער ניט פון קײנעם! װי אין פּסוק שטעהט געשריבען: מי ברכב ומי בסוסים — װער עס פאָהרט, און װער עס געהט צו־פוס... מסתּמא דאַרף אַזױ צו זײן, אַז די נגידים זאָלען זיך נעבאַך װאַלגערען אין בױבעריק אױף די דאַטשעס, און אָנטהון זיך כּל הפּאַרגעניגענס וכל הװאױלטאָגען שבעולם, און דו, טביה, ביזט ניט קלײן אױפּצושטעהן גאַנץ פריה, כּלחוך השור, אַז גאָט אַלײן שלאָפט נאָך, אײנשפּאַנען דאָס פערדעל און אװעקפיהרען פון זײער כּבוד װעגען דאָס גאַנצע דאָברע־מזל, פון קעז און פון פּוטער און פון סמעטענע און פון שאָר ירקות, טאַקי פון כּל מאָמינים שהוא, װי אינ׳ם הײליגען מחזור שטעהט געשריבען...

**ג אָ ל ד ע. אָבער מע װײסט, אַז דו קענסט! גײ װאַש דיך, װעסט דו עסען!**

**ט ב י ה. איך גײ, איך גײ!** [לאָזט זיך צום עמער מיט דער קװאַרט, פאַרקאַטשעט די אַרבעל, הערט ניט אױף דעם שמועס]. **דאָס הײסט, איך באַקלאָג מיך ניט, חס ושלום! טביה איז ניט פון די, װאָס באַקלאָגען זיך און װײנען אױף „מי יחיה", װאָרום ס׳איז דאָ אידען, װאָס זענען מיר מקנא. אײך איז, קײן עין־הרע, גאַנץ גוט, רב**

טביה, אזוי זאָגען זיי. וואָס ענטפערט מען זיי דערויף? זאָג איך: וואָס קומט אַרויס, זאָג איך, אַז איין אידען איז גוט? אַלע יעהופּעצער נגידים, זאָג איך, וואָלט געמעגט זיין אַזוי ווי מיר... חוץ מיין שאָדען... [וואַשט זיך, ווישט די הענט מיט אַ גראָבען האַנטוך און זאָגט שטיל דעם „שאו־ידיכם", זעצט זיך צום טיש, מאַכט המוציא].

ג אָ ל ד ע [צו די טעכטער]. זעצט זיך צום טיש, קינדער, איב'ל אַריינטראָגען עסען. [ציַיטעל און חוה זעצען זיך צום טיש. גאָלדע אַפּ אין קיך].

ט ב י ה. און רעד מיט זיי, מיט די היינטיגע, זאָגען זיי, אַז ס'אַ פּאַסקודנע וועלט, מע דאַרף זי איבּערמאַכען. חאַ־חאַ, שוטים! נאַראָנים! ס'אַ־נ־אומזיסטע אַרבּייט! וואָרום זי בּעט אייך ניט, די וועלט, אַז איהר זאָלט זי איבּערמאַכען. [קייעט]. דער וואָס האָט זי געמאַכט — יענער זאָל זי איבּערמאַכען... תּולה ארץ על בּלימה — שטעהט געשריבּען... דער פּשט איז: לאָז זי זיך שטעהן, ווי זי שטעהט... צו וואָס זאָלט איהר זיך מישען אין פּרעמדע עסקים? [עס קומט־אַן גאָלדע מיט'ן עסען]. אַט, למשל, לאָם איך מיך אַריינמישען צו אייער מאַמע'ס טעפּ אין קיך אריין — וואָס וועט זי מיר זאָגען?

ג אָ ל ד ע. יום השישי פּריפּעטשיק — קיין אנדער פּאַר־גלייכען נישט געפונען? דערצעהל בּעסער נייעס, זאָגסט דו, האָסט גאַנצע פּעק. [זי צעגיסט איטליכען אין די טעלער דאָס עסען, זעצט זיך דערנאָך אַליין אויף אַוועק בּיי'ם עק טיש].

ט ב י ה [עסענדיג]. מענדעל ווערעבּיוּוקער קענט איהר? אַ איד אַ בּעל־הגוף, זיצט אין ווערעבּיוּוקע נאָך פון פאַר מתּן־תּורה אָן... אַ סבּרה, אַז נאָך זיין טאַטע און זיין טאַטענ'ס טאַטע, דאָס הייסט זיין זיידע און זיין עלטער־זיידע און זיין עלטער־עלטער־זיידע זענען געווען ווערעבּיוּוקער, ווי מיר זאָגען אין דער הגדה [זינגט מיט'ן נוסח פון דער הגדה]: ה ר י אָ נ ו! ו ב נ י נ ו! ו ב נ י ב נ י נ ו!...

ג אָ ל ד ע. מע ווייסט, אַז דו קענסט, מע ווייסט! דו זאָג בעסער, טביה, וואָס'ט זיך געטראָפֿען מיט מענדעל ווערעביוווקער? האָט זיך צעזונגען אַ ביסעל!

ט ב י ה. האָסט קיין צייט ניט? [קוקט אַרויף]. דאַכט זיך, עס רעגנט ניט. [עסט ווייטער]. האָט זיך געטראָפֿען מיט איהם איין אומגליק. דהיינו? ער, מענדעל הייסט עס, האָט, ניט דאָ געדאַכט, ניט פֿאַר קיין שום אידען געדאַכט, זיין אייגענס זיעבען טעכטער, ווי די בעכער, הויכע, געזונטע, קיין עין־הרע, קיין בייז אויג, ווי אין פּסוק שטעהט: ו י ת ר ו צ צ ו ה ב נ י ם — די טעכטער זענען אויסגעוואַכּסען. טעכטער האָבען שוין אַזאַ טבע: ביי טאָג עסען זיי, ביינאַכט וואַכּסען זיי...

ג אָ ל ד ע. זאָלען זיי וואַכּסען געזונטערהייט — אַ ביסעל אַ זאָג פֿון אַ מענטשען, האָסט דו געהערט אַ ביסעל?!

ט ב י ה [לאָזט עס דורך פֿאַרביי מיט אַ שמייכעל]. הקיצור, איז זיך מיישב די עלטערע טאָכטער מענדעל'ס און זאָגט דעם פּסוק „אָהבתי", דאָס הייסט, זי פֿאַרליאַפּעט זיך אין אַ גוי, עפּיס אַ שייגעץ פֿון ווערעביוווקע טאַקי, און שמד'ט זיך אוועק און האָט חאַסלירע פֿאַר'ן גוי, און ושם נאמר — רוף מיך קנאַקניסעל!... [נעמט זיך צוריק צום עסען].

ג אָ ל ד ע [ברעכט די הענט]. אַ וועהטיג איז דער מאַמע איהרער!... [חוה האָט באַלד אויפגעהערט צו עסען. צייטעל ברעכט די הענט, ווי די מוטער].

צ י י ט ע ל. פֿון וואַנען ווייסט דו עס, טאַטע?

ט ב י ה. פֿון וואַנען איך ווייס? איך ווייס עס פֿונ'ם סאַמע רעכטען צאַפּען. פֿונ'ם גלח אַליין ווייס איך עס, ימח שמו וזכרו! [הערט־אויף עסען]. איך ווייס ניט פֿאַר וואָס, נאָר איך האָב איהם פֿיינט, אָט דעם אָטיעץ אַלעקסיי... דאָס הייסט, האָבען האָב איך צו איהם גאָרניט, וואָס איך ווינטש איהם — מעג איהם אָנקומען חאָטש האַלב, נאָר כ'האָב איהם פֿיינט!... דעם טאָג, ווען איך באַגעגען מיך מיט איהם, ווייס איך פֿריהער, אַז ס'וועט זיך עפּיס

טרעפען... [צו חוה'ן]. דו מעגסט עס אָנרופען, חוה, פאַנאַטיזמע, און כדומה, און איך זאָג מיר מיינס, אז אַ גלח געהט־איבער דעם וועג — איז שלים־שלים־מזל... והראיה [צו אַלעמען]: וואָס איז עפּיס גראָד היינט מיין פערדעל געפעלען געוואָרען זיך צעלאָזען משוגע׳־נערווייז באַרג־אַראָפּ, און ויברח יעקב — פּוּץ מיט׳ן וואָגען אין דער בלאָטע, און באַץ אַ קריגעל מיט צוויי טעפּלעך, פּראָווּדע — לעדיגע, וואָרום דאָס איז שוין געוועזען צוריקוועגס, ווייטער וואָלט איך געקאָנט האָבען אַ גרויסען שאָדען... און ווער איז שולדיג, אז ניט דער גלח? ווי קומט אַהער אַ גלח — וועט איהר האָרכען. פאָהרענדיג אַהינצוועגס מיט דעם גאַנצען דאָברע־מזל, פאַרטיעפט אין מחשבות, ווי געוויינטליך אויפ׳ן ניכטערען הארצען, און דער וואַלד איז שטיל, און די זון שיינט ווי אַ מנורה, מחיה נפשות, — איך טהו אַ קוק: ער פאָהרט מיר אַקעגען, מיט זיין געלער בריטשקע, און די באָרד זיינע איז פונ׳ם ווינט צעטיילט אויף צווייען, און די בוימעלדיגע אייגעלעך שמייכלען צו מיר פון דער ווייטען. מאַך איך מיך כלא ידע — גלייך ווי איך זעה ניט, ווי אין תהלים שטעהט געשריבען: ע ם ח ס י ד ת ת ח ס ד — מע דאַרף וויסען מיט אַ גוי ווי צו האַנדלען... דערזעהען, אז איך זעה איהם ניט, טהוט ער, דער גלח ימח שמו, אַ זאָג צו מיר: „טפּררו, טעוועל, וואָס מאַכסט דו גוטס?" קאָן מען שוין אַזוי גראָב ניט זיין, און איך ענטפער איהם: „טפּררו, באַטיושקאַ, וואָס הערט זיך עפּיס ביי דיר?"... מאַכט ער צו מיר: „דו זעהסט־אויס, טעוועל, זעהר גוט!"... טראַכט איך מיר: „זאָלסט דיר אין די אויגען, שטיינער דיר אין האַרצען!"... און ענטפערען ענטפער איך איהם: „דו זעהסט־אויס, פאָטערעל, נאָך בעסער"... „ווייסט דו, זאָגט ער, טעוועל, וואָס אין ווערעביוווקע האָט זיך געטראָפען?" זאָג איך: „ניין, פאָטערעל, איך וויים ניט, וואָס אין ווערעביוווקע האָט זיך געטראָפען. קטונתי, זאָג איך, ווער בין איך אַזעלכער, איך זאָל מטריח זיין, זאָג איך, אַזאַ הייליגען באַטיושקאַ, ווי דו ביזט? נאָר, זאָג איך, אויב איך האָב געפונען, זאָג איך, לייט־

זעליגקייט אין דיינע אויגען, וועסט דו אפשר זיין, זאָג איך, אזוי גוט און וועסט מיר דערצעהלען?"... פוילט ער זיך ניט און נעמט און דערצעהלט מיר די גאַנצע געשיכטע, הויבט־אָן ניט גלייך, נאָר פון פצון־זייט, „נאַש באָח, וואַש באָח", ווי זיין שטייגער איז, און איך זעה, עס קומט איהם צו אַ שטיק געזונט, ימח שמו וזכרו! ניין, הערט ווייטער, וואָס אַ גלח קאָן! דאָס אליין איז איהם קאַרג, וואָס מיר צאַפּט זיך בלוט, האָט ער נאָך אין זיך אַ פּאָטעפּאַלנאָסט פאַר מיר צו באַריהמען זיך, אז ער האָט אַ גרויסען חלק אין דעם דאָזיגען שטיקעל ארבייט, און אז ער האָט דאָס באַוואָהרענט מענדעל ווערעביוווקער'ס טאָכטער!... ווער איך שוין גוט אין כעס און עס ווילט זיך מיר איהם אָפּענטפערען מיט אַ משל און מיט אַ מדרש און מיט אַ פּסוק, ווי טביה קען; נאָר איך האַלט מיך איין — וואָס טויג מיר האָבען צו טהון מיט אַ גלח?

ג אָ ל ד ע. זעהר רעכט האָסט דו געטהאָן, טביה...

ט ב י ה [צו די טעכטער]. אָט איז זי' אויך מסכים! [צום ווייב]. וואָס וואָלסט דו אָבער געטהאָן, גאָלדע־ברודער, ווען דו הערסט פון איהם די ווייטעריגע דבורים?

ג אָ ל ד ע. וואָס ווייטער?

ט ב י ה. וואָס ווייטער אַלץ בעסער. ווי זאָגט מען דאָס: „טיעפער אין וואַלד, געדיכטער די ביימער"... איך אָבער האָב איהם געלאָזט רעדען. רעד צעזעצטערהייט — וואָס אהרט עס מיך, אז דו רעדסט?... נאָר ער האָט פאַרשטאַנען, אז עס פאַרדריסט מיך, זאַלצט ער מיר אויף די וואונדען און דערצעהלט, כלומרשט אַזוי זיך, פאַרבייגעהענדיג, וואָס פאַר אַ גליק מענדעל ווערעביוווקער'ס טאָכטער האָט געמאַכט. „מהכתיתי, זאָג איך, לאָז איהר גאָט העלפען"... דערזעהען, אז ער קאָן מיך ניט איינ־בייסען, טהוט ער אַ זאָג צו מיר מיט זיין צוקערדיג שמייכעלע: „איך האָב געוואָלט, זאָגט ער, ביי דיר, טעוועל, עפּיס פרעגען". „פרעג, זאָג איך, באַטיושקאַ, איכ'ל דיר, זאָג איך, אָפּענטפערען על ראשון ראשון"... טהוט ער אַ גלעט די באָרד און אַ מאַך צו

מיר: „דו ביזט דאָך, זאָגט ער, טעוועל, אַ איד אַ חכם. ווי וואָלט געווען, למשל, ווען מיט דיר טרעפט זיך, זאגט ער, אַזאַ מעשה? ווען דיין טאָכטער, זאָגט ער, פארליעבט זיך אין אַ אונזעריגען און זי וויל, זאָגט ער, פאר איהם חתונה האָבען?"... „אַה, ניט דער־לעבען וועסט דו דאָס, דו פאסקודנער פאָפּ!" — טראַכט איך מיר אין הארצען און ענטפערען ענטפער איך איהם אַזוי: „קטונתי, זאָג איך, ווער בין איך, וואָס איך זאָל זוכה זיין צו אַזאַ כבוד? נאָר, זאָג איך, ווען מיט מיר, זאָג איך, טרעפט זיך אַזאַ גליק, איז אָדער לאָם איך דאָס ניט דערלעבען, אָדער, זאָג איך, מיין קינד וואָלט בעסער אריין אין דער ערד, אָדער מיר ביידע, זאָג איך, וואָלטען איינגענומען אַ מיתה משונה, ווי אין פסוק שטעהט: תמות נפשי עם פלשתים!... און ווען אפילו, זאָג איך, טביה זאָל פארמאָגען, זאָג איך, צעהן טעכטער, וואָלטען אַלע צעהן, זאָג איך, גיכער געמעגט זיין די כפרה אין איין טאָג, איידער איינע פון זיי, זאָג איך, זאָל אויסבייטען דאָס רענדעל!"...

[ביי די ווערטער טהוט חוה אַ פאַל צו צייטלען אויף די הענט].

צייטעל [חאפט זי אונטער]. גאָט איז מיט דיר, חוה!

גאָלדע. אַ דונער האָט מיך געטראָפען! דאָס קינד חלש'ט! חוה'ניו! טאָכטער מיינע! [בויגט זיך אַז איבער איהר]. נשמה מיינע!...

טביה [האָט אַ וואַרף געגעבען דאָס לעפעל, זיך אויפגעחאפּט פון טיש, ווי אַ משוגע'נער, די אויגען פול שרעק, די הענט טרייסלען זיך]. גע'חלש'ט?... וואו?... חוה'לע?... לאָזט מיך!... [בויגט זיך אַז צו איהר, גלייכט זיך אויס צוריק און צעשרייט זיך]. וואָס זשע שטעהט איהר, ווי די לעהמענע גולמס? וואסער גיט אַהער! וואסער! ראַטעוועט! [גאָלדע לויפט נאָך וואסער, צייטעל האלט די שוועסטער]. זי האָט גע'חלש'ט!... ביי די שלייפען באַדאַרף מען זי קוועטשען!... אַט אַזוי!... [בויגט זיך אַז ווידער צו חוה'ן, קוועטשט איהר דעם קאָפּ מיט ביידע הענט. חוה עפענט־אויף די אויגען, קוקט זיך ארום אויף אַלע זייטען און הויבט זיך פּאמעליך אויף. טביה'ס הארץ באַוועגט זיך. זיין פנים שיינט].

חוה [מאכט זיך צו־רעכט די האר]. וואס איז דא געווען?

טביה [שוין גאר איין אנדער מענטש]. גארנישט, קינד מיינס, גארנישט! [גלעט זי איבער'ן קאפ].

גאלדע [מיט א קווארט וואסער]. נעם א קאפעלע וואסער! דיר איז ניט גוט געווארען אויף צו חלש'ען, הלואי איך זאל ליגען זאגען!...

טביה. וואס חלש'ען? ווער חלש'ען? אטשאדעט גע־ווארען!... [שטופט־אפ דאס ווייב מיט דער קווארט וואסער]. צו וואס וואסער? מע דארף נישט קיין וואסער! איהר זעהט דאך — אטשאדעט! פארדרעהט זיך דער קאפ — נו, איז איהר ניט גוט געווארען! זעה־נאר, וואס דא טהוט זיך א ביסעל! מאכט זיך אמאל, א מענטשען דער קאפ טהוט וועה... [צו חוה'ן]. ווי אזוי איז דיר איצטער, חוה'לע? איבערגעגאנגען? [גלייכט זיך אוים]. נו, ווי דען? איך האב דאך באלד געזאגט, אז ס'איז גארנישט מיט גארנישט... איז דאך עס אבער מיט ווייבער, נשים, ניט געדאכט זאלען זיי ווערען! א ביסעל א טארעראם! א געפילדער! „זי חלש'ט!"... „ראטעוועט!"... ווער חלש'ט? וואס ראטעוועט? א שרפה — מע זאל ראטעווען?... עך, ווייבער, ווייבער! [מיט פאטהאס]. ניט אומזיסט האט אייך שלמה המלך אזוי ניט ליעב געהאט! ניט אומזיסט זאגט ער אין שיר־השירים אויף אלע ווייבער, אז... אז... אז... [טהוט זיך א פאטש אין שטערן]. ברוך מזכיר נשמות — לאם איך מיך דערמאנען, וואס ער זאגט אויף אייך?... [מיט כעס]. אז איהר פארדולט מיר מיין קאפ!!!...

פארהאנג.

ענדע פונ'ם ערשטען אקט.

# צווייטער אַקט

[אַ גרויסער הויף. אויף יענער זייט הויף — אַ גאָרטען. פון ווייטען, רעכטס, זעהט מען ארויס די שטוב, אַ דאָרפישע געביידע מיט אַ פריזבע. לינקס — אַ שטאַהל. נאָהענט צו דער ראַמפּע — אַ ברונען מיט אַלץ וואָס געהערט צו אַ ברונען, אויף שעפען וואַסער. דער גאָרטען ענדיגט זיך מיט אַ געפלאָכטענעם פּלויט. — מיט אַ גראָבאַייזען אין די הענט שטעהט חוה אַנגעבויגען און פּאָלעט דעם גאָרטען. אָנ־געטהאָן איז זי ווי אַ דאָרפסמיידעל: צוויי צעפּ מיט רויטע סטיינגעס, איין אויסגענייהט מאַלאָראַסיש העמד מיט ברייטע ארבעל, אַ גרינער קאָרסאַזש אויף אַ קורץ שוואַרץ קליידעל].

**ח ו ה** [אַרבייט מיט'ן גראָבאַייזען לאַנגזאַם און זינגט מעלאַנכאָליש־יס]:

ווינטען וועהען, אַזש
די בוימער ווע־
רען אויסגעריסען.
ס'טהוט מיין הארץ מיר
וועה, נאָר טרערען
קאָנען זיך
ניט גיסען.

אוי! איך פּטר וויסט
און פינסטער מיי־
נע יונגע יאָהרען!
וואָלט איך קאָנען
וויינען ביטער,

## וואָלט מיר גרינג
## געוואָרען...

[זינגענדיג קומט זי צו אַלע מאָל נעהענטער צו דער ראַמפּע. — פון יענער זייט פּלויט באַווייזט זיך פּ ע ד י אַ ג אַ ל אַ ג אַ ן. אויף זיין שוואַרץ העמדעל — אַ פּידזשאַק, דאָס היטעל אויף אַ זייט, אין האַנט אַ ביכעל. אַנגעשפּאַרט אַן פּלויט פון יענער זייט, הערט ער זיך איין, ווי חוה זינגט].

**פ ע ד י אַ** [אַפּלאָדירט]. בראַוואָ! בראַוואָ!

**ח ו ה** [כאַפּט זיך ביי׳ם האַרצען]. אוי, האָסט דו מיך דער־שראָקען, פעדיאַ! [וואַרפט אַוועק דעם גראָבאַייזען, לאָזט זיך צו איהם].

**פ ע ד י אַ** [לאַכט]. איך האָב גאַרניט געוואוסט, אַז דו ביזט אַזאַ איבערגעשראָקענע... [שפּאַנט־אַריבער פון דער זייט פּלויט]. און וואָס איז די מעשה, וואָס דו זינגסט עפּיס אַזוי, אַזוי... ווי אַזוי זאָל איך דיר זאָגען? עפּיס האַרצעדיג? אומעטיג?

**ח ו ה.** אומעטיג אויפ׳ן האַרצען, זינגט זיך אומעטיג...

**פ ע ד י אַ** [געהט־צו צו איהר נאָהענט, גיט איהר די האַנט]. אומעטיג אויפ׳ן האַרצען? [פאַרקוקט איהר אין די אויגען]. וואָס איז דיר, הערצעלע מיינס? טייבעלע מיינס? [וויל זי אַרומנעמען, זי לאָזט זיך ניט].

**ח ו ה.** דו פאַרגעסט, וואָס מיר שטעהט פאַר?... [זיפצט].

**פ ע ד י אַ.** נאַרישקייטען!

**ח ו ה.** ביי דיר איז עס אפשר נאַרישקייטען... [דערזעהט ביי איהם דאָס ביכעל]. דאָס וואָס איז?

**פ ע ד י אַ.** וואָס כ׳האָב דיר צוגעזאָגט. מאַקסים גאָרקי.

**ח ו ה** [לעבעדיג]. אַך, גאָרקי!... [נעמט דאָס ביכעל, מישט־אויף, דערזעהט דאָס בילד]. דאָ איז דאָס בילד אַ סך שענער!... ווי פּראָסט! ווי איינפאַך! אָט דאָס איז אַ מענטש! אָט דאָס איז אַ כאַראַק־טער!... אַ דאַנק. [דריקט איהם נאָך אַ מאָל די האַנט, קוקט אויפ׳ן פּאָרטרעט, וואָס איז ביכעל, און אויף פעדיאַן]. ווייסט, אויף וועמען ער איז פאַכאָזשע?

**פ ע ד י אַ.** אויף וועמען?

ח ו ה. אויף וועמען? פארשטעהט זיך, אויף דיר! [צעלאכט זיך].

פ ע ד י א. וואס זשע לאכסט דו?

ח ו ה [טראגט איהם אונטער דאס ביכעל]. נא זעה! צוויי טראפען וואסער!...

פ ע ד י א [קוקט נישט אין ביכעל, קוקט אויף איהר]. ווי שען דו ביזט היינטיגען פריהמארגען! ווי די זון — אזוי שיינסט דו! ווי דער הימעל זענען דיינע אויגען! און דער קאסטיום, האלקע מיינע, דער דאזיגער קאסטיום ווי ער פאסט דיר! [באטראכט זי]. אונזער נאציאנאלער קאסטיום פון מאלאראסיע! ווי שען דו ביזט, עווא!...

ח ו ה. און ווי שען דו האסט אויסגעלערענט זיך רעדען, פעדיא! ווי פון א ביכעל אקוראט!... [צעלאכט זיך ווידער].

פ ע ד י א. עפּיס לאכסט דו מיר היינט צו־פיעל, האלעטשקע?

ח ו ה. ס'איז מיר פרייליך — ־לאך איך...

פ ע ד י א. אט ערשט איז דיר געוועזן אומעטיג, איצט — שוין פרייליך!...

ח ו ה. געוועזן פינסטער, אויפגעגאנגען די זון, געווארען ליכטיג... [קוקט איהם טיעף אין די אויגען אריין].

פ ע ד י א [קאן נישט בייקומען איהר קוקען]. א האלבע מלוכה פאר א טרונק וואסער, טייבעלע מיינס!

ח ו ה. קום, איכ'ל דיך אנטרינקען! [זיי לאזען זיך ביידע צום ברונען. חוה פריהער, פעדיא נאך איהר. געשיקט, בריה'ש, ווי איין אמת דארפיש מיידעל, חאפט זי דעם עמער, פארווארפט דעם שטריק אין ברונען אריין, א טרייסעל אהער און אהין — פארטיג איין עמער וואסער]. האב איך ערליך פארדיענט מיין האלבע מלוכה?

פ ע ד י א [טרינקט זיך אן]. א גאנצע מלוכה, קעניגין מיינע!... ווייסט דו, וואס איך בין געקומען? איך האב געוואלט מיט דיר עפּיס רעדען, עווא...

ח ו ה [מיט א מאָל איז פאַרשוואונדען איהר פריילּיכקייט]. עפּים רעדען?... זיץ. [זעצט זיך אַוועק אויף די הילצערנע צאַמרינעס פון ברונען, ווייזט איהם אײַן אָרט נעבען זיך].

פ ע ד י א [זעצט זיך אַוועק, נעמט־אַרום א פּאַפּיראָס]. איך האָב זיך געוואָלט זעהען מיט'ן באַטיושקאַ, מיט'ן פּאַטער אַלעקסיי, מיט אונזער גלח...

ח ו ה [א מאַך מיט דער האַנט]. נאָר נישט וועגען דעם!...

פ ע ד י א [פאַרוואונדערט]. פאַר וואָס עפּיס, טייבעלע?

ח ו ה. אַזוי... היינט נישט... נישט אויפגעלעגט...

פ ע ד י א. איך זעה טאַקי, אַז דו ביזט ניט אויפגעלעגט... [פאַררויכערט דעם פּאַפּיראָס, זעהט־אויס אומצופריעדען. חוה באַמערקט עס].

ח ו ה. דו פאַרגעסט, וואָס מיר שטעהט־פאַר, פעדיא! מאַכען אַזאַ שריט... אָפּגעזעגענען זיך מיט אַלץ... מיט מיין גאַנצען פאַרגאַנגענעם, מיט טאַטע־מאַמע און מיט אַלע מייניגע אויף שטענדיג...

פ ע ד י א. אויף שטענדיג?

ח ו ה. אויף אייביג!... דו קענסט ניט מיין טאַטען, פעדיא! דאָס איז אַ מענטש מיט א כאַראַקטער! ער וועט מיך גיכער זעהען א טוידטע, איידער מוחל זיין מיר דעם שריט! קיינמאָל ניט!

פ ע ד י א. קיינמאָל ניט?

ח ו ה. קיינמאָל ניט! חאָטש ליעב האָט ער מיך — נישטאָ נאָך אַזאַ פאָטער דער צווייטער!... [פּויזע. רעדט מיט געבעט]. וואָס טהוט מען, פעדיא טייערער, וואָס טהוט מען, אַז מיין טאַטע זאָל מיך פאַרשטעהן און... זאָל מיר מוחל זיין? ווי אַזוי מאַכט מען?...

פ ע ד י א [מאַכט א אומפריינטליכע מינע]. דו זאָרגסט זיך פאַר דיין טאַטען מעהר ווי פאַר זיך. דו האָסט אין זינען דיין טאַטען מעהר ווי די גאַנצע וועלט...

ח ו ה [פאַרדראָסיג]. און דו האָסט אין זינען זיך מעהר ווי די גאַנצע וועלט, און אפילו מעהר ווי מיך...

**פ ע ד י א** [אויפגעבראכט]. א, ־יין! זעהסט דו, דאס זאגסט דו שוין דורכאוים ניט אמת — און דו אליין ווייסט עס!... [מיט פייער]. דו ווייסט גאנץ גוט, אז די וועלט — דאס ביזט דו!... אז פאר דיר בין איך גרייט... [פארוואַרפט דעם פאפיראס].

**ח ו ה** [ענדיגט פאר איהם]. אין פייער און אין וואסער... ווי אין די ביכלעך שטעהט געשריבען... איך וואלט וועלען וויסען אט וואס, פעדיא. איך וואלט וועלען וויסען, ווי וואלט געווען, ווען דו זאלסט דארפען מאכען דעם שריט, וואס מיר שטעהט־פאר?

**פ ע ד י א**. וואלט איך איהם געמאכט און ווינציגער גערעדט, טייבעלע מיינס! איבעריגענס, צו וואס איז דער עקזאמען, עווא?... און איבערהויפט, וואס טהוט זיך עס מיט דיר? אדער ביי דיר איז עפיס־וואס פארגעקומען, אדער איך האב דיך נישט געקענט?

**ח ו ה**. אזוי שפעט זיך ארומגעקוקט, אז דו קענסט מיך ניט?

**פ ע ד י א** [האט זיך פארכאפט]. איך זאג ניט, אז איך קען דיך ניט — ניין! איך זאג, אז איך ד ע ר ק ע ן דיך ניט... און אהן אלעמען, זעה איך ארויס, עווא, אז דו ביזט היינט גלאט ניט אויפגעלעגט... ווען איך וויים, אז דו ביזט היינט אזא... [שטרעקט איהר אוים די האנט]. זיי געזונט, עווא!

**ח ו ה** [א לאז צו איהם מיטביידע הענט]. פעדיא! מיין קאפריזנע העלד! געה ניט אוועק! לאז מיך ניט אליין! איך נויטיג זיך אין א גוט ווארט!... איך האב דעם גאנצען פריהמארגען ארויסגעקוקט אויף דיר!... [איז פארצווייפלונג]. איך האב מיט דיר אזוי פיעל צו רעדען! אזוי פיעל!

**פ ע ד י א** [זעצט זיך אוועק צוריק]. פאר וואס זשע רעדסט דו ניט? דו ווייסט, אז איך האב ליעב הערען, ווי דו רעדסט, קעניגין מיינע!

**ח ו ה** [וועהרענד זי רעדט, שפיעלט זי זיך מיט איהרע צעפ, צעפלעכט זיי און פארפלעכט]. דו ווייסט ניט, וואס איך טראג־איבער. פון איטליכען באזונדער! פון איטליכען באזונדער!... מיינע היימישע

קוקען מיר נאָך, היטען מיר די טריט... זיי שטויסען זיך, אז איך בין צו דיר... אז... עס ציהט מיך צו דיר!... מיין שוועסטער — די האָט זיך דערלויבט מיר צו לייענען א נאָטאַציע! די מאַמע מיינע זאָגט מיר גאָרניט, נאָר זי קוקט אויף מיר און זיפצט... הלואי וואָלט זי בעסער מיר שוין געזאָגט, פירגעהאַלטען, געשאָלטען!... וואָרום יעדער זיפץ איהרער רייסט־אויס ביי מיר א שטיק הארץ!... היינט די מלחמה, וואָס מיר שטעהט־פאָר מיט'ן טאַטען!... איהם זאָגען, אז איך האָב דיך ליעב, אז איך קאָן אָהן דיר ניט לעבען?... אָט האָב איך דיר, זעהסט דו, אויסגעזאָגט דעם גאַנצען אמת...

פ ע ד י א. איך דאַנק דיר, עווא! [נעמט איהר האַנט, וויל זי ארומנעמען איינגאַנצען, זי לאָזט זיך ניט]. וואָס איז מיט דיר, הארציגע?

ח ו ה. איך ווייס אַליין ניט, וואָס מיט מיר איז! זעה איך דיך ניט — שטאַרב איך אוועק... דערזעה איך דיך — צינדט זיך אָן אין מיר א פייער — ניט אויף דיר, ניין! נאָר אויף יענע, וואָס האָבען אויסגעטראַכט, אז מענטשען זאָלען זיין אָפּגעוווייטערט איינס פון דאָס אַנדערע מיט זייער גלויבען און מיט זייער...

פ ע ד י א. מיר באַדאַרפען זיך אוועקשטעלען העכער פון די אַלע קינדערייען, וואָס מענטשען האָבען צוגעטראַכט! [רוקט זיך צו]. איך זאָג דיר, דו קעניגין פון מיין נשמה, אז ס'נישטאָ די זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל שטעהן אונז אין וועג... באַרוהיג דיך, עווא, פאַרגעס ניט, אז איך בין מיט דיר אַלע מאָל און אומעטום, און אז דיין גליק [באַגייסטערט] — דאָס איז דער איינציגער צוועק פון מיין לעבען! צוליעב דיר וועט מיר שיינען אָט די זון, זיך פאַרבען אָט דער הימעל, גרינען אָט דאָס גראָז, בליהען אָט די קווייטען... צו־ליעב דיר וועט מיר די גאַנצע וועלט זיך פאַרוואַנדלען אין א גן־עדן, און דו וועסט זיין פאַר מיר די קעניגין פון דעם גן־עדן, און איך וועל זיין דיין געטרייער קנעכט! איך וועל היטען דיינע טריט, דיין שלאָף, דיינע קאַפּריזען, קוקען אין דיינע אויגען. אין די שענע קלאָרע אויגען דיינע!...

חוה [האַפּט איהם אַרום אין עקסטאַז מיט ביידע הענט אַרום האַלז].
אוי! פעדיאַ! פעדיאַ! [לאָזט איהם אָפּ]. דו מאַכסט מיך קראַנק! דו מאַכסט מיך משוגע! איך וועל אַראָפּ פון'ם זינען — אַזוי ליעב האָב איך דיך! איך בין אַ פאַרפאַלענע — איך וויים דאָס, איך פיהל, אַז איך געה צו גרונט, נאָר איך קאָן מיך ניט בייקומען! איך געה פאַרלוירען, איך בין אַ פאַרלוירענע!... [באַהאַלט דאָס פּנים אין די הענט].

פעדיאַ. אַ פאַרלוירענע? צו וואָס זאָלסט דו עס זאָגען, קריינדעלע, אַז דו ווייסט, אַז ס'איז ניט אַזוי? צו וואָס, האַרציגע, אַזעלכע ווערטער, אַז דו ווייסט אַליין, אַז דיין נשמה איז לויטער, ווי קרישטאָל, און אַליין ביזט דו ריין, ווי אַ מלאך? [נעמט־אַרום איהר טאַליע, רעדט איהר גלייך אין אויהער, קושט איהרע צעפּ]. איך זעה דיך אַ פרייליכע, אַ צופריעדענע, אַ גליקליכע, אַ, טייערע געטרייע עווא מיינע! דיין פּנים שיינט, זעה איך, אַזוי ווי די זון אין האַלבען טאָג... דיינע אויגען לויכטען, זעה איך, ווי די שטערען אין האַלבע נאַכט... פון גליק, פון ליעבע... און גיך וועט דאָס זיין, גאָר־גאָר גיך... מיר'ן נאָך היינט זיין ביידע ביי'ם באַטיושקאַ אַלעקסיי...

חוה [האַט זיך אַרויסגעריסען פון זיינע אָרעמס, גלייך אַזוי ווי אַ שלאַנג האַט זי אַ ביס געגעבען, און איז שטעהן געבליבען אויף די פיס].
אַ, ניין! ניין! ניט היינט! ניט היינט! היינט ניט!... איך וויל ניט! איך קאָן ניט! [פעדיאַ צו איהר — ער וויל זי אַרומנעמען]. לאָז מיך! לאָז מיך אָפּ! נענוג אָנגערעדט זיך! פעדיאַ, אַנטלויף! פאָלג מיך — טראָג זיך אָפּ!... פאַרנאַכט זעהען מיר זיך נאָך אַ מאָל, ווידער אָט אַ דאָ... געה, פעדיאַ! געה, טייערער!

פעדיאַ [קאָן ניט אַוועקגעהן, קוקט איהר אין די אויגען, דריקט איהר די האַנט, לאָזט זיך געהן, קוקט זיך אום צוריק, מאַכט צו איהר מיט'ן היטעל. זי שיקט איהם אַ קוש אין דער לופט, און נאָך אַ קוש, און נאָך אַ קוש. — אומבאַמערקט באַווייזט זיך פון דער ווייטען טביה, אין דער צייט, ווען פעדיאַ שפּאַנט־אַריבער צוריק איבער'ן פּלויט און חוה נעמט זיך צוריק צום גראָבאַייזען. ער קומט־אָן מיט'ן עמער אין האַנט, די פּאָלעס אונטערגעשטעקט,

נעהט־צו צום ברונעז, בעת פעדיא איז שוין פון יענער זייט פלויט, שטעלט זיך אוועק פון אונטער דער האנט ארויס איינצוקוקען זיך אין דער ווייטען, דערזעהט די טאכטער מיט'ן גראבאייזען אין די הענט, באקלערט זיך פריהער וואס ער זאל טהון, נעמט זיך דערווייל צו דער ארבייט — שעפען וואסער].

טביה [גרייט אראפצולאזען דעם עמער אין ברונען אריין, בלייבט שטעהן, רופט די טאכטער מיט'ן פינגער]. אנו, קום נאר אהער, חוה'לע! זיי זשע מוחל...

חוה [נעהט־צו מיט'ן גראבאייזען]. וואס איז, טאטע? מיך רופסט דו?

טביה [ווייזט מיט דער האנט]. ווער איז אט א יענער א אט דארטען?

חוה [קוקט זיך איין]. וואו?

טביה [ווייזט איהר ארויף, אהין, ווייט]. אט א דארטען א, פון יענער זייט פלויט... צי עס ווייזט זיך מיר אויסעט?

חוה. עס ווייזט זיך דיר אויס.

טביה [הערט ניט אויף איינצוקוקען זיך]. איך וואלט אבער געמעגט שווערען, אז ס'א מענטש...

חוה [קוקט אויך אהין]. יא, ס'א מענטש.

טביה. און אויב כ'האב קיין טעות ניט, דארף עס זיין חוועדקע גאלאגאן, זאל מאריך ימים ונשים זיין... איז דאס ער?

חוה. ער...

טביה [מיט'ן פנים צו דער טאכטער]. געהט ער נישט פון דאנען?

חוה [דרייסט, דעם פאטער אין די אויגען]. פון דאנען...

טביה. צו וועמען האט ער עס באדארפט, דער קדיש?

חוה. צו מיר.

טביה. צו דיר?

חוה. צו מיר.

טביה. וואס זשע האט ער געוואלט, דער תכשיט?

חוה. וואס זאל ער וועלען?

ט ב י ה. איך מיין... מסתמא האָט מען געשמועסט?

ח ו ה. געווים האָט מען געשמועסט.

ט ב י ה. פון וואָס, למשל? אַז פון געשעפט — זיכער ניט, פון פּאָליטיקע — ניט, און פון ביכער אויך ניט...

ח ו ה. האָסט נישט געטראָפען, טאַטע... מיר האָבען אַקוראַט גערעדט וועגען ביכער... [ציהט־ארויס פון קאַרמאַן דאָס בוך, וואָס פעדיא האָט איהר איבערגעלאָזט]. אָט דאָס האָט ער מיר געבראַכט צו טראָגען...

ט ב י ה. אַ ביכעל? [נעמט און באַטראַכט דאָס בוך]. מהכתיתי. ביכער דאַרף מען לייענען... פון ביכער ווייסט מען אַלץ, וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך, סײַ אויף׳ן הימעל, סײַ אויף דער ערד. נאָר וואָס דען? איין זאַך פאַרשטעה איך ניט: מיט ביכלעך קאָן מען, דאַכט מיר, טרעפען גלייך אין שטוב אַריין. צו וואָס שפּאַנען איבער אַ פּלויט, ווי אַ יון אין סוכה?... צי אפשר איז דאָס אַזאַ סחורה, וואָס האָט מורא פאַר אַ גוט־אויג?... פון די גוטע ביכלעך, וואָס מע דאַרף זיך מיט זיי באַהאַלטען אויף׳ן בוידעם?...

ח ו ה [נעמט־צו דאָס ביכעל]. ס׳איז דוקא אַ לעגאַל ביכעל און מע מעג עס לייענען — ס׳איז פון גאָרקין.

ט ב י ה [מאַכט־צו איין אויג]. פון גאָרקען? ווער איז געווען דער גאָרקע?

ח ו ה. מאַקסים גאָרקי — אַ שרייבער אַ רוסישער... דער צווייטער פון טאָלסטאָי, פונ׳ם גראַף טאָלסטאָי, וואָס זיין פּאָרטרעט הענגט ביי אונז אויף דער וואַנט...

ט ב י ה. אַ? אָט אַ יענער גראַף טאָלסטאָי, וואָס זאָגט, אַז מע שטעקט דיר אָפּ אַ פּאַטש אין איין באַק, זאָלסט דו זאָגען יישר כח, דערלעבט איבער אַ יאָהר — און אונטערשטעלען די אַנדערע באַק?... און וואָס דרשנ׳ט ער, אָט דער דאָזיגער מאַקסים דיינער? ווי אַזוי הייסט ער — גאָרקע?

ח ו ה. חוזק קאָנסט דו מאַכען, טאַטע, פון וועמען דו ווילסט, נאָר ניט פון אַזעלכע מענטשען, ווי דער גראַף טאָלסטאָי אָדער

גאָרקי... מאַקסים גאָרקי איז אַ מענטש, וואָס זיין נאָמען לאָזט זיך הערען ווייט, זיינע ביכער ווערען איבערגעזעצט און געלייענט אומעטום. אַלסדינג, וואָס ער איז דערגאַנגגען, איז ער דערגאַנגגען פון זיך אַליין, אין ערגיץ ניט געלערענט... אַ פּראָסטער מענטש, נאָר אַ גרויסער מענטש... אָט האָסט דו זיין פּאָרטרעט. [טראַגט־צו דעם פּאַטער דאַס ביכעל, ווייזט איהם אויפ'ן בילד].

ט ב י ה [שטעלט־אַוועק דעם עמער, ווישט־אָפּ די הענט אַז דער פּאָלע, נעמט דאָס ביכעל, קוקט אויפ'ן בילד מיט איין אויג צוגעמאַכט, ווי אַ מבין]. פּכם! אַ גדול! [שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, פאַרבייסט אַ ליפּ]. טאַקי גאָר פון די גדולים!... ווי אין פּסוק שטעהט: ה י ד י ם י ד י ע ש ו — אַ פּלייצע אַ ביסעל! נו־נו! ווי קאָן גאָר אַ איד אַזוי אויס־וואַכסען? וואו וועט זיך ביי אידען נעמען אַזאַ פּלייצע מיט אַזעלכע ידים?... [פּויזע]. נאָר ווייסט דו, וואָס איך וועל דיר זאָגען, טאָכטער? מיר דאַכט זיך, אַז ער איז מיר עפּים זעהר קענטליך! איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז איך האָב איהם געזעהען, אָט דעם נפש!

ח ו ה. וואו האָסט דו איהם געקאָנט זעהען?

ט ב י ה. וואו — געדענק איך שוין ניט אַקוראַט. נאָר אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז אָדער ביי דער באַהן טראָגען זעק, אָדער אין וואַלד שלעפּען קלעצער...

ח ו ה [נעמט־צו ביי'ם פּאַטער דאָס ביכעל, באַהאַלט עס צוריק אונטער'ן קאַרסאַזש]. קומט־אויס נאָך דיינע רעד, אַז טראָגען זעק, אָדער שלעפּען קלעצער, איז אַ בזיון? און דו אַליין, טאַטע, פּלעגסט ניט שלעפּען קיין קלעצער?...

ט ב י ה. ניט היינט געדאַכט, פאַר וואָס ניט? [לאָזט אַראָפּ מיט'ן שטריק דעם עמער אין ברונען].

ח ו ה. און איצט האָרעוועסט דו ניט? און מיר אַלע האָרעווען ניט? [קוקט ווי דער פּאַטער פּאַרוואַרפּט דעם שטריק מיט'ן עמער אין וואַסער].

ט ב י ה. דאָס איז אַ באַזונדערע זאַך, קינדעניו! דערויף איז פאַרהאַן אַ פּסוק אַ בפּירוש'ער, פאַרשטעהסט דו מיך, אין דער תורה: ב ז י ע ת א פ י ך ת א כ ל ל ח ם — דאָס שטיקעל ברויט דאַרף מען פאַרהאַרעוועז, אומזיסט גיט קיינער ניט... נאָר וואָס דען? נישט דאָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגען... געוואָלט האָב איך פרעגען ביי דיר, זאָלסט מיר זאָגען, וואָס פאַר אַ באַקאַנט־שאַפטען פיהרט איהר עס? און וואָס פאַר אַ מחותן איז מיט טביה'ס טעכטער, אייגענטליך, אַזאַ חאַם?

ח ו ה [איין טריט צוריק]. פאַר וואָס קומט איהם אַזאַ נאָמען? דו קענסט איהם?

ט ב י ה [ציהט די שטריק מיט'ן עמער פון ברונען]. וואָס דען איז ער? מר־בר־רב־אשי'ס איין אייניקעל? רב חוועדקע ברב מיקיטע גאַלאַגאַן — אַ קלייניגקייט! אַזאַ גוי אַ יאַבעדניק, ווי מיקיטע, וואָס קומט־אַרויס פון סאַמע מיוחסים... דער זיידע טערענטי עליו השאָלעכץ געווען אַ שכור הגדול הגבור והנורא און געשלאָגען דאָס ווייב דריי מאָל אַ וואָך, און דער עלטער־זיידע עליו הפּאָקרישקע איז געזעסען יומם ולילה און אַכטונג געגעבען אויף די חזירים...

ח ו ה [פאַרדראָסיג, נאָר האַלט זיך איין]. דו אַליין זאָגסט וויפיעל מאָל, אַז דער עיקר איז דער מענטש אַליין, ניט דער יחוס, פון וואַנען ער שטאַמט... סע שטעהט געשריבען, זאָגסט דו, אַז אַלע מענטשען קומען־אַרויס פון איין טאַטען, און אַז איין גאָט האָט זיי באַשאַפען, און קומט צו עפּיס...

ט ב י ה [שטעלט־אַוועק דעם אָנגעשעפּטען עמער וואַסער אויף דער הילצערנער צאַמרינע פון ברונען]. עה, נאַרעלע, ווייסט דו דאָך גאָרניט וואָס דו רעדסט. דאָס איז עפּיס א נ ד ע ר ש, און דאָס איז װ י ע ד ע ר עפּיס אַנדערש. ביי גאָט זענען טאַקי אַלע אַלץ איינע מיוחסים. נאָר וואָס דען? וואָס צו גאָט איז צו גאָט, און וואָס צו לייטען איז צו לייטען, ווי דער מדרש זאָגט...

ח ו ה [לאזט איהם ניט ענדיגען]. אויף אלסדינג איז ביי דיר פארהאן, טאטע, אדער א מדרש, אדער א פסוק, אדער ווי אזוי נאך הייסט עס דארט ביי דיר... וואס פאר א פסוק וועסט דו מיר אויסזוכען דערויף, וואס את האט גאט באשאפען אזא וועלט, אזא שענע וועלט [ווייזט מיט די הענט ארום זיך], און אזא גרויסע וועלט, און מענטשען קאנען זיך ניט איינטיילען. דער זאגט: צוליעב מיר האט גאט באשאפען די וועלט, און דער זאגט — צוליעב איהם. דער באריהמט זיך, אז זיין גאט איז דער אמת'ער, און דער זאגט: ניין, מיין גאט איז דער אמת'ער!...

ט ב י ה [פארשטעלט זיך די אויהערען]. טע־טע־טע! פילא־זאפיע! פידרוך! נעכטיגע טעג! אויפ'ן הימעל א יאריד! הקיצור, ניט איך וועל דיך, ניט דו וועסט מיך איבערשפארען, ווי אין חומש שטעהט געשריבען: כל עורב למינהו — איט־ליכער וועט בלייבען ביי זיין משוגעת... וואו זשע האלטען מיר, ברוך מזכיר נשמות? יא! ביי דעם האלטען מיר, אז פאר'ן רבונו־של־עולם זענען אלע מענטשען גלייך. לי השמים ולי הארץ — אידען און, להבדיל, גויים — אלע גלייך. נאר דאס ווייסט דו, אז די תורה האט אונז אנגעזאגט, אז מיר זאלען ליעב האבען אלע מענטשען, נאר עמלק'ען זאלען מיר געדענקען?!...

ח ו ה. אקעגען וואס זאגסט דו דאס, טאטע?

ט ב י ה. אקעגען דעם, וואס איך זיץ צווישען גויים אזוי פיעל יאהר, דער סטארשינא וועט פאר מיר קיין זאק בארשט ניט אוועקגעבען, און דער סטאראסטא — יענער איז נאך מיר גאר די כפרה. איא? פון דעסטוועגען, לאז גאט היטען ביי א שמחה, איך מיין ביי א פאגראם, ווייס איך ניט, אויב עס וועט זיך ניט פארוואלגערען ביי זיי אין בוזעם א פאר שטיינער פון מיינעט־וועגען...

ח ו ה. צו וואס אזעלכע טרויעריגע געדאנקען?

ט ב י ה. איך האָב מיך דערמאַנט אָן מענדעל װערעביװוקער, װאָס פאַר אַ סוף ער האָט געהאַט. [נעמט־אָן די טאָכטער פאַר אַ האַנט]. האָרך נאָר אויס, חוה, װאָס איך װעל בײַ דיר פרעגען...

ח ו ה. װאָס װעסט דו פרעגען?

ט ב י ה. נאָר זאָלסט מיר זאָגען אַקוראַט, ניט װי פאַר אַ טאַטען, נאָר װי פאַר אַ גוטען פרײַנט, װאָס האָט דיך ליעב און זײַן אײַנציגער װאונש איז דיך צו זעהען גליקליך...

ח ו ה [שטאַרק אומרוהיג]. צו װאָס אַזאַ לאַנגע פאָררעדע?

ט ב י ה [נעמט זיך בײַ דער באָרד]. װי װאָלט געװעזן, למשל, װען איך קום צו דיר און זאָג דיר: טאָכטער לעבען! טהו פון מײַנעטװעגען אַ זאַך, װאָס דיר קאָן דערפון ניט אַרויסקומען קײן רעה און מיר װעט דאָס זײַן די גרעסטע טובה — װאָלסט דו עס מיר געטהאָן, צי ניין?

ח ו ה. געװיס יאָ...

ט ב י ה. און אַז ס'זאָל זיך דיר מאַכען טהון אַ זאַך, װאָס קאָן אװעק'הרג'ענען דעם טאַטען, װאָלסט דו דאָס געטהאָן?

ח ו ה. געװיס ניט...

ט ב י ה. װײַבאַלד אַזוי [פרײליך], הײַנט װאָס האָבען מיר נאָך צו שמועסען? װײַבאַלד אַזוי, איז לא אָמר כלום — האָסט קלים גאָרניט געזאָגט!... ניט איך האָב דיך געפרעגט, ניט דו האָסט מיר געענטפערט... און װי אין פסוק שטעהט: ו י ש כ ח ה ו — מאַכט רש״י: „נע בולאַ ניקאָלע או מיקאָלע״... חבר װי געװעזען!... [ציהט איהר אויס זײַן האַנט. חוה נעמט בײַ איהם די האַנט מאַשינאַל. ער האַפּט דעם עמער װאַסער און לאָזט זיך צו דער שטאַל־צו. חוה איז געבליבען שטעהן און קוקט איהם נאָך, ביז ער װערט פאַרשװאונדען. זי לאָזט זיך געהן גלײַך װי צו איהם און קעהרט זיך אָבער אום צוריק].

ח ו ה [אַ מאַך מיט דער האַנט, צו זיך אַלײן, אַנטשלאָסען]. נו! מיר'ן נאָך זעהען!... [זי לאָזט זיך צו דער שטוב צו].

פ אָ ר ה אַ נ ג.

ענדע פונ'ם צװײטען אַקט.

# דריטער אַקט

## ערשטעס בילד.

[ביי'ם וואָלאָסטנאָי שרייבער מיקיטאַ גאַלאַגאַן אין הויף. — קאָנטורען פון אַ שטוב. עס דאַרף צו זיין פאַרענדערט פון דער דעקאָראַציע וואָס אין צווייטען אַקט דערמיט, וואָס אַנשטאָט דעם ברונען קאָן זיין אָדער אַ בוים מיט אַ בענקעל ארום בוים, אָדער אַ סטורדע היי מיט הראַבלים אַנגעוואָרפען, אָדער שטיינער, אָדער לעהם־ציגעל, ארום וועלכע מע קאָן זיצען צוגעשפּאַרט און רויכערען ליולקעס. — די דעקאָראַציע פונ'ם ערשטען בילד פון דריטען אַקט באַדאַרף זיין צוגויפגעשטעלט אזוי, אז ווי־נאָר דאָס בילד ענדיגט זיך, זאָל דער צווייטער פאָרהאַנג זיך אויפהויבען און דאָס צווייטע בילד פון דריטען אַקט זאָל שוין קאָנען אָנפאַנגען. און אזוי ווי דאָס צווייטע בילד פון דריטען אַקט הויבט זיך אָן שבת־צו־נאַכטס, ביי שטאַרקען פינסטערניש, וועלען די איבעריגע אַקסעסואַרען פון דער פריהעריגער דעקאָראַציע קאָנען אומבאַמערקט צוגענומען ווערען. — דער הויף דאַרף זיין מעהר אין דער פּערספּעקטיווע, ווי אין דער ווירקליכקייט. אין דער פּערספּעקטיווע קאָנען זיין ביימער, וועגען, רעדער און אויך, אויב מעגליך, געמאָהלטע קיה. — אויפ'ן גראָז, אָדער אויף די שטיינער, אָדער ביי'ם היי, זיצען צוגעשפּאַרט דער בעל־הבית פונ'ם הויף, מיקיטאַ גאַלאַגאַן, דער סטאַרשינאַ מיט'ן סטאַראַסטאַ און מע רויכערט ליולקעס. אָנגעטהאָן איז מען יום־טוב'דיג, מיט רויטע, בלויע און גרינע גאַרטלען, מיט ווייסע און גרויע שמויסענע היטלען, חאָטש ס'איז זומער. דער סטאַרשינאַ מיט'ן סטאַראַסטאַ טראָגען גרויסע בלעכלעך אויפ'ן האַרצען. ביי דער זייט שטעהט, מיט'ן היטעל אין איין האַנט און מיט אַ גרויסען שטעקען אין דער אַנדערער האַנט, דער סאָטסקי, אויך מיט אַ בלעכעל און מיט געלע האָר אויפ'ן קאָפּ, קוקט מיט רעספּעקט אויפ'ן סטאַרשינאַ מיט'ן סטאַראַסטאַ, וואַרט אויף זייער באַפעהל].

מ י ק י ט א  ג א ל א ג א ן. צוויי מאָל איז ער געווען ביי מיר, דער איד. איין מאָל נאָך גאַנץ פריה, באַלד נאָך דעם, ווי מיין ווייב האָט פאַרטריבען די קוה אין משערעדע, און דאָס אנדערע מאָל שוין נאָך האַלבען טאָג — שוין ביידע געווען, אי ער, אי זי, זיין ווייב, הייסט דאָס. מיך געבעטען, געוויינט, געַחלש׳ט, אין די הענט מיר געקושט, איך זאָל זיי נאָר זאָגען, וואו זייער חוואווא איז?

ס ט א ר ש י נ א. נו, און דו וואָס?

מ י ק י ט א  ג א ל א ג א ן. איך וואָס? גאָרניט! איך וויים ניט! פון וואַנען זאָל איך וויסען? און זיי ווידער א מאָל און אָבער א מאָל! פאַלען מיר צו די פיס, קושען מיר די הענט און וויינען און קלאָגען און יאָמערען... און ער, טעוועל הייסט עס, ווייזט מיר אויף גאָט און אויפ׳ן הייליגען לעמפּעל — איך זאָל איהם צולאָזען צו זיין חוואוואַן נאָר אויף צוויי מינוט, נאָר אויף צוויי ווערטער!... טשעפּע זיך אָפּ, קלעשטש! איד איינגעגע־סענער, טפו!... [שפּייט אויס].

ס ט א ר ש י נ א. און דו וואָס?

מ י ק י ט א  ג א ל א ג א ן. איך וואָס? גאָרניט! טשעפּע זיך אָפּ, זאָג איך, קלעשטש וואָס דו ביזט! איינגעגעסענער איד, טפו!... [שפּייט־אויס]. און דאַ ציטער איך, טאַמער טהוט ער א קוק אריין אין דער צווייטער האַרניצע — דאָרט זיצט דאָך אַקוראַט זיין חוואווא! וואָס טהוט מען? זאָג איך צו זיי: איהר וועט אוועק־געהן, זאָג איך, מיט גוטען — איז גוט, אַניט, זאָג איך, האָבען מיר א זאַקאָן, זאָג איך, און פּאָ־זאַקאָנו קאָן איך, זאָג איך, אראָפּבּרענגען דעם אוראַדניק אַהער!... מיינט איהר, ער האָט זיך איבערגע־שראָקען? דריי אוראַדניקעס, זאָגט ער, און אפילו דער גובער־נאַטאָר אַליין קאָן איהם אויך גאָרנישט טהון! וואָרום פאַר זיין קינד קאָן ער אָנשפּאַרען צום קייסער — איהר הערט ווערטער? צום קייסער!...

ס ט א ר ש י נ א [צום בעל־הבית]. און איך אויף דיין אָרט וואָלט ניט אַזוי געטהאָן... טעוועל איז פּאַרט איין אייגענער מענטש... [צום סטאַראָסטאַ]. האָב איך רעכט, סטאַראָסטאַ? [שפּייט־אויס].

ס ט אַ ר אָ ס ט אַ [רויכערט]. זעהר גערעכט, האָספּאָדין סטאַר־שינאַ, טעוועל איז איין אייגענער מענטש.

ס ט אַ ר ש י נ אַ. און אַ גוטער מענטש, חאָטש ער איז אַ זשיד. האָב איך רעכט, סטאַראָסטאַ?

ס ט אַ ר אָ ס ט אַ. זעהר גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ, טעוועל איז אַ גוטער מענטש, חאָטש ער איז אַ זשיד.

מ י ק י ט אַ ג אַ ל אַ ג אַ ן [צום סטאַרשינאַ]. ווי אַזוי זשע דען וואָלסט דו געטהאָן, האָספּאָדין סטאַרשינאַ?

ס ט אַ ר ש י נ אַ [רויכערט]. איך ווי אַזוי וואָלט געטהאָן? איך וואָלט ניט געוואַרט, ביז ער'ט קומען צו מיר, בעטען זיך און בוקען זיך... כ'וואָלט געקומען צום אידען און וואָלט איהם גע־זאָגט: הער נאַר, טעוועל, אַזוי און אַזוי איז די מעשה. מיין זוהן חוועדאָר און דיין טאָכטער חוואַוואַ האָבען זיך פאַליובעט און זיי מוזען זיך נעמען. און אַזוי ווי מיין זוהן איז אַ פּראַוואָסלאַוונע און דיין טאָכטער ניט, באַדאַרף דיין חוואַוואַ אָננעמען אונזער פּראַוואָסלאַוויע... [שפּייט־אויס]. האָב איך רעכט, סטאַראָסטאַ?

ס ט אַ ר אָ ס ט אַ. זעהר גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ! חוואַוואַ מוז אָננעמען אונזער פּראַוואָסלאַוויע! [שפּייט־אויס].

מ י ק י ט אַ ג אַ ל אַ ג אַ ן. וואָס פאַר קלוגע קעפּ איהר זענט ביידע! איהר פאַרגעסט, אַז טעוועל איז אַ איד און איז קליגער פון אונז אַלעמען. איידער מיר וואָלטען זיך אַרומגעקוקט, וואָלט ער זיין טאָכטער באַשטאַט און אַזוי פאַרטאַכטאָרעט, אַז דער רוח אַליין וואָלט זי נישט געקאָנט געפינען! — דערציילען זיי מיר מעשיות! אומזיסט בין איך געוועזן אַ וואָלאָסטנאָי שרייבער גוטע פינף און דרייסיג יאָהר?

ס ט אַ ר ש י נ אַ. וואָלסט נאָך איצט אויך געווען אַ וואָ־לאָסטנאָי שרייבער, זאָלסט ניט געווען גראָבען, דערלאַנגען און יאַבעדען אויף דער הראָמאַדע... מיט אַ הראָמאַדע טאָר מען זיך ניט זאַטשעפּען. האָב איך רעכט, סטאַראָסטאַ?

ס ט אַ ר אָ ס ט אַ. זעהר גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ! מיט הראָמאַדע טאָר מען זיך ניט זאַטשעפּען!

מ י ק י ט אַ ג אַ ל אַ ג אַ ן. וואָס איז מיר אייער הראָמאַדע? אָט דאָ, אין דעם קולאַק [ווייזט אַ קולאַק], איז ביי מיר אייער הראָ־מאַדע!

ס ט אַ ר ש י נ אַ. רעד נאָך אַ ביסעל, וועסט דו זיך ביי מיר דערררעדען!... [צום סאַטסקי]. עה! סאַטסקי! וואו ביזט דו?

ס אַ ט ס ק י [געהט־צו מיט גרויס רעספּעקט]. אָט דאָ בין איך, האָספּאָדין סטאַרשינאַ!

ס ט אַ ר ש י נ אַ. אַנו, טהו־נאָר אַ שפּרונג צום באַטיושקאַ בלאַהאָטשינע, וואָס דויערט עס ביי זיי אַזוי לאַנג? די זון האַלט שוין ווייט [קוקט אַרויף], מע וועט שוין באַלד קלינגען צו דער וועַ־טשערני — ביז וואַנען וועלען מיר דאָ זיצען? מיר האָבען נאָך צו טהון אין וואָלאָסט אויך גענוג. האָב איך רעכט, סטאַראָסטאַ?

ס ט אַ ר אָ ס ט אַ. זעהר גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ, מיר האָבען נאָך צו טהון און צו טהון!... [דער סאַטסקי געהט־אָפּ. עס קומט־אַרויס פון שטוב די בעל־הבית'טע, ט ע ק ל אַ, אָנגעטהאָן אין איהרע יום־טוב'דיגע מלבושים, מיט דער גרינער זאַפּאַסקע און רויטען קאָקאָשניק. זי ווערט שיער ניט אומגעוואַלגערט פונ'ם סאַטסקי, וואָס האָט זיך צעלאָזט אַזוי האַסטיג אויפ'ן באַפעל פון זיין נאַטשאַלסטווע].

ט ע ק ל אַ [שפּייט־אויס, שעלט דעם סאַטסקי מיט דער תוכחה און מיט אַ קוויטש]. זאָלסט גאָר קיין גוטס ניט האָבען, דו רויטער הונט! רוק און לענד זאָלסט דו ברעכען אויפ'ן גלייכען וועג! [ביים־איבער דעם טאַז, געהט־צו זעהר העפליך, בוקט זיך נידעריג פריהער צום סטאַרשינאַ, דערנאָך צום סטאַראָסטאַ, פאַרגעסט ניט גריסען דעם מאַז אויך]. געזונט זאָלען זיין דער האָספּאָדין סטאַרשינאַ, דער האָספּאָדין סטאַראָסטאַ און דער האָספּאָדין חאַזיאַאין! מע האָט אייך געלאָזט בעטען אין

האַרניצע אַריין. עס דאַרף באַלד קומען דאָס פּאָרעל פֿון'ם באַטיושקאַ דעם בלאַהאָטשינע, וועלען מיר פֿון דאַנען געהן איינאיינעם אין דער צערקווע, און דערווײַלע וועט איהר האָטש נעמען צו גלעזלעך, לכבוד דעם הייליגען שבת...

ס ט אַ ר ש י נ אַ [הויבט זיך אויף, גלייכט זיך אויס די ביינער]. דאָס האָט מען שוין לאַנג באַדאַרפֿט! ס'איז הייס אין דרויסען און עס טריקענט אין גאָרגעל... האָב איך רעכט, סטאַראָסטאַ?

ס ט אַ ר אָ ס ט אַ [אויפגעלעבט]. זעהר גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ, עס טריקענט אין גאָרגעל. [פאַרהוסט זיך אַזש. אַלע געהען אָפּ צו דער שטוב צו. עס דערהערט זיך פֿון דרויסען אַ רעש פֿון אַ צוגעפֿאָהרענער פֿוהר און אַ קול „טפּררררו!“ דערנאָך באַווייזט זיך דאָס פּאָרעל. ח ו ה — אָנגעטהאָן ווי אַ כּלה, מיט אַ הויכען קאָקאָשניק, איין אויסגענייהט העמד, אַ סך סטיינגעס פֿון אַלערליי קאָלירען און רויטינקע שיכלעך אויף די פּיס. פ ע ד י אַ ג אַ ל אַ נ אַ ן — מיט אַ בלום אויף דער לאַץ. דאָס גרויע שמויסען־היטעל פּאַסט זיך איהם זעהר צום פּנים מיט די שוואַרצע וואָנסעס].

ח ו ה [געהט אויף צו־פריהער, זעצט זיך צו אויפ'ן בענקעלע, וואָס נעבען בוים, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ]. אוף!... איך וויל אַ ביסעל אָפּרוהען זיך אַט אַ דאָ. [עס רוקט זיך אָן דער פאַרנאַכט].

פ ע ד י אַ [זעצט זיך נעבען איהר]. ביזט מיעד?

ח ו ה. ניט מיעד, נאָר כ'וויל אַזוי אַ ביסעל זיצען...

[בויגט זיך צו צו איהם, שפּאַרט־אָן דעם קאָפּ אויף זיין אַכסעל. פעדיאַ נעמט זי אַרום, גלעט זי. — פֿון ווייטען דערהערט זיך אַ קלינגעריי אין די קלויסטער־גלעקער: גלין־גלין־גלאָן! גלין־גלין־גלאָן! חוה טהוט זיך אַ חאַפּ־אויף]. פעדיאַ! לאָז מיך!

פ ע ד י אַ [האַלט זי צו]. וואָס איז מיט דיר, עוואַ?

ח ו ה [בעט זיך]. לאָז מיך, פעדיאַ! לאָז מיך, טייערער! איצט איז נאָך צייט!... [אין דרויסען ווערט פינסטערער און פינסטערער].

פ ע ד י אַ. וואָס צייט? האָסט חרטה? ווילסט מיך איבערלאָזען אַליין? האָסט אויף מיר קיין קאָפּ רחמנות... איך בין ביי דיר גאָרניט... [לאָזט זי אָפּ].

חוה. ניין, נישט דאָס... דו פֿאַרשטעהסט ניט. דאָס איז איבער מיינע כּחות!...

פעדיא. וואָס איז איבער דיינע כּחות?

חוה [הערט זיך צו, ווי די גלעקער קלינגען]. ווי פֿאַרשטעהסט דו ניט? אָט דאָס אָ... אָט די אַלע צערעמאָניעס... און דאָס אָפּזאָגען זיך פון טאַטע־מאַמע, און פון אַלץ... אַך, פעדיא! וויפיעל נידערטרעכטיגקייטען!...

פעדיא. נאַרישקייטען! ווערטער בלויז...

חוה. סאַמע ליגען! ליגען און פאַלשקייט!

פעדיא. צוליעב אזא הייליגען צוועק, ווי אונזער ליעבע...

[עס ווערט נאָך פינסטערער].

חוה. באַגעהן אַ פאַרברעכען?... הרג'ענען טאַטע־מאַמע?...

[פון שטוב באַווייזט זיך טעקלאַ].

טעקלאַ [דרעהט־אויס דעם קאָפּ אין שטוב אריין]. אָט זענען זיי אַ!... [אָפּ אין שטוב צוריק. דאָס פאַרעל חאַפּט זיך אויף].

חוה [צו פעדיאַן, גיט איהם די האַנט]. קום, פעדיאַ, קום, איך בין גרייט! [געהען־אָפּביידע אין שטוב אריין. פון דרויסען קומען־אַן אַ גאַנצע חאַליאַסטרע פּאַרובקעס און שיקסעס, אַלע יום־טוב'דיג, אַלע מיט בלומען אין די לאָצען און אין די היטלען. איינער פון דער חברה סקריפּעט אויף אַ פיעדעל. דער אַנדערער באַראַבאַנעט אין אַ פּייקעל. די יונגערע פּאַרובקעס מיט די שיקסעס טאַנצען און זינגען צו:

טשאַביטע, טשאַביטע ווי מאַאי!
טשאַם זשע ווי נע ראַביטע, ווי מאַאי?

זיי געהען און טאַנצען פאַרלעכווייז. עס ווערט אַלע מאָל פינסטערער און פינסטערער. דאָס טאַנצען ווערט לאַנגזאַמער און דאָס זינגען לאָזט זיך אויס מיט אַ מינאָרנע טאָן אויסגעצויגען:

סאַנצע ניזענקאַ,
וועטשער בליזענקאַ...

ביז עס ווערט שטאַרק פינסטער, און אויף דער ביהנע איז שוין ניטאָ קיינער. דעמאָלט ווערט פאַרשוואונדען די דעקאָראַציע פונ'ם ערשטען בילד און עס דערשיינט די דעקאָראַציע פונ'ם צווייטען בילד פונ'ם זעלבען אַקט, וועלכער געהט אומאונטערבראָכען].

# צווייטעס בילד.

[ביי טביה'ן אין שטוב. די זעלבע דעקאָראַציע, וואָס אין ערשטען אקט. — שבת־צו־נאַכטס. דער טיש איז נאָך געדעקט שבת'דיג, מיט א ווייס טישטוך. צוויי מעשענע לייכטער מיט די אויסגעברענטע בענטשליכט. צוויי קוילעטשען, איבערגעדעקט מיט א האַנטיכעל מיט רויטע פרענזעלעך. עס הערשט א סומנע פינסטערניש. די שאָטענס קלעטער'ען אויף די ווענט. עס הענגט אויף אַלץ א מרה־שחורה'דיגע שטילקייט. עס הערט זיך שאַרף דער טיק־טאַק פון'ם אַלטפרענקישען זייגער, וואָס אויף דער וואַנט. — פון דער דרויסען־טיר קומט־אַן גאָלדע פאַרוויקעלט אין א שאַל, קוים וואָס מע דערקענט זי אין דער פינסטערניש].

גאָלדע [שטעהט א ווײַלע, טהוט־אויס די שאַל, זיפצט, רעדט צו זיך אַליין]. פאַרשפּיעלט א קינד! פאַרזינדיגט!... מע לויפט אַרום זי זוכען... דעם נעכטיגען טאָג זוכט מען... פאַרפאַלען!... גלייך ווי געשטאָרבען... ערגער ווי געשטאָרבען, הלואי איך זאָל ליגען זאָגען... ווי טראָגט מען איבער דעם וועהטיג? דעם בזיון?... [פּויזע. פאַרברעכט די הענט]. גאָטעניו, גאָטעניו! אָדער גיב מיר אָפּ מיין קינד, אָדער נעם מיך צו!... [טהוט א קוק אין פענסטער אַרויס]. א דונער איז מיר! שוין שטאָק־נאַכט — צייט מאַכען פייער, זאָגען „גאָט פון אברהם"... [געהט־אָפּ אין קיך. עס דערהערט זיך אין גיכען פון דאָרט איין אַלטע, נאָר איין אַנגענעהמע שטימע מיט'ן אַלטען באַהאַרציגטען נוסח:

גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב!
באַהיט דיין ליעב פאָלק ישראל פון אַלדאָס בייז!
אונזער ליעבער שבת־קודש געהט אַוועק...

די וואָך, וואָס גערט אקעגען, זאָל אונז קומען
צו געזונט און צו פּרנסה,
צו מזל און צו ברכה,
צו גליק און צו הצלחה,
צו תורה, צו מעשים טובים
און צו יראת־שמים,
צו ישועות ונחמות
און צו אַלעם גוטען געווען — אמן!

טראָגט־אַריין דאָס אָנגעצונדענע לעמפּעל, שטעלט עס אַוועק אויפ׳ן טיש. זיפצט].
הלואי האָטש אין דעם זכות פון שבת־צו נאַכט, צוליעב אַ פולער וואָך, טאָמער וועט פאָרט דער אויבערשטער רחמנות האָבען, טהון אַ נס... ער, אַז ער וויל, קאָן ער!... [עס עפענט זיך די טיר און עס קומט־אַריין פון דרויסען צייטעל, איינגעהילט אין אַ שאַל, אַ פארשמאַכטע].

צייטעל. אַ גוטע וואָך, מאַמע! [טהוט־אויס די שאַל].

גאָלדע. אַ גוטע וואָך, אַ גוט יאָהר אונז אַלעמען!

[פאַלט אויפ׳ן בענקעל, ברעכט־אויס אין אַ געוויין].

צייטעל. נו, גענוג, מאַמע, גענוג. ס׳איז פון גאָט, ווי דער טאַטע זאָגט... וואו איז דער טאַטע? ניטאָ נאָך? [גאָלדע הויבט־אויף דעם קאָפּ, ווישט־אויס די אויגען].

גאָלדע. נישט געווען פון דעמאָלט אָן... לויפט אַרום, ווי אַ פאַר׳סמ׳טע מויז, פון אינדערפריה אָן, קלאָפּט אין אַלע טירען — אַ נעכטיגער טאָג! קאַלטע פּריפּאַרקעס!...

צייטעל. זאָג עס ניט, מאַמע. אויפ׳ן טאַטען איז דאָ אַ האָפענונג. דער טאַטע קאָן רעדען...

גאָלדע. וואָס העלפט דאָס קאָנען רעדען פּויליש, אַז מע לאָזט אין הויף נישט אַריין?... מע דאַרף נישט מעהר, קינדעניו, וויפיעל איך האָב פאַר זיי אויסגעוויינט... רעדען קאָן איך ניט, ווי דער טאַטע דיינער, אָבער וויינען? וויינען קאָן איך בעסער פון איהם! נאָר וואָס, משטיינס געזאָגט? אַ גוי פאַר־שטעהט דען אידישע טרערען? אַ גוי פיהלט דען אַ אידיש האַרץ?

[וויינט נאך א ווײלע, ווישט די טרערען]. דער בראך איז אזוי גרויס, צייטעל, אז איך האב גאר פארגעסען א פרעג טהון, וואס מאכט דיין מאטעל, און די קינדער דיינע וואס טהוען?

צ י י ט ע ל. מיין מאטעל — וואס זאל ער מאכען? ער איז קראנק. הוסט!... די קינדער, האב איך אנגעזאגט מאטלען, ער זאל זיי לעגען שלאפען, און אליין האב איך מיך געלאזט אהער צו־פוס, ווייל ס'איז נאך געווען שבת...

ג.א ל ד ע. אבער צו־פוס?

צ י י ט ע ל. און אז דער טאטע איז געווען היינט צוויי מאל ביי אונז אין שטעדטעל, און ביידע מאל צו־פוס, זוכען חוה'ן?

ג א ל ד ע. צוויי מאל געווען ביי דיר?

צ י י ט ע ל. הערסט! פון וואנען זשע דען וואלט איך גע־וואוסט פונ'ם אומגליק?

ג א ל ד ע. דער קאפ איז מיר אזוי דערשלאגען, אז איך וויים גארניט וואס איך רעד!... מילא איך, ווי אזוי איך וועל עס איבערלעבען — ווייסט נאר גאט... ווי אזוי אבער ער, דער טאטע דיינער, ווען דאס אריבערטראגען — איז הלואי איך זאל ליגען זאגען!... אז ער לאזט גארניט וויינען! און אליין איז ער שווארץ, ווי די ערד... אז ער האט זי אזוי ליעב געהאט! [שלאגט זיך מיט ביידע הענט איז קאפ]. חוה! חוה! חוה! וואס האסט דו געטהאן מיט אונז?!...

צ י י ט ע ל [נעמט ארום די מוטער, ביידע וויינען]. אבער, מאמע!... [עס עפענט זיך די דרויסען־טיר און עס קומט־אריין ט ב י ה. ס'איז צו זעהען, אז דער מענטש איז צערודערט. די האר צעבורשעט. נאר ניט געוויינט. געלאסען, רוהיג, פארטיעפט אין זיך אליין. גאלדע און צייטעל הערען־אויף צו וויינען, ווארטען וואס וועט זיין].

ט ב י ה [דרעהט זיך פריהער ארום א ווײלע אויף איין ארט, ווי צעמישט, גלייך ווי ער וואלט עפיס געזוכט ארום זיך, בלייבט שטעהן, רעדט צו זיך אליין]. נו, טביה? שוין אויסגעפיינט זיך!... פיין — פיין!... צער גידול בנים — אט דאס הייסט נחת פון קינדער!...

[נאך א קורצער פויזע, טהוט זיך א פליק ביי דער בארד]. אלטער נאר!... [שרייט הויך]. דו ביזט עס ווערטה!... דער הונט איז ווערטה דעם שטעקען!... וואו זענען געוועזן דיינע אויגען?... [א פאטש אין שטערן]. דיין שכל וואו איז געוועזן?... [פויזע. רעדט שטילער]. דער גאנצער וועלט געגעבען עצות, און אליין וועסט דו שטארבען א נאר... [פויזע. געהט־ארום, פארלעגט די הענט אהינטער, טראכט עפיס. דערנאך בלייבט ער שטעהן, האלט צוגעמאכט די אויגען. חאפט זיך אויף, נאך א טיעפען זיפץ]. נאר איינס צום אנדערען געהער זיך ניט אן. וואס צו גאט — איז צו גאט... קיין צו־להכעיס'ען איהם טהוט מען ניט און קיין ברוגז'לעך מיט איהם פיהרט מען ניט. ס'איז מוצאי שבת־קודש אויף דער וועלט — דארף מען איהן מאכען הבדלה... [עפענט־אויף די שאפע, נעמט־ארויס דאס קאראפינטשיקעל מיט בראנפען מיט'ן קידוש־גלעזעל, דערנאך — די ברייטע געפלאכטענע הבדלה, טראגט עס צו צום טיש, גיסט־אן דאס קידוש־גלעזעל, רעדט דערווייל]. מילא, שלש סעודות פארשפעטיגט — וועט ער מוחל זיין... און מנחה־מעריב האב איך געדאווענט — אזא יאהר אויפ'ן גלח'ס קאפ!... [צום ווייב]. געדענקסט דו חאטש, גאלדע, ווי ווייך ער פלעגט צו מיר זיין, ימח שמו וזכרו? חאטש צו א מכה איהם צו צולעגען!... און תמיד מיט אזעלכע זיסע רעדעלעך, אלץ פאר'גנבה'נען זיך הינטען־ארום: „נאש באח, וואש באח"... קום איך איצט און טהו איהם [בויגט זיך צו] א פאל צו די פיס, אז ער חאפט מיך ניט פאר א האנט, הויבט מיך אויף: „אי־פע, זאגט ער צו מיר, טעוועל! ווי קומט דאס צו דיר, אז דו זאלסט זיך, זאגט ער, אראפלאזען אזוי נידעריג, א מענטש, זאגט ער, פאר א מענטשען?"... „באטיושקא! — זאג איך צו איהם. — עס וואלגערט זיך, זאג איך, פאר דיינע פיס ניט קיין מענטש, זאג איך, נאר א טאטע, איין אומגליקליכער פאטער, זאג איך, וואס שלעכטע מענטשען, זאג איך, זענען איהם באפאלען אין מיטען העלען טאג, זאג איך, און ווילען צונעמען, זאג איך, ביי איהם א קינד!... [גאלדע און צייטעל באהאלטען די פנים'ער, וויינען]. דו ביזט, זאג איך, קלאר, באטיושקא, אין אונזערע הייליגע ספרים,

באַדאַרפסט דו געדענקען, זאָג איך, דעם משל, וואָס דער נביא האָט דערצעהלט דוד המלכ׳ען, זאָג איך, מיט׳ן שעפעלע, וואָס ביי׳ם אָרעמאַן — איז געקומען דער נגיד און האָט אוועקגעלעגט דעם אָרעמאַנ׳ס שעפעלע״... וואָס טויג אייך — איך האָב איהם גוט אַריינגערעדט! ווי טביה קאָן!... [פּויזע]. דאַרף מען, הייסט עס, מאַכען, זאָגט איהר, הבדלה?... [רופט־צו די טאָכטער, גיט איהר, זי זאָל האַלטען די געפלאָכטענע הבדלה. גאָלדע געהט אויך צו נעהענטער, זי זאָל הערען, ווי ער מאַכט הבדלה. ער פאַרשטעלט זיך מיט דער לינקער האַנט די אויגען, אין דער רעכטער האַלט ער דעם כוס, הויבט־אָן די ווערטער „הנה אל ישועתי״ דוקא גאַנץ הויך, און מיט אַ ניגון, נאָר באַלד ווערט איהם דאָס קול איבערגעהאַקט, מעהר קיין ווערטער הערט מען ניט, נאָר מע זעהט, אַז ער וויינט, האָטש דאָס פּנים זעהט מען ניט, וואָרום ס׳איז פאַרשטעלט. אויף איהם קוקענדיג, וויינען שטיל אויך גאָלדע און צייטעל, באַהאַלטען די פּנימ׳ער אין די פאַרטיכער. מע הערט נאָר, ווי ער לאָזט־אויס די ווערטער מיט אַ ניגון: „המבדיל בין קודש לחול!״... אָפּגעמאַכט די הבדלה און אָפּגעזופּט פונ׳ם קעלישעקעל, גיסט ער אויס עטליכע טראָפּען אויפ׳ן עק טיש, וואָס איז אָפּגעקאַטשעט פונ׳ם טישטוך, צינדט־אָן דעם אָנגעגאָסענעם בראָנפען מיט דער געפלאָכטענער הבדלה, טונקט־איין אין פייערביידע קליינע עקסטע פינגער, טהוט מיט זיי אַ וויש די אויגען, זאָגט עפּיס בעת מעשה שטילערהייט, דערנאָך שטופּט ער אָן דערמיט אַלע קעשענעס אויף אַ פולער וואָך]. אַ גוטע וואָך! אַ גוטע וואָך!

ג אָ ל ד ע. }
צ י י ט ע ל. } אַ גוטע וואָך, אַ גוט יאָהר!...

ט ב י ה. האָבען מיר זיך מיט׳ן רבונו־של־עולם, הייסט עס, צערעכענט: ער מיר מיינס, איך איהם זיינס — קוויט!... אַצינד קאָנען מיר זיך אומקעהרען צו אונזערע אייגענע געשעפטען, ווי אין פּסוק שטעהט: א י ש ל פ ע ל ו... [פּויזע]. נו, גאָלדע־ברודער? וואָס זאָגסט דו? האַ?...

ג אָ ל ד ע. וואָס זאָל איך זאָגען? [ברעכט די הענט].

ט ב י ה [קוקט אויפ׳ן ווייב, ווי דורך בריליען]. אָט אַזוי!... נישטאָ שוין ביי אונז מעהר קיין חוה!... איין עק — אוים חוה!... שוין

נאך אלע היומס... כל־זמן עס האט זיך נאך געשלאגען איין אדער, כל־זמן זי איז ניט אריבערגעטראטען אויף י ע נ ע ר זייט, האב איך נאך געהאט א האפענונג אויף גאט און אויף זיך... איצט, אז זי איז שוין אריבער א ה י ן — איך וויים עס שוין אקוראט, טביה וועט ניט זאגען דאס, וואס ער ווייסט ניט, — איז פארפאלען, נישטא מעהר קיין חוה! געשטארבען חוה!... השם נתן, השם לקח — אזוי מוזען מיר זאגען, און ברוך דיין אמת! [גאלדע און צייטעל וויינען]. איצט קאנט איהר וויינען... יא! איצט האט איהר ביד צו וויינען. נאר ניט טביה... [דאס קול איז איהם געבראכען, עס הערען זיך טרערען]. בלאטע! טביה וויינט ניט! טביה איז ניט קיין אידינע!... און על־פי דין באדארפען מיר זיך זעצען שבעה... אויף איין שעה נאר... נישט מעהר ווי איין שעה... איין אנדערער אויף מיין ארט וואלט געגאנגען אנפרעגען זיך ביי א רב. איך דארף ניט פרעגען ביי קיינעם — טביה איז ניט קליין צו וויסען א דין אליין. ווארום ער ווייסט, אז ביי אט אזא־נ־אומ־גליק באדארף מען זיך אװעקזעצען אויף דער ערד נאר אויף א שעה, נישט מעהר ווי אויף איין שעה, און ע ד כ א ן א ו מ ר י ם ב ש ב ת ה ג ד ו ל! אפגעזעסען די שעה, אויסגעוויינט זיך — גענוג! פארגעסען! ווי אין פסוק שטעהט: ו־יש־כ־ח־הו! אט אזוי ווי מע פארגעסט א טוידטען! ניין! וואס זאג איך? ערגער ווי א טוידטען! א טוידטען דערמאנט מען אמאל... נאך א טוידטען זאגט מען קדיש, מע האט יאהרצייט... דא — איז ניט שייך קיין קדיש, ניט קיין יאהרצייט. גארנישט! חוה לא יזכר ולא יפקד! [גאנץ הויך]. אזעלכע קינדער זענען נישט ווערטה קיין טרער! אזעלכע קינדער נישט טארען דערמאנט ווערען, נישט צו גוטען, נישט צו בייזען — ל א י ז כ ר ו ל א י פ ק ד! איהר הערט, וואס איך זאג אייך? [נאך העכער]. דער נאמען חוה זאל מיר ניט דערמאנט ווערען מעהר!... געשטארבען חוה! ערגער ווי געשטארבען! חוה איז גאר קיינמאל אויף דער וועלט ניט געוועזן!...

[זעצט זיך אװעק אויף דער ערד, ציהט־אראפ איין שטיוועל. אויף איהם קוקענ־

רינ, זעצען זיך אוועק אויף דאָס ווייב און די טאָכטער, וואָס ברעכען־אויס אין א געוויין. טביה, זיצענדיג אין איין שטיוועל, טהוט זיך מיט א מאָל א חאַפּ־אָן מיט ביידע הענט ביי'ם קאָפּ, קוקט ארויף און רופט־אויס גאַנץ הויך, ווי ער בייזערט זיך]. גאָט! גאָט! גאָט! וואו ביזט דו, גאָט?!...

## האָסטיג פאַלט דער פאָרהאַנג.

ענדע פונ'ם דריטען אקט.

## פערטער אַקט

[די זעלבע דעקאָראַציע, וואָס אין דריטען אַקט, צווייטען בילד. — אַ פריהמאָרגען. שלמה׳לע און שיינדעלע, וואָס זענען נאָר־וואָס אויפגעשטאַנען, שפּיעלען זיך אין איינע העמדלעך מיט דער קאַץ].

שלמה׳לע. לאָז אָפּ די קאַץ, שיינדעלע!

שיינדעלע. וואָס עפּיס, שלמה׳לע?

שלמה׳לע. לאָז אָפּ, זאָג איך!

שיינדעלע. פאַר וואָס?

שלמה׳לע. אַזוי... איך האָב מיך דערמאָנט, דער זיידע זאָגט, אַז אַ קאַץ טאָר מען ניט מוטשען — ס׳אַ צער בעלי־חיים.

שיינדעלע. וואָס הייסט עס „שערבעלע חיה״?

שלמה׳לע. ניט שערבעלע חיה, נאָר צער בעלי־חיים.

שיינדעלע. וואָס זשע הייסט עס?

שלמה׳לע. ס׳הייסט, זאָלסט דאָס אָפּלאָזען, אַניט וועט דיך גאָט שטראָפען און דו וועסט שטאַרבען!

שיינדעלע [לאָזט־אָפּ די קאַץ]. אַזוי ווי דער טאַטע איז געשטאָרבען?

שלמה׳לע. אַזוי ווי דער טאַטע איז געשטאָרבען און אַזוי ווי די באָבע איז געשטאָרבען.

שיינדעלע. נו, און די מוהמע חוה פאַר וואָס רעכענסט דו ניט?

ש ל מ ה'ל ע. די מוהמע חוה איז ניט געשטאָרבען. די מוהמע חוה איז ערגער ווי געשטאָרבען...

ש י י נ ד ע ל ע. וואָס הייסט עס ערגער ווי געשטאָרבען?

ש ל מ ה'ל ע. ניט דיין עסק — שווייג!

ש י י נ ד ע ל ע [בלאָזט זיך אָן]. פאַר וואָס זאָל איך שווייגען?

ש ל מ ה'ל ע. אַזוי. דער זיידע האָט געהייסען שווייגען.

ש י י נ ד ע ל ע. פאַר וואָס האָט ער געהייסען שווייגען?

ש ל מ ה'ל ע. אַזוי האָט ער געוואָלט.

ש י י נ ד ע ל ע. פאַר וואָס האָט ער געוואָלט?

ש ל מ ה'ל ע. ע! ביזט דו דאָך אַ קלעשטש! טאָ נאַ זשע דיר! [דערלאַנגט איהר אַ זעץ, זי איהם צוריק. עס קומט־אַן צ י י ט ע ל].

צ י י ט ע ל. שוין? אַ מלחמה צווישען אייך? אַ, ניט געדאַכט זאָלט איהר ווערען — אויפ'ן ניכטערען האַרצען? געהט אָנטהון זיך, וועל איך אויסרוימען דעם הקדש און דערנאָך אייך געבען אָנבייסען! [שלמה'לע און שיינדעלע געהען־אַפּ אין זייטיגען חדר. צייטעל בלייבט און נעמט זיך רוימען די שטוב]. ווער וואָלט זיך דאָס געקאָנט ריכטען, אַז אין אַזאַ קורצער צייט זאָל ווערען אַזאַ מין איבערקעהרעניש אין אַ שטוב! אַזאַ תל פון אַ גאַנצער משפחה!... אַ צאָרן פון גאָט! איוב'ס צרות, ווי דער טאַטע זאָגט... דעם ערשטען פּעטשאַטעק האָב געמאַכט איך: צו איין־און־דרייסיג יאָהר געבליבען איין אַלמנה מיט צוויי קינדער פּיסקליאַטעס־יתומים אויפ'ן טאַטענ'ס קאָפּ... און די מאַמע האָט גענומען און איז אַוועקגעשטאָרבען, נישט געקאָנט צוזעהען דעם צער פונ'ם טאַטען, וואָס חוה האָט איהם אַוועקגעקוילעט אָהן אַ מעסער... [פּויזע]. אוי, חוה! חוה! האָסט גענומען און האָסט זיך אַליין באַגראָבען אַ לעבעדיגע און האָסט אונז אַלעמען דעם קאָפּ אַראָפּגענומען, חרוב געמאַכט אַ גאַנצע סעמייסטווע... [נעמט זיך פאַרקעהרען דאָס לעצטע ביסעל מיסט. — פון דער דרויסען־טיר קומט־אַן ט ב י ה מיט אונטערגעשטעקטע פּאָלעס, ווי אַלע מאָל, בעת ער האַלט אין דער אַרבייט. אין אויסזעהען האָט ער זיך שטאַרק פאַרענדערט: גרוי ווי אַ טויב, די פריהער־אונטערגעהאַקטע פּאות זענען אַ ביסעלע לענגער געוואָרען, נאָר די אויגען שמייכלען, ווי פריהער].

טביה. אָנגעפּאָיעט דאָס פערדעל מיט די בהמה'לעך, קאָן מען שוין אַ טראַכט טהון וועגען זיך אויך, ווי מיר זאָגען אין דאַוונען: כל זמן שהנשמה בקרבי. אַ גערוואָונטער בין איך שוין, אַ געגעסענער אויך, איצט דאַרף מען געבען אַ פאַהר־אַרויס קיין בויבעריק מיט'ן ביסעל סחורה, קעז און פּוטער און שאַר ירקות. נעם, צייטעל, קלויב־צונויף דאָרט אין קעלער וואָס גאָט האָט געגעבען, דאָס גאַנצע ביסעל גוטס. איכ'ל דערווייל אַריינכאַפּען אַ קאַפּיטעל תהלים, וועט דאָס זיין ווי געפונען...

[צייטעל געהט־אַפּ דורך דער דרויסען־טיר. טביה זעצט זיך אַוועק צום טיש מיט אַ תהלים, וועלכען ער האָט אַרויסגעצויגען פונ'ם טיש־קעסטעל, צעשאָקעלט זיך און זינגט שטיל אונטער דער נאָז, נאָר ער לאָזט־אויס מיט אַ ניגון און הויך].

„אשרי כל חוסי בו!" [עס קומט־אַן צייטעל מיט אַ צעשראָקען פּנים].

צייטעל. טאַטע! דער סטאַרשינאַ מיט'ן סטאַראָסטאַ מיט עפּיס נאָך גויים געהען אַהערצוצו...

טביה. ערשטענס, פון וואַנען ווייסט דו, אַז אַהער? און דאָס אַנדערע — וואָס האָסט דו זיך אַזוי דערשראָקען? מיט גנבה'שע פערד האַנדעל איך ניט? דעם קייסער זאַטשעפּע איך ניט?... וואָס קאָנען מיר טהון די גויים, אַז מיר האָבען אַזאַ גרויסען גאָט? ווי אין תהלים שטעהט געשריבען: מה יעשה לי אדם?... [עס עפענט זיך די טיר און עס קומען־אַריין גויים, צווישען זיי דער סטאַרשינאַ מיט'ן סטאַראָסטאַ מיט'ן סאָטסקי — אַלע דריי מיט בלעכלעך. די גויים טהוען־אויס די היטלען. טביה בלייבט אין היטעל, נאָר ער מאַכט־צו דעם תהלים, שטעהט־אויף און איז מקבל־פּנים די געסט מיט אַ פריינטליך שמייכעל. דער סאָטסקי מיט'ן לאַנגען שטעקען בלייבט שטעהן ביי דער טיר].

סטאַרשינאַ. געזונט זאָל זיין טעוועל!

סטאַראָסטאַ [און נאָך איהם אַלע גויים, אויסער דעם סאָטסקי]. אַ געזונט, טעוועל!

טביה. אַ געזונט אויף אייך אַלעמען, אויף דער גאַנצער הראָמאַדע. וואָס וועט איהר זאָגען גוטס? און וואָס הערט זיך עפּיס נייעס אויף גאָט'ס וועלט? [אַלע גויים קוקען אויפ'ן סטאַרשינאַ].

ס ט א ר ש י נ א. נייעס? וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך ווייסט דו בעסער פון אונז. דו ביזט אַ גראַמאַטנער און פּאָהרסט־ארום טאָ הין, טאָ הער. און דערצו ביזט דו אַ איד, און אידען ווייסען אַלץ! [צום סטאַראָסטאַ]. האָב איך רעכט, סטאַראָסטאַ?

ס ט א ר אָ ס ט א. זעהר גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ, אידען ווייסען אַלץ!

ט ב י ה. סע קאָן זיין, אַז מיר ווייסען אַ סך, נאָר ניט אַלץ. אַלץ ווייסט נאָר אָט אַ יענער אַ! [ווייזט ארויף]. וואָס זשע פּאַרט וועט איהר זאָגען גוטס? [אלע גויים קוקען צום סטארשינא].

ס ט א ר ש י נ א. גוטס האָבען מיר דיר צו זאָגען, טעוועל, ווינציג... מיר זענען געקומען דיר זאָגען, אַז מע שיקט דיך ארויס פון דאַנען... ניט מיר — דאָס האָט די גאַנצע הראָמאַדע אַזוי געוואָלט... וואָס זאָגסט דו, סטאַראָסטאַ?

ס ט א ר אָ ס ט א. זעהר גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ! די הראָמאַדע האָט אַזוי געוואָלט...

ט ב י ה. פאַר וואָס, אַשטייגער? מיט וואָס האָב איך זוכה געווען אַזאַ כּבוד ביי אייער הראָמאַדע? דאַכט זיך, איך האָב אין די העכער פופציג יאָהר, וואָס איך זיץ מיט אייך, קיינעם ניט באַ'גנבה'ט, אָדער באַ'גזל'ט, אָדער אָפּגענאַרט, אָדער אַזוי באַ־לעדיגט...

ס ט א ר ש י נ א. ווער זאָגט דאָס דען? קיינער זאָגט דאָס ניט! נאָר הראָמאַדע האָט זיך ארומגעזעהען, אַז פון אַלע דערפער שיקט מען ארויס די אידען... וואָס זאָגסט דו, סטאַראָסטאַ?

ס ט א ר אָ ס ט א. זעהר גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ, פון אַלע דערפער שיקט מען ארויס די אידען...

ט ב י ה. מעהר נישט? און אַז אין אַלע דערפער וועלען זיך די גויים אָפּשניידען די נעזער, וועט איהר אייערע נעזער אויך געבען שניידען? [אלע גויים קוקען צום סטארשינא].

סטארשינא. ביזט א טשודאק, טעוועל! ס'זאל זיין געוועגדט אן מיר, וואלסט דו דא געמעגט זיצען און זיצען ביז'ן טוידט אפילו... וואס זאגסט דו, סטאראסטא?

סטאראסטא. זעהר גערעכט, האספאדין סטארשינא! ער וואלט דא געמעגט אפילו שטארבען!

טביה. מוחל! שטארבען שטארב שוין בעסער דו, אדער דער סטארשינא! איהר זענט גויים מיט טשינעס, מיט בלעכלעך, אייך וועט מען באגראבען מיט פאראד... און מיך וועט מען דארפען פיהרען אין שטאדט אריין, ווארום דא איז דאך נישטא קיין אידישער בית־עולם... ניין, איך מוז נאך לעבען, אזוי לאנג די ערד האלט מיך, ווארום גאט האט מיך געבענטשט מיט קליינע קינדער יתומים אויף דער עלטער... און וואוהין וועל איך זיך מיט זיי אהינטהון? סיידען נעמען א טארבע און געהן איבער די הייזער? פאר וואס קומט עס מיר?... [נאך די פנים'ער פון די גויים איז צו באמערקען, אז זיי זענען געריהרט פון זיינע ווערטער]. און נאך א זאך דארפט איהר געדענקען — אז ס'איז פארהאן א גאט אויף דער וועלט... איך זאג ניט אונזער גאט, אייער גאט — איך רעד פון יענעם, פון אונזער אלעמענ'ס גאט, וואס זיצט אט דארט אויבען און קוקט־אראפ אהער אונטען און זעהט אלע פאדלאסטעו, וואס ווערען אפגעטהאן ביי אונז, און פארשרייבט דאס אלסדינג צו זיך אין בוך אריין, ווי אין די הייליגע ספרים שטעהט געשריבען... [די גויים קוקען זיך איבער, שאקלען־צו מיט די קעפ].

סטארשינא [זיפצט]. ביזט אודאי זעהר גערעכט, טעוועל, ביזט גערעכט, ווי גאט אליין. נאר וואס קאנען מיר טהון? קעגען דעם ווילען פון דער הראמאדע קאן מען נישט געהן, ווען דו זאלסט אפילו אוועקשטעלען דריי עמער בראנפען! וואס זאגסט דו, סטאראסטא?

סטאראסטא. זעהר גערעכט, האספאדין סטארשינא, אפילו דריי עמער בראנפען!...

טביה [טראכט א ווײַלע]. ווייסט איהר זשע, וואָס איך וועל אייך זאָגען? שאַ! אַט וועלען מיר באַלד ווײסען, וואָס מיר זאָלען טהון. איהר זאָגט, אַז דאָס איז דער ווילען פון דער הראָמאַדע? דער ווילען פון דער הראָמאַדע איז אודאי הייליג. ביי אונז איז אויך אזוי: אַז קהל וויל, איז פאַרפאַלען. די מעשה איז אָבער די, וואָס דער ווילען פון גאָט איז נאָך הייליגער. וואָס קומט־ארויס, וואָס קהל וויל, אַז גאָט וויל ניט? סיידען, גאָט אַליין הייסט, אַז איהר זאָלט נעמען אַ מענטשען אומזיסט־אומנישט און צעברעכען איהם אויף שטיקלעך... אויב אַזוי, וועלען מיר פּרובען. מיר'ן עס באַלד ווײסען... [אַלע גויים קוקען אויפ'ן סטאַרשינאַ].

סטאַרשינאַ. ווי אַזוי וועלען מיר דאָס ווײסען?

טביה. ווי אַזוי מיר'ן דאָס ווײסען? מיר'ן וואַרפען גורל. [לעגט־אַוועק די האַנט אויפ'ן תהלים]. אַט דעם ספר זעהט איהר? ס'איז אונזער תהלים. „פּסאַלטיר" הייסט דאָס ביי אייך... אַ הייליגער ספר... װעל איך אייך זאָגען אַ וואָרט, איין וואָרט נאָר, ארויסגענומען פונ'ם דאָזיגען הייליגען בוך. איז אויב עמיצער פון אייך וועט מיר קאָנען נאָכזאָגען דאָס דאָזיגע וואָרט, איז אַ סימן, אַז הראָמאַדע איז גערעכט, און אַז ניט — איז אַ סימן, אַז גאָט הייסט ניט, איהר זאָלט מיר שלעכטס טהון... געהט עס? [אַלע גויים קוקען אויפ'ן סטאַרשינאַ].

סטאַרשינאַ. וואָס אַ איד קאָן צוטראַכטען, וועלען קיין צעהן גויים דערויף ניט פאַלען, זיי מעגען האָבען איטליכער באַזונדער אַ קאָפּ, ווי אַ פאַס די גרויס! וואָס זאָגסט דו, סטאַראָסטאַ?

סטאַראָסטאַ. זעהר גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ, אַ קאָפּ, ווי אַ פאַס די גרויס!...

סטאַרשינאַ. וואָס זשע איז דאָס פאַר אַ וואָרט ביי דיר אַזעלכעס, טעוועל? לאָמיר האָרכען.

טביה. גיב זשע מיר אַ האַנט. [ציהט־אויס דעם סטאַרשינאַ די האַנט. יענער דערלאַנגט איהם אַ האַנט, אָבער מיט אַזאַ כח, אַז טביה פאַרקרימט זיך אַזש און טהוט אַ זאָג אין אַ זייט]. נו, אַ יד ביי דעם ערל —

זי מעג איהם אָפּדאַרען!... [צום סטאַרשינאַ]. געדענקט זשע און הערט זיך איין אַלע מיט קאָפּ — איך זאָג אייך דאָס וואָרט: ו ח ל ק ל ק ו ת!... [די גויים קוקען זיך איבער, ריהרען מיט די ליפּען].

ס ט אַ ר ש י נ אַ. ניין, טעוועל, צו גיך! צו ראַשיג! עס קומט־אויס בײַ דיר חאַל־חאַל־חאַל, עפּיס אַזוי ווי אַ קאַלב וואַרגט זיך... וואָס זאָגסט דו, סטאַראָסטאַ?

ס ט אַ ר אָ ס ט אַ. זעהר גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ, אַ קאַלב וואַרגט זיך...

ט ב י ה. אויב אַזוי, וועל איך אייך זאָגען איין אַנדער וואָרט. [בלעטערט דעם תהלים]. זאָגט מיר דאָס וואָרט: מ מ ע מ ק י ם... [דער סטאַרשינאַ, דער סטאַראָסטאַ, אַלע גויים, אויסער דעם סאָטסקי, שטרענגען אָן אַלע כחות, ריהרען מיט די ליפּען. — פון צווייטען זייטיגען צימער שטעקט־אַרויס דעם קאָפּ צייטעל, רעדט צום פאָטער].

צ י י ט ע ל. טאַטע! עס געהט אַהער דער אוראַדניק מיט'ן וואָלאָסטנאָי שרייבער זאָוליאַ! [אָפּ צוריק, לאָזט די טיר אַ ביסעל אָפען און קוקט־אַריין מיט איין אויג].

ט ב י ה. ברוך הבא, נייע געסט! ו י ב ו א ה מ ן — מאַכט רש"י: דער רוח האָט זיי געבראַכט... [ער טהוט־אויס דאָס היטעל. עס קומט־אַריין ברייט, ווי אַ גובערנאַטאָר, דער א ו ר אַ ד נ י ק אין זיין גאַנצער אוניפאָרם, מיט דער שפּאַגע און מיט'ן רעוואָלווער, און אַ בייטשעל אויך אין דער האַנט. נאָך איהם — דער יונגער שרייבער פון וואָלאָסט, ז אָ ־ ז ו ל י אַ, מיט אַ גרויסען פּאָרטפעל].

א ו ר אַ ד נ י ק [פאַרנייגט זיך קוים־קוים פאַר'ן סטאַרשינאַ מיט'ן סטאַראָסטאַ. דער סאָטסקי ציהט זיך אויס, ווי אַ סטרונע, און ווערט פאַרשטאַרבען. אַלע גויים בלייבען פאַרגאַפט]. ע־ע־ע... וואו איז דאָ דער... דער איד טעוועל?

ט ב י ה [טרעט־אַרויס גאַנץ דרייסט]. דאָס בין איך אָט יענער איד, וואָס הייסט טביה... מיר דאַכט, אַז מיר זעהען זיך ניט צום ערשטען מאָל... ערשט היינטיגען נאָוויגאָד האָב איך...

א ו ר אַ ד נ י ק [די וואָנסעס אַרויף, רעדט שטרענג]. איכ'ל בעטען, מיט זייטיגע רעד מיר ניט פאַרפאָהרען אין דער צייט,

ווען איך בין באַשעפטיגט מיט די אַנגעלעגנהייטען פון מיין דיענסט! [צו זאַזוליאַן]. אַנו, זאַזוליאַ, זיי זיך מטריח, נעם־ארויס דעם פריגאָוואָר און לייען!

זאַזוליאַ [נעמט־ארויס א פאַפיער פון פּאַרטפעל, א גרויסען בויגען, באַשריבען פון אַלע פיער זייטען, שנייצט־אויס די נאָז, הוסט זיך אויס און הויבט־אָן צו לייענען אויף א קול]. „פאָ אוקאַזו יעהאָ אימפעראַטאָר־סקאהאָ וועליטשעסטוואַ, מי ניזשעפאָדפּיסאַווּשיעסיאַ...”

טביה [לעגט־אַוועק די האַנט אויף'ן שרייבער זאַזוליאַ'ס מויל]. שאַ! איך וויים שוין וואָס ווייטער שטעהט. [צום אוראַדניק]. דאָס איז דער פריגאָוואָר פון דער הראָמאַדע, וואָס מע שיקט מיך ארויס פון דאָרף? צו וואָס די אומזיסטע טרחה מיט לייענען פאַפּיערען? דאָס קאָן מען דאָך זאָגען אין דריי ווערטער: „זייט זשע מוחל, רב טביה, מע בעט אייך מחילה” — קורץ און שאַרף!

אוראַדניק [אויסער זיך פאַר כעס]. איך פאַרשטעה ניט — דו לעהרענסט מיך וואָס צו טהון? מיין ארבייט — איך דאַרף דיר דורכלייענען דעם פריגאָוואָר, און דו דאַרפסט זיך אונטער־שרייבען, אַז דו האָסט איהם אויסגעהערט! פאַרשטאַנען?

טביה. וואָס איז דאָ צו פאַרשטעהן? די גרויסע תּורה? צי די חכמה, וואָס שטעקט דערביי? פּחע! און פון אונטער־שרייבען איז אויך קיין מניעה ניט, אבי ס'זאָל נאָר זיין מיט וואָס מחמת די כּלים אויף צו שרייבען — דאָס איז אין מיין גבול נישטאָ...

אוראַדניק [צום שרייבער]. זאַזוליאַ! נעם־ארויס דיין שרייבגעצייג, וועט ער זיך אונטערשרייבען! [זאַזוליאַ שלעפּט־ארויס פון קעשענע א פלעשעל מיט טינט, איינגעוויקעלט אין א פאַפּיער, ציהט־ארויס פון פּאַרטפעל א לאַנגע פעז, טונקט־איין פּאַרזיכטיג און טראָגט־אונטער טביה'ן, ווי מע דערלאַנגט איינעם א טייערע מתנה, צעלעגט דאָס פאַפּיער, ווייזט איהם מיט דער האַנט, וואו צו חתמ'ענען]. נאָר פאַוואָלי, זאָלסט ניט מאַכען קיין קליאַקס!

ט ב י ה [נעמט די פען]. גוט וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. וואָרום מיט דער בייטש אָרודעווע איך בעסער, ווי מיט דער פען... [צום אוראַדניק]. שרייבען שרייב איך מיך אונטער אויף אידיש, אי דאָס — קוים־קוים...

א ו ר אַ ד נ י ק. שרייב ווי דו קאָנסט, נאָר דו דאַרפסט וויסען, וואָס דו שרייבסט. דו שרייבסט זיך אונטער, אַז דו האָסט אויסגעהערט דעם פּריגאָוואָר און אַז אין פיער און צוואַנציג שעה פאַרלאָזט דו דאָס דאָרף... פאַרשטאַנען?

ט ב י ה. וואָס איז דאָ צו פאַרשטעהן? מע גיט מיר פיער און צוואַנציג שעה אויף אַרומצוקוקען זיך, חאַפּען דעם אָטעם, פאַר־קויפען די חאָדאָבע, איינפּאַקען די בעבעכעס — און מאַרש, וואו די אויגען וועלען טראָגען? אַודאַי איז דאָס „גם זו לטובה״, ווי אין אונזערע ספרים שטעהט געשריבען, וואָרום וואָס וואָלט איך געטהאָן, ווען מע זאָל מיר הייסען, איך זאָל די רגע נעמען די פּים אויף די פּלייצעס און אָפּטראָגען זיך פון דער דאָזיגער הייליגער ערד, וואו מיינע זינדיגע פים טאָרען ניט...

א ו ר אַ ד נ י ק [האַקט איהם איבער שטרענג]. גענוג! איך האָב קיין צייט ניט אויסצוהערען דיינע פּלאַפּלערייען!... אונטערגע־שריבען זאָל מיר ווערען — און איין עק!

ט ב י ה. היט זיך — איך שרייב! [פאַרקאַטשעט די אַרבעל, שטעלט־אַוועק דעם נאָמען „טביה״ מיט אַזעלכע אותיות, וואָס מע קאָן זיי זעהען פון דער ווייטען אַהן אַ בריל. גיט איבער די פען צום שרייבער און אַליין אָטעמט ער אָפּ]. ברוך שפּטרני!

ז אָ ז ו ל י א [קוקט־אַריין אין פּאַפּיער]. נו, אַ שרייבאַכץ בּיי זיי!... [צום סאָטסקי]. קריג מיר אַ ביסעל זאַמד, ס'וועט זיך קיינמאָל ניט אויסטריקענען!... [דער סאָטסקי וואַרפט זיך אין אַלע ווינקעלעך, קאָן נישט קריגען קיין ביסעל זאַמד. זאָזוליא ווערט אויפגעבראַכט, פאַכט מיט'ן פּאַפּיער אין דער לופט, דערנאָך טראָגט ער עס צו צו דער וויים־געשמירטער וואַנט, אויף וועלכער עס דרוקט זיך אָפּ טביה'ס אונטערשריפט גאַנץ קלאָר. אין דער זעלבער צייט האָט איהם דער סאָטסקי געבראַכט צו טראָגען פון קיך אַ פולע זשמעני מיט אַש פונ'ם אויווען. זאָזוליא טהוט עס איהם אַ שמיץ אין פנים

אריין. — דער עולם קלויבט זיך אוועקצוגעהן. פריהער פון אלע שטעהט־אויף דער אוראדניק, נאך איהם געהט־נאך זאזוליא מיט'ן פארטפעל, דערנאך דער סטארשינא מיט'ן סטאראסטא מיט'ן סאטסקי, און נאך זיי די איבעריגע גויים].

ט ב י ה [צום סטארשינא]. נו? צו וואָס האָסט דו גערעהט אַ מח? פאר וואָס האָסט דו מיר באלד ניט געזאָגט, אז ס'איז שוין פּארטיג ביי אייך אויף מיר אַ פּריגאָוואָר?

ס ט א ר ש י נ א [ארויסגעהענדיג]. וואָס קאָן מען טהון מיט אַ הראָמאדע? הראָמאדע אז זי שפּארט זיך איין, איז ווי אַ נאראָ־ווּיסטע פערד!... וואָס זאָגסט דו, סטאראָסטא?

ס ט א ר אָ ס ט א. זעהר גערעכט, האָספּאָדין סטארשינא, ווי אַ פערד!...

ט ב י ה [שרייט זיי נאך]. הראָמאדע שפּארט זיך איין? מע ווייסט, ווער די הראָמאדע אייערע איז און ווער עס האָט אייך אויפ־געבּורעט!... מיינט ניט, אז עס וועט אייך אָפּלויפען גלאַט! מיר האָבען אַ גאָט! אַ גרויסען גאָט! און אַ שטארקען גאָט!...

[דער גאנצער עולם אפּ. — פון זייטיגען חדר רייסט זיך אריין צייטעל מיט א געוויין. איהרע קינדער האלטען זיך ביי'ם פארטוך].

צ י י ט ע ל [ברעכט די הענט]. וועה איז מיר! וואונד איז מיר! וואָס וועלען מיר איצטער טהון? איך האָב געהערט איט־ליכם וואָרט!... וואוהין וועלען מיר געהן מיט אזעלכע קליינע קינדער?... [אויף איהר קוקענדיג, וויינען אויך די קינדער].

ט ב י ה [פאלט־אַז אויף דער טאכטער]. זעה־נאָר, ווי זי האָט זיך עס אַ ביסעל צעיאַחמערט, ווי צו ונתנה־תוקף! און אויף איהר קוקענדיג, די ווערעם אויך... שטיא! וואָס וויינסט דו וואָס? ס'אַ גאָט'ס זאך!... און איך בין נישט קיין בן־יחיד ביי גאָט! ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער... פון וואַנען טרייבּט מען אונז ניט, און ווען טרייבּט מען אונז ניט? האָט מען ניט גע־זאָגט נאָך אונזער עלטער־עלטער־זיידען אַברהם אָבינו: ל ך ־ ל ך מ אַ ר צ ך — זייט זשע מוחל, רב אַברהמעל, א ל ה אָ ר ץ א ש ר אַ ר א ך — אין פיער און צוואנציג שעה, חאַ־חאַ?!...

[צו די קינדער]. אז איהר וועט אונטערוואקסען און לערנען חומש, וועט איהר קומען צו דער סדרה לך־לך, וועט איהר זיך דערמאנען, אז מע האט אייך ארויסגעשיקט מיט'ן זיידען און מיט דער מאמע דערפאר, וואס... דערפאר, וואס מיר זענען אידען. אתה בחרתנו מכל העמים — מע האט אונז ליעב אומעטום... אז איהר'ט אויסוואקסען און ווערען גרויסע, וועט איהר ערשט דעמאלט פארשטעהן דעם אמת'ען פשט פון דער סדרה לך־לך... איהר געהט אייך דערווייל שפיעלען [פיהרט זיי אוועק אין צווייטען חדר], און דו, צייטעל, נעם זיך פאקען אין וועג אריין. ביז איך וועל קומען, וועסט דו זיין גרייט. איך וועל אויספארקויפען דאס ביסעל חאדאבע, און מיר'ן נאך היינט אויף דער נאכט קאנען אפרייניגען זיי דאס הייליגע דארף... וואוהין? וואוהין גאט וועט הייסען, אבי ניט צווישען אזעלכע חיות, וואס מיר האבען זיי געהאלטען פאר מענטשען... וואו איז ערגיץ מיין בייטש? [געפינט די בייטש]. אט איז די בייטש. ווי אין פסוק שטעהט: כי במקלי עברתי את הירדן — מאכט רש"י: געקומען מיט'ן בייטשעל און אוועק מיט'ן בייטשעל... חא־חא־חא! [אפ. צייטעל בלייבט שטעהן א ווייל. דערנאך טהוט זי זיך א נעם צו דער ארבייט. עס ווערען אויפגעעפענט קאסטענס און קעסטלעך, און זי פאקט וואס זי קאן, צע־ווארפט און לעגט־צונויף, מאכט א חורבן].

צייטעל. כ'זאל, זאגט ער, פאקען זיך אין וועג אריין... זאל מיך אזוי וויסען אלדאס בייז, ווי איך ווייס וואס צו פאקעווען! אז צו וואס מע נעמט זיך — איז איין עבירה, און אלסדינג איז טייער, איינגעבאקען אין הארצען!... טאמער איז קארג געוועזען די צרות וואס ביז אהער — איז נא דיר א נייע צרה. און אלץ איבער איהר!... חאטש מיר גלויבט זיך ניט, אז חוה... [אין דער מינוט עפענט זיך די דרויסען־טיר און עס באווייזט זיך אויף דער שוועל חוה, מיט א רויטער פעטשיילע אויפ'ן קאפ ארומגעבונדען. זי האט זיך פארענדערט, אבער נאך שענער געווארען. דאס פנים שטאלץ, און אונטער דער רויטער פעטשיילע, פארבונדען ארונטער, זעהט זי אויס ווי א שענע ציגיינער־פרינצעסין.

אויפ'ן האלז טראגט זי קאַרעלעז, א סך שנירלעך. צייטעל דערזעהט די שוועסטער, לאָזען זיך איהר אפּ די הענט, און זי בלייבט א ווײלע אַהן לשון. דערנאָך חאַפּט זי זיך מיט ביידע הענט ביי'ם האַרצען]. חוה?!...

חוה [נאָך אַלץ אויפ'ן שוועל. א מאַך מיט דער האַנט]. ששש!... אַהן סצענעס! אַהן געפּילדער! [קוקט זיך ארום]. דער טאַטע ניטאָ? [געהט־אריין, מאַכט צו די טיר]. איך האָב געמיינט, ער איז אין דער היים... [באַטראַכט דעם חורבן]. איהר פּאַקט זיך אין וועג אריין?... [צייטעל גלויבט ניט איהרע אויגען, קוקט זי זיך איין אין חוה'ן אין טוידט־שרעק].

צייטעל. דו... דו... דו ווייסט שוין?...

חוה. געוואוסט שוין לאַנג, אז סע קאָכט זיך... נאָר נישט געגלויבט, אז אַזוי גיך... נישט געגלויבט... ווי איז דאָס מעגליך? ווי איז דאָס מעגליך?!... [געהט־צו נעהענטער, ווארפט־אראָפּ פון זיך די רויטע שאַל און זעצט זיך אוועק צום טיש, שפּאַרט־אָן דעם קאָפּ אויף דער האַנט. צייטעל הויבט־אָן קומען צו זיך, באַטראַכט די שוועסטער פון קאָפּ ביז פיס, וואַרט ביז יענע וועט עפּיס זאָגען. זעהט — יענע שווייגט, הויבט זי אָן צו רעדען ווייך, נאָר שטראָפענדיג].

צייטעל. ווײבאַלד אַזוי, אז דו האָסט געוואוסט, ווי דו זאָגסט, שוין פון לאַנג, אז עס קאָכט זיך, פאַר וואָס זשע האָסט דו געשוויגען? ניט שוין זשע האָסט דו נישט געקאָנט גאַרנישט טהון צוליעב אונזער טאַטענ'ס עלטער?... ניט שוין זשע...

חוה [חאַפּט זיך אויף, ווי איין אפּגעבריהטע]. שוועסטער, שווייג!... רעד נישט דאָס, וואָס דו ווייסט נישט! איך בין נישט געקומען אָהער אויסהערען פון דיר מוסר! מאָראַל! נאָטאַציעס!... [צייטעל טרעט־אָפּ אין שרעק, וויל זיך פאַרענטפערען].

צייטעל. ניט דאָס האָב איך געמיינט... איך האָב גע־מיינט, וואו ביזט דו געוועזען ביז אָהער? פאַר וואָס ביזט דו...

חוה [ענדיגט פאַר איהר]. פאַר וואָס בין איך נישט געקומען פריהער? ווי אַזוי האָב איך געקאָנט זיין רוהיג אין דער צייט, ווען איהר האָט אַזוי פיעל געליטען? פון וואַנען ווייסט דו, אז איך בין געווען רוהיג? וואָס ווייסט דו פון דער טראַגעדיע, וואָס

איך האָב איבערגעלעבט ביז אהער? די שרעק מיט די פּחדים מיט דעם קאָשמאַר? אַך, צייטעל! מיין נשמה איז דאָך געווען די גאַנצע צייט אָט דאָ... איטליכס מאָל, אַז איך האָב דערהערט פון אַ פּאָגראָם ערגיץ אין אַ שטעדטעל, בין איך געווען אַ צעמישטע!... [געהט־ארום הין און צוריק, רעדט אין אויפרעגונג]. מיינע טרערען האָט קיין מענטש ניט געזעהען און מיינע וועהטיגען האָט קיין מענטש ניט געפיהלט!... [שטעלט זיך אָפּ אַקעגען צייטלען]. און דאָס ווייסט דו, אַז אינ׳ם טאָג פונ׳ם יאָהרצייט נאָך דער מאַמע בין איך געווען אויף דער מאַמע׳ס קבר? ניין, פון וואַנען זאָלט איהר דאָס וויסען?... און אַז דעם טאָג פון יום־כפּור האָב איך געפאַסט — דאָס ווייסט דו אודאי נישט... פון וואַנען זאָלסט דו וויסען?... ביי אייך בין איך אַ משומדת׳טע... אַ משומדת׳טע, חאַ־חאַ־חאַ!... [פויזע. געהט־ארום, שטעלט זיך אָפּ]. א י ך ב י ן נ י ט ק י י ן מ ש ו מ ד ת ׳ ט ע ! ... דו קוקסט מיך אָן? איך בין ניט משוגע, און איך רעד ניט פון היץ... מע האָט מיך ניט גע׳שמד׳ט דערפאַר, וואָס איך אַליין האָב מיך ניט אָפּגע׳שמד׳ט — דו פאַרשטעהסט וואָס איך זאָג?... דאָס וואָס דער גלח האָט דאָרט געפּריימפּעלט — איז אַ פּוסטע צערעמאָניע... איך האָב מיך פון מיין א י ך ניט אָפּגעזאָגט!... איך בין די אייגענע, וואָס כ׳בין געווען...

צ י י ט ע ל. ווען דער טאַטע זאָל דאָס הערען!...

ח ו ה. וואָס זשע וואָלט געווען?... צייטעל! איך קען דעם טאַטען בעסער, ווי דו! דער טאַטע — דאָס בין איך!... איך וויים פריהער, וואָס ער וועט זאָגען... נאָר עס אהרט מיך נישט! עס מעג אַלסדינג פאַרברענט ווערען! עס מעג די וועלט זיך איבערקעהרען — איך וועל אויספיהרען מיינס! [געהט־ארום אויפגערעגט].

צ י י ט ע ל. וואָס זשע רעכענסט דו צו טהון, חוה?

[זי זעצט זיך אַוועק צום טיש אין אַ דראַמאַטישער פּאָזע].

ח ו ה. דאָס, וואָס איהר!... דאָרט וואו איהר — דאָרט איך! אייער ארויסטרייבען איז מיין ארויסטרייבען! אין דער

מינוט, וואָס מע האָט אונטערגעשריבען דעם פּריגאָוואָר אייך — האָט מען אינטערגעשריבען אויך מיר!... נישטאָ דער כּח, וואָס זאָל מיך קאָנען אָפּהאַלטען! נישטאָ דער מענטש, וואָס זאָל מיך קאָנען איבעררעדען! צייטעל, איך בין אַ פאַרבלאָנזעטע, ניט קיין פאַרלוירענע!... דו הערסט? אַ פאַרבלאָנזעטע!...

צ י י ט ע ל. אויב אַזוי, וועט דיר דער טאַטע מוחל זיין...

ח ו ה. איך בעט ניט, מע זאָל מיר מוחל זיין! איך בין ניט קיין בעל־תשובה'ניצע, וואָס האַפּט אַ חרטה! איך האָב נישט געזינדיגט קעגען קיינעם, נאָר קעגען זיך אַליין!... קיינעם קיין שלעכטס געטהאָן, אויסער זיך אַליין!... [פאַרטראַכט].

צ י י ט ע ל [מינעט זיך]. האָב קיין פאַראיבעל ניט, שוועסטער, איך וויל דיך עפּיס פרעגען...

ח ו ה [רייסט איהר איבער]. איך ווייס, וואָס דו ווילסט מיך פרעגען — וואָס וועט זיין מיט יענעם? מיט איהם?... גאָרנישט! ער עקזיסטירט ניט מעהר פאַר מיר!... אַז ער האָט געקאָנט וויסען פון'ם פּריגאָוואָר און באַהאַלטען פון מיר, מאַכען זיך, אַז ער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגען — איז ער דאָס, וואָס ער איז, און וואָס איך האָב געמיינט, אַז ער איז עס ניט!... [רייסט־אַראָפּ פון האַלז די קאָרעלען, טהוט זיי אַ שמיץ פון זיך]. נישטאָ קיין צוריקקעהרען! פאַרברענט אַלע שיפען!...

צ י י ט ע ל [קוקט אין פענסטער, ברעכט די הענט]. אוי, דער טאַטע!...

ח ו ה [שטעהט־אויף, לעגט־צונויף די הענט אויפ'ן האַרצען, דרייסט]. וואָס זשע איז דער אוי? צו איהם בין איך דאָך געקומען...

צ י י ט ע ל [אויסער זיך]. אַט אַזוי אַ טאַקי אין איין אָטעם? זאָל דיך גאָט אויסהיטען! מע דאַרף פאַוואָלינקע, ניט מיט אַ מאָל... מע דאַרף איהם צוגרייטען... אַ רחמנות אויפ'ן טאַטען! לאָז מיך, שוועסטער, איך בין ניט אַזוי נאַריש, ווי דו מיינסט...

ח ו ה. וואָס זשע ווילסט דו פון מיר? [אומגערולדיג].

צ י י ט ע ל. זאָלסט איבערזיצען אַ ווײַלע דאָרט ביי מיר... אָדער ניין — די קינדער זענען דאָרט... בעסער אָט דאָ... [ווייזט אויף דער קיך־טיר]. ביז איך וועל דיך אַ רוף טהון... [ווייל זי פיהרען].

ח ו ה [לאָזט זיך ניט]. וואָס פאַר באַהאַלטערלער? איך האָב עס פיינט! איך געה גלייך!

צ י י ט ע ל [צוגעשטאַנען]. איך בעט דיך! טהו מיר צוליעב! נאָר אויף אַ ווײַלע! [פיהרט זי כמעט מיט גוואַלד אַפּ אין קיך אַריין]. אויף איין ווײַלע! [חוה אַפּ. צייטעל טהוט זיך אַ וואָרף צוריק צו דער אַרבייט. עס קומט־אַריין פון דרויסען טביה].

ט ב י ה [אַ וואָרף די בייטש אין ווינקעל אַריין]. ווי אין פסוק שטעהט: ו י נ צ ל ו א ת מ צ ר י ם — אויסגעפּאַרקויפט אַלס־דינג! פון דער גאַנצער חאָדאָבע געמאַכט אַ מחק... אוים טביה דער מילכיגער!... און אַזוי גיך, אַזוי בחפזון'דיג!... אַ ב י י ז אײַלעניש!... ווי דער תּרגום זאָגט: ה א ג ב ר א ו ה א ט ר ס ק א... אין פיער און צוואַנציג שעה גענומען און צע־בראָכען אַזאַ גוטס, אַ בעל־הבּתישקייט פון אַזוי פיעל יאָהרען! פאַרקויפט אַלסדינג בחצי־חנם, פאַר אַ דריטעל געלט — פּטור געוואָרען... [טרייסעלט־אָפּ די הענט. פויזע]. ווען גאָלדע עליו־השלום זאָל אויפשטעהן און אַ קוק טהון אויף דעם חורבן!... [באַהאַלט דאָס פּנים, קוקט כּלומרשט אין פענסטער. דערנאָך קערעוועט ער זיך אוים צו דער טאָכטער]. ווייסט דו, צייטעל, מיט וועמען מיר איז געוועזען שווערער ווי מיט אַלעמען צו שיידען זיך?

צ י י ט ע ל. מיט וועמען?

ט ב י ה. מיט וועמען? מיט מיין געטרייען דיענער, מיט'ן פערדעל... קריעת ים־סוף! [זיפצט]. אויסגעדונגען זיך און אָנגע־האַריקעט זיך גוט, און אָנגעפּאַטשט זיך גוט איינס דאָס אַנדערע אין די הענט, נעם איך דאָס פערדעל פאַר'ן פּאָוואָד, געוויינטליך מיט דער פּאָלע, און געב עס איבער דעם גוי און ווינטשעווע איהם מיט מזל־ברכה, ס'זאָל זיין אין אַ גוטער שעה אַ מזל'דיגער — אַז מיין בחור דרעהט ניט אוים צו מיר די חנ'עוודיגע מאָרדע, טהוט

א קוק צו מיר מיט די צוויי פערדישע אויגען? א שטומע צונג, רעדען קאָן עס ניט, נאָר פארשטאַנען האָב איך גלייך, ווי עס וואָלט מיר וועלען זאָגען: „אַט אזוי, טביה, דאַנקסט דו אָפּעט דיין גע־טריי פערדעל, וואָס האָט דיר געדיענט שוועֶר און ביטער אזוי פיעל יאָהרען?!"... געה פארענטפער זיך פאַר א פערד און געב איהם צו פארשטעהן, אז איך בין דאָ גאָט די נשמה שולדיג, און אז מע לעהרענט מיט מיר די סדרה לך־לך, און אז איך אַליין וויים נאָך אויך ניט, וואוהין איך געה!... דערווייל געה איך אין שטאָדט, שוין באַשטעלט א פוהר, און דאָרט אין שטאָדט וועלען מיר שוין האָבען א ישוב. דאָרט זענען דאָך פאַרהאַן עפּים אידען, פארהאַן א רב, מסתמא וועט מען אונז שוין איין עצה געבען: אַמעריקע, צי ארגענטינע, צי פּאַלעסטינע, צי ארץ־ישראל... איך וואָלט אפילו בעסער געוואָלט קיין ארץ־ישראל. וואָרום וואָס וועל איך טהון אויף די עלטערע יאָהרען אין אַמעריקע? אז ניט זיי פארשטעהען מיין לשון, ניט איך פארשטעה זייער לשון... זעהסט דו, ארץ־ישראל — פּאָרט, ווי זאָגט מען, באַטקאָוושטשינע! ווי אין פּסוק שטעהט: ארץ זבת חלב ודבש... היינט וואָס איז ווערטה דאָס, וואָס מע קאָן זיין אויף דער מוטער רחל'ס קבר, אין דער מערת־המכפלה, חאַפּען א קוק אויפ'ן ירדן, זעהען דעם באַרג סיני, אָנקוקען פדן־ארם, קדש־ברנע און נאָך כּדומה אַזעלכע ערטלעך? [פוייזע]. און דו, צייטעל, זעה איך, ביזט שוין אויך אַבאַלד פארטיג?

צ י י ט ע ל. באַלד פארטיג, נאָר צו די ספרים דיינע האָב איך מורא געהאַט אָהן דיר זיך צוריהרען...

ט ב י ה. זעהר גלייך... די ספרים וועל איך אַליין איינ־פּאַקען. [געהט צו דער שאַפע, נעמט א ספר נאָך א ספר, פּאַקט אין קאַסטען]. דאָס איז א חומש... דאָס — א סידור, מיין אַלטער סידור... מיר געדיענט געטריי, ווי, להבדיל, דאָס פערדעל... דאָס — א תהלים... און דאָס? — א סליחה... א הגדה... א קינה... און וואָס איז אָט א דאָס קליינע ווערעקעל? — א בענטשערעל... געהט אויף

נישט צו־פוס... און ווער שמועסט אָט דער „מנורת־המאור”, אָדער אָט דער „שבט־מוסר” אויף עברי־טייטש — אין זיי קוק איך דאָך אריין אַלע שבת בייטאָג... דאָס אַלץ דאַרף מען מיטנעמען אין גלות אריין. דאָס איז אונזער גאַנץ פאַרמעגען. די איינציגע ירושה, וואָס מיר האָבען גע'ירש'עט פון אונזערע אָבות־אבותינו... [פונ'ם זייטיגען חדר לויפען־ארויס צייטעל'ס קינדער און גלייך צו טביה'ן].

ש ל מ ה ' ל ע. וואו ביזט דו געווען, זיידעניו?

ש י י נ ד ע ל ע. זיידע! וואו ביזט דו געווען?

ט ב י ה. געווען... [טאַפּט זיך אין די קעשענעס]. או־וואַ, פאַר־געסען אייך ברענגען אַ מתנה... געזעגענט זיך אָפּ מיט דער דאָזיגער שטוב — מיר פאָהרען אוועק היינט, קינדערלעך!...

ש ל מ ה ' ל ע. וואוהין פאָהרען מיר, זיידעניו?

ט ב י ה. וואוהין די אויגען טראָגען... מע טרייבט אונז ארויס...

ש י י נ ד ע ל ע. פאַר וואָס טרייבט מען אונז ארויס?

ט ב י ה. דערפאַר, וואָס מיר זענען אידען... ומפני חטאינו גלינו מארצנו, קינדערלעך... אונז טרייבט מען, אונז האָט מען געטריבען, אונז וועט מען טרייבען... [די גאַנצע צייט, וואָס ער רעדט מיט די קינדער, הערט ער ניט אויף צו פּאַקען די ספרים און אנדערע זאַכען].

ש י י נ ד ע ל ע }
ש ל מ ה ' ל ע } [ביידע אינאיינעם]. פאַר וואָס, זיידעניו, פאַר וואָס?

ט ב י ה. פאַר וואָס? זאָג איך דאָך אייך — דערפאַר, וואָס מיר זענען אידען... זיי ווילען, מיר זאָלען זיין אויס אידען... נאָר מיר זאָגען: ניין, אידען זענען מיר געווען, און אידען וועלען מיר בלייבען!... מיר'ן זיי איבערלעבען!... אונזערע זיידעס האָט מען נאָך ערגערס געטהאָן — מע האָט זיי געברענט אויפ'ן פייער, גע־טרונקען אין וואַסער — און עס האָט ניט געהאָלפען: אויסגע־פיהרט האָבען מיר!... געדענקט דאָס, קינדערלעך, געדענקט, וואָס דער זיידע זאָגט אייך — ס'וועט אייך אמאָל צונוץ קומען... אייך

וועט אפשר זיין בעסער ווי אונז, געוויס בעסער, וואָרום ס'וועלען קומען בעסערע צייטען, וואָס מ'עט פאַרשטעהן, אַז מיר זענען אויך מענטשען, גאָט'ס באַשעפענישען... דערוויי̈ל זייט גרייט — מיר פאָהרען... [צייטעל מינעט זיך די גאַנצע צייט, וויל עפּיס זאָגען].

צ י י ט ע ל. טאַטע, האָב קיין פאַראיבעל ניט — כ'האָב דיך געוואָלט עפּיס פרעגען...

ט ב י ה. ווי אַזוי מע פאָהרט קיין ארץ־ישראל?

צ י י ט ע ל [וויל ארויף אויף איהרם]. ניין, ניט דאָס האָב איך געוואָלט פרעגען...

ט ב י ה. וואָס זשע? דו ווילסט וויסען, וואָס וועלען מיר דאָרטען טהון? — דאָס, וואָס אַלע אידען! וואָס ס'וועט זיין מיט כּל ישראל, וועט זיין מיט רב ישראל! מה נפשך: הענט האָבען מיר? האָרעוועון זענען מיר געוואוינט? און מענ־טשען זענען דאָ אומעטום, און גאָט שמועסט מען ניט — מלוא כל הארץ כּבודו!... [זיפצט]. אודאי טהוט מיר באַנג, אודאי איז מיר שווער זיך צו שיידען אָט מיט אָט די ווענט! [באַווייזט אויף די לעדיגע ווענט]. אָט מיט אָט דער ערד! [ווייזט אראָפּ אויף דער ערד]. איך וואָלט קושען אָט די ווענט! איך וואָלט צוגעפאַלען צו אָט דער ערד! וואָרום דאָ בין איך געבוירען, דאָ בין איך אויך אויפגע־וואַכסען, דאָ האָב איך געהאַט צרות, דאָ האָב איך געהאַט נחת, פראַוודע מעהר צרות ווי נחת — נאָר דאָס איז אַ גאָט'ס זאַך... [שטעהט־אויף פון דער ערד, גלייכט זיך אויס די ביינער, טהוט אַ קוק ארויס אין פענסטער]. און אָט דער הויף? און אָט די פּריזבע, און דער גאָרטען, און אפילו אָט דאָס פאַרטשאַחנעטע בוימעלע וועט זיך מיר חלומ'ען ביינאַכט אין דער פרעמד... און ועל כּולם — דאָס פערדעל. [זיפצט]. אוי, אָט דאָס פערדעל! אַ שטיק געזונט האָט דאָס ביי מיר צוגענומען! איך זאָל האָבען אַ טבע פון וויינען, וואָלט איך מיך צעוויינט... דער רחמנות מיט'ן צער בעלי־חיים... [פּויזע]. אָן, זעהסט דו? [ווייזט מיט דער האַנט אויפ'ן ווינקעל]. דאַכט

זיך, וואָס? אַ קאַץ, אַ חיה... פון דעסטוועגן איז אויף דער קאַץ אויך אַ רחמנות — מיר פאָהרען אַוועק, און זי לאָזען מיר איבער דאָ אַליין. צער בעלי־חיים...

צ י י ט ע ל [נעמט זיך אָן מיט קוראַזש]. אַז ס'איז יאָ אַזוי, זאָג זשע מיר, טאַטע, פאַר וואָס איז אויף אַ חיה מעהר רחמנות, מעהר צער בעלי־חיים, ווי אויף אַ מענטשען?

ט ב י ה. שטיא! ווער האָט דאָס דיר געזאָגט, אַז אויף אַ חיה איז מעהר רחמנות, ווי אויף אַ מענטשען? דו האָסט פאַר־געסען, וואָס מיר זאָגען יום־כפור צו כל־נדרי?...

צ י י ט ע ל. וואָס מיר זאָגען יום־כפור ווייסט ד ו בעסער... נאָר איך ווייס איין אַנדער זאַך... [שטעלט זיך איין, רעדט שטיל, נאָר מיט אַ טאָן פון ווירדיגקייט, אַזוי, אַז דאָס קול ציטערט איהר]. איך ווייס, אַז אָט פאָהרען מיר אַוועקעט פון דאַנען, אויף שטענדיג, אויף אייביג, מיר וועלען שוין צוריק אַהער נישט אומקעהרען זיך קיינמאָל... און איין מענטשען לאָזען מיר דאָ איבער איינעם אַליין, עלענד ווי אַ שטיין...

ט ב י ה. וואָס באַלעבעטשעט זי? וואָסער מענטש? וואָ־סער שטיין?...

צ י י ט ע ל [קוקט דרייסט און גלייך דעם פאָטער אין פנים אַריין]. דו האָסט פאַרגעסען, טאַטע, אַז דו האָסט נאָך איין טאָכטער...

ט ב י ה [איבערראַשט פון אומגעריכטקייט, בייט זיך שטאַרק אין גע־זיכט, קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען, פאַלט־אָן אויף דער טאָכטער און נעמט שרייען גאָר הויך אויף אַ קול]. איך האָב ניט נאָך קיין טאָכטער! נישטאָ ביי מיר מעהר קיין טעכטער, נישטאָ און נישט געוועזן קיינ־מאָל! דו הערסט, וואָס איך זאָג? [קלאַפּט אין טיש. צייטעל האָט זיך דערשראָקען. אינסטינקטיוו חאַפּט זי זיך אָן אין די קינדער].

ש ל מ ה'ל ע [צו טביה'ן]. וואָס האָסט דו זיך צעשריגען, זיידעניו?

ש י י נ ד ע ל ע [צו טביה'ן]. וואָס בייזערסט דו זיך אויף דער מאַמע? [דאָס ריהרט טביה'ן, און ער רעדט שוין מיט אַ טאָן נידעריגער].

ט ב י ה. אייער מאַמע פאָלגט ניט איהר טאַטען... אייער מאַמע ווייסט ניט פון כּבוד־אָב... אייער מאַמע דער'רגז'ענט מיך... וואָס דער טאַטע זאָגט, זאָגט זי מיר קאַפּויר... איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל, ציײטעל, און נאָך אַ מאָל, און נאָך צעהן מאָל, אַז איך האָב נישט מעהר קיין טעכטער! איך האָב נישט — און שוין!...
[פאַרלעגט די הענט אַהינטער און שפּאַנט־אַרום הין און צוריק].

צ י י ט ע ל [וואַרט־איבער אַ ווײַלע, ביז דער כּעס וועט איהם אַ ביסעל אַפּגעהן]. דו אַליין זאָגסט, טאַטע, אַז ס'ע שטעהט געשריבען, דו ווייסט שוין וואו, אַז גאָט האָט רחמנות אויף אַלע זיינע באַשעפע־נישען, אפילו אויף אַ וואָרעם...

ט ב י ה. האָסט געהערט קלינגען, און קאָנסט ניט נאָכזינגען... [שטעלט זיך אָפּ]. ס'ע שטעהט געשריבען אין... אין... [טראַכט]. אין אַשרי־יושבי־ביתך שטעהט דאָס געשריבען: ו ר ח מ י ו ע ל כּ ל מ ע ש י ו — דער אויבערשטער טהוט טהאָן שפּייזען אַלע זיינע באַשעפענישען, פון אַ ווילדעטיער ביז אַ קליין ווערעמעל, און ביז אַ מילב אפילו...

צ י י ט ע ל. וואָרום ער האָט אויף דעם רחמנות...

ט ב י ה [פּיהלט זיך געשלאָגען, שפּאַנט אַרום]. רחמנות... רחמנות... ער האָט רחמנות... פון רחמנות רעדט זי איצט מיט מיר... [שטעלט זיך אַוועק אַקעגען ציײטלען]. רחמנות? פון רחמנות רעדסט דו מיט מיר? וואו איז געווען א י ה ר רחמנות דעמאָלט, ווען איך בין געלעגען, ווי אַ הונט, פאַר'ן גלח, ימח שמו וזכרו, זיך געוואַלגערט איהם פאַר די פיס [בויגט זיך איין], געפּויזשעט, ווי אַ וואָרעם?... פון וואַנעט ווייס איך, אַז זי איז ניט געווען אין צווייטען חדר דעמאָלט און געהערט איטליכס וואָרט — וואו איז געווען ד ע מ א ל ט איהר רחמנות? [שפּאַנט־אַרום, בלייבט שטעהן, רעדט מיט'ן זעלבען טאָן פון איראָניע און פאַרביטערטקייט. — אין דער צייט, ווען ער שפּאַנט־אַרום, געהען איהם נאָך די קינדער אַקוראַט נאָך זיינע טריט:

ער שטעלט זיך אפּ, שטעלען זיי זיך אויך אפּ*]. און וואו איז זי געווען, בעת דיין מאמע עליו־השלום איז געלעגען אָט דאָ אויסגעצויגען אויף דער ערד, איבערגעדעקט מיט שווארצען ?... וואו איז געווען איהר רחמנות דעמאָלט ?...

צ י י ט ע ל. דו אליין זאָגסט דאָך אָבער, אז אפילו גאָט איז מוחל די גרעסטע עבירה, אויב נאָר מע האָט חרטה און מע טהוט תשובה. און ווער נאָך ווייסט, אזוי ווי דו, אלסדינג, וואָס סע שטעהט געשריבען ?...

ט ב י ה. אָט טאַקי ווייל איך וויים, דעריבער זאָג איך דיר אקוראט, אז דערויף האָט מען נישט חרטה און דאָ העלפט ניט קיין תשובה !... דער וואָס געהט איין מאָל אוועק פון אונז, יענער קומט נישט מעהר צוריק !... דאָס צווייגעל, וואָס מע רייסט־אָפּ פון בוים — מוז פארטריקענט ווערען !... דאָס בלעטעל, וואָס פאלט־אָפּ — מוז פארפוילט ווערען !... [דערזעהט פון דער וויטען קארעלען אויף דער ערד, בויגט זיך אז, הויבט עס אויף]. וואָס איז פאר קארעלען ? גויישע קארעלען — ווי קומען זיי אהער ?...

צ י י ט ע ל [נעמט ביי איהם די קארעלען, רעדט אין איין אטעם]. דאָס איז איהרע קארעלען, איהרע קארעלען... און זי אליין איז אויך דאָ... זי האָט זיך ארומגעקוקט ! ארומגעזעהען ! זי האָט חרטה, טאטע, זי וויל צוריק !... און ניט נאָר זי וויל צוריק — זי איז שוין געקומען צוריק און איז גרייט מיט אונז אינאיינעם איבערטראָגען אלסדינג ! דאָרט וואו מיר — דאָרט איז זי... [געהט־צו גאר נאהענט, רעדט שטילער]. זי איז געווען ביי דער מאמע אויפ'ן קבר — דאָס ווייסט דו ? זי פאסט יום־כפור, טאטע, דו הערסט ? זי פאסט יום־כפור...

ט ב י ה [צעמישט]. ווער איז געווען אויפ'ן קבר ? ווער פאסט דאָס יום־כפור ? וואָסערע לאָקשען ? וואָסערע פלאָמען ? וואָס — ווער — ווען ?

---

* דער אויטאָר בעט — ניט שארזשירען ! די קינדער טהוען דאָס ערנסט, די עלטערע באמערקען ניט.

צ י י ט ע ל. וואָס הייסט ווער? חוה! פון חוה'ן רעדען מיר דאָך!... [אין דער מינוט עפענט זיך די קיך־טיר און עס רייסט זיך אריין חוה. באַגעגענט זיך מיט טביה'ס קוק, בלייבט זי שטעהן ביי דער טיר, אָהן לשון, נאָר מיט גרויס ווירדע און מיט גדלות צונויפגעלעגט די הענט אויפ'ן הארצען און קוקט דעם פאָטער גלייך אין די אויגען אריין. די ערשטע מינוט טהוט זיך טביה א לאָז צו דער דרויסען־טיר אוועקצוגעהן, נאָר צייטעל פאַר־געהט איהם אויף צו־פריהער און איהרע קינדער מיט איהר].

ט ב י ה [צו צייטלען מיט די קינדער]. לאָזט מיך!... לאָזט מיך!...

צ י י ט ע ל. זאָל איך קרענקען! זאָל איך שטאַרבען אָט אָ דאָ מיט מיינע צוויי קינדער!... [האַלט איהם צו, די קינדער וויינען].

ט ב י ה [פאַרטומעלט]. וואָס טהוט זיך דאָ? בין איך טביה? אָדער איז דאָס אַ חלום? [ווייזט מיט דער האַנט]. דער כח הדמיון... די געבליטען...

ח ו ה [געלאָסען און דרייסט]. נישט קיין חלום, נישט קיין דמיון, נאָר די ווירקליכקייט אַליין... איך האָב געהערט אַלסדינג, וואָס דאָ איז גערעדט געוואָרען — פון צווייגעלעך, וואָס ווערען אָפּגעריסען, און פון בלעטלעך, וואָס ווערען אָפּגעפאַלען... [געהט־צו אַ פּאָר שריט נעהענטער]. קיינער האָט קיין צווייגען ניט געריסען, און בלעטער זענען ניט געפאַלען...

ט ב י ה [חזר'ט איבער]. „קיינער האָט קיין צווייגען ניט גע־ריסען, בלעטער זענען ניט געפאַלען"... [צעשרייט זיך פּלוצים אויף אַ קול]. ס'אַ ליגען! יאָ געריסען! יאָ געפאַלען!... [צעלאָזט זיך אויף חוה'ן]. וואָן פון דאַנען!! וואָן פון מיינע אויגען — וואָן!!!...

צ י י ט ע ל [לויפט־צו צום פאָטער, קושט איהם די הענט]. טאַטע! גאָט איז מיט דיר! וואָס טהוסט דו, טאַטע געטרייער?

ש ל מ ה'ל ע. זיידעניו, וואָס טהוסט דו? פאַר וואָס טרייבסט דו די מוהמע חוה?...

ש י י נ ד ע ל ע. דאָס איז דאָך אונזער מוהמע חוה, זיידעניו!...

ט ב י ה [ווייל זיך ארויסרייסען פון די איניקלעך]. אוועקט, ממזרים! אַנגעהאַנגען זיך אויף מיר, ווי די קלעשטשעס! [האַט באַלד חרטה, וואָס ער בייזערט זיך אויף זיי, גלעט זיי איבער די קעפּלעך]. טייערע קינדערלעך! אָרעמע שעפעלעך מיינע! פון וואַנען האָט א י ה ר זיך אהער גענומען אויף מיין קאָפּ? נאָט אייך גאָר אייניקלעך אַ פּאָר אויף דער עלטער! ווי זאָגט איוואַן זלאָדי: „נע מאַלאַ באַבאַ חלאָפּאָטי"... [פּויזע]. עך, גאָלדע, גאָלדע! דאָס איז געווען אַ חכמה! זי, עליו־השלום, פלעגט זאָגען: מע טאָר ניט זינדיגען, טביה, מע טאָר זיך ניט קלאָגען, ניט בייזערען, ניט זיין אין כּעס... אמת, ווי איך בין אַ איד, אמת! כּעס איז עבודה זרה... מיט כּעס קאָן מען גאָרניט מאַכען... מאַכען קאָן מען נאָר מיט גוטען... מיט גוטען... טביה האָט פיינט זיך אָפּעסען דאָס האַרץ... טביה האָט ליעב יעדע זאַך פריהער צו באַקלערען, באַטראַכטען, אַרומרעדען... וואָס וועט זיין פון דעם, אַז מיר'ן זיך אַלע היצען, אַלע שפּרינגען פון דער הויט אַרויס, ווי מיר זאָגען אין דער הגדה פּסח צום סדר: כּ ו ל נ ו ח כ מ י ם, כּ ו ל נ ו נ ב ו נ י ם?... לאָמיר קאָרשט באַרעכענען, נאָר מיט אַ קלאָרען מח און מיט קאַלטע לונג־און־לעבער: וואָס איז דאָ געווען? וואָס איז פאָרגעקומען?

צ י י ט ע ל [אויפגעלעבט]. אָט דאָס ווילען מיר דאָך! מיר ווילען מיט גוטען...

ט ב י ה [שלאָגט איהר איבער]. און איך וואָס וויל? איך וויל דען חלילה מיט בייזען? פאַר וואָס זאָל איך ווילען זיין בעסער פונ'ם רבונו־של־עולם? איהם שטעהט־אָן צו זיין אַ מוחל־עונות און אָנשרייבען אין סידור יום־כּפּור צו כּל־נדרי מיט גרויסע קידוש־לבנה־אותיות: ס ל ח ת י כּ ד ב ר י ך!?... נישט מעהר, אַז ס'האָט זיך שוין יאָ אַזוי געמאַכט, אַז מיר קאָנען זיך דורכשמועסען, וואָלט איך דיך געוואָלט עפּיס פרעגען... [צו חוה'ן, נישט קוקענדיג איהר גלייך אין פּנים, נאָר מיט אַ זייט]. ווי אַזוי האָסט דו נאָר־וואָס געהאַט געזאָגט? קיינער האָט קיין צווייגעלעך ניט געריסען? בלעטלעך

ניט גערעדט גלאַט... טביה'ס טעכטער — ניט געראַכט זאָלען זיי ווערען!...

Actually first: נישט געפאַלען? אַ ביסעל אַ זאַג! [צו צייטלען]. טביה'ס טאָכטער רעדט נישט גלאַט... טביה'ס טעכטער — ניט געראַכט זאָלען זיי ווערען!...

צ י י ט ע ל [צו חוה'ן, שטאַרק אויפגעלעבט]. וואָס זשע? איך האָב באַלד געוואוסט, אַז דער טאַטע וועט...

ח ו ה [צו צייטלען]. אַלץ איינס!... איך האָב מיך קיין קאַפּ ניט איבערגעשראָקען. איך האָב איין מאָל געזאָגט, אַז איך געה — געה איך... אויב ניט מ י ט אייך, איז נ אָ ך אייך... סאַי ווי סאַי, דאָרט וואו איהר — דאָרט איך. אייער אומגליק — מיין אומגליק.

ט ב י ה [אויך צו צייטלען]. דו הערסט ווערטער? דאָרט וואו מיר — דאָרט איז זי. אונזער אומגליק — איהר אומגליק. אַט דאָס איז אַ לשון! אַט אַזוי רעדט טביה'ס טאָכטער, און אַט אַזוי באַדאַרף זי רעדען!... אַניט — וואָס וואָלט געווען דער חילוק צווישען מענדעל ווערעביוזקער און טביה דעם מילכיגען?... אַנו, טהוט אַ פרעג ביי מענדעל ווערעביוזקער, וואו שטעהט „ברוגז רחם תזכור"? און לאָז ער אייך זאָגען, ווען זאָגען מיר „סלחתי כדבריך", און וויפיעל מאָל זאָגען מיר „סלחתי כדבריך"? און וואָס איז די טייטש „סלחתי כדבריך"? אַזוי לאַנג שמייסט מען איהם! אַ איד איין עם־הארץ איז ערגער פון אַ גוי!... [פּויזע]. נישמעהר, איין זאַך: איך וואָלט אפשר באַדאַרפט צומאַכען די אויגען און מיט'ן ערשטען קוק וואָלט איך אפשר באַדאַרפט מוחל זיין... [חוה מאַכט אַ באַוועגונג אויף צו ענטפערען. צייטעל מאַכט צו איהר מיט די הענט הינטער'ן פאָטער'ס פּלייצעס, זי זאָל שווייגען]. איז מיר שלעכט: סטייטש, און וואו איז גאָט? קעגען גאָט איז מען דאָך אַזוי זינדיג!... נאָר צוריק באַטראַכט איך מיך: וואָס בין איך מחויב זיך אָננעמען גאָט'ס קריוודע?... [חאַפּט זיך אָן ביי'ם קאָפּ]. אַכטי, רבונו של עולם! דו ביזט מיין עדות, אַז איך האָב נישט געבראָכען דאָס וואָרט, נאָר איך קאָן נישט מעהר! [שרייט הויך]. איך קאָן נישט! דו האָסט אַליין אָנגעשריבען אין דיין הייליגער

תורה: כרחם אָב על בנים! וואָס בין איך שולדיג, אַז זי איז פאַרט מיינס אַ קינד? [שלאָגט זיך מיט דער האַנט אין האַרצען]. פאַרט איינגעבאַקען ביי מיר אין האַרצען! אין דער נשמה! [צו חוה'ן, צענעמט ברייט די הענט]. קום אַהער צו מיר, חוה'לע, דו ביזט מיין קינד!... [חוה פאַלט איהם אויפ'ן האַלז. צייטעל האָט אַרומגענומען איהרע צוויי קינדערלעך, וויינט שטיל].

פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.

ענדע.